STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07550

IN UMRU FUN YORN

Avraham Zak

•

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם זאַק

אין אומרו פֿון יאָרן

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
ABRAHAM ZAK - Buenos Aires

★

INDUSTRIA ARGENTINA

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיורא — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס

אברהם זאק

אין אומרו פון יאָרן

פֿאַרלאַג ״ייִדבוך״
בײַ דער
״געזעלשאַפֿט פֿאַר ייִדיש-װעלטלעכע שולן אין אַרגענטינע״
בוענאָס-אײַרעס

אברהם זאַק

א י נ ה אַ ל ט:

ווארשע 1939 7

צווישן חורבן און אויפקום

ביים „אוהל פרץ״ 179
אויף קבר־אבות אין מאַידאַנעק 182
אַ ליטעראַרישע נסיעה 190
די אַלייע פון יידישע מאַמעס 213
איבער די וועגן פון תנ״ך 216
ביים דענקמאָל אויף טאַבלאַדאַ 258

פרילינג און טויט

אין שטאָטישן עלנט 265
דער שאָטן פון טויט 292
איינמאָל אין פרילינג 306
דער טויט האָט געשפּאַסט 322
„אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן״ 370

וואַרשע 1939

(פון דער טרילאָגיע: „אַ וועלט גייט אונטער״)

1

ערב...

די פּוילישע רעזידענץ האָט שוין געלעבט אין אַ שטאַרקן פיבער.

ס׳איז די לעצטע וואָך פאַרן 1טן סעפּטעמבער 1939. ביי־טאָג — רעדלעך מענטשן אויף די טראָטואַרן, אין די סקווערן. עקסטראַ אויסגאַבעס פון די צייטונגען דערשיינען יעדע פּאָר שעה. אויסטערלישע קלאַנגען גייען פון מויל צו מויל, פאַרשפּרייטן זיך שנעל איבער דער שטאָט, דרינגען אַריין אין די הייזער און פּילן אָן דעם רוים מיט אומרו. די באַוועגונג אויף די גאַסן איז מער איילעוודיק, נערוועז, גלייך ווי יעטוועדער איינער וואָלט געוואָלט נאָך עפּעס פאַרענדיקן, אַריינכאַפּן נאָך איידער עס קומט אָן דער שטורעם...

אין קראַשינסקיס גאָרטן, אין די יידישע רעדלעך, איז די נערוועזי־טעט אַ פילפּאַכיקע, אַ געשטייגערטע. מ׳לייענט פּאָר בקול רם די עקס־טראַ־בלעטער און מען קאָמענטירט — ווער אינטעליגענטיש, ווער מיטן ניגון פון גמרא. נאָטעס אַהער, נאָטעס אַהין. מ׳דערמאָנט דאָ רעזידענצן: בערלין, וואַרשע, לאָנדאָן, וואַשינגטאָן, מאָסקווע. מ׳דערמאָנט נעמען: טשעמבערליין, האַליפאַקס, רוזוועלט, בעק, ווישינסקי, מאָלאָטאָוו, ריבענ־טראָפּ... מען חזרט איבער וואָס דער האָט געזאָגט, וואָס יענער האָט געשריבן און וואָס דער אַנדערער האָט געוואָרנט.

— ווייס איך וואָס. ענגלאַנד, פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן זענען מיט פּוילן. היטלער וועט נישט וואַגן...

דאָס באַמערקט אַן אָפּטימיסט, וואָס טיילט זיך אויס איין־איינציקער פונעם רעדל. אַזאַ איינער באַקומט באַלד פון עמיצן זיין פּסק אויפן אָרט:

— פּתי יאמין לכל דבר...

און יענער ווערט שוין אַנטשוויגן.

אין די גאָרטן־אַלייען האָבן נאָך יידישע מאַמעס אומגעפירט זייערע

קינדערלעך אין גלאַנציקע הימל־בלויע „ווזיקלעך" 1), און ביים סטאַוול האָבן די יידישע קינדער צוגעוואָרפן שטיקלעך זעמל דעם רויק־שווימענ־דיקן, מלכותדיקן, ווייסן שוואַן. זיי, די קינדערלעך, האָבן זיכער גאַרנישט געוווסט, וואָס פאַר אַ שוואַרצע כמאַרע עס רוקט זיך אָן אויך אויף זיי...

אין דער ווייסל־געגנט האָט מען געזען באַוועגן זיך מיליטער. אַ סך מיליטער. עס זענען געגאַנגען זעלנער באַזונדערע און אין קלענערע אָדער גרעסערע מחנות. אַמאָל פלעגט אויך דורכציִען אַ באַטאַליאָן, צי אַ פּאָלק. אומעטום, אפילו אין מיטן שטאָט, האָט מען באַגעגנט אויף די טראָטואַרן אַ סך אָפיצירן און כלערליי מונדירטע.

איין טאָג האָבן זיך אויף די גאַסן, אויף אַלע קיאָסקן און רעקלאַמע־טאַוולען, באַוויזן רויטע פּלאַקאַטן מיט ריזיקע, שרייאיקע אותיות: מ אָ־ב י ל י ז אַ צ י ע !... מענטשן, גרויס און קליין, מענער און פרויען, באַ־פאַלן עס ווי די בינען. מ'לייענט אין דער שטיל, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, און מ'איילט שנעל און שוויגעוודיק אַוועק מיט דער בשורה.

— מ אָ ב י ל י ז אַ צ י ע ! — צעטראָגט זיך עס באַלד, ווי אַ בליץ, איבער דער אויפגערעגטער רעזידענץ.

פון אַלע הויפן, פון אַלע גאַסן און געסלעך ציִען זיך יונגע מאַנס־בילן מיט „קאַרטע פּאָוואָלאַניעס" 2) אין די מיליטערישע זאַמל־פּונקטן. יונ־גע פרויען, אַלטע מאַמעס באַגלייטן זיי מיט פאַרוויינטע אויגן.

אין נאַלעווקער ראַיאָן איז די שפּאַנונג אָן אומגעהויערע. יידן כאַפּן די עקסטראַ־אויסגאַבעס פון „מאָמענט" און פון „היינט" — דעם „וואַר־שעווער ראַדיאָ" און „היינטיקע נייעס", מ'שלינגט מיט די אויגן די ריזיקע קעפּ, דעם טעקסט. מ'דרייט די ציַיטונג פון אַלע זייטן. פון דער ערשטער זייט שרייט אַראָפּ איין־איינציק וואָרט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ציַיטונג מיט אויסטערליש־גרויסער שריפט: „מ אָ ב י ל י ז אַ צ י ע!"

ביינאַכט איז וואַרשע פאַרטונקלט. אַלע לאַמטערנעס זענען איינגע־הילט אין שוואַרצער קרעפּ. אַלע פענצטער געדיכט און שוואַרץ פאַרהאַנ־גען. די טראַמווייען גייען אויך איבער די גאַסן מיט פאַרהאַנגענע פענצ־טער. אַ גרויליקע טונקלקייט. מיט אימה און פחד איז אָנגעפילט דער שוואַרצער חלל. בלויז מיליטערישע רעפלעקטאָרן פון ערגעץ אַ מיליטע־רישן פּונקט הינטער דער שטאָט שניידן פון צייט צו צייט דורך די פינצטערניש, נישטערנדיק אינעם פינצטערן חלל.

1) קינדער־וועגעלעך; 2) מאָביליזיר־קאַרטן.

אין אומרו פון יאָרן

***

א מאָדנער אומרו יאָגט מיך פון שטוב.

אין אַ פאַרמאַסקירטן טראַמווײ פון פּלאַץ קראַשינסקיך פאָר איך צו־זאַמען מיט מײן פרוי אויף בײ־וועלט. אומעטום די זעלביקע פאַרטונקלונג. מיר שטײגן אויס בײ כמיעלנע און קומען אַרויס אויף מאַרשאַלקאָווסקע. אַן אויסטערלישע באַוועגונג פון מענטשן, געטריבענע פונעם זעלביקן אומרו, איבער די וואַרשעווער גאַסן.

מיר גײען אַרײן אין אַ קינאָ. דאָרט גײט אַ פילם, וואָס איז צוגעפּאַסט צו די איצטיקע טעג. דאָס איז אַן אַמעריקאַנער פילם, וואָס ווײזט דעם ברײט־פאַרצווײגטן דײטשישן שפּיאָנאַזש אין די פאַראײניקטע שטאַטן. אויפן עקראַן זעט מען דײטשישע מיליטערישע אײנהײטן. גוט־געשולטע אוניפאָרמירטע דײטשישע קאָמפּאַניעס. זײ מאַרשירן מיט פאַרריסנקײט און חוצפה, פאַרמעסטנדיק זיך צו באַהערשן די וועלט. זײערע קולות, זײערע לידער, זײערע עזותדיקע פּנימער רעגן אויף. דער דאָזיקער פילם מאַכט אַ פײנלעכן אײנדרוק אויף די באַזוכער, און מ׳גײט אַרויס פון קי־נאָ מיט אַ שווערן קאָשמאַר.

מיר גײען צוריק דורך מאַרשאַלקאָווסקע. די באַלויכטונג פון אונטער די פאַרמאַסקירטע לאַמטערנעס שפּרײט אויף די טראָטואַרן און אויפן אַספאַלט פון גאַס פאַנטאַסטישע אוזאָרן. מענטשן באַוועגן זיך אין אַ געשפּאַנטער שטילקײט. מ׳רעדט צווישן זיך ווי בלחש. אויף אַלע פּנימער זעט זיך — דער אומרו. דער גרויסער אומרו! דער אומרו ליגט אויף די מענטשן, אויף די גאַסן, אויף די בײנאַכטיקע סילועטן פון די הײזער.

אויפן מיטן גאַס וואַקסט פּלוצלונג אויס אַ גרופּע יוגנט אין סטודענ־טישע היטעלעך און ווי לויט אַ קאָמאַנדע מאַרשירט זי שנעל, וואַרפנדיק לאָזונגען:

— פּרעטש ז׳ היטלערעם![1]

— פּרעטש ז׳ היטלערעם!

— פּרעטש ז׳ היטלערעם!

אַלע מענטשן פון די טראָטואַרן קוקן זײ נאָך, ווי זײ מאַרשירן אומ־געשטערט מיט זײערע אויסרופן. אַפילו פּאָליציאַנטן רעאַגירן נישט.

די מענטשן צעשווימען זיך ביסלעכווײז מיט זײער אומרו אין די

---

1) נידער מיט היטלערן!

טונקעלע הייזער. די גאַסן בלייבן ליגן פּוסט, אין זייער מרה־שחורהדיקער טונקלקייט.

ביינאַכט — שווערע קאָשמאַרן. אין חלום פּלאָנטערן זיך די מונ־דירטע דייטשן פון פילם. אין שוואַרצע גלאַנציקע העלמען, מיט עמבלע־מען פון טויטע שאַרבנס. באַנומענע קולות. ווילדער געבריל:

וועו יודען־בלוט פאָם מעססער שפּריצט,
דאַן איסט עס וואָהל אונד גוט.

— — — — — — — — — — —

2

1טער סעפּטעמבער

אַ העלער זוניקער פרימאָרגן האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער וואַרשע. ס׳איז פרייטיק. דער 1טער סעפּטעמבער.

פון דער ווייטער הימל־בלויקייט האָבן זיך דערנענטערט און אַריינ־געשוווּמען אין לופטיקן שטח פון שטאָט מעטאַלענע העלע פייגל. זיי זע־נען אַנגעפלויגן ווי די בייזע רוחות, מיט אַ משונהדיקער ברומעריי און גרילצעריי. מענטשן האָבן לכתחילה געמיינט, אַז דאָס זענען איבונגען פון דער פּוילישער אַוויאַציע. באַלד אָבער האָבן זיך דערהערט מוראדיקע דעטאָנאַציעס פון אַראָפּגעפאַלענע באָמבעס דאָ און דאָרט אין צענטער שטאָט. אין עטלעכע ערטער האָבן זיך תיכף אויפגעהויבן איבער די דע־כער זיילן רויך. מענטשן אויף די גאַסן זענען בהלהדיק געלאָפן אין די הויפן. די, וואָס זענען נאָך געלעגן אין די בעטן, האָבן צעשראָקענע אַראָפּ־געטאַנצט און זענען צוגעלאָפן צו די פענצטער. פון פאַרשיידענע זייטן שטאָט האָבן זיך צעהילכט סירענעס. פון ראַדיאָ האָט זיך דערהערט אַ צעצויגענער קול:

— אַ־ליאַ־ר־ם ד־ליאַ מ־יאַ־ס־ט־אַ וו־אַ־ר־ש־אַ־וו־י... 1)

אַזוי עטלעכע מאָל.

באַלד דערויף האָט דער ראַדיאָ־ספּיקער געמאַכט אויפמערקזאַם דער באַפעלקערונג, מ׳זאָל וויסן, אַז דאָס זענען נישט קיין איבונגען פון דער

---

1) אַליאַרם פאַר וואַרשע דער שטאָט...

פוילישער אַוויאַציע, נאָר אַז דאָס זענען פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען אָנגע־פאַלן אויף דער פוילישער הויפּט־שטאָט; אַז מ׳דאַרף אָפּהיטן די אַלע פאַר־שריפטן וועגן פאַרזיכטיקייט; מ׳זאָל זיך נישט דרייען אין גאַס, נאָר פאַר־נעמען די נאָענטסטע „סכראָנעס״ 1), ווו נאָר מען געפינט זיך.

און ווידער:

—אַ־ליאַ־ר־ם ד־ל־יי־אַ מ־יי־אַ־ס־ט־אַ וו־אַ־ר־ש־אַ־וו־י — — —

דער לופט־אָנגריף האָט לאַנג נישט געדויערט, גלייך ווי דער שונא גופא וואָלט געהאַלטן, אַז גענוג פאַרן ערשטן מאָל... די סיגנאַלן פון די סירענעס און דער ראַדיאָ האָבן געמאָלדן דעם סוף פון לופט־אַליאַרם.

אַלע האָבן זיך דאַן אַרויסגעשאָטן אויף די גאַסן. ס׳האָט איטלעכער געוואָלט עפּעס דערזען מיט זיינע אייגענע אויגן; מענטשן זענען געלאָפן אויפן אָרט פון די באָמבעס־אויפרייסונגען. צו די שרפות. מ׳איז געלאָפן צו קרובים, צו נאָענטע. מ׳האָט געוואָלט וויסן, צי קיינער האָט נישט גע־ליטן. מ׳האָט זיך געטיילט מיט די איינדריקן.

ייִדן האָבן איינע די אַנדערע פאַרשאָטן מיט פראַגן:

— נו, וואָס וועט איצטער זיין?...

— נישטאָ קיין עצה. עס וועט זיין דאָס, וואָס עס וועט זיין.

— סטייטש? מלחמה אָן קריגס־דערקלערונג?!

— האָט איר ביי היטלערן אָן עוולה...

— ס׳איז דאָך אָבער הימל־שרייענד! — קען זיך ווער נישט שענקען.

— איר קענט אים רופן צום בית־דין... אָבער צום בית־דין של מעלה...

— אַ ייִדן ליגן נאָך אין זינען וויצן!

— אַ ברירה האָט מען? ווען טרערן וואָלטן געהאָלפן, וואָלט איך זיך אַליין צעוויינט.

אַזוי האָבן ייִדן געשמועסט אין די גאַסן, אין די רעדלעך, אין די הויפן. מ׳האָט גענומען מעדיטירן ווו ס׳איז בעסער: אין שטאָט, אָדער אפשר אויף דער „אָטוואָצקער ליניע״? ס׳איז אָבער אָנגעקומען די ידיעה וועגן דער באָמבע אויפן אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע קינדער — אויף „צענ־טאָס״ — אין אָטוואָצק. דאָרט זענען שוין געווען קרבנות. דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע קינדער. דער פאַרוואַלטער פון „צענטאָס״, דער ייִדי־שער דיכטער קלמן ליס, איז אויך פאַרוווּנדעט געוואָרן. איז שוין ביי

1) באַהעלטענישן

אַלעמען אָפּגעפּאַלן דער חשק צו לויפן זיך אויסבאַהאַלטן פון די באָמבעס אויף דער „ליניע". נאָר יחידים האָבן געפּרוּווט מזל.

אין דער פּרעסע און דורכן ראַדיאָ זענען געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען ווי אַזוי זיך צו פאַרהיטן פון גאַז־באָמבעס. אין אַלע הייזער זענען צוגע־גרייט געוואָרן טאַמפּאָנען מיט אַ ספּעציעלער פליסיקייט פאַר איטלעכן באַזונדער. די אַפּטייקן און דראָגעריעס זענען געוואָרן באַלאַגערט פון מענטשן. יעדער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון דראָענדיקן אומגליק. ווער עס האָט געקענט, האָט זיך פאַרשאַפט אַ גאַז־מאַסקע. אָבער דאָס זע־נען געווען פענאָמענען, וועלכע האָבן באַקומען די גאַז־מאַסקע דורך אַ מיליטערמאַן.

אין דער זעלבער צייט זענען אויך פול געווען און באַלאַגערט אַלע שפּייז־געוועלבער. איטלעכער האָט זיך געאײַלט אײַנצוקויפן אין שטוב אַרײַן וואָס מער שפּייז. מ'האָט געקויפט אַלץ — וואָס און וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט: מעל, צוקער, ווורשט, קאָנסערוון, קאַשע, קאַרטאָפל אד"גל.

***

אויפן דריטן טאָג פון דער מלחמה מעלדעט דער ראַדיאָ פייערלעך, אַז אונדזערע פאַרבינדעטע — ענגלאַנד און פראַנקרייך — האָבן דער־קלערט מלחמה דייטשלאַנד. דער ראַדיאָ חזרט איבער די דאָזיקע ידיעה כסדר, אין משך פון אַ לאַנגער צייט, און נאָך יעדן מאָל שפּילט דער ראַ־דיאָ־אָרקעסטער די דריי הימנען: „יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ", די „מאַרסעליעזע" און „גאָד סיוו דהי קינג".

אין די גאַסן איז אַ הייטערע שטימונג. מענטשן באַוועגן זיך מאַסנ־ווייז. דער עולם איז הייטערער, פרייליכער. פוילן איז נישט אַליין. מסתמא וועט שוין איצטער גוט זײַן. מיליטערלייט גייען פאַרביי האָפערדיק, מיט אַ טריאומפירנדיקער מינע: אַזעלכע גרויסע, אַזעלכע חשובע פאַרבינדעטע! מ'וועט שוין איצט געבן אַ לעקציע די דייטשן!...

אויך אין די רעדלעך אויף די נאַלעווקעס האָבן די ייִדישע „פּאָלי־טיקער" זיך געהיצט מיט קוראַזש:

— איצט וועט מען שוין לערנען „בלק" מיט היטלערן...

— מ'וועט זיי ווייזן, די יעקעס...

— מ'וועט זיי אָנלערנען פאַר די סודעטן, פאַר ווין, פאַר דאַנציק...

— היטלער האָט געקויפט דעם אמתן „מפטיר"...

אין אומרו פון יאָרן

— אַז מ׳הייבט אָן מיט ייִדן, מוז מען האָבן המנס מפּלה...
— מ׳וועט זיי שוין געבן, די יעקעס, דעם אמתן „לעבענס־רוים״...
אָט אַזוי האָבן זיך ייִדן געחכמהט אין יענע טעג.

*****

אין די ערשטע מלחמה־טעג זענען פאָרגעקומען נאָר קלענערע, קיר־צערע לופט־אַנגריפן, וואָס האָבן בלויז אויף אַ קורצער צייט טאָרמאָ־זירט די באַוועגונג אויף די גאַסן. די וואַרשעווער איינוווינער האָבן זיך שוין אַזוי ווי צוגעוווינט, אַז אַלע טאָג דאַרף זיין די דאָזיקע „אַטראַקציע״ — אַ לופט־אַנגריף. די אַרבעט, די באַשעפטיקונג איז בכלל נישט אָפּגע־שטעלט געוואָרן. מענטשן האָבן געהאַנדלט, געוואַנדלט, דערליידיקט וואָס מ׳האָט געהאַט צו דערליידיקן אין שטאָט. בלויז ווען עס פלעגן נע־מען רוישן די פיינטלעכע אַעראָפּלאַנען אויפן וואַרשעווער הימל, פלעגט מען זיך נעמען אויסבאַהאַלטן אויף אַ ווײַלע אין די טויערן, צי אויף טרעפּ.

אַמאָל פלעגט עס קומען צו לופט־קאַמפן צווישן פוילישע און דייטשי־שע אַוויאָנען. היות ווי דאָס פלעגט דאָך פאָרקומען אין מיטן העלן טאָג און די קאַמפּס־אַרענע אין דער לופטן איז דאָך געווען זעבאַר פאַר אַלע־מען, פלעגן נישט פעלן קיין „גאַפיעס״1), וואָס פלעגן נאָכקוקן די קאַמפן פון באַלקאָנען און גערוימע הויפן. זיי זענען מיטגעריסן געוואָרן ווי אין אַ צירק בעתן באָקסער־ אָדער אַטלעטן־קאַמף.

— ווען גאָ!2).

— פאַל גאָ!3) — האָבן זיך געהערט אויסרופן צווישן די „גאַפיעס״.

אַמאָל פלעגט טאַקע טרעפן, אַז אַ דייטשישער אַעראָפּלאַן, געטראָפן פון אַ פוילישער „זעניטקע״, פלעגט ווערן אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען און פלעגט שנעל נעמען אַראָפּזינקען. די „גאַפיעס״ פלעגן אים באַגלייטן מיט אַ „הוראַ!״... אין אַזעלכע פאַלן, אויב זיי פלעגט געלינגען, פלעגן די פליִער אַרויסטאַנצן מיט זייערע פאַל־שירעמס און נעמען זיך וויגן אַראָפּ־אַראָפּ צו דער ערד. די געשרייען און אָוואַציעס אין די טויערן און אויף די באַל־קאָנען איז געווען אין לשער, גלייך ווי דורך דער דאָזיקער מפּלה וואָלט שוין היטלער־דייטשלאַנד געלעגן אויף ביידע „לאָפּאַטקעס״...

איינמאָל האָט זיך אַזוי אַ דייטשישער פליִער אַראָפּגעלאָזט אין ייִדישן

---

1) נייגעריקע; 2) נעם אים! 3) פלעם אים!

ראַיאָן — אויף סמאָטשע גאַס. עס האָבן אים תיכף מקבל־פּנים געווען און אַרומגערינגלט אַ חברה ייִדישע טרעגער און ווילע־יונגען. מ׳האָט אים אַריינגעשלעפּט אין אַ דערנעבנדיקן הויף און קודם־כל אונטערגעהאַקט די זייטן...

— באַמבעס ווערטו וואַרפן אויף ייִדישע הייזער? באַנדיט!

— יעקע גנב!

— מערזאַוויעץ!...

— ימח־שמוניק!...

בעת דער היטלעריסטישער פּליִער איז שוין געלעגן אַ האַלב־צע־ממיטעטער, האָט מען אים איבערגעגעבן דער מאַכט.

3

וואַרשע ברענט!

אַזוי יעדן טאָג, יעדן טאָג. יעדן טאָג האָט וואַרשע געברענט. אַלע מאָל ערגעץ אַנדערש. באַמבעס זענען געפאַלן אויף פאַבריקן, אויף וואָקזאַלן, אויף פּריוואַטע וווין־הייזער. די משחיתים האָבן נישט געמאַכט קיין אונ־טערשייד. וואָס ווייטער זענען די לופט־אַנגריפן אויף דער רעזידענץ גע־וואָרן שטאַרקער און פאַרביסענער. עס פלעגן זיך שוין באַווייזן נישט קיין איינצלנע פייַנטלעכע אַוויאָנען, נאָר מחנות, גאַנצע מחנות. די שרפות אין שטאָט זענען געוואָרן אָפטער און געדיכטער. עס האָבן שוין נישט געפעלט קיין מענטשלעכע קרבנות. הייזער זענען איינגעפאַלן און פאַר־שאָטן אונטער זיך צענדליקער און הונדערטער נפשות.

איטלעכן אָוונט, נאָך די „נאַליאָטן״1) פלעגן ריידן דורכן ראַדיאָ פּולקאָוו־ניק סטאַזשינסקי — דער קאָמענדאַנט פון וואַרשע — און מאַיאָר ליפּינסקי. סטאַזשינסקי איז באמת געווען דער העלד פון וואַרשע. ער האָט צוגעגעבן מוט, ער האָט געטרייסט, אַז די הילף איז נאָענט; אַז די פאַרבינדעטע — ענגלאַנד און פראַנקרייך — קומען אָט־אָט מיט זייער מעכטיקער אַוויאַ־ציע. ער האָט גערעדט ווי אַן אמתער הייסער פּאַטריאָט, ווי אַ טאַטע פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. זיין שטים איז שוין געווען הייזעריק;

1) לופט־אַנגריפן.

אָבער מ׳האָט געפילט זיין האַרץ, זיין האַס און אויפגעבראַכטקייט קעגן די ווילדע באַרבאַרן, וואָס מאַכן חרוב די פרידלעכע שטאָט 1).

עס האָט נאָך געאַרבעט די עלעקטרישע סטאַציע, דער ראַדיאָ — מען האָט נאָך געהערט די וועלט און מ׳האָט זיך געוואָלט טרייסטן...

***

נאָך אַ פּאָר טעג פון דעם אויסברוך פון דער מלחמה און די ערשטע טעג שוין אין דער מלחמה האָט די וואַרשעווער באַפעלקערונג געגראָבן אָקאָפּעס פאַר דער פוילישער זעניט־אַרטילעריע. פון אַלע הויפן איז מען געגאַנגען גראָבן אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ. קיינער האָט זיך פון דער דאָזיקער אַרבעט נישט אַרויסגעדרייט. אדרבה, מ׳האָט זיך נאָך גערן אַליין געמאָלדן צו דער אַרבעט. הונדערטער, טויזנטער מענטשן האָבן אַזוי געגראָבן אָקאָפּעס אין דער ווייסל־געגנט, ביי די ברעגעס, צי אין סקווערן און גערטנער — ווו מ׳האָט געהייסן. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען אַ ל ע געווען: קריסט און ייִד, קליין און גרויס. מענטשן פון אַלע שיכטן, פון אַלע פּראָפעסיעס, אַרבעטער און אינטעליגענט. אַ באַזונדער פליסיקייט האָט אַרויסגעוויזן ביים גראָבן די אָקאָפּעס די ייִדישע באַפעלקערונג. מ׳האָט געזען ביי די אָקאָפּעס רבנים, שרייבער, זשורנאַליסטן מיט רידלען און קירקעס אין די הענט. פון ייִדישן ליטעראַטן־פאַראיין איז אַרויס צו דער אַרבעט מיט לאָפּעטעס אין די הענט אַ גאַנצע היפּשע גרופּע שרייבערס מיט ש. י. סטופּניצקי, ז. סעגאַלאָוויטש, ד״ר יהושע גאָטליב בראש. אַלע האָבן זיך געלאָזט צו דער אַרבעט ביי די אָקאָפּעס. ייִדן האָבן געגראָבן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט, מיט כוונה: איז עס דאָך קעגן גרעסטן ייִדישן שונא!

אַמאָל פליגן אין מיטן דער אַרבעט אָנפליִען דייטשישע לופט־משחיתים און נעמען באַשיסן פון מאַשין־געווער די אַרבעטנדיקע. דער עולם פלעגט זיך צעלויפן אין די זייטן; אָבער ווי נאָר די שיסעריי פלעגט שטיל ווערן, די אַוויאָנען פאַרשווונדן — פלעגט מען זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט.

***

דעם 6טן סעפּטעמבער האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע עוואַקואַציע פון וואַרשע. דאָס איז געווען לויט אַ ווינק פון דער מיליטערישער מאַכט.

1) שפּעטער איז סטאַזשינסקי דורך די דייטשן דערשאָסן געוואָרן.

דער עיקר האָט מען געמיינט די ייִנגערע אין מיליטער־עלטער. מענטשן אין די הונדערטער, אין די טויזנטער — כמעט אַלץ ייִדן — האָבן זיך געלאָזט מיט רוקזעק אויף די אַקסלען אין וועג אַריין. — צו מזרח־צו. ווער צו לובלין, ווער צו קאָוועל, צו ראָוונע. די שאָסייען אין יענער ריכטונג זענען געווען באַלאַגערט פון מענטשן. נישט איין מאָל פלעגן פייגטלעכע אַוויאָנען עפענען אַ געדיכט פייער פון פּולעמיאָטן אויף די וואַנדערנדיקע. אויף די אָפענע, נישט־געשיצטע וועגן האָבן זיך לאַנג, לאַנג אַרומגעוואַל־גערט די קערפּערס פון די דערשאָסענע ייִדן, פאַרפלעקטע אין זייער אייגן בלוט...

עס איז אויך דורך דער מאַכט אָרגאַניזירט געוואָרן אין יענע טעג אַ צוג פאַר עוואַקואַציע פון דער אינטעלעקטועלער און פּאָליטישער עליטע. מיטן זעלביקן צוג זענען אויך אַוועק אויף מזרח אַ גרופּע ייִדישע שריי־בער: ז. סעגאַלאָוויטש, ד״ר יהושע גאָטליב, ב. יאושזאָן, ש. וואַגמאַן, ג. שוואַלבע, נ. פּרילוצקי, לאַזאַר קאַהאַן, י. מ. ניימאַן, ב. שעפנער, פּ. שוואַרץ, ב. זינגער און אַנד.

4

ווען באָמבעס זענען געפאַלן

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז טאָג־טעגלעך דערשינען אין דער הויפּטשטאָט די פּרעסע — די פּוילישע ווי די ייִדישע.

אין די ייִדישע צייטונגען זענען געבליבן ווייניק מיטאַרבעטער. טייל שרייבער און זשורנאַליסטן האָבן זיך געהאַט אַוועקגעלאָזט מיטן שטראָם איבער די שאָסייען צו מזרח. און פון די פאַרבליבענע זענען אויך נישט אַלע געווען אַקטיוו אין די רעדאַקציעס.

אין רעדאַקציע „מאָמענט" איז געבליבן אויפן פּלאַץ אַ גרופּע פון אַ פינף־זעקס טעטיקע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן יעדן טאָג אַרויסגעלאָזט לכתחילה סיי דעם „מאָמענט" און סיי די מיטאָג־אויסגאַבע „דער וואַרשע־ווער ראַדיאָ", שפּעטער נאָר איין אויסגאַבע. אמת, עס זענען אויך געבליבן אין וואַרשע מיטאַרבעטער פון עלטערן דור, ווי אַ שטייגער: דער אַלטער צבי פּרילוצקי (שעף־רעדאַקטאָר), הלל צייטלין, ש. י. סטופּניצקי און אַנ־דערע. אָבער מחמת סכנה האָבן די דאָזיקע רעדאַקציע־מיטגלידער פאַר

דער גאַנצער צייט זיך קיינמאָל נישט באַוויזן אין רעדאַקציע. איבעריקנס, קיין אַרטיקלען, קיין פעליעטאָנען האָט מען דאַן סיי־ווי־סיי נישט גע־דרוקט און זייער מיטאַרבעט איז לחלוטין נישט געווען נויטיק. די צייַ־טונגען זענען דערשינען אין אַ פאַרקלענערטער צאָל זייטן — ווי די גאַנ־צע יידישע פרעסע. האָט מען זיך נאָר באַמיט צו געבן וואָס מער אינ־פאָרמאַציעס, אויף וואָס די גאַס האָט געוואַרט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג.

באַלד אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה איז פון „מאָמענט" נעלם געוואָרן דער „סינדיק" — דער רעוויזיאָניסטישער אַדוואָקאַט מאַרעק קא־גאַן (דער קאָאָפּעראַטיוו פון פאַרלאַג „מאָמענט" איז געווען אין צושטאַנד פון „אופּאַדלאָשטש", באַנקראָט). אַדוו. קאַגאַן האָט פאַרן אַנטלויפן פון וואַרשע נישט פאַרגעסן איבערצולאָזן אַ שריפטלעכע פאַראָרדענונג, אַז די צייטונג ווערט אָפּגעשטעלט... ער האָט אפנים גוט געוווסט, אַז אַן אים איז אויס מיטן „רעוויזיאָניזם" אין „מאָמענט"... (דערין האָט ער זיך אגב נישט טועה געווען...). „רעוויזיאָניזם", וואָס ער האָט, ווי אַ „מאַכט־האָבער", אַרויפגעצוווּנגען דער צייטונג.

מיר אָבער, די קליינע גרופּע מיטאַרבעטער, וואָס איז געבליבן אויפן פּלאַץ, האָבן דורכגעפירט אַ „פּוטש" און באַשלאָסן — אין אָנבליק פון די געשיכטלעכע טעג — די צייטונג יאָ אַרויסצוגעבן. מיר האָבן אפילו גע־מאָלדן וועגן דעם „סענדזשיאַ קאָמיסאַזש" 1) איבער אונדזער באַנ־קראָטירטער אונטערנעמונג, אַ פּאָליאַק. דער לעצטער האָט, אדרבה, גע־האַלטן מיט אונדז:

— טוט ווי איר פאַרשטייט, — האָט ער אונדז דערקלערט, — און זאָל אייך די געשיכטע משפּטן...

***

די לופט־אָנגריפן זענען וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שרעקלעכער. זיי פלעגן שוין דויערן, מיט איבעררייסן, אין משך פון גאַנצן טאָג. זייגער אַכט אינדערפרי פלעגט עס זיך אָנהייבן, און די באַפעלקערונג פלעגט כסדר מוזן וואַנדערן פון שטוב אין „סכראָן" און פאַרקערט. אַזוי אַהין און צוריק. דאָ און דאָרט איבער דער שטאָט האָבן זיך געוויקלט כסדר פלאַמען און רויך פון שרפות.

---

1) געריכט־קאָמיסאַר.

געווען טעג ווען אין רעדאַקציע פלעגן זיין אינגאַנצן אַ צוויי אָדער דריי מענטשן, ווייל טייל פון אונדזער קליינעם עולם האָט געווױנט אויף ווייטערע גאַסן און צוליב די לופט־אַליאַרמען פלעגט מען נישט קענען פשוט זיך דורכשלאָגן צו דער רעדאַקציע אויף נאַלעווקעס 38. איך, וואָס האָב געווױנט צום נאָענטסטן (שווינטאָיערסקע), האָב דעריבער קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט צו קומען. אונדזער אַקטיווע רעדאַקציע־גרופּע איז באַשטאַנען פון יינגערן עולם מיטאַרבעטער: ב. כילינאָוויטש, א. מ. אַפּעל־בוים, י. מ. ברוין, א. ז. כאַנאַכאָוויטש, ב. מאַרק און דער שרייבער פון די שורות 1). געווען אַפילו אַזעלכע געפערלעכע טעג, ווען אין רעדאַקציע איז געקומען בלויז איין איינציקער מיטאַרבעטער; אָבער די צייטונג — כאָטש מיט איין זייט טעקסט! — איז דערשינען. אונטן אויפן הויף האָט שוין גע־וואַרט אַ מחנה צייטונגס־פאַרשפּרייטער, און ווי נאָר די צייטונג איז פאַר־טיק געוואָרן אין דער דרוקעריי, האָט מען זי תיכף צעכאַפּט. דער אינטע־רעס צו אַ צייטונג אין די דאָזיקע טעג איז געווען, נאַטירלעך, אַזוי גרויס, אַז די צייטונגס־פאַרשפּרייטער פלעגן נישט באַווייזן דורכצוגיין די נאַ־לעווקעס, ווי זיי פלעגן בלייבן אָן איין עקזעמפּליאַר. אויף די ווייטערדיקע גאַסן פלעגט שוין אונדזער צייטונג נישט דערגיין. אַזוי איז אויך געווען מיט יעדער אַנדערער יידישער צייטונג אין איר ראַיאָן — מיט „היינטי־קע נייס", מיט דער „פאָלקסצייטונג" אאַ"וו.

ידיעות פאַר דער צייטונג האָבן מיר נאָר געקענט שעפּן פון דריי מקורים: ערשטנס, פון ראַדיאָ, וואָס איינער פון אונדז האָט אין רעדאַק־ציע ספּעציעל געהערט און נאָטירט; צווייטנס, פון קאָמענדאַנט סטאַזשינ־סקיס קאַנצעלאַריע; דריטנס, פון דער וואַרשעווער פּוילישער פּרעסע. אָבער מיט דער דריטער קוועלע האָט מען זיך ווייניק באַנוצט, ווייל יידן האָבן אין יענע טעג געכאַפּט אויך די פּוילישע צייטונגען און די ידיעות וואָלטן אַרויסגעקומען פאַרעלטערט. בכלל האָבן מיר געהאַט קאַרגע ידיעות. מ'פלעגט אָבער יעדע זאַך צעשמירן, געבן גרויסע זעקס־שפּאַלטיקע קעפּ מיט אַ ריי אונטערקעפּלעך דערצו — און דער „נומער" פלעגט געמאַכט ווערן.

עס דערמאָנט זיך אַ קוריאָז:

אין טאָג זענען מיר אין רעדאַקציע געווען בלויז זאַלבענאַנד: י. מ. ברוין און איך. מיר גיבן אַרויס צוויי זייטן „מאָמענט".

---

1) די ערשטע פיר זענען שפּעטער אומגעקומען אין די דייטשישע טויט־פאַבריקן.

ברוין נעמט אויף אַ טעלעפאָן (עס האָבן נאָך געאַרבעט די טעלעפאָנען) און איך זע, ווי ער ווערט בעת מעשה הייטערער. „אַזוי, אַזוי?" — מורמלט ער פאַר זיך. די פינגער פאַרצייכענען נערוועזער. ער איז אויפגערעגט.

—האַ, האַ, אַ זייער וויכטיקע ידיעה! — רופט ער אויס ביים ענדיקן אויפנעמען דעם טעלעפאָן.

— וואָס איז געשען?

— באַלד, באַלד.

און ער נעמט זיך גיך שרייבן. קודם כל מאַכט ער די קעפּ. גרויסע זעקס־שפּאַלטיקע קעפּ. דער מעטראַנפּאַזש לאָזער קלאָג 1) שטייט שוין ביים שרייב־טיש און וואַרט אויף זיי. לסוף זענען זיי פאַרטיק:

> דעם שונאס מפּלה איז געזיכערט (דאָס איז זעקס־שפּאלטיק. ווייטער גייען אונטערקעפּ) — 600 יונגע דרייסטע מענטשן קענען אים געבן אַ טויט־קלאַפּ. — די דייטשן ראַנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות. — די העלדישע פּוילישע אַרמיי שלאָגט דעם שונא.

אַזוי לערך האָבן געקלונגען — ווי די גלאָקן! — די קעפּ אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג. געהאַנדלט האָט עס זיך אייגנטלעך מכח אַ ווענדונג און רוף פון קאָמענדאַנט סטאַזשינסקי צו דער באַפעלקערונג פון דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט. ער זענען נייטיק געווען 600 יונגע מענטשן אויסצופירן אַ געוויסע דרייסטע מיסיע, און ער האָט גערופן צו מעלדן זיך פרייוויליק מאָרגן אינדערפרי אויף פּשעיאַזד. היות ווי סטאַזשינסקי האָט יעדן אָוונט דורכן ראַדיאָ געטרייסט און צוגעגעבן מוט דער באַפעלקערונג, האָט ער אויך די דאָזיקע ווענדונג זיינע „באַפּוצט" מיט בלימעלעך פון בטחון...

אַז כ׳בין שפּעטער אַהיימגעקומען — ווען די צייטונג איז שוין געווען אין גאַס — האָט מיין פרוי פון מיר חוזק געמאַכט:

— ווי שעמט איר זיך דאָרט נישט אַרויסצולאָזן אַ צייטונג מיט אַזאַ בבא־מעשה...

— אויף פּשעיאַזד אָבער איז באַלד צומאָרגנס אינדערפרי שוואַרץ געווען פון מענטשן (סטאַזשינסקיס ווענדונג איז, פאַרשטייט זיך, געווען אין דער גאַנצער פּרעסע). אָנשטאָט 600 זענען געקומען עטלעכע טויזנט.

---

1) פאָרזיצער פון דרוקער־פאַראיין אויף דזשעלנע; געפאַלן אין געטאָ־אויפשטאַנד.

מ׳האָט אויסגעקליבן נאָר 600, די סאַמע דרייסטע און געשיקטע. זייער אויפגאַבע איז געווען: מיט פלעשער בענזין באַגעגענען דעם שונאס טאַנקען אין דער פעריפעריע פון שטאָט...

5

די „קאָמונע״...

באַלד אין ערשטן טאָג נאָכן דורכגעפירטן „פוטש״ אין רעדאַקציע מיטן אַרויסגעבן די צייטונג קעגן פאַרבאָט פון „סינדיק״ האָבן מיר אויך איינגעפירט אַ באַזונדער סיסטעם אין דער פאַרטיילונג פון דער טעגלעכער הכנסה, אַ מין „קאָמונע״... קיין סך הכנסה האָט דאָך די צייטונג איצט נישט געבראַכט: דער טיראַזש איז געווען זייער אַ קליינער. מ׳האָט געדרוקט בלויז פאַר וואַרשע, וואָס איז דאָך געווען אָפּגעשניטן פון גאַנץ פוילן, און דאָס פאַר געציילטע גאַסן, ווייל צוליב די כסדרדיקע „נאַליאָטן״ איז אוממעגלעך געווען צו פאַרשפּרייטן די צייטונג נאָרמאַל איבער דער גאַנצער שטאָט. איז דעריבער איינגעפירט געוואָרן דורך אונדזער ספּעציעל געשאַפענעם קאָמיטעט, אַז די קאַרגע הכנסה ווערט איטלעכן טאָג (מען ווייסט דאָך נישט וואָס מאָרגן וועט זיין...) פאַרטיילט — איין גלייכע סומע פאַר יעדערן — צווישן די מיטאַרבעטער אין אַלע אָפּטיילונגען, וועלכע זענען פאַקטיש געקומען צו דער אַרבעט, ריזיקירנדיק דערביי מיטן אייגענעם קאָפּ. אין דער אמתן איז קיינער פון די נישט־אַרבעטנדיקע נישט געקומען נאָך קיין געלט, ווייל אויך דערביי וואָלט מען דאָך געדאַרפט איינשטעלן דאָס לעבן... אַן אויסנאַם האָט מען נאָר געמאַכט פאַרן אַלטן שעף־רעדאַקטאָר — פאַר צבי פּרילוצקין. יעדן טאָג פלעגט קומען זיין עלטערע טאָכטער, „סאָניטשקאַ״ — ווי ער האָט זי גערופן — נאָך די עטלעכע באַשיידענע זלאָטעס.

איין טאָג בין איך געווען אַן עדות פון אַזאַ קורצן קוריאָזן דיאַלאָג:

דער באַאַמטער אין אַדמיניסטראַציע צאָלט אויס „סאָניטשקען״ די פּאָר גראָשן.

— ס׳איז זייער ווייניק, — זאָגט זי נאַיִוו — דער פאָטער איז אויף דיעטע. ער עסט נאָר הון..

— אַז מיר ווען איך גענבן אויף הון, וועט פאַר אונדז נישט בלייבן אויף קיין ברויט... — ענטפערט איר דער אַדמיניסטראַציע־מענטש. — אויף צו קענען קויפן הון מוזט איר שוין אַליין קאָמבינירן.

זי איז אַוועק אַ נישט־צופרידענע מיט דער „נייער אָרדענונג" אין רעדאַקציע...

עס איז אונדז אויך געלונגען צו פועלן אין קאַגאַנס בעקעריי, וואָס אַנטקעגן נאַלעווקעס 38, מ׳זאָל צושטעלן יעדן טאָג ברויט פאַרן אַקטיוון „מאָמענט"־פערסאָנאַל. אַ ברויטל פאַר יעדערן. קאַגאַן, דער אייגנטימער פון דער בעקעריי, איז אַגב געווען דער פאָטער פון אונדזער „סינדיק", און ער האָט עס דעריבער געהאַלטן פאַר אַ חוב צו טאָן מיט אונדז אַזאַ חסד. באַלד אינדערפרי האָט ער פאַר אונדז צוגעשטעלט אַ געוויסן קוואַנטום ברויטלעך, עס זאָל קלעקן פאַר איטלעכן. אַזוי־אַרום האָבן די אַלע מיט־אַרבעטער, וועלכע האָבן ריזיקירט, זיך כמעט שטענדיק אומגעקערט אַהיים מיט אַ פּיין, וויס ברויטל אונטערן אָרעם. מ׳האָט עס געטראָגן ווי אַ מין קריגס־טראָפיי...

6

לכבוד ראש־השנה...

איז אָנגעקומען דער טאָג פון ערב ראש־השנה.

דער פרימאָרגן האָט זיך גראָד געשטעלט אַ רויקער. ווי תמיד, בין איך אַזייגער אַכט אַוועק אין רעדאַקציע. עס זענען געקומען נאָך עטלעכע מיטאַרבעטער און מ׳האָט זיך גענומען „בויען" דעם „נומער". צוליבן רויקן פרימאָרגן זענען אין אַלע אָפּטיילונגען פון „מאָמענט" געקומען מער מענטשן ווי שטענדיק. די צוויי זייטן „מאָמענט" זענען אין משך פון אַ פאַר שעה שוין געווען גרייט צו מאַטריצירן. לכבוד ראש־השנה האָט י. מ. ברוין נאָך אָנגעשריבן אַ קורצן שטימונגס־מאמר, וואָס איז געגאַנגען אייך־שפּאַלטיק, ביי דער רעכטער זייט, אַלס לייט־אַרטיקעלע, מיט פעטער שריפט.

פּלוצלונג — אַ לופט־אַליאַרם! סירענעס האָבן זיך צעפייפט. דורכן ראַדיאָ — די שוין גוט־באַקאַנטע, לאַנגזאַם־צעצויגענע שטים פון ספּיקער:

— אַ־ל־יי־אַ־ר־ם ד־ל־יי־אַ מ־יי־אַ־ס־ט־אַ וו־אַ־ר־ש־אַ־וו־י... ד־ל־יי־אַ מ־יי־אַ־ס־ט־אַ וו־אַ־ר־ש־אַ־וו־י — — — —

מ׳קוקט דורכן פענצטער צום הימל — אַ גאַנצע מחנה „פייגל"... פון ערגעץ קנאַלן שוין פוילישע „זעניטקעס". קיין פוילישע אַוויאַנען זעט מען שוין אָבער נישט. נישט קיין פוילישע און נישט קיין... ענגלישע, אויף וואָס די וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט כסדר געוואַרט. האָט דאָך פולקאָווניק סטאַזשינסקי יעדן אָוונט צוגעזאָגט און געטרייסט, אַז אָט קו־מען זיי, אָט פליִען זיי, אָט ברענגען זיי הילף און דערלייזונג...

און ווי באַלד עס זענען שוין נישטאָ קיין פוילישע אַוויאַנען, לאָזן זיך דעריבער דעם שונאס אַעראָפּלאַנען אַראָפּ נידעריק, ממש איבער די היי־זער, קרייזן אין דער לופט און פּיקעטירן. און אָט דערהערן זיך מיט אַמאָל מוראדיקע קנאַלערייען און דונערן פון אויפטרייסלענדיקע באָמבעס. זייער נאָענט, זייער נאָענט איז עס. פון איין זייט איבער די נאַלעווקער דעכער הייבן זיך שוין זיילן רויך...

אין רעדאַקציע ווערט אַ פּאַניק. אַלע, אַלע לויפן אַראָפּ אין „סכראָן": דאָס זענען די מאַסיוו־געבויטע בעטאָן־קעלערן פון אונדזער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג. עס האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אַלע מענטשן פון „מאָמענט" און סתם שכנים פון הויז. צוזאַמען אַ 70 נפשות. אונטן אין דער עקספּע־דיציע־אָפּטיילונג האָט שוין אגב געוווינט אַ פאַמיליע פון אַ זעצער מיט ווייב און קינדער, וואָס זיין הויז איז דעמאָלירט געוואָרן פון אַ באָמבע און ער איז געבליבן אויף דער גאַס. דאָ אין די קעלערן פילט מען זיך רויִקער, אָבער אויך נישט אינגאַנצן זיכער. די זיכערקייט איז באַלד ביי אַלעמען פאַרשוווּנדן, ווייל טאַקע ביי אונדז אין מיטלסטן הויף טרעפט אַ באָמבע אין דער ערד און מאַכט אַ ריזיקן ברייטן גרוב. דערביי אגב איז דאָרט עמיץ אָן אומבאַקאַנטער צעמורשט געוואָרן... קיין בעסערע אויסבאַהעל־טעניש האָבן מיר אָבער נישט. דרייען זיך אַלע אַרום אין די קעלערן און מ׳וואַרט: טויט אָדער לעבן...

דער לופט־אָנגריף דויערט אָן אַ סוף. גרופּעס אַעראָפּלאַנען פליִען איינע נאָך די אַנדערע מיט זייער מאוימדיקן גערויש. מיט זייער אימפּעט, דוכט זיך, וואָלטן זיי געקענט גאַנצענע שטיינערנע בלאָקן מיטרייסן. מיר דערהערן קולות, אַז עס ברענט דאָס שכנותדיקע הויז...

מיטן „בומער", הייסט עס, מעגן מיר זיך היינט שוין געזעגענען. נישט מען האָט שוין מאַטריצירט די אויסגעשלאָסענע זייטן, נישט מ׳האָט געדרוקט.

דאָס איז געווען. דער שוידערלעכסטער לופט־אַנגריף ביז יענעם טאָג. דער שוידערלעכסטער און לענגסטער.

ערשט זיבן פאַרנאַכט איז שטיל געוואָרן. מיר האָבן זיך געפילט ווי בשכנות פון אַ צעגאָסענעם ווולקאַן...

מ׳קריכט אַרויס פון „סכראַן״, מען כאַפּט אַ קוק צום הימל — רויך! וואָלקנס רויך!

איך לויף צו צום טויער, שטעק אַרויס דעם קאָפּ צו דער גאַס — ווי, וואָס די אויגן זעען! די נאַלעווקעס זעען אויס ווי אין ריזיק משוגעים־הויז. די גאַס איז פול געפּאַקט מיט מענטשן. אַ ריזיקער שטראָם, וואָס רייסט זיך הין און צוריק. ווילד־געוואָרענע מענטשן שטופּן זיך, שטויסן זיך איי־נע אַנטקעגן די אַנדערע. משונהדיקע קולות, געשרייען. קינדער רופן על־טערן, עלטערן — קינדער. מ׳שלעפּט געפּעק, וואַליזעס. גרויסע טראָגן פּיצעלעך קינדער אויף די הענט. אַ פאַרלוירנקייט, אַ וויסטע בהלה, ווי אין אַ ברענענדיקן הויז. אויף די טראָטואַרן וואַלגערן זיך כלערליי סחו־רות, קעסטלעך, שאַכטלען, מאַנופאַקטור, צעשטויסענע גלאָזוואַרג, צע־זעצטע שוי־פענצטער. דאָס האָט מען אין שגעון פון שרפה געוואָרפן אַלצ־דינג פון די געשעפטן אַרויס. און איבער אַלץ און אַלעמען — ריזיקע גע־דיכטע קנוילן רויך, געמישט מיט שוואַרצע איבערגעברענטע פליטערלעך. די קנוילן רויך שלאָגן פון אַלע זייטן: פון נאַלעווקעס גופא, פון גענשע, פון פראַנציסקאַנער, פון מוראַנאָוו, פון מילע... אומעטום שרפות, שרפות.

אין האַלדז שטיקט פונעם עסנדיקן רויך. עס איז שווער צו אָטעמען.

אָנגעשטעקט פון דער דאָזיקער בהלה, רייס איך זיך אויך אַריין אין ווילדן געדראַנג, ווי אין אַ קאָכיקן קעסל, און נעם זיך אויך שטופּן און שטויסן אין דער ריכטונג צו שוויענטאָיערסקע. וואָס קומט פאַר דאָרטן, אויף מיין גאַס?

קוים זיך דערשלאָגן צו ראָג פראַנציסקאַנער. דורך וואַנען? איך לאָז זיך צו וואַלאָווע, ווו ס׳איז פאַראַן אַ דורכגאַנגס־הויף אויף שוויענטאָיער־סקע 32. אָבער דאָס הויז פון ראָג וואַלאָווע און פראַנציסקאַנער איז איינ־געהילט אין פלאַמען. פונדעסטוועגן פּרוּוו איך זיך ווי עס איז דורכרייסן האַרט ביי דער וואַנט פון מויער אַנטקעגן דעם ברענענדיקן הויז. איך קריך איבער שטויסן לעדער, איבער קעסטלעך זייף און דערשלאָג זיך לסוף צום טויער אויף וואַלאָווע 4. אויף יענער זייט טויער — אַ באַרג ציגל פון אַן איינגעפאַלענער וואַנט. אויבן אויף די ציגל ליגט אַ טויטע פרוי מיט צע־שפּרייטע הענט און אַ יינגעלע שטייט איבער איר און רופט מיט אַ וויי־

נענדיקן קול: „מאַמעשי, מאַמעשי״... איך בלייב אַ רגע שטיין, געפּלעפּט פונעם טויט, האַרט פאַר מיינע טריט, און מיט פאַרקראַמפּטע ליפּן פונעם שוידער קריך איך ווי עס איז אַריבער דעם ציגל־באַרג און בין שוין אויף יענער זייט. דאָ אינעם הויף איז רויק. דאָ ברענט נישט. און מיט שנעלע טריט לויף איך דורך אַהין אויף שוויענטאָיערסקע. אויך דאָ ברענט נישט. כ׳קום צו צום הויז 28 און טרעף מיינע היימישע, וואָס קוקן מיך שוין אויס אין פאַרצווייפלונג... דער רויך, וואָס האָט זיך געריסן פון די באַלעוווקעס, האָט זיי אָנגעפילט מיט שרעק און שגעון...

ס׳איז צוגעפאַלן די טונקלקייט. עס איז געוואָרן נאַכט. ראש־השנה ביינאַכט. דער גאַנצער הימל איבערן יידישן ראַיאָן איז געווען רויט. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אימה, מיט שוידער. דאָס אָנגעשטרענגטע געהער פאַרנעמט, דוכט זיך, געוויין.. דאָס געוויין דרינגט פון פאַרשייטע זייטן...

אין מיטן פון אונדזער הויף — אַ רעדל מענטשן. יעדער דערציילט אַנדערע פּרטים פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג. מ׳דערציילט ווער עס איז אומגעקומען, ווער ס׳איז געוואָרן אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן און ווער ס׳האָט זיין גאַנץ האָב און גוטס אין געציילטע שעהן פאַרלוירן אין די פלאַמען און אונטער איינגעפאַלענע ווענט.

אַ זקן מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום רויטן הימל זיפצט:

— אַ שיינעם ראש־השנה האָבן „זיי״ אונדז געמאַכט...

פונדעסטוועגן האָבן זיך יידן גענומען קלייבן אין בית־המדרש, וואָס ביי אונדז אין דריטן הויף, און מ׳האָט זיך געשטעלט דאַוונען דעם ראש־השנהדיקן מעריב. קיין גרויסער עולם איז נישט געווען. בלויז עלטערע יידן כמעט. מענטשן זענען אומעטום געלעגן צעטומלטע און צעמישטע אויף די בעטן און קושעטקעס ווי נאָך אַ וויסטן קאָשמאַר.

איך זיץ שפּעטערביים ראַדיאָ־אַפּאַראַט. איך וויל הערן די וועלט. וואָס זאָגט אַצינד לאָנדאָן? פּאַריז? ניו־יאָרק?... צי ווייס מען? צי ווייס מען?...

איך כאַפּ אַ פּוילישע אוידיציע פון אויסלאַנד און מיט דערשטוינונג הער איך געענוי פּרטים פון היינטיקן לופט־אָנגריף איבער וואַרשע. „פון 3 ביז 4 הונדערט עראָפּלאַנען האָבן געווילדעוועט איבער דער שטאָט. די דייטשישע באַרבאַרן, דערציילט דער ספּיקער, האָבן דער עיקר היינט אָנגעמאַכט צעשטערונגען אין צפון־טייל פון שטאָט — אין יידישן ראַיאָן. באָמבעס זענען געוואָרפן געוואָרן אויף פּריוואַטע וווין־הייזער אין געגנט

פון נאַלעווקעס, ווו עס זענען נישטאָ קיין מיליטערישע אָביעקטן, און די באַרבאַרן האָבן גורם געווען פיל הונדערטער, טויזנטער מענטשלעכע קרבנות״.

די וועלט, הייסט עס, ווייס. מען ווייס פון אַלץ — און מען שווייגט... און ווו איז די הילף? די צוגעזאָגטע הילף? — — —

איך נעם וואַרשע. ווי אַלע אָוונט רעדט אויך היינט דורכן ראַדיאָ קאָמענדאַנט סטאַזשינסקי. זיין שטים קלינגט זייער הייזעריק:

— אי זנאָווו לונאַ נאַד וואַרשאַוואָן... 1)

אויך סטאַזשינסקי דערציילט פּרטים וועגן אָנגעמאַכטן חורבן און וועגן די קרבנות אין יידישן ראַיאָן. באָמבעס האָבן געטראָפן אין „סכראַ־נעס״, אויף טרעפּ, ווו יידן האָבן זיך געפּרוווט אויסבאַהאַלטן. הונדערטער מענטשן זענען פאַרשאָטן געוואָרן אונטער איינגעפאַלענע ווענט...

און סטאַזשינסקי פאַרענדיקט זיין רעדע פאַטעטיש:

— די דייטשישע באַרבאַרן האָבן פאַרפירט אַ מלחמה קעגן מענטש און קעגן גאָט. פאַר דעם דאַזיקן פאַרברעכן וועלן זיי באַצאָלן מיט זייערע קעפּ!

איך טראַכט בעת־מעשה: „ער רעדט ווי אַ צדיק, סטאַזשינסקי. הלוואי זאָלן זיינע רייד מקוים ווערן״...

7

דער סוף פון דער יידישער פּרעסע

די פּרעסע אין וואַרשע איז שוין מער נישט דערשינען. די לופט־אָנ־גריפן זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן גרויזאַמער און עס געמאַכט אוממעג־לעך. איין טאָג, אין אַ רויִקערער שעה, האָב איך געפּרוווט כאַפּן אַ בליק צו דער רעדאַקציע. אָבער די טירן זענען געווען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן. קיינער קומט שוין נישט אין אַזעלכע געפערלעכע טעג.

אַזוי זענען פאַרביי אונטער די „קולות וברקים״ פון די „באַליאָטן״ די עשרת־ימי תשובה. אָבער ערב יום־כפּור זענען יידן פאַרנאַכט, נאָכן „נאַ־ליאָט״, געגאַנגען צו כל־נדרי. ס׳איז איטלעכער געגאַנגען אין דער נאָענט־

1) ווידער שרפה־פלאַמען איבער וואַרשע.

סטער שול אָדער „מנין״, כדי זיך קיין סך נישט צו דערוויטערן פון זיין שטוב.

איך בין אַריין אין בית־מדרש, וואָס בשכנות פון מיר, אין דריטן הויף. דער בית־מדרש, נישט קיין גרויסער, איז געווען געפּאַקט. אונדזער בלאָק האָט פאַרמאָגט גאַנצע דריי הויפן און אַלע שכנים פונעם גרויסן הויז זענען דאָס מאָל געקומען אַהער. אין נאָרמאַלע צייטן איז אין דאָזיקן בית־מדרש געווען נאָך צו געדרים, ווייל יעדער איינער איז געגאַנגען ערגעץ אַנדערש: ווער אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, ווער צו די מאָדזשיצער, חסידים זענען געגאַנגען אין זייערע „שטיבלעך״: גערער — צו די גערער, קאָצקער — צו די קאָצקער. דאָס ערשטע מאָל האָבן זיך אַלע איינוווינער פונעם גרויסן הויז געשטופּט אין אייגענעם בית־מדרש. איז טאַקע דעריי־בער געווען דאָ אַ געוואַלדיקע ענגשאַפט. טייל האָבן געמוזט שטיין אין פּאָדער־הויז און אפילו פון אויסווייניק ביי די אָפענע פענצטער. אויפן הויף פאַרן בית־מדרש זענען געשטאַנען אויך פרויען. עלטערע און יונגע מיידלעך. אפילו קינדער האָבן נישט געפעלט.

— על דעת המקום ועל דעת הקהל... — האָט אָנגעהויבן מיט אַ גע־בראָכענער שטים דער בעל־תפילה.

און אין אַ ווײַלע אַרום צעטראָגט זיך דער אַלטער ניגון:

— כל־נדרי — — — אַי־אַי־אַי־אַי־אַי־אַי — — — — — — —

דער גאַנצער עולם כאַפּט אונטער:

— אַי־אַי־אַי־אַי־אַי־אַי — — — — — — — —

דער ניגון טראָגט זיך איבערן חלל פון בית־מדרש, דרינגט דורך די פענצטער אין דעם פאַרנאַכט אַריין, שוועבט ווייט, ווייט, דורך פלאַמען און רויך פון שרפות, צו די רקיעים, צום כסא־הכבוד — — —

— כל־נדרי — — — אַי־אַי־אַי — — — —

דער גאַנצער בית־מדרש איז צעזונגען. אַלץ גיסט זיך צונויף מיט דער הייליקער נגינה. אַלע מתפּללים ווערן בעת־מעשה פאַרטראָגן אין אַנדערע עולמות און פאַרגעסן זיך לחלוטין אָן דער א ר ו ם — אָן די חורבנות, אָן די שרפות, וואָס וויקלען זיך דאָ־דאָרטן אין די שכנישע גאַסן, צו די הימלען — — —

דער טאָג פון יום־כפור איז גראָד געווען אַ לייכטערער. די לופט־מחבלים האָבן זיך צופעליק וויניקער געלאָזט פילן. אגב איז דער טאָג

נישט געווען אַזאַ דורכזיכטיקער און גינסטיקער פאַר לופט־אָנגריפן, און מ׳האָט זיך געקענט פאַרגינען צו כאַפּן אַ בליק ווי די גאַסן זעען אויס. איך האָב טאַקע אויסגענוצט די געלעגנהייט און געמאַכט אַ שפּאַציר אין די שכנישע יידישע גאַסן. די שולן, „שטיבלעך״ און „מנינים״ זענען אומעטום געווען פול. יידן זענען אומעטום געשטאַנען אין קיטלען און טליתים און מ׳איז פאַרטאָן געווען אין די יום־כפּורדיקע תפילות. מ׳האָט געדאַווענט מיט מער הארץ, מיט מער בכיות... אין די חסידים־שטיבלעך האָבן זיך געטראָגן השתפכות־הנפשדיקע קולות, הענט האָבן זיך ביי די תפילות געצויגן אין דער לופטן צום רבונו של עולם. יידן האָבן געבעטן רחמים, רחמים — — —

איך גיי דורך די נאַלעווקעס. דאָ און דאָרט רויכערן זיך הייזער. איך כאַפּ אַ קוק צו נאַלעווקעס 38, אין דריטן הויף, ווו די „מאָמענט״־געביידע געפינט זיך. אויך דאָ רויכערט זיך... דער גאַנצער רעדאַקציע־לאָקאַל אויבן איז שוין אויסגעהוילט פון שרפה. אָבער אין דער זעצעריי, אויפן ערשטן שטאָק, זענען נאָך די לינאָטיפּן כמעט ווי נישט געשעדיקט און אונטן, אין פּאַרטער, שטייט נאָך גאָר גאַנץ די גרויסע מאָדערנע ראָטאַציע־מאַשין, וואָס פלעגט איטלעכן פרייטיק אַרויסוואַרפן צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן „מאָמענט״ און „וואַרשעווער ראַדיאָ״ מיט די פּרעכטיקסטע פּילפּאַרביקע אילוסטראַציעס אויף דער ערשטער זייט — לכבוד שבת, לכבוד די פיל צענדליקער טויזנטער יידישע לייענער אויף דער יידישער גאַס, אין די יידישע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן...

פאַר וועמען איז זי גאַנץ געבליבן, די דאָזיקע ראָטאַציע־מאַשין?...

פּאַפּיר־באַלן וואַלגערן זיך אויפן הויף, הפקרדיק, חרוב. ווער עס גייט פאַרביי, פליקט, צופּט. דאָס איז קענטיק אָן די צויטן, אָן די נאָכהענגענדיקע פאַסמעס פּאַפּיר.

מיטן „מאָמענט״, הייסט עס, איז שוין געענדיקט — ווי ס׳האָט זיך געענדיקט די גאַנצע יידישע פּרעסע אין וואַרשע.

נאָכן אומקערן זיך פון שטאָט האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין דער שול, וואָס אויף מיין הויף. מ׳האָט דאָ געהאַלטן ביים „מוסף״ — ביים „ונתנה תוקף״. דער בעל־תפילה פאַרגייט זיך טרויעריק אין זיינע וויינענדיקע קולות:

— מי במים ומי באש, מי בחרב...

און אַלע מתפּללים באַגלייטן מיט געוויין.

אַזוי אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצן טאָג האָבן ייִדן אין באַלאַגערטן וואַרשע געשטורעמט די „שערי רחמים". איז ווי זשע וועט עס ווייטער זיין? מאָרגן? איבערמאָרגן? — — — — —

8

בייטאָג און ביינאַכט

די ווייטערדיקע טעג זיינען נישט געווען בעסער; אַדרבה, די לופט־אָנגריפן פונעם שונא האָבן אָנגענומען אַ מער גרויזאַמען כאַראַקטער. איטלעכן טאָג האָבן זיך באַלד אינדערפרי שוין געוויזן פון האָריזאָנט גאַנצע מחנות דייטשישע אַוויאָנען. זיי האָבן זיך לחלוטין אומגעשטערט דערנענטערט צו וואַרשע. קיין פּוילישע אַוויאָנען זיינען שוין נישט געווען. בלויז פּוילישע „זעניטקעס" האָבן צו זיי אַרויפגעשאָסן; אָבער די דאָזיקע שיסעריי האָט גיכער דערמאָנט די פורימדיקע גרעגערס קעגן המנען... די היטלעריסטישע פליער האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. זיי זיינען געפלויגן זייער נידעריק, פּיקעטירט און געוואָרפן באָמבעס ווו זיי האָבן נאָר געוואָלט.

אין אָוונט פלעגט „גרעגערן" אין דער פּוילישער שפּראַך אַ דייטשישער ספּיקער פון פּויזנער ראַדיאָ־סטאַציע. ער האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, אַז עס דערוואַרט איר אַן אומגליק, אויב וואַרשע וועט זיך נישט אונטערגעבן. הגם מ'האָט זיין פּאַראַסטע שטימע נישט געקאָנט ווערן, פונדעסטוועגן האָט מען געוואָלט וויסן וואָס מען רעדט פון יענער זייט.

ביינאַכט האָט אָנגעהויבן „אַרבעטן" די דייטשישע אַרטילעריע. די האַרמאַטן־קוילן האָבן שוין דערגרייכט צו די וואַרשעווער הייזער. אַפּנים, זיי האָבן זיך מער דערנענטערט צו דער שטאָט און אַרומגערינגלט וואַרשע ווי מיט אייזערנע רייפן. עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן איבער דער שטאָט שווערע גראַנאַטן. עס זיינען צעלעכערט און צעריסן געוואָרן מאַסיווע ווענט פון פעסטע הייזער־בלאָקן און — אַ סך, אַ סך מענטשלעכע גופים...

אין אָוונט הערט מען דורכן ראַדיאָ ווי עסריידן זיך איבער אַמבאַסאַדעס אין וואַרשע מיט זייערע רעזידענצן. זיי גיבן איבער גרוסן פון דעם און פון יענעם פון זייערע פּערסאָנאַלן און נעמען אויף שיפרירטע די־

רעקטיוון. אַזוי הער איך ווי די סאָוויעטישע אַמבאַסאַדע רעדט מיט מאָסקווע:

— מיר געפינען זיך אין צענטער פון די קריגס־אָפּעראַציעס. אַלע זיינען געזונט. די פּאַקעטן באַקומען.

אַ צווייטן אָוונט הערט מען דורכן ראַדיאָ, אַז ס׳איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד אויף איין פונקט — אויפן שאָסיי, וואָס פירט דורך רעמבערטאָוו. דער וואָפנשטילשטאַנד וועט דויערן פון 10 אַזייגער ביינאַכט ביז 5 באַגינען. געשען איז עס דורך אַ פאַרשטענדיקונג פון אַלע נייטראַלע מלוכות, כדי אַרויסצופירן זייערע געזאַנדשאַפטן מיט די פּערסאָנאַלן פון באַלאַגערטן וואַרשע. נישט איינער פון די ראַדיאָ־צוהערער, הערנדיק די דאָזיקע ידיעה, וואָלט זיך געוווּנטשן מיטצוכאַפּן מיט יענע דאָרט דורכן רעמבערטאָווער שאָסיי...

אַזוי איז עס שוין ווייטער געגאַנגען ווי לויט אַ שאַבלאָן: בייטאָג — לופט־משחיתים, ביינאַכט — קאַנאָנאַדע. די צאָל קרבנות איז געוואַקסן. סיי טאָג און סיי נאַכט האָבן געבראַכט טויט... אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט טויטע גופים פון מענטשן און פּגרים פון פערד.

ערגער איז געוואָרן ווען אַ באָמבע האָט אויך געטראָפן אין דער וואַרשעווער ראַדיאָ־סטאַציע און לחלוטין צעשטערט די אַלע איינריכטונגען. וואַרשע איז דעמאָלט געבליבן ווי אין אַ מדבר. „גרוסן״ פון דער אויסער־לעכער וועלט האָט נאָר געבראַכט דער גערויש פון די פיינטלעכע אַוויאָ־נען בייטאָג און די דונערן פון די האַרמאַטן ביינאַכט.

די הויפן זענען אומעטום אויף ביינאַכט פאַרשלאָסן געוואָרן. אַזאַ פאַראָרדענונג איז געווען פון קאָמענדאַנט צוליב מורא פאַר דיווערסיע־אַקטן. אין אַ ריי פונקטן זיינען טאַקע געכאַפּט געוואָרן שפּיאָנען, וועלכע פלעגן ביינאַכט פון געוויסע הויכקייטן געבן ליכט־סיגנאַלן צום שונא. אַזוי האָט מען איינעם אַזאַ „העכט״ געכאַפּט אויף די אויבערשטע שטאָקן פונעם איינציקן וואַרשעווער וואָלקנקראַצער אויף נאַפּאָלעאָן־פּלאַץ. מ׳האָט אויך געכאַפּט אַנדערע שפּיאָנען מיט איינגעאָרדנטע אונטערערדישע ראַ־דיאָ־סטאַציעס. דאָס זיינען געווען דייטשן — פּוילישע בירגער, אייגנטי־מער פון געשעפטן אין האַרץ פון וואַרשע, און איצט, אין די רגעס פון אַנטשיידונג, האָבן זיי פון באַהעלטענישן געדינט זייער „פאַטערלאַנד״.

אין יעדן הויף זיינען אין משך פון דער גאַנצער נאַכט איינגעפירט

געוואָרן וואַך־דיזשורן. עס האָבן דיזשורירט די איינוווינער לויט אַ ריי. די דאָזיקע וואַך־נעכט זיינען געווען פול מיט פּחד. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו דיזשורירן אין הויף. מ׳האָט דיזשורירט זאַלבעצווייט. איינער האָט זיך אומגעדרייט איבערן הויף, געהיט אַגב עס זאָל פון קיין שום וווינונג נישט אַרויסדרינגען קיין ליכט־שיין פון די פאַרמאַסקירטע פענצטער. די ראָלעטן האָבן געמוזט זיין הערמעטיש פאַרצויגן. און דער צווייטער האָט געוואַכט פון אינעווייניק ביים טויער. די דאָזיקע פינצטער־ניש אויפן הויף איז געווען אַזוי געדיכט ווי אין אַ ריזיקן קבר. אויבן דורכן חושך האָבן זיך פון צייט צו צייט דורכגעריסן מיט אַ מוראדיקער קראַפט די צעשטערערישע גראַנאַטן פון שווערער אַרטילעריע:

— ווו־ווו־ווו־ווו־בבב־אַאַאַ־דדדד!!! — — — — — — — — — — — — —

די לופט נעמט בעת־מעשה רייסן און באַוועגן זיך ווי פון בייזע שטורעם־ווינטן. די ווענט נעמען אַזש ציטערן מחמת נאָענטקייט פונעם משחית. פון דאָ און דאָרט קומען נאָך פאַרטויבנדיקע דעטאָנאַציעס, גלייך ווי די גאַנצע ערד זאָל באַלד אינגאַנצן חרוב ווערן...

— ווו־ווו־ווו־ווו־בבב־אַאַאַ־אַאַ־דדדדד!!! — — — — — — — — — — — —

ערגעץ, זעט אויס גאָר נאָענט, האָט עס שוין אָנגעמאַכט אַ חורבן. דאָ און דאָרט שפּרינגען שוין צום חשכותדיקן הימל ריזיקע פלאַמען ווי בייזע רויטע רוחות...

9

נסים...

אונדזער „סכראָן" איז, דוכט זיך, זייער אַ גוטער. דאָס איז אַ סוטע־רינע אונטער דער פיר־שטאָקיקער געביידע, אינעם צווייטן הויף. דאָ איז געהאַט געווען עפּעס אַ פאַבריקל. ס׳איז דאָ גאַנץ געראַם: אַ חוץ דעם פאַבריקס־לאָקאַל — אויך פאַרשיידענע דורכגענג. און עס קלייבן זיך צונויף אַ ביסל שכנים — 60—70 נפשות. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זיינען נאָך נישט אַלע לאָקאַטאָרן פונעם הויז. דאָס הויז 28 איז אַ ריי־זיקס, אַ מאַסיווס, ווי אַ פעסטונג. עס האָט דריי הויפן און אַ 1.000 נפשות

לערך. אין די אַלע קעלערן, לענג אויס די מאַסיווע ווענט, האָבן זיך גרופּעסוויז איינגעאָרדנט אַלע לאָקאַטאָרן. אין אונדזער „סכראָן" זיינען געווען אַ היפּש ביסל קליינע קינדער. מ'האָט אַראָפּגעשלעפּט אַהער „וווז־קעס", בעטלעך, ליג־שטולן און מ'האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. איך מיט מיין פרוי און זון האָבן אַראָפּגעשלעפּט אונטן אַ קלענערע קוזעטע, כדי צו קאָנען לויט דער ריי זיך אַ ביסל צולייגן — ווען מ'האָט געמוזט שוין צו לאַנג פאַרברענגען אין „סכראָן".

אין משך פון טאָג פלעגט מען צענדליקער מאָל מוזן לויפן הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ אין קעלער אַריין. אָט, דוכט זיך, ווערט שוין שטיל און דו גייסט אַרויף צוריק אין שטוב, פּרוּווסט עפּעס טאָן אָדער נעמסט עסן צי טרינקען, און פּלוצלונג — ווידער! לויפסטו ווי אַ מטורף אויף דאָס ניי אין „סכראָן" אַריין. דאָס האָט שטאַרק דענערווירט און פסיכיש אויסגעשעפּט. אַמאָל ווערט מען הפקרדיק, רעזיגנירט: זאָל זיין וואָס עס וויל — אַבי רוען, רוען אין אַ בעט!

די גרעסטע צאָל קרבנות האָבן טאַקע אין די דאָזיקע טעג געליפערט די רעזיגנירטע...

איין אָוונט האָב איך זיך געישובט מיט דער פרוי, צי מיר בלייבן אין שטוב, אָדער מיר גייען אויף אַ גאַנצע נאַכט זיך וואַלגערן אין „סכראָן"?

— איצט איז דאָך רויִק, — זאָג איך, — אפשר וועט אַזוי פאַרביי־גייך די גאַנצע נאַכט? אפשר וועלן „זיי" אונדז היינט געבן אַן אָטעם־פּויזע?...

— ניין! — שפּאַרט זיך איין מיין פרוי, — מען טאָר סיי ווי נישט איינשלאָפן. אונטן אויף דער קוזעטע קאָן מען גיכער כאַפּן אַ דרימל.

זענען מיר אַלע אַראָפּ אונטן.

אין מיטן נאַכט האָט זיך טאַקע געעפנט אַ מוראדיקער גיהנום, וואָס האָט געדויערט ביז פאַרטאָג. שווערע גראַנאַטן האָבן זיך געריסן אין אַלע זייטן. די דונערן האָבן ממש פאַרטויבט. אַלע מענטשן אין „סכראָן" זענען וואַך געווען.

די וואַך פון הויף איז אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען אויף אַ ווייל אין קעלער אַריין:

— אַ מורא זיך אין הויף אומצודרייען. וועלטן קערן זיך...

און בעת מיר זענען צומאָרגנס אינדערפרי אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, זענען מיר שטיין געבליבן פאַר צעשאָטענעם גרוז: אַ גראַנאַט האָט

דורכגעלעכערט די טויבע וואַנט, וואָס גייט אַרויס אויף דער נייער באַני־פּראַטערסקע. אַ לאָך — אפשר אַ מעטער די גרויס! עס האָט צעזעצט דעם אויוון ביי דער וואַנט, טיילווייז באַשעדיקט דאָס מעבל. די לאָך האָט פאַרכאַפּט די ווינקלען פון ביידע צימערן — פון עסצימער און שלאָף־צימער. אויך די בעטן זענען פאַרשאָטן געווען מיט צעזעצטע ציגל און שטויב.

— פאַרשרייב דעם נס... — שפּאַסט מיין פרוי. — מיר מעגן בענטשן גומל.

— מען דאַרף האָבן צופּיל נסים, כדי אַרויסצוגיין גאַנץ פון דעם גיהנום.

געווען אויך אַ סך „לייכטזיניקע״, וואָס פלעגן זיך וויצלען בעת אַ שטאַרקער קאַנאָנאַדע. זיי האָבן זיך געמאַכט פאַר „העלדן״ און אַלע ווילע אַרויסגעטאַנצט אין דער וווינונג עפּעס דערליידיקן.

— ווייס איך וואָס, — האָבן זיי זיך געוויצלט, — פון וואַנען ווייס דער יעקע, אַז איך בין פונקט אַריינגעקומען אויף אַ מינוט נעמען פּאַפּי־ראָסן?... אָדער כאַפּן אַ קיי, צי אויפקאָכן זיך אין דער גיך אַ גלעזל וואַרעמס?...

אויך די דאָזיקע „לצים״ האָבן פאַרמערט די צאָל קרבנות.

10

אין אַ רויטן נעפּל

אונדזער „סכראָן״ האָט איינמאָל איבערגעלעבט אַ שווערע פּאַניק:

געווען איז עס בייטאָג. עס האָט לאַנג געדויערט אַ שטאַרקער לופט־אָנגריף. באָמבעס זענען געפלויגן זייער נאָענט. מ׳האָט געהערט ממש ווי די ווענט אויבן ציטערן. די פאַרביישוועבנדיקע משחיתים האָבן מיט אַ געוואַלדיקן כוח מיטגעריסן די לופט־וועלן. מ׳האָט דערוואַרט דאָס ערגסטע... אַ ליאַדע מינוט, דוכט זיך... טייל מענטשן אין „סכראָן״, דער עיקר פרויען, האָבן זיך איינגעבראָכן. ווער פון די פרויען ס׳האָט געוויינט אין דער שטיל, ווער אויפן קול, היסטעריש. איין עלטערע פרוי, אונדזערע אַ שכנה פון אַ שטאָק העכער, וועלכע האָט גראָד נישט געגאָלטן פאַר קיין

פרומע, האָט נישט אויפגעהערט ריידן צו גאָט, ריידן און בעטן, ער זאָל זיך מרחם זיין...

פלוצלונג — אַן אַלץ־פאַרטויבנדיקער דונער האַרט איבער אונדז. מענטשן האָבן אַרויסגעלאָזט געשרייען. פרויען האָבן אומגעלומפּערט און ווילד זיך צעקוויטשעט. אינסטינקטיוו האָבן זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. קליינע קינדער האָבן זיך פאַרטראָגן אין מוראדיקע געוואַלדן. די מיניאַטורישע סוטערינע־פענצטערלעך זענען פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ רויטן נעפּל. וואָס איז עס? פייער? אַ שרפה? ס׳האָט זיך קיינער נישט אָפּגעגעבן בעת־מעשה קיין חשבון. מענטשן האָבן אין גרויס בהלה גענו־מען זיך שפּאַרן און רייסן צום איינציקן אַרויסגאַנג, צו די טרעפּ אַרויף, וואָס פירן צום לעצטן טויער צווישן צווייטן און דריטן הויף. אין גרויס געדראַנג איז מען לסוף אַרויפגעקומען אויבן, אין טויער. לכתחילה האָט מען גאָרנישט געקאָנט זען — אַ רויטער שטויב־נעפּל האָט אַלצדינג פאַר־שטעלט, די לופט איז געווען געדיכט און נישט־דורכזיכטיק. וואָס איז דאָ געשען? עס האָט אַ היפשע צייט געדויערט ביז די לופט איז שיטערער געוואָרן און ערשט דעמאָלט האָט מען דערזען, אַז דער גאַנצער הויף איז פאַרשאָטן מיט גרוז, מיט ציגל און שטיקער דאַך־בלעך. מען פאַררייסט די קעפּ אין דער הויך, מ׳קוקט זיך אַרום — ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ באָמבע האָט אַראָפּגעריסן אין דער קרים דעם דאַך און אַ היפשע שטיק וואַנט פונעם פערטן שטאָק אין איין ווינקל פונעם הויף. צום גליק האָט קיינעם נישט געשאַדט. די אַלע לאָקאַטאָרן פון די אויבערשטע וווינונגען זענען צוזאַמען מיט אונדז געווען אין „סכראָן״.

— ווידער אַ נס! — באַמערקט מיין פרוי. — פאַרשרייב די נסים...

— צופיל צו פאַרשרייבן...

11

אַ סענסאַציע: די רויטע אַרמיי!

אַ סענסאַציע אין הויף:

דער ראַדיאָ, וואָס איז צוריק געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג, האָט איבערגעגעבן אַ ידיעה פון אויסלאַנד, אַז די רויטע אַרמיי האָט איבער־געשריטן די פּוילישע גרענעץ און מאַרשירט אויף דער פּוילישער טערי־טאָריע.

מענטשן זענען פון גרויס איבערראַשונג אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף. עס איז געוואָרן אַ באַוועגונג. דער עולם אויפן הויף איז געוואַקסן.

— איר האָט געהערט?

— וואָס זאָגט איר דערצו?

— וואָס וועט איצטער זיין?

— וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

— איז עס מיטן דייטש אָדער קעגן דייטש?...

לכתחילה האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן פאַנטאַסטישע קלאַנגען. איין קלאַנג האָט סותר געווען דעם אַנדערן.

איינער אַ היץ־קאָפּ — בערל דער שניידער פון פּאַרטער, אַ ייִד מיט אַ „לינקן אָפּנייג" — לויפט אום מלא־שמחה פון איינעם צום אַנדערן און זאָגט אָן די בשורה, אַז „שוין, מיר זענען שוין געהאָלפן. די רויטע אַרמיי גייט אונדז באַפרייען פון דער דייטשישער אינוואַזיע... סטאַלין גייט אונדז ראַטעווען"...

— שוטה בן פּיקהאָלץ! — כאַפּט דער שניידער אַ „קאָמפּלימענט" פון אַברהמטשע קאַרנבלום דעם לעדער־סוחר. — אַ שיינער פּאָליטיקער זענט איר. איר האָט שוין אַזוי גיך פאַרגעסן, אַז ערשט מיט אַ חודש צוריק לערך האָט היטלער געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט סאָוויעט־רוסלאַנד; אַז ריבענטראָפּ מיט מאָלאָטאָוו האָבן זיך געקושט אין די פּיסקעס... קאָטשע גדולה!...

דער עולם אויפן הויף ווערט אַלץ גרעסער. די שפּאַנונג איז אַ געוואַלדיקע. יעדער דערציילט אַנדערע פּרטים. איינער האָט די ידיעה געהערט פון לאָנדאָן, דער צווייטער — פון זשענעווע, דער דריטער — פון פּאַריז. יעדער גיט זיינע קאָמענטאַרן. גראָד איז היינטיקן פאַרמיטאָג שטיל אויפן הימל. נישטאָ קיין דייטשישע משחיתים.

— זעט איר — לאָזט נישט אָפּ בערל דער שניידער מיט זיינע השערות — ס'איז היינט נישטאָ קיין „נאַליאָטן". די דייטשישע אַעראָפּלאַנען זענען פאַרשטומט געוואָרן. ס'איז נישט אומזיסט. ס'איז צוליב דער רויטער אַרמיי.

— וואָס זאָגט איר צו דעם וועלט־חכם? — כאַפּט ער ווידער אַ פּאָר־ציע פון שיינפעלדן, מיין קעגנאַיבערדיקן שכן. — אַזאַ „פּאָליטיקער" וואָלט נישט געדאַרפט זיצן אויף שוויענטאָיערסקע. זיין אָרט איז אין בעל־וועדער. מיט אַזאַ מיניסטערשן קאָפּ קאָן מען דאָך דיריגירן מיט אַ וועלט!...

— מיר וועלן זען ווער ס'איז גערעכט... — גיט זיך יענער נישט אונטער.

אין מיטן קומט אָן פון ערשטן הויף דער פעלדשער און דערציילט:

— כ'האָב אָקאָרשט געהערט דורכן ראַדיאָ אַן אָפּיציעלע ווערסיע פון דער פוילישער טעלעגראַפן־אַגענטור. די לעצטע דערקלערט, אַז אין הסכם מיטן געשלאָסענעם פּאַקט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד נעמען זיך דיביידע מלוכות אַדורכצופירן אַ צעטיילונג — אַ נייע צעטיילונג! — פון פוילן. דייטשלאַנד גייט פאַרנעמען גאַנץ צענטראַל־פוילן און רוס־לאַנד — די ראַנד־געביטן: מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד.

— פאַרשטייט זיך — זאָגט ווייטער דער פלעדשער — אַז די פוילישע טעלעגראַפן־אַגענטור רעכנט זיך אָפּ מיט די „ביידע דיקטאַטורן פון מערב און מזרח, וועלכע ווילן אומברענגען די פוילישע סוווערעניטעט, וואָס דויערט סך־הכל אַ צוויי צענדליק יאָר נאָך דער הונדערט פופציק־יעריקער קנעכטשאַפט; אַז דייטשלאנד און רוסלאנד — אין וואָס פאַר אַ פעדערן זיי זאָלן זיך נישט פוצן — זענען די אייביקע שונאים פון פוילן"... אאַ"וו.

עס קומען אַראָפּ אין הויף נאָך „מומחים", וועלכע האָבן אויך געהערט די זעלבע אוידיציע דורכן ראַדיאָ, און עס גייט פון ס'ניי אַוועק אַ פּאָ־ליטיקעריי. יעדער איינער באַמיט זיך צו ווייזן זיין באַהאַוונטקייט און בקיאות אין די פּאָליטישע ענינים. פאַרן עולם איז נאָך אָבער נישט אויפגעקלערט ווו עס וועט זיין די גרענעץ; ביז וואַנען וועט זי גיין, די רויטע אַרמיי. טייל האָבן געזאָגט: „ביזן בוג", טייל — „ביזן ווייסל".

— זיכער ביזן ווייסל! — מישט זיך אַריין בערל דער שניידער.

קיינער פון די ייִדן אויפן הויף — אַחוץ דעם שניידער מיטן „לינקן אָפּנייג" — האָט נישט באַרעכטיקט די „נייע צעטיילונג" פון פוילן; אַדרבה, זיי האָבן די דאָזיקע עוולה שאַרף קריטיקירט.

— דער עיקר פאַרדריסט מיך אויף רוסלאַנד — רופט זיך אָן אברהמ־טשע קאָרנבלום. — מילא, דייטשלאַנד איז קיין קשיא נישט. היטלער וויל דאָך פאַרכאַפּן אַ וועלט. אָבער רוסלאַנד? די סאָוויעטן? היתכן? און מיט וועמען? בשותפות מיט היטלערן? פע! פע!

— דער קרעמל ווייס וואָס ער טוט! — באַמערקט בערל דער שניידער.

— ער ווייס נאָר צו זאָגן „אמן"... — זאָגט אַברהמטשע קאָרנבלום.

— און איך זאָג אייך — נעמט ווידער אַ וואָרט דער שניידער — אַז ווי באַלד דייטשלאַנד איז געוואָרן אַ פאַרבינדעטער פון ראַטנפאַרבאַנד,

דאַרפֿן ייִדן מער נישט מורא האָבן פֿאַר היטלערן. סטאַלין וועט נישט לאָזן טאָן קיין עוולה ייִדן.

— דאָס איז אפשר ריכטיק — איז וועד מודה.

— איר וועט זען, איר וועט זען, אַז איך בין גערעכט, זייט רויִק — ווערט דער שניידער גאָר האָפֿערדיק. — דאַכט זיך, אַז שוין, מער וועלן שוין די דייטשן נישט וואַרפֿן קיין באָמבעס אויף וואַרשע.

— הלוואי!

אָבער גלייך ווי אַ בייזער לץ וואָלט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט: פֿון הימל האָט זיך פּלוצלונג דערטראָגן אַ רוישן און באַלד דערויף האָט זיך באַוויזן אַ גאַנצע מחנה מעטאַלענע משחיתים.

— נו, ווו איז ער, דער חכם פֿון „מה נשתנה״? — זוכט מען דעם שניידער.

יענער קוקט, קוקט מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ צום הימל און שרייט אויס:

— האָט קיין מורא נישט, ייִדן! דאַכט זיך, סאָוויעטישע אַעראָפּלאַנען. דאַכט זיך, איך זע רויטע שטערנס...

ייִדן פֿאַררייסן די קעפּ אין דער הויך.

— ער איז נישט נאָר קלוג, ער איז אויך ווייטזעעוודיק... — איראָניזירט ווער. — קוקט אַדרבה, אַפֿילו אַ בלינדער וואָלט געזען, אַז דאָס זענען האַקנקרייצן.

באַלד האָבן זיך אַלע איבערצייגט — אַפֿילו דער פֿאַרשעמטער שניידער:

— ווו־ווו־ווו־בבב־בבב־אַאַא־־דדד!!! — — —

עס האָבן גענומען ערגעץ קראַכן באָמבעס.

— אין „סכראָן״ אַריין!

אַלע ייִדן אין הויף — בערל דער שניידער בתוכם — זענען גיך נעלם געוואָרן אין די באַהעלטענישן.

***

צוליב דעם קלאַנג, אַז די רויטע אַרמיי וועט דערגיין ביז צו דער ווייסל, האָבן זיך אין שטאָט געפֿונען בעלנים צווישן די גלוביקע, וואָס האָבן זיך איבערגעפּעקלט דורך דער קערבעדזש־בריק אויף יענער זייט — אויף פּראַגע, כדי נישט אַריינצופֿאַלן צום דייטש.

און דאָס וואָלטן דאָך אַלע יידן געוואָלט. דערצו האָט מען נישט געדאַרפט זיין קיין חסיד פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע. אויב אויסצוקלייבן צווישן דיביידע אָקופּאַציעס — צווישן דער היטלערישער און דער סאָוויעטישער — איז קלאָר, אַז קיין איינציקער ייד — אַפילו דער פאַביסנסטער קעגנער פון קאָמוניסטישן רעזשים — וואָלט זיך קיין מינוט נישט געקווענקלט און אויסגעקליבן די סאָוויעטישע.

12

מען הערט שוין נישט די וועלט

נישטאָ שוין קיין עלעקטריש ליכט אין שטאָט. דעם שונאס באָמבאַר־דיר־אַוויאָנען האָבן שוין צעזעצט די וואַרשעווער עלעקטראָווניע. די נעכט זענען מאוימדיק פינצטער. פונעם חושך לויערט דער טויט. אין די „סכראָ־נעס" ברענען ליכט. ס'איז טונקל. אין אַלע ווינקעלעך, אין אַלע דורכגענג וואַלגערן זיך מענטשן. מידע, האַלב־פאַרחלשטע. בלאַסע קינדער טוליען זיך און שלאָפן אינעם אָנגעוואָרפענעם בעטגעוואַנט דאָ און דאָרט אויף דער ערד. די קאַנאָנאַדע הערט גאָרנישט אויף. דער דייטש וואַרפט די שווערסטע גראַנאַטן, וואָס קאָנען, דוכט זיך, וועלטן חרוב מאַכן.

אָט קומט אַראָפּ דער שומר פון הויף כאַפּן אַ בליק צו די זייניקע.

— וואָס הערט זיך אין דרויסן? — פרעגט מען אים.

— איר הערט דען נישט? אַפילו מתים קאָנען הערן. דער גאַנצער הימל איז רויט...

— ווי מיינט איר, אונדזער הויז וועט אויסהאַלטן? — פרעגט מען מיך, גלייך ווי איך וואָלט געווען אַן אַלץ־ווייסער, אַ „ספּעץ". — אונדזער הויז איז דאָך ממש ווי אַ פעסטונג.

מ'וויל, הייסט עס, איך זאָל טרייסטן די געמיטער.

— גלייכער — שפּאָס איך — זאָל אונדזער „פעסטונג" נישט דאַרפןביישטיין דעם „נסיון"... יאָ, יאָ, ווער עס גלויבט, מעג זאָגן תהילים...

— אָבער וואָס טראַכט ער זיך, דער סטאַזשינסקי? — מישט זיך אַריין די ווייסמאַנאָווע, מיין שכנה פון דריטן שטאָק. — אַז מען קאָן נישט פירן קיין מלחמה, גיט מען זיך אונטער... איך האָב שוין קיין כוח נישט... מיין האַרץ, פּיל איך, וועט נישט אויסהאַלטן.

— אַוודאי אַזוי — רופט זיך אָפּ מיט איראָניע דער שומר, בערל שניידער פון פּאַרטער. — איר וואָלט זיך טאַקע באַלד אונטערגעגעבן. דערפאַר שיקט מען נישט קיין ווייבער מלחמה האַלטן.

— כ׳מיין באמת — לאָזט די ווייסמאַנאָווע נישט אָפּ — וואָס איז די פּעולה פון דעם אַלעמען? מיר וועלן דאָך חלילה אַלע אומקומען...

— איז אפשר וואָלט איר געגאַנגען צו סטאַזשינסקין אין נאָמען פון די ווייבער אים בעטן ער זאָל זיך אונטערגעבן?...

— איך וואָלט געגאַנגען, ווען מען שיסט נישט...

עולם לאַכט מיט יאַשטשערקעס...

און אַז עס איז נישטאָ קיין עלעקטריע, איז אויך נישטאָ קיין ראַדיאָ אין שטוב. הערט מען שוין גאָרנישט די וועלט, הערט מען שוין נישט לאָנדאָן און פּאַריז, הערט מען שוין נישט אין אָוונט אונדזער טרייסטער — פּולקאָווניק סטאַזשינסקי. איז מען אינגאַנצן פאַרלוירן און צעטומלט. מ׳ווייס שוין גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט. מ׳נערט זיך נאָר מיט קלאַנגען, מיט מעשיות און בבא־מעשיות, וואָס עמעצער ברענגט בייטאָג פון גאַס צווישן איין „נאַליאָט” און אַנדערן.

איין טאָג כאַפּט מען זיך, אַז עס איז שוין אויך קיין וואַסער נישטאָ. די מחבלים האָבן צעשטערט די וואַסער־אינסטאַלאַציעס. מ׳פּרוווט אַלע ווילע צופאַלן צום קראַן, מ׳דרייט אַהער, אַהין, אָבער — טרוקן! קיין טראָפּן פייכטקייט שווימט נישט אַרויס פון זיינע געדערים.

אַן אימה איז באַפאַלן די מענטשן. וואָס וועט שוין איצטער זיין?

שוין אין ערשטן טאָג אַן וואַסער איז דער „סכראַן” געווען אין פאַרצווייפלונג. מאַמעס האָבן די הענט פאַרבראָכן: ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט די קינדער? וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

13

וואַסער! וואַסער!

אַ פיינלעכע סצענע:

אין „סכראַן” איז אין אַ ווינקל געשטאַנען אַן אַלטער בלעכערנער רעזערוואַר פון עפּעס אַן אַמאָליקער פאַבריקס־איינריכטונג. ס׳איז עמעצן איינגעפאַלן צו באַטאַפּן און באַשמעקן דעם רעזערוואַר, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין אים איז פאַראַן אַ מוטנע פליסיקייט.

אין אומרו פון יאָרן

— וואַסער! וואַסער! — איז געוואָרן אַ בהלה.

מענטשן זענען צוגעלאָפן צום רעזערוווּאַר ווי אין שגעון. ס'איז געוואָרן אַ ווילדע שטויסעניש, אַ שטופעניש. דער שטאַרקערער האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און דער שוואַכערער איז געבליבן פון הינטן.

מ'האָט לסוף געמאַכט אַ קליינע עפענונג אינעם בלעך פון רעזער־וואַר און ס'האָט גענומען רינען. מ'האָט אונטערגעשטעלט טשייניקעס, טעלער, טעפלעך, גלעזער — וואָס איינער האָט געהאַט. איינער האָט זיך געריסן און אָפּגעשטופּט דעם אַנדערן:

— גענוג שוין פאַר איך! זעט נאָר, זעט, אַ גאַנצן טאָפּ וואַסער! פאַראַן דאָך נאָך מענטשן!

— לאָזט מיך צו. לאָזט מיך! פאַר אַ קראַנק קינד!

— לאָזט, גזלנים!

— איין ביסעטשקעלע!

— מיר אַ קליינעם טריפּעלע. איך חלש...

אַזוי אַפּנים זעט אויך אויס אויף אַ זינקענדיקער שיף...

די דאָזיקע רייסעריי האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביז דער רעזערוווּאַר איז פוסט געוואָרן. אין „סכראָן" זענען געבליבן אַזעלכע, וועמען ס'איז נישט געלונגען צו באַקומען אַ טראָפּן וואַסער.

— ייִדן, ס'איז נישט קיין יושר! — לאָזט איינער פאַלן אַ רוף. — מ'מוז דאָס וואַסער איינטיילן.

— איינטיילן, איינטיילן! — האָבן געשריען די באַוואָלהטע.

און אַזוי איז טאַקע געווען:

מ'האָט באַלד באַשטימט צוויי מענטשן, וועלכע האָבן רעגולירט דעם ענין וואַסער. מ'האָט צוגענומען אַ טייל ביי די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט אַ סך, און מ'האָט געטיילט צווישן אַזעלכע, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט. געוועזן אין „סכראָן" אַ פּאָר קראַנקע, האָט מען פאַר זיי באַשטימט אַ ביסל מער וואַסער, כדי מ'זאָל פאַר זיי קאָנען אויפקאָכן אַ ביסל טיי, צי אַ קאַשקע.

צומאָרגנס איז מיטן ענין וואַסער געוואָרן לייכטער. עס האָט זיך גע־פונען אין „סכראָן" אַ יונגע שיקסע, אַ „ביאַניע" ביי איינער פון די פאַ־מיליעס, אַ מויד אַ ברען, וועלכע האָט זיך אונטערגענומען צו גיין צום ווייסל נאָך וואַסער. בעת דער לופט־אַנגריף האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט האָט זי געכאַפּט צוויי עמערס און — הײדאַ! פאַרביי דעם פּאַרק טראַוגוטאַ, אי־בער די פּלאַנטן, גלייך צום וואַסער אַראָפּ. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און זי איז צוריקגעקומען מיט צוויי פולע עמערס. און אַזוי ווי דער עולם האָט

דערזען אַ מעגלעכקייט, איז שוין די פּאַניק פֿאַרבײַ. מ׳האָט דער שיקסע פֿײַן „באַדאַנקט“ און יענע איז נישט פֿויל געווען צו מאַכן נאָכאַמאָל אַ שפּאַציר מיט די עמערס צו דער ווייסל. מענטשן זענען שוין מיטאַמאָל געוואָרן פֿרײַנטלעכער, גרויסמוטיקער.

— ווער דאַרף אַ ביסל וואַסער? פֿראַשען באַרדזאָ!... — האָט מען שוין געהערט פֿאַרשלאָגן...

— דזיענקויען באַרדזאָ, מיר האָבן שוין...

און אַזוי שוין אַלע טאָג. אַלע טאָג האָט מען שוין באַזאָרגט וואַסער פֿון דער ווייסל. און נישט נאָר פֿון אונדזער „סכראָן“ — פֿון אומעטום, פֿון אַלע הויפֿן איז מען געגאַנגען צום ווייסל נאָך וואַסער. מ׳איז געגאַנגען לויט אַ ריי. די סכנה איז געווען פֿאַרטיילט פֿאַר אַלעמען גלײַך, לויט אַ ריי. צו די ווייסל־ברעגעס האָבן זיך אַזוי געצויגן — צווישן איין אָנגריף און צווייטן — אײַלנדיקע מענטשן מיט עמערס אין די הענט. ס׳האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ פּילגרימען־גאַנג. אָפּטמאָל פֿלעגן די וואַסער־טרעגער פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף לאַנגע שעהן: אין מיטן וועג פֿלעגן זיי דערהערן אַן אַליאַרם פֿון די סירענעס. אַ „נאַליאָט“. דער הימל פֿלעגט דורכגעקרייצט ווערן פֿון די פֿליענדיקע, זשומענדיקע רוחות. פֿלעגן זיי זיך אַרײַנכאַפּן אין ערשטן־בעסטן טויער, אין דער ערשטער־בעסטער באַהעלטעניש. אין די „סכראָנעס“ האָבן דאַן מענטשן מיט טרוקענע גומענס און פֿאַרטריקנטע ליפּן אַ גאַנצן טאָג די אויגן אויסגעקוקט און געחלשט נאָך אַ ביסל וואַסער.

14

אויף די וואַרשעווער גאַסן

איין טאָג בין איך אין אַ רויִקער מינוט אַרויס כאַפּן אַ בליק אויף די שכנישע גאַסן. אויף פּלאַץ קראַשינסקיך זענען ביים סקווערל אויסגעוואָקסן פֿריש־אָנגעשאָטענע קברים־בערגלעך. מענטשן זענען דערהרגעט געוואָרן — אָדער עס האָבן געטראָפֿן נאַטירלעכע טויט־פֿאַלן — און מ׳האָט דאָך נישט געקענט פֿירן די מתים אַזש אויפֿן בית־עולם, — האָט מען זיי פּראָוויזאָריש באַגראָבן אויפֿן קראַשינסקי־פּלאַץ. ביי יעדן קבר האָט צו־קאָפּנס געשטעקט אַ ברעטל מיטן נאָמען פֿון קרבן. נעמען פֿון ייִדן, נעמען פֿון פּאָליאַקן. אַלע זענען געלעגן אין איין ריי. פֿאַרברידערטע פֿון איין אומ־

גליק, פון איין און דעם זעלביקן טויט... אַזעלכע צייטווייליקע קברים זענען אויך אויסגעוואָקסן אין אַ סך הויפן. דאָ האָט דער קרבן געפונען זיין טויט און דאָ האָט מען אים דערווייל מקבר געווען ביי אַ בלינדער וואַנט פונעם הויף.

אויף ראָג שוויטאָיערסקע – וואָלאָווע ליגט אויפן טראָטואר אויסגע־צויגן אַ טויטער מאַנסביל, פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט אַ צייטונג. ווער האָט אים אַרויפגעלייגט די צייטונג? אַ נאָנטער? אַ פרעמדער צופעליקער פאַרבייגייער — צוליב דרך־ארץ פאַרן טויט?... ער ליגט קווער, מיטן קאָפּ צו דער וואַנט פון מויער, די פיס הפקרדיק פונאַנדערגענומען. איין הויז איז אַ ביסל פאַרשאַרצט און עס בלייבט אַ שטיק נאַקעטער געלבלעכער פוס. גלייכגילטיקער הפקר פונעם טויט — — —

אויפן מיטן פלאַץ קראַשינסקיך ליגט אַ דערהרגעט פערד. אַן אומ־באַוועגלעך־פאַררייסענער קאָפּ און אויסגעשטשירעטע ציין. צוויי פיס שטאַרן שטייף אין דער לופטן. אויפן אומגעלומפערט־אָנגעבלאָזענעם בויך פון פערד זיצט אַ מענטש און שניידט אויס מיט אַ מעסער שטיקער פלייש: אין דער אומגליקלעכער שטאָט בושעוועט שוין דער הונגער! נישט אַלע האָבן זיך געקאָנט אָנגרייטן רעזערוון שפּייז און איצט זיצט מען שוין אין אַ סך, אַ סך „סכראָנעס" אָן אַ ביסן ברויט אין מויל. און ווער רעדט נאָך אַז עס זענען דאָ קינדער, קליינע קינדער! די פאַרצווייפלונג האָט געטריבן מענטשן אין מיטן די „באַליאָטן" אויף דער גאַס אַרויס. מ'האָט געזוכט שפּייז און באַקומען „מיט גוטן" אָדער „מיט בייזן". מ'האָט אויפ־געריסן פאַרלאָזענע שפּייז־געוועלבער און מ'האָט זיך אַליין „באַדינט"... מ'האָט עס געטאָן פאַר זיך, מ'האָט עס געטאָן פאַר די הונגעריקע ווייב און קינדער.

דאָ און דאָרט באַגעגן איך אַזעלכע „בייגעריקע" ווי איך און ווער אַזוי אַרום געוואָר די אַלע פּרטים.

אין איין אויפגעריסן געוועלב, דערציילט מען מיר, האָט דער איי־גנטימער אַפילו געפונען אויפן טיש אַ רעכנונג מיט געלט פאַר גענומענע פּראָדוקטן...

איך לויף אַריין, פאַרבייגייענדיק, צו אַ פּאָר באַקאַנטע, וואָס וווינען צום נאָענטסטן. איך ווער געוואָר פון אומגליקן צווישן היימישע — פון שרפות און אומקום אונטער איינגעפאַלענע ווענט.

איך גיי צוריק אַהיים. אויף יעדער גאָס — שרפות, שרפות, צעשאָ־טענע ווענט. אין האַלדז שטיקט אַן עסנדיקער רויך. ס'איז פּשוט שווער צו

אַטעמען. עס ברענט אויף פראַנציִשקאַנער, אויף נאַלעווקעס, אויף גענשע, אויף שוויענטאָיערסקע. ייִדיש האָב און גוטס גייט אַוועק מיטן רויך.

און אָט — ווידער! „אַמאָל אין אַ נאָווינע" אַ פרישער „נאַליאָט"...

סירענעס צעליאַרעמען זיך אַזוי מסוכנדיק. אויפן הימל רוישט שוין דער מלאך־המות... אַ גאַנצע מחנה, ווי די הייִשעריקן, פליִען אָן די פּיינט־לעכע באָמבאַרדירער, העל־צעגלאַנצטע אין דער זון.

— טטטט־ררררר־אאאא־דדדדד!!!!

כ׳לויף אַריין אין אַ טויער. כ׳בין שוין אויף שוויענטאָיערסקע נעבן די נאַלעווקעס. ס׳איז שוין נישט ווייט פון מיר, אָבער מען מוז איבערוואַרטן אין טויער. פון קראַשינסקיס גאָרטן „אַרבעט" די פּוילישע זעניט־אַרטילע־ריע. אָבער יענע, די רוחות אין דער לופטן, זענען אַ סך, אַ סך און ווערן נישט נתפּעל. טאָמער ווערט געטראָפן איין אַוויאָן אָדער צוויי — איז עס אַ זעראָ אין פאַרגלייך מיט דער מחנה. און מעשה־שטן רעגנט עס נישט, גיסט עס נישט. דער הימל אַזוי לויטער און אַזוי גינסטיק פאַר די דייטשן. וואָלט עס געכליאַפּעט, וואָלט עס פינצטער געווען כסדר, שטאָק־פינצטער, אַפילו אין מיטן טאָג. ווער דאַרף האָבן איצט די זון? — — — — — —

— ווווו — —ווווו — — בבאאא — — דדדדד!!!! — — — —

אַ באָמבע פאַלט איצט אויף אַ שכנישער גאַס. איך פיל, ווי די ערד ציטערט ממש אונטער די פיס. ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז אַזוי ווי קאָרטן־שטיבעלעך זענען די ריזיקע מאַסיווע וואַרשעווער הייזער־בלאָקן. ווי זיי ווערן עס אַזוי אין איין רגע צעפאַלן, צעשאָטן...

איך נוץ אויס אַ שטילערע פויזע און לויף צו צו מיין הויז. מיט נער־וועזע טריט און מיט האַרץ־קלאַפּעניש פאַל איך אַריין אין מיין „סכראָן".

15

און יידן דאַוונען...

אונדזער הויף איז פאַרנומען געוואָרן פון אַן אַרטילערישן „אָבאָז". ס׳איז פול געוואָרן מיט מיליטערישע וועגענער און פערד. זעלנער זענען געוואָרן אונדזערע שטענדיקע געסט בייטאָג און ביינאַכט. די איינוווינער פון הויף זענען געווען אין הוילער שרעק: אַז די דייטשישע פליִער וועלן

עס באַמערקן, וועט אונדזער הויז — די גאַנצע „פעסטונג", אומשטיינס געזאָגט! — אַוועק מיט פייער און רויך.

מ'האָט פאַרפירט שמועסן מיט די זעלנער. מ'האָט זיי אויסגעפרעגט ווי עס האַלט אויפן פראָנט. יענע שטאַמלען און דריקן מיט די אַקסלען. זיי ווייסן נישט וואָס צו ענטפערן. איינער אַ בענדלדיקער רופט זיך אָן:

— פרעגט נישט, עס וועט גוט זיין... בענדזשע דאָבזשע...

— ווען וועט שוין גוט זיין? — פרעגט מען אים.

— בענדזשע, בענדזשע...

— האָט איר געזען רידז שמיגלין? — פרעגט מען אים.

— געזען... ער איז טאַקע געפלויגן קיין אויסלאַנד צו די פאַרבינ־דעטע וועגן הילף... דער פרעזידענט איז אויך אַהין געפאָרן...

— איז ווו־זשע די הילף? — לאָזט מען אים נישט אָפּ.

— בענדזשע, בענדזשע... נישקשה, ענגלאַנד און פראַנקרייך שלאָפן נישט...

— פאַרוואָס זעט מען זיי נאָך נישט? און ווו זענען אַהינגעקומען די פוילישע אַעראָפּלאַנען? פאַרוואָס לאָזט מען די דייטשן חרוב מאַכן וואַרשע?..

— היינט־מאָרגן קומען אָן 2.000 אַוויאָנען פון ענגלאַנד... וועט מען זיי ווייזן, די שוואָבן...

אַזוי רעדט ער, דער בענדלדיקער, שמייכלענדיק אונטער די קליינע בלאָנדע וואָנסעלעך און מען דערקענט, אַז ער אַליין האַלט עס אויך פאַר אַ בבא־מעשה...

— נו, און די רויטע אַרמיי? — פרעגט מען אים ווי אַ „זאַכקענער".

— מ'זאָגט, אַז די רויטע אַרמיי וועט צוגיין ביז דער ווייסל ?

— די רויטע אַרמיי איז צוגעגאַנגען נאָר ביזן בוג. די פוילישע אַרמיי לאָזט זי ווייטער נישט גיין...

עולם קוועטשט מיט די אַקסלען:

— די פוילישע אַרמיי!? אפשר די דייטשישע?...

— די פוילישע אַרמיי שלאָגט זיך מיטביידן — מיט די דייטשן און מיט די רוסן... — ענטפערט יענער באַרימעריש.

— פרעגט אים בחרם! — לאַכט אים אויס בערל דער שניידער ווי אַן אַלץ־ווייסער, — ער קען זיך אויף פּאָליטיק ווי מיין לינקער פוס. ער ווייס גאָרנישט, אַז די רויטע אַרמיי איז צוגעגאַנגען ביז אַ פון פאָרויס אָפּ־געשטימטן פונקט — לויטן אָפּמאַך. אָט האָט ער אַ טשייניק, נישטאָ וואָס צו הערן.

און בערל דער שניידער גייט אַוועק מיט ביטול.

בעת די קאַנאָנאַדעס בײנאַכט פֿלעגן זיך די זעלנער פֿון „אָבאָז״ אַרײַנכאַפּן אויף די טרעפּ. איבערן הויז האָבן זיך שוין איין מאָל געריסן גראַנאַטן און די שפּליטערס האָבן זיך געשאָטן אויפן הויף. איין פֿערד איז געפֿאַלן. אַ זעלנער, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעהיט, האָט געכאַפּט אַ וווּנד.

עס האָבן זיך געפֿונען פֿרומע ייִדן אויפן הויף, וואָס פֿלעגן נאָך אַרײַנכאַפּן אַ דאַוונען בציבור אינעם בית־מדרש, וואָס אין דריטן הויף. אויב נישט אינדערפֿרי אַ שחרית, איז אַ מנחה, אַ מעריב. זיי פֿלעגן שוין ווי עס איז „צונויפֿקלאַפּן" אַ מנין. אין גאָטס הויז פֿילן זיך די דאָזיקע ייִדן זיכערער. פֿאַראַן אַפֿילו עטלעכע פֿאַרשווינען, עלטערע ייִדן, וואָס גייען גאָר נישט אין קיין „סכראָן״, נאָר זיצן טאָג און נאַכט אין בית־מדרש.

— ד׳ לי לא אירא... — טענהט דער אַלטער גרויער ציטרין צו זײַנע שטוב־מענטשן, וועלכע שלעפּן אים אין „סכראָן״ און ער רײַסט זיך דווקא אין בית־מדרש.

16

„וואַיענקאַ, וואַיענקאַ"...

איין טאָג פֿאַרשיטן דײַטשישע אַוויאָנען וואַרשע מיט „אולאָטקעס״ 1). קיין באָמבעס וואַרפֿן זיי נישט, נאָר קליינע ווײַסע פּירקאַנטיקע פּאַפּירלעך, וואָס וויגן זיך אין דער לופֿטן ווי אַ ווײַסער שניי. איך הייב אויף אַזאַ פּאַפּירל אויפֿן הויף און לייען. ס׳איז אַ וואָרענונג, אַז וואַרשע זאָל זיך אונטערגעבן; אַז דער ווידערשטאַנד ברענגט נאָר אומזיסטע קרבנות אאַ״וו. צום סוף קומט אַ דראָונג, אַז אויב זייער רוף צום קאָמענדאַנט פֿון שטאָט וועט נישט גענומען ווערן אין אַכט, וועלן זיי חרוב מאַכן די גאַנצע רעזידענץ און די התחייבות וועט פֿאַלן אויף דער פּוילישער מיליטערישער אָנפֿירונג.

כמעט דעם גאַנצן טאָג איז שטיל געווען. איך נוץ אויס די דאָזיקע שטילקייט און לאָז זיך אויף די נאַלעווקעס. די גאַס האָט שוין ווידער גע־

---

1) פֿלוג־בלעטלעך.

ענדערט איר אויסזען. עס פעלן שוין ווידער הייזער. ס'איז אַ חורבן. גאַנצע בלאָקן אויסגעהוילט פון שרפות. די ריזיקע הייזער אויף ראָג גענשע, די גרויסע מאַנופאַקטור־מאַגאַזינען פון נאַלעווקעס 25, 27, 29 און כסדר זענען אָפּגעווישט. יבש. בלויז רואינען, ציגל־בערג.

עס ברענט סימאָנס פּאַסאַזש. מ'זאָגט, אַז שוין עטלעכע טעג ווי ער ברענט. הונדערטער יידישע געשעפטן גייען דאָ אַוועק מיטן רויך. געווען דאָ אויך אַ סך מענטשלעכע קרבנות. אויך די שיינע איידעלע פרוי פונעם זשורנאַליסט ש. גאָטליב — אַ ווינערין — האָט דאָ געפונען דעם טויט. בעת אַ „נאַליאָט" איז זי אַהער אַרײַנגעלאָפן פון גאַס און געוואָלט זיך שיצן אויף די טרעפּ. אָבער די דייטשישע באָמבע, וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם פּאַסאַזש, האָט אויך אַ סוף געמאַכט צו איר יונג לעבן.

ברענט דער פּאַסאַזש און רויכערט. מענטשן נישטערן. ווער עס זוכט די קערפּערס פון נאָנטע, ווער הפקרדיק האָב און גוטס... עס שטיקט אין האַלז, נישט צום אָטעמען. צי איז עס נישט דער עסנדיקער רויך פון מענטשלעכע פאַרקוילטע גופים?...

איך לאָז זיך גיין ווייטער דורך ביעלאַנסקע, צום טעאַטער־פּלאַץ. די אָפּערע־געביידע ברענט, דער מאַגיסטראַט ברענט, די גאַנצע ווערזשבאָווע וויקלט זיך אין רויך. נישט מעגלעך דורכצוגיין. געציילטע מענטשן איילן, לויפן דורך ווי בעת אַן ערד־ציטערניש.

איך קער זיך אום צוריק דורך מיאָדאָווע. דורך רויך און פלאַמען, דורך טויטע גופים, דורך פּגרים פון פערד אויפן ברוק.

— נו, ווו זענען זיי, די ענגלענדער? די פראַנצויזן?... וואַרשע איז דאָך שוין באַלד אינגאַנצן חרוב...

דאָס האָט עמיץ געפרעגט אין אונדזער הויף ביים עלטסטן פונעם אַר־טילעריע־„אָבאָז".

— פּשידאָן, פּשידאָן...1) — ענטפערט יענער מיט אַ שמייכל.

אין ערשטן הויף זע איך אַ היפּשן עולם. מער מענטשן ווי תמיד בעת די הפסקות צווישן די „נאַליאָטן". מאַנסבילן, פרויען, קינדער. מען טענהט איין מיט די זעלנער פון אַרטילעריע־„אָבאָז", מען וויכוחט מיט זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן געוווּסט עפּעס מער און גלייך ווי זיי וואָלטן עס געווען די מיט־פאַראַנטוואָרטלעכע...

מען פאַרוואַרפט זיי מיט פראַגן:

— ווען נעמט שוין אַ סוף? ווי לאַנג קאָן מען עס אויסהאַלטן?...

1) זיי וועלן קומען...

— ווו זענען די ענגלישע און פראַנצויזישע אַעראָפּלאַנען?
— ווו איז מאָשטשיצקי?
— ווו איז רידז־שמיגלי?
— ווו איז בעק?
— ווו איז די הילף פון די פאַרבינדעטע?
די זעלנער מאַכן געהיימנישפולע מינעס ווי כלומרשטע אַלץ־ווייסער.

— זיי פאַרשפּעטיקן זיך טאַקע, אונדזערע פאַרבינדעטע... — זאָגט איינער פון זיי.

— דער דייטש קריגט קלעפּ ערגעץ אַנדערש... — זאָגט אַ צווייטער זעלנער ווי זיך צו פאַרענטפערן.

און אַ דריטער הויבט גאָר אָן ווילעריש און מיט „גאַלגן־הומאָר" אונטערצווינגען:

ואַיענקאַ, ואַיענקאַ,
יאַקאַש טי שאַלאַנאַ — — — —

צווישן עולם איז אויך פאַראַן בערל דער שניידער מיטן „לינקן אָפּנייג".

— נו, ווו איז די רויטע אַרמיי? — פרעגט אים ווער, — און פאַרוואָס ווירקט נישט סאָוויעט־רוסלאַנד, אַז דער „שותף" זאָל נישט חרוב מאַכן קיין ציווילע הייזער?

— מלחמה איז מלחמה... — שטאַמלט יענער.

— קעגן וועמען? קעגן אייך? קעגן אונדז?

— האָט איר נאָך אַן עוולה ביים דייטש! ווער איז שולדיק, אַז די דייטשן זענען באַנדיטן? — ענטפערט האָפערדיק בערל דער שניידער.

— מיט באַנדיטן אָבער שליסט מען נישט קיין אָפּמאַכן!... — באַנייט ווידער די טענה אברהמטשע קאָרנבלום.

און ווידער האָבן געקלונגען אין הייסן וויכוח די נעמען טשעמבערליין... האַליפאַקס... בעק... מאָלאָטאָוו... ריבענטראָפּ...

אין אָוונט האָט דער „אָבאָז" געקריגן אַ באַפעל צו עוואַקויִרן דעם הויף. מענטשן האָבן עס פאַרשיידן אויסגעטייטשט.. די שוואַרץ־זעער האָבן דערין געזען אַ סימן, אַז היינטיקע נאַכט וועט מסתמא זיין „פריילעך"... אַז אונדזער הויז איז זיכער אין דער גרעסטער סכנה... דערפאַר אַנטלויפן זיי פון דאַנען. די נאַכט איז אָבער פאַרבייגעגאַנגען נאָך מיט חסד. עס האָבן זיך טאַקע געריסן גראַנאַטן איבער דער שטאָט, אָבער „נאָרמאַל"... נישט אויסערגעוויינלעך...

17
וואַפנשטילשטאַנד!

ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד ! — — —

די דאַזיקע בשורה האָט זיך ראַש פאַרשפרייט איבער דער אויסגעמאַ־טערטער, אויסגעפייניקטער הויפט־שטאָט.

מ׳הערט שוין נישט רוישן קיין אַעראָפּלאַנען, קיין דעטאָנאַציעס פון אַרטילעריע.

ק אַ פּ י ט ו ל אַ צ י ע ! נאָך פיר וואָכן גערانגל, נאָך טעג און נעכט פון גרויל, שרפות, חורבנות און טויט האָט וואַרשע קאַפּיטולירט.

די גאַסן זענען פלוצלונג פול געוואָרן מיט מענטשן. אַלץ האָט זיך אַרויסגעשאָטן פון די הייזער, פון די „סכראָנעס״. ס׳איז אַ זוניקער טאָג פון סוף סעפּטעמבער. די שענסטע צייט אין פּוילן — דער גאָלדענער האַרבסט. מ׳ציט אַריין אין זיך די פרישע לופט. נישט אומעטום אָבער איז די לופט פריש: דאָ און דאָרט רויכערן זיך נאָך רעשטלעך פון פאַרברענטע הייזער. אַן עסנדיקער רויך דרינגט אַריין אין די נאָז־לעכער, אין האַלדז, אין די לונגען. אָבער ווי גוט! מ׳קאָן קוקן רויק אין הימל אַריין...

איבער די גאַסן פליען מיליטערישע מאָטאָציקלען. אָפיצירן שוועבן פאַרביי אין דזשיפּן. מ׳איילט אַהין, מ׳איילט אַהער. קיין דייטשן זעט מען נאָך נישט. אפנים, עס גייט דערוויַיל אין „פּאַרמאַליטעטן״... דאָס איבער־געבן „די שליסלען פון שטאָט״ האָט דאָך אויך איר „פּראָצעדור״...

אַ פרישער קלאַנג:

די רויטע אַרמיי איז צוגעגאַנגען ביז צו דער ווייסל און אויף דער קערבעדזש־בריק פלאַטערט אַ רויטע פאָן... די דאָזיקע „נייס״ האָט גע־בראַכט אין אונדזער הויף טאַקע בערל דער שניידער, ביי וועמען דער צע־היצטער דמיון האָט שטאַרק געאַרבעט. עס האָבן זיך געפונען בעלנים, וועלכע זענען געלאָפן צו דער ווייסל זען מיט זייערע אייגענע אויגן די „רויטע פאָן״; אָבער... בבא־מעשיות! ביים קערבעדזש־בריק אויפן ווייסל־ברעג איז גאָר געווען צו זען אַ צעזעצטע פּוילישע אַרטילערישע באַטאַרייע פון זעניט־האַרמאַטן, צעשאָטענע אַמוניציע און עטלעכע הרוגים, וואָס וואַלגערן זיך דאָ־דאָרט אויף דער ערד. מ׳האָט נאָך נישט באַוויזן זיי אָפּצורוימען...

אויף אַ סך פונקטן אין שטאָט זעט מען באַריקאַדן, וואָס צוימען אָפּ די גאַסן. אָנגעוואָרפענע וועגענער, קאַסטנס, שטיינער, שטעכיקער דראָט,

כלערליי ברוכוואַרג. דאָס האָט זיך וואַרשע געגרייט צו גאַסן־קאַמפן מיטן שונא. אָבער די באַריקאַדן זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן. די שטאָט איז אָן דעם אויך געגנוג חרוב געוואָרן און געגנוג קרבנות — אין די שווערע טויזנטער! — זענען געבראַכט געוואָרן אין די פיר קאַשמאַרפולע וואָכן פון באַלאַגערונג.

איך אייל אויף גראַניטשנע 11 — צום נייעם לאָקאַל פון ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין. דאָס גאַנצע הויז איז אויסגעהוילט פון שרפה. נאָר דער פראָנט איז געבליבן. נישטאָ דער פאַראיין! נישטאָ די שרייבערישע היים! דער גאַנצער אַרכיוו, די רייכע קאָלעקציע קונסט־בילדער פון אונדזערע בעסטע מאָלער: פון פעליקס פרידמאַן, וו. וויינטרויב, יצחק ברוינער, הענריק בערלעווי, ווינלעז, שליווניאַק, הירשפאַנג, טרעמבאַטש, מאַניעוויטש, אַפּעלבוים. אַלע פּאָרטרעטן, צייכענונגען און שאַרזשן פון שרייבער — אַלץ אַוועק מיטן רויך!

אַ פאַרוואַלטונג פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13

אין דער ערשטער ריי (פון רעכטס): מנחם קיפּניס און ז. סעגאַלאָוויטש;
אין דער צווייטער ריי: א. איינהאָרן, ב. קאַרלינסקי (קאַרליניוס), ש. יאַנאָווסקי,
ב. שעפנער, ד״ר יצחק שיפּער, א. גאָלדבערג, סעקרעטאַר געלבערג,
אברהם זאַק און בערנאַרד זינגער;
אין דער דריטער ריי: ש. וואַגמאַן.

איך טרעף ביים טויער נאָך עטלעכע קאָלעגן - שרייבער: קירמאַן, אַפּעלבוים, דער אַלטער זאַקס — דער שטענדיקער זיצער און... דרימלער אין לאָקאַל. נעבן זיי — דער תּמיד־באַוועגלעכער ריבאַייזן (דער באַאַמטער פון פאַראיין), וועלכער איז מעשה־באַלעבאָס געקומען פון די ערשטע אַ בליק טאָן וואָס עס איז געוואָרן פון „זיין" פאַראיין... ריבאַייזן ווייס שוין און ער אינפאָרמירט אונדז, אַז אַלע ייִדישע שרייבער האָבן פון די קריגס־אָפּעראַציעס פיזיש נישט געליטן. עס איז נאָר אומגעקומען, ווי שוין דער־ציילט, די פרוי פון ש. גאָטליב. ביי טייל שרייבער זענען דעמאָלירט גע־וואָרן די וווינונגען — ביי וועמען מער, ביי וועמען ווייניקער.

פון אונדזער שוין פאַרלוירענעם פאַראיין לאָזן מיר זיך אַלע אַוועק — ווי נשרפים — איבער די גאַסן פון ייִדישן ראַיאָן. איבער די ייִדישע גאַסן איז דער רויך־נעפּל פון שרפות געוועזן געדיכטער און שטיקנדיקער.

צומאָרגנס זענען שוין געהאַנגען אויף די גאַסן פּלאַקאַטלעך וועגן דער אונטערגעשריבענער קאַפּיטולאַציע. ס'זענען געווען אויך אויסגע־רעכנט די אַלע פּלעצער, וווּ דאָס פּוילישע מיליטער דאַרף לייגן דאָס גע־וועד. אונטער די פּלאַקאַטלעך זעט מען דעם נאָמען פון קאָמענדאַנט סטאַזשינסקי.

קיין דייטשיש מיליטער זעט מען נאָך נישט אין שטאָט. בלויז וווּ־ניט־וווּ לויפט שנעל אַדורך אַן אויטאָ מיט אָפיצירן — פּוילישע און דיי־טשישע. אפנים דאָס פאָרן זיי אויף באַשטימטע פּונקטן צו דערליידיקן די לעצטע „פאָרמאַליטעטן" פון איבערגעבן און איבערנעמען די רעזידענץ.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן זע איך דאָס טרויעריקע בילד פון קאַפּיטו־לאַציע.

איך שטיי ביים ראָג שווינטאָיערסקע און ניי־באָניפראַטערסקע און אָבסערוויר ווי דאָס פּוילישע מיליטער ציט פון די וויסל־ברעגעס. עס גייען קאָמפּאַניעס נאָך קאָמפּאַניעס. זעלנער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מידע, פאַרשטויבטע, צעקנייטשטע פון ליגן אין אָקאָפּעס. פּנימער מרה־שחורה־דיקע, אויסגעפייניקטע, — ווי ביי מענטשן, וואָס גייען צו דער עקזעקו־ציע... פון זייערע אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט געוויינט מיט ווייטיקדיקער רעזיגנאַציע... די אַלע ראָטעס ציִען עס אין אַן אומעטיקן מאַרש צום פּלאַץ קראַשינסקיך, כדי צו לייגן דאָס געווער...

איך גיי צו אַהין, צום פּלאַץ קראַשינסקיך. דאָ און דאָרטן וואַקסן אויס קופּעס פון ביקסן און מאַשין־געווער, אָנגעלייגט אין אומאָרדענונג איינע אויף די אַנדערע. כסדר זענען אָנגעקומען פרישע מיליטער־אָפּטיילונגען

און איטלעכער זעלנער באַזונדער איז צוגעגאַנגען און אַ וואָרף געטאָן אויף אַ קופּע זיין ביקס אָדער זיין אויטאָמאַט. אַזוי זענען די סטאָסן געוואָקסן אַלץ העכער. פון פּלאַץ — נאָכן אָוועקלייגן דאָס געווער — זענען די זעלנער שוין געווען פריי. יעדער איינער האָט געקאָנט אַהיים גיין, אָדער ווו זיין האַרץ האָט געגלוסט. אַזוי איז עס געווען לויטן אָפּמאַך. אַזוי איז עס אויך צוגעגאַנגען אויף די אַלע באַשטימטע פּלעצער.

און אַזוי איז אויפגעלייזט געוואָרן די פּוילישע אַרמיי, וואָס האָט געשיצט וואַרשע פיר וואָכן נאָכאַנאַנד אונטערן האָגל פון פייער און טויט...

18

וואָס וועט איצטער זיין?

דעם אַנדערן טאָג האָט מען נאָך אַלץ קיין דייטשיש מיליטער אין שטאָט נישט געזען. בלויז דייטשישע אָפיצירן זענען שנעל אומגעלאָפן אין אויטאָס איבער די גאַסן. דאָס מאָל שוין אָן דער באַגלייטונג פון פּוילישע מיליטער־לייט.

דאָס י ִד י ש ע וואַרשע איז געווען פול מיט שפּאַנונג:

וו אָ ס ו ו ע ט א י צ ט ע ר ז י י ן ? — — —

אין יידישן ראַיאָן זענען געשטאַנען רעדלעך יידן און מ׳האָט געשמועסט. מ׳האָט שוין גערעדט מיט שטילערע שטימען, כאָטש אין דער שכנות זענען נאָך קיין דייטשן נישט געווען צו זען... עס זענען איבערגעגעבן געוואָרן קלאַנגען, השערות, אמתדיקע און פאַנטאַסטישע.

— שאַ, רעדט נישט אַזוי הויך... — האָט מען זיך איינע די אַנדערע דערמאָנט, טאָמער האָט ווער גענומען רײדן אויף אַן אָקטאַווע העכער.

— איצט איז געזינטער צו ריידן בלחש... — באַמערקט אַן אַנדערער.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן דערציילט מען, אַז אויף דעם פּלאַץ, וואָס פאַרן פּאַרק טראַוגוטאַ, אַנטקעגן דאַנציקער וואָקזאַל, שטייט שוין אַ דייטשישער מיליטערישער „אַבאָז" און אַז די דייטשישע זעלנער טשעפּען נישט קיין יידן. כ׳בין געווען אַ בעלן צו כאַפּן אַ בליק ווי עס זעט דאָרט אויס, און כ׳גיי צו אַהין. און באמת: עס שטייט דאָרט אויפן דערמאָנטן פּלאַץ אַ גאַנצע ריי מיליטערישע וועגענער מיט אַ פעלד־קיך. די זעלנער זענען אַרומגערינגלט פון ציווילע: דאָס רוב פּאָליאַקן, אָבער אויך עטלעכע

ייִדישע יונגעלייט צווישן זיי. עס גייט דאָ אַ שמועס מיט די זעלנער — אַ גאַנץ געמיטלעכער שמועס אין פלוג... מ׳שטעלט פראַגן די זעלנער, די זעלנער — די ציווילע. פאַרשטייט זיך, די הויפּט־רײדער זענען די ייִדן — די ייִדן „שפּרעכן דויטש״. איין זעלנער, זע איך, דערלאַנגט עמיצן אַ שטיקל ברויט.

איך קוק זיך צו צום דאָזיקן בילדל און טראַכט אויך — פּונקט ווי די אַלע ייִדן דאָ מסתּמא: „נישקשה, נישט געפערלעך״...

און אַוועקגייענדיק רעדן די ייִדן צווישן זיך:

— זעט איר?

— מען דאַרף נישט איבערטרייבן.

— דער טייוול איז נישט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט אים...

***

אויפן דריטן טאָג האָט מען שוין אין שטאָט געזען דאָ און דאָרט מאַר־שירן דייטשישע אָפּטיילונגען. יעדע אָפּטיילונג האָט פאַרנומען איר פּלאַץ, איר געביידע. אַלע מיליטערישע און מוניציפּאַלע געבײַדעס זענען שנעל באַזעצט געוואָרן מיט מונדירטע און נישט־מונדירטע דייטשן.

איך שטיי אויף גראַניטשנע — טאַקע ביים טויער נומער 11, ווו ס׳איז געווען דער לאָקאַל פון ייִדישן ליטעראַטן־פאַראיין (עפּעס האָט מיך תמיד אַהין געצויגן ווי אַ נשרף צו זיינע נאָך גלייענדיקע חורבות...). די גאַנצע גאַס איז באַלעבט, אָבער בלויז אויף די טראָטואַרן איז אָנגעפּילט מיט עולם. דער מיטן ברוק איז לחלוטין ליידיק. ביי די ברעגעס פון די טראָטואַרן זענען אויסגעשטעלט רייען דייטשישע זעלנער אין שוואַרצע גלאַנציקע העלמען. די זעלנער שטייען אויסגעדרייט מיט די פּנימער צום פּובליקום, כּדי צו אָבסערווירן די מענטשן. זיי שטייען שטום, אומבאַוועגלעך, ווי מאַנעקינען, די אויטאָמאַטן אָנגעהאָנגען קווער אויף דער ברוסט, און זיי קוקן טֶעמפּ פאַר זיך. בלויז איין מאָל האָט דער זעלנער ביים טויער, ווו איך בין געשטאַנען, אַ שמייכל געטאָן: דאָס האָט אַ קליין, דרייסט, בלאָנד־געלאָקט ייִדיש ייִנגעלע זיך אַרויסגערוקט פונעם עולם און צוגייענדיק נאָענט צום זעלנער אַ ווייז געטאָן מיטן הענטל:

— מאַמעשי, כ׳וויל די ביקס... אַזאַ שיינע ביקס...

דער עולם האָט זיך צולאַכט און אויך אויפן פאַרגליווערטן פּנים פונעם „יעקע״ האָט זיך „דורכגעשמוגלט״ אַ קורצער איינגעהאַלטענער שמייכל.

— קום, לייבעלע, קום — האָט אים די מאַמעשי האַלב־צעשראָקן געכאַפּט פאַרן הענטל און צוריקגעצויגן.

פון דער ריכטונג פון הויפּט־וואָקזאַל — דורך וויעלקע, באַגנע און פּלאַץ גזשיבאָווסקי האָט זיך גענומען ציִען אַ פּאָלק. פאָרויס אַן אָרקעס־טער, וועלכער האָט געשפּילט מאַרשן — טריומפאַלע מאַרשן — און דאַן די קאָמפּאַניעס פּיעכאָטע. אַלע הויכע, ריזיקע יונגען, ווי עקסטראַ צוגע־קליבענע פאַרן דאָזיקן פּאַראַד־אַריינמאַרש דורך די וואַרשעווער גאַסן. אַלע זעלנער אין שוואַרץ־גלאַנציקע העלמען, אין נייער אַמוניציע, מיט ביקסן פאַרהאָנגען אויף די אַקסלען, מיט שטרענג־ריטמישע טריט, אין דיסציפּלינירטע רייען, מיט גאַווהדיקן געשטעל און מיט געבראַזג פון געטשוועקלטע שיך אַן שטיינערנעם ברוק. זיי זענען געגאַנגען מיט אימ־פּעט, מיט אַ מינע פון גבורה, ווי אומבאַזיגבאַרע העלדן, וואָס גייען איינ־נעמען די גאַנצע וועלט... אַזוי קאָמפּאַניע נאָך קאָמפּאַניע, קאָמפּאַניע נאָך קאָמפּאַניע. דער „אַבאָז״, וואָס איז נאָכגעפאָרן דעם פּאָלק, איז געווען זייער פּינקטלעך און זויבער. גרין־געפאַרבטע וועגענער מיט פיינע גע־שפּאַנען, מיט גלאַנציקע רימענס אויף די פערד, מיט פרישע פּלאַנדעקעס פון אויבן פאַרצויגן, מיט נייע בלאַנקענדיקע הויכע רעדער, ווי ספּעציעל געריייניקט און געוואַשן פאַרן אַריינפאָרן אין שטאָט אַריין. צי איז עס נישט קיין „דעקאָראַציע״ צו פאַרבלענדן די איינוווינער פון דער פּוי־לישער רעזידענץ?...

אַז דאָס איז טאַקע אַזוי — האָב איך זיך באַלד דערין איבערצייגט: אין איין אָרט ביים פּלאַץ זשעלאַזנעי בראַמי באַמערק איך אַ מאַשין, אויף וועלכער עס איז מאָנטירט אַ פילמיר־אַפּאַראַט. אַ פּאָר פילם־מעכאַ־ניקער זענען דאָרט געשטאַנען און כסדר געדרייט און „פאַראייביקט״ דעם „אַריינמאַרש דער דויטשן טרופּען אין וואַרשוי״...

און אַזוי זענען די דייטשן אַריין דורך אַלע פאָרשטעט, פון אַלע זייטן.

*****

דייטשן קריכן שוין אַרום איינציקווייז און גרופּעסווייז איבער דער שטאָט.

עס שטעלן מיך אָפּ צוויי דייטשן און בעטן מיך אין דער שטיל אַריינצוגיין אין טויער: זיי האָבן מיר עפּעס צו זאָגן. „וואָס פאַר אַ סודות?״ — טראַכט איך. איך גיי מיט זיי צו צו אַ טויער.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

— זאָגען זיע, ביטטע, וואו קאָן מאָן קאַפּעע קאַופען? — פרעגן זיי מיך.

...„האָבן חרוב געמאַכט אַ דריטל שטאָט, — טראַכט איך — און איצט האָט זיך זיי פאַרוואָלט וואַרשעווער „קאַפּעע"...״

איך ווייס, אַז אויף עק סענאַטאָרסקע און קראַקאָווער פּאַרשטאָט איז געווען אַ ריזיקער מאַגאַזין פון דער בעסטער קאַווע. אָבער יענע געביידע איז געטראָפן געוואָרן פון אַ באָמבע, איז געוואָרן אַ חורבה, און עס האַלט נאָך אַלץ אין רויכערן. פונדעסטוועגן זאָג איך זיי:

— קאַווע? ביטע זייער. די בעסטע קאַווע באַקומען מיר שטענדיק אויף עק סענאַטאָרסקע און קראַקאָווער פּאַרשטאָט.

און איך וויז זיי געגנוי די ריכטונג ווי אַזוי צו גיין אַהין:

— גייט דורכן פּלאַץ קראַשינסקיך, דורך דער מיאָדאָווע — דאַן קומט איר צום ציל.

— דאַנקע שען!

— ביטע שען!

און זיי זענען צופרידענע אַוועק אַהין.

„נישקשה — טראַכט איך ביי זיך — זאָלן זיי אַליין זען, די „יעקעס", וואָס זיי האָבן געמאַכט פונעם געזוכטן און זייער געגאַרטן „קאַפּעע"...

19

די דייטשן זענען „הומאַניטאַר"...

צומאָרגנס באַוויזן זיך אין די גאַסן קליינע מעלדונגען אַז די דייטשישע „בעהערדען" האָבן אָרגאַניזירט הילף פאַר דער אויסגעהונגערטער רעזידענץ און אַז אין אַ גאַנצער ריי פּונקטן וועלן מיליטערישע פעלד־קיכן טיילן זופּן — יעדן טאָג פון 11 אַזייגער אין דער פרי. די דאָזיקע מעלדונגען זענען געווען אונטערגעחתמעט פון גוווערנער ד"ר לודוויג פישער און געוועזענעם קאָמענדאַנט סטאַזשינסקי 1).

1) די ערשטע טעג האָבן זיך די דייטשישע „בעהערדען" באַנוצט מיט סטאַזשינסקיס אונטערשריפט, כדי צו געווינען צוטרוי ביי דער וואַרשעווער באַפעלקערונג.

כ׳האָב געוואָלט זען מיט מיינע אויגן, ווי עס זעט אויס אַזאַ „אימפּרע־זע״ און כ׳בין צוגעגאַנגען אויף אַ פּאָר פּלעצער: אויף פּלאַץ קראַשינסקיך און אויף פּלאַץ טראַוגוטאַ. רייען זענען דאָרט געשטאַנען וויאַרסטיקע. עס איז געקומען די גאַנצע אָרימקייט. און אַפילו נישט גאַנץ אָרימע מענטשן זענען אויך געקומען מיט טעפּ און מיט פאַנען, ווייל ס׳איז בכלל שווער געווען צו קויפן פּראָדוקטן אַפילו פאַר גראָב געלט. ס׳איז נאָך אַלץ געווען פּאַראַליזירט דער פּראָדוקטן־צופיר פון די אַרומיקע דערפער. אין די רייען זענען געשטאַנען דאָס רוב פּאָליאַקן; אָבער ייִדן האָבן אויך נישט געפעלט. דעם ערשטן טאָג האָט מען נישט געמאַכט קיין אונטערשייד. די פעלד־קיכן האָבן אַלעמען געטיילט זופּן — קריסטן און ייִדן. פאַרשטייט זיך, אַז פון דערוויטנס איז געשטאַנען אַ ספּעציעלער אויטאָ מיט אַ פילם־אַפּאַ־ראַטאָר, וועלכער האָט „פאַראייביקט״ פאַר די אילוסטרירטע זשורנאַלן די הומאַניטאַרע טאַט פון די דייטשן...

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט זיך שוין דאָס בילד אַביסל געענדערט: עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער „קראַמע יעוורעיעוו״... אַ „פּיקעלהויב״ איז אומגעגאַנגען הין און צוריק לענג אויס דעם לאַנגן „אָגאָנעק״ 1) און כסדר איבערגעחזרט:

— יודען הערויס!

כמעט אַלע ייִדן האָבן זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מיט ליידיקע טעפּ אַרויסגעשאַרט פון די רייען. עס זענען געבליבן נאָר איינצלנע, וואָס האָבן נישט געקאָנט באַהערשן דעם רייץ פון דעם דייטשישן „נזיד עדשים״ אָדער וואָס האָבן געוואָלט אָוועקקוקן אויף זייער כבוד צוליב אַ קראַנק הונגעריק קינד אין דער היים, און די דאָזיקע האָבן זיך געפּרוווט מאַכן ניט ווײסנדיק און נישט הערנדיק און זענען געבליבן שטיין אין דער ריי. עס איז זיי אָבער נישט געלונגען: עס האָבן זיך אין די רייען געפונען פּאָ־ליאַקן, וואָס האָבן באַלד אָנגעוויזן דעם „פּיקעלהויב״.

— טו יודע... 2)

— טו יודע...

דער „יעקע״ האָט זיך נאָך העכער צעגרילצט:

— יודע, הע־רא־או־סססס!!! —

און אַזוי אַרום זענען די רייען ביי די פעלד־קיכן געוואָרן ייִדן־ריין... אין שטאָט האָט געפעלט ברויט. האָט מען איינמאָל אויף פּלאַץ

1) ריי; 2) דאָ איז אַ ייִד...

קראשינסקיך צוזאמען מיט די זופקעס אויך געטיילט ברויט. אָבער דאָס ברויט האָט מען נישט געטיילט אַזוי שפּעדיק. אַביסל אָן אַ זייט פון דער פעלד־קיך איז געשטאנען אַ דייטש אין אַ מיליטערישן וואָגן. פון צייט צו צייט האָט דער דאָזיקער דייטש אויפגעהויבן אַ ברויטל און עס געהאַלטן אַ היפּשע ווילע אין דער לופטן. עס האָבן זיך געשטרעקט פון דער מענטשן־מחנה אָן אַ שיעור הענט:

— ברויט!

— מיר ברויט!

— פאַר קליינע קינדער!

דער דייטש האָט געפרעגט:

— זינד זיע יודע?

— ניין, ניין, יא פּאָליאַק!

— יא פּאָליאַק!

— יא פּאָליאַק, ניע יודע...

און דער דייטש האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס ברויטל איבערן וואלד הענט. עס איז געוואָרן אַ כאַפּעריי. דער קינאָ־אַפּעראַטאָר פון אַ מאַשין האָט די דאָזיקע סצענע אויפגעכאַפּט.

דאָס האָט זיך קיין סך נישט איבערגעחזרט. העכסטנס האָבן די „נאָבעלע" דייטשן צעטיילט אַ פּאָר צענדליק ברויטלעך צווישן אַזוי פיל אויסגעשטרעקטע דארע, ביינקע הענט... אַבי נאָר די דייטשישע „הומאַ־ניטאַרישקייט" איז פאַראייביקט פאַרן עקראַן, פאַר דער וועלט... עס לוינט זיך זיי פאַר די 20־30 ברויטלעך... קיין יידן האָבן פון די ברויטלעך נישט געגעסן: פאַר דעם האָבן שוין געזאָרגט די גוטע פוילישע שכנים אינעם המון, וועלכע האָבן באַלד אָנגעוויזן:

— טען זשיד...1)

— טען יודע...

אין געוויסע ערטער זענען עקסטרא געעפנט געוואָרן שטאָטישע סקלאַדעס, ווו עס זענען געווען רעזערוון פון רייז. דער הונגעריקער עולם האָט זיך אַהין אַריינגעכאַפּט און מ׳האָט גענומען וויפל איינער האָט גע־קאָנט. דאָס האָבן געטאָן נישט די דייטשן, נאָר פוילישע שטאָטישע באאמ־טע, וואָס האָבן אויף אייגענער האַנט אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט. איידער די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט, זענען שוין די סקלאַדעס געווען

1) דער איז אַ ייד...

אויסגעליידיקט, אַזוי אַז אַ סך מענטשן זענען באַגליקט געוואָרן מיט אַ היפּש ביסל רייז. דער רייז איז אויך אַריינגעפאלן צו פּריוואטע „סטאָלוור־קעס״, וועלכע האָבן זיך אַ דאנק דעם געקאָנט עפּענען. קיין אנדער זאך צום עסן אויסער אַ טעלער רייז־זופּ האָט מען טאָקע אין יענע טעג אין די „סטאָלוווקעס״ נישט געקריגן. אָבער דאָס איז אויך געווען גוט. זענען טאקע די „סטאָלוווקעס״ געווען תמיד באַלאגערט פון מענטשן. יעדער האָט געגעסן צו עטלעכע זופּן און די גרויסע אָפּגעקאָכטע טעפּ זענען שנעל ליידיק געוואָרן.

דער הונגעריקער המון איז אויך באַפאלן אַנדערע שטאָטישע סקלא־דעס פון אַפּראָוויזאציע און מ׳האָט גענומען פון דאָרט ווי פון הפקר. דער עיקר האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט אָן אַ שיעור גרויסע בלעכענע באנקעס קאָנסערווירטע אוגערקעס. מענטשן האָבן געגריזשעט די שאַרפע, זויערע אוגערקעס אָן ברויט און פאַרשטאָפּט דערמיט דעם ליידיקן מאָגן. פּריוואטע שפּייז־געוועלבער האָבן אויסגענישטערט פון זייערע קעלערס אַלערליי פוילע, פאַרלעגענע סחורות־עסנווארג, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט עס קיינער אין האַנט נישט גענומען אַפילו אומזיסט, איצט האָט מען עס פאַרצוקערט פאַר גוט געלט. אויף די טראָטוארן האָבן קינדער זיך אומגעטראָגן מיט קעסטעלעך „סחורה״: אַלטע, פאַרדאַרטע קיכעלעך, פאַרלעגענע און פאַרשימלטע, שטיין־האַרטע מאָן־טייגלעך — אַלץ איז געוואָרן „געכשרט״, אַלץ האָט מען געגעסן, אַלץ האָט מען געכאַפּט, פון די הענט געריסן.

איבער די וואַרשעווער גאַסן האָט אומגעשפּאַצירט דער געשפּענסט פון הונגער מיט זיינע אויסגעשטשירעטע סקעלעטן־ציין...

20

צו „תשליך״ ביי דער ווייסל

די וואַסער־לייטונג פונקציאָנירט נאָך נישט און די גאַנצע באַפעל־קערונג מוז אָנקומען צו דער ווייסל. שטראָמען כסדר מאַסן מענטשן מיט עמערס, קרוגן און טשייניקעס דורך די אַלע גאַסן און געסלעך, וואָס פירן צו דער ווייסל.

— וואַרשע גייט צו „תשליך״... — האָבן זיך ייִדן געוויצלט.

אזוי האָט עס געדויערט היפּשע עטלעכע טעג.

איין טאָג, גייענדיק אזוי מיט אַן עמער צו „תשליך״, באַגעגן איך ביים פּאַרק טראַוגוטאַ דעם אַלטן זשורנאַליסט א. ש. זאַקס, וועלכער איז שוין צוריקגעגאַנגען מיט אַן אָנגעפּולטן טשייניק וואַסער.

— זדראַווסטוויטיע! נו טשטאָ סקאַזשעטיע? — (גוט מאָרגן! נו, וואָס וועט איר זאָגן?), — פרעג איך אים עקסטרע אויף רוסיש, ווייל איך וויים, אַז ער האָט הנאה דערפון, דער „רוסקי טשעלאָוויעק״... — ווי מ׳האָט אים גערופן אין ליטעראַטן־פאַראיין.

ער ענטפערט מיר, פאַרשטייט זיך, אויך אין רוסיש און באַקלאָגט זיך, אַז ער איז לעצטנס שטאַרק אָפּגעשוואַכט.

— נו, יאָ, — זאָג איך, — די לעצטע איבערלעבונגען אין וואַרשע.

— ווער עס וועט האָבן כוחות, וועט איבערלעבן, — זאָגט ער מיט אַ זיפץ, — און ווער נישט... איז צאַרסטוואָ ניעבעסנאָיע!... ניטשעוואָ ניע פּאַדיעלאַיעש... 1)

ביים אַרויסריידן „צאַרסטוואָ ניעבעסנאָיע״ האָט ער מיט דער האַנט־פלאַך אַ וווּיז געטאָן נידעריק צו דער ערד...

איך קוק אים אָן: ער איז שטאַרק איינגעהויקערט, צעבראָכן.

— אפשר נויטיקט איר זיך אין עפּעס? פאַראַן נאָך מסתמא אַ שטיקל נויט־פאָנד אין ליטעראַטן־פאַראיין.

— בלאַגאָדאַריו! 2) דערווייל נאָך פאַראַן אַ פּאָר זלאָטעס. צי איז נאָך פאַראַן דען איצט אַ ליטעראַטן־פאַראיין?

— געבליבן דאָך עטלעכע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער מיטן קאַסירער. עפּעס איז דאָך געבליבן אין קאַסע. מ׳וועט זען אָרגאַניזירן עפּעס הילף פאַר חברים.

— דאָס ערגסטע, — קלאָגט ער זיך, — וואָס נישטאָ מער דער לאָקאַל. איך האָב פאַרלאָרן מיין היים!

און ווידעראַמאָל אָפּזיפצנדיק געזעגנט ער זיך מיט מיר:

— ווסיעוואָ כאַראָשאַוואָ! 3) מ׳וועט גיין מאַכן אַ ביסל טיי.

— ווייזט זיך אַמאָל! — בעט איך אים — מ׳מוז זיך איצט טרעפן פּריוואַט.

— לאַדנאָ! לאַדנאָ! 4)

---

1) עליו השלום... מ׳קאָן גאָרניט מאַכן... 2) אַ דאַנק! 3) אַלדאָס גוטס! 4) גוט, גוט!

און ער דערווייטערט זיך פון מיר, אַן איינגעהויקערטער, אַ רעזיג־נירטער, מיט זיין טשייניק וואַסער, וועלכן ער האַלט אַזוי זאַרגזאַם, ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציקער פאַרמעג זיינער, וואָס איז אים נאָך געבליבן...

21
די ערשטע לוויות

איך בלאָנקע איבער די גאַסן, אָן ציל, סתם אַזוי, געטריבן פון אַן אומרו. דאָ און דאָרט איז נאָך די לופט שטיקנדיק פון אַן עסנדיקן רויך: טייל חורבות רויכערן זיך נאָך אַלץ. דער רויך וויקלט זיך פון די „האַ־לאָוועשקעס״, וואָס וואַלגערן זיך אויף די קופּעס ציגל. פון אונטער אַ סך חורבות, זע איך, שלעפּט מען אַרויס טויטע קערפּערס פון מענטשן. צע־פליקטע, צעניזוקטע, צעבלוטיקטע גופים. אַרום שטייען צוקוקער. ווו־נישט־ווו הערט מען אַ כליפּעריי, אַ געוויין... פּרויען פאַרברעכן מיט די הענט. מען לאָדט אָן די קערפּערס אויף וועגענער, איינע אויף די אַנ־דערע. מ׳דעקט זיי צו מיט אַ דעקע און — הײדאַ, צום גענשער בית־עולם, צו ברידער־קברים. איך קוק אויך אָן די גענשע גאַס. דאָ גייען אַדורך די אַלע טויטן־וועגענער איינער נאָכן אַנדערן. נישט קיין עגלות, נאָר סתם וועגענער. אַ קאַראַוואַן ממש. פון אַלע ראַיאָנען, פון אַלע גאַסן פירט מען זיי, די קרבנות, צו זייער אייביקער רו. נאָך אַנדערע וועגענער גייען נאָך משפחות: פרויען, מאַנסבילן, קינדער. געוויין, געקלאַג, געיאָמער...

כאָטש אַ סך גופים זענען נישט דערקענט געוואָרן, דאָך גייען נאָך שכנים פון די הייזער, ווו די באָמבע האָט געטראָפן: מסתמא זענען זייע־רע פאַרלוירענע נאָענטע זיכער דאָ פאַראַן צווישן די גופים...

אויפן בית־עולם גופא — אַ ווילדער קאַשמאַר. עס אַרבעטן אַ סך מענטשן ביים גראָבן ריזיקע גריבער — די ברידער־קברים. מענטשן רייסן זיך צו די צעניזוקטע גופים: מען זוכט, מען וויל דערקענען נאָענטע... אָבער מען איז מקבר אין איילעניש: אַזוי פיל וועגענער קומען, אַזוי פיל וועגענער! וואַרפט מען אַזוי די גופים שנעל, שנעל, אָן צערעמאָניעס, אַבי גיכער. מ׳וואַרפט די טויטע איינע אויף די אַנדערע — דערקענטע, מיט נעמען, און נישט־דערקענטע, אָן נעמען...

— גיכער, גיכער! — איילן די אַרבעטער, — די אַרבעט איז פיל און דער טאָג שטייט נישט...

פאַרשיט מען די גריבער, וואַקסן די בערגלעך... אָן אַ קדיש, גאָר אָן אַ קדיש... איבער די ביימער פון בית־עולם ציט אַדורך אַ שווארצע מחנה קראָען מיט אַ געשריי:

— קראַ־קראַ־קראַ! —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי זענען צו קבורה געקומען די ערשטע יידישע קרבנות אין יידישן וואַרשע...

22

ד״ר לודוויק פישער דערקלערט פייערלעך...

נאָך אין די ערשטע טעג האָט אָנגעהויבן דערשיינען די וואַרשעווער פּרעסע. די פּוילישע, אָבער נישט די יידישע. אַלע צייטונגען האָבן גע־טראָגן זייערע נאָרמאַלע קעפּ און געהאט זייער שאַבלאָן: דער „קוריער וואַרשאַווסקי״, דער „קוריער פּאָראַנני״, דער „עקספּרעס טשערוואָנני״ און אַלע אַנדערע. אָבער דער טעקסט פון אַלע צייטונגען איז געווען אַיין און דער זעלביקער, ווי פון איין „קאָפּיטע״; די זעלביקע קעפּ און די זעל־ביקע נייס. אַלע זייטן זענען געמאַכט געוואָרן פון איין און די זעלביקע מאַטריצן... און פאַרשטייט זיך, אַז פריער, פאַרן דרוקן פלעגט דער איינ־הייטלעכער טעקסט קאָנטראָלירט ווערן דורך די דייטשישע „בעהערדען״.

איין טאָג באַווייזט זיך אין די צייטונגען אַזאַ מין נאָטיץ:

„אין אַ שמועס מיט זשורנאַליסטן האָט דער גוווערנער פון וואַרשע־ווער דיסטריקט ד״ר לודוויק פישער דערקלערט, אַז די דייטשישע „בע־הערדען״ וועלן נישט מאַכן קיין שום אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און אַז זיי וועלן באַהאַנדלען אַלע בירגער גלייך — אויף וויפל די אַלע בירגער וועלן זיין לאָיאַל צו דער דייטשישער מאַכט און אויספירן געהאָרכזאַם אַלע אירע פאַראָרדנונגען״.

די דאָזיקע נאָטיץ האָט אויפגעהויבן די שטימונג ביי יידן. הייסט עס טאַקע, נישט געפערלעך. שוואַרץ אויף ווייס. יידן האָבן אָנגעהויבן שלאָפן רויִקער ביינאַכט...

די דאָזיקע שטימונג האָט אויך אָנגעשטעקט יידישע פּרעסע־מענטשן. איין טאָג זענען מיר — אַ זיבן־אַכט צייטונגס־מענטשן — אַרויפגעקומען אויף סאָלנע גאַס צו מ. אינדעלמאַן, דעם פאָרזיצער פון לעצטן יידישן

זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, מיט אַזאַ מין פאַרשלאַג: היות ווי אין וואַרשע דערשיינט דאָך די גאַנצע פוילישע פרעסע — אמת, לויט איין שאַבלאָן — איז אַ פלאַן, אַז אַ דעלעגאַציע פון סינדיקאַט זאָל אונטערנעמען אַן אינטער־ווענץ ביי פישערן וועגן אַ דערלויבעניש, אַז אויך יידישע צייטונגען זאָלן דערשיינען...

ס׳איז אַוועק אַ קורצער וויכוח וועגן דעם ענין. כמעט אַלע זענען געווען פאַר אונטערנעמען די אַקציע. איין אינדעלמאַן איז געווען קאַטעגאָ־ריש קעגן: ער האָט געהאַט אַן אַנדער פאַרגעפיל...

— וואַרט, וואַרט, — האָט אינדעלמאַן סקעפּטיש געוואָרנט, — אין וואַרשע איז נאָך דערווייל נישטאָ די „געסטאַפּאָ”. מיר האָבן דערווייל בלויז די מיליטער־מאַכט. לאָמיר אָקאָרשט זען אין אַ פּאָר טעג אַרום, בעת די „געסטאַפּאָ” וועט שוין זיין... לאָמיר זיך גלייכער נישט וואַרפן אין די אויגן...

די דאָזיקע ווערטער זענען אַלעמען אין קאָפּ אריין. אַלע יאָ־זאָגער האָבן באַלד רעזיגנירט פון גאַנצן פלאַן.

23

און אז די „געסטאַפּאָ” איז געקומען...

ס׳איז אָנגעקומען די „געסטאַפּאָ” — און יידן האָבן עס באַלד דער־פילט...

אָנגעהויבן האָט עס זיך פון „לאַפּאַנקעס” — דאָס געיעג נאָך יידן אויף אַרבעט. קיין פּאָליאַקן האָט מען נישט באַאומרויקט דערמיט.

לכתחילה איז עס געווען ווי צופעליק. אָט אַמאָל, אַז אַ געוויסער אַמט האָט געדאַרפט אויספירן עפּעס אַן אַרבעט, ווי אַ שטייגער: אויסרייניקן אַ לאָקאַל, וואַשן אַ דיל, אָפּרוימען אָנגעשאָטענע ציגל ביי אַ דורכגאַנג וְכדומה — איז אַ זעלנער פון דאָזיקן אַמט אַרויס אויף דער גאַס און געכאַפּט יידן, וויפל ער האָט געדאַרפט. עולם האָט זיך בעת מעשה געגומען אויסבאַ־האַלטן אין די טויערן, און ווער ס׳איז אַריינגעפאַלן, האָט געמוזט גיין אַר־בעטן אויף אַ טאָג, צוויי טעג און מער. די דייטשן פלעגן צונעמען די דאָ־קומענטן ביי די געכאַפּטע יידן, כדי זיי זאָלן זיך צומאָרגנס אַליין מוזן מעלדן צו דער אַרבעט.

אָבער, ווי געזאָגט, דאָס איז נאָך דערווייל אַלץ געווען ווי צופעליק.

דאָס ערגסטע איז געווען די נויט אויף דער יידישער גאַס. עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַבריקן, וואַרשטאטן און די אַרבעטסלאָזיקייט האָט אַרומגעכאַפּט אַלע צווייגן. אַ גרויסער טייל געשעפטן זענען פאַרברענט אָדער פאַרניכטעט און צערויבט געוואָרן. האַלטן אָפּן די גאַנץ־געבליבענע געשעפטן האָבן יידן מורא געהאט. עס פלעגן אריינקומען דייטשן כלומרשט קויפן, פלעגן זיי הייסן פאַרפּאַקן פאַרשיידענע סחורות און אַוועקגיין אָפילו אָן אַ „דאַנקע שען"... כ'בין אַליין געווען אַן עדות ווי אַ דייטש איז אַריינגעקומען אין אַ גאַרסעטן־מאַגאַזין מיט אַ „שאַץ" — אַ פּוילישע שיקסע, וואָס האָט שוין באַוויזן צו שליסן אַזאַ נאָנטע „באַקאַנטשאַפט" מיט אַ „יעקע". די שיקסע האָט אויסגעקליבן אַ פיינעם גאַרסעט, עטלעכע ביוסט־האַלטערן — פון דער בעסטער קוואַליטעט.

— פּאַני פּאָקאַזשע צאָזש לאַדנעגאָ 1) — האָט זי געבעטן די אייגענטימערין פון מאַגאַזין.

דער „יעקע" האָט דאן גענומען דאָס פאַרפּאַקטע פּעקעלע און עס פייערלעך געשענקט זיין „שאַץ":

— ביטע שען...

אוןביידע זענען גלייך אַרויס, נישט באַצאָלנדיק און נישט זאָגנדיק אָפילו נישט קיין „גוטען טאָג" און נישט קיין „דאָ ווידזעניאַ"... 2)

גיין פּראָטעסטירן? ווו? צו וועמען? פלעגן יידן עפענען די געשעפטן אויף אַ שעה אָדער צוויי און צוריק באַלד פאַרמאַכן.

געווען אַזאַ פאַל:

דייטשן האָבן אויפגעריסן אַ פאַרשלאָסן מאַנופאַקטור־געשעפט אויף נאַלעווקעס און אָנגעהויבן רויבן די סחורות פון די פאַליצעס. ס'איז עמיצן איינגעפאַלן צו מעלדן וועגן דעם אין דער קאָמענדאַנטור אויף פּלאַץ קראַשינסקיך — אין דער געריכטס־געביידע. ס'איז באַלד געקומען פון דאָרט אַן אָפיציר, וועלכער האָט כלומרשט צעטריבן די סאָלדאטן און פאַר איין וועגס אַליין מיטגענומען אַ גאַנץ פיין פּעקל מאַנופאַקטור...

די דייטשן האָבן פונעם ראַבירן געמאַכט אַ שיינע „פּרנסה". אונטערן פּרעטעקסט פון כלומרשטע רעוויזיעס פלעגן אין די אָוונטן, נאָך „פּאָליציי־שטונדע" גרופּעס דייטשן זיך לאָזן איבער די יידישע וווינונגען. זיי האָבן עס געטאָן על דעת עצמם, אָן שום מאַנדאטן פון דער מאַכט. זיי

1) זאָל די פּאַני ווייזן עפּעס שיינס; 2) אויף ווידערזען!

פלעגן אָנקלאַפּן צו די איבערגעשראָקענע ייִדן, זיך אַריינרייסן ווי די בעס־טיעס און זיך צעשרייען:

— האָבען זיע געוווער? זאָפאָרט צייגען!

זיי האָבן געפּאָדערט די שליסלען פון פאַרמאַכטע שענק און שופלאָדן און אַפילו פון קאַסעס. קיין געוווער האָבן זיי טאַקע נישט געפונען — זיי האָבן עס גאָרנישט געמיינט... אָבער געפינען פלעגן זיי מזומן געלט, צי־רונג, פוטערס און אַנדערע ווערטפולע חפצים. זיי פלעגן אַלץ פאַרכאַפּן ווי רויב־חיות און פאַרשווינדן דערמיט. מ׳האָט אַפילו נישט געקאָנט נאָכגיין נאָך זיי און פּרווון זוכן שוץ: איז עס דאָך געווען תמיד נאָך „פּאָליצײַ־שטונדע״, ווען אַרויסגיין אויף דער גאַס איז געווען אַ זיכערער טויט... שוין געווען פאַלן, אַז אין די וואַרשעווער גאַסן האָט מען אינדערפרי גע־פונען דערשאָסענע מענטשן מיט אַ צעטל אויפן קערפּער: „7.30“... ד״ה, אַז דער דערשאָסענער האָט עובר געווען אויף דער פאַראָרדענונג וועגן „פּאָליצײַ־שטונדע״ און אַז 7.30 איז ער דערפאַר דערשאָסן געוואָרן אויף דער גאַס.

אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט נאַכט אין נאַכט.

איך טרעף איין טאָג דעם „מאָמענט״־קאָלעגע י. מ. ברוין אין אַ זייער אַלטן, אָפּגעשאָסענעם מאַנטל. ער איז זייער באַטריבט און ווייזט מיר אָן אויף זיין אויבער־בגד:

— איר זעט? קוקט נאָר אָן. ביי דער דאַזיקער שמאַטע בין איך איצט געבליבן.

און דערביי דערציילט ער מיר אַזאַ פאַל: אינדערפרי איז צו אים אין וווינונג אַריינגעקומען אַ דייטש און אים גערופן צו אַן אַרבעט. אַרויס־דרייען זיך האָט ער נישט געקאָנט, האָט ער גענומען אַרויפציען אויף זיך אָט דעם דאָזיקן „לאַך״, וואָס ער טראָגט איצט.

— ציִען זי דען פּעלץ אַן! — באַפעלט אים דער דייטש, זעענדיק אויפן הענגער זיין ציבעטענעם פוטער מיטן ווידרע־קאָלנער...

ברוין האָט זיך געאַמפּערט:

— איך גיי דאָך צו דער אַרבעט, וויל איך ביי דער אַרבעט טראָגן אַן אַלטן מאַנטל.

— שמייסען זיע וועג איהרען לויזיגען מאַנטעל. זאָפאָרט דען פּעלץ נעמען!

דערביי האָט ער פון זיינע הענט דעם מאַנטל אַרויסגעפליקט און צו דער ערד אַ וואָרף געטאָן.

ער האָט בלית־ברירה אָנגעטאָן אויף זיך דעם פוטער און איז אַרויס מיט אים.

ברוין האָט אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג ביים רייניקן עפּעס אַ וווינונג. נאָכן ענדיקן די אַרבעט האָט מען אים פּשוט אַרויסגעוואָרפן — אָן פוטער...

—לאָ־אָ־אָס, דו שמוציגער יודע!

— מען וואָלט געדאַרפט אַנטלויפן פון דאַנען... — פאַרענדיקט ברוין די דערציילונג וועגן זיין פאַרלוירענעם פוטער.

— אַ כפרה דער פוטער, אַבי דער נפש... — פּרווו איך אים טרייסטן.

— יאָ, אָבער די דערנידערונג, די טרפהנע רציחה זייערע... דאָס אַראָפּשטויסן מיך פון די טרעפּ... — קאָן זיך ברוין גאָרנישט באַרויקן, — אַך ,טרויעריק... זיפצט ער אָפּ, פאַרקנעפּלענדיק זיין נעבעכדיקן מאַנטל פון אַ יורד.

און בעת־מעשה דערמאָנט זיך מיר ווען ברוין האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק „געבויט" דעם פוטער, ווי לאַנג ער האָט פריִער גערעדט וועגן דעם, מעדיטירט, קאָמבינירט מיט שניידער, זיך כסדר מיישב געווען מיט באַקאַנטע און „זאַכקענער", גלייך ווי ער וואָלט געדאַרפט בויען אַ הויז... עפּעס אַ קלייניקייט, זיך לאָזן מאַכן אַ פוטער פון ציבעטן! און אַז דער פוטער איז מיט מזל פאַרטיק געוואָרן — מיט וואָס פאַר אַ גוטן זעלבסט־געפיל איז ער עס געקומען אין רעדאַקציע דאָס ערשטע מאָל אינעם פוטער — אינעם ציבעטן־פוטער מיט דער פיינער פוכיקער עכטער ווידרע, וואָס האָט ווייך אַרומגענומען זיין האַלדז און זיך רחבותדיק אַראָפּגעלאָזן פון ביידע זייטן איבערן גאַרס. ס'איז וואַרים — אַ מחיהטשקע, ס'איז אַ גרינ־גיטשקער און טאַקע אויך עסטעטיש.

און איצט... אויס מיטן דאָזיקן פוטער! ווי יורדיש און געפאַלן זעט ער אויס, מיין רעדאַקציע־קאָלעגע...

24

דער טויט צווישן יידישע שרייבער

צוליב דער טאָטאַלער אַרבעטסלאָזיקייט, דער עיקר ביי יידן, איז די נויט אַלץ געוואַקסן. דער הונגער איז געוואָרן אַ גאַסט אין שיינע באַלעבאַ־טישע הייזער. ס'האָט געבליט נאָר דער שוואַרץ־האַנדל, די שפּעקולאַציע. אויפן גלייכן וועג האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרדינען זיין שטיקל

ברויט. ווער ס׳איז געווען פעיִק, האָט קאָמבינירט, געדרייט, געהאַנדלט, שפּעקולירט מיט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט — מיט שפּייז, מיט גאַלאַנטעריי־זאַכן, מיט טריקאָט, מיט לייוונט.

עס האָבן גענומען שטראָמען קיין וואַרשע פּליטים פון דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן נאָך פאַרגרעסערט די נויט: טייל שטעטלעך זענען פאַרברענט געוואָרן און די דאָרטיקע יידן זענען געלאָפן מיט קינד און קייט אין דער הויפּט־שטאָט — ווער צו אַ קרוב, ווער אין לאָקאַלן, אין בתי־מדרשים. מיט די דאָזיקע פאַרוואָגלטע האָבן זיך פאַרנומען די וואַרשעווער גמינע און — דער עיקר — דער „דזשאָינט״.

דער „דזשאָינט״ האָט אין שטאָט געעפנט אַ ריי קיכן: פאַר שרייבער, פאַר לערער, פאַר זעצער א. אז. וו. די קיך פאַר ליטעראַטן האָט זיך לכתחילה געפונען אויף קאַרמעליצקע 5. אין דער קיך פלעגט מען אַרויס־געבן נישט מער ווי אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט. צוערשט איז גאַנצן אומזיסט, שפּעטער — פאַרן סימבאָלישן אָפּצאָל פון 10 גראָשן. דער דאָזיקער „מיטיק״ איז נישט געווען אַזוי זעטיק, מ׳זאָל זיך אַזש דאַרפן איינשטעלן צוליב אים און ריזיקירן טאָמער כאַפּט מען אויפן וועג צו דער אַרבעט. אָבער פונדעסטוועגן פלעגט אַהין קומען אַ היפּשער עולם שרייבער מיט זייערע פאַמיליעס, ווייל די קיך איז געוואָרן דער איינציקער טרעף־פּונקט, ווו מ׳פלעגט זיך זען מיט מענטשן, אָפּנעמען גרוסן פון דעם און פון יענעם, הערן עפּעס נייס וועגן דער סיטואַציע. פּראָדוקטן פאַר דער קיך פלעגט צושטעלן דער „דזשאָינט״ פון זיינע רעזערוון. אַמאָל פלעגן די מיטגלידער, אַחוץ דעם באַשיידענעם מיטיק, באַקומען אויך אַהיים אַ קליינע צוטיילונג: מעל, אייל, זייף, קאָנסערוון.

דער הויפּט־ליפעראַנט פון די נייסן — אַמאָל בלויז זשורנאַליסטישע „קאַטשקעס״ — איז אין קיך געווען דער זייער רירעוודיקער, קורץ־געוויקסיקער שרייבער־רעפּאָרטער, דער געלער יהודה וואַרשאַוויאַק. אַלע מאָל איז ער געקומען מיט שפּאָגל נייע סענסאַציעס, וואָס דער עולם פלעגט אויסהערן מיט גרויס שפּאַנונג, הגם מ׳האָט זיך אָפט באַצויגן מיט רע־זערוו צו זיינע נייסן. קיין קאָנטראָלירטע ידיעות זענען דאָך כלל נישט געווען, בלויז זאַכן גענומען פון דער לופט, „דער האָט געזאָגט״, „יענער האָט געהערט״.

„פּאַטשטן״ פון גאַס פלעגט אויך ברענגען דער געוועזענער פאַראיינס־באַאַמטער ריבאַייזן. אָבער צו וואַרשאַוויאַקס „אינפאָרמאַציע־דינסט״ קומט עס נישט; ביי וואַרשאַוויאַקן זענען די נייסן מער באַפּוצט מיט רעפּאָרטע־

רישער פאַנטאַזיע... וואַרשאַוויאַקס אינפאָרמאַציעס האָבן געהאַט פּאָלי־טישן „שוווּנג״...

אין קיך האָט מען זיך אויך אינפאָרמירט, ווער אַלץ ס׳איז נאָך דאָ אויפן פּלאַץ און ווער ס׳איז שוין אַריבער אויף יענער זייט בוג — אויף דער סאָוויעטישער זייט. טייל שרייבער האָבן זיך גלייך אָריענטירט, אַז מען דאַרף פון דאַנען עוקר זיין; אַז קיין גוטס קאָן מען דאָ נישט דערוואַרטן... דער גרעסטער טייל שרייבער אָבער איז לכתחילה געזעסן אויף די ערטער. „מ׳עט נאָך זען״... — האָט איטלעכער געטראַכט. עס האָט יעדן איינעם גע־שראָקן דער גלות־וועג און מ׳האָט די „נסיעה״ אַלץ אָפּגעלייגט.

אין קיך איז געבראַכט געוואָרן די ידיעה, אַז דער ראָמאַניסט אורקע נאַכאַלניק, וועלכער האָט געוווינט אין אָטוואָצק, איז דערשאָסן געוואָרן. די דייטשן האָבן דאָרט געפונען פאַרגראָבן געווער, האָט עפּעס אַ שייגעץ גע־מאַכט אַ בילבול אויף אורקע נאַכאַלניק און אויפן יידישן אייגנטימער פון אַ קינאָ, דערציילנדיק, אַז דאָס איז זייער מלאכה. די דייטשן האָבן זיי ביידן אַרויסגעשלעפּט פון זייערע שטיבער און אָן שום אויספאָרשונג גלייך אויפן אָרט דערשאָסן.

די דאָזיקע ידיעה האָט אונדזער עולם דערשיטערט: ווי קאָן מען צווישן פּאָליאַקן זיין זיכער פון בלבולים?...

איין טאָג בין איך אין דער קיך געווען אַן עדות פון אַזאַ דראַמאַטי־שער סצענע:

עס קומט עמיץ אַריין פון גאַס מיט אַ בייס:

— איר ווייסט, אין לוקאָוו האָבן די דייטשן אַרויסגעשלעפּט פון אַ שטוב ליפּאַ קעסטינען מיט זיין זון און זיי ביידן דערשאָסן אויף דער גאַס.

גראָד איז בעת־מעשה געזעסן די פרוי קעסטין, וועלכע דער דערציי־לער האָט נישט געקענט...

געוויינען, חלשות... מ׳האָט די פרוי קעסטין גאָרנישט געקענט באַ־רויקן, אַזוי אויסטערליש דערשלאָגן איז זי געוואָרן.

דער פּעליעטאָניסט ליפּאַ קעסטין (פון מיטאָג־בלאַט „וואַרשעווער ראַדיאָ״) איז עס געווען איינער פון די אַלע, וואָס איז אַנטלאָפן מיטן שטראָם פון וואַרשע אין די ערשטע בהלה־טעג. און מיט זיין טויט איז ער אויך נישט געווען איינער, נאָר איינער פון הונדערטער, פון טויזנטער...

די פרוי קעסטין איז באַלד צומאָרגנס געפאָרן קיין לוקאָוו. דאָרט האָט איר דער רב פון שטעטל איבערגעגעבן די פּאַפּירן פון איר מאַן און זון. מ׳האָט זיי דאָרט ביידן מקבר געווען אין איין קבר. זי איז געלאָפן

אויפֿן בית־עולם מיט איר צעבראָכן האַרץ, פֿאַרגאָסן טרערן אויפֿן פֿרישן בערגל און אַריינגעשטעקט צוקאָפּנס אַ ברעטל מיט די נעמען פֿון אירע נאָענטסטע...

25

שמעון האַראַנטשיקס טויט

אין דער זעלבער וואָך האָט מען אויך געבראַכט אין דער שרייבער־קיך די ידיעה מיט פּרטים וועגן טויט פֿונעם פּראָזאיקער שמעון האַראַנ־טשיק. אויך האַראַנטשיק איז געווען פֿון די ערשטע קרבנות אין די בהלה־טעג.

געווען איז עס אינעם שטעטל קאַלושין, הינטער מינסק־מאַזאָוויעצק. האַראַנטשיק איז אַהין אָנגעקומען ווי אַ פּליט מיט אַ גאַנצער מחנה אַנטרו־נענע פֿון וואַרשע. די כסדרדיקע לופֿט־אַנגריפֿן פֿון די דייטשן אויף די שאָסייען, אויף די אַלע שטעט און שטעטלעך אין דער גאַנצער מדינה האָבן אַרויסגערופֿן אַ געוואַלטיקע צערודערונג. מענטשן זענען געבליבן שטעקן אינעם דאָזיקן שטעטל און נישט געקאָנט ווייטער לויפֿן. די דייטשן האָבן זיך דערווייל אַלץ מער דערנענטערט צו קאַלושין... די אַנטרונענע זענען אַריינגעפֿאַלן אין אַ פּשוטער פּאַניק. האַראַנטשיק האָט זיך פּסיכיש איינגע־בראָכן.

— מיר זענען פֿאַרלוירן!... — האָט ער כסדר געהאַלטן אין איבער־חזרן פֿאַר די מענטשן אַרום אים. פֿון זיינע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פֿאַרגליווערטע שרעק...

און —

אין פֿרימאָרגן האָבן זיך די מיט־מענטשן ארומגעזען, אַז עס פֿעלט האַראַנטשיק. מ׳האָט גענומען נאָכפֿרעגן אויף אים, אַרומזוכן און מ׳האָט אים לסוף געפֿונען אין עפּעס אַ שפּייכלער — אַ טויטן... אין אַ קאַלוזשע בלוט...

ער האָט זיך ביינאַכט פֿאַרקליבן אין דער דאָזיקער שוידערלעכער התבודדות און מיט אַ זשילעטקע זיך איבערגעשניטן די ווענעס פֿון אַ האַנט...

וועגן דער דאָזיקער גרויל־ידיעה האָט מען לאַנג גערעדט אין דער שרייבער ־ קיך. עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פֿאַרשיידענע געדאַנקען

און השערות וועגן האַראַנטשיקן און זיין אימפּולסיווער נאַטור. אָט דער האַלב־רויער, פּרימיטיווער בר־נש, אין פלוג אַזאַ גבר, האָט אָבער גע־האַט אַ קראַנקע נשמה, וואָס איז נישט געווען ביכולת אויסצוהאַלטן קיין שטאַרקע דערשיטערונג. ווי אַן אילוסטראַציע האָט מען, אגב, דערמאָנט דעם באַקאַנטן פאַל מיט אים אין דער רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע בלעטער״: צוליב אַ שלעכטער רעצענזיע אינעם דאָזיקן זשורנאַל וועגן זיינס אַ בוך איז האַראַנטשיק געקומען אַן אויפגערעגטער אין רעדאַקציע און דאָרט אויסגעטרונקען אַ פלעשעלע יאָד... דעמאָלט איז זיין דערשי־טערונג נישט געווען פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם, איז דעריבער די דאָזע יאָד געווען אַ צו קליינע — און האַראַנטשיק איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. איצט אָבער... אַזאַ דעפּרעסיע, אַזאַ בהלה־שטימונג האָט אים געטריבן צו אַ ראַדיקאַלערן שריט...

האַראַנטשיקס האַנט האָט אפנים נישט געטאָן קיין ציטער ווען ער האָט אין רגע פון שגעון איינגעשניטן זיינע האַסטיק־פולסירנדיקע אָדערן.

לאַנג, לאַנג האָט מען גערעדט אין דער שרייבער־קיך וועגן דאָזיקן טראַגישן פאַל מיט אַ פעןן־חבר. ס'איז שווער געווען אַריבערצוגיין ריידן וועגן עפּעס אַנדערש. ס'איז פאַר אַלעמענס אויגן געשטאַנען די פעסטע, האַרעפּאַשנע פיגור פון האַראַנטשיקן, מיט די רויטלעכע באַקן, מיט דער געדיכט־צעשויבערטער טשופּרינע אויפן קאָפּ און מיט ווילד־אויפגעריסענע אפּלען — — —

26

שרייבער אַנטלויפן

מיט יעדן טאָג איז אין דער קיך געוואָרן ווייניקער מיט אַ מענטש אָדער צוויי: דער און יענער האָבן זיך דעצידירט צו פאַרלאָזן וואַרשע, דעם דייטשישן געביט.

פון דער לעצטער פאַרוואַלטונג פון זשורנאַליסטן־סינדיקאַט זענען געבליבן געציילטע מענטשן בלויז: דער פאָרזיצער מ. אינדלמאַן, ב. כילי־נאָוויטש, גאַוזע (קאַסירער) און איך. אָן אַ שום פאָרמעלער זיצונג, עקס־פרעזידיאָ, האָבן מיר זיך פאַרשטענדיקט, אַז מען זאָל צעטיילן דאָס פאַר־בליבענע געלט פון קאַסע צווישן די מיטגלידער. מ'האָט עס געטיילט אין צוויי מאָל צו 200 זלאָטעס איטלעכן. יעדער איינער האָט געמאַכט אַ ווי־

זיט דעם קאַסירער גאַווזע אויף כלאָדנע גאַס, ווו מ׳האָט באַקומען דאָס געלט. אָבער די דאָזיקע סומע איז געווען אַ נישטיקייט אין פאַרגלייך מיט דער נויט און מיט די געשטיגענע פרייזן אויף פראָדוקטן.

אין קיך אויף קאַרמעליצקע פלעגט זיך אויך אַריינכאַפּן אַמאָל אהרן איינהאָרן — נישט צו עסן די „זופּקע״, נאָר צו זען זיך מיט קאָלעגן און אַדורכשמועסן זיך. גערעדט האָט מען אייגנטלעך אויף איין טעמע: „יאָ פאָרן — נישט פאָרן״. איך ווייז אים אויף, איינהאָרנען, אַז אין גרונט איז דאָ נישטאָ וואָס צו זיצן, אויף קיין גוטס וועט מען זיך נישט דערוואַרטן. ער איז מסכים אין פּרינציפּ; אָבער...

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — ענטפערט ער מיט אַן איראָנישן שמייכל, — און פאַר רוסלאַנד דאַרף איך נישט מורא האָבן?... האָב איך דאָך אין „היינט״ נישט געשוינט די באָלשעוויקעס... צי וועלן „זיי״ עס פאַרגעסן?...

— עט! וועמען וועט עס איצט ליגן אין זינען! — באַמערקט ווער. — רוסלאַנד האָט איצט בילכערע קלאָפּאָטן.

— איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער... — האַלט זיך איינהאָרן ביי זיינע באַוואָרעניַשן, — עס וועלן זיך שוין געפינען דערמאָנער און אונטער־זאָגער...

— אָבער טראַכט נישט איבער מער פון אַנדערע, — מישט זיך אַריין אין שמועס עמיצער אַנדערש, — אָט זענען געפאָרן נאָך שרייבער, וואָס וואָלטן געדאַרפט איבערטראַכטן אַזוי ווי איר; פונדעסטוועגן זענען זיי געפאָרן.

— מיר ווייסן נאָך נישט דעם סוף דערפון... סתם לויפן פון פייער אין וואַסער...

נאָך זעלטענער פלעגט זיך ווייזן אין קיך דער דיכטער ישראל שטערן. אַ שטענדיק אָפּגעלאָזענער, אַ פאַרטראַגענער אין די העכערע עולמות, אַ מענטש, וואָס איז נישט מדקדק אויף זיינע מלבושים, וואָס זאָרגט נישט, אַז זיינע שיך זאָלן זיין תמיד גאַנץ און אַז אין בגד זאָלן קיין קנעפּלעך נישט פעלן, — איז ער איצט דערשינען אין אַ נאָך מער קלעגלעכן „הילוך״. צעקנייטשט, צעקנאָדערט, לאַנגע טעג נישט געגאָלט און מיט אַ טונקל־פאַרוואַקסענער ראַם אַרום זיין קנאָכיק־ברייטלעכן פּנים.

— נישט גוט... — האָט ער טרויעריק געשמייכלט און געקרעכצט, — עד, פּאַסקודנע געוואָרן אויף אונדזער וועלטל...

ישראל שטערן פלעגט לאַנג נישט זיצן אין קיך. עפּעס האָט אים

געיאָגט, געטריבן פון מענטשן. ווו ער פלעגט זייַן, ווי אַזוי ער פלעגט זיך איצט אַן עצה געבן — האָט קיינער נישט געוווּסט און ער האָט קיינעם נישט געזאָגט, — אַקוראַט ווי מ׳האָט פריער, אין די „גוטע צייטן״, נישט געוווּסט ווו ער וווינט און ווו ער האַלט זיך אויף. אָט נעכטיקט ער איבער ערגעץ־ווו און שטופּט איבער די נעכט און קומט אינדערפרי אָ צעקנאָדער־טער, אָ צעקנייטשטער אין ליטעראַטן־פּאַראַיין — אָפּט מיט אָ ביסל אויפ־געבלאָזענע הייטלעך אונטער די אויגן צוליב זייַן נירן־קראַנקייט.

— וואָס טראַכט איר, חבר שטערן? — פרעג איך אים, — איר בלייבט דאָ אָדער איר וועט זיך אויך לאָזן אין וועג אַריין?

— פון גורל קאָן מען נישט אַנטלויפן... — פאַלט זייַן קורצע תשובה.

זייַן שמייכל איז דאָס מאָל געווען נאָך מער טרויעריק ווי תמיד.

ער דערציילט אגב, אַז נעכטן איז ער געכאַפּט געוואָרן אויף אַרבעט און איז אַ גאַנצן טאָג געווען געפאַנגען מיט נאָך אַ פּאָר ייִדן ביים אויס־רייניקן אַ גאַראַזש. זיך אָנגעהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג און קיין ביסן ברויט האָבן די גזלנים נישט געגעבן...

— יודען מוססען ניכט פרעססען... — דערציילט ער ווי די דייטשן האָבן זיך נאָך געוויצלט איבער זיי.

אַז זיי האָבן שפּעט אין אָוונט געענדיקט די אַרבעט, האָבן די יעקעס זיי נאָך אַרויסבאַגלייט מיט ווילדע קולות:

— לאָס! אבמארשירען! איר לויזיקע יודען!!...

בעת שטערן האָט עס דערציילט, האָב איך באַמערקט ווי אין זײַנע אויגן איז אויפגעקומען אַ טרערן־גלאַנץ...

איך רייס מיט אַ כיוון איבער:

— איר דאַרפט אַרויפגיין צו גאַוווזען, — זאָג איך אים.

— וואָס עפּעס?

— יעדער מיטגליד באַקומט אַ פּאָר זלאָטעס... מען צעטיילט די קאָסע פון פּאַראַיין...

— ליקווידאַציע?... אויס פּאַראַיין?... — פרעגט ער אומעטיק.

— אַ פאַטאַל וואָרט „ליקווידאַציע״... אָבער אַזוי איז דאָך פּאַקטיש...

— ליקווידאַציע פון פּאַראַיין... ליקווידאַציע פון לעבן... ליקווידאַציע פון אַלץ...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן טעלער רייז, שטעלט ער זיך אויף צום אַוועקגיין.

— פֿאַרוואָס קומט איר נישט אַלע טאָג אויף מיטיק? — פֿרעג איך.
— פֿאַרן טעלער רייז האָב איך נעכטן צו טייער באַצאָלט...
— זייט פֿאַרזיכטיק, אָבער קומט.
ביים געזעגענען זיך דערמאָן איך אים נאָכאַמאָל:
— כאַפּט זיך אַרויף צו גאָווזען!
— גוט.

27

הערשעלע

אין קיך האָט זיך איין טאָג אויך געוויזן הערשעלע. דער פֿאָלקס־דיכ־טער הערשעלע דאַנילעוויטש. ער איז געקומען פֿון הענריקאָוו, הינטער וואַרשע, ווו ער וווינט מיט זיין פֿאַמיליע: ווייב, קינד און שוויגער. זי, די שוויגער, האָט אים טאַקע געשיקט אין שטאָט אַריין — „צו די שרייבער" — צו באַזאָרגן עפּעס אין שטוב אַריין. זייער אָרים, קליין שפּייז־געוועלבל דאָרט איז שוין אויסגעליידיקט, אָן סחורה. פּוסטע פּאָליצעס. איז ער גע־קומען, הערשעלע, אין שטאָט אַריין מיט אַן אַלט־געפּלאָכטן שטרוי־קוישל, כדי צו ברענגען עפּעס עסנוואַרג, דער עיקר פֿאַרן קינד.

הערשעלעס קליין, דאַר פּיגורל איז נאָך קלענער געוואָרן, נידעריקער צו דער ערד, דאָס פּנים חושכדיק, לאַנג שוין נישט ראַזירט. דאָס שוואַכע שטימעלע — נאָך שוואַכער, נעבעכדיקער.

— וואָס הערט מען עפּעס אין הענריקאָוו, חבר הערשעלע? — פֿרעגט אים וועער.

— אומעטום די זעלבע דייטשן... די זעלבע עמלקים... — ענטפֿערט ער מיט אַ וויינענדיקן טאָן.

— צו דער אַרבעט כאַפּט מען אייך נישט?

— מאָלט אייך, שוין געוואַשן ביי זיי נישט איין דיל...

— איר האָט נישט קיין מורא געהאַט צו קומען אַזש פֿון הענריקאָוו?

— אָבער אַז מען דאַרף געבן אַ קליין קינד אין מויל אַריין?... האַ?... מאָלט אייך, אַז איין מאָל, אויפֿן וועג קיין וואַרשע, האָט מען מיך טאַקע געכאַפּט און אַוועקגעשטעלט שייערן שמוציקע דילן... אַז שייערן וואָלט מען גאָר געדאַרפֿט זייער שמוציק געוויסן...

הערשעלע איז מיט ליידיקן נישט צוריקגעגאַנגען קיין הענריקאָוו, היות ווי ער עסט דאָך נישט אין קיך, האָט אים כילינאָוויטש מיטגעגעבן פון קיך־רעזערוו אַ היפּש ביסל פּראָדוקטן: אַ ליטער בוימאייל, רייז, קאַשע, מעל, צוקער. דאָס קוישל האָט נישט געקאָנט אַלץ אַריינגעמען און ער האָט געמוזט נאָך מאַכן זיך אַ היפּש פּעקעלע אין פּאַק־פּאַפּיר.

הערשעלע איז אַוועק פון דער שרייבער־קיך אַ שטאַרק צופרידענער: איצט וועט ער זיין ביי זיין פאַמיליע ווי אַן אָנגעלייגטער אורח... אַפילו ביי זיין שוויגער, וועלכע האָט אויף אים שטענדיק תרעומות וואָס ער איז נישט קיין פאַרדינער, קיין אויסטויגער... אַ נו, זאָל זי, די שוויגער, זיין א י צ ט אַ בריה און איינשאַפּן מיט איין מאָל אַזוי פיל שפּייז אין שטוב אריין!...

28
צוויי טויטן

אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר געהאַט צוויי טויטן פון היי־מישע:

אויף אַ טיש אין אַמבולאַטאָריע פון „טאָז" אויף גענשע 43 איז אויס־געגאַנגען דער אַלטער זשורנאַליסט און איבערזעצער אַ. ש. זאַקס (דער „רוסקי טשעלאָוויעק", ווי מ'האָט אים גערופן אין די ליטעראַרישע קרייזן). זיין נידערגעשלאָגנקייט, זיין רעזיגנאַציע פון לעבן האָב איך שוין באַ־מערקט נאָך דעמאָלט, באַלד נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דער הויפּט־שטאָט, בעת איך האָב אים געטראָפן גייענדיק מיטן טשייניק וואַסער פון „תשליך" — פון דער ווייסל.

נישטאָ שוין אויך זאַקס — דער באַשיידענער מענטש, מיטן גוטמוטיקן, טונקל־טאָטערישן, לענגלעכן פּנים; וואָס האָט קיינמאָל נישט גערעדט הויך; וואָס האָט תמיד גערן „געפראַנטעוועט" מיט זיין גוט־אַקצענטירטן רוסיש; וואָס פלעגט גאַנצענע טעג — און אַמאָל אויך ביינאַכט — וואכן (און אַמאָל אויך כאַפּן אַ דרימל אויף דער פויסט...) אין אונדזער טלאָמאַצקע13... זאַקס — דער אייביק־איינזאַמער, אָן משפּחה, מיט אַ פאַרגאַנגענהייט און אַ לעבן אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד. זאַקס — דער טיפּ פון אַ „געוועזענעם מענטש", וואָס האָט נאָך געלעבט מיט דער שיינקייט פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור; וואָס פלעגט גאַנצענע פּאָעמעס פון פּושקינען און

לערמאַנטאָוון אָפּזאָגן אויף אויסוויינִיק „ווי אַ וואַסער" — מיט אַזאַ התלה־בות, מיט אַזאַ פאַרליבטקייט.

דער „טאָז" האָט צוליב די ספּעציפישע אומשטענדן זיך ווייניק „צערע־מאָניעט" מיטן מת. מ'האָט אַפילו קיינעם פון די שרייבער נישט געגעבן צו וויסן. יעדער איז דאָך געווען פאַרשטעקט אין זיינע ד' אמות. האָט מען זאַקסן נאָך אין זעלבן טאָג „אָפּגעשטאַטעט" אין אַן עגלה אויפן געגשער בית־עולם. אגב, איז עס דאָך געווען גאָר נאָנט פון גענשע 43, בשכנות ממש. און וועגן זאַקס' טויט איז די שרייבער־משפּחה געוואָר געוואָרן לאחר המעשה, שוין נאָך דער קבורה. זיין בחפּזונדיק־אויפגעשאָטענער בערגל איז געבליבן אָן אַ צייכן, אָן אַ ברעטל, ווי אַ נאָמענלאָזער קבר...

***

אַ צווייטער טויט פון אַ משלנודיקן ייד:

קומענדיק איין טאָג אויף „מיטיק" אויף קאַרמעליצקע 5, האָב איך דערזען הענגען אַ מודעה אויף דער טיר פון עס־חדר. די מודעה איז גע־שריבן מיט דער האנט און זי דערציילט, אַז ס'איז געשטאָרבן ד"ר גרשון לעווין און מ'בעט צו קומען צו דער לוויה.

אַ גאַנץ קליינער עולם איז געקומען אויפן בית־עולם. בלויז משפּחה־מענטשן און געציילטע פריינט. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט ד"ר גרשון לעווין געהאַט אַ בכבודיקע לוויה: איז ער דאָך געווען אַ פּאָפּולערער דאָקטער, אַ שרייבער און אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער עסקן אין יידישן וואַרשע. ד"ר לעווין איז אַמאָל געווען פון י.ל. פּרצעס נאָנטע פריינט און אין יאָר 1919 האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך זכרונות וועגן פּרצן. אין 1918 האָט ער געדרוקט אין „היינט" זיינע מעמוארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט ווי אַ מיליטערישער דאָקטער. אַחוץ דעם האָט ד"ר לעווין פּובליקירט אַ ריי אַנדערע ביכער, צווישן זיי אויך מעדיצינישע. דערצו האָט ד"ר לעווין געהאַט אַ שוואַכקייט צו שפּילן וויאָלענטשעל. נאָך אין די צייטן פון וואַרשעווער „הזמיר" פלעגט ער אויפ־טרעטן מיט זיין וויאָלענטשעל אויף די „הזמיר"־אימפּרעזעס אויף לעשנאָ 40. ער, צוזאַמען מיט אַ צווייטן אַמאַטאָר־וויאָלענטשעליסט — זיין שטענ־דיקער פּאַרטנער, נחמיה פינקעלשטיין, מיט־פאַרלעגער פון „היינט". די דאָזיקע אייגנאַרטיקע קאָנצערטאַנטן־אַמאַטאָרן מיט זייערע גרויסע אינ־סטרומענטן פלעגן מיט זייערע מוזיקאַלישע דועטן אַרויסרופן אַ באַזונ־דערן אינטערעס ביים עולם און זיי פלעגן שטאַרק אַפּלאָדירט ווערן.

אַ שטילע לוויה איז עס געווען. שטיל און באַשיידן, אָן רעדעס, אָן הספּדים, בלויז אַן „אל מלא רחמים״, אַ קדיש... און — דער שאָט פון ריד־לען ערד... די לוויה איז פאָרגעקומען פון טהרה־שטוב און נישט פון זיין וווינונג אויף דער מעד־גאַס, ווייל ווען די לוויה וואָלט פאָרגעקומען פון זיין וווינונג, וואָלט קיין לעבעדיקער נפש נישט געקומען: מ׳האָט אויך מלווים געכאַפּט אין גאַס צו דער אַרבעט...

אַזאַ סצענע האָב איך עטלעכע מאָל אַליין באַמערקט:

עס גייט, אַ שטייגער, א לוויה. נאָך דער עגלה גייט־נאָך די פאמיליע פונעם פאַרשטאָרבענעם, קרובים, באַקאַנטע. אין מיטן דערינען אַ בהלה: „מ׳כאַפּט!״ — רופט ווער אויס און פלוצלונג צעלויפן זיך כמעט אַלע מלווים וווהין איינער קאָן און די עגלה בלייבט בלויז מיטן אַנטרייבער און די פּאָר אבלים, וועלכע טוליען זיך אין זייער טרויער צו דער עגלה... אַמאָל פלעגן די דייטשן כאַפּן אויך אבלים — יינגערע אבלים. — ס׳איז זיי אַ גרויסע נפקא מינה!... מיטן מת בלייבן בלויז די פרויען־אבלטעס.

אין מיין פרויס משפחה, למשל, איז געשען אזא מין פאַל:

ס׳איז געשטאָרבן מיין פרויס באָבעשי, זענען צו דער לוויה געגאַנגען בלויז די ווייבער פון דער משפחה. די מאַנסלייט האָבן דעם ארון אַרויסבאַ־גלייט נאָר ביז אויף יענער זייט טויער. אָפּילו דער איינציקער זון איז נישט מיטגעגאַנגען אויפן בית־עולם צו זאָגן דאָרט דעם ערשטן קדיש־יתום...

אגב: דער דאָזיקער זון — הויפּט־בוכהאַלטער פון „דזשאָינט״, הערמאַן ראָזענבוים — איז קורץ נאָך דעם געפונען געוואָרן אין אָוונט אַ דערשאָ־סענער אויף אַ טראָטואַר אויף קאָשיקאָווע גאַס. זיכער פון אַ דייטשישער קויל... די אומשטענדן זענען געבליבן א סוד; און ער האָט גראָד צופעליק יאָ געהאט אַ היפשע לוויה, אָבער אויך נאָר אויפן בית־עולם, פון טהרה־שטוב .אגב איז די לוויה איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אַ כיוון שוין פאַר־נאַכט, ווען די „לאפאנקעס״ זענען שוין געווײנלעך נישט פאָרגעקומען. אי׳ז טאַקע צו דער לוויה געקומען דער גאַנצער עולם פון „דזשאָינט״, נאָענטע קרובים און פריינט.

בכלל האָבן יידן אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו קאָנען זיך זען מיט מענטשן, צו קאָנען זיך אויספרעגן, טיילן זיך מיט די צרות... אָבער דאָס נאָר ווען מען האָט דערשפּירט, אַז „מ׳קאָן״... אַז עס דראָט נישט קיין סכנה געכאַפּט צו ווערן.

29
די שרייבער־קיך וואַנדערט

די ליטעראַטן־קיך האָט זיך שפּעטער אַריבערגעטראָגן אויף גראַניטשנע 13, אין דער וווינונג פון זשורנאַליסט און נאַכט־רעדאַקטאָר פון „מאָמענט“, א. מ. אַפּעלבוים. מיט דער ווירטשאַפט פון קיך און אפילו מיטן קאָכן האָט זיך פאַרנומען זיין פרוי. מ'האָט זי אין שפּאַס גערופן: „ראַכעלאַ ז' ווּעסעלאַ“. דאָס איז אַ צונאָמען, וואָס מ'האָט איר געגעבן צוליב אירע אַרטיסטישע אַספּיראַציעס און צוליב איר שפּילן אמאָל אין וויספּיאַנסקיס „ווּעסעליע“ די ראָל פון רחל. איר צו הילף האָט אויך מיטגעאַרבעט אין קיך האַלינאַ צוקערמאַן — די פירערין פון דער אָפּטיילונג פאַר פרויען (מאָדע און קולינאַריע) אין „מאָמענט“־מיטאָגבלאַט „וואַרשעווער ראַדיאָ“ אַ זייער סימפּאַטיש בלאָנד מיידל, אַן עספּעראַנטיסטין, אַן איבערזעצערין פון מוסטערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין עספּעראַנטאָ. די דריטע מיטאַרבעטערין אין דער שרייבער־קיך איז געווען די פרוי פון זשורנאַליסט ל. לענעמאַן, — די חן־פולע, בלוי־אויגיקע אַנקע. די מיטיקן זענען געוואָרן אי היימישער, אי בעסער. צו דער זופּ פלעגט יעדער נאָך צוקריגן עפּעס אַ „ביילאַגע“ — עפּעס אַ קאָמבינאַציע פון קאַרטאָפל אָדער רייז. דאָס איז געווען די „קאָמפּאָזיציע“ פון די דריי פרויען. די ראָל פון דער „קעלנערין“ האָט אויסגעפירט האַלינאַ צוקערמאַן. זי האָט געטראָגן אַ ווייסן שירץ און איטלעכן אונטערגעטראָגן דעם טעלער מיט אַ ליבלעכן שמייכל. אַפּעלבוים אַליין האָט זיך אַרומגעדרייט מעשה־מחותן אין עסצימער, א שמעק געטאָן פון צייט צו צייט אין קיך אַריין, געגעבן דיספּאָזיציעס און באַמיט זיך, אַז די געסט זאָלן זיין צופרידן. ער האָט ממש געשעפּט נחת ווען מ'האָט אים געגעבן אַ קאָמפּלימענט אויפן חשבון פון די מיטיקן, פון די „קעכינס“.

די באַנייטע קיך איז פּאָפּולער געוואָרן אין שטאָט צווישן די אינטעלעקטואַלן. ס'איז געוואָרן אַ שטיקל אַדרעס. ס'האָבן זיך געוויזן אויך יידישע מאָלער צו מיטיק: פעליקס פרידמאַן, וויינטרויב, טיקאָטשינסקי, שליוואַניאַק און אַנדערע. אַמאָל פלעגט זיך דאָרט אויך ווייזן דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס האָט זיך פון לאָדזש איבערגעפעקלט קיין וואַרשע. אין לאָדזש איז די אטמאָספערע געוואָרן דריקנדיקער. די דייטשן האָבן באַלד איינגעגלידערט לאָדזש אין „רייך“ און זי משנה־שם געווען אויף „ליצמאַנ־

שטאָדט״. פאַר ייִדן איז דאָרט געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. ווער עס האָט נאָר געקאָנט, האָט פון לאָדזש באַצייטנס עוקר געווען.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט יעדערן געשטעלט די שווין „אַלטע קשיא״: צי מען דאַרף בלייבן און אויסדויערן אָדער מען מוז לויפן „אויף יענער זייט״? ווי תמיד, האָבן זיך די מיינונגען געטיילט.

— אייגנטלעך, — האָט קאַצענעלסאָן ווי מבאר געווען זיך און אַנ־דערע, — איז קיינער נישט פּרינציפּיעל פאַר בלייבן מיטן דייטש. אויב מען לויפט נישט — אַ שטייגער איך אַליין — איז עס נאָר מחמת פּשוטער שרעק פאַר נע־ונד...

— ווער ווייס... — וואַרפט ווער אַריין אַ „שטיין אין גרוב״, וואָס קיי־נער קאָן נישט אַרויסנעמען, — ווער ווייס... און די שרעק פאַרן דייטש איז קיין שרעק נישט?... איז די שרעק פאַר נע־ונד אַ גרעסערע?...

— נאָך וואָס פאַר אַ שרעק! — ענטפערט קאַצענעלסאָן, — אַ שרעק, וואָס ברענגט שלאָפלאָזע נעכט... מער נישט, וואָס דערווייל זיצט מען אויף אַן אָרט... דערווייל!...

דער דאָזיקער שמועס ווערט איבערגעריסן אַן „קאָנקלוזיעס״. מיט אַ פראַגע־צייכן אויף די פּנימער, וואָס ווערן נאָך מער פאַרוואָלקנט.

געווען טעג, בעת די „לאַפּאַנקעס״ זענען געמאַכט געוואָרן צו אָפּט און אומעטום — ממש זיך נישט אויסצובאַהאַלטן פון זיי — און די קיך פלעגט דעמאָלט זיין האַלב־ליידיק. עס פלעגן קומען נאָר די יעניקע, וואָס האָבן געווויינט צום נאָענטסטן אָדער בלויז פרויען און קינדער. די „לאַפּאַנ־קעס״ זענען אויך געוואָרן ווילדער, ברוטאַלער. עס האָט זיך דאָס רוב גע־ווענדט אַן די כאַפּערס, אַן דער מאָס פון זייער סאַדיזם און צעיושעטקייט.

אָט שטיי איך באַהאַלטן אין אַ טויער אויף נאַלעווקעס און קוק זיך צו פונדערווייטנס צו אַזאַ בילדל:

ס'איז ביים סקווערל פון „קראַמי נאַלעווקאָווסקיע״, ביי קראַשינסקיס גאָרטן. עטלעכע דייטשן, מיט אויסגעשטרעקטע אויטאָמאַטן גרייטע צום שיסן, יאָגן אַ מחנה ייִדן. ייִדן געכאַפּטע צו אַרבעט. אַ געמיש פון אַלערליי טיפּן: קורץ־געקליידטע, גילוחים, צוזאַמען מיט חסידישע ייִדן, ייִדן מיט בערד און פּיאות און אין קאַפּאָטעס. אַלע לויפן אַן אָטעם, פאַרסאָפּעטע, באַגאָסענע מיט שווייס. די דייטשן פון הינטן יאָגן און שטויסן מיט די פויסטן די אַביסל אָפּגעשטאַנענע:

— שנעל, פאַרפלוכטע יודען־באַנדע!

די ייִדן האָבן אין געלויף זיך אָפּגעקנעפּלט די מלבושים, עס זאָל זיי

לייכטער זיין צו לויפן. די פּאָלעס ביי די לאַנג־געקליידטע האָבן זיך צע־שפּרייט און צעכראַסטעט אין געלאָף.

— שנעל, שנעל!

און קלעפּ, און שטויסערייען, און ווילדע קולות פון די טרייבער...

אַט פאלט איין ייִד. א דייטש גייט צו אים צו און נעמט אים שלאָגן מיטן שטיוול איבערן קאָפּ. יענער בלייבט ליגן אַ פאַרחלשטער... דאַן לאָזט אים דער יעקע אָפּ.

די פלי‍ִענדיקע מחנה ייִדן פאַרשווינדט אין ביעלאַנסקע גאַס.

צום פאַרחלשטן ייִד קומען צו מענטשן און מען טראָגט אים אַריין אין אַ טויער.

30

וואַרשע ווערט טויב

ס'איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז אלע איינוווינער מוזן צושטעלן זייערע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן אין די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן. לפנים־וועגן האָט מען געהייסן אַרויפקלעפּן אויף יעדן אַפּאַראַט אַ צעטל מיט דעם נאָמען פון אייגנטימער און זיין אַדרעס; אַז כלומרשט נאָכן קריג וועט עס איטלעכער צוריקבאַקומען... פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט דערין נישט געגלויבט און פונדעסטוועגן האָט יעדער נאָך אליין געמוזט אָפּטראָגן זיין אַפּאַראַט אין קאָמיסאַריאַט. אַזוי אַרום איז וואַרשע מיטאמאָל טויב געוואָרן. מ'האָט אויפגעהערט צו הערן די וועלט. מ'האָט זיך געגערט בלויז מיט די דייטשישע קאָמוניקאַטן. די דאָזיקע פאַראָרדענונג, ווי אַ סך אנדערע פאַראָרדענונגען, איז געווען פאַרזען מיט דער דראָונג „טויט־שטראָף" — אויב מ'וועט נישט דערפילן וואָס מען הייסט.

אין איינער אַ ווינונג האָט מען זיך יאָ „פאַרשפּעטיקט" מיטן אָפּגעבן דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דאָס איז געווען ביי אַ היימישן ייִד אויף לעשנע גאַס. דער דאָזיקער ייִד האָט געהאט זייער א פרעציז מיניאַטור־אַפּאַראַטל, וואָס איז געווען לייכט צו פאַרשטעקן ערגעץ אין אַ צוגעגרייטער באַהעלטעניש. אַהין פלעגן מיר זיך אמאָל אַריינכאַפּן אין אַ פאַרנאַכט — דער פּראָזאַיִקער מיכאַל בורשטין, דער טעאַטער־אימפּרעסאַריאָ יענקל דאַנציקער און איך. אין יענער שעה פלעגן מיר כאַפּן די פּוילישע אודיציע פון לאָנדאָן. מיר פלעגן זיך אַביסל טרייסטן מיט די אינפאָרמאציעס פון דער פרייער וועלט;

מיט די מעדיטאַציעס פונעם ספּיקער, אַז נישט קוקנדיק אויף זיינע דער־ווייליקע נצחונות, דערוואַרט היטלערן אַ וויסטע מפּלה. אחוץ דעם פלעגן מיר אויך הערן אַ סך פּרטים וועגן מצב אין וואַרשע גופא — זאַכן, וואָס מיר אַליין האָבן דערפון נישט געוווּסט און וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן פאַר אויטענטיש. אַזוי גוט איז לאָנדאָן אינפאָרמירט געווען.

לאַנג האָט אָבער יענער ייִד אויף לעשנאָ נישט געוואָלט ריזיקירן מיטן קאָפּ און ער האָט דעם ראַדיאָ פאַרגראָבן אין אַ קעלער. עס פלעגן נאָר פאַר־שפּרייט ווערן אויסלענדישע ידיעות פון מויל צו מויל, וועלכע האָבן גע־שטאַמט פון אונטערערדישע קוועלן. וואָרום אין גרונט, פון וואַנען האָט לאָנדאָן געשעפּט די אינפאָרמאַציעס, אויב נישט פון פּוילישן אונטער־ערד? אָבער די אַלע בייסן פלעגן צעבלאָזן ווערן און דערגיין צו דער גאַס אויף אַ גוזמאדיקן, אַמאָל אַזש פאַנטאַסטישן אופן.

די דייטשן האָבן זיך געכאַפּט, אַז פון אונטערערד גייט אַ שטים צו דער וועלט. האָבן זיי באַלד אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג — פּלאַקאַטירט אויף די מויערן פון שטאָט — אַז אַלע פּוילישע אָפיצירן, וועלכע זענען בעת דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשעווער גאַרניזאָן באַפרייט געוואָרן, מוזן זיך תיכף צושטעלן אין די באַטרעפנדיקע קאָמענדאַנטורן לויט די ראַיאָ־נען. אין קעגנפאַל — דער גוט־באַקאַנטער מיטל: טויט־שטראָף!

האָבן זיך טייל אָפיצירן געמאָלדן און טייל האָבן געביטן זייערע נעמען איז זייערע וווין־ערטער. איבעריקנס, דאַרף מען נישט זיין דווקא אַן אָפי־ציר, כדי צו געהערן צום אונטערערד. איז טאַקע דער אונטערערד געבליבן אַזוי ווי ער איז געווען און האָט געפירט דערווייל זיין אינפאָרמאַטיווע אַר־בעט פאַרן לאַנד און פאַר דער ברייטער פרייער וועלט.

31

„אינטערוויוען"...

איינמאָל ברענגט מען אין קיך די ידיעה, אַז די „געסטאַפּאָ" האָט אַרעס־טירט דעם פאָרזיצער פון לעצטן זשורנאַליסטן־סינדיקאַט (ייִדישע סעק־ציע), דעם „היינט"־מיטרעדאַקטאָר משה אינדעלמאַן.

מ'גיט איבער פּרטים:

צוערשט איז מען געקומען צו אינדעלמאַנען אין דער וווינונג אויף אַ מין „שמועס", אַן „אינטערוויו". געקומען איז מען נישט פון דער „געסטאַפּאָ", נאָר פון דער זיכערקייטס־דינסט. די אינטערוויואירער האָבן נישט אַרויסגערוקט קיין טענות, האָבן נישט געמאַכט קיין שום פאָרוואורפן. זיי האָבן נאָר געפרעגט אינדעלמאַנען זיין מיינונג וועגן אַ ריי פראַגן; וועגן פאַרשיידענע ענינים פון דער פּוילישער פּאָליטיק, קודם־כל אין שייכות מיטן קריג; וועגן די ייִדיש־פּוילישע באַציִונגען און אַנדערע קלאָץ־קשיות. נאָכן שמועס זענען זיי גאַנץ העפלעך אַוועקגעגאַנגען. אַזעלכע „אינטערוויוען" האָבן זיי אויך דורכגעפירט מיט אַ ריי אַנדערע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי אַדוו. האַרטגלאַס, דעם מיטרעדאַקטאָר פון „נאַש פּשעגלאָנד" ש. הירשהאָרן און אַנדערע. פאַרשטייט זיך, אַז די אינטערוויואירטע האָבן געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע ביים ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן. ס'האָט יעדער אויף זיין אופן זיך געקליגלט, זיך געפּשטלט און אויסגענוצט כלערליי אומוועגן, כדי די תשובות זאָלן אַרויסקומען וואָס מער סטעריל און גאָרנישט־זאָגנדיקע... דאָס איז געווען נאָך אין מיטן אָקטאָבער, קורץ נאָכן אריינמאַרש פון דער דייטשישער אַרמיי.

דאָס צווייטע מאָל איז מען שוין געקומען צו אינדעלמאַנען אויף אַן אַנדער אופן און מיט אַן אַנדער „סטיל"... איצט האָט מען אים פאַרבעטן אין אַן אויטאָ און מ'האָט אים אַוועקגעפירט אין רעדאַקציע פון „היינט" אויף כלאָדנע 8. דאָרט האָט מען אים געהייסן אָנווייזן ווו עס איז זיין שרייבטיש. מ'האָט גענישטערט אין זיינע שופלאָדן, צוגענומען מאַנוסקריפּטן, צייטונגען, אויסשניטן פון צייטונגען, בריוו און טייל אַרטיקלען זיינע, וואָס זענען געדרוקט געווען שוין בעת דער באַלאַגערונג. פון דאָרט האָט מען שוין אינדעלמאַנען נישט אָפּגעלאָזט, נאָר אַוועקגעפירט אויף אַלעיאַ שוכאַ — אין דער „געסטאַפּאָ". מיט איין טאָג פריִער האָט זיך אינדעלמאַן געהאַט באַטייליקט אין דער ערשטער זיצונג פון „ייִדן־ראַט", פון וועלכן ער איז געווען אַ מיטגליד.

אינדעלמאַנס פרוי פלעגט אַלע טאָג לויפן אין „געסטאַפּאָ" פרעגן אויף איר מאַן. זי האָט געפרעגט אין וואָס מען באַשולדיקט אים, וואָס מען האָט צו אים? מ'האָט איר שטענדיק געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער. זי איז אָבער נישט מיד געוואָרן זוכנדיק אויף אַלע וועגן „פּראָטעקציע". ביז איין טאָג האָט מען איר אין „געסטאַפּאָ" דערקלערט, אַז זי האָט שוין נישט נאָך וואָס צו קומען; אַז איר מאַן איז שוין נישטאָ אין וואַרשע.

— ווו איז ער?

— אין בערלין.

— אין בערלין?!!

— יאָ, אין בערלין. אויב ער איז אומשולדיק, וועט אים דאָס געריכט פריילאָזן...

פרוי אינדעלמאַן האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די דאָזיקע רייד. „ווער געריכט? וואָס געריכט?" זי האָט געוויינט, געקלאָגט און — ווייטער געזוכט „פּראָטעקציע"...

אינדעלמאַנס אַרעסט האָט געמאַכט אַ רושם אויף אונדזער ליטעראַריש־זשורנאַליסטיש וועלטל. מ'האָט זיך שוין איצט געריכט אויף אַלץ. מ'האָט געוווּסט, אַז סוף־כל־סוף דערוואַרט דער זעלבער גורל אויך אַנדערע שרייבער. אגב האָט שוין די גמינע באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון די דייטשישע „בעהערדען" צוצושטעלן גענויע רשימות פון די ייִדישע אינטעלעקטואַלן: שרייבער, זשורנאַליסטן, אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, לערער. עס איז קלאָר, אַז די דייטשן קלייבן זיך עס צו „פּאַרזאָרגן" די דאָזיקע פרייע באַרופן אויף זייער אופן...

— נו, וואָס איצטער? — פרעגן זיך שרייבער איינע די אַנדערע אין דער קיך.

פון די אויגן קוקט אַרויס אַן אומרו. אין מוח לעכערן שוואַרצע יחשבות...

— מען דאַרף זיך באַצייטנס קלייבן אין וועג אַריין... — זאָגט איינער.

— וכל המקדים הרי זה משובח... — פּאַראַפראַזירט אַ צווייטער.

— נו, וואָס איצטער? — פרעגט מיך אויך דאָס זעלבע מיין פרוי. — אינדעלמאַן איז שוין נישטאָ. אַז מ'האָט גענומען דעם פּאַרזיצער פון זשורנאַליסטן־סינדיקאַט, וועט מען דאָך זיכער אויך נעמען די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער. ווען זיצן און וואַרטן אויף דיין ריי?...

מיין פרוי, ווי די גאַנצע פאַמיליע אירע, איז געווען דערפאַר, איך זאָל דער ערשטער אַריבער אויף „יענער זייט", איינאָרדענען זיך אין מיין היימישן גראָדנע נעבן מיין משפּחה — און דערנאָך וואָלטן זיי אויך אַריבערקומען צו מיר. הגם איך האָב אין פּרינציפּ מסכים געווען דערויף, האָב איך דאָך מיין נסיעה אָפּגעלייגט פון וואָך אויף וואָך. ס'איז מיר שווער געווען שוין בלויז דער געדאַנק וועגן אַריין אין דער ראָל פון אַ „בעזשעניעץ"... שווער זיך צו געזעגענען מיט היימישע און נאָענטע מענטשן, מיט היימישע ווינקעלעך, איבעררייסן מיט אַלץ און מיט אַלעמען און איבערגעבן זיך דעם ה פ ק ר — — —

32

צוויי צופאַלן...

צוויי צופאַלן אין איין טאָג, טאַקע אין מיין הויף, האָבן פאַרשטאַרקט דעם געדאַנק, אַז מען מוז יאָ אַוועקפאָרן:

ביי טאָג וויל איך ערגעץ אַרויסגיין. אין טויער בלייב איך שטיין און שטעק פריער פאָרזיכטיק אַרויס דעם קאָפּ צו דער גאַס. איך דערזע באַלד פון דערווייטנס, ווי אַ דייטש שפּאַנט אין מיטן גאַס ווי אַ גזלן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, טרייבנדיק פאַר זיך אַ פּאָר געכאַפּטע ייִדן צו דער אַרבעט. מענטשן צעלויפן זיך אין די טויערן. ער האָט אפּנים באַמערקט מיין עטוואָס אַרויסגערוקטן קאָפּ און גענומען שרייען מיט רציחהדיקע קולות:

— האַלט, יודע! האַלט!!

כ׳האָב זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן פאַרן דאָזיקן רוצח און אַריינגעלאָפן אין ערשטן־בעסטן אַריינגאַנג. כ׳האָב מיט די גאַנצע כוחות גענומען לויפן טרעפּ־אַרויף, טרעפּ־אַרויף ביזן לעצטן פערטן שטאָק. כ׳בין צוגעפאַלן מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ צו אַ טיר און אָנגעקלונגען. איידער נאָך מ׳האָט מיר געעפנט דערהער איך פונעם הויף אַ קנאַל פון אַ רעוואָלווער. צום גליק האָט מען געעפנט די טיר און כ׳בין אַריינגעלאָפן אָן אָן אָטעם צום פרעמדן שכן. ס׳האָט אַביסל געדויערט איידער כ׳האָב געקענט דערציילן די פרעמדע די סיבה פון מיין שרעק. די באַלעבאָסטע איז פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַ בליק געוואָרפן דורך אַן אָפּגערוקט שטיקל גאַרדין ביי דער זייט און געזאָגט, אַז אין מיטן הויף שטייט אַ דייטש מיט אַ רעוואָלווער און נעבן אים עטלעכע ייִדן. מיר שווייגן אַלע. פון הויף דערטראָגן זיך באַנומענע קולות:

— וואו איזט ער, דער קערל? איך ווערדע איהן טאָדט שלאַגן!! דאָנערוועטער!!

באַלד דערויף דערהערט זיך נאָך אַ רעוואָלווער־קנאַל אין דער לופט. מיר קוקן זיך אַלע איבער אין שרעק. איך זע, אַז די פרעמדע זענען אויף מיר אַביסל ברוגז, וואָס כ׳בין אַריינגעלאָפן צו זיי.

די באַלעבאָסטע כאַפּט ווידער אַ קוק צום פענצטער.

— שוין, — זאָגט זי, — זיי גייען אַרויס.

זעט אויס, אַז צוליב דעם וואָס דער דייטש איז דאָך נישט געווען אַליין, נאָר מיט עטלעכע געכאַפּטע ייִדן, האָט ער זיי דעריבער נישט געקענט איבערלאָזן אויפן הויף און אַרומגיין זוכן מיך איבער די וווינונגען פונעם גרויסן דריי־הויפּיקן הויז־בלאָק. האָט ער לסוף געמוזט רעזיגנירן און אַוועקגיין. נאָר פּאָר כעס און נישט־געשטילטער רציחה האָט ער געשאָסן אין דער לופטן.

אַ צווייטער פּאַל.

אַ נאַכט פון אימה. געווען איז עס אין מיטן נאַכט. פּלוצלונג — אַ שווער געטופּעריי, אַ גערודער אויף די טרעפּ. גראָבע דייטשישע קולות.

מיר כאַפּן זיך אויף אין די בעטן:

— וואָס קען דאָ זיין?

ביי די שטוביקע פּלאַטערט דאָס האַרץ פון פּחד. מיר ליגן וואַך. מיר וואַרטן אין דער פינצטער.

אַ געבראַזג אין אַ שכנישער טיר. פּעסטע, שטאַרקע זעצערייען, מסתמא מיט גראָבע פויסטן אָדער שווערע שטיוול.

— עפענען!! — הערן מיר אַ דונערדיקע שטים.

מיר אָריענטירן זיך: ס'איז אַ שטאָק נידעריקער, ביי דער פאַמיליע פּ. דער מאַן איז נישטאָ אין דער היים. אין דער וווינונג געפינט זיך נאָר די פרוי.

לסוף ווערן איינגעשטילט די קלעפּ. די טיר איז שוין אפנים אויפגעריסן. כ'גיי אַראָפּ פון בעט אין דער פינצטער און כאַפּ אַ בליק צום פענצטער ביי יענעם שכן, ביי דער זייט. די פענצטער זענען שוין באַלויכטן. די באַנומענע קולות דרינגען שוין פון אינעווייניק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט די בראַזגעריי און דער גערודער אין דער וווינונג און אויף די טרעפּ — אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. אַזוי ביז סאַמע אינדערפרי. דורך מיין פענצטער האָב איך ביים ליכט פון טאָג געזען אונטן אין הויף אַ גרויסע לאַסט־מאַשין, אָנגעלאָדן מיט מעבל און כלערליי שטוב־חפצים: עלעגאַנטע בעטן, טישן, פאָטעלן, אַ שאַנק, אַ זאָפע, בילדער, זשיראַנדאָלן. די אייגנטימערין פון דער אויסגעליידיקטער וווינונג שטייט אונטן אַ פאַרוויינטע ביים מיטלסטן טויער. נעבן דער לאַסט־מאַשין — אַ דייטשישער אָפיציר, וועלכער האַלט דעם שליסל פון איר דירה און רייצט זיך מיט איר. ער „שפּילט זיך" כלומרשט מיטן שליסל, וואַרפט אים אין דער לופטן ווי אַ פּילקע און כאַפּט אים מיט איין האַנט.

— גיט מיר דעם שליסל, — בעט די פרוי.

— אויב איר וועט מיר זאָגן ווו עס איז אייער מאַן... — ענטפערט דער אָפיציר.

— כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן.

— וווהין?

— ווייס איך... מסתמא קיין ביאַליסטאָק...

— איר לייגט!

— כ׳זאָג אייך דעם אמת.

— אָבער ווו איז דאָס לעדער?

— שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ. כ׳בין אַליין און פיר נישט קיין געשעפטן.

—אַלע זענט איר שווינדלער! — הייבט ער העכער אויף דאָס קול, — אַלע נאַרט איר די דייטשישע „בעהערדען״...

די פרוי שווייגט. דער אָפיציר שאָקלט איר אַנטקעגן דעם שליסל:

— איר האָט צוויי מינוט צייט. זאָגט, ווו איז דאָס לעדער?

— איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר האָבן נישט קיין שום לעדער.

— דאָנערוועטער!!

די פרוי צעכליפּעט זיך און פאַרשטעלט זיך די אויגן.

— ווען איר וועט זאָגן ווו ס׳איז דאָס לעדער, באַקומט איר גלייך דעם שליסל און אייער גאַנצע הויז־ווירטשאַפט. מיינע מענטשן וועלן עס אַליין צוריק אַרויפטראָגן... — רעדט ער מיט אַ געמאַכטער שטים פון „מילדקייט״.

די פרוי האַלט זיך אָבער ביי אירס.

— איך שווער אייך... — נעמט זי ריידן מיט אַ וויינענדיקער שטים און פאַרהאַקט זיך. די טרערן שטיקן איר אין האַלדז.

עס דויערט נאָך אַ קליינע ווילע דער „דיאַלאָג״ צווישן אָפיציר און דער יידישער פרוי — ביז דעם יעקע ווערט נמאס די שפּיל און ער טוט אַ שליידער דעם שליסל מיט דער גאַנצער קראַפט. דער שליסל פאַרפליט ביז דער אַנטקעגנאיבערדיקער וואַנט.

— אַבפאהרט! — גיט ער אַ קאָמאַנדע צום שאָפער.

אַז די מאַשין מיט די דייטשן איז שוין אין הויף נישט געווען, איז די פרוי פ. מיט פאַמעלעכע טריט, ווי אַן אבלטע, צוגעגאַנגען אויפהייבן פון דער ערד דעם שליסל. זי איז אַ דערשלאָגענע אַרויף אין איר ווױנונג — לחלוטין צו פוסטע ווענט...

כ׳בין מיט מיין פרוי אַריינגעגאַנגען צו אונדזער שכנה. ס׳איז ממש

נישט געווען אויף וואָס זיך אָנידערצוזעצן. בלויז אין קיך־טאַבורעטקע האָבן זיי איבערגעלאָזט... אַלץ, אַלץ האָבן זיי צוגענומען. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט אָנגעוואָרפענע אַלטע מלבושים. די נייע, די גוטע האָבן זיי מיטגענומען טאַקע אין דער „רעקוויזירטער" שאַנק. די פרוי ווייזט אונדז אויך אַ בלויען צייכן אויפן אָרעם: דאָס האָט דער „דזשענטעל־מענישער" אָפיציר באַלד ביים אַריינקומען איר מכבד געווען מיטן שפּיץ־רוט פאַר נישט וועלן באַלד עפענען מיט גוטן די טיר. די גאַנצע וווינונג האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. צעבראָזגעטע כלים, גלעזער. בלויז אין קיך איז געבליבן אַן אַלטער קרעדענס, וואָס איז זיי אפנים נישט געפעלן געוואָרן.

— אפילו קיין קישן נישט איבערגעלאָזט... — פאַרברעכט די פרוי די הענט פון צער, — נישט קיין בעט און נישט קיין קישן... קוקט אָן מיין אומגליק...

זי צעוויינט זיך און פאַלט אַראָפּ אַן אָנמעכטיקע אויף דער איינציק־איבערגעבליבענער טאַבורעטקע...

33

צווישן אנשי שלומינו

איך קום פון צייט צו צייט אַריין אין לאָקאַל פון „דזשאָינט" אויף לעשנע 13. דאָרט איז געוואָרן אַן אמתע אכסניה פאַר ייִדן. כלערליי ייִדן פון פּראָווינץ, — נשרפים, פאַרטריבענע, רויִנירטע — דרייען זיך דאָ אַרום אין די קאָרידאָרן, וואַרטנדיק אויף הילף. מ'טיילט מלבושים, פּראָ־דוקטן. אַ טומל, אַ יאַריד.

עס זענען דאָ צוגעקומען שפּאָגל־נייע פונקציאָנאַרן: די אַרטיסטין קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, דער אַקטיאָר יאָנאַס טורקאָוו, ד״ר יוסף קרוק, ד״ר מיכאַל ווייכערט, דער דירעקטאָר פון דער געוועזענער „ווילנער טרופּע" מאַזאָ; מ'זעט דאָ די „דזשאָינט"־דירעקטאָרן גיטערמאַן, גוזשיק און נוי־שטאַט. אַלע טראָגן אויף זייערע אַרבל ווייסע לענטעס מיט דער אָנשריפט „סאָציאַלע פאַרזאָרגונג" — אַ סגולה אין גאַס קעגן די „לאַפּאַנקעס".

די שטימונג איז דאָ אַ נערוועזע. אַ געשפּאַנטע. די הילף, וואָס דער „דזשאָינט" איז ביכולת אַרויסצוגעבן, איז אַ שפּיי אין ים אין פאַרגלייך מיט

דער נויט צווישן דעם אַנגעלויף פון פליטים אין וואַרשע. אָבער וואָס עס לאָזט זיך — ווערט געטאָן מיט גוטן ווילן, מיט האַרץ. די אַלטע און די שפּאָגל־נייע „קאָניונקטור״־באַאַמטע לויפן אום הין און צוריק, פון איין חדר אין אַנדערן, און מען דערליידיקט די אינטערעסאַנטן. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש שוועבט אַלע ווילע פאַרביי מיט איר צעשויבערט־געלאָקטן קאָפּ, רעדט אַ וואָרט מיט דעם, אַ וואָרט מיט יענעם און דערליידיקט ענינים.

— האָט איר זיך אין אייער אַרטיסטישער אַרבעט אַמאָל פאַרגעשטעלט אין אַזאַ ראָל?... — פרעג איך זי ביים גריסן זיך מיט איר.

— ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן אויף אַזאַ „ספּעקטאַקל״?... — ענטפערט זי אין זעלביקן עלעגישן טאָן.

אין וואַרט־זאַל — אַ גאַנצע גרופּע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער. מ׳איז דאָ נישט געקומען, פאַרשטייט זיך, נאָך קיין הילף, נאָר סתם אַזוי, כדי אַ קוק צו טאָן ווי עס זעט אויס מיט דער יידישער נויט. דאָ טרעפט מען זיך אַגב מיט דעם און מיט יענעם. צווישן אַנדערע זע איך דאָ אויך יצחק קאַצענעלסאָן און דעם העברעישן שרייבער־פּעדאַגאָג יצחק בערקמאַן. מיר שמועסן מעניני דיומא.

קאַצענעלסאָן באַרירט ווידער די טעמע „יאָ פאָרן — נישט פאָרן״. ער רעדט אַביסל דענערווירט. האָט זיך אַנגעהערט פון אַ סך נישט פריילעכע זאַכן... ער איז שוין פעסטער ביים געדאַנק, אַז מען דאַרף אַנטלויפן.

— אַלץ לויפט קיין מאַלקין, — דערציילט ער.

— דורך מאַלקין? — כאַפּט זיך אָן בערקמאַן, — חלילה, איר זאָלט זיך נישט דערוועגן צו פאָרן. אַ שאָד אייער קאָפּ...

דערביי דערציילט ער, אַז ערשט נעכטן האָט ער געטראָפן אַ באַקאַנטן מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ. יענער איז אויך געהאַט געגאַנגען דורך מאַלקין און דאָרט האָבן אים די דייטשן אַזוי צעממיתט, אַז ער איז קוים אַ לעבעדיקער צוריק אַהיים געקומען. די דייטשישע גרענעץ־וואַך פאַרהאַלט אין מאַלקין די אַנטלויפנדיקע יידן, נעמט צו ביי זיי אַלע ווערט־זאַכן, שטעלט זיי אויס אין אַ לאַנגער ריי און עטלעכע דייטשן גייען פאַרביי לענג־אויס און שלאָגן איטלעכן מיט שטעקנס און ביקסן מכות־רצח.

— איז נישט דורך מאַלקין.

— ניין, ניין, קאַצענעלסאָן, איך ראָט אייך נישט. — איז בערקמאַן געווען קאַטעגאָריש.

און אַזוי האָט איטלעכער געפיבערט צווישן „יאָ״ און „ניין״.

מיר פאַרפירן אַ שמועס מיט די אַנטלאָפענע ייִדן פון דער פּראָווינץ.

יעדער איינער דערציילט זיין מגילה. ווי די ווילדע חיות זענען די דייטשישע מלאכי חבלה באַפאַלן זייערע קרעמלעך און צוגענומען אַלץ בחינם וואָס זייער האַרץ האָט געגלוסט. ווער עס האָט געפּרוּווט פּראָטעס־טירן, האָט נאָך באַקומען קלעפּ אַלס צולאָג... אַ חוץ דעם האָט מען יעדן טאָג אַרויסגעשלעפּט פון די הייזער ייִדן צו דער אַרבעט. מ׳האָט זיי ערגעץ אַוועקגעפירט און זיי זענען נאָך נישט צוריקגעקומען. פון שענערע הייזער, פון בעסערע דירות, וועלכע האָבן נושא־חן געווען ביי די דייטשן, האָט מען אַרויסגעיאָגט די ייִדישע איינוווינער און דאָרט האָבן זיך באַזעצט דייטשן — מיליטער־לייט און ציווילע. און ווי באַלד קיין פּרנסה נישט, קיין מנוחה נישט, דאָס לעבן אין סכנה — איז דאָס ביסל ייִדן צעלאָפן וווהין איינער האָט געקענט.

דאָס האָבן דערציילט ייִדן פון גאַנץ־געבליבענע שטעטלעך. וואָס שייך חרובע און פאַרברענטע ייִדישע שטעטלעך, איז דאָך נישט שייך. פון דאָרט האָט מען דאָך גלייך געמוזט לויפן אויף גאָטס באַראָט.

34

די בעסטיע ווייזט אירע צייִן

די דייטשישע בעסטיע אין וואַרשע האָט אָנגעהויבן ווייזן אירע צייִן. די „לאַפּאַנקעס" זענען באַגלייט געוואָרן מיט באַרבאַרישע אַקטן.

אויף נאָווינאַרסקע גאַס האָט אַ דייטש אויפגעפּאָדערט אַ ייִדישן פאַרבייגייער ער זאָל מיט אים מיטגיין אויף אַרבעט. דער ייִד האָט לכתּחילה זיך געקווענקלט. דער דייטש האָט תּיכף, אָן שום וואָרנונג, אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער און אַריינגעשאָסן אַ קויל דעם ייִדן אין בויך אַריין. דער ייִד איז געבליבן ליגן אויף דער ערד אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אין אַ וואַרשעווער פאָרשטאָט — אויף שמולעוויזנע — האָט אַ ייִד געכאַפּט אַ קויל אין פוס צוליב נישט צוטראָגן אויף שנעל אַ קלאָץ אויפן באַשטימטן אָרט.

אין אַן אַנדער פאָרשטאָט — אויף אָכאָטע — האָבן דייטשן איינגע־אָרדנט אַזאַ מין „פאַרוויילונג" מיט ייִדן: אַ גרופּע ייִדן האָט געאַרבעט ביים

טראָגן עמערס ליים צו אַ נישט־פאַרענדיקטער געביידע. דייטשן זענען גע־שטאַנען פון דערווייטנס און זיך צוגעקוקט.

— דאָס טראַגען דאַוערט נור צוויי מינוטען! — איז געפאַלן אַ באַפעל פון אַ דייטש.

דערביי האָבן זיי אַרויסגענומען רעוואָלווערן און אָנגעצילט צו די ייִדן.

די ייִדן האָבן זיך געאיילט מיט דער משא, כדי נישט צו פאַרשפעטיקן ביז צו דער פאַטאַלער „מעטע"... אָבער וואָס ווייטער זענען די כוחות ביי זיי געוואָרן שוואַכער. עס האָט פאַרפעלט אָטעם. איז איין ייִד אָפּגעשטאַנען אַ ווייל און פאַרשפעטיקט.

— טטטט־ררר־אאא־דדדך!!! — האָט דער דייטש געהאַלטן וואָרט.

דער ייִד איז אומגעפאַלן אַ פאַרווונדעטער אין פוס.

די רעשט ייִדן האָבן געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען; אָבער נישט אויף לאַנג, און נאָך צוויי ייִדן זענען געוואָרן אַזוי אונטערגעשאָסן אין די פיס און אומגעפאַלן.

די רעשט ייִדן זענען שוין נישט געיאָגט געוואָרן. די דייטשן האָבן דאָס מאָל באַפרידיקט זייער לוסט צו „פאַרווײלונג" מיט די דריי אונטער־געשאָסענע ייִדן...

פון די ייִדן, וואָס מ'האָט געשיקט אויף אַרבעט אַ חוץ די גרענעצן פון וואַרשע, האָבן זיך אַ סך נישט אומגעקערט. זייערע פאַמיליעס זענען אומ־געלאָפן אין שרעק נאָכפרעגן; אָבער קיינער האָט זיי גאָרנישט געקענט זאָגן. נעלם געוואָרן ואיננו. די אַלע זוכונגען האָבן נישט געהאָלפן — נישטאָ! די משפחה־מענטשן האָבן באַצייטנס פאַרגאָסן טרערן: ווייל וואָלטן די פאַרלוירענע ערגעץ געלעבט, וואָלטן זיי דאָך געגעבן אַ געוויסן צייכן פון לעבן.

די ייִדישע גמינע — אייגנטלעך, איצט שוין דער „ייִדן־ראַט" — האָט געפּרוווט אינטערוועניִרן ביים גוווערנער. די ייִדישע פאַרשטייער האָבן אים דערציילט אין אַ דעליקאַטער פאָרם וועגן די מעשים תעתועים פון דייטשן. יענער האָט זיך לכתחילה „עמפּערט":

— וועלכע קוואַטשערייען!!! — האָט ער זיך צעבייזערט אויף זיי, — די דויטשען זאָלדאַטען זינד קיינע באַרבאַרען...

סוף־כל־סוף איז מען מיט פּישערן געקומען צו אַ געוויסן „הסכם": די גמינע אַליין נעמט זיך אונטער צוצושטעלן יעדן טאָג אַ געוויסע צאָל מענטשן צו דער אַרבעט — אַבי די „לאַפּאַנקעס" אין די גאַסן זאָלן אויפהערן.

קורצע טעג האָט פישער געהאַלטן וואָרט...

די גמינע האָט אַרויסגעגעבן אַ מעלדונג, אַז די „לאַפּאַנקעס״ זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן; אַז זי אַליין, די גמינע, ווערבירט פּריוווילּיקע צו דער אַרבעט און וועט צאָלן 5 זלאָטעס אַ טאָג יעדערן, וועלכער וועט זיך מעלדן צו דער אַרבעט.

די נויט אין וואַרשע איז דאָך געווען גרויס און די אַרבעטסלאָזיקייט אַ טאָטאַלע — האָבן זיך יעדן טאָג געמאָלדן אין דער גמינע פיל הונ־דערטער מענטשן.

די דייטשן האָבן אָבער שנעל מיד געמאַכט די גמינע: מיט יעדן טאָג האָבן זיי געהעכערט דעם קאָנטינגענט אַרבעטער. וויפל מ׳זאָל זיי היינט נישט געבן קיין מענטשן, איז עס צומאָרגנס פאַרדאָפּלט געוואָרן...

האָט די גמינע געמאַכט אַ רעפאָרמע: מ׳האָט פאַרפליכטעט די יידישע הויפן יעדן טאָג צוצושטעלן די געפאָדערטע צאָל מענטשן. לויט אַ ריי: איטלעכן טאָג אַן אַנדער מספר הויפן פון יעדער גאַס. נאָר אויף דעם וועג האָט די גמינע געזען אַ מעגלעכקייט צו שטילן די אַפּעטיטן פון די דייטשן און דערביי אַליין זיין אין אָרדנונג. די התחייבות איז אַרויפ־געלייגט געוואָרן אויף די פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן. יעדן אינדערפרי פלעגן „גראַנאַטאָווע״ 1) אַרומגיין איבער די יידישע הויפן און לויט רשימות צונויפנעמען מענטשן צו דער אַרבעט.

אויף אַ געוויסער צייט האָט עס אַריינגעבראַכט אַנטשפּאַנונג אין די גאַסן. יידן האָבן זיך ווידער גענומען באַוועגן פריי איבער דער שטאָט. עס פלעגן נאָר טרעפן איינצלנע פאַלן פון כאַפּן אויף אַרבעט: דייטשי־שע אמטן, וואָס האָבן אַזוי גיך נישט באַקומען קיין מענטשן, אָדער האָבן באַקומען צו וויניק, האָבן אַרויסגעשיקט כאַפּערס אין גאַס. אין גאַס אָדער דירעקט אין די יידישע הויפן.

אַ שטייגער: איינמאָל — ס׳איז געווען אַ שבתדיקער פרימאָרגן — דערהער איך ביי זיך אין שטוב גרילצנדיקע קולות פון דייטשן. איך כאַפּ פאָרזיכטיק אַ קוק דורכן פענצטער אויפן הויף — דייטשן מיט קאַסטעטן טרייבן צונויף יידן פון די וווינונגען. איך זע ווי פון אַנטקעגן טרייבט איין דייטש אַראָפּ יידן אין טליתים: דאָס האָבן זיי אין אַ פּריוואַ־טער דירה געדאַוונט מיט אַ „מנין״, ווייל אין בית־מדרש, וואָס אין דריטן הויף, האָט מען שוין מורא צו דאַוונען: עס טרעפט, אַז מ׳כאַפּט יידן אויך

1) פּוילישע פּאָליציאַנטן

פון די בתי מדרשים און שולן... איין יעקע האָט ווילד געשריען און גע־שניטן מיטן קאַסטעט איבער ייִדישע פּלייצעס:

— אַרבייטען מוס מאַן, פאַרפלוכטע יודען־באַנדע!

קאַסטעטן זענען אויך געפאַלן אויף דעם אביסל שוין איינגעהויקערטן רוקן פון מיין גרייז־גרויען שכן — פונעם זקן ציטרין.

כ׳בין זיכער, אַז מ׳וועט אַרויפקומען אויך צו מיר. כ׳טו אָן אויף זיך אַן אַלטן מאַנטל, מאַך זיך גרייט צו גיין. מיין פרוי שטופּט מיר שנעל אַריין אין די טאַשן עפּעס „צידה לדרך״ און איך וואַרט אין נערוועזער שפּאַנונג.

אָט הער איך טריט. שווערע טריט. היהשע קולות. זיי זענען שוין אויפן ערשטן שטאָק. אָט באַלד וועלן זיי שוין אויך זיין אויפן צווייטן — אויף מיין שטאָק. מען זעצט אונטן מיט טירן. אַ שטאַרקע געטופּעריי אויף די שטיגן — נישט העכער, צו מיר־צו, נאָר נידעריקער, אונטן. איך שטיי שוין נישט ביים פענצטער. מיין פרוי אָבסערווירט און זי זאָגט:

— מ׳שטעלט זיי אויס אין שורות. פינף שורות צו פיר מענטשן. צוואַנציק ייִדן.

— אַבמאַרשירן!! — דערהערט זיך פון אונטן אַ דונערדיקער קול, — יודען־געזינדעל, איין! צוויי! דריי!

די טופּעריי אין הויף איז שטיל געוואָרן. זיי זענען שוין אַוועק. פון אַלע פענצטער אין הויף רוקן זיך אַרויס קעפּ פון פרויען און קינדער. פאַרוויינטע פּנימער.

מ׳רעדט זיך איבער:

— אין מיטן דאַווענען!

— ווי גזלנים.

— ווער ווייסט וווהין מ׳וועט זיי פאַרשלעפּן.

— מ׳עט שפּעטער וויסן. די שיינפעלדאָווע איז זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

— די פרוי פעלדמאַן איז אויך מיטגעגאַנגען ביי דער זייט.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום קערן זיך די פרויען אויפן הויף. פון אַלע פענצטער פאַרשיט מען זיי מיט פראַגן:

— נו, איר האָט געזען וווהין מ׳האָט זיי געפירט?

— נישט ווייט, אין קראַשינסקיס גאָרטן.

— גאָט צו דאַנקען, גאָט צו דאַנקען.

— וואָס עפּעס אין גאָרטן?

— ווער ווייסט?

טייל ווייבער זענען אַראָפּגעלאָפן קוקן דורך די שטאַכעטן פון גאָרטן. זיי זענען צוריקגעקומען און דערציילט, אַז די ייִדן גראָבן דאָרט אַ גרויסן גרוב.

— וואָס פאַר אַ גרוב? — פרעגט מען בייגעריק.

— ווער ווייסט? אפשר אַ קעלער?

— צו וואָס אַ קעלער? וואָס עפּעס אַ קעלער?

— עס פעלן דען קעלערס אין דער געריכטס־געביידע? וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?

— איר ווילט וויסן גענוי, גייט צו די דייטשן און פרעגט זיי... — זע־נען שוין די געפרעגטע געוואָרן נערוועז.

אַזוי האָט מען גערעדט אויפן הויף און אַלע ווילע איז אַן אַנדער פרוי געגאַנגען אַ קוק טאָן צו די שטאַכעטן, צי מען גראָבט נאָך אין דער ווייטנס.

— יאָ, מען גראָבט, מען גראָבט.

האָט מען זיך אין הויף באַרויקט און אויפגעהערט צו גיין אַלע ווילע קוקן.

די ייִדן האָבן געגראָבן אַ ריזיקן גרוב ביז פאַרנאַכט. ביי דער זייט זענען כסדר געשטאַנען דייטשן און דיריגירט מיט זיי. עסן האָט מען די ייִדן אַ גאַנצן טאָג נישט געגעבן.

35

דייטשישע „וויצן"...

אַז דער גרוב איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען געהייסן אַלע ייִדן זיך אויסשטעלן אויבן ביי דעם גרוב אין צוויי שורות. די מידע, פאַרשמאַכטע און אויסגעהונגערטע ייִדן האָבן שוין געוואַרט אויף דער רגע מ'זאָל זיי אַהיימלאָזן. די יעקעס אָבער אײַלן זיך נישט. זיי סודן זיך עפּעס שטיל צווישן זיך און באַלד דערהערט זיך איינעמס שטים:

— אַכטונג!

אַלע ייִדן שטעלן אָן מויל און אויערן.

דער דייטש זאָגט זיך אָפּ פאַמעלעך און קאַלט:

— נון ווען דער גראַב שאָן פערטיג איסט, זאָ מיססען זיע אַללע שטערבן.

די ייִדן זענען בלאַס געוואָרן. ביי די זקנים האָבן זיך די קני אונ־טערגעבויגן.

— נון זאַגען זיע וואַס איר לעצטער וואונש איסט? זיע בעקאָמען יעדערמאַן אָדער וואַססער ענטוועדער איינע ציגארעטע...

איינער אַ ייִנגערער פון צווישן דער גרופּע ייִדן האָט געענטפערט פאַר אַלעמען:

— נאָך אַ גאַנצן טאָג נישט עסן זענען מיר נישט דורשטיק.

— אונד ציגארעטען?

— מיר טאָרן היינט נישט רויכערן. היינט איז ביי אונדז שבת...

— דאָנערוועטער! דאַן צוערשט דער עלטסטער: מאַרש הינאיין!...

דער יעקע איז צוגעגאַנגען צום עלטסטן ייִדן פון דער גרופּע, אָנ־גענומען אים פאַרן קאָלנער און אַריינגעשטויסן אין גרוב אַריין.

— אונד זיע אַללע פערשיטען! — האָט ער באַפוילן.

די ייִדן זענען איינגעבראָכן געוואָרן אין אימת מוות...

— מיר וועלן נאָר גאָט בעטן... — בעט זיך איין ייִד.

דער זקן אין גרוב און די ייִדן פון איבערן גרוב האָבן גענומען זאָגן ווידוי, קלאַפּנדיק זיך אין האַרץ:

— אשמנו... בגדנו...

אין דייטש האָט בעת־מעשה אַליין אַ שאָט געטאָן עטלעכע רידלען ערד אויפן זקן אין גרוב אַריין...

און פּלוצלונג האָבן זיך די עטלעכע דייטשן ווילד צעכאָכאָטשעט און גענומען דונערן צו די ייִדן:

— הערויס, איר יודען־באנדע!!!

— נעמען זיע דען אַלטען קערל מיט...

די ייִדן, צעמישטע, צעטומלטע, האָבן גענומען אַרויסציען פון גרוב דעם זקן. יענער האָט זיך קוים שוין אויף די פיס געהאַלטן. מ׳האָט אים געצויגן פאַר די ציטערנדיקע, קאַלטע, שוין האַלב־אָפּגעשטאָרבענע הענט...

— לאָ־אָ־אָ־אָסס!!! —

מיט די קאָסטעטן זייערע האָבן די דייטשן גענומען יאָגן די ייִדן צום אַרויסגאַנג פון גאָרטן. געיאָגט שנעל, שנעל און אויפן וועג מכבד געווען מיט די קאָסטעטן איבער די פּלייצעס, איבער די קעפּ...

— שנעל, שנעל, יודען־באַנדע!

ביז די גרופּע דערשעפּטע, טויט־דערשראָקענע ייִדן זענען קוים אַרויס מיטן לעבן אויף יענער זייט טויער — אויף שוויענטאָיערסקע גאַס.

נאָך אין זעלבן אָוונט האָב איך באַזוכט עטלעכע פון די דאָזיקע ייִדן און אויסגעהערט זייערע שילדערונגען פונעם היינטיקן טאָג אין קראַשינסקיס גאָרטן. יעדער איינער איז געלעגן אַ דערשלאָגענער אין בעט. אין זייערע אויגן איז געווען נאָך פאַרחתמעט דער פּחד פון טויט... זייערע שילדערונגען האָבן זיך טיף אַריינגעשניטן, ווי מיט שטעכיק־גיפטיקע נעגל, אין מיין מוח.

נישט מער ווי אַ „וויץ"... אַ דייטשישער „וויץ"...

***

אַן אַנדער „וויץ" אויף אַן אַנדער אַרבעטס־פּלאַץ:

אַ גרופּע אויפגעכאַפּטע ייִדן האָט געאַרבעט ווייט הינטער דער שטאָט ביים אויפלאָדן אַמוניציע. נאָך דער אַרבעט, פאַרנאַכט, האָט מען די ייִדן אַרויפגענומען אויף אַ פּלאַטפאָרמע.

— נון צור היגריכטונג!... — האָבן די דייטשן זיי גלייכגילטיק צוגעוואָרפן אַ פראַזע ביים רירן פון אָרט.

די פּאַניק צווישן די ייִדן איז געוואָרן גרויס. פון איין זייט פּלאַטפאָרמע זענען געשטאַנען עטלעכע דייטשן מיט אויטאָמאַטן, אויסגעשטרעקט צו די ייִדן.

— ווער לאָופען ווירד, בעקאָממט איינע קוגעל... — האָבן די באַוואָפנטע גזלנים געוואָרנט.

די מאַשין פליט ווי אַ טייוול.

— ווּהין?

— ווּהין?

די ייִדן קוקן זיך אָן מיט טויט־שרעק. זיי קוקן אָן מיט שפּאַנונג די געגנט, ווּהין מען פירט זיי. באַלד דערקענען זיי, אַז מ'פירט זיי אין דער ריכטונג פון שטאָט.

— מסתמא אויף אַלעיאַ שוכאַ... צו דער „געסטאַפּאָ"... — מורמלט איין ייִד.

— זיכער צו דער „געסטאַפּאָ"... דאָרטן וועלן זיי אונדז „פּאַרטיק" מאכן...

איינער צעכליפּעט זיך. אַ מער דרייסטער מוסרט אים:
— וואָס העלפט דאָס וויינען, שוטה!
די מאַשין איז אַריינגעפאָרן אין פּאָוואָנזקער געגנט. זי פליט שוין איבער די וואַרשעווער גאַסן.
צו אַלעמענס דערשטוינען איז די מאַשין נישט געפלויגן אין דער ריכטונג צו די אַלייען, צו אַלעיא שוכא, נאָר דורך די יידישע גאסן, צו פלאַץ באַנקאָווי, דורך גראַניטשנע, און פון גראַניטשנע האָט זיך די מאַ־שין אַריינגעדרייט אין גזשבאָווסקע און איז פאַרפאָרן ביז נומער 26 — צו דער יידישער גמינע.
— אַאוסשטייגען! — דערהערט זיך אַ קאָמאַנדע.
די יידן זענען אינגאַנצן צעחושט. זיי פאַרשטייען נישט וואָס דאָ וועט געשען.
מ'האָט די גרופּע יידן אויסגעשטעלט, איבערגעציילט און אַזוי אַריינ־געפירט אין פּאָדערהאָל פון דער קהלה.
איין דייטש האָט גענומען ליארעמען:
— דען סעקרעטער זאָפאָרט האָלען! —
עס איז איילִיק צוגעקומען אַ גמינע־באַאמטער.
— זעהען זיע מאָל, יודע, — זאָגט צו אים דער יעקע, — דיעזע אַללע יודען האַבען הויטע געאַרבייטעט דען גאַנצען טאַג, צאַהלען זיע זאָפאָרט איהנען 5 זלאָטי פּראָ קאָמפּף...
און אַלע דייטשן זענען באַלד פאַרשוווּנדן...
אויך אַ געשמאַקער דייטשישער „וויץ"...

36

די שרייבער־אסיפה אויף קאַרמעליצקע

אַן אימפּראָוויזירטער צוזאַמענקונפט פון שרייבער און זשורנאַליסטן אין דער וווינונג פון „מאָמענט"־פעליעטאָניסט באַנטשע (א. ראָזענפעלד), אויף קאַרמעליצקע 5. ס'זענען געקומען אַ פּאָר צענדליק מענטשן. מ'זעט דאָ מיטאַרבעטער פון כמעט אַלע יידישע צייטונגען: פון „מאָמענט", פון „היינט", פון „אונדזער עקספּרעס", לאַנג־געקליידטע מיטאַרבעטער פון אגודהשן „טאָגבלאַט", פון „נאַש פּשעגלאָנד". בלויז, דוכט, פון דער

„פאָלקסצייטונג" איז קיינער צופעליק נישט געווען. עס גערעדנקט זיך טייל באַטייליקטע: ב. כילינאָוויטש, י. י. פּראָפּוס, ד"ר יעקב פינטשעווסקי, ד"ר איבעראל, י. מ. ברוין, אַ. מ. אַפּעלבוים, מ. מ. הורוויץ, ראָגאָוו, וואַרשאַוויאַק און אנד.

דער סדר־היום איז געווען — דער מצב פון די יידישע פּרעסע־מענטשן. ס'האָט לכתחילה יעדערער געוווסט, אַז ס'איז איצט נישטאָ וואָס אויפצוטאָן; אַז דער איינציקער אַדרעס, צו וועמען מען קאָן זיך ווענדן וועגן לינדערן דעם טרויעריקן מצב פון די אַרבעטסלאָזע פען־מענטשן, איז — דער „דזשאָינט". און דערצו וואָלט מען קיין ספּעציעלע פאַרזאַמלונג נישט געדאַרפט רופן, בפרט אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווען מ'האָט זיך געמוזט היטן צו ריידן אויף אַ הויך קול. ס'איז אָבער ביי אַלעמען געווען אַ באַדערפעניש, ממש אַ דראַנג, זיך צוזאַמענצוקומען און זיך אַדורכשמועסן. צו דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג זענען די עלטערע שרייבער נישט געקומען. מ'האָט זיי גאָרנישט געוואָלט אַפילו מטריח זיין אין אַזעלכע נישט־זיכערע טעג. דער אַלטער צבי פּרילוצקי איז געלעגן צו־בעט, הלל צייטלין איז סתם נישט אַרויס מפתח ביתו, ש. י. סטופּניצקי איז אַוועקגעפאָרן צו זיינע ידידים קיין לובלין, מיינענדיק, אַז דאָרט אין דער פּראָווינץ־שטאָט איז רויקער און זיכערער. בלויז זיין פרוי מיטן קליין טעכטערל (די בת־זקונים) איז געבליבן אין וואַרשע.

מ'איז אָפּגעזעסן אויף דער אַסיפה אַ פּאָר שעה צייט און גערעדט אין דער שטיל, ווי אין דער שטוב פון אַן אָבל. די אַלע פאָרשלאָגן, וואָס דער און יענער האָבן אַריינגעטראָגן, האָבן זיך נישט געקלעפּט. איינער, אַ שטייגער, לייגט פאָר מ'זאָל זיך ווענדן צו פאַרשיידענע אינסטיטוציעס וועגן הלוואות פאַר שרייבער, אָבער מ'האָט אים באַלד אָפּגעשלאָגן:

— צו וועלכע אינסטיטוציעס? איר פאַרגעסט, אַז אַלץ איז דאָך שוין טויט! ליקווידירט!

— איך מיין, — לייגט פאָר אַן אַנדערער, — מ'זאָל זיך ווענדן צו באַקאַנטע יידישע יחידים־גבירים, זיי זאָלן אויסבאָרגן אַ געוויסע סומע לכשירחיב אויף צו שאַפן אַן אונטערשטיצונגס־פאָנד פאַר שרייבער.

עס דערהערן זיך שטימען:

— וועלכע גבירים וועלן עס זיין אַזוי ברייטהאַרציק?

— עגאָאיזם איבער אַלץ!

— אַן אוטאָפּיע!

— עפּעס מוז מען אונטערנעמען. די לאַגע ווערט דאָך ממש קאַ־טאַסטראָפאַל.

ב. כילינאָוויטש (פון „מאָמענט״), וועלכער איז דער „אַפּראָוויזאַציע־קאָמיסאַר״ פון אונדזער קיך און איז אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן „דזשאָינט״, גיט איבער, אַז ער האָט באַקומען פון „דזשאָינט״ אין זיין רשות אַ געוויסע קלענערע סומע צום צעטיילן צווישן די יעניקע שריי־בער, וועלכע פאָרן אַוועק אויף „יענער זייט״. ער בעט טאַקע, אַז די קאַנ־דידאַטן צום פאָרן זאָלן זיך צו אים ווענדן. און טאַקע באַלד אויפן אָרט מעלדן זיך פון אַלע זייטן מענטשן, וואָס האָבן שוין באַשלאָסן צו פאָרן.

— וויפל באַקומט יעדערער?

— צו 50 זלאָטעס.

— צוליב 50 זלאָטעס לוינט נאָך נישט צו פאָרן... — פאַלט אויך אַ וויץ.

— איר וועט שוין לויפן אַפילו אָן די 50 זלאָטעס... — קומט אַן ענטפער פון אַן אַנדער לץ...

— ס׳איז טאַקע אַ נישטיקע סומע; אָבער אַלץ בעסער ווי גאָרנישט.

כילינאָוויטש פאַרשרייבט די אַלע מענטשן און ער צאָלט זיי טאַקע באַלד אויס דאָס געלט.

— אָבער איר פאָרט זיכער? — פרעגט ער איבער איטלעכן. — דאָס געלט איז נאָר פאַר די, וואָס פאָרן. געדענקט־זשע!

איך נעם אויך די 50 זלאָטעס, כדי צו „באַקרעפטיקן״ מיין באַשלוס צו פאָרן...

וועגן עצם־ענין איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום „דזשאָינט״. אין דער דעלעגאַציע זאָל אומבאַדינגט זיין הלל צייטלין — מיט אים וועט מען זיך רעכענען און עס וועט זיין מיט מער דערפאָלג. מ׳האָט אויך באַשטימט, אַז איך זאָל זיין דער צווייטער, וואָס זאָל מיטגיין מיט צייטלינען צום „דזשאָינט״ — און טאַקע נאָך מאָרגן.

מ׳האָט נאָך אַביסל געשמועסט מענינא דיומא: וועגן די „לאַפּאַנקעס״, וועגן די רויבערייען אין פּריוואַטע דירות, וועגן פאַרגוואַלטיקונגען פון פרויען, וועגן דערשראָקענע ייִדן, וועלכע מ׳געפינט אויף די גאַסן אָדער אין דער סביבה פון שטאָט.

טאָמער האָט עמיצער גענומען ריידן אויף אַ ביסל אַ העכער קול, האָט באַלד באָנטשע געוואָרנט מיטן פינגער צו דער נאָז:

— ששש־ששש־א, שטילער...

— קיין דייטשן זענען דאָך דאָ נישטאָ...
— פאַרן סטרוזש דאַרף מען זיך אויך היטן... אַ שונא ישראל אין יעדן ייִדישן הויז...
— אַ נס, וואָס די סטרוזשעס קענען נישט ריידן קיין דייטש...
— נישקשה, אַ „טובה" טאָן אַ ייִדן קאָנען זיי אויך אויפן ווונק...
אין מיטן שמועס כאַפּט זיך ווער:
— פּאָליציי־שטונדע! מ'מוז שוין גיין.
אַלע כאַפּן זיך צו די זייגערלעך.
— צייט טאַקע צו גיין.
— גייט נישט אַרויס אַלע מיט אַמאָל, — בעט באַנטשע, — גייט איינציקווייז אָדער העכסטנס פּאָרווייז.
דער עולם האָט זיך גענומען שאַרן פּאַמעלעך צום אַרויסגאַנג. באַנטשע האָט איטלעכן נאָכגעפּליסטערט ביי דער געעפנטער טיר:
— שש־ששש, שטילער... שטילער אויף די שטיגן...
דאָס איז פּאַר מיר געווען די ל ע צ ט ע ש ר ײ ב ע ר י ש ע אַ ס י פ ה אין וואַרשע.

37

ביי הלל צייטלינען אין שטוב

צומאָרגנס אין די נאָכמיטאָג־שעהן האָב איך זיך אויסגעקליבן צו גיין אויף שליסקע 60 — צו הלל צייטלינען. כ'בין געגאַנגען אַהין מיט מיין מיסיע פון דער נעכטיקער שרייבערישער באַראַטונג און אגב גע־וואָלט טאַקע וויסן וואָס עס מאַכט און ווי עס לעבט אין די דאָזיקע טרויע־ריקע טעג איינער פון אונדזערע וועטעראַנען.
הלל צייטלין איז געווען זייער צופרידן וואָס איך בין געקומען. די גאַנצע צייט גייט ער פון שטוב נישט אַרויס און איז גערן צו הערן פון מיר וואָס עס הערט זיך עפּעס ביי אונדזער שרייבער־עולם.
— זיצט, זיצט, — רוקט מיר אונטער פרוי צייטלין אַ שטול ביים טיש, — היינט אַ גאַסט איז אַ זעלטנקייט.
— כ'בין געקומען צו אייך, ר' הלל, נאָך אייער מאמר פאַרן פרייטיק־נומער פון „מאָמענט"... — זאָג איך אין שפּאַס, — היינטיקן פרייטיק גיט מען 16 זייטן...

צייטלין שמייכלט און באַמערקט:

— מיר מעגן שוין אָן דעם פאַרגעסן... געענדיקט...

— טאַקע געענדיקט? אָבער נישט לעולם ועד.

— יאָ לעולם ועד, צי נישט לעולם ועד — דערווייל איז עס געענדיקט...

איך קוק זיך צו צו צייטלינען: ער זעט אויס דערשלאָגן, דער אַלטער. אַ מידקייט ליגט אויף זיין פּנים. די הדרתדיקע באָרד איז גרויער געוואָרן.

— וואָס מאַכט איר דער עיקר אין געזונט, ר׳ הלל?

— אָט... — טוט ער סתם אַזוי אַ מורמל, — ווי קאָן אַ ייִדן איצט דאָס האַרץ נישט ווי טאָן?...

עס מישט זיך אַריין די פרוי צייטלין:

— נישט קיין חידוש וואָס ער פּילט זיך שוואַך. ער מוז כסדר זיצן אין שטוב ווי אין אַ תּפיסה... דערצו די כסדרדיקע טראַכטענישן, די שרעק פאַר יעדן קלאַפּ אין טיר...

איך זע אויפן טיש ליגן ספרים: דאָס רוב גרויסע, מאַסיווע, אין לעדערנע איינבונדן. כ׳טו אַן עפן איין טאָוול, אַ צווייטן — גמראָס; אַ קלענערער ספר — אַ „זוהר“; נאָך אַ קלענערער — אַ תּהלים.

— ווי איך זע, ר׳ הלל, — טו איך אַ ווייז צו די ספרים, — האַלט איר נאָך אַלץ פון ספר און נישט פון סיפּאָ — דאַן, ווען די וועלט האָט זיך איצט געכאַפּט דווקא פאַר דער שווערד...

— אַ ייִד טוט וואָס ע ר קאָן... — ענטפערט צייטלין מיט אַ שמייכל.

— און איר מיינט טאַקע, ר׳ הלל, צו געווינען די מלחמה מיטן ספר?...

— קיין אַנדער וואָפן האָבן מיר, ייִדן, דאָך נישט... סוף־כּל־סוף וועט דער ספר באַזיגן דאָס רשעות פון דער וועלט...

— ווען? באַאחרית הימים?...

— זאָל זיין באחרית הימים...

— און מיר דערווייל? דערווייל?...

— און מיר?... — זאָגט צייטלין מיט אַן אומעטיקן טאָן, — ס׳האָט קיינער מיט אונדז נישט כּורת ברית געווען, אַז דווקא מיר מוזן עס דערלעבן...

— און וואָס הערט זיך ביי אנשי שלומינו? ביי אונדזערע פעז־מענטשן?

— פרעגט ער אין אַ ווײלע אַרום.

איך דערציייל אים וועגן פּלוני און אלמוני. ווער ס'איז נאָך אין וואַרשע, ווער — שוין אויף „יענער זייט", אויף דער סאָוויעטישער.

— ווי איז אייער מיינונג, ר' הלל, מ'דאַרף לויפן פון דאנען? — פרעג איך.

— אויף קיין גוטס איז נישט צו וואַרטן פון די רשעים. מסתמא טוען גוט די, וואָס קאָנען אַנטלויפן.

— און איר וואָס טראַכט?

— איך?... — שמייכלט ער אומעטיק און רעזיגנירט, — ווו נעמט מען כוח דערצו?...

— ווען הלל וואָלט געווען ביי די כוחות, — רופט זיך אָן פרוי צייטלין, — וואָלטן מיר אויך געדאַרפט בעסער פאָרן קיין ביאַליסטאָק. אָבער ווי קאָנען מיר טראַכטן וועגן דעם? ער איז צו שוואַך און איך בין אויך נישט קיין גיבורטע. איז זיצט מען. ווער ווייס אויף וואָס מיר ווערלן זיך דער־וואַרטן... זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן פון בייז...

— נו, און איר? — פרעגט מיך צייטלין.

— כ'ווייס... מ'לייגט אַלץ אָפּ דאָס נע־ונד... אינגיכן וועט מען מוזן...

— וועגן אינדעלמאַנען הערט מען עפּעס נייס? — פרעגט ער מיך אין אַ ווײַלע אַרום.

— אַלץ דאָס זעלבע. זיין פרוי האָט זיך שוין איצט דערוווּסט, אַז ער איז אין אַ לאַגער — אין שניידעמיל. זי איז געגנוג ענערגיש, זיין פרוי. זי לויפט אום איבער די אַמטן, קלאַפּט אין אַלע טירן, אָבער... 1).

— אין וואָס גייט עס זיין? וואָס ער האָט געשריבן קעגן דייטשלאַנד? האָבן דאָך אַלע יידישע שרייבער געשריבן אַזוי גוט ווי ער קעגן היטלערן?

„איז טאָקע ביטער"... — ווילט זיך מיר זאָגן; אָבער איך זאָג עס נישט, ווייל הלל צייטלין גופא האָט דאָך נישט איין לייט־אַרטיקל געשריבן קעגן די היטלעריסטישע נגישות אויף יידן.

— האָב איך דאָך אויך געשריבן קעגן די היטלערישע מעשים רעים...

— פירט ער אַליין אויס דעם זעלביקן געדאַנק.

איך ענטפער דערויף גאָרנישט. אָבער ר' הלל אַליין ציט ווייטער דעם פאָדים:

1) שפּעטער, אין מיטן יאַנואַר 1940, איז אינדעלמאַן אין שניידעמיל אומ־געריכט באַפרייט געוואָרן: דאָס איז געווען טאַקע אַדאַנק די אויסערגעוויינלעכע באַמיונגען פון זיין פרוי, וועלכע האָט געטראָפן צו געבן שוחד אַ הויכן באַאַמטן.

— מסתמא וועלן זיי זיך אָן מיר אויך דערמאָנען סוף־כל־סוף...

— מען קאָן נישט וויסן, — זאָג איך, — אין וואָס אַלץ זיי באַשולדיקן אינדעלמאנען.

— איך טראַכט, — זאָגט ווייטער צייטלין, — אז ווען איך וואָלט שוין, לאָמיר זאָגן, אַריבער אויף „יענער זייט", אויף דער סאָוויעטישער, וואָלט מיט מיר אויך געווען נישט אַזוי פריילעך: האָב איך דאָך נישט איין מאָל אַטאַקירט אין מיינע לייט־ארטיקלען די „ייִדסעקציע" מיט משה ליטוואַקאָוון בראש...

— איר זייט זיך טועה, ר' הלל. אדרבה, איצט, ווען דער מאָסקווער „עמעס" איז שוין אויפן עולם האמת און זיין רעדאַקטאָר משה ליטוואַקאָוו — ליקווידירט, וואָלט איר פאַר אייערע אַטאַקעס על פי שכל גאָר געדאַרפט באַקומען... אַ לעניִן־אָרדן...

— יאָ, אַ לעניִן־אָרדן, נישט ווינציקער... — לאַכט צייטלין. — זיי וואָלטן מסתמא גאַנץ אַנדערש געמאַכט מיט מיר דעם חשבון... ווייל דאַן, ווען איך האָב געזידלט דעם „עמעס" מיט ליטוואקאָוון זענען זיי נאָך געווען עכט־כשר־באָלשעוויסטיש, אין הסכם מיט דער „ליניע". למהדרין מן המהדרין... און אַזעלכע חטאים פאַרגעסט נישט מאָסקווע...

— עס, כ'גלויב נישט. — זאָג איך. — איצט, מלחמה־צייט איז מען אַלץ מוחל... בפרט אַן אַלטן שרייבער מיט אַ וועלט־נאָמען... ניין, ס'גלויבט זיך מיר נישט...

— ווער וויים, אפשר זייט א י ר גערעכט, נאָר מיר לייגט זיך עס דווקא יאָ אויפן שכל...

איך דערצייל דאָן צייטלינען וועגן נעכטיקער אימפּראָוויזירטער באַראטונג אין באָנטשעס דירה און מכוח דער מיסיע, וואָס מ'האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט — צו גיין מיט אַן אינטערוועניץ אין „דזשאָינט".

— כ'בין אין פּרינציפּ מסכים — זאָגט צייטלין, — אָבער ווי קאָן איך עס גיין אין גאַס? איך מיט מיין באָרד?... איר וויסט דאָך, אַז די דייטשן פליקן ביי ייִדן די בערד...

— מ'דאַרף נישט. ס'איז אַ סכנה! — זאָגט קאַטעגאָריש פרוי צייטלין — ער וועט נישט גיין, זאָל גיין אַ ייִנגערער.

ס'איז טאַקע אין דער אמתן געווען געפערלעך אַרויסצוגיין מיט אַזאַ באָרד אין גאַס.

— איך האָב אַן עצה, — פאַלט מיר איין, — איך וועל באַלד אינדערפרי פאַרפאָרן צו אייער טויער מיט אַ דראָזשקע. מ'וועט אויפמאכן די

בויד, כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן. דערצו וועט זיך ר׳ הלל גוט אַרומוויקלען מיט אַ גרויסן שאַל — אַזוי אַז די באָרד זאָל זיך גאָרנישט אָנזען — און ס׳וועט הייסן, אַז איך פיר אַ קראַנקן צום דאָקטער. אַזוי וועל איך טאַקע זאָגן, אויב ח״ו עס וועט נויטיק זיין.

ציטלין האָט געשמייכלט:

— ס׳איז אפשר יאָ אַ פּלאַן...

פרוי ציטלין האָט לכתחילה זיך געקווינקלט; אָבער אַז איך האָב געטענהט, אַז ס׳איז דאָך אַ דרינגנדיקער ענין, וואָס איז נוגע אונדזער כלל, האָט זי לסוף מסכים געווען.

כ׳בין דאָרט נאָך געזעסן אַ ביסל. די פרוי ציטלין האָט דער־לאַנגט בלאַסלעכע גלעזער טיי — אַ צייכן פון דער צייט... — און מ׳האָט ווייטער געשמועסט. די ציטלינס, דער עיקר די פרוי, האָבן דערציילט וואָס זיי האָבן אַלץ איבערגעלעבט אין קעלער בעת דער בלאָקאַדע פון וואַרשע.

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר, — האָט זי דערציילט, — וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן! מ׳איז געלאָפן ווי די משוגעים פון שטוב אין קעלער, פון קעלער אין שטוב. מ׳האָט די כוחות געפּטרט פון טויט־שרעק. די באָמבעס האָבן דאָך קיין רו גאָר נישט געגעבן. הלל איז קוים מיטן לעבן אַרויס. כ׳האָב געציטערט פאַר זיין האַרץ...

ר׳ הלל האָט אַ היפּשע ווײַלע געשוויגן, ווי אונטער דער משא פון שווערע מחשבות.

— וואָס טראַכט איר בכלל, ר׳ הלל? — רייס איך איבער זיין שווייגן, — וואָס וועט זיין מיט אונדזער ביסל ייִדן?

ר׳ הלל האָט געקרעכצט, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט, די פאַרזאָרגטע בליקן ערגעץ פאַרגאַפט. ער האָט גערעדט:

— אַ גרויסע צרה האָט זיך אויף ייִדן אָנגערוקט... ווער ווייס... ווער ווייס... אל תפתח פה לשטן...

ער האָט בעת־מעשה אויסגעזען ווי אַ נביא, ווי אַ העלזעער...

— איז אפשר, ר׳ הלל, אפשר וואָלט איר זיך אָנגעשטרענגט און דאָך געפּרוווט אַוועקפאָרן?

— עט, נישט פאַר מיינע כוחות. איך וועל שוין דאָ פאַרבלייבן... אפשר וועט דער רבונו־של־עולם באַווייזן אַ נס...

— נו, און אלחנן? וואָס זאָגט אייער אלחנן?

— אלחנן האָט אויך מורא צו לאָזן זיך אין נע־ונד. ער איז דאָך אויך אַ שוואַכער מענטש. די נירן דאָקוטשען אים.

— מ׳זעט אים גאָרנישט. פאַרוואָס קומט ער נישט אין דער שרייבער־קיך? נעכטן אויף דער באַראַטונג איז ער אויך נישט געווען.

— ער איז זייער דערשלאָגן און זיצט אין שטוב. ס׳איז דאָך אַן אומ־גליק מיט די „לאַפּאַנקעס״. אַ שאָד, ווען איר קומט מיט אַ שעה פריער, וואָלט איר אים דאָ געטראָפן. ער איז דאָ געווען.

ביים געזעגענען זיך האָט מיר צייטלין געזאָגט:

— איז קומט זשע טאָקע באַלד אין דער פרי. קומט מיט אַ דראָזשקע.

— צווישן 8 און 9 וועל איך שוין זיין ביי אייך. זייט גרייט.

38

די דייטשישע „קולטור - טרעגער״

צומאָרגנס פּינקטלעך 8 אין דער פרי גיי איך אַרויס פון שטוב. פון שוויענטאָיערסקע ביז שליזקע איז אַ היפּש שטיקל וועג; אָבער איך שפּאַן דורך בשלום דורך די גאַסן. אין דער צייט איז עס צום זיכערסטן. אין קיין טראַמוויי וויל איך נישט פאָרן, כדי זיך נישט צו באַגעגענען נאָענט מיט קיין דייטשן.

איך דריי זיך שוין אַריין פון וויעלקע אין שליסקע און זוך שוין מיט די אויגן אַ דראָזשקע, כדי צו פאַרפאָרן צו צייטלינען.

אָבער . . .

אויפן ברוק שטעלט זיך פּלוצלונג אָפּ אַן אויטאָ און פון „שאָפּערקע״ רוקט זיך אַרויס אַ קאָפּ פון אַ דייטשישן אָפיציר.

— זינד זיע יודע? שטייגען זיע מאַל איין. איין ביסכען אַרבייטען...

כ׳בלייב שטיין. נישט פאָלגן איז נישט שייך. פּרוּוו איך בעטן:

— מיין הער, איך מוס...

יענער רייסט מיך איבער מיט אַ געבייזער:

— קיינע קוואַטשעריי, צום דאָננערוועטער! זאָפאָרט איינשטייגען!

גיי איך אַריין אין אויטאָ. אַ פיין אויסגעבעטער אויבן־אָן. כ׳זיץ „ווי אַ פּריץ״...

טררר... דער אויטאָ לויפט ווייטער. דער אָפיציר אַליין איז דער שאָפער.

וווהין פירט ער מיך? כ׳בין אַ ביסל דענערווירט. פרעגן איז דאָך נישט שייך. ער וועט זיך ווידער צעגרילצן מיט זיין בייזערדיקער שטימע.

פלוצלונג שטעלט ער זיך ווידער אָפּ. דער אָפיציר רוקט אַרויס דעם קאָפּ צום טראָטואר מיטן זעלבן „פסוק״:

— זינד זיע יודע? שטייגען זיע מאָל איין. איין ביסכען אַרבייטען...

עס קומט אַריין צו מיר נאָך אַ ייד, אַ געלער יונגערמאַן מיט אַ צע־שראָקן פּנים פול זומערשפּרינקלעך. יענער, זע איך, כאַפּט אַ בליק אויף מיר ניט זיכער. ער מיינט אוודאי, אַז איך בין אַ זייעריקער...

איך באַרויק אים באַלד אין פּויליש, דער יעקע זאָל נישט פאַרשטיין:

— טעזש אָפיאַראָ...1)

אַזוי שטעלט זיך אָפּ דער אויטאָ עטלעכע מאָל און מיר זענען שוין זאַלבעפערט.

ביי אַ סקווער שטעלט ער זיך אָפּ צום לעצטן מאָל. אויפן טראָטואר שטייט אַן עלעגאַנטע פרוי מיט אַ 15־16 יעריקן שילער.

— יונגע, יונגע, שטייג־מאָל איין. ביסט דו יודע? איין ביסכען אַר־בייטען...

די פרוי מאַכט אַ וויינענדיק פּנים און בעט זיך:

— אָבער, מיין הערר, איין שילער... מיין זאָהן פערשטייט יאָ קיין דויטש...

— ער מוס ניכט פערשטיין. ער מוס נור אַרבייטען... שנעל!

זי באַגלייט דאָס יינגל ביז צום אויטאָ און דער אָפיציר נעמט איב אַריין נעבן זיך אין דער „שאָפערקע״.

טררררר...

מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט וווהין מען פירט אונדז.

שפּעטער אַביסל הער איך ווי דער אָפיציר פרעגט דעם שילער:

— וואָ איסט דער סיים?

דער שילער איז דערשראָקן און ענטפערט נישט גלייך.

— פּאַרל טי פראַנסע? — פרעגט ער אים דאַן אין פראַנצויזיש.

מיר מישן זיך אַריין און זאָגן דעם אָפיציר די ריכטונג צום סיים.

הייסט עס, צום סיים?

1) אויך אַ קרבן.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען מיר שוין אויף ווייסקע גאַס און דער אויטאָ פירט אונדז אַריין דורך אַ זייטיקן אָפענעם טויער אין הויף פון סיים. אויפן הויף — אַ באַוועגונג פון מענטשן. עס אַרבעטן דאָ שוין עטלעכע צענד־ליק ייִדן. ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַרבעט באַשטייט אין איבערטראָגן די בי־כער פון דער סיים־ביבליאָטעק אין לאַסט־מאַשינען. די אָנגעלאָדענע מאַ־שינען פירן אָפּ די ביכער צום הויפּט־וואָקזאַל, ווו זיי ווערן איבערגעלאָדן אין פראַכט־וואַגאָנעס פאַר דייטשלאַנד — פאַרן לאַנד פון „קולטור"... די ביבליאָטעק־געביידע פון סיים איז האַלב־רויִנירט, אָבער ביכער געפינען זיך אינעווייניק גאַנצענע אוצרות.

מ'שטעלט אונדז צו צו אַ לאַנגער ריי ייִדן — אַלץ אָקאָרשט געכאַפּטע פון פאַרשיידענע גאַסן.

צו אונדזער אָפיציר קומט צו אַן אַנדער מיליטערמאַן און ווייזט אים אָן אויף אונדז:

— געבן זיע מיר דיעזע יודען.

— אָ, ניין! — זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש „אונדזער" אָפיציר, — דאַס זינד מיינע יודען... ווען זיע יודען בראַוכען, דאַן געהען זיע אין די שטראַסע אונד האַלטען זיע זיך אַנדערע... אין וואַרשאו איסט עס יאַ קיין מאַנגעל אַן יודען...

מ'שטעלט אונדז צו דער אַרבעט. די טרעפּ צום ערשטן שטאָק פון ביב־ליאָטעק זענען רויִנירט — האָט מען צוגעשטעלט אַ לייטער צו דער אויבערשטער טיר און מיר זענען אַרויפגעקראָכן. מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט לענג־אויס די ביבליאָטעק־צימערן, איינע פון די אַנדערע אויף אַ דיסטאַנץ, מ'זאָל זיך קאָנען דערלאַנגען די ביכער. אַזוי אין אַ שורה ביז צו דער לייטער אַראָפּ. און אַזוי זענען געגאַנגען די ביכער פון האַנט צו האַנט ביז זיי זענען געקומען צום לעצטן אונטן און דער לעצטער האָט זיי שוין אַריינגע־וואָרפן אין לאַסט־מאַשין. אַזוי כסדר אָן הפסקות. ווי די אויטאָמאַטן האָבן מיר געאַרבעט. גענומען — געגעבן, גענומען — געגעבן. ביסלעכווייז איז אויסגעליידיקט געוואָרן איין ביכער־פּאָליצע נאָך דער אַנדערער. מ'דער־ציילט מיר, אַז מ'אַרבעט שוין דאָ דעם פינפטן טאָג אַזוי. אין אָוונט ביים אהיימגיין נעמט מען ביי די פרישע צו די פּאַספּאָרטן, כדי מען זאָל מאָרגן אַליין מוזן ווידער קומען.

דער אויפזעער איבער אונדז איז אַ הויך־געוויקסיקער אָפיציר אין ברילן. זעט אויס ווי אַן אינטעליגענט. מסתמא פון אַ קולטור־אָפּטיילונג. ער מאַכט אַלע ווײַלע „וויסנשאַפטלעכע" באַמערקונגען — מעשה „קולטור־

מענטש״. אָט נעמט ער אַראָפּ אַ גרויסן פּאַליאַנט. ער טוט אַ בלעטער, באַ־מערקט:

— קונסט... וואָצו בראָוכען די פּאָלנישען שווינע קונסט?... דאָס איסט איין דינג פיר דויטשלאַנד...

אז ער זאָגט דעם אָדער יענעם פון אונדז מוסר פאַר נישט אַרבעטן אַזוי שנעל, מאַכט ער עס מיט נישט קיין גראָבע רייד. צו מיר, אַ שטייגער, קומט ער צו און „לערנט" מיך, איך זאָל די ביכער אָננעמען נישט פארן מיטן, נאָר ביי אַ ראַנד, כדי דעם אַנדערן, ווען איך דערלאַנג, זאָל לייכטער זיין אָנ־צוכאַפּן זיי פון מיר.

— דענקען מוס מאַן, — זאָגט ער מיר, ווייזנדיק אויף זיין אייגענעם שטערן, — דענקען מוס מאַן אימער. זיע — יודען, זאָגען דאָך אימער, דאָס זיע דאָס געבילדעטסטע פאָלק זייען...

געוואָלט האָט זיך מיר בעת־מעשה פאַרטיידיקן מיין „שאָוויניזם": יאָ, אמת, ס׳איז טאַקע אזוי ווי ער מיינט; אָבער וואָס האָבן מיר פון אונדזער חכמה, אַז אַזעלכע באַרבאַרן געוועלטיקן איבער אונדז...

אָבער כ׳האָב פאַרביסן די ליפּן און ווייטער געטאָן מיין אַרבעט. אַזוי זענען דורכגעגאנגען דורך מיינע הענט ביכער־אוצרות: ענציקלאָפּעדיעס, פּראַכט־בענדער, זעלטענע אויסגאַבעס, אוניקומס. כ׳פלעג לויפיק כאַפּן אַ בליק אויף א טיטל, בעת דער אויפזעער איז גראָד נישט געשטאַנען נעבן מיר, און דאָס האַרץ האָט פּשוט געריסן. איין מאָל באַמערקט ער עס פון דערווייטנס און צעשרייט זיך אויף מיין אַדרעס:

— אַכטונג! דיעזער אינעם פעלץ־קראַגען... יעטצט איזט קיינע צייט פיר שטודיום... ניכט הינאיינשאוהען! קיינע לומפּערייען!!!

דער באַרבאַר איז לסוף אַרויסגעקראָכן פונעם „אינטעליגענט"...

איינס אַזייגער בייטאָג האָט דער „הומאַניטאַרער" אָפיציר דערקלערט אַן איבעררייס אויף אַ שעה צייט. ער האָט עס זיכער געטאָן צוליב דעם, ווייל ער אַליין האָט געוואָלט גיין אויף מיטיק. פאַר די אַרבעטער, פאַרשטייט זיך, האָט מען גאָרנישט צוגעגרייט.

— אונד יעטצט, — זאָגט ער, — זאָללען צוויי לויטע פאָן איהנען, דיע־זער מיט דעם פעלץ־קראַגען (וואַרשיינליך רייכער מאַן איסט), — ווייזט ער אויף מיר, — אונד נעכסטע (אויף אינעם פעלצע) הינאבגעהען אונד קאָופען עטוואָס צום פרעססען פיר אַללע לויטע.

דער עולם האָט זיך צונויפגעלייגט צו עטלעכע זלאָטעס און מיר זענען אַראָפּ זאַלבענאַנד אין אַ נאָענטן געוועלב און איינגעקויפט ברויטלעך מיט

וורשט. טייל האָבן געהאַט סאַנדוויטשן אין די טאַשן: אָן דעם גייען זיי נישט אַרויס פון שטוב — אויפן פּאַל טאָמער כאַפּט מען צו דער אַרבעט, ווייל די דייטשן, ווייס מען שוין, קאָנען מכבד זיין מיט קלעפּ, אָבער נישט מיט סאַנדוויטשן... האָבן זיי טאַקע איצט אויסגענוצט זייערע נויט־רעזערוון.

נאָך דעם איבעררייס — ווידער צו דער אַרבעט. ווידער ביכער פון האַנט צו האַנט. שפּעטער, אַז ס׳איז טונקל געוואָרן, האָט מען אָנגעצונדן ליכט און געאַרבעט ביי אַ טונקעלן שיין. די עלעקטרישע אינסטאַלאַציע איז דאָ צעשעדיקט געוואָרן.

זעקס אַזייגער אין אָוונט האָט זיך געענדיקט דער טאָג אַרבעט. אַלע זענען אַראָפּ אונטן. מ׳האָט גענומען מאַכן די „סעלעקציע" פון אַלטע און נייע. און ס׳איז געווען ווי מ׳האָט מיך אינפאָרמירט: די, וואָס זענען הייַנט צום ערשטן מאָל ביי דער אַרבעט, זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין איין ריי, און די יעניקע, וואָס האָבן שוין אָפּגעאַרבעט אַ וואָך צייט — אין אַן אַנדער ריי. ביי די ערשטע האָט מען צוגענומען די פּאַספּאָרטן, כדי זיי זאָלן קומען אויך מאָרגן. מיט מיר איז געשען אַ „נס": היות ווי איך בין צופעליק געשטאַנען ביים עק, איז מיר געלונגען זיך אַריבערצושאַרן אומבאַמערקט צו די אַלטע (אַזוי האָט מיך עמיצער פון די אַלטע אויסגעלערנט צו טאָן) און אויך ביי מיר האָט מען דעם פּאַספּאָרט נישט צוגענומען. און אַזוי טאַקע בין איך אַרויס פון הויף אויף דער פריי.

„נאָך גוט אָפּגעשניטן... — טראַכט איך ביי זיך. — אי נישט געלייזט קיין קלעפּ, אי שנעל פּטור געוואָרן".

דורך די אָוונטיקע, קאַרג־באַלויכטענע גאַסן האָב איך זיך אַ מידער דערשלעפּט אַהיים.

אין שטוב ביי מיר איז געווען ממש תשעה־באב. די פרוי — אַ פּאַר־ווייַנטע, אַ פאַרצווייפלטע. אַז כ׳בין פאַר מיטאָג ניט צוריקגעקומען צו דער אָפּגערעדטער שעה, האָט זי מיך גענומען אַרומזוכן. קודם כל איז זי געווען ביי די צייטלינס. אַז זי איז געוואָר געוואָרן, אַז כ׳בין דאָרט לחלוטין נישט געווען, איז זי באַלד דערשראָקן געוואָרן. זי איז אויסגעווען מיך זוכן אומעטום, ווו ס׳איז נאָר מעגלעך געווען מיך צו טרעפן. אָבער אומעטום האָט מען איר געענטפערט, אַז כ׳בין הייַנט דאָרט נישט געווען. האָט זי שוין איבערגעטראַכט דאָס ערגסטע — ווי דאָס איז שביח געווען אין די דאָזיקע טעג...

39

מיט הלל צייטלין אין דער דעלעגאַציע

מיין מיסיע האָב איך אויסגעפירט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער.

ס׳איז גראָד געווען אַ טריבער פרימאָרגן. פון כמורנעם הימל האָט געטריפט אַ פויל רעגנדל. אַזאַ טאָג איז ווי געווונטשן פאַר אונדזער מיסיע. האָב איך גענומען אַ דראָזשקע אויך אַהינוועגס, צו די צייטלינס, און בין געפאָרן מיט אַן אויפגעשטעלטער בויד.

געקומען צו די צייטלינס, בין איך פאַר זיי געווען אַ שטיקל סענסאַציע: מיין פרוי איז דאָך געווען ביי זיי מיך זוכן אין יענעם פאַטאַלן טאָג און זיי האָבן שוין אויך געמיינט, אַז מיט מיר האָט פּאַסירט עפּעס אַ צרה.

איך דערצייל זיי די פּרטים ווי אַזוי מ׳האָט מיך געכאַפּט צו דער אַרבעט. ר׳ הלל האָט האַרציק געלאַכט, ווען איך האָב אים אָפּגעשילדערט די אַמפּערניש צווישן די צוויי אָפיצירן איבער אונדז אויפן הויף פון סיים. ס׳איז אים געפעלן געוואָרן די פראַזע פון אָפיציר און ער האָט עס לאַכנדיק איבערגעחזרט:

„דאָס זינד מיינע יודען... ווען זיע יודען בראַוכען, געהען זי אין די שטראַססע״...

— לאָמיר פאָרן, ר׳ הלל, באַצייטנס, — לייג איך פאָר, — גלייכער וואָס פריער. גראָד רעגנט עס, וועט זיין זייער באַטירלעך צו פאָרן אין דראָזשקע אונטער אַן אַנגעשטעלטער בויד.

אַזוי איז טאַקע געווען. צייטלין האָט זיך גענומען אַנטאָן. די באָרד האָט צייטלין נישט אַרומגעבונדן. „עט, — זאָגט ער, — ווערן אַ פּורים־שפּילער״... ער האָט זיך נאָר איינגעטוליעט אין אויפגעשטעלטן קאָלנער פון מאַנטל און אַרומגעהילט מיט די לאַצן די באָרד מיטן גאַנצן אונטערשטן טייל פּנים.

— גיט גוט אַכטונג! — וואָרנט די פרוי צייטלין, — זאָל חלילה עפּעס נישט געשען אויפן וועג...

— זייט רויק, פרוי צייטלין, אין אַ שעה־צוויי אַרום לערך ברענג איך אייך ר׳ הללן צוריק אין שטוב אַריין.

— פאָרט בשלום און קומט בשלום! — באַקומען מיר נאָך אַ ברכה אין וועג.

אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום זיינען מיר פאַרפאָרן טאַקע בשלום אויף לעשנאָ 13 צום „דזשאָינט".

הלל צייטלינס דערשיינען אין „דזשאָינט" האָט צוגעצויגן אַלעמענס בליקן.

ס'איז געוואָרן אַ געמורמל:

— הלל צייטלין!

— הלל צייטלין!

אַלע באַאמטע האָבן צייטלינען געקענט. ווער פּערזענלעך, ווער פון זיי־נע בילדער. אגב זענען אין וואַרט־זאַל געווען אויך ייִדן מאנשי שלומינו: עטלעכע שרייבער, עסקנים. מ'האָט צייטלינען אַרומגערינגלט און פאַרשאָטן מיט פראַגן. יעדער איינער האָט געוואָלט וויסן וואָס צייטלין טראַכט איצ־טער, וואָס ער האָט איצט צו זאָגן.

הלל צייטלין האָט פאַר אַלעמען איין תשובה געהאַט:

— שווער היינט צו זיין אַ טרייסטער ביי ייִדן... ס'איז איצט גרינגער צו זאָגן „איכה ישבה"... איידער „נחמו, נחמו, עמי"...

— מיינט איר טאַקע, אַז ס'איז ביטער? איז טאַקע כלו כל הקיצין?...

— מיר זענען דאָך ווי יונה במעי הדגה... אָבער מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט... אפשר וועט ער אונדז העלפן אַזוי ווי יונהן...

באַלד באַקום איך אַ מעלדונג, אַז מיר קאָנען שוין אַריינגיין אין די־רעקציע. עס האָט אונדז אויפגענומען דירעקטאָר גוזשיק. ס'איז אויך בײַ־געווען דער וויצע־דירעקטאָר נוישטאַט.

מיר האָבן דערקלערט וועגן וואָס מיר זענען געקומען. קיין סך רייד זענען נישט נויטיק געווען: ערשטנס, האָט דער „דזשאָינט" גוט געקענט די סיטואַציע פון די שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייע־רע פּרנסות; צווייטנס, די פּערזאָן פון הלל צייטלין — דעם נעסטאָר פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע — איז שוין גענוג געווען, כדי צו דער־גרייכן דעם מאַקסימום, וואָס דער „דזשאָינט" איז ביי יענע אומשטענדן געווען ביכולת צו טאָן פאַר די נויט־ליידנדיקע שרייבער.

דער שמועס האָט זיך אויסגעברייטערט וועגן דער נויט בכלל צווישן ייִדן אין וואַרשע.

גוזשיק דערציילט:

— עס האַלטן אַלץ אין צוקומען ייִדן פון דער פּראָווינץ, וווּ דאָס ייִדי־שע לעבן איז אַבסאָלוט הפקר. ייִדישע שטעטלעך ווערן ליידיק. מ'לויפט ווי פון אַ שׂרפה. אין וואַרשע זענען שוין פול אַלע בתי־מדרשים און „שטיבלעך"

מיט פּליטים. עס ווערן אויך פאַרנומען די וועלטלעכע אינסטיטוציעס: פּאַר־טיי־לאָקאַלן, שולן — ווו עס לאָזט זיך.

— איז ווי זשע גיט איר זיך אַן עצה?

— טאַקע שווער, זייער שווער. פון אַמעריקע דערגייען שוין כמעט נישט צו אונדז קיין מיטלען. מיר מאַכן הלוואות ביי היגע ייִדישע גבירים און שטעלן זיי אויס טשעקן אין דאָלאַרן, צאָלבאַר אין אַמעריקע נאָך דער מלחמה. יענע גבירים טוען עס אגבֿ גערן: זיי לאָקירן דערביי אַ טייל פון זייער קאַפּיטאַל אין אַמעריקע ביים „דזשאָינט״, וואָס איז דאָך שטענדיק קראַנט... „לאָמיר נאָר מיט גאָטס הילף איבערלעבן היטלערן... — טראַכטן די גבירים, — דאַן וועלן די דאָזיקע טשעקן זיין פאַר אונדז אַ געווינס״.

— הייסט עס — זאָגט צייטלין, — אַז ווען אַלע ייִדן וואָלטן געפאַלן אויף דעם שכל, וואָלט געווען אי אַ טובֿה פאַר זיי גופֿא, אי אַ הילף פאַר אַלע אומגליקלעכע. אָבער מסתמא זענען נישט אַלע מסכּים דערויף?

— זיכער נישט אַלע, — ענטפערט גוזשיק, — עס דערגייט טיילמאָל צו קוריאָזן. איין וואַרשעווער גבֿיר, אַ שטייגער, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נע־מען פון אונדז אַזאַ טשעק, מיטן מאָטיוו, אַז... „ווער ווייסט, האָט ער גע־זאָגט, צי איך וועל גאָר דערלעבן ביז נאָך דער מלחמה״... „אויב איר וועט נישט דערלעבן, זאָג איך אים, דאַרפט איר דאָך סיי ווי נישט דאָס געלט״... אָבער עס האָט נישט געהאָלפן: אַזאַ פאַרשוין קאָן מען מיט גאָרנישט אי־בערצייגן.

—אַזעלכע ייִדן, — רופט זיך אָן צייטלין, — געהערן שוין צו דער קאַטעגאָריע רשעים: לויט אים קומט אויס, אַז בעסער זאָל דאָס געלט אַריינ־פאַלן בירושה צו היטלערן איידער פאַר אָרימע ייִדן.

— אַזוי זעט עס טאַקע, צום באַדויערן, אויס.

אונדזער קורצע אינטערוויוּ האָט זיך געענדיקט.

מיטן גרעסטן רעספּעקט פאַר הלל צייטלינען האָבן אונדז די „דזשאָינט״־דירעקטאָרן אַרויסבאַגלייט ביז צום אַרויסגאַנג.

— גייט נישט צו־פוס, פאָרט גלייכער! — עצהט אונדז ביים געזעגענען זיך גוזשיק.

— זיכער. ווי דען זשע אַנדערש? מיר זענען אַהער אויך געפאָרן.

מיר זענען ווידער געזעסן אין אַ דראָזשקע מיט אַן אָנגעשטעלטער בויד. דער רעגן האָט זיך נאָך געשטאַרקט. גוט, זאָל ער גיסן, דער רעגן. ווער דאַרף דען איצט האָבן זון? בלויקייט פון הימל? עס פרייט דען איצט עמיצן?... די זון קאָן נאָך גיכער שאַדן ברענגען...

— אַ טייערע זאַך, דער רעגן! — זאָג איך.

— דער רעגן איז איצט אונדזער שוץ... — שמייכלט ר׳ הלל, און דער־ביי טוליעט ער טיפער איין די באָרד אינעם מאַנטל...

— וואָס־זשע זאָגט איך פאָרט דאָס האַרץ, ר׳ הלל? — פרעג איך אין אַ ווײַלע אַרום.

— גאָט ווייס, וואָס די עמלקים קאָן איינפאַלן? — ענטפערט ער און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו:

— אוודאי איז די סכנה גענוג גרויס...

— פאַרוואָס, ר׳ הלל, קומט עס תמיד דעם ייִדישן פאָלק די כלערליי פורעניות?...

הלל צייטלין ענטפערט:

— ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווערס טענות צום רבונו של עולם... ער פלעגט זיך פרווון אויסטענהן מיט כביכול... האָבן תרעומות... ס׳איז אַן אַלטע קשיא... דערווײַל מוזן מיר זאָגן: „תיקו"...

אין הלל צייטלינס געבראָכענעם טאָן, אין זײַן טרויעריקן שמייכל און פייכטלעכן בליק האָב איך געפילט דעם טיפן, אומענדלעכן צער פון אַ גרויסן ייִד.

דאָס גלאַנציק־פאַררעגנטע פערדל איז דערווײַל געלאָפן ווייטער איבער די אומעטיקע גרויע גאַסן.

און כ׳האָב געהאַלטן מײַן וואָרט, וואָס כ׳האָב געגעבן דער פרוי צייטלין: נאָך פאַר די צוויי שעה זענען מיר שוין צוריק געווען אויף שליסקע 60.

40

דער „פריזירער"...

איך גיי איבער די נאַלעווקעס. ביי די ווענט פון די חרובע הייזער, צי אויף אימפּראָוויזירטע „געשטעלן" פונעם אָנגעשאָטענעם ציגל, ביי די נומערן 25, 27, 29, — לאַגערן פון סחורות. עס גייט אַ האַנדל מיט צעלניק, מיט הענטשקעס, שאַלן, סוועטערס, שטיקלעך טואַלעט־זייף א. אז. וו. ביי די צעלייגטע סחורות שטייען נאָר פרויען אָדער אַלטע לייט. יונגע האָבן מורא פאַר די „לאַפּאַנקעס". אַ חוץ דעם דאָזיקן אָפענעם מסחר איז אויך אָנגעגאַנגען אויף די טראָטואַרן אַ געהיימער האַנדל. איין ייִד באַט אַן דעם

אַנדערן סחורות, וואָס ער האַלט אין שטוב, און אויב יענער וויל עפּעס קויפן, פּירט ער אים אַריין. אַנדערע ייִדן האָבן אַפילו אונטערגעהאַנדלט בשתיקה מיט דייטשן, וועלכע גנבענען פּראָדוקטן פון דער אינטענדאַנטור און שטעלן זיי צו צו ייִדן. אויף מיין הויף, למשל, וווינט אַ בעקער. פלעגט פון צייט צו צייט אַריינפאָרן אין אונדזער הויף אַריין אַ דייטשישער מיליטערישער וואָגן מיט ברויט, איבערגעדעקט מיט אַ פּלאַנדעקע, און דער יעקע פלעגט עס אויסלאָדן ביים ייִדישן בעקער.

גייענדיק אַזוי אויף נאַלעווקעס באַמערק איך ביי איין טויער אַ רעדל ייִדן. מען לייענט עפּעס. איך גיי צו. אויפן טויער הענגט די ערשטע זייט פון „שטירמער״ מיט אַן אַנטיסעמיטישער קאַריקאַטור: אַ מאָנסטרום פון אַ ייִד, מיט אויסטערליש־גיריקע בליקן, מיט אַן אויסגעקרימטער לאַנגער נאָז און גראָבן בויך, — אַ געשטאַלט פון אַ וואַמפּיר, וואָס זויגט פון אַ נעבעכדיקן קריסט דאָס בלוט...

ייִדן קוקן זיך צו און קריצן מיט די ציין.

עס דערהערן זיך שטימען:

— אַראָפּרייסן די שמאַטע!

— אַראָפּפּליקן צו אלדי רוחות!

מ׳קוקט זיך אַרום — קיין יעקע שטייט נישט בשכנות — און דער צעפּיצלטער „שטירמער״ באַקומט באַלד זיין פאַרדינטן „תיקון״ אין דער בלאָטע.

אַביסל ווייטער אויף די נאַלעווקעס — אַן אַנדער סצענע:

אַן אויסגעפּראַנטעוועטער אָפיציר אין ווייסע הענטשקעס שטייגט אויס ביים טראָטואַר פון זיין אויטאָ. ער שטייט אַ ווייל און קוקט זיך צו צו די פאַרבייגייער. פּלוצלונג —

— יודע, האַלט! —

דאָס האָט ער אָפּגעשטעלט אַ זקן מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און אַרויסגעצויגן אַ שערל פון דער טאַש.

— דען קאָפּף הינאַאויף! — טוט ער אַ זעץ דעם ייִדן אין קין און נעמט זיך צו דער „עבודה״: שערן די באָרד... די הענטשקעס טוט ער בעת־מעשה נישט אויס. ער שערט אַזוי ביזן גרונט, אָבער נאָר פון איין זייט.

געענדיקט — גיט ער דעם ייִדן אַ שטויס:

— ל־אַ־ס, דו שמוציקער יודע!

דער זקן, אַ דערשראָקענער, אַ דערשלאָגענער, שטעלט אויף דעם

קאַלנער פון מאנטל, פאַרשטעלט זיך די חרפּה און מיט אַן „אוי ווי איז מיר" איילט ער אַוועק...

דער „באַבעלער" אָפיציר זוכט ווייטער מיט די בליקן אויפן טראָטואַר.

— יודע, האַלט! — הער איך ווידער זיין גראָב קול.

ווידער אַ ייִד מיט אַ באָרד און ווידער די אייגענע געשיכטע וואָס פריער.

אַזוי האָב איך זיך פונדערווייטנס צוגעקוקט צו פיר „עקזעקוציעס" איבער ייִדישע בערד. די נאַלעווקער ייִדן, וועלכע זענען נעבן מיר געשטאַנען, דערציילן מיר, אַז דער זעלבער אָפיציר קומט אַזוי טאָג־טעגלעך אויף די נאַלעווקעס און פירט דאָ אויס זיין „הייליקע מיסיע". „דער פריזירער" — אַזוי האָבן אים שוין די ייִדן אַ נאָמען געגעבן.

צו די דאָזיקע „עקזעקוציעס" קוקן זיך אויך צו פאַרבייגייער־פּאָליאַקן, וועלכע שטעלן זיך עקסטרע אָפּ. זיי שמייכלען און וויצלען זיך אויפן ייִדנס חשבון.

זאָגט איינער:

— פאַר אַ האַלבע באָרד דאַרף אים דער „זשידעק" באַצאָלן נאָר אַ האַלבן פּרייז...

זאָגט דער צווייטער:

— דער אָפיציר וויל דעם „זשידעק" נישט איינשפּאָרן די פּאָר גראָשן: ער מוז דאָך מיט דער האַלבער באָרד לויפן צום פריזירער...

און דער דריטער גיט צו:

— מ'האָט שוין לאַנג געדאַרפט ברענגען דעם דייטשישן אָפיציר אויף די נאַלעווקעס צו מאַכן קולטורעלער די ייִדן...

אַזוי שמועסן זיי און שמעלצן זיך פון הנאה, די פאַרבייגייער־פּאָליאַקן.

איך גיי ווייטער אין דער ריכטונג צו מוראַנאָוו. אויפן וועג טרעף איך חסידישע ייִדן מיט פאַרבונדענע באַקן. איצט ווייס איך שוין דעם סוד דערפון: דאָס זענען קרבנות פון דאָזיקן „פריזירער"... די פרומע ייִדן שעמען זיך צו ווייזן אין גאַס מיט אויסגעשווירענע נאַקעטע באַקן...

איך כאַפּ אויך אַ קוק צו נאַלעווקעס 28 — צום „מאָמענט": עס ציט מיך עפּעס אַהין...

די מאַשינען זענען שוין נישטאָ — נישט די לינאָטיפּן, נישט די ראָטאַציע־מאַשין. די דייטשן האָבן שוין באַוויזן זיי אַרויסצופירן קיין דייטשלאַנד.

שכנים פון אנטקעגן דער „מאָמענט"־אָפיצינע דערציילן מיר:

יענע וואָך, בעת די דייטשן האָבן זיך געפּאָרעט אין הויף ביים אַרויס־פירן די מאַשינען, קומט אַריין אַ דייטש און פרעגט אַ צופעליקן ייד אין הויף:

— וואָ איזט דער רעדאקטער דער ציידונג?

— איך ווייס נישט, כ׳בין נישט פון דעם הויף.

— זאָפּאָרט זאָגען זיע מיר!!! — דונערט דער יעקע.

— אָבער איך ווייס דאָך נישט. — קוועטשט דער ייד מיט די אַקסלען.

— לומפּ! — גיט דער יעקע אַ געבריל און וואַרפט זיך שלאָגן אויפן יידן. דער ייד איז אומגעפאַלן אויף דער ערד און דער דייטש האָט אים ממש געטראָטן מיט די שטיוול. ערשט אַז דער עמלק האָט שוין געשטילט זיין רציחה, איז ער אַוועק. מ׳האָט דעם צעממיתטן יידן אַריינגענומען אין אַ וווינונג און קוים אים געבראַכט צו זיך.

41

די פּוילישע קנעכט

איך האָב אַן אינצידענט מיט אַ פּוילישן „גראַנאַטאָווי" 1). די דאָזיקע פּוילישע מונדירטע לייט האָבן שוין באַלד פון אָנהויב אָן טריי געדינט זייערע דייטשישע שעפן. דער עיקר, פאַרשטייט זיך, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ „טובה" טאָן יידן.

באַלד אינדערפרי קלאַפּט מען ביי מיר אין דער טיר. איך עפן — אַ פּוילישער פּאָליציאַנט. ער פאַלט אַריין מיט אַ טענה פאַרוואָס כ׳בין נעכטן נישט אַרויס צו דער אַרבעט מיט דער גרופּע מענטשן פון מיין הויף. איך דערקלער אים, אַז קיינער האָט מיר וועגן דעם נישט געמאָלדן.

— פּאַן קלאַמיע! 2) — זאָגט ער ברוטאַל.

דער דאָזיקער טאָן פון אַ „ראָדאק", פון אַן „אייגענעם" האָט מיך געקרענקט.

— ווי אזוי רעדט איר צו מיר? איך זאָג אייך, אַז קיינער האָט מיר באמת נישט געמאָלדן.

— דער „דאָזאָרצע" 3) האָט אייך יאָ געזאָגט.

1) פּאָליציאַנט; 2) איר לייגט! 3) הויז־וועכטער.

— אדרבה, לאָמיר אים פרעגן, — פאָדער איך.

ער רופט אַריין פון די טרעפּ דעם „דאָזאָרצע״.

— דערקלערט, פּאַניע „דאָזאָרצע״, — זאָג איך אים, — איר האָט מיר נעכטן געמאָלדן איך זאָל זיך צושטעלן צו דער אַרבעט?

יענער קוקט א ווײַלע אין פאַרלעגנהייט דאָ אויף מיר, דאָ אויפן „גראַ־נאַטאָווי״ און ענטפערט מיט אַ האַלב מויל:

— יאָ, געזאָגט...

— דו זאָגסט ליגן ווי אַ הונט! — רוף איך אויס פון פאַרדרוס.

דער „דאָזאָרצע״ האָט זיך ווי אַ פאַרשולדיקטער אַרויסגעשאַרט צוריק אויף די טרעפּ.

— קומט תיכף צו דער אַרבעט! — נעמט מיך שלעפּן פאַרן אַרבל דער „גראַנאַטאָווי״.

— קומט אַריין אַ ווײַל דאָ אין צימער. זעט אַליין, מיין פרוי איז שווער קראַנק.

— דאַי פּאַן ספּאָקוי! 1)

— אָבער זעט. — גיב איך שנעל אָ עפן די טיר.

ער וואַרפט אַ בליק דורך דער געעפנטער טיר אין צימער, ווו מיין פרוי איז געלעגן אין שטאַרקן פיבער.

— זעט, אַ שווער־קראַנקע, איינע אליין אין אַ שטוב...

— אין 5 מינוט אַרום מוזט איר אַראָפּגיין אונטן! —

— אָבער ווי קאָנט איר?...

— זאַ פּיענטש מינוט! 2) — פאַלט ער אַריין אין אַ טאָן פון אַ גרויסן „באַפעלער״, וואָס ווייס זיין גרויסע מאַכט...

דער דאָזיקער רשעותדיקער „באַפעל״ פונעם „ראַדאַק״ האָט מיך שוין אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט און ס'האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט:

— אָבער אום גאָטעס ווילן, אַזוי טריי דינט איר עס היטלערן?...

דאָס האָט דעם „גראַנאַטאָווי״ אַ ברי געטאָן און מיט ווילדער רציחה טוט ער זיך אַ כאַפּ צום רעוואָלווער.

איך כאַפּ אים ביי דער האַנט:

1) לאָזט צורו! 2) אין פינף מינוט אַרום!

— בארויקט זיך, פּאַניע ראַדאקו... —

ער האָט אפּנים דערשפּירט מיין סאַרקאזם און צוגענומען די האנט פון רעוואָלווער.

— נאַטיכמיאַסט דאָ פּראַצי 1) — האַלט ער זיך ווייטער ביי דאָס זייניקע.

— פאַרפאַלן, אויב איך מוז, וועל איך באַלד אַראָפּקומען.

ער איז אַריין אנטקעגן צו אַ שכן. כ׳בין באַלד אַהין אויך אַריין. דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס זעלבע: אויך דאָרט האָט דער „דאָזאָרצע" גע־זאָלט אָנזאָגן וועגן גיין צו דער אַרבעט און האָט זיך אפּנים פאַרגעסן. דער פּאָליציאַנט האָט געפּרווט שרייען, אָבער דאָ האָט ער לסוף אַליין געזען, אַז דער ליגנער איז דער „דאָזאָרצע", וועלכער האָט זיך מורא געהאט מודה צו זיין.

— זעט איר שוין, ווער ס׳איז גערעכט? — זאָג איך דעם פּאָליציאַנט.

ער האָט שוין גערעדט ווייכער און איך האָב לסוף געפּועלט ביי אים, איך זאָל צוליבן חולה אין שטוב גיין צו דער אַרבעט מאָרגן אַנשטאָט היינט. דערין האָבן מיר אויך מיינע שכנים צוגעהאָלפן.

„אָבער ווי שנעל זיי זענען אַריין אין דער טריפהנער פעל, די „גראַנאַ־טאָווי"... — טראַכט איך.

כ׳בין שפּעטער אַראָפּ צום „דאָזאָרצע" אויף אַ פאַרהער. ער האָט מיר נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין.

— ביסט אַ פּחדן! — האָב איך אים געמוסרט, — פאַר דיין אייגענעם ברודער־פּאָליאַק האָסטו מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת, אַז דו האָסט פאַרגעסן?

ער האָט געשוויגן און נישט געהאט מיר וואָס צו ענטפערן.

שפּעטער איז ער צו מיר געקומען אין דער וווינונג, כדי מיר צו געבן אַ שטיקל „סאַטיספאַקציע" פאַר זיין געמיינקייט לגבי מיר: היות ווי איך דאַרף דאָך מאָרגן אינדערפרי אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָט ער אויסגע־זוכט אַן אַרבעטסלאָזן, וואָס איז גרייט מיך צו פאַרטרעטן.

— פאַרן טאָג אַרבעט — זאָגט ער — דאַרף דער פאַן נאָר באַצאָלן 5 זלאָטעס.

— גוט, מסכים, אַ דאַנק.

---

1) תיכף צו דער אַרבעט!

42

די מעשה נורא אויף נאַלעווקעס 9

דער ערשטער פאַל פון אַ מאַסן־דערשיסונג אין וואַרשע. אַ מעשה נורא אויף נאַלעווקעס 9.

אַז די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, האָבן זיי געעפנט די טויערן פון „פאַוויאַק" און אַנדערע תפיסות און אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי אַלע קרימינעלע פאַרברעכער און כלערליי אויסוואורפן פון דער געזעלשאַפט (אפנים צוליב גייסטיקער קרובהשאַפט...). נו, האָבן די דאָזיקע קרימינעלע העלדן גענומען אויסנוצן די פרייהייט אויף זייער אופן און פאַר זייערע צילן. האָט זיך צווישן די דאָזיקע באַפרייטע פאַרשוינען געפונען אויך אַ ייִדישער יונגערמאַן, אַ בנאַק פון אַ ייִד אויף נאַלעווקעס 9. און אויך דער דאָזיקער פאַרשוין האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט זיין „פאַך" — גנבה און גזלה. ער האָט באַגנבעט דירות, געשעפטן און וואָס עס האָט זיך געלאָזט. ביז די פאָליציי איז געקומען אויף זיינע שפורן. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז מען אים געקומען נעמען. אין ווויִנונג זענען אַריינגעקומען צוויי פוי־לישע „גראַנאַטאָווי". דער געזוכטער חברה־מאַן האָט באַוויזן זיך אויסצו־באַהאַלטן אין אַ שאַפע. אַז די פּאָליציאַנטן האָבן בעתן נישטערן געגעבן אַן עפן די שאַפע, האָט דער גנב זיי באַגעגנט מיט אַן אָנגעצילטן רעוואָלווער. פון אומגעריכטקייט האָבן זיך די פּאָליציאַנטן לכתחילה פאַרלוירן. דער חברה־מאַן האָט באַוויזן אַרויסצולויפן פון דער וווינונג. דאַן האָבן אים די „גראַנאַטאָווי" גענומען נאָכיאָגן איבער די שטיגן מיט אַ שיסעריי. אונטן אין הויף האָט ער צוריקגעשאָסן און מיט מער דערפאָלג פון זיינע פאַר־פאָלגער: איין פּאָליציאַנט איז געפאַלן טויט אויפן אָרט און דער צווייטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן. אין דער בהלה איז דעם באַנדיט געלונגען אַרויס־צולויפן פון הויף און נעלם צו ווערן.

די דאָזיקע דראַמאַטישע פּאַסירונג איז פאַר די דייטשן געווען אַ גלענ־צנדיקער „אַטוט" קעגן ייִדן...

די עלטערן פונעם פאַרברעכער האָט מען באַלד אָוועקגעפירט און מ'האָט זיי שוין, פאַרשטייט זיך, מער נישט געזען. איז עס נאָך ווייניק. האָבן די דייטשן געפאָדערט פון „ייִדן־ראַט" צוואַנציק ערובניקעס. און וואָס ערובניקעס ביי די דייטשן באַדייטן, האָט מען שוין אין וואַרשע געוווּסט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטערווענץ ביים גוווערנער פישער, אַ בעטעניש און אַ דינגעניש. עס האָבן נישט געהאָלפן די ארגומענטן, אַז שולדיק זענען דאָך אין גרונט די דייטשן אַליין, וואָס זיי האָבן באַפרייט די אַלע פאַר־ברעכער. ביז דער „יידן־ראַט" איז דורכגעקומען מיטן גוווערנער צו געבן זיי — אַנשטאָט ערוביניקעס — 400.000 זלאָטעס אויסקויף־געלט.

דערמיט האָט זיך אָבער נאָך די זאַך נישט געענדיקט. דער פינאַל איז פאָרגעקומען נאָך די זעלביקע נאַכט, נאָכן באַקומען דאָס געלט:

אין מיטן נאַכט האָט די „געסטאַפּאָ" מיט די „ס. ס."־לייט אַרויסגענו־מען פון די וווינונגען אויף נאַלעווקעס 9 אַלע מאַנסלייט, פון יונג ביז אַלט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אויך אַ זיידע און אייניקל, אַ יינגל פון אַ יאָר דרייצן. צוזאמען 53 נפשות. מ'האָט די גאַנצע פּאַרטיע אַרויסגעפירט הינטער דער שטאָט, געהייסן זיי פריער אויסגראָבן אַ גרויסן גרוב און מ'האָט זיי אַלעמען אויסגעשאָסן... דער גרוב מיט די הרוגים איז נאָכדעם פאַרשאָטן געוואָרן און אויסגעגלייכט געוואָרן מיט דער ערד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך געוויזן אין „נאָווי קוריער וואַרשאווו־סקי"1) אַ יעזואיטישע נאָטיץ וועגן דעם פאַל אויף נאַלעווקעס 9 אונטערן „אומשולדיקן קעפּל":

„דערשאָסן 53 יידן פאַר סאַבאָטאַזש"...

דעם דאָזיקן נומער פון „נאָווי קוריער וואַרשאווסקי" האָב איך זאָרג־זאַם באַהאַלטן (כ'האָב דערין איינגעוויקלט עפּעס אַ חפץ), כדי שפּעטער, ווען כ'וועל שוין זיין „אויף יענער זייט", צו ווייזן דער וועלט — — — —

43

אין אַ „פּריווילעגירטער" שטוב

איך מאַך אַ באַזוך ביי אַ „מאָמענט"־קאָלעגע — ביי אַדוואָקאַט מיכאל סוריץ. סוריץ פאַרנעמט אַ פּרעכטיקע גרויסע דירה אויף סענאַטאָרסקע גאַס.

מיר זיצן פאַרנאַכט ביי אַ גלעזל טיי און מען שמועסט וועגן דער געשאַ־פענער סיטואַציע. סוריץ האַלט אויך, אַז ווער עס קאָן, דאַרף פאַרלאָזן דאָס דייטשישע אָקופּאַציע־געביט. „ווער עס קאָן" — אָבער נישט ער. ער אַליין

1) די איינציקע היטלעריסטישע צייטונג אין פויליש. די גאַנצע פּוילישע פּרעסע איז שוין געווען געשלאָסן.

איז עפּעס אַנדערש. ער אַליין איז אַ שטיקל „יחסן" און ער גלויבט טאַקע, אפּנים, אינעם כוח פון זיין „יחוס": זיינער אַ קוזין — טאַקע אויך אַ סוריץ, יאַקאָוו סוריץ — איז סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין בערלין...

סוריץ איז פאַר מיר גאַנץ אָפנהאַרציק.

— היות, — זאָגט ער, — ווי מאַלאָטאָוו און ריבענטראָפּ „קושן זיך דאָך איצט אין די פּיסקעס", קאָן מיר ביישטיין דער זכות פון אַזאַ קוזין — אַזאַ אָפיציעל־הויכגעשטעלטן סאָוועטישן דיגניטאַר.

— זיכער, זיכער — גיב איך צו, — די דייטשן ווייסן דערפון?

— זיי ווייסן, זיי ווייסן. וואָס־זשע מיינט איר, ווען נישט דער דאָזיקער אומשטאַנד, וואָלטן מיר די דייטשן געלאָזט זיצן אין אַזאַ אַריסטאָקראַטישער דירה? אויף דער יחוסדיקער סענאַטאָרן־גאַס? עס זענען שוין נישט איינמאָל געקומען דייטשן באַקוקן די דירה פאַר זייערע גרויסע לייט; אָבער מיין קוזינס „אייזערנער בריוו" העלפט מיר אַרויס...

אַ חוץ דעם „אייזערנעם בריוו" — דערציילט מיר מיכאל סוריץ, — האָט נאָך דער אמבאַסאַדאָר יאַקאָוו סוריץ אינטערוועניִרט אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג ביים גוווערנער פישער, אַז מען זאָל זיין קוזין אין וואַרשע באַהאַנדלען ווי אַ יוצא מן הכלל — ווי אַ מיטגליד פון זיין משפחה, נו, גענוסט ער טאַקע דערפאַר פון אַ באַזונדער „אויפמערקזאַמקייט" — ווי אַ „פאַרבינדעטער"...

אַדוו. סוריץ האָט נישט קיין מורא פאַר אַרבעט. ער טראָגט מיט זיך שטענדיק דעם „אייזערנעם בריוו", ווי אַ קמיע, און באַוועגט זיך פראַנק און פריי איבער די וואַרשעווער גאַסן. פון קיין אפּראָוויזאַציע־נויט ווייס מען אויך נישט ביי סוריצן אין שטוב (ער איז תמיד געווען גוט סיטואירט). די שפּיגלדיקע גלעזער טיי אויפן טיש, די פיינע, פאַרשיידנפאַרמיקע קיכעלעך, שאָקאָלאַד און פרוכט אין די קרישטאָלענע וואָזעס דערמאָנען שפּעדיקע פרידנס־צייטן...

אויך ביי פרוי סוריץ, וואָס האַלט מיט ביים טיש געזעלשאַפט, באַמערק איך עפּעס נישט די נערוועזיטעט, וועלכע וויברירט אויף די פּנימער פון אַלע יידישע פרויען אין וואַרשע... פונקט ווי די דאָזיקע דירה וואָלט געווען אַ קליין אינזעלע אין אַ ים פון שרעק און אומרו...

אדוו. סוריץ דערציילט מיר שפּעטער אַ מאַקאַברישע געשיכטע:

ביי אים אין קאָרידאָר האָט אַ קאַבינעט זיינער אַ באַקאַנטער דאָקטער — אַ ווענעראָלאָג. האָט דער דאָזיקער ווענעראָלאָג באַקומען אין זיין אָפּטיילונג, ווו ער אַרבעט, אַן עקסטרע מין פּאַציענטינס.

— ווער זענען זיי עס?

— דאָס זענען זייער שיינע יידישע פרויען. — דערציילט מיר סוריץ. — אין איינעם פון די פּאַלאַצלעך אין די אויאזדאָווער אַלייען האָבן הויכגע־שטעלטע דייטשן — מיליטער־לייט און דיגניטאַרן — אַראַנזשירט אַ לוסטי־קע „נאַכט דער ליבע"... מ'האָט צו דעם צוועק אַרויסגעשיקט אין די וואַרשע־ווער גאסן עקסטרע כאַפּערס — מבינים אויפן „שיינעם געשלעכט"... און אין דאָזיקן ספּעציעלן געיעג זענען געכאַפּט געוואָרן ביי אַ 50 יידישע פרויען. מ'האָט זיי געבראַכט אַהין, אין די אויאזדאָווער אַלייען, פּאַרטיילט זיי אין באַזונדערע אַפּאַרטאַמענטן, און שפּעט ביינאַכט, בעת דער „נאַבעלער" עולם איז שוין געווען בגילופין, האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע אָרגיעס מיט די פרויען... אין סך־הכל זענען 40 פרויען געוואָרן אָנגעשטעקט מיט ווענערי־שע קראַנקייטן... און טייל פון זיי זענען עס טאַקע מיין שכנס פּאַציענטינס...

— נו, און ראַסן־שאַנדע? מיט יידישע פרויען?...

— אָט זעט איר דאָך טאַקע, ווי זיי אַליין באַציען זיך צו זייער איי־גענער ציניִשער פּראָפּאַגאַנדע.

— איז טראַכט איר גאַרנישט וועגן אַוועקפאָרן? — פרעג איך נאָך אַ פּויזע.

— ניין, — ענטפערט ער, — וווהין פאָרן?

— כ'מיין, אז אויף „יענער זייט", ביי די סאָוויעטן, וואָלט איר דאָך נאָך גיכער געפונען פון אייערע „זכות אבות"... נישט אמת?

— אפשר... ווער ווייס... אפשר איז עס גאָר קיין ראיה נישט...

— איר דאַרפט דאָך וויסן, איר זייט דאָך שוין געווען מיט אַ באַזוך אין סאָוויעט־רוסלאַנד...

— יאָ, יאָ, איך ווייס... איך ווייס, אַז איך ווייס נישט... — ענטפערט סוריץ אַ ביסל סקעפּטיש — איבעריקנס, וווהין קאָן איך זיך שלעפּן מיט אַ פאַמיליע? איר מיינט, אַז ס'איז אַזאַ לייכטע זאַך?

כ'בין אַוועק פון דער דאָזיקער וווינונג מיט אַ מאָדנעם געפיל: ווי אַ מענטש קאָן עס זיין אַזוי רויק צווישן אַזאַ ווילדן ים פון רשעות! — — —

(און איצט — אין יאָר 1951, ווען איך שרייב די דאָזיקע שורות; ווען פון סוריצן און זיין גאַנצער משפחה איז אַפילו קיין קבר נישט פאַר־בליבן, — איצט טראַכט זיך מיר:

„מען דאַרף קענען יענע ד י א ל ע ק ט י ק פון צייט — — — די דיאַלעקטיק, וואָס איז שכיח ביי דיקטאַטורן — — — און סוריץ — ווי אַ

סך אַנדערע יִידן — זענען נישט געווען אַזוי וויטזעעוודיק און האָבן דער־פּאַר באַצאָלט מיט זייער לעבן״...)1(

44

אין דער סאָוויעטישער מיסיע

עס איז מיר איינגעפאלן צו פּרוון ווענדן זיך אין דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע וועגן אַ לעגאַלער וויזע אויף „יענער זייט״, כדי אַזוי אַרום אויסמיידן די „פּעריפּעטיעס״ ביי שוואַרצן די גרעניץ אין אַזאַ אומ־רויִקער צייט.

איך האָב מיטגענומען אַ גוטע „רעקאָמענדאַציע״ — אַן עקזעמפּלאַר פון מיין מלחמה־בוך אין רוסישער איבערזעצונג, וואָס איז דערשינען אין מאָסקווער „גאָסאיזדאַט״.2) איך נעם זיך אַן מיט מוט און לאָז זיך גיין אַהין. ס׳איז שוין נישט אויף פאַזנאַנסקע 15. דאָרט איז שוין די אמבאַסאַדע נישטאָ. ס׳איז ערגעץ אין דער געגנט פון מאָקאָטאָוו. איך דערפרעג זיך און קום צו צו אַן עלעגאַנטער געביידע. פאַרן אַריינגאַנג שטייט אַ דייטשישער זעלנער מיט אַ ביקס, הויך ווי אַ ריז, שטייף אָנגעצויגן, מיט אַ שוואַרץ־גלאַנציקן פּיקלהויב אויפן קאָפּ. דאָס היט ער אָפּ די „סוווערענע״ געביידע פון אַ „פאַרבינדעטן״.

— צי קאָן מען אַריינגיין?

— ביטע שען.

און ער ווייזט מיר די טיר.

איך קום אַריין און מעלד זיך צום סעקרעטאַר. אין וואַרט־זאַל כאַפּ איך אַ בליק אויף אַ „פּראַוודאַ״. איך לייען די „סוואָדקאַ״3). עס שאָקירט מיך: דאָרט ווערט איבערגעגעבן מיט שאָדן־פרייד וועגן די נצחונות פון דייטשישן מיליטער איבער די אַליאירטע... וואָס איז דאָ די שמחה? ביי וועמען?...

---

1) לויט אינפאָרמאַציעס פון ניצול־געוואָרענע פון וואַרשעווער געטאָ, האָט סוריק — אַן אַ מגן־דוד אויפן אַרבל — פראַנק און פריי געוווינט אויסערן געטאָ אין זיין וווינונג אויף סענאַטאָרסקע ביז אין מיטן 1942. די „געסטאַפּאָ״ האָט אים דאַן, צוזאַמען מיט אַנדערע „פּריווילעגירטע״, דערשאָסן אין די מויערן פון „פּאַוויאַק״.

2) «Под крыльями смерти». Госиздат, Москва, 1930.

3) באַריכט פון די שלאַכט־פעלדער.

איך דערוואַרט זיך און ווער אַריינגעבעטן אין קאַבינעט. עס נעמט מיך אויף אַ מיטליעריקער מאַן, פיין אָנגעטאָן, אין אַן עלעגאַנטן אייראָפּעאישן אָנצוג. ער בעט מיך העפלעך זיך צו זעצן.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — פרעגט ער.

— איך בין אַ ייִדישער שרייבער, — אַקצענטיר איך דאָס וואָרט „ייִדישער“, — איר זייט דאָך אין וואַרשע און ווייסט אויסגעצייכנט דעם מצב פון די ייִדן. פאַר אַ ייִדישן שרייבער איז די לאַגע נאָך מער געפערלעך... איר פאַרשטייט אַליין. קורץ: איך האָב באַשלאָסן אריבערצופאָרן אויף דער סאָוועטישער זייט. איך וויל אָבער פאָרן לעגאַל, מיט אייערער אַ וויזע.

— אַ קאָמפּליצירטער ענין... — רעדט ער אויס, קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין.

כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען בעת־מעשה זיינע בליקן: צי קוקט ער נישט אויף מיר מיט עפּעס אַ חשד? צי וויל ער נישט דערגיין וועגן מיר עפּעס גענויערס? „גוט האָב איך טאַקע געטאָן, טראַכט איך, וואָס איך האָב מיטגענומען מיין „רעקאָמענדאַציע“...

— ווי כ׳האָב אייך געזאָגט, — הויב איך וויטער אָן, — בין איך אַ ייִדישער שרייבער. אין בוך מיינס איז אַפילו דערשינען ביי אייך אין „גאָסאיזדאט“. זאָל עס אייך דינען ווי אַ רעקאָמענדאַציע, אז כ׳בין נישט פאַר אייך סתם אַן אומבאַקאַנטער מענטש פון גאַס...

און כ׳וויז אים דערביי מיין רוסיש בוך.

ער בלעטערט. כ׳זע, עס אינטריגירט אים שטאַרק. ער קוקט לענגער אויפן שער, אויף דער הילע, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט קאָנטראָלירן, צי איז עס נישט אַמאָל עפּעס אַ פאַלסיפיקאַט... כ׳פאַרשטיי זיין פאַרוווּנדערונג: „אַ שרייבער פון פאַשיסטישן פוילן, פון פּילסודסקי־פוילן, ביי אונדז אין „גאָסאיזדאט“?... היתכן?“...

— דאַ, אינטערעסנאַ... אָטשען אינטערעסנאָ... 1)

און ער שטעלט מיר עטלעכע פראַגן אין שייכות מיטן בוך: ווען און ווי אַזוי איז עס דערשינען?

איך אינפאָרמיר אים בקיצור.

— איך וויל אייך נאָך עפּעס אָפּנהאַרציק דערקלערן, — פאַלט מיר איין אים צו זאָגן, — כאָטש אייער מלוכה־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן מיינס

1) יאָ, אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט...

אַ בוך, בין איך אָבער נישט קיין קאָמוניסט... כ׳רייד צו אייך נאָר ווי אַ שרייבער...

— כ׳פאַרשטיי... — ענטפערט ער.

— נו, איז ווי זשע מיינט איר, איך קאָן באַקומען אַ סאָוויעטישע וויזע? — גיי איך צו צו דער זאַך.

— יאָ, עס קומט אייך זיכער אַ וויזע. אָבער די זאַך איז, ווי כ׳האָב אייך געזאָגט, קאָמפּליצירט.

— קאָמפּליצירט? — דריק איך אויס מיין פאַרווונדערונג, — ווי איר ווייסט זיכער, לויפן אַלע טאָג אַריבער די גרעניץ הונדערטער־טויזנטער פּליטים־ייִדן און די סאָוויעטישע גרעניץ־וואַך לאָזט זיי בדרך־כּלל אַדורך. פאַרוואָס־זשע איז אַזוי שווער צו קריגן אַ לעגאַלע וויזע?

— די זאַך איז די, — דערקלערט ער מיר, — אין וואַרשע איז שוין נישטאָ קיין אַמבאַסאַדע. וואַרשע איז שוין נישט מער פאַר אונדז קיין רע־זידענץ. אונדזער אַמבאַסאַדע איז אין בערלין. דאָ האָבן מיר נאָר איצט אַ מיסיע און דידאָזיקע אינסטיטוציע האָט ניט קיין רעכט אַרויסצוגעבן וויזעס.

— איז וואָס־זשע בלייבט מיר צו טאָן? עס גלוסט זיך מיר נישט צו קריכן אומלעגאַל איבער גרעניצן.

— יאָ, איך פאַרשטיי אייך. ס׳איז נישט קיין אָנגענעמער ענין. אָבער... ווייסט איר וואָס? לאָזט מיר איבער אייער אַדרעס. קאָן זיין, אַז די צווייטע וואָך וועט דאָ זיין אונדזער קאָנסול פון בערלין. כ׳וועל אים פאַרשטעלן דעם ענין.

— צום באַדויערן... — זאָגט ער מיר מיט אַ שמייכל ביים געזעגענען זיך, — מיר דאָ קאָנען, צום באַדויערן, גאָרנישט טאָן אין דער הינזיכט.

— צי וועל איך זיך דערוואַרטן? — זאָג איך, — איר זעט דאָך דעם קלימאַט אין וואַרשע... עס שטיקט...

— איך זע, איך זע... אָבער...

כ׳בין אַרויס מיט דעם זעלבן, מיט וואָס כ׳בין געקומען.

דער יעקע ביים אַריינגאַנג שטייט גלייכגילטיק, אויסגעצויגן, מיטן גלאַנציקן שטאַרצנדיקן פּיקלהויב אין דער לופטן. מ׳האָט אים דאָ אַוועק־געשטעלט, שטייט ער, היט ער, קוקט ווי אַ ראָבאָט. אַליין טראַכט ער נישט, אַליין דאַרף ער גאָרנישט טראַכטן. ווען מען וואָלט אים, פאַרקערט, געהייסן שטורעמען, אונטערצינדן די סאָוויעטישע מיסיע, וואָלט ער עס אויסגע־פירט מיט דער זעלביקער טעמפּער רויקייט, וואָס איך זע ביי אים איצטער...

45
די געלע לאַטע

עס איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פרעסע און פּלאַקאַטירט אין די גאסן די פאַראָרדענונג פון די דייטשישע „בעהערדען" וועגן דער „געלער לאַטע" פאַר ייִדן... ייִדן מוזן טראָגן אַ ספּעציעלן קען־צייכן — אַ בלויען מגן־דוד אויף אַ ווייסער לענטע אויפן לינקן אָרעם. אין דער פאַראָרדענונג איז אָנגעגעבן גענוי און פּרעציז די גרויס פון מגן־דוד, אויף וועלכן אָרט פונעם אָרעם עס דאַרף זיין די לענטע — אַלץ אויסגערעכנט אויפן צענטימעטער, רעכענענדיק פונעם אַקסל אַראָפּ. ווער עס וועט זיך נישט אונטערוואַרפן — זאָגט זיך אין דער פאַראָרדענונג — איז טויט־שטראָף... און אַז דייטשן זאָגן טויט־שטראָף — מעג מען זיי גלויבן...

וואָס ווייטער, הייסט עס, עפענען די דייטשן אַלץ מער די קאָרטן אין דער שפּיל מיט די ייִדן...

שוין פון מאָרגן אָן טאָר זיך אַ ייִד נישט ווייזן אין גאַס אָן אַ מגן־דוד אויפן אָרעם. פאַר די ייִדן אין וואַרשע איז יענער טאָג געווען אַ טאָג פון פּיין... כ'געדענק: כ'בין צומאָרגנס אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין שטוב. עס איז מיר פּשוט אוממעגלעך געווען ביי זיך צו פּועלן אַרויפצוציען אויפן אָרבל דעם שאַנד־צייכן. כ'בין אַריין צו איין שכן, צו אַ צווייטן — נישט איינער האָט דאָס זעלבע איבערגעלעבט וואָס איך. ווי מען דערציילט, זענען היינטיקן טאָג וויניק, זייער וויניק ייִדן פאַראַן אויף דער גאַס. ייִדן שטיקן זיך מיטן ווייטיק אין די הייזער.

מיין פרוי אָבער איז געווען זאַכלעכער פון מיר, האָט זי גענומען פאַרצובאַרייטן די מגן־דודס — כדת וכדין. זי האָט אַריינגעקוקט אין דער פאַראָרדענונג ווי אַ פרומער ייִד אין דער הגדה ביים צוגרייטן דעם סדר־טיש... זי האָט אויסגעזוכט אין אַ שופלאָד שטיקלעך ווייסן מאַטעריאַל, צוגעשניטן און אויפגענייט די לענטעס. מכח די מגן־דודס און זייער פּרעציזקייט איז זי אָנגעקומען צו מיין הילף. צום מגן־דוד, האַלט זי, האָב איך מער שייכות ווי זי...

פאַרנאַכט גיי איך אַראָפּ אין הויף. דעם מגן־דוד האַלט איך נאָך דערוויל אין טאַש. עפּעס דאָס האַרץ לאָזט נישט אָנצוטאָן...

איך גיי אַריין אין טויער, שטעק נאָר אַרויס דעם קאָפּ צו דער גאַס און קוק זיך אַרום. איך זע איין ייִד, אַ צווייטן. יאָ, מ'טראָגט שוין. ייִדן

טראָגן שוין די „געלע לאַטע". מאַנסבילן, פרויען, אַפילו יוגנטלעכע פון 12 יאָר אָן. עס ווינקען פון דערווייטנס די ווייסע אָרעם־בענדער. אין די אויערן פּאַרנעם איך שפּאָטישע קולות: „יודע"... „יודע"... „יודע"...

עס האָט אַ ווייע געטאָן אויף מיר אַ הויך פון מיטלאַלטער, פון רוסישע געטאָס, פון שפּאַנישע ייִדן־געסלעך, פון אינקוויזיציע־קעלערן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'גיי צוריק אַריין אין שטוב. ניין, איך וועל שוין היינט אין ערגעץ נישט גיין. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט — — —

אין אָוונט קומט צו אונדז אַרויף מיין שוועגערין, מיין פרוס שוועסטער. זי איז תמיד אַ ביסל עקזאַלטירט. זי איז שוין פּאַרטיק, זי טראָגט שוין דעם מגן־דוד. אַ שטענדיק שמייכלדיקע, פרעגט זי:

— נו, ווי געפעלט דיר די דאָזיקע שמאַטע?

— עס געפעלט מיר זייער. אַ סימן: איך זיץ אין שטוב.

— ווייס איך וואָס! — רופט זי אויס, — איך שפּיי אויף זיי. זיי וועלן דאָ אייביק נישט געוועלטיקן...

— פון וואַנען אַזאַ אָפּטימיזם?

— נו, און ענגלאַנד? און פראַנקרייך? אַזעלכע גרויסמאַכטן? — אַנטציקט זי זיך.

— וואָס אַזעלכעס האָבן אויפגעטאָן ביז איצט דיינע גרויסמאַכטן? — דערוויל טרעטן זיי אָפּ פּאַר די דייטשן און לאָזן איבער אַלץ אויף הפקר, אויף היטלערס באַראָט...

— ווייס איך וואָס, מען שפּייט אויף זיי! — רופט זי ווידער אויס אין איר געוויינלעכער נערוועזער היציקייט. — וועסט זען, ס'וועט זיין גוט...

— מען דאַרף דיר גלויבן אויפן וואָרט אָדער דו קאָנסט געבן עפּעס אַ התחייבות?...

— איך קאָן דיר געבן מיין אויטאָריטאַטיווע אונטערשריפט... אַזוי וועט עס זיין...

ווי ווייט מען קאָן קיין נביא נישט זיין — איז זי אַליין געווען אַ ראיה: אין איר הייטערקייט האָט זי אַפילו נישט פאָראויסגעזען, אַז נאָך דעם זעלבן טאָג, דעם זעלביקן אָוונט וועט זי באַקומען הויכע טעמפּעראַטור — טיפוס! (אין וואַרשע האָט שוין געווילדעוועט די טיפוס־עפּידעמיע). באַלד צומאָרגנס איז זי שוין אין ייִדישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. אַז אַ מענטש ווייס נישט וואָס אין דעם אייגענעם אָרגאַניזם טוט זיך, היינט ווי קאָן ער

זיין אַ חכם און וויסן — און נאָך פּאַרויס וויסן! — וואָס עס וועט געשען מיט אַ כלל, מיט דער וועלט?...

אז כ׳בין צומאָרגנס געגאַנגען איבער די גאַסן, האָב איך שוין געזען אַ שלל מגן־דודס. ייִדן זענען שוין געגאַנגען מיט די מגן־דוד־לענטעס, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, גלייך ווי אָן דעם קאָן גאָר קיין ייִדישער אַרבל נישט געמאָלט זיין; גלייך ווי דערמיט וואָלט מען געבוירן געוואָרן... אויף איינער אַ חורבה, אויף די קופּעס ציגל, האָבן געאַרבעט אַ סך ייִדן — אַ סך מגן־דודס... עס האָט געבלאַנקט ווייס און בלוי פון זייערע אָרעמס. פּאָליאַקן האָבן באַזונדערס נאָכגעקוקט די ייִדישע צייכנס, — ווער מיט נייגעריקייט, ווער מיט הנאה...

— זעסט, — רעדט איינער צום צווייטן, — דאָס איז „גוויאַזדקאַ סיאָ־נאַ״. דאָס האָט היטלער געשטעמפּלט די ייִדן.

— גאַנץ גוט אַזוי, — ענטפערט דער צווייטער, — איצט וועלן שוין ייִדן נישט קאָנען זיך פאַרשטעלן פאַר קריסטן. ביסטו אַ ייִד — פאַרלייקן נישט! זיי אַ ייִד! עס שטייט דיר נישט אָן דיין אייגענער יחוס?... ווילסט דווקא אָפּנאַרן די קריסטלעכע וועלט?...

— יאָ, אזוי איז עס, פּאַניע. מיט אונדז האָבן די ייִדן געמאַכט וואָס זיי האָבן געוואָלט... אַן אמתן גן־עדן האָבן זיי דאָך געהאַט אין אונד־זער פוילן... איצט אָבער...

— איצט, פּראָשען פּאַנאַ, באַקומען זיי די אמתע לעקציע... זיי זענען ווערט דעם שטעקן...

זיי האָבן געקוקט, געקוקט, די קריסטן, און באַזונדערס הנאה געהאַט וואָס זיי זענען פּריווילעגירט; וואָס זיי זענען פּטור צו טראָגן די „געלע לאַטעס״. זיי זענען דאָך קריסטן, עכטע קריסטן, נישט קיין פאַרשטעלטע, מיט איבערגעמאַכטע נעמען. אמתע סטאַכס, אמתע יאַנס, אמתע פּעלעקס, געשיצטע דורכן דערלייזער, דורך יעזוסן אליין — — —

זיי האָבן זיך צוגעקוקט, די פּאָליאַקן אין וואַרשע, צו די ייִדן אויף די גאַסן און טיף אין האַרצן זיך געשמאַלצן פון שאָדן־פרייד — — —

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז שוין וואַרשע — דאָס ייִדישע ווי דאָס קריסטלעכע — אינגאַנצן צוגעוווינט געוואָרן צו דער „געלער לאַטע״ און מ׳האָט שוין דערויף ספּעציעל נישט רעאַגירט. פאַר די דייטשן איז עס געוואָרן באַקוועמער בעת זייערע געיעגן אויף ייִדן: דערזען אַ מגן־דוד אויפן אַרבל, איז —

— יודע, קאָממע מאַל הער! —

דער מגן־דוד איז אַפּילו באַלד אַריין אין דער אויסטערלישער ייִדי־שער „פּראָדוקציע" פון יענע טעג: אויף די גאַסן אין ייִדישן ראַיאָן האָבן זיך אומגעדרייט ייִדישע קינדער — אויסגעמאַגערטע, מיט הונגעריקע אויגעלעך — און געטראָגן האָבן זיי אָפענע שאַכטלען מיט שפּאָגל־נייע מגן־דודס... זייערע דינע קולכלעך האָבן גערופן צו די פאַרבייגייער:

— שיינע, זיידענע מגן־דודס... צוויי זלאָטעס אַ שטיק...

— קויפט, ייִדן, קויפט!...

46

א נומער „ביאַליסטאָקער שטערן"

ס'האָט מיר עמיצער געגעבן צו לייענען אַ פאַרשפּעטיקטן נומער פון „ביאַליסטאָקער שטערן" — אַ ייִדישע צייטונג, וואָס דערשיינט אין ביאַ־ליסטאָק זינט דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע. דאָס האָט געבראַכט איינער פון די „גייערס", די חברה שמוגלערס און שפּעקולאַנטן, וועלכע גייען הין און צוריק דורך דער גרעניץ און מאַכן דערוויל „געשעפטלעך"... „ווער עס ריזיקירט נישט, יענער האָט נישט" — איז זייער „לעבנס־פילאָזאָפיע"... אַ סברה, אַז דעם דאָזיקן נומער האָט געבראַכט דער שרייבער ק. היישעריק, וועלכער איז אויך געווען אַן אָפּטער „גייער" איבער די גרעניצן און האָט שוין אין זיינע „שפּאַצירן" אָנגעשפּאַרט אַזש קיין ווילנע. ער האָט געבראַכט פון „יענער זייט" גרוסן. אַנדערציילט זיך נסים ונפלאות, דערליידיקט „געשעפטן" און איז ווידער נעלם געוואָרן...

דער דאָזיקער נומער „ביאַליסטאָקער שטערן" איז געווידמעט די פייערונגען פון דער „גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע". פאַראַן אין אים אַ סך כראָניק און רעפּאָרטאַזשן, וואָס באַשרייבן פּאַטעטיש און מיט פיל סופּערלאַטיוון די מאַסן־מאַניפעסטאַציעס אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן. לויט דער צייטונג קומט אויס, אַז אַלץ יובלט, אַלץ פרייט זיך; אַז אַלע זענען גליקלעך; אַז אַלץ זינגט, אַלץ טאַנצט אויף די גאַסן.

ווער ווייס — טראַכט איך — אפשר?... אפשר?... אויב דאָ, אויף ד ע ר ־ ז י י ט, איז ביי ייִדן אַזוי טרויעריק, איז טאַקע מסתמא ד אָ ר ט ן כולו יום־טוב?...

בעת־מעשה האָב איך באמת געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זיין אויף יענע ביאַליסטאָקער גאַסן און אַליין זען מיט מיינע אייגענע אויגן דעם יובל, די פרייד — — —

47

מיין קוזינעס מיטן קינד

איך זיץ ביי אַ קוזינע אויף עלעקטאָראַלנע גאַס. ס'איז פאַרנאַכט. דאָס געמיטלעכע עסצימער איז נישט איבעריקס באַלויכטן.

מיין קוזינע ב. — פון באַרוף אַן אַדוואָקאַטין — האָט שפּעט חתונה געהאַט, שוין כמעט אין איר שפּעט־זומער. טאַקע מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק איז עס געווען. אָבער אַ קינד — אַ יינגעלע — האָט זי באַלד צום יאָר נאָך דער חתונה געבוירן. האַלט זי איצט דאָס קינד אויף די הענט און שפּילט זיך דערמיט. עס שמייכלט און פּלאַפּלט שוין: „טיא, מאַ". זי איז גליקלעך, די מוטער. זי דערציילט מיר די „חכמות" פונעם קינד. זי רעדט ווי געווינטלעך אַ גליקלעכע מאַמע, וואָס איז פאַרליבט אין איר קינד. זי האָט אַוועקגעוואָרפן די „ספּראַוועס", די „סאָנדעס" און ווידמעט זיך אינגאַנצן דעם קינד, גליך ווי אין איר וואָלט זיך אויפגעוועקט, אפשר אומבאַמערקט פאַר איר גופא, אַ שטאַרקער ווילן צו דעריאָגן דאָס אַביסל־פאַרשפּעטיקטע פאַמיליע־פרייד... פאַר פרנסה זאָרגט שוין דער מאַן אַליין.

— דאָס קינד, — זאָג איך, — זעט אויס גוט דערנערט. ווי גיט איר זיך איצט אַן עצה?

— אָ, דאָס קינד מוז ביי מיר באַקומען אַלצדינג, וואָס עס דאַרף, — ענטפערט זי מיט אַ באַזונדער אַקצענטירונג.

און זי דערציילט מיר ווי אַזוי אין די ערגסטע טעג, אפילו בעת באָמבעס זענען געפאַלן איבער די גאַסן, איז זי אַליין געלאָפן שאַפן מילך פאַרן קינד. ס'האָט זי קיין שום זאַך נישט אָפּגעשראָקן.

און קושנדיק דאָס קינד, און צערטלענדיק עס פאַרענדיקט זי מיט אַ קינדיש־פּיעשטשענדיקער שטים:

— אַבי אַ ביסעטשקעלע מילך פאַרן קינדעלע. פאַרן קליינעם קינ־דעלע. אַ יאָ? אַ יאָ? זאָג, ליאָלעקל...

דערביי נעמט זי קיצלען דאָס קינד אונטערן אָרעמל און דאָס קינד פאַרקייכט זיך פון לאַכן.

און ווידער קושן, און ווידער פרייד, און ווידער מאַמע־שכרות...

— און וואָס טראַכט איר ווייטער צו טאָן? — פרעג איך זי — איר בלייבט אין וואַרשע?

— ווי קאָן איך דען טראַכטן פון לויפן? — ענטפערט זי אָן וואקלונ־גען, — לאָזן זיך אין וואַנדער־וועג מיט אַזאַ קליין קינדעלע? ברענגען עס צו מאַטערניש? צו פלאָגעניש? ניין, ניין, מיר קאָנען נישט טראַכטן אַפילו וועגן דעם.

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי צו:

— דאָס קינדעלע מוז האָבן זיין ווייס בעטעלע... זיין קאַשקעלע צו דער צייט...

— יאָ, אָבער...

איך רייס איבער מיין אומעטיקן געדאנק, וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן. צו וואָס איר ווײַ־טאָן, אַז יענע טראַכט סיי־ווי־סיי נישט וועגן אַנטלויפן פון דאנען.

— טוט פונדעסטוועגן אַ טראַכט וואָס איר האָט צו טאָן... — זאָג איך אין אַ ווײַלע אַרום, — טאָקע אויך צוליבן קינד...

— אָ, ניין! מיר האָבן נישט וואָס צו טראַכטן.

— נו און איר? — פרעגט זי באַלד דערויף.

— איך טראַכט עפּעס אנדערש. איך טראַכט, אַז מען דאַרף יאָ אַנטלויפן.

— ווער עס קאָן, איז עפּעס אַנדערש.

— און אין ביאַליסטאָק טאנצט מען אין די גאסן... — זאָג איך. איך דערצייל איר וועגן דעם, וואָס כ׳האָב געלייענט אין „ביאַליסטאָקער שטערן".

— דאָרט טאַנצט מען אין די גאסן און איר זיצט דאָ... — זאָגט זי אין שפּאַס. — ציט אייך נישט צו יענער שמחה?

— דעם אמת זאָגנדיק אינטריגירט עס מיך איצט... אין אונדזערע טעג...

— יאָ, דאָס קאָן אינטריגירן, — איז זי מיט מיר מסכים — איר ווייסט אָבער, אַז פון נ אָ נ ט ן זעט אַלץ אויס אַנדערש...

דאָס האָט שוין פון איר אַרויסגערעדט די קאַלטע לאָגיק פון אַן אַדוואָקאַט...

— איר זייט אפשר גערעכט, — זאָג איך, — אָבער דאָ... אָבער דאָ...

איך ענדיק ווידער נישט דעם געדאנק: עס ווילט זיך נישט שווער מאכן דאָס האַרץ פון אַ מאמען, וואָס איז פאַרכישופט פון איר קינד...

— יאָ, דאָ ווייס מען טאַקע נישט וואָס עס וועט זיין... — האָט זי

אַליין אויפגעכאַפּט מיין נישט־דערזאָגטע פראַזע. — ס'איז גלייכער נישט אַריינצוטראַכטן... מ י ר האָבן דאָך קיין ברירה נישט. איר אָבער וואָלט אפשר יאָ געדאַרפט פּרוּוון גליק, — מיינט זי.

— כ'האָב טאַקע אַזוי באַשלאָסן.

— שוין איינגיכן?

— כ'גרייט זיך. כ'בין טאַקע געקומען זיך מיט אייך געזעגענען.

— זאָל אייער וועג זיין מזלדיק!

— און אייך זאָל דאָ דער גוטער מזל נישט פאַרלאָזן...

— אין זכות פון מיין קינדעלע, פון מיין שיין מלאכל!... — רופט אויס די פאַרליבטע מאמע און פאַלט צו מיט די ליפּן צום קינדס קעפּעלע.

בעת כ'בין אַרויס פון מיין קוזינע, איז שוין געווען גוט פינצטער. איבער די קאַרג־באַלויכטענע גאַסן האָבן מענטשן געאיילט אין די היימען, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן ביז צו „פּאָליצײ־שטונדע"; כדי צומאַרגנס נישט געפינען צו ווערן אויף אַ טראָטואר אַ דערשאָסענער מיט אַ צעטל אויפן טויטן קערפּער: „7.30"...

עס האָט געפּייניקט אַ שווערער קנויל מחשבות:

„וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין פון די מענטשן, וועלכע גייען אין נע־ונד?... וואָס וועט זיין פון די מענטשן, וועלכע בלייבן ד אָ , אויף ד ע ר זייט?... וואָס וועט זיין פון די יידישע פאַרליבטע מאַמעס? פון די קליינע יידישע קינדערלעך — די מלאכימלעך?" — — — —

אויף דער מיט גאַס האָט פאַרביימאַרשירט אַ מונדירטע אָפּטיילונג אין שוואַרצע העלמען. זייערע שווערע טריט האָבן פרעך געקלאַפּט איבערן ברוק. פון די אָפענע מיילער האָט זיך געריסן אַ גרילצנדיק געזאַנג:

> ווירוואָלען אונד ווירבראַוכען
> יאָ קיינע יודען־רעפּובליק!
> פוי, יודען־רעפּובליק!
> פוי, יודען־רעפּובליק! — — —
> — — — — — — — — — —

48

געטאָ!

געטאָ!

ווי אַ בייזער געשפּענסט האָט זיך צעטראָגן איבערן יידישן וואַרשע די ידיעה, אַז די דייטשן גייען איינפירן פאַר יידן אַ געטאָ. ס'איז שוין

אַפילו פאַראַן אין דער קהלה — איצט אין „ייִדן־ראַט״ — אויף גזשיבאָוו־סקע 26 דער געגויער פּלאַן פון געטאָ. מ׳ווייס שוין געגויי די אַלע גאַסן פון צפון־טייל, ווו עס הויבט זיך אָן די געטאָ און ווו זי ענדיקט זיך.

לכתחילה האָבן אין פּלאַן געפעלט אַ סך ייִדישע גאַסן — נאָר ביז פּראַנציסקאַנער. דער ייִדן־ראַט האָט תיכף אונטערגענומען אַן אינטערווענץ פאַר אויסברייטערן די געטאָ, כדי אריינצונעמען די אויסגעשלאָסענע ייִדישע גאַסן. אין קעגנפאַל וועלן ייִדן מוזן אויסליידיקן גאַנצענע גאַסן — און וווהין וועלן זיי גיין? ווו וועלן זיך געפינען אַזוי פיל דירות אין דער ענגשאַפט? די „גרויסמוטיקע״ „בעהערדען״ מיטן גוווערנער בראש האָבן די דאָזיקע בקשה פון די ייִדן באַפרידיקט און איינגעשלאָסן אין געטאָ אויך שווינטאָיערסקע, וואַלאָווע און אַנדערע גאַסן ביז דלוגע. די ייִדן פון די דאָזיקע גאַסן האָבן זיך „געפרייט״: פאַרשפּאָרן זיך צו צעברעכן, פאַר־שפּאָרן איבערלאָזן די אייגענע ד׳ אמות...

געטאָ!

אין ייִדישן וואַרשע האָט אַ ווייע געטאָן מיט מיטלאַלטער, מיטן שאָטן פון טאָרקוועמאַדאָ, מיט קעלערס פון אנוסים, מיט שייטערהויפנס — —

דער טערמין, ווען די געטאָ ווערט איינגעפירט, איז נאָך נישט אָנ־געגעבן געוואָרן; אָבער איטלעכער ייִד האָט דערין געגלויבט, ווייל — אַז די דייטשן האָבן צוגעזאָגט אַ גזירה פאַר ייִדן, וועלן זיי עס „הייליק״ מקיים זיין...

נאָך אין דער זעלבער וואָך האָט מען שוין אין די גאַסן געזען משא־וועגענער מיט ייִדיש האָב־און־גוטס. דאָס האָבן ייִדן — ווער עס האָט באַצייטנס געקאָנט — זיך שוין איבערגעפּעקלט אין פאַרויסבאַשטימטן ראַ־יאָן פון געטאָ. דירות האָבן שוין געקאָסט גרויסע סומעס; אָבער מ׳האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין געלטער. ייִדן, וועלכע האָבן געוווינט אין די קריסטלעכע גאַסן, האָבן זיך געטוישט מיט פּאָליאַקן, וועלכע האָבן גע־האַט זייערע דירות אין ייִדישן ראַיאָן. ס׳איז געווען גוט פאַר ביידע צדדים, ווייל אויך די פּאָליאַקן וועלן דאָך נישט טאָרן בלייבן אין געטאָ־ראַיאָן.

געטאָ!

ערשט איצט האָבן אַפילו די „אָפּטימיסטן״ צווישן ייִדן געגומען פאַר־לירן זייער גלויבן און זיכערקייט...

דאָס לויפן דורך די גרעניץ אויף „יענער זייט״ איז שוין געווען פאַר־בונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. דורך מאַלקין איז געוואָרן ממש סכנות־נפשותדיק. די דייטשן פלעגן ממיתן די לויפנדיקע ייִדן און נישט

איינער האָט מיטן לעבן באַצאָלט. די יעניקע, וואָס פלעגן זיך דאָרט ווי עס איז אַדורכרייסן דורך די גרעניץ, פלעגן בלייבן שטעקן אויפן „נייטראַלן פּאַס״, ווייל אויך די סאָוויעטישע גרעניץ־וואַך פלעגט נישט תמיד אַריינ־לאָזן. אויפן פרייען פעלד — וואָס האָט געהייסן „נייטראַלער פּאַס״ — האָבן זיך אָנגעזאַמלט הונדערטער, טויזנטער נפשות — מאַנסבילן, פרויען, קליינע קינדער. די באַדינגונגען זענען דאָרט געווען שוידערלעכע: רעגנס, קעלטן אונטערן פרייען הימל. קיין כאַטע, קיין שום דאַך איבערן קאָפּ. מענטשן זענען קראַנק געוואָרן. מ׳איז געלעגן מיט לונגען־אָנטצינדונגען, מיט 40 גראַד פיבער... געוועזן אויך טויט־פאַלן... עס האָט דאָך געדויערט אַמאָל וואָכן דאָס וואַלגערן זיך אונטערן פרייען הימל. און גאָר שוואַכע, אָן מעדיצינישער הילף, פלעגן אויסהויכן די נשמה.

פון צייט צו צייט פלעגט די מאַסע פּרוּוון זיך רייסן צו דער סאָוויע־טישער וואַך. מ׳פלעגט אימפּראָוויזירן אַ פאָרמעלע מאַניפעסטאַציע, מיט אַ רויטער טוך, זינגענדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל״... אַמאָל פלעגט עס טאַקע העלפן, אַמאָל אָבער נישט. עס פלעגט זיך ווענדן אָן דער וואַך, אָן גוטן ווילן און איינזען פונעם גרעניץ־עלטסטן. מיט דער צייט פלעגן זיך אַזוי־אַרום אַלע ווי עס איז איבערפעקלען איבער דער גרעניץ. דאָס פעלד — דער „נייטראַלער פּאַס״ — פלעגט ווערן ליידיק נאָר אויף אַ פּאָר טעג. שפּעטער פלעגט עס ווידער אָנגעפילט ווערן מיט הונדערטער, טויזנטער נפשות...

און עודך! ווידער די זעלביקע ענויים, די זעלבע פּלאָגענישן אונ־טערן פרייען הימל טעג און נעכט...

אַמאָל פלעגט זיך עמיצער פון דער מאַסע „קליגלען״ און זיך אונ־טערגנבענען צום סאָוויעטישן „פּאָגראַניטשניק״1) און פלעגט אים אָפּנאַרן:

— ווי גייט מען דאָ צו וואַרשע?... — פרעגט ער אים כלומרשט תמעוואַטע.

— טי אָטקודאַ?2) — פרעגט אים דער זעלנער.

— פון ביאַליסטאָק...

— סטופּאַי אָבראַטנאָ!3) — טוט אים דער זעלנער אַ טרייב צוריק אויף דער סאָוויעטישער זייט...

אָבער שפּעטער האָבן זיך שוין די סאָוויעטישע „פּאָגראַניטשניקעס״ געכאַפּט אויף דעם „טריק״ און ס׳איז מער נישט געגאַנגען.

1) גרעניץ־זעלנער; 2) פון וואַנען גייסטו? 3) גיי צוריק!

אַמאָל ווידער פלעגט זיך עמיץ פון „בייטראַלן פּאַס" צושאַרן צום „פּאַגראַניטשניק" מיט אַן אַנדער קאָמבינאַציע:

— קופּי טשאַסי, טאָוואַרישטש! 1) — פלעגט ער אים פאָרלייגן, ווייזנדיק פון דערווייטנס אַ זייגערל.

דאָס האָט אָבער זעלטן געהאָלפן, ווייל אַלע „פּאַגראַניטשניקעס" האָבן שוין געהאַט זייגערלעך. אַ חוץ דעם האָבן זיי מורא געהאַט אַריינצוגייען אין אַ „משא ומתן" מיט די מענטשן פון „בייטראַלן פּאַס" און זיי פלעגן גאָר נאָנט נישט צולאָזן צו זיך.

— סטופּאַי, ספּעקולאַנט! 2) — האָבן זיי געטריבן פון זיך.

די איינציקע זאַך, וואָס פלעגט סוף־כל־סוף יאָ העלפן, איז געווען דער געמיינזאַמער מאַרש פון אַן אָנגעקליבענער מאַסע. און ווער רעדט נאָך מיט אַ רויטער פאָן און מיטן „אינטערנאַציאָנאַל"... די צרה איז נאָר געווען, וואָס ביז וואָס־ווען האָט עס צופיל יסורים און מאַטעריש געקאָסט. מ'האָט שיער נישט דאָס חיות פאַרשפּילט...

די אַלע פּרטים האָט מען אין וואַרשע גוט געוווּסט. די אַלע „גייערס" האָבן עס אויספירלעך דערציילט: פאַר זיי, פאַר די סטאַבילע „גייערס" האָבן נישט עקזיסטירט קיין גרעניצן. פאַר זיי איז עס דאָך געווען דער „שעת הכושר" צו „מאַכן געלט"... די דאָזיקע חברה־לייט האָבן אַפילו געהאַט זייערע איבערגעקויפטע דייטשן ביי דער גרעניץ און זיי האָבן אַזוי־אַרום איינגעשפּאָרט זיך די אַלע גרעניץ־צרות און פּורעניותן. זענען זיי אַזוי געקראָכן הין און צוריק, הין און צוריק איבער די שליאַכן:

וואַרשע — ביאַליסטאָק — ווילנע —

און —

ווילנע — ביאַליסטאָק — וואַרשע — — —

49

וואָס הערט מען ביי שרייבער?

אין דער שרייבער־קיך אויף גראַניטשנע 13 זענען שוין ווייניק מאַנסביל געקומען צו מיטיק. יעדן טאָג האָט עמיצער אַנדערש געפעלט.

---

1) קויף, חבר, אַ זייגער; 2) אָוועק, שפּעקולאַנט!

— איר זייט נאָך אַלץ אַ היגער? — פרעגט מען מיך ווען איך קום אין טאָג אַריין.

— כ׳בין פון די לעצטע מאָהיקאַנער.

און ב. כילינאָוויטש גיט מיר אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש:

— מיט מיר האָט איר דאָך כמעט זיך שוין געזעגנט: איר האָט דאָך גענומען די עקסטרע „שפּעזן״ צום אַוועקפאָרן...

— זייט רו׳ק, איך פאָר זיכער. איך שטודיר נאָר אַביסל דעם רייזע־„בעדעקער״... און איר, כילי?

— כ׳ווייס... איך טראַכט... איך טראַכט פאַרשיידן...

ס׳איז אים געווען שווער זיך צו דערטראַכטן: ער האָט שוין געהאַט עפּעס אַ שטיקל פּאָסטן ביים „דזשאָינט״ און דאָס האָט אויך אפשר גורם געווען ווייניקער צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן די איינגעפונדעוועטע ד׳ אמות — די פיינע, באַקוועמע דירה אויף נאַוואָליפּיע 22. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט, שטאַרק נישט געגלוסט צו לאָזן זיך אין נע־ונד מיטן ווייבל — מיט זיין עסטושען — און מיט די צוויי זינדלעך. ס׳האָט זיך אים מסתמא אויך געחלומט, אַז היות ווי ער איז תמיד אַן „אויסטויגער״, וועט ער זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן דאָ אויפן אָרט.

— וואָס איז מיט אהרן איינהאָרן? — פרעג איך די מענטשן ביים טיש. — ער ווייזט זיך נישט לעצטנס.

— כ׳בין ביי אים נעכטן געוועזן, — דערציילט דער הייזעריקער מנחם־מענדל הורוויץ, דער „קיניג פון די קאָרעקטאָרן״, ווי מ׳האָט אים גערופן אויף טלאָמאַצקע 13. — כ׳בין ביי אים געזעסן אַ פּאָר שעה צייט. זינט יידן טראָגן די „געלע לאַטע״ ווייזט ער זיך זייער ווייניק אין גאַס. ער איז זייער דערשלאָגן און ס׳איז אים נמאס די גאַנצע וועלט...

— און ישראל שטערן? אויך ער ווייזט זיך לעצטנס נישט אין אונד־זער קיך. אפשר ווייס ווער פאַרוואָס?

יהודה וואַרשאַוויאַק — דער אַלץ־ווייסער — דערציילט, אַז שטערן זאָל האָבן געפּרוּווט גיין דורך אַ גרעניץ און ס׳איז אים נישט געלונגען. ער האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרצאָגטער און ליגט אָפּ גאַנצע טעג ביי־חידות צווישן זיינע פיר ווענט.

— ס׳איז געווען אַביסל אַנדערש, — מישט זיך אַריין ריבאַייזן, — שטערן איז גאָרנישט דערגאַנגען ביז צו דער גרעניץ. ער האָט זיך אומ־געקערט פון מיטן וועג.

פֿאַראַן דאָ הײַנט אויך די קאַסירעריןֿ פֿון „מאָמענט“, עווא — צבֿי פּרילוצקיס שוועגערין.

— נו, אפֿשר וואָלט איר הײַנט אויסגעצאָלט פֿאַר אַ וואָך שכירות?...

— שפּאַס איך ביטער.

זי ענטפֿערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל. זי האָט פֿאַרלוירן איר גאַנצן הומאָר. זי איז תמיד געווײנט געווען צו זיצן און „קיניגן“ הינטערן קאַסע־פֿענצטערל און באַקומען פֿון דעם און פֿון יענעם חניפֿה־ווערטער אויף צו קריגן בײַ איר אַ פֿײַנערן אַוואַנס... איצט אָבער — קיינער שמייכלט מער נישט צו איר, קיינער וואַרט נישט מער אויף איר „חסד“...

— וואָס מאַכט דער „אַלטער“? — פֿרעג איך בײַ איר אויף צבֿי פּרילוצקין.

— ר׳איז נעבעך קראַנק. קיינער קומט נישט אַמאָל אַרײַן צום אַלטן רעדאַקטאָר. ער טענהט, אַז אַלע האָבן אים פֿאַרלאָזן...

ס׳איז אמת. אין די בהלה־טעג, צוליב די שווערע באַדינגונגען, זײַנען מענטשן ווײַט געוואָרן איינער פֿון אַנדערן. איטלעכער איז פֿאַרשטעקט אין זײַנע אייגענע ד׳ אמות, כּדי אויסצומײַדן געפֿאַרן און כּלערליי „סיורפּריזן“ אין גאַס...

— כ׳וועל מאָרגן אַרויפֿגיין צו אים, — זאָג איך צו. — אומבאַדינגט!

— איר וועט פֿאַרדינען אַ גרויסע מצווה.

צוליב דעם וואָס אין קיך זענען הײַנט פֿאַראַן ווייניק מענטשן איז אין די טעפּ געבליבן אַ סך זופּ און די „קעלנערין“, די עספּעראַנטיסטין האַלינע צוקערמאַן, בעט זיך מיט איר זיס שמייכעלע:

— אפֿשר נאָך אַ טעלער זופּ? ווער עס וויל איז פֿראַשען באַרדזאָ!

— גראַנדאַן דאַנקאָן, פֿראַולינאָ! — זאָג איך שפּאַסיק די פּאָר עספּע־ראַנטאָ־ווערטער, וויסנדיק, אַז זי, דאָס באַחנטע מיידל, האָט דערפֿון הנאה.

פֿאַראַן דאָ אויך אין קיך דער אַרבעטער־טוער ד״ר יוסף קרוק און זײַן פֿרוי, ד״ר אירענע קרוק. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויך זיי האָבן געהאַט אַ דורכפֿאַל בײַ דער גרעניץ: זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַריבערגעכאַפּט אויף דער אַנדערער זײַט; אָבער אַ סאָוויעטישער פּאַטרול האָט זיי בשום אופֿן נישט געוואָלט אַדורכלאָזן און זיי צוריקגעטריבן.

— פֿונדעסטוועגן, — זאָגט ד״ר יוסף קרוק, — האָבן מיר נישט רע־זיגנירט. אינגיכן פּרוּוון מיר ווידער מזל...

צוריקגייענדיק פֿון קיך, האָב איך זיך אַביסל אומגעשלעפּט איבער די גאַסן מיט מנחם־מענדל הורוויצן.

— נו, און איר וואָס טראַכט? אפשר קלייבט איר זיך אויך אין וועג אַריין?

— עט! — טוט ער ביטולדיק אַ מאַך מיט דער האַנט. — אַדין טשאָרט1).

— אפשר, — גיט ער צו אין אַ ווײַלע אַרום, — אפשר וועלן די דײַטשן אײַננעמען אַ מיתה משונה...

— ווי אזוי? עס זעט דערווײַל נישט אויס. אויף די פראָנטן גייט זיי גוט.

— דערווײַל, מען קען אָבער נישט וויסן. אַמעריקע האָט נאָך אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.

— אָבער ווי דערוואַרט מען זיך?...

— אַ ברירה האָט מען?

איבער דער גאַס — דאָס איז געווען אויף כלאָדנע ביי דער אײַזן־גאַס — האָט זיך גענומען ציען אַ פאָלק אינפאַנטעריע: מענטשן אויסגע־מאַטערטע, אויסגעשעפּטע, עטוואָס אײַנגעהויקערטע אונטער דער משא פון ´אַמוניציע. זייערע טריט האָבן מיד געקלאַפּט איבערן ברוק.

— אָט קוקט זיי אָן, די העלדן. קוים וואָס זיי קריכן, — זאָגט מנחם־מענדל הורוויץ מיט איראָניע.

— דאָס איז דען אַלץ? און זייער טעכניק? און זייערע „מעטאלענע פייגל"? איר האָט שוין פאַרגעסן יענע טעג אין וואַרשע?...

— וואַרט, וואַרט, יבוא יומם... ווי איז געווען בעת יענער מלחמה? זיי האָבן געזיגט, געזיגט ביז וואַנען מ'האָט זיי אַ כאַפּ געטאָן פאַרן גרגרת.

— יאָ, אָבער פאַר אונדז ייִדן איז עס אַ צו לאַנגע געשיכטע...

— מיט ייִדן איז טאַקע פאַסקודנע, — רעדט מנחם־מענדל נאָך מער הייזעריק ווי געוויינלעך, — אַ שלימזלדיק פאָלק, די ייִדן. שטענדיק פלאָג־טערן זיי זיך צווישן די רעדער פון דער געשיכטע... שטענדיק פאַלן זיי אַריין אין סכנות... אַ שלים־שלים־שלימזלדיק פאָלק! — — —

50

ביי מיין ערשטן רעדאַקטאָר

כ'בין מבקר־חולה דעם „אַלטן" — צבי פּרילוצקין: מיין ע ר ש ט ן רעדאַקטאָר אין וואַרשע נאָך פון די צייטן פון „אונדזער לעבן" (פאַר דער

1) איין טייוול!

ערשטער וועלט־מלחמה) און דעם ל ע צ ט ן — פון „מאָמענט" — ביז דער פאַטאַלער דאַטע: 1טער סעפּטעמבער 1939.

דער „אַלטער" ווינט נישט ווייט פון מיר — אויף באַניפראַטערסקע 31. אין אַ נאָכמיטאָג־שעה קלינג איך אָן.

עס דויערט אַביסל דאָס עפענען.

כ'דערהער הינטער דער טיר אַ פּרויען־שטים: „מ'קלינגט... ווער קאָן עס זיין?"...

דערשראָקענע מענטשן... אין אַלע יִדישע הייזער האָט מען מורא פאַר אומגעריכטע וויזיטן...

— עפנט, עפנט! — זאָג איך בכיוון אויף יִדיש מ'זאָל דערהערן אי־נעווייניק.

עס עפנט זיך באַלד די טיר און עס באַגעגנט מיך די אינגאַנצן שוין גרויע פרוי פּרילוצקי.

— אַך, דאָס זייט איר! — האָט זי זיך דערפרייט וואָס איך בין עס און נישט קיין „אַנדערער"... — ווי מיר בענקען נאָך אַ היימישן מענטשן! קיינער וויזט זיך גאָר נישט...

— איר דאַרפט פאַרשטיין... — פאַרענטפער איך זיך. — מ'לעבט דאָך אין כסדרדיקן קאָשמאַר... אין אַ פיבער... מ'איז דאָך אגב נישט זיכער ביים דורכגיין די גאַס.

— קומט, קומט אַריין ווייטער. דער רעדאַקטאָר פילט זיך נישט גוט און איז אין בעט.

כ'גיי איך נאָך אין שלאָפצימער.

דעם „אַלטנס" קאָפּ האָט זיך ביי מיין אַריינקומען האַסטיק אַ הויב־געטאָן. עס האָט זיך מיר באַלד אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן די ווייסקייט פון זיין באָרד. אפנים, אין די דאָזיקע טעג האָט ער זיין באָרד פאַרנאַכלע־סיקט און פראָוועט זי נישט צו מיט אַ ביסל טונקלקייט... צבי פּרילוצקי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אויסזען אַלט... ביי זיין זיקנה (ער איז שוין געווען מסתמא אַ בן־שמונים!) האָט ער זיך תמיד געהאַלטן בראַוו, אָנגע־טאָן זיך זויבער, איז געגאַנגען גלייך, קיינמאָל נישט איינגעהויקערט. אין רעדאַקציע האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלצדינג, אַלצדינג געהאַט אויפן קאָפּ. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער בלייבן עטלעכע טעג אין בעט — ווען דער סקלעראָז האָט אים שוין אָנגעהויבן געבן „גרוסן". פלעגט ער זיך נאָר דערפילן בעסער, פלעגט ער באַלד אַוועקשפּאַצירן אין רעדאַקציע — אַ פרישער, אַן אויפגעלייגטער, מיט דער צוגעפּוצטער און צוגעטונקלטער

באָרד. אויף זיין טואלעט פלעגט שוין האָבן די אויפזיכט זיין פרוי — פּעפּע, אָדער „פּע״, ווי ער פלעגט זי רופן. עפּעס איין מאָל, דערמאָנט זיך, האָט זיך דער „אַלטער״ געוויזן אין רעדאַקציע מיט צוויי קאָלירן אין באָרד: איין האַלבע באָרד איז געווען צוגעטונקלט, די אַנדערע — גרוי... אפנים, די אַלטע האָט אים פאַרן אַרויסגיין דאַן נישט נאָכגעקוקט און ער האָט מחמת צעשטרייטקייט נישט פאַרענדיקט צו מאַכן זיין טואלעט...

די לעצטע יאָרן פלעגט זיך דער „אַלטער״ שטאַרק אָפּהיטן, אין זיבעצן געהאַט זיינע עלטערע יאָרן, וועגן וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו ריידן; אין זיבעצן געהאַט זיין סקלעראָז, וואָס איז דאָך אומפאַר־מיידלעך און ער פלעגט שוין זיין זייער שפּאָרזאַם ביים פאַרוועגדן ענערגיע. אַ סך אַרבעטן, וואָס ער פלעגט תמיד אַליין מוזן טאָן, פלעגט ער שוין אָנפאַרטרויען אַנדערע מיטאַרבעטער אין רעדאַקציע, ווי אַ שטייגער: לייע־נען און רעדאַגירן געוויסע כּתב־ידן. אָנשטאָט וואָס מיט יאָרן צוריק פלעגט ער אַליין שרייבן אַלע טאָג דעם פּאָליטישן לייט־אַרטיקל אויף דער צווייטער זייט א״ב „דער מאָמענט״, פלעגט ער עס שוין לעצטנס מאַכן נאָר איין מאָל אין וואָך — אינעם פרייטיק־נומער. אין מיטן וואָך פלעגט עס מאַכן עמיצער אַנדערש אונטער אַן אַנדער קאָפּ...

ער האָט זיך געקאָנט אָפּהיטן, דער „אַלטער״. ער האָט זיך תמיד גע־מיט צו פאַרגעסן אָן טויט... ער פלעגט אַפילו אויסמיידן צו גיין אויף אַ היימישער לוויה... אַ לוויה קאָן דאָך ברענגען צו אַ שלאָפלאָזער נאַכט, צו טרויעריקע מחשבות... צו שוואַרצע געדאַנקען... און דאָס האָט ער נישט ליב געהאַט...

איצט ליגט ער צו בעט, דער „אַלטער״. צי קאָן ער אויך א י צ ט אויסמיידן די טרויעריקע מחשבות? — — —

— גוט ב׳אָוונט, פּאַניע רעדאַקטאָזשע! — רוף איך אויס מיט געמאַכ־טער הייטערקייט — וואָס עפּעס אין בעט?

— אַך, זאַקעוויטש! — רופט ער אויס, צוגעבנדיק אין שפּאָס, ווי תמיד, צו מיין פאַמיליע אַ „עוויטש״... — גוט, גוט, וואָס איר זייט געקומען. אַלע האָבן פאַרגעסן אונדזער אַדרעס...

— ניין, נישט פאַרגעסן, איר ווייסט דאָך... די היינטיקע באַדינגונגען...

— אָבער איר ווינט דאָך אַ פּאָר טריט פון דאַנען. ווי ווייט איז שוויענטאָיערסקע פון באָניפראַטערסקע?

— מען דאַרף אַמאָל נישט האָבן קיין סך, כּדי אַריינצופאַלן צו די מלאכי־חבלה... געוויס בלויז זיך אָט אַ ווייז־טאָן פאַרן טויער.

און איך אילוסטריר אים טאַקע מיטן פאַל, וואָס מיר האָט געטראָפן ביים טויער פון מיין הויז, ווען אַ דייטש מיט אַ רעוואָלווער האָט מיך נאָכגעיאָגט און איך בין אַרויפגעלאָפן אויף אַ פערטן שטאָק.

— נו, זיצט, זיצט, נעמט אייך אַ שטול.

איך רוק צו אַ פאָטעל נעבן אים.

— פון נחן1) הערט איר עפּעס?

— געהאט אַ גרוס פון ווילנע. היישעריק האָט געבראַכט אַ בריוול פון אים. ס׳איז אים ווילער פון אונדז...

— איר האַלט, אַז נח האָט גוט געטאָן, וואָס ער איז אַוועק?

— זיכער גוט. די „געסטאַפּאָ" וואָלט אים זיכער אַרעסטירט.

— מ׳האָט שוין נחן געזוכט. — גיט צו די פרוי — אַ נס וואָס ער איז נישטאָ.

— מסתמא וועט מען אַ ליאַדע טאָג קומען אויך צו מיר... — זאָגט דער „אַלטער".

— ווייס איך וואָס! — זאָג איך, — צו אַן אַלטן מאַן וועלן זיי נישט קומען.

— אָבער איך בין דאָך געווען אונטערגעשריבן אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

— אייערע אַנטי־היטלער־אַרטיקלען זענען דאָך נישט געווען אונטערגעשריבן. טאָמער וואָס־ווען, וועט איר זאָגן, אַז איר זייט שוין פון לאַנג קראַנק און נישט טעטיק אין דער צייטונג; אַז נאָר פאָרמעל האָט איר פיגורירט אין איר.

— נישקשה, די „געסטאַפּאָ" האָט אינפאָרמאַטאָרן... מיר וואָלטן זיכער אויך געדאַרפט אַוועק פון דאַנען; אָבער, נישט פאַר אייך געדאַכט, איר זעט דאָך... נישטאָ קיין כוחות אפילו אין בעט ליגנדיק...

כ׳זע, דער „אַלטער" איז טיף געקרענקט און איבערגעשראָקן און כ׳באַמי זיך דעם שמועס צו מאַכן אַ ביסל אַלגעמיינער און לייכטער.

— איר ווייסט, פאַניע רעדאַקטאָרזשע, כ׳וואָלט אַ בעלן געווען צו לייענען איצט אייערס אַ פּאָליטישן איבערזיכט... טשעקאווע, וואָס וואָלט איר איצט געשריבן?...

— איצט מוז מען שווייגן... — ענטפערט ער. — „ווען עס ריידן די האַרמאַטן, דאַן שווייגן די מוזעס"...

---

1) זיין זון — נח פרילוצקי.

— זעט איר שוין, אז אין אייערע פּאָליטישע איבערזיכטן האָט איר גאָר אַזעלכעס נישט פאָרויסגעזען? — האָב איך כלומרשט אַ טענה צו אים.

— אין דער פּאָליטיק גייט תמיד אָן אַ בלינדע שפּיל. — וויל זיך דער „אַלטער" ווי פאַרענטפערן. — דאָ גילטן נישט קיין סענטימענטן, קיין אידעאָלאָגיעס, נאָר ריין־עגאָאיסטישע אינטערעסן. אָט האָט איר אַ לעבע־דיקן ביישפּיל: מאָסקווע האָט זיך פאַראייניקט מיט בערלין: דוכט, פייער מיט וואַסער...

— צי האָט איר, פּאַניע רעדאַקטאָזשע, אַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אַזאַ עווענטואַליטעט?

— כ׳האָב יאָ געטראַכט וועגן דעם, אָבער נישט געוואָלט אַזוי ווייט גלויבן דערין...

— און איצט? איצט? — פרעג איך.

— איצט איז שוין אַלץ פאַרלוירן.

— וואָס הייסט, איר גלויבט טאַקע, אַז היטלער וועט אַרויס ווי אַ טריאומפאַטאָר?

— ס׳איז אַ שפּיל, וואָס קיינער קאָן נישט פאָראויסזען איר סוף...

אין דמיון בליצט מיר דורך בעת־מעשה צבי פּרילוצקיס אַ טראַפאַ־רעטע פראַזע, מיט וועלכער ער פלעגט פאַרענדיקן תמיד זיינע פּאָליטישע איבערזיכטן: „וואָס עס וועט ווייטער זיין, וועט אונדז ווייזן די נאָענטע צוקונפט"... (מיט אַן אויסרוף־צייכן, אָדער „וואָסקליצאַטעלני זנאַק", ווי ער פלעגט דיקטירן זיין סעקרעטאַר על פּי אַמאָליקער רוסישער רגילות...).

— איבעריקנס, — גיט ער צו אין אַ ווײַלע אַרום, — מ׳דאַרף גלויבן און האָפן, אַז אויך די צווייטע וועלט־מלחמה וועט זיך ענדיקן מיט אַ מפּלה פון די דייטשן.

— איז דאָך גוט, — כאַפּ איך זיך אָן.

— יאָ, אָבער ווען וועט עס זיין?... ביז עס וועט קומען די נחמה... אל תפתח פה לשטן... איר ווייסט דאָך מיט וועמען מ׳האָט צו טאָן...

— ווייס איך וואָס, — מישט זיך אַריין פרוי פּרילוצקי, — ער האָט זיך איינגערעדט, אַז די „געסטאַפּאָ" קאָן אויסשעכטן די ייִדן... אַ גאַנצע וועלט שעכט מען נישט... ער ליגט אַזוי און דענערווירט זיך כסדר...

— כ׳מיין אויך אַזוי, — גיב איך צו, כדי צו באַרויקן אַ ביסל דעם „אַלטן", — אַ וועלט שעכט מען נישט סתם אַזוי. איז טאַקע לית דין ולית דיין?...

— וועגן דעם מטורף היטלער קאָן מען טאַקע זאָגן: „לית דין ולית דיין"... — האַלט ער זיך ביי זיינס. — איר האָט נישט געלייענט „מיין קאַמף"? איר ווייסט נישט זיין פּראָגראַם? וואָס ער טראַכט וועגן יידן?...

און מאָדנע: דער „אַלטער" האָט זיך מער געשראָקן פאַר די דייטשן, פאַר דער „געסטאַפּאָ", ווי פאַר זיין אוואַנסירטן אַרטעריאַ־סקלעראָזאַ, צוליב וואָס אייגנטלעך ער ליגט דאָך אין בעט...

איך באַמי זיך ווידער אָפּצוציען זיין אויפמערקזאַמקייט און דערצייל אים וועגן מיין באַזוך ביי הלל צייטלינען.

— יאָ, טאַקע געוואָלט איך פרעגן, וואָס מאַכט ר׳ הלל? — כאַפּט ער זיך אָן.

— ער איז נישט בקו הבריאה; אָבער ער האַלט זיך, זיצט איבער ספרים.

— נו, ר׳ הללן איז מסתמא בעסער. ער איז דאָך אַ גרויסער בעל־בטחון...

— איצט איז עס זייער גוט. מ׳דאַרף לעבן ווי עס איז גרינגער...

— אָבער וואָס זשע רעדט ער, ר׳ הלל? ווי זשע גלויבט ער? — פרעגט דער „אַלטער" אַזוי ווי פאַראינטריגירט.

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז צייטלין איז אַ גרויסער בעל־בטחון — נו, איז גלויבט ער, אַז דער רבונו־של־עולם וועט נישט לאָזן טאָן קיין גרויסע עוולה דעם פאָלק ישראל...

— ווייל איז דעם גלויביקן... — באַמערקט דער „אַלטער" אַ ביסל סקעפּטיש.

צבי פּרילוצקי פאַרטראַכט זיך. די אויגן געווענדט צום סופיט. דאָס געזיכט מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן.

— אין וואָס טראַכט איר אַריין? — רייס איך אים איבער.

— אָט, אַז איך זע אייך, דערמאָן איך זיך אַ סך זאַכן. איר געדענקט די צייט פון „אונדזער לעבן"? אַ סך וואָסערן פאַרשוווּמען...

— אַוודאי געדענק איך. איר, פאַניע רעדאַקטאָזשע, האָט דאָך מיך דער ערשטער אריינגעפירט אין אַ רעדאַקציע... יאָ, דאַן האָבן מיר געהאַלטן פ אַ ר דער ע ר ש ט ע ר וועלט־מלחמה; איצט — א י ן ד ע ר צ ו וי י ט ע ר . . .

— אַ שטיק לעבן אַוועק... — רעדט ער זייער גערירט אין זיין פאַר־טראַכטקייט. — און איצט... איצט ענדיקט זיך עס זייער טרויעריק...

דאָס ערשטע מאָל הער איך דעם „אַלטע" ריידן אין אַזאַ עלעגישן

טאָן. ער, וואָס האָט תמיד פיינט געהאַט צו ריידן וועגן טויט... ער, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דער דאָזיקער טעמע...

— טרייבט נישט איבער, — פּרוּוו איך אים צעשטרייען, — איר וועט זען: די מלחמה וועט זיך ענדיקן; היטלער וועט בקרוב איינעמען אַ מיתה משונה — און איר וועט ווידער שרייבן די פּאָליטישע לייט־אַרטיקלען פאַרן „מאָמענט"...

— עט... — טוט ער סקעפּטיש אַ דריי מיט דער אויסגעשפּיצטער שויך לאַנג נישט־אונטערגעשוירענער באָרד, — אַ שאָד, דער „מאָמענט" וואָלט שוין אין אַ יאָר אַרום געוואָרן אַ בן־שלושים. נישט באַשערט די דאָזיקע שמחה... אַזוי פיל כוחות אַריינגעלייגט...

אין זיין דערמאָנען דעם „מאָמענט" האָב איך געפילט זיין טיפן צער — אַ צער ווי נאָכן איבערגעריסענעם לעבן פון אַ נאָענטן, זייער נאָענטן...

— איר ווייסט, — פאַלט מיר איין אַן אידייע פאַרן „אַלטן", — היות ווי איר זייט דאָך כסדר אין שטוב און האָט דאָך אַ סך צייט, איז על פּי יושר וואָלט איר געדאַרפט שרייבן אייערע זכרונות וועגן דער יידישער פּרעסע. ס'איז דאָך אַ גאַנצע יידישע עפּאָכע.

— געוועכט. אָבער... כוחות! כוחות!... און דערצו — וועמען וועל איך דיקטירן?

— איר קאָנט דיקטירן אייער טאָכטער. זי איז דאָך אויך שטענדיק אין שטוב. איר דאַרפט זיך נישט צופיל אָנשטרענגען. צו ביסלעך יעדן טאָג. שרייבט וועגן „וועג", וועגן „אונדזער לעבן", נו און וועגן „מאָמענט".

— אָ, פאַראַן אַ סך, זייער אַ סך צו שרייבן. כ'וואָלט אָנגעהויבן נאָך פון „המליץ".

איך זע, ס'איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן דער פּלאַן.

— אגב, — גיב איך צו, — וואָלט עס אייך אַביסל פאַרנומען און איר וואָלט פאַרשפּאָרט אַריינצוטראַכטן...

— איר זייט גערעכט, זאַקעוויטש... — ענטפערט ער אַן אויפגע־לייגטער.

— סאָניטשקאַ! — טוט ער אַ רוף זיין עלטערע טאָכטער.

סאָניע איז אַריינגעקומען פון אַן אַנדער צימער, ווי איר טבע איז געווען, אַ שווייגנדיקע, מיט שטילע טריט. אויף איר ווייניק־ווייבלעכן פּנים איז געלעגן אַ מרה־שחורה. זי האָט נישט געהאַט קיין מזל אין איר לעבן. האָט געהאַט אַ מאַן און זיך מיט אים צעגאַנגען — עס האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט איר פאַמיליען־לעבן, איז זי געבליבן אַליין, ווי אַן

אַלטע בתולה, אין אייביקן אומעט. און איצט, אין די היינטיקע טעג, איז נאָך איר אומעט פאַרפּילפּאַכט געוואָרן און האָט פון איר פּנים אַראָפּגעקוקט מיט אַ שווערער אומהיימלעכקייט.

— סאָניטשקאָ, — זאָגט דער „אַלטער״ — פון מאָרגן אָן וועל איך דיר אַביסל „דיקטעווען״, גוט?

— גוט.

— געדענק זשע, זאָלסט מיר דערמאָנען.

— גוט, אָבער ביסט דאָך שוואַך.

— וועסט צורוקן דאָס טישעלע צום בעט. איך דאַרף מיך צוליב דעם ניט אויפהייבן.

זי איז נאָך געשטאַנען אַ ווייל און איז צוריק אַרויס אַ שווייגנדיקע ווי זי איז אַריין.

— איר זייט גערעכט, — זאָגט מיר דער „אַלטער״ נאָכאַמאָל, — אַ שאָד צו לאָזן דאָס אַלץ אין פאַרגעסנקייט.

— אומבאַדינגט טוט עס. אַ גרויסער שאָד, וואָס איר האָט עס ביז איצט שוין נישט געטאָן.

די אַלטע ברענגט אַריין אויף אַ טעצל צוויי גלעזער טיי: פאַרן „אַלטן״ און פאַר מיר. דער טיי האָט נישט יענעם גלאַנץ פון אַמאָל... ערזאַץ...

ווי שנעל אַלץ האָט זיך געענדערט. ביי די פרילוצקיס פלעגט מען תמיד טרינקען דאָס בעסטע גלעזל טיי, מיטן פיינסטן אַראָמאַט. עס געדענקט זיך מיר נאָך אַפילו יענע ערשטע גלאָז טיי, וואָס איך האָב געטרונקען ביים רעדאַקטאָר. געווען איז עס נאָך דעמאָלט, ווען כ׳בין געקומען צום ערשטן מאָל קיין וואַרשע. כ׳בין געקומען צו פרילוצקין מיט אַ סקיצע פאַר „אונדזער לעבן״. ס׳איז געווען אין די נאָכמיטאָג־שעהן. דער „אַלטער״ איז געלעגן צוגעשפּאַרט אויפן בעט און איך דערנעבן אויף אַ שטול און האָב אים פאַרגעלייענט. אין מיטן האָט ער אָנגעקלונגען און געהייסן דער דינסט דערלאַנגען טיי. די שיקסע האָט אַריינגעטראָגן צוויי גלעזער שפּיגלדיקן טיי. „אויך פאַר מיר?!״ — האָב איך זיך געוווּנדערט און בין נישט דרייסט געווען צו טרינקען. „טרינקט״, טרינקט!״ — האָט מיר דער רעדאַקטאָר אַ פאָר מאָל געדאַרפט דערמאָנען. דער טיי איז געווען אַזאַ שמעקעדיקער, אַזאַ דופטיקער... איך געדענק נאָך איצט יענעם טעם... און איצט... אויך אינעם טיי זעט מען די ירידה...

ביי די פרילוצקיס האָט זיך בכלל תמיד געפירט אַ פיין הויז. קיין גבירישקייט איז קיינמאָל נישט געווען, הגם געווען אין „מאָמענט״ יאָרן

פון שפּע און דער „אַלטער" ווי אַ שעף־רעדאַקטאָר און שותף פונעם פּאַר־לאַג האָט נישט שלעכט פּראָפּיטירט; אָבער פונדעסטוועגן איז דער „אַל־טער" געווען אין זיין הויז־פירונג הינטערשטעליק און האָט אפילו געשטעקט אין חובות; מ׳האָט געלעבט איבער די כוחות, מיט אַ ברייטער האַנט.

— קיין צובייסעכץ האָבן מיר ליידער נישט, — פאַרענטפערט זיך פרוי פרילוצקי.

— מיר לעבן דאָך אין אויסטערלישע טעג. — האַלט איך אונטער איר פאַרענטפערן זיך.

— דער פאָטער קען נישט אָפּהיטן זיין דיעטע. ער דאַרף עסן אַלע טאָג אַ שטיקל הון...

דאָס האָט באַמערקט די יינגערע טאָכטער אידע, וואָס איז אַריינגע־קומען פון גאַס און געבראַכט דעם „אַלטן" אַ „נאָווי קוריער וואַרשאַווסקי".

— הלוואי זאָל ערגער נישט זיין... — באַמערקט דער „אַלטער", — וואָס האָסטו מיר געבראַכט, אידאָטשקאָ? די היטלערישע שמאַטקע?

— מ׳קריגט דען עפּעס בעסערס? כ׳האָב געוואָלט קויפן אַ „מאָמענט", האָט מען שוין צעכאַפּט... — ענטפערט זי אין שפּאַס.

אין אַ געוויסע רגע רופט מיך די אַלטע צו צום פענצטער:

— איר זעט? — וויזט זי מיר — אפשר ווייסט איר פון אַ בעלן, וואָס וואָלט געקויפט אַ רינג?

די דאָזיקע פראַגע האָט מיך ביים האַרצן אַ צופּ־געטאָן. איך קאָן זיך עפּעס צום רינג נישט צורירן...

— מיט אַ ברילִיאַנטל?

— יאָ, מיט אַ קליין ברילִיאַנטל. צו וואָס טויג עס מיר איצט?

— מ׳דאַרף פרעגן אַ יוּוועליר.

— אַז מיר גייען אין ערגעץ נישט אַרויס.

— גוט, איך וועל פרעגן איינעם אַ יוּוועליר אויף נאָוואָיניאַרסקע. כ׳וועל אים שיקן צו אייך אין שטוב אַריין.

— אַ שיינעם דאַנק! איך בעט אייך למען השם, וויל...

נאָכן „וויל" האָט זי איבערגעריסן... ס׳איז נישט נייטיק געווען אויסצוטייטשן! כ׳האָב אַליין גוט פאַרשטאַנען דעם מאָטיוו.

— וואָס הערט זיך, פריילן אידאַ, אין גאַס? מ׳כאַפּט נישט? מ׳יאָגט נישט? — פרעג איך.

— אויף נאַלעווקעס איז יאָ געווען עפּעס אַ געלאַף. אָבער איך

האָב שוין אַ כלל: נישט קוקן, נישט זיין טשעקאַווע, און כ׳גיי מיר ווייטער מיין וועג.

ביים געזעגענען זיך האָב איך ווידער דערמאָנט דעם „אַלטן״:

— פּאַניע רעדאַקטאָזשע, אומבאַדינגט דיקטירט יעדן טאָג אַ ביסעלע, וויפל אייערע כוחות דערלויבן אייך.

— ווען איר זייט איצט מיין סעקרעטאַר, ווי אַמאָל, אַמאָל... וואָלט איך עס זיכער געטאָן...

— צום באַדויערן... — זאָג איך אויס, וואָס איך האָב געוואָלט אויסמיידן, — איך פאָר שוין אַוועק.

— שוין? — האָט זיך דער „אַלטער״ אָנגעכאַפּט.

— גאָר אין גיכן.

— זעסט, פּע! אַלע אַנטלויפן און מיר בלייבן דאָ... וואָס וועט דאָ מיט אונדז זיין?

אין די דאָזיקע רייד דעם „אַלטנס״ איז געלעגן אַזוי פיל וויטיק, אַזוי פיל צער.

מיטן דאָזיקן וויטיק און מיטן דאָזיקן צער בין איך אַרויס פון די פּרילוצקיס. ביים געזעגענען זיך מיטן „אַלטן״ האָב איך אין זיין קראַנקער האַנט געפילט ווי אַ לעצטן „זיי געזונט!״... אַזוי אומבאַהאָלפן גיט די האַנט אַ „שכיב מרע״ אין זיין גסיסה־בעט... כ׳האָב לאַנג נאָכדעם געפילט דאָס דאָזיקע טרויעריקע געזעגענען...

כ׳האָב זיך אָן אומעטיקער געשאָרט ביי די ווענט לענג־אויס דער באַניפראַטן־גאַס אינעם טריבן פאַרנאַכט. פון דאַנציקער וואָקזאַל האָבן געיאָגט פלאַטפאָרמעס מיט דייטשן. זיי האָבן געשריִען מיט באַנומענע קולות. די שווערע מאַשין־רעדער האָבן דראָענדיק און אומהיימלעך גערוישט און פאַרטויבט די ייִדישע גאַס.

51

מיט אַרטור זיגעלבוים אין באַר „צענטראַל״

אין אַ שבת בייטאָג גיי איך אַריין צוזאַמען מיט מיין פרוי אין ייִדישן רעסטאָראַן „צענטראַל״ אויף לעשנאָ 2 אויף אַ פּאַרציע „טשאָלנט״. מיין כוונה איז געווען צו טרעפן דאָרט היימישע: שרייבער, צי אַקטיאָרן. דאָס

מאָל איז דאָ געווען גאַנץ שיטער. בלויז ביים בופעט איז געווען געדיכ־טער. דאָרט האָבן פאַרבייגייער געכאַפּט אַ „באַמבע״ ביר.

ביי איין טישל, זע איך, זיצט דער בונדישער ראַטמאַן אַרטור זיגלבוים, — איצט מיטגליד פון „יידן־ראַט״. ער האָט שוין אפּנים אָפּ־געגעסן און ער „זיצט נאָר אָפּ״.

איך גריס זיך מיט אים און מיר פאַרנעמען אַ פּלאַץ ביי אַ שכנישן טישל.

זיגלבוים קוקט אויס פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט.

— פאַרוואָס אַזוי אומעטיק? — פרעג איך אים סתם אַזוי, אַבי צו פאַרבינדן אַ שמועס.

— און איר מיינט, אַז ס'איז דאָ אַ גרונט צו זיין פריילעך? — ענט־פערט ער.

— חס ושלום. כ'בין זיכער מער פעסימיסט פון אייך. והא ראיה: איר זייט נאָך אין וואַרשע פאַרנומען מיט כלל־זאַכן און איך קלייב זיך שוין אין וועג אַריין.

— איר טוט זייער גוט. הלוואי וואָלטן אַלע יידן אַזוי געטאָן.

— איר מיינט אַזוי?

— אומבאַדינגט! ווער נאָר עס פרעגט מיך, גיב איך די דאָזיקע עצה.

— נו, און איר אַליין?

— איך ווייס נישט. אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש קען אַזוי לייכט נישט אַוועקגיין פון דער וואַך.

— קען מען דען איצט עפּעס אויפטאָן פאַרן כלל?..

— שוואַכע שאַנסן... מען פּרוווט... מען מיינט...

— אַן אילוזיע..

— מסתמא טאַקע נאָר אַן אילוזיע...

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט ער צו:

— ווער עס קען נאָר, דאַרף אַוועק וואָס ווייטער פון דאַנען — וווּהין עס זאָל נישט זיין, אַבי ווייטער, ווייטער, בפרט יידישע שרייבער. גוט, זייער גוט טוט איר. זאָל נאָר נישט ווערן צו שפּעט. מיינע רייד זענען דיקטירט פון דערפאַרונג...

— איר מיינט אַוודאי אייער דערפאַרונג אין וואַרשעווער יידן־ראַט?

— יאָ, אַזוי איז עס. אין יידן־ראַט צעוואַקסט זיך די טרויעריקע דערפאַרונג מיט יעדן טאָג. קומענדיק אין קאָנטאַקט מיט פישערס קאַנ־צעלאַריע זעען מיר בולט מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן... מיר פילן גוט

אַרויס די אמתע צילן און כוונות פון די דייטשן לגבי די ייִדן... אַלע טאָג הייבט מען אויף איבער אונדז אַן אַנדער דראַענדיקן באַרג... מיר מוזן כסדר שאַפן גרויסע סומעס, כדי צו צאָלן אויסלייז־געלט. ווען נישט, איז — ערובניקעס! דער אַפעטיט אויסצופרעסן פון ייִדן געלט צעוואַקסט זיך ביי זיי אַלץ מער. יעדן טאָג — אַן אַנדער גזירה, אַן אַנדער פאַראָר־דענונג. יעדן טאָג — אַלץ אַ גרעסערע צאָל אַרבעטס־הענט. מיר מאָבי־ליזירן אַלץ מער גאַסן צו דער אַרבעט און ס׳איז אַלץ ווייניק. וואָלטן זיי כאָטש אָפּגעשטעלט די „לאַפּאַנקעס״ — אַזוי ווי זיי האָבן לכתחילה אונדז צוגעזאָגט — ניין, דאָס אויך נישט! מיר פון אונדזער זייט ליפערן זיי טויזנ־טער אַרבעטער איטלעכן טאָג, און זיי טוען דאָס זייעריקע: די ווילדע, באַרבאַרישע גַעיעגן אויף ייִדן אין די גאַסן הערן נישט אויף. גאַנצע האָרדעס יונגעץ מיט רעוואָלווערן אין די הענט טעראָריזירן די ייִדישע באַ־פעלקערונג. פאַר נישט תיכף שטיין בלייבן איז — געשאָסן! וויפל אַזעלכע פאַלן שוין געווען! איר ווייסט דאָך, איך דאַרף עס אייך נישט דערציילן. לגבי ייִדן איז אַ וואָרט קיין וואָרט נישט. אַלץ איז הפקר, הפקר!

די לעצטע ווערטער האָט זיגלבוים אַרויסגערעדט מיט באַשיינפּער־לעכן טיפן האַרצוויטיק. אין זיינע אויגן האָב איך באַמערקט אַ טרויעריקן גלאַנץ — איז עס אַ טרער צערונגען מחמת אייגענער גערירטקייט? — —

זיגלבוים איז אַנטשוויגן געוואָרן. די אַלע רייד זיינע פאַר מיר זענען געווען ווי שווערע שטיינער, וואָס האָבן זיך געקייקלט פון זיין האַרץ; אָבער דער ווייטיק איז דערפון נישט לייכטער געוואָרן...

— פאָרט און וואָס שנעלער! — איז געווען זיין לעצט וואָרט צו מיר ביים געזעגענען זיך מיט אים.

52

איין טאָג מיט טשודנערן

אין דער שרייבער־קיך טרעף איך דעם ייִדיש־העברעיִשן דיכטער מ. טשודנער, פאָרזיצער פון וואַרשעווער „אגודת הסופרים״. מיר מאַכן פון דאָרט אַ שפּאַציר אין די קריסטלעכע גאַסן. מיר גייען אַריין דורך „פּלאַץ זשעלאַזנעי בראַמי״ אין זאַקסישן גאָרטן, צו מאַרשאַלקאָווסקע־צו. פון איין זייט איז דער גאָרטן אָפּגעשלאָסן און באַוואַכט פון דייטשישע

זעלנער. דאָ אינעם שמאָלן פּאַס ביז מאַרשאַלקאָווסקע איז עס געוואָרן אַ קריסטלעכער באַזאַרל. עס שטייען פּוילישע פרויען מיט כלערליי סחורות: זאָקן, קעמעלעך, שפּיגעלעך, שנוראָוואַדלעס, נאָדלען א אַז. וו. אַלע רופן אויס זייערע סחורות. שקצימלעך מיט פּאַפּיראָסן אין אָפענע שאַכטלען פּאַלן אַריין אין כאָר מיט זייערע דינע קולכלעך:

— יונאַקי! 1)

— יונאקי, פּאַנאָוויע!

אויף מאַרשאַלקאָווסקע איז זיכערער צו גיין ווי אין יידישן ראַיאָן. דאָ כאַפּט מען זעלטן אויף אַרבעט, ווייל יידן זעט מען דאָ זעלטן. בפרט זינט יידן טראָגן שוין דעם מגן־דוד אויפן אַרבל. די באַוועגונג אויף די טראָטוארן איז דאָ אַ רויקע, נישט אַזאַ נערוועזע ווי דאָרטן אין צפון־טייל פון שטאָט. דאָ זענען דאָך ק ר י ס ט ן, פּריווילעגירטע! גייט מען דאָ פּאַמעלעך, שמייכלט מען, לאַכט מען. גייען מענער מיט פרויען געאָרעמט און האָבן געמיט פּאַר לייכטע און שפּילעוודיקע געשפּרעכן.

פּאַר אונדז גייען צוויי יונגע פרויען און מיר הערן אַזאַ דיאַלאָג:

— יאק שיען פּאַני באָווי?2)

— דאָסקאָנאַלע3)

און דאָס מיידל דערציילט, אַז צו זיי אין שטוב קומען אַריין אַ פּאָר דייטשן, זייער ווילע און טשעקאַווע. איינער רעדט אַ גוטן פּויליש — ער שטאַמט פון פּויזן. אגב ברענגט ער איר שטענדיק שאָקאָלאַד, צוקער...

— נו, און וואָס נאָך?...

— ער האָט מיר איינמאָל אויך געבראַכט אַ קופּאָן זיידנס אויף אַ קליידל...

— גערײַבעוועט פון אַ יידישן געשעפט... — באַמערקט מיר שטיל טשודנער.

— פאַרשטייט זיך. ווי דען אַנדערש? צו וואָס קויפן, אַז ער קאָן עס נעמען בחנם...

אַביסל ווייטער הערן מיר באַמערקונגען אויף אונדזער חשבון: די „געלע לאַטע" ציט צו אויפמערקזאַמקייט...

— פּאַצאָ טו זשידקי יעשטשע שיען קרענצאָן?... 4) — טוט איין פּאַ־צעט אַ ווינק אויף אונדז.

1) אַזאַ סאָרט פּאַפּיראָסן; 2) ווי פאַרברענגט איר? 3) אויסגעצייכנט; 4) נאָך וואָס דרייען זיך נאָך דאָ די יידעלעך?

— טאָם אידזשע „געסטאַפּאָ"... 1) — זאָגט דער צווייטער מיט אַ הע־כערן קול, כדי אפנים אונדז איבערצושרעקן...

— זייט נישט אַזוי זיכער, די „געסטאַפּאָ" קאָן צו אייך אויך טרעפן...

— קאָן זיך טשודנער נישט איינהאַלטן און זאָגט זיי אַריין.

— די „געסטאַפּאָ" האָט נאָר ליב ייִדן... — ענטפערט איינער פון די צוויי פּוילישע פּאַצעטן, און זיי דערווייטערן זיך.

— זייער זיכערער טאָן קרענקט! די גאווהדיקע חוצפה!...

— קומט צוריק. עס עקלט צו גיין אויף די קריסטלעכע גאַסן.

מיר קערן זיך אום צוריק.

איך נעם ריידן וועגן תכלית: איך דערצייל טשודנערן, אַז איך פיר אונטערהאַנדלונגען מיט אַ „פשעוואָדניק"2), וואָס האָט אַ גוטן וועג אַדורכ־צוגיין די גרעניץ און אַז אויב ער וויל, קאָן ער אויך מיטגיין מיט דער גרופּע.

— גוט, אויסגעצייכנט! — כאַפּט זיך אָן טשודנער.

ער איז אין ערשטן אויגנבליק ממש געווען עקזאַלטירט פון דאָזיקן פּלאַן. זיין קליינע פיגורל האָט אַזש אונטערגעטענצלט. פון זיינע בלויע באַוועגלעכע אויגן האָט אויף מיר געפלאַסן צופרידנקייט.

— קומט טאַקע אַרויף צו מיר, איך בעט אייך! — איז ער צוגעשטאַ־נען, — קומט, מיר וועלן אַדורכריידן מיט מיין פרוי.

האָב איך זיך געלאָזט אַוועקפירן צו אים אין דער פּאַרטער־דירה אויף נאָוואָליפּיע.

זיין פרוי, אַ יונג ווייבל, גייט אום איבער די חדרים מיט שטילע טריט. בכלל הערשט עפּעס אַ מאָדנע אומעטיקע שטילקייט ביי טשודנערן אין וווינונג. צי איז עס תמיד אַזוי, אָדער בלויז איצט, אין די דאָזיקע טעג? אויך אויפן הויף, וואָס כ׳קוק אָן דורכן פענצטער, זעט זיך נישט קיין באַוועגונג פון מענטשן. זעלטן ווער עס גייט פאַרביי.

— נו, — דערמאָן איך טשודנערן, — רעפערירט פאַר אייער פרוי דעם ענין.

טשודנער דערציילט זיין פרוי וועגן וואָס כ׳בין געקומען.

— וואָס־זשע זאָגסטו? — פרעגט ער זי לסוף.

— כ׳ווייס... מ׳עט זען... אפשר...

1) דאָרט גייט די „געסטאַפּאָ"... 2) באַגלייטער.

— גוט, — זאָג איך, — זייט זיך מישב, ביים רבונו של עולם איז פאַראַן אַ סך צייט.

טשודנער האָט דערפּילט מיין איראָניע.

— ס'איז דאָך נישט קיין קליינינקייט, — פאַרענטפערט ער זיין פרוי, — איר ווייסט וואָס דאָס הייסט נעמען אין אַ מיטן מיטוואָך, שלאָגן מיט אַלץ כפּרות און לאָזן זיך אויף גאַטס באַראַט?...

— איך פאַרשטיי עס אויסגעצייכנט. איך בין דאָך אויך פונעם זעלבן קלימאַט וואָס איר...

— טאַקע אַזוי. אַ זייער שווערער ענין. נישט אמת?

— אמת, אמת.

טשודנער גייט צו צום ביכער־שאַנק — אַ ברייטע שאַנק מיט אַ סך פּאָליצעס, אָנגעפּראָפּט מיט ביכער פון אַלע גרויסן.

— איר זעט? — טוט ער אַ ווייז, — ווי לאָזט מען עס איבער און מ'גייט אַוועק? זעט, אַ גאַנצער בראָקהויז, גאַנץ דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל, און אָט — ביאַליק, טשערניכאָווסקי, און דאָ — געטהע, שילער, היינע. און זעט אונטן — מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי... ווי לאָזט מען עס אַלץ איבער, האָ?

— יאָ, ס'איז טאַקע אַ וויטיק, אָבער...

— ווען איך גיי, — רעדט ער ווייטער ווי צו זיך אַליין, אַריינקוקנדיק, ווי אַ פאַרליבטער, אין זיינע פּאַכן ספרים, — ווען איך גיי, וואָלט איך נאָר געקאָנט מיטנעמען אַ קליין תהלימל. און וווהין? וווהין גיין?... — קוקט ער מיך אָן, גלייך ווי איך וואָלט עס אים געדאַרפט פאַרענטפערן די דאָזיקע האַרבע קשיא...

— אין דאָס אומבאַקאַנטע... — ענטפער איך.

— אין נע־ונד?...

— אין נע־ונד...

און טשודנער הערט זיך דערביי נישט אויף צו גראַבלען ביי די בי־כער.

— זעט, זעט, ס'אַראַ אוצר. איידער כ'האָב דאָס אַלץ צונויפגעזאַמלט...

— יאָ, אַ שאָד, אַ שאָד! אָבער...

— אין נע־ונד?... — קוקט ער מיך ווידער אָן, גלייך ווי איך וואָלט געדאַרפט אויף אים רחמנות האָבן און זאָגן, אַז ניין, ער דאַרף נישט פאָרן...

— ביי מיר שטייט אויך אַ שאַנק פול מיט ביכער... אָבער איך פאָר... — זאָג איך פונקט דאָס פאַרקערטע.

— און אייך איז דען נישט קיין שאָד? — בעט ער זיך.

— נישט קיין שאָד, נאָר אַ וויטיק... אָבער איך פּאָר.

כ׳האָב ווידער געפּרווט ריידן קאָנקרעט וועגן תכלית. די מענטשן אָבער, זע איך, וואַקלען זיך — ווי אַלע, ווי אַלע, וואָס פאַרבלייבן.

און אַז כ׳בין פון אים אַוועק, בין איך זיכער געווען, אַז טשודנער בלייבט. אַז ער וועט זיין שטיל ווינקל אינעם שטילן הויף אויף נאָוואָליפּיע זיכער נישט פאַרלאָזן...

53

„יודען אונד דירנען"...

דערווייל טוט דער פלעק־טיפוס דאָס זייניקע: ער פאַרשפּרייט זיך אַלץ שטאַרקער, דער עיקר צווישן דער אַרימקייט, אין די ענגע, אָרעמע יידישע גאַסן און געסלעך, וווּ די דירות זענען געוואָרן נאָך מער איבער־פולט צוליב אָנגעפּאָרענע קרובים פון פּראָווינץ — אַנטלאָפענע פון שרפות און בהלה. אין וואַרשע זענען דאָך פאַראַן אַזוי פיל יידן, האָבן די אַנטלאָ־פענע געטראַכט, איז דאָרט מסתמא זיכערער, דאָס לעבן נישט אַזוי הפקר.

צוליב דער טיפוס־עפּידעמיע איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג איבער אַלע הויפן, אַז יעדער איינוווינער איז מחויב צו מאַכן זיך אַן איינשפּריצונג קעגן טיפוס. יעדער איינער אינעם שטאָטישן „אָשראָדעק זדראָוויאַ"1) פון זיין ראַיאָן. די דאָזיקע פאַראָרדענונג האָבן אַלע יידן באַקומען דורך די הויז־קאָמיטעטן.

אַז איך בין געקומען צו דעם צוועק אין מיין „אָשראָדעק זדראָוויאַ" (אויף שוויענטאָיערסקע גאַס) האָב איך דאָרט געלייענט אַ „באַקאַנטמאַ־כונג", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן נוסח:

„יודען אונד דירנען"... 2)

איך לייען עס איבער ביזן סוף. דאָרט זאָגט זיך, אַז יידן און פּראָס־טיטוטקעס דאַרפן קומען זיך מאַכן די אַנטי־טיפוס־איינשפּריצונגען נאָר אין די עקסטראַ־שעהן צווישן 4 און 6 אַזייגער פאַרנאַכט...

אַזוי־אַרום זענען דורך די דייטשישע „בעהערדען" אָפּגעהיט געוואָרן, אַז די כשרע אַריער זאָלן חס ושלום נישט קומען אין באַרירונג מיט — יידן און גאַסן־פרויען! — — — —

---

1) געזונטהייט־צענטער; 2) יידן און פּראָסטיטוטקעס.

און — גיי פאַרבלייב דאָ!

און — גיי לויף נישט אַוועק פון דאַנען וווהין די אויגן טראָגן!...

⁂

אויף די גאַסן — אַ שפּאָגל־נייע „באַקאַנטמאַכונג“ (אַלע טאָג די „באַקאַנטמאַכונגען“!):

עס ווערט באַקאַנט געמאַכט אַ נייער פעסטער טאַריף פאַר „בעערדיגונג“ פון מתים אויף די וואַרשעווער בית־עולמס.

אַ סברה, דער ענין איז געוואָרן שטאַרק אַקטועל צוליב דער טיפוס־עפּידעמיע. אויף אַלע בית־עולמס — דאָ זענען שוין די קריסטלעכע אויך נישט קיין יוצא מן הכלל... — איז די פרעקווענץ געוואָרן גרויס און ס׳איז נויטיק געוואָרן אַ נייער פעסטער טאַריף...

צום סוף פון דער „באַקאַנטמאַכונג“ — אַן „אומשולדיקע“ באַמערקונג:

„דער טאַריף איז נישט חל פאַר ייִדישע מתים אויף די ייִדישע בית־עולמס“...

די גיפטיקע שלאַנג פאַרגעסט קיינמאָל נישט צו לאָזן איר גיפט — ווען נאָר עס האַנדלט זיך וועגן ייִדן, אַלצאיינס לעבעדיקע, צי טויטע!...

54

די לעצטע טעג

מיינע לעצטע טעג אין וואַרשע.

וועמען איך טרעף נאָר פון היימישע, געזעגן איך זיך דיסקרעט. מען ווינטש זיך ווידער צו טרעפן זיך אין פריידן; אָבער ווי ווייט איז יעדערער פון גלויבן! — — —

איך טרעף זיך מיט די קאָלעגן ־ שרייבער ה. ל. זשיטניצקי און מיכאל בורשטין. זיי לאָזן זיך אויך די טעג צו דער גרעניץ.

מיר גייען אַרויף צוזאמען צו ד״ר מיכאל ווייכערט. אַ מין דעלעגאַציע. דער פּראַקטישער צוועק פון אונדזער באַזוך איז: היות ווי ווייכערט אַרבעט אין „דזשאָינט“ אין דער אָפּטיילונג פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג, בעטן מיר אים ווי אַ פּעך־קאָלעגע, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך די

זאָרג פאַר די מיטגלידער פון פען־קלוב, אָדער זייערע פאַמיליעס, וועלכע זענען נישט געניגט צו פאַרלאָזן וואַרשע — ווער דערוויל, ווער בכלל נישט.

— דאָס איז פאַרשטענדלעך, — ענטפערט ווייכערט — נו, און איר?

— קוקט ער אָן יעדן פון אונדז. — איר קלייבט זיך טאַקע אין וועג אַריין?

— יאָ, — קומט פון אונדזער זייט דער ענטפער.

— טאַקע איר אַלע? — טוט ער אַ פיר די האַנט אַנטקעגן אונדז.

— אַזוי זעט עס אויס.

— אַזוי. — שמייכלט ער כמעט מיט איראָניע — אַלע לויפן, אַלע צע־לויפן זיך. מנהיגים, געזעלשאַפטלעכע טוער דעזערטירן און לאָזן איבער די יידישע מאַסע אויף הפקר...

עס פאַרבינדט זיך אַ שטיקל וויכוח. מיר אָפּאָנירן און ווייזן אויף, ווי נאאיוו ס'איז צו גלויבן, אַז עסקנים קאָנען ווירקן אויף די דייטשן.

— איך בין נישט אַזוי נאאיוו, — ענטפערט ווייכערט אַלץ מיטן זעלבן שמייכעלע; — אָבער עפּעס וואָס קאָן מען דאָך אַמאָל אָפּבעטן, אָפּ־שרייען אַמאָל אַ גזירה. אָט, למשל, בין איך די טעג געווען ווי אַ פאַר־שטייער פון „דזשאָינט" אויף אַ קאָנפערענץ ביי פישערן. ער האָט גערופן צו זיך פאָרשטייער פון אַ ריי אינסטיטוציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט כאַריטאַטיווער אַרבעט לטובת די אָרימע שיכטן. ער האָט גערופן גלייכצייטיק פאָליאַקן און יידן און כ'מוז אייך דערציילן: די פאָליאַקן זענען געזעסן די גאַנצע צייט הכנעהדיק און האָבן נישט געהאַט קיין מוט עפּעס צו זאָגן, עפּעס צו פאָדערן. איך איינער האָב גענומען אַ וואָרט און געשילדערט די טרויעריקע לאַגע פון דער אָרימער יידישער באַפעלקע־רונג, בפרט פון די פליטים פון פראָווינץ. כ'האָב גערעדט וועגן הונגער, דחקות, קראַנקייטן; אַז מען מוז פאַרבעסערן און פאַרגרעסערן די אַפּראָ־וויזאַציע בכלל פאַר דער שטאָט און בפרט מוז מען געבן הילף די אָרעמע, דער עיקר די פליטים א. אז. וו.

— נו? — פרעגט ווער פון אונדז איראָניש, — האָט טאַקע פישער עפּעס געטאָן פאַר די אָרעמע יידן?...

— „געטאָן"... — חזרט איבער ווייכערט אַ ביסל פאַרלעגן. — ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט דעם פּראָבלעם. עפּעס, מיין איך, וועט ער פאַרלייכטערן.

— יאָ, אַוודאי, אַז היטלערס גוווערנער זאָגט, מען מעג אים גלויבן...

— לאַכט, לאַכט, — חזרט איבער ווייכערט דאָס זייניקע — אָבער

איך האַלט דאָס אַנטלויפן פון די ייִדישע מנהיגים פאַר געזעלשאַפטלעכע דעזערציע.

— נייִן, חבר ווייכערט, בעת מען לויפט פון אַ ברענענדיקן הויז, איז מען נישט קיין דעזערטיר. אדרבה, ס'איז אַ חוב פון יעדן מענטש צו ראַטעווען דעם אייגענעם נפש — אויב מען דערזעט אַ סכנה. דאָס שטימט אַפילו מיט דער אַלטער ייִדישער עטיק. און די נייע עטיק? די מאָדערנע עטיק? וואָס פאַר אַ פּנים האָט זי היינט?... אפשר קאָנט איר זאָגן, חבר ווייכערט?

און אין דער ריכטונג איז די דיסקוסיע אַנגעגאַנגען ווייטער. אין מיטן דעם שמועס איז אַריינגעקומען דער ייִדישער אַקטיאָר אייזיק סאַמבערג, וועלכער האָט זיך צוגעהערט לכתחילה שווייגנדיק צו אונדזער וויכוח.

— און איר, חבר סאַמבערג? וואָס טראַכט איר דערפון? — פרעגט מען אים, — ווער, לויט אייער מיינונג, איז גערעכט?

אייזיק סאַמבערג האָט נאָך מער אַ צעשפּרייט געטאָן די אונטערשטע גראָבע ליפּ, אַ לייג געטאָן די האַנט אויפן האַרץ און געענטפערט מיט אַ טעאַטראַלישן זשעסט אויף זיין עכט־פּוילישן ייִדיש:

— יאַך לויף נישט! יאַך בין שוין געווען „בעזשעניעץ" בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, יאַך וויל שטאַרבן אויף מיין אייגענעם בעט...1)

— יעדער טוט ווי עס דיקטירט אים זיין אינטואיציע. מסתמא, חבר סאַמבערג, פילט איר, אַז פאַר אייך איז בעסער אַזוי.

— יאַך, ליבע חברים, וויל גאַר נישט אַריינטראַכטן. לויפט אייך, קינדערלעך, געזונטערהייט. איר וועט שוין פאַרזוכן דעם טעם פון אַ „בעזשעניעץ". איך געדענק אים נאָך עד־היום.

מיר גייען דאַן איבער אין אַנדער חדר — אין עסצימער. ווייכערט פירט אונדז צו צו די פענצטער, וואָס גייען אַרויס אין הויף:

— זעט דעם חורבן! מיר האָבן נאָך געהאט גליק...

אַנטקעגן איז אַ שטיק מויער צעשטערט פון אַ באָמבע. אַ פּאָר שטאָק זענען לחלוטין חרוב.

---

1) סאַמבערג איז שפּעטער אויף זיין „אייגענעם בעט" נישט געשטאָרבן; ער איז דורך אַ לאַטיש דערשאָסן געוואָרן אויף די שטיגן ביי זיין וווינונג אויף נאַוואַליפּיע 61 צוליבן פאַרשפּעטיקן זיך אַראָפּצוגיין אין הויף בעת אַן „אַקציע". צוליב אַזאַ פאַרשפּעטיקונג זענען אויך דערשאָסן געוואָרן אויף די טרעפּ י. י. פּראָפּוס פון „מאָמענט" און י. גיטערמאַן פון „דזשאָינט".

— אַ נאַטירלעכע פּאַנאָראַמע אין איצטיקן וואַרשע.

מ׳איז נאָך געזעסן אַ ביסל און געשמועסט וועגן אַנדערע וואַרשע־ווער אַקטואַליען. ס׳איז אַריינגעקומען פון אַן אַנדער חדר ווייכערטס פּרוי — אַ בלאָנדע, מיט אַן אַריש פּנים. עס איז אויך דורכגעגאַנגען דורכן עסצימער די טאָכטער, אַ יונג מיידל, נאָך מער בלאָנד און נאָך מער „אַריש" פון דער מאַמען. אייגנטלעך, איז דאָך אויך ווייכערט אַ בלאָנדער, אַ בלוי־אויגיקער, אַ שלאַנקער — גאָר נישט יידישלעך לויטן אויסזען, גאָר נישט גלותדיק. אַ צוגעקליבענע משפחה מיט אַ גוטן, אַרישן אויסזען... אַ מזל־זאַך אין אַזעלכע צייטן!...

און וואָס מער מיר האָבן געשמועסט, אַלץ מער איז געוואַקסן צום באַוואונדערן די איינשטעלונג פון ד״ר ווייכערטן, די מאָדנע רויקייט פון דאָזיקן מענטש אין אַזעלכע אומרויִקע טעג פאַר אַ ייד אין וואַרשע.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט קעגנזייטיקע ברכות.

אונטן אויף דער גאַס האָבן מיר נאָך געפירט ווייטער אונדזער שמועס.

— וואָס זאָגט איר, חברים, צו ווייכערטס האַפּערדיקייט? — פרעגט זשיטניצקי.

— מ׳שמועסט, — באַמערקט בורשטין, — אַז ווייכערט איז אַ שטיקל ידיד מיטן גענעראַל־גוווערנער ד״ר פראַנק. ער זאָל זיין זיינער אַן אַמאָליקער אוניווערזיטעט־קאָלעגע. איז עס נאָר אַ קלאַנג?

— אפשר איז עס אמת, און אפשר דערפון טאַקע נעמט זיך זיין האָ־פּערדיקייט. אפשר דערפאַר טאַקע האָט ער אויף דער קאָנפערענץ ביי פישערן געהאַט מער מוט צו ריידן, צו פאָדערן.

— עס זעט אויס אַ ביסל ביבליש! ווייכערט אין דער ראָל פון אַן „אסתר המלכה"...

— אַ גאַליציאַנער — און דאָך אַ נאַאיווער מענטש...

— צוריקגעשמועסט: ווער קאָן וויסן פון דער מעשהלע דעם סוף?...[1]

אויף לעשנאָ ביי פשעיאַזד, אַנטקעגן טלאָמאַצקע 13, האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט און איינע די אַנדערע געוווּנטשן:

---

1) נאָך דער באַפרייאונג איז ד״ר ווייכערט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן געריכט ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון יידן אין פוילן. דאָס דאָזיקע געריכט האָט אַנערקענט פאַר שעדלעך ד״ר ווייכערטס אויפפירונג אין קראָקע, בעת דער דייטשישער עקסטערמינאַציע פון די יידן, און האָט אים פאַרמשפּט צו איזאָלאַציע פון דער יידישער געזעלשאַפט.

— להתראות בביאַליסטאָק!...

יעדער איינער פון אונדז איז שוין געווען אַנגאַזשירט מיט אַן אַנ־דער „פּשעוואָדניק" צו גיין איבער דער גרעניץ, אָבער דער רייזע־ציל איז געווען איין און דער זעלבער: ביאַליסטאָק! ביאַליסטאַק אויף דער סאָוויעטישער זייט.

55

יידן דאַרפן פּילן זייער שפלות...

אויפן הויף, אין אַ קליין קעמערל, וואָס אין טויער, טיילט מען שוין ברויט־קאַרטן. יעדער ייִד באַקומט פון איצט אָן 250 גראַם ברויט אַ טאָג, לויט אַ פעסטגעשטעלטן טאַריף. מיט דער דאָזיקער פאַרטיילונג פאַרנעמט זיך דער הויז־קאָמיטעט. דאָס ברויט, וואָס מען באַקומט אויף די קאַרטן, איז שוואַרץ, שווער און קלעפּיק. אַפּנים, אויך מיט פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך ווערט עס ערגער. יעקע נעמט זיך ראַציאָנירן און אויסטיילן דער באַפעלקערונג דאָס ביסן אויפן גראַם. דערביי פאַרגעסט ער נישט צו באַשטימען פאַר יי ד ן אַ קלענערע נאָרמע... ייִדן דאַרפן פילן ביי יעטוועדער געלעגנהייט זייער שפלות, זייער מינדערווערטיקייט לגבי קריסטן...

56

איך גרייט זיך אין וועג אַריין

אויף אַ לעצטער מסיבה ביי מיין פרויס עלטערן איז ביי אונדז אַלע־מען געבליבן, אַז דערווייל פאָר איך אַליין אויף „יענער זייט". ווי נאָר כ'וועל זיך „ארומקוקן" און זיך איינאָרדענען ערגעץ מיט אַ דירה, וועל איך געבן צו וויסן און דעמאָלט וועט אַריבערקומען מיין פרוי און אפשר אויך אירע עלטערן און שוועסטער, וואָס ליגט נאָך דערווייל מיט איר טיפוס אין ייִדישן שפּיטאָל אויף טשיסטע. דערווייל וועט זי ביסלעכווייז ליקווידירן אין שטוב, וואָס עס לאָזט זיך און פאַרוואַנדלען עס אין געלט.

וואָס שייך מיין בן־יחידל — אַלעק, אַ מאַטוריסט פון לויפּנדיקן שול־יאָר — איז ער שוין זינט העכער אַ חודש אויף „יענער זייט" — אין לעמ־בערג. איין טאָג איז ער אַנומלט אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ היץ:

— מיר פֿאָרן קיין לעמבערג. די גאַנצע קלאַס מיינע פֿאָרט קיין לעמבערג. דאָרט ביי די סאָוויעטן האָט זיך געעפֿנט דער אוניווערזיטעט און מען נעמט אַריין אַלעמען מיט אַ סטיפּענדיום.

איך מיט מיין פֿרוי האָבן זיך געלאָזט איבערצייגן און עס געהאַלטן פֿאַר אַ גלייכע זאַך. סיי־ווי־סיי טראַכטן מיר דאָך אַלע אַריבערצוגיין אויף „יענער זייט". אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר אים שוין אַרויסבאַגלייט צום אויטאָבוס אויף פּלאַץ בראַני, פֿון וואַנען ער איז צוזאַמען מיט זיינע חברים אָפּגעפֿאָרן קיין סאָקאָלאָוו. פֿון דאָרט האָט ער זיך באַדאַרפֿט אַריבערשמוגלען דורכן בוג אויף „יענער זייט" — קיין דראָהיטשין. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר באַקומען פֿון אים דורך אַ געלעגנהייט אַ בריוועלע פֿון דראָהיטשין, אין וועלכן ער שרייבט אונדז לאַקאָניש, אַז ער איז בשלום אַריבער די גרעניץ.

עס זענען פֿאַרביי עטלעכע וואָכן. מיר האָבן זיך לסוף דערוווּסט, אַז אַלעק איז טאַקע אין לעמבערג; אָבער פֿון דער גאַנצער מעשה מיטן „אוניווערזיטעט" און „סטיפּענדיום" האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם... אַז דער אוניווערזיטעט איז שטאַרק איבערפֿולט און אַז קיינעם פֿון די שילער־פּליטים האָט מען שוין דאָרט נישט אָנגענומען. איז וואָס־זשע טוט ער דאָרט, דער אַלעק? ווער פֿאַרנעמט זיך מיט אים? צי האָט ער אַ דאַך איבערן קאָפּ? צי הונגערט ער נישט?... מיר זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיין גורל. און די דאָזיקע זאָרג אין דער משפּחה האָט אויך צוגעטריבן דעם באַשלוס, אַז איך זאָל שוין סוף־כּל־סוף זיין דאָרטן און זיך פֿאַרנעמען מיטן קינד.

דעם „פּשעוואָדניק" פֿאַר מיר דורך די גרעניץ האָט מיין פֿרוי אַליין אויסגעזוכט. דאָס איז געווען אַ קרוב פֿון אונדזערן אַ שכן. אַ ייִד אַן אויסטויגער פֿון דער פּראָווינץ. דער דאָזיקער ייִד, וועלכער קען גוט די גאַנצע געגנט אַרום בוג און פֿאַרנעמט זיך איצט מיט „אַריבערשוואַרצן" ייִדן אויף „יענער זייט", איז אָפּגעזעסן ביי אונדז אַ גאַנצן אָוונט און מען האָט אַלץ גענוי אָפּגערעדט: ווער, ווען און ווי אַזוי. מיר פֿאָרן זאַלבעפֿינפֿט: ער אַליין, די טאָכטער פֿון זיין קרוב, מיין שכנס ייִנגסטע טאָכטער, אַ מיידל פֿון אַ יאָר 18, איך און מיין פֿרויס צוויי קוזינס פֿון ראַדאָם: אינזש. שוואַרצבערג און זיין ברודער, דער קהלה־סעקרעטאַר. דער פּלאַן: ביז שעדלעץ פֿאָרן מיר מיט דער באַן, פֿון שעדלעץ ביז דער גרעניץ — אַ דאָרף מ אָ ג י ל נ י צ ע, ביים סאַמע בוג — מיט אַ פּויערישער פֿור. דער ייִד פֿאַרזיכערט, אַז דער דאָזיקער וועג איז איצט דער זיכערסטער.

מיר באַשטימען שוין אויך די דאַטע — איבערמאָרגן אין דער פרי. 8 אַזייגער גייט אָפּ אַ צוג פון פראַגע, פון מזרח־וואָקזאַל.

דער אַנדערער טאָג איז אַריבער ביי מיר ווי אין אַ פיבער. מיין פרוי האָט מיר איינגעפּאַקט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט אין אַ גרויסן רוקזאַק: אַ ביסל וועש, אַ סוועטער און אַנדערע נויטיקע קליייניקייטן. איך פון מיין זייט האָב אַהין אַריינגעפּאַקט קאָפּיעס פון די וויכטיקסטע מאַנוסקריפּטן, עטלעכע פון מיינע ביכער — צווישן זיי די רוסישע איבערזעצונג פון מיין מלחמה־בוך „אונטער די פליגל פון טויט״: אפשר, האָב איך געטראַכט, וועט מיר נוציק זיין אַזאַ „רעקאָמענדאַציע״... כאָטש אין דער סאָוויעטישער מיסיע אין וואַרשע האָט עס מיר גראָד נישט געהאָלפן צו באַקומען אַ וויזע...

אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר געשיקט עפּעס אַ קריסט אויפן וואָקזאַל איינצוקויפן פינף באַן־בילעטן אויף מאָרגן קיין שעדלעץ. מיר האָבן אַזוי אַרום געוואָלט אויסמיידן דאָס צו פיל וואַרפן זיך אין די אויגן אויפן וואָקזאַל ביי דער קאַסע.

אין אָוונט האָב איך זיך געזעגנט מיט אַלע היימישע. עס דאַרף דאָך קיינער נישט אויפשטיין באַגינען מיך צו באַגלייטן צו דער באַן — דערצו ביי אַזאַ אויסטערלישער נסיעה. ס'איז גלייכער וואָס ווייניקער מענטשן און וואָס שטילער.

עס טוט וויי און עס כאַרקלעמט ביים האַרץ דאָס צעשיידן זיך מיט מענטשן, וואָס האָבן דיך ליב געהאַט, וואָס האָבן תמיד געטראַכט וועגן דיר, וואָס האָבן געשאַפן אַרום דיר די אַ ט מ אָ ס פ ע ר פון משפּחהדיקייט, פון היימישקייט... אַזעלכע געזעגן־קושן שטעקן אָן מיט אַ דערדריקנדיקן טרויער...

מיין לעצטע שלאָפלאָזע, פיינפולע נאַכט אין וואַרשע — — — — —

אין טונקעלן באַגינען בין איך שוין געווען אָנגעטאָן און גרייט. אויך מיין פרוי איז שוין גרייט געווען — די איינציקע באַגלייטערין מיינע צום וואָקזאַל.

— ביסט רויק?... — פרעגט זי מיך.

— רויק... — ענטפער איך סתם אַזוי, כאָטש מיר האָבן ב יי ד ע געפילט דעם גרויסן אומרו, וואָס איז אויסגעוואָקסן אַרום אונדז ווי אַ ממשותדיקע באַשעפעניש.

— האַלט זיך... — גיט זי אַ זאָג און קוקט מיר גלייך אין די אויגן.

איך האָב זיך אויסגעדרייט און באַהאַלטן מײַנע בליקן: כ'האָב פּלוצ־לונג דערפֿילט, ווי אין די אויגן האָט מיך אַ ברי געטאָן...

עס האָט אָנגעקלאַפּט דער „פּשעוואָדניק". עס קומען אויך אַרײַן דער פּרויס קוזינען:

— אַלע זענען שוין גרייט. מען וואַרט אויף אײַך.

כ'טו אָן דעם רוקזאַק. איך מאַך שנעלע באַוועגונגען, ווי אַ בראַוער זעלנער, וואָס וויל אַרויסווײַזן קוראַזש. דער רוקזאַק דריקט די אַקסלען ווי אַ יאָך. מײַן פֿרוי מאַכט מיר באַקוועמער די רימענדלעך. דער ערשטער יאָך פֿון וואַנדערונג...

איך קוק זיך אַרום אויף די ווענט, געזעגן זיך אין געדאַנק מיט די היימישע ווינקעלעך, מיט די קונסט־בילדער אויף די ווענט, מיט די היימיש־געוואָרענע פּייזאַזשן, דער עיקר, מיט מײַן באַליבטן שטימונגס־פּולן האַרבסט־פּייזאַזש, וואָס פֿלעגט אַ סך, אַ סך זאָגן מײַן נשמה — — — מיט די סקיצן, מיט די פּאָרטרעטן, וואָס קוקן אַראָפּ אויף מיר איצט אַזוי ווי פֿאַריתומטע... איך געזעגן זיך מיטן מעבל, צו וואָס כ'בין אַזוי צוגע־וווינט געוואָרן ווי צו לעבעדיקע וועזנס; מיטן אָנגעפּראָפּטן ביכער־שענקל, מיטן שרייב־טיש, בײַ וועלכן כ'האָב אַ שטיק לעבן פֿאַרבראַכט...

כ'ווער שוואַך, גערירט... אין אויג בריען טרערן... ס'איז מיר שווער זיך צו באַהערשן...

צי וועל איך דאָס אַלץ נאָך אַמאָל ווידער אָנקוקן?...

אַדיע, מײַנע ד' אמות! אַדיע, מײַן היימישע מנוחה —

57

אדיע, וואַרשע!

ס'איז הײַנט דער 11טער דעצעמבער.

ס'איז אַרום זיבן. נאָך פֿינצטערלעך אויף דער גאַס. מיט מיר גייט מײַן פֿרוי. די איבעריקע גייען באַזונדער, כדי נישט צו ווערן אויפֿפאַלנדיק. דאָס באַגינענדיקע, פֿאַרשלאָפֿענע וואַרשע איז געלעגן אונטערן ערשטן שניי. עס פֿאַרנעמט זיך אַ לינדער טאָג.

אויף ראָג ניי־באָניפראַטערסקע שטייגן מיר איין אין „4". דער טראַמ־וויי גייט אויף פּראַגע, דירעקט ביזן מזרח־וואָקזאַל. אינעווייניק זענען גראָד קיין דייטשן נישט געווען. דאָס רוב פּאַליאַקן און נאָך עטלעכע יידן מיט רוקזעק אזוי ווי איך און מיינע מיטפאָרער. אפנים, אויך זיי לאָזן זיך אין זעלבן וועג.

מיר קומען אָן בשלום אויפן וואָקזאַל און כאַפּן זיך גלייך אַרויף אויפן פּעראָן, ווו עס שטייט שוין דער שעדלעצער צוג. אויפן פּעראָן — אַזוי איז אָפּגערעדט געוואָרן — נעמען מיר אַלע אַראָפּ די „מגן־דודס" פון אַרבל, כדי נישט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן. אָבער יידן האָבן זיך איינע די אַנדערע דערקענט. אַלע האָבן געשוויגן, אויף אַלעמענס פּנימער איז געלעגן אַ גרויסע זאָרג, די גרויסע פּיין פון פאַרלאָזן די אַלט־איינגעזע־סענע, ליבע היימען, די נאָענטע, די טייערסטע — — — —

קיין דייטשן האָבן זיך ביי דעם שעדלעצער צוג נישט געזען. ביי אַן אַנדער צוג, אויפן פּעראָן דערנעבן, האָבן זיך יאָ אַרומגעדרייט מיליטער־לייט מיט ביקסן, פאַרוואָרפענע אויף הינטן. אָבער יענע, מסתמא פראָנט־זעלנער, האָבן זיך מיט אונדז לגמרי נישט אינטערעסירט. דער יידישער עולם איז געשטאַנען גרופּקעסווייז. די אַוועקפאָרערס האָבן גערעדט אין דער שטיל מיט די משפּחה־מענטשן, מיט די באַגלייטער. טייל ווישן זיך מיט די נאָז־טיכלעך די אויגן...

עס דערנענטערט זיך די צייט פון צעשיידונג. די באַן־אַרבעטער מיט העמערלעך אין די הענט האָבן שוין געענדיקט קאָנטראָלירן די רעדער אונטער די וואַגאָנעס. דער לאָקאָמאָטיוו פּרייכט און אָטעמט אַרויס שטראָ־מען דאַמף, ווי ער וואָלט אַ לעצט מאָל פאַרן אָפּפאָרן אויסגעפּרוווט די קראַפט פון זיין גליאיק־הייסן אָטעם. עולם נעמט זיך געזעגענען. שטומע, פאַרשטיקטע כליפּערייען.

כ'געזעגן זיך מיט מיין פרוי. אַלע ווערטער זענען געבליבן שטעקן אין האַלדז, ווי ביים ווערגן זיך. שטומע קושן, אַ הייס־פאַרלאָפענע פייכטקייט אין די אויגן. די טרערן ביי מיין פרוי האָבן ממש אירע אויגן פאַרגאָסן. שפּעטער אַ ווייל האָט אַזוי ווי אַ צערפּולער שמייכל זיך דורכגעריסן און אַדורכגעלויכטן דורך דער פייכטקייט פון די בליקן. דאָס זענען געווען די לעצטע בליקן, וואָס כ'האָב געזען פון מיין פרוי — — — —

בעת דער צוג האָט גערירט און זי האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט פון אויג, האָט זיך געטראַכט:

וואָס באַדייטן אַזעלכע בליקן — האָפנונג אָדער פאַרצווייפלונג? גלויבן אין זען זיך אויף דאָס ניי? אָדער דאָס געפיל, אַז מען פאַרלירט זיך שוין אויף שטענדיק, אויף אייביק? —

58

ווּהין?... צו וועמען?...

דער צוג — אַ געמיש פון כלערליי וואַגאָנעס, ווי אַ צונויפגעשטור־קעוועטער פון פאַרשיידענע קאָלירן און סטילן — איז געפלויגן דורך די פריש־פאַרשנייטע פעלדער. אויף די ביימער ביים וועג איז דער ערשטער שניי געלעגן ווי אַ דינער לייכטער פּוך. אַ וועלדל, אַ דאָרף אין מנוחה. פאַראַן נאָך כאַטעס, פאַראַן נאָך מענטשן, וואָס קאָנען זיין אַזוי רויק... פויליש פלאַכלאַנד, פוילישער פייזאַזש. אומעטום הענגט אַ גרויער הימל איבער די פרייע, אויסגעשפרייטע שטחים, גרוי און אומעטיק, ווי גרוי און אומעטיק עס איז אויף דער נשמה ביי די ייִדן אין וואַגאָן. פאַרלאָזן די היים, די אייגענע ד׳ אמות. מ׳פאָרט, מ׳לויפט. וווהין, וווהין? צו וועמען?...

אונדזער „פינפטל״ זיצט אין איין וואַגאָן, אָבער נישט אַלע צוזאַמען, נאָר אויף באַזונדערע פלעצער — אַזוי אַז מ׳רעדט נישט כמעט די גאַנצע צייט. מען ווינקט זיך נאָר איבער מיט די בליקן, ווי איינער רעדט: נו, דערוויַיל גייט עס ב״ה אָן „סיורפּריזן״... מ׳האָט זיך געהאָט אָנגעהערט אַזוי פיל מעשיות וועגן וואָרפן ייִדן פון די באַנען, אַז יעדער פון אונדז האָט כסדר נישט ווילנדיק געטראַכט דערפון. ביי יעדער סטאַציע האָבן מיר מיט חשד אָנגעקוקט איטלעכן פאַרשויך, וואָס איז אַריינגעקומען אין וואַגאָן אַריין. דער עיקר, פאַרשטייט זיך, האָבן געשראָקן די גרינע מיליטערישע מאַנטלען... צום גליק האָט זיך אין אונדזער וואַגאָן קיין איין יעקע נישט געוויזן און דער גאַנצער וועג איז אַדורך בשלום.

מ׳האָט אויסגעשטיגן מיט מזל אין שעדלעץ. ווי דער „פשעוואָדניק״ האָט אונדז פאַרויסגעזאָגט, זענען נאָנט פון וואָקזאַל, אויף אַ דערנעבנדיקן פּלאַץ, געשטאַנען פויערישע וועגענער. ער איז צו זיי צוגעגאַנגען און געדונגען איינעם פון זיי.

— היידא, אין וואָגן אַריין! — האָט דער „פשעוואָדניק״ אַ קאָמאַנדע געטאָן.

מיר האָבן זיך אַלע גלייך אַהין אַריינגעפּאַקט. דער וואָגן איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי און אויסגעבעט מיט ראַגאָזשעס. עס גייט, הייסט עס, דערוויל כשורה. די שטימונג איז ביי אונדז געוואָרן אַ הייטע־רערע.

דאָס דאָרפישע פערדל לאָזט זיך אין וועג אַריין. אויך אויף די שעדלעצער הינטערגאַסן וויזן זיך ייִדן מיט מגן־דודס אויפן אַרבל: די דייטשן „זאָרגן" פאַר אַלע ייִדישע שטעט און שטעטלעך און פאַרגעסן נישט אָן קיינעם... איין ייִד אין אַ קאַפּאָטע שטייט ביי אַ טיר און קוקט אונדז נאָך. ער שיקט צו אונדז אַן איראָנישע פראַגע:

— וווּהין פאָרט עטץ, ייִדן? אין רוסישן „גן־עדן"?...

דער וועג פון שעדלעץ שלעפּט זיך לאַנג. פון שטאָט זענען מיר אַרויס־געפאָרן זייגער דריי — און ס'ווערט שוין פאַרנאַכט. גוט, וואָס עס איז נישט קאַלט. ס'איז אומעטום שניי, אָבער אַ לינדער שניי. אָן אַ פראָסט. קריכט עס, דאָס פערדל, איבערן ווייסן וועג.

ס'איז שוין שפּעטער אָוונט. פון איינזאַמע פעלד־כאַטעס ווינקען פייערלעך. אין געוויסע ערטער בלייבט דער פויער שטיין און טראַכט ווי אַזוי צו פאָרן ווייטער. דעם וועג ווייסט ער זייער גוט; אָבער ער מוז אויס־מיידן די דערפער, ווו עס געפינען זיך דייטשן. פאָרט ער מיט פעלדיקע אומוועגן און דערפאַר דויערט עס אַזוי. אין איין דערפל ביי אַ וואַלד האָבן מיר געמוזט איבערוואַרטן אין אַ כאַטע אַ פּאָר שעה. דאָ נישט ווייט גייען שוין אום גרעניץ־פּאַטרולן און מען דאַרף זיי אויסמיידן. דער פויער האָט שוין געגעבן אָנצוהערן, אַז ער האָט חרטה אויפן גאַנצן עסק און וויל נישט ריזיקירן. מ'האָט אים געמוזט געבן אַ הוספה צום אָפּגערעדטן פּרייז און קוים געפּועלט ביי אים ער זאָל פאָרן ווייטער ביזן צום ציל — ביז מאָגילניצע.

ערשט אַזייגער 10 אין אָוונט זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון דאָזיקן דערפל מיט אַ זייטיקן וועג. אין איין זייט האָבן זיך געוויזן פון דערווייטנס עלעקטרישע פייערלעך. אַ סך פינקלדיקע פייערלעך.

— פון וואַנען לויכט זיך עס? — פרעגט מען דעם פויער.

— פון די סאָוויעטן... פון דראָהיטשין... — ענטפערט דער פויער.

מיט אַ באַזונדער נייגעריקייט האָבן מיר זיך צוגעקוקט צו די ווייטע פייערלעך. זיי האָבן, דוכט זיך, געוווּנקען צו אונדז רזין דרזינדיק... סודות־דיק — ווי סודותדיק עס איז דער גרויסער ריז — דער סאָוויעטן־פאַר־באנד...

59
ביים בוג

קיין מאַגילניצע ביים בוג זענען מיר אָנגעקומען פּאַר 12 ביינאַכט. דער „פּשעוואָדניק" האָט אונדז אין דער שטיל אַריינגעפירט אין אַ כאַטע אויף אַ בערגל. דאָס איז די כאַטע פון „וואָיט".

די כאַטע איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט מענטשן, מענער און פרויען, דאָס רוב אַ יִינגערער עולם. אַ באַוועגונג, אַ גערייד. אַלץ גרעניץ־גייער. ייִדן פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט. מענטשן וואַלגערן זיך דאָ אויף דער פּאָדלאָגע, אין אַלע ווינקעלעך. נישטאָ קיין פריי ווינקל ממש. דאָ איז עס די „סטאַציע". דער „וואָיט" האָט אַן אָפּמאַך מיט די גרעניץ־דייטשן. ער נעמט 20 זלאָטעס פון אַ קאָפּ און טיילט זיך „פיפטי־פיפטי" מיט די דייטשן. איך טרעף דאָ אַ פּאָר ייִדישע אַקטיאָרן פון וואַרשע. זיי דערציילן אַז זיי זענען שוין דאָ פון נעכטן אָן.

— פאַרוואָס זיצט איר דאָ? — פרעג איך זיי.

— ווייל ס'איז שווער איצט אַדורכצוגיין. אויף „יענער זייט" פאַר־האַלטן די סאָוויעטישע „פּאָגראַניטשניקעס" און וואַרפן צוריק אַריבער דורך אַ פאַראַם אויף ד ע ר זייט. די צרה איז וואָס זיי וואַרפן נישט אַריבער אַהער אויף דעם זעלבן פלאַץ, נאָר ערגעץ אַנדערש, און מען פאַלט אַריין צו אַן אַנדער דייטשישער גרעניץ־וואַך — ביטערע דייטשן, וואָס באַרויבן אַלץ און זענען נאָך מכבד מיט קלעפּ אויך...

עס ווערט אונדז טרויעריק פון דער דאָזיקער נייס: פּונקט אַריינ־געטראָפן!...

— איז וואָס־זשע רעכנט איר צו טאָן? — פרעג איך די אַקטיאָרן.

— מיר פאָרן מאָרגן צוריק קיין וואַרשע...

— צוריק קיין וואַרשע?!

— יאָ, צוריק קיין וואַרשע. ווער וועט עס גיין ריזיקירן?

— פונדעסטוועגן...

— אַז איר ווילט, ריזיקירט... מיר — נישט...

מיר כאַפּן אַ שמועס מיט אַנדערע מענטשן אין דער כאַטע — די מערהייט האָט בדעה צוריקצופאָרן. מ'האָט דעריבער פאַרהאַלטן די פרוי־ערישע פורלעך, מיט וועלכע מען איז אַהער געקומען, כדי מאָרגן זיך צו לאָזן צוריק קיין שעדלעץ.

אונדזער „פינפטל“ קוקט זיך אָן פאַרלעגן: „וואָס־זשע טוט מען?“... מ׳דריקט מיט די אַקסלען. מיר פרעגן דעם „פשעוואָדניק“. יענער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווייס איך וואָס...

— איר הערט דאָך אַליין?

— מ׳עט שוין...

— וואָס הייסט?

— מ׳עט זען... מ׳איז דאָך אָקאָרשט געקומען, מעג מען דאָך צו־וואַרטן...

מיר זענען מיד פון וועג און יעדער איינער פון אונדז זוכט ערגעץ אַ ווינקל, וווּ זיך צו קאָנען אָפּרוען אַ ביסל. איך געפין אויס אַן אָרט אונ־טערן טיש אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע און דריי זיך דאָרט איין ווי אַ קנויל. אויפן טיש זענען געלעגן צוויי פאַרשוין. איך לייג אונטער צוקאָפּנס מיין רוקזאַק און וואָרעם זיך אויס אַביסל אין דער דושנעקייט פון דער אָנגעפּראָפּטער כאַטע.

— אפשר איז פאַראַן נעבן אייך נאָך אַ פּיצל אָרט פאַר מיר?

דאָס האָט מיך געפרעגט דאָס יונגע מיידל — מיין שכנס טאָכטער, וועלכע געהערט צו אונדזער „פינפטל“. איך לאַך ביטער אין געדאַנק: וואָס אַ סיטואַציע קאָן מאַכן אין איין מאָמענט!

— אַזאַ „פּאַרשלאַג“ פון אַ שיין מיידל נעם איך גערן אָן... — ענטפער איך אין שפּאַס.

מיט דעם דאָזיקן קינסטלעכן — אפשר אַביסל טריוויאַלן — טאָן ווילט זיך מאַכן הייטערער די געדריקטע שטימונג ביי זיך גופא און ביי מיין יונגער שכנטע.

איך קאָרטשע זיך נאָך מער איין און מאַך פאַר איר אַ שטיקל פּלאַץ, זי האָט זיך אַנידערגעלייגט ווי אַ פאַרחלשטע — אַזוי מיד איז זי געווען, זי האָט זיך אויך איינגעקנוילט, כדי ווי ס׳איז זיך איינצוואָרדענען. ס׳איז אוממעגלעך געווען זי זאָל זיך נישט אָנשפּאַרן אָן מיינע קני.

— אַנטשולדיקט... אפשר שטער איך אייך...

— ס׳שאַדט נישט, — באַרויק איך זי, — דאָ אונטערן טיש גילט נישט קיין „באָן טאָן“...

מיין שכנטע שמייכלט טרויעריק.

— אַ גוטער אָנהייב, האַ? — זאָג איך, — ערשט דער ערשטער טאָג „בעזשעניעץ“ — און מען וואַלגערט זיך שוין אויף אַ שמוציקער פּאַדלאָגע...

— איך האָב שוין חרטה אויף דער גאַנצער „אימפּרעזע“... — ענט־פערט זי אַ פאַרקלעמטע.

— וואָס־זשע האָט איר געמיינט, אַז מען וועט אונדז פירן אין עלע־גאַנטע אויטאָס דורך דער גרעניץ?...

— פוי, טאָ מי שיען ניע פּאָדאָבאַ...1) — זאָגט זי אַרויס מיט אַ ספּעציעלער אינטאָנאַציע אין פּויליש, די אויסגעפּיעשטשעטע וואַרשעווער טעכטערל.

עס ווערט איר אָפּנים זייער אומבאַקוועם די שלעכטע פּאָזיציע אונ־טערן טיש און זי נעמט זיך באַוועגן, אויסציִען זיך אַ ביסל אויף דעם צו קליינעם שטח. זי האָט זיך דערביי צופיל צוגעדריקט צו מיין פוס און כאַפּט זיך באַלד:

— פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ באַרדזאָ! 2)

— עס שאַדט נישט! — ווייז איך איר אַרויס „דזשענטלמענישקייט“.

— ביי אונדז אויף שוויענטאָיערסקע וואָלט איר מיט מיר צוזאַמען נישט געלעגן אונטער אַ טיש. אַ יאָ?... — לאַך איך מיט יאַשטשערקעס.

— נישט נאָר אונטער אַ טיש, נאָר אַפילו אויף אַ טערקישן דיוואַן אויך נישט... — האַלט זי אונטער מיין שפּאַסיקן טאָן.

— זעט איר, אין וועג ווערט מען באַלד „דעמאָראַליזירט“...

זי האָט געלאַכט, די יונגע שכנטע מיינע, און שוין נישט אַזוי טרויע־ריק ווי אין ערשטן אויגנבליק: סוף־כל־סוף, הייסט עס, ווערט זי רויִקער און „נעמט צו קענטעניש“ די ניי־געשאַפענע סיטואַציע.

אין דער כאַטע ווערט פּלוצלונג אַ באַוועגונג: עס זענען אַריינגעקו־מען צוויי דייטשן. אַלע ווענדן צו זיי די בליקן.

— שרעקט זיך נישט, — באַמערקט מען מיר, — זיי זענען „בלאַטע“.

— זינד היער נויע דאַ? — פרעגן די דייטשן און קוקן זיך אַרום צום עולם.

עס קומט צו צו זיי דער „וואַיט“ און נעמט ווייזן מיט אַ פינגער, ווער אַלץ ס'איז אַ פרישער צוגעקומענער, פאַר וועמען זיי דאַרפן „איינקאַ־סירן“ זייער „רח"ש“... ער טייטלט אויך אויף אונדז אונטערן טיש. די

1) פע, דאָס געפעלט מיר נישט; 2) איך בעט אייך זייער איבער.

דייטשן ציילן די „קעפּלעך" און מאַכן גענוי דעם חשבון וואָס עס קומט זיי פונעם „וואַיט" אויף זייער חלק — 10 זלאָטעס פּראָ קאָפּ. די יעקעס נעמען נאָך כלומרשט קאָנטראָלירן וואָס יעדער פירט מיט זיך אין די פּעקלעך און רוקזעק. קיין סחורות און שמוגל־זאַכן טאָר מען נישט פירן; זיי קוקן נאָר פון יוצא־וועגן. מען טאָר אויך נישט אַרויספירן מער ווי 50 זלאָטעס.

צו אונדז אונטערן טיש קומען זיי גאָרנישט צו.

— ווער האָט מער אלס פינפציק זלאטי? — פרעגן זיי.

קיינער רופט זיך נישט אָפּ.

— ניעמאנד?

— ניעמאנד.

— ס'גוט.

— וואָס האָבען זיע היער? — טוט איינער אַ נישטער ביי אַ פרוי אין רוקזאַק. — צופיל שטרימפּפע האָבען זיע... — באַמערקט ער, אַרויס־ציענדיק אַ היפּש ביסל טוצן זאָקן.

— דאָס איז פאַר מיין שוועסטער און קוזינען אַ געשאַנק... — ענטפערט די פרוי, — אויב איר ווילט, נעמט אייך פאַר אייער פרוי אַ פאָר זאָקן...

— דאַנקע־שען, פרויליין...

דער יעקע שטופּט אַריין אַ פאָר זאָקן אין טאַש אַריין און נעמט זיך צו עמיצן אַנדערש. אַן אַנדער חברה־מאַן, וואָס האָט אַ צו געשוואָלענעם רוקזאַק, מעלדעט דעם דייטש, אז ער האָט 100 זלאָטעס אַנשטאָט 50 און ער גיט אים אַליין אָפּ די „איבעריקע" פאַרבאָטענע 50... דער דאָזיקער „טריק" ווירקט: דער יעקע נעמט צו דאָס געלט און רירט זיך אַפילו נישט צו צו יענעמס רוקזאַק...

שנעל זיך אָפּפּאַרטיקנדיק מיטן עולם, לאָזן זיך די דייטשן צו דער טיר.

— וואַרטען זיע אַללע היער, — זאָגן זיי פאַרן אַרויסגיין, — וויר ווערדען מאַל אַנשויען אָב מאַן קאַן שאָן פאַהרען...

זייער אויפגאַבע איז עס געווען נאָכצושפּירן, צי אויף יענער זייט בוג איז נישטאָ די סאָוויעטישע גרעניץ־וואַך.

אונדזער „פינפטל" איז זיך ווידער צונויפגעקומען נעבן אונדזער טיש אויף אַ ישוב הדעת: וואָס טוט מען? ריזיקירן אָדער נישט? דער „פשעוואָדניק" מיט זיין קרובה, מיין שכנטע, האָבן געהאַלטן, אַז מען

דאַרף פרוּוון מזל. מיר דריי: איך און מיין פרויס ביידע קוזינען זענען לכתחילה געווען דעצידירט זיך צוריק אומצוקערן קיין וואַרשע. די צדדים האָבן געפרוּווט איינער דעם אַנדערן איבערצייגן מיט פאַרשיידענע אַרגו־מענטן. אַזוי איז מען אָפּגעלעגן ביז נאָך איינס ביינאַכט אין וויכוחים און שפּאַרענישן.

60

„מאַן קאַן שאַן פאַהרען"...

פלוצלונג זענען די דייטשע ווידער אריינגעקומען אין כאַטע — דאָס מאָל מיט דער בשורה:

— מאַן קאַן שאַן פאַהרען...

אין דער כאַטע איז געוואָרן אַ גערודער. אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער: פון די בענק, פון טיש און פון דער פּאָדלאָגע. אַלע זענען באַפאַלן געוואָרן פון אַן אומרו.

— לאָמיר גיין! —

— לאָמיר גיין! — הערן זיך שטימען.

אויך אונדזער „פּשעוואָדניק" טוט זיך שנעל אָן דעם רוקזאַק.

— נו, איר גייט? — פרעגט ער איילעוודיק.

זיין קרובה טוט אים נאָך און מאַכט זיך אויך גרייט.

— כאָדזשמי, פּאַנאָוויע! 1) — זאָגט זי מיט אַ מאָדנער אַנטשלאָסנ־קייט אין דער שטים.

— לאָמיר גיין! — גיט זיך באַלד אַ שטעל דער אינזשעניער שוואַרצ־בערג, אָנגעשטעקט מיט אַנטשלאָסנקייט. — וואָס עס וועט זיין, וועט זיין!

זיין דרייסטקייט רייסט מיט און אויך זיין ברודער און איך מאַכן זיך גרייט.

— קומט!

אין איין רגע זענען אַלע וואַקלונגען פאַרביי.

אונדזער „פּינפּטל" איז אַרויס אין דרויסן. די נאַכט איז אַ טונקעלע. אין דער טונקלקייט בלייכט נאָר אונטן דער פרישער שניי.

מען פירט אונדז אין דער שטיל.

---

1) קומט, מיינע הערן!

אין אומרו פון יאָרן

— ש־ש־ש־ש־אָ... ש־ש־ש־ש־אָ...

סך הכל אַ הונדערט מעטער פון „וואַיט׳ס״ כאַטע איז דער בערגלדי־קער ברעג פון בוג. מיר קריכן אַראָפּ אונטן, צום וואַסער.

עס וואַרטן שוין אַ פּאָר שיפלעך. דער רודערער, אַ יונגער שייגעץ, יאָגט אונטער:

— פרענדקאָ! 1)

— פרענדקאָ!

מיר קריכן אַלע פינף אַריין אין איין שיפל. עס שטופּן זיך אַריין נאָך אַ פּאָר מענטשן. דאָס זעלבע אין צווייטן שיפל. דער שייגעץ רודערט האַסטיק, האַסטיק צום אנטקעגנדיקן ברעג. דער טייך איז דאָ נישט אַזוי ברייט. דער שייגעץ דערפאַרט נישט ביזן סאַמע ברעג, כדי זיך נישט צו פאַרטשעפּען אויפן זאמד און כדי נישט פאַרהאַלטן צו ווערן אַמאָל דורך דער סאָוויעטישער גרעניץ־וואך.

— ווילאַזיטש! 2)

— פרענדקאָ, פרענדקאָ! — באַפעלט ער מיט אַ געדעמפטן קול.

— אין וואַסער?!

— פרענדקאָ! — חזרט ער איבער זיין באַפעל.

— ציכוטקאָ, ציכוטקאָ! 3).

עס העלפט נישט. מיר קריכן אַרויס פון שיפל אין וואַסער אַריין. ביז איבער די שיך אין וואַסער. אַזוי איינע נאָך די אַנדערע.

— בררררר!

— בררררר!

— קאַלט!

— נאַס!...

— פרענדקאָ!

— ציכוטקאָ!

דאָס שיפל שווימט אָפּ צוריק נאָך די אַנדערע מענטשן, וואָס וואַרטן אויפן ברעג און מיר —

מיט וואַסער אין די שיך, מיט אומבאַשטימטע געפילן — צי אומרו? צי שרעק? צי ביידע געפילן צוזאַמען? — הויבן מיר אָן צו קריכן

---

1) שנעל! 2) קריכט אַרויס! 3) שטילער! שטילער!

פאַמעלעך, איינגעבויגענערהייט, מיט נישט־דרייסטע טריט, איבער דעם באָדן — אויך אַ פריש־באַשנייט פעלד — שוין אויף „יענער זייט"...

— ש־ש־ש־ש... ש־ש־ש־ש־ש...

— שטילער!

— שטייט!

אַלע לאָזן זיך אַראָפּ אויף די קני אינעם שניי. סך־הכל אַ הונדערט מעטער אָפּגעקראָכן פונעם ברעג.

אַ געפּליסטער:

— איר זעט?

— אָט דאָרטן... דאָרטן...

— וואָס דאָרטן?

— ש־ש־ש־ש־ש־אַ...

איך שנייד איין מיינע בליקן אין דער טונקלקייט און איך דערזע דריי שלייכנדיקע פיגורן. ביסלעכווייז וואַקסן זיי אַרויס פון דער טונקלקייט און ווערן אַלץ בולטער. איך זע ווי זיי רוקן זיך פּאַמעלעך, אָפּגערוקט איינער פון די אַנדערע אין אַ גלייכער שורה. זיי באַוועגן זיך אין אונדזער ריכטונג און ווערן אַלץ גרעסער. אָט זע איך שוין נאָך בולטער — זיי און אַפילו זייערע ביקסן, אָנגעטשעפּעט אויף די אַקסלען. די שטיקעס סטאַרטשען איבער זייערע קעפּ. אויף די קעפּ — היטלען מיט שפּיצן.

זיי זענען שוין געציילטע טריט פון אונדז. אָט באַמערק איך שוין אַפילו אויף די היטלען זייערע פון פאָרנט רויטע שטערנס.

— זדראַוסטוואויטיע! — רופן זיי אויס צו אונדז — ווי קודאַ?1)

די דריי סאָוויעטישע „פּאָגראַניטשניקעס" האָבן אונדזער גרופּע אַרומגערינגלט ווי אין אַ סגל.

אונדזער עולם האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון דער קניענדיקער פּאָזיציע. דער „זדראַוסטוואויטיע!" האָט אַלעמען דערמונטערט. אויף אַזאַ „ברוך הבא" האָט מען, איבערגעייענדיק די גרעניץ, זיך נישט געריכט... מען האָט באַקומען לשון. עס האָבן זיך גענומען שיטן ענטפערס אויף דעם „קודאַ?".

— מיר זענען „ביעזשענצעס".

— מיר זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן...

— מיר פאָרן קיין ביאַליסטאָק.

1) ווהין גייט איר?

— טאָוואַרישטשי, ווייזט אונדז דעם וועג...

— טאָוואַרישטשי...

— מאַלטשאַט׳! ניע אַרי!1) — רופט אויס איינער פון די „פּאָגראַניטש־ניקעס״.

— ווי ספּעקולאַנטי?2), — פרעגט אַ צווייטער.

— ניין, ניין, טאָוואַרישטש!

— מיר זענען „ביעזשענצעס״.

— מיר זענען נישט קיין שפּעקולאַנטן...

— מיר האָבן גאָרנישט מיט זיך... נאַט, זעט...

— דברט נישט צופיל!... — באַמערקט ווער, ביי וועמען דער רוק־זאַק איז מסתמא נישט אינגאַנצן כשר...

— פּאָסמאָטרים!3)

און די דריי גרעניץ־זעלנער נעמען זיך אונדז רעווידירן.

— סנימאַי ווייעשטשעוויע מיעשקי!4)

זיי עפענען און נעמען נישטערן ביי יעדן באַזונדער. די, ביי וועמען זיי געפינען גאָרנישט, שטעלן זיי אויס אין איין זייט; די יעניקע, ביי וועמען זיי געפינען יאָ עפּעס אַ סחורה, — אין אַ צווייטער זייט. ביי מיר האָט זיך דער זעלנער געגראַבלט אין רוקזאַק און אָנגעטאַפּט פּאַפּירן און ביכער און ער האָט מיך גלייך אָפּגעשטעלט צו דער ערשטע גרופּע. דאָס זעלבע איז געשען מיט מיין גאַנצן „פינפטל״. די פרוי מיט די זאָקן איז אַריינגעפאַלן, פאַרשטייט זיך, אין דער צווייטער גרופּע:

— סטופּאַי סיודא, ספּעקולאַנטקא!5)

יענע האָט זיך באַלד געפּרוווט בגנבה שאַרן צו אונדזער גרופּע... דער זעלנער האָט עס תיכף באַמערקט און זי אַ שטויס געטאָן צוריק:

— סטופּאַי, בליאַד!6)... — האָט זי נאָך באַקומען אַ „קאָמפּלימענט״... דער דאָזיקער „קאָמפּלימענט״ האָט אַפילו נישט געשטימט מיטן ערשטן ברייטלעכן „זדראַוסטוויטיע״...

אין מיטן רעווידירן האָבן די זעלנער דערהערט אַ באַוועגונג פון נאָך מענטשן אין דער נאָענטקייט: אַוודאי פון אונדזערע שיפלעך... זיי האָבן אונדז געלאָזט דערווייל שטיין און אָפּגעלאָפן נישט ווייט צו יענע פריש־צוקומענדיקע. עטלעכע פון אונדזער עולם — צווישן זיי אויך שוואַרצבערג

---

1) שווייג! ריטשע נישט! 2) איר זייט שפּעקולאַנטן? 3) מיר וועלן זען. 4) נעמט אַראָפּ די רוקזעק. 5) גיי אַהער, שפּעקולאַנטקע. 6) גיי, דו זונה.

— האָבן אויסגענוצט די רגע און גענומען לויפֿן ווייטער. איין זעלנער פֿון די דריי האָט עס באַמערקט און זיי גענומען נאָכיאָגן.

— סטאָי! סטאָי! סטרעליאַט׳ בודו! 1) — האָט ער געשריִען.

די אַנטלאָפֿענע זענען אָבער פֿאַרשוווּנדן אין דער נאַכט. דער זעלנער האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופֿטן און באַלד איז ער צוגעקו־מען צו אונדז מיט אַ טענה:

— קטאָ ביעזשאַל, סוקיני סיני?2)

אַלע שווייגן.

ער איז צוגעקומען צו יעדן איינעם פֿון אונדז מיט אַ פֿראַגע:

— טי ביעזשאַל?3)

— טי ביעזשאַל?

אַלע האָבן געענטפֿערט אין איין קול:

— ניין! ניין!

— ניין, טאָוואַרישטש!

— מיר שטייען דאָך אויף אַן אָרט.

— מיר ווייסן נישט... מיר קענען זיי נישט...

— סוקיני סיני!

מיר זענען זיכער געווען, אַז איצט נאָך אַזאַ מעשה וועט מען שיין אַלעמען, אַלעמען, אָן אונטערשייד, אַריבערוואַרפֿן צוריק דורכן פּאַראָם.

61

דורך נאַכט און שניי

מען האָט אונדז אַזוי געהאַלטן אויפֿן פּלאַץ אפֿשר אַ פּאָר שעה, רעווי־דירט, סעגרעגירט. פּלוצלונג גייט צו צו אונדזער גרופּע איין זעלנער און באַפֿעלט אונדז:

— מאַרש!

מיר האָבן גענומען גיין ווייטער איבערן פֿעלד.

— ביעגאָם!4), — האָט דער זעלנער אונדז געטריבן און געשטויסן פֿון הינטן מיט דער קאָלבע פֿון ביקס.

1) שטיי! שטיי! כ׳וועל שיסן. 2) ווער איז אַנטלאָפֿן, הינטישע זין? 3) דו ביסט אַנטלאָפֿן? 4) לויף!

— ביעגאָם! ביסטרעי! 1)

מיר האָבן ממש געמוזט אונטערלויפן — אַזוי האָט ער אונדז געטריבן. כ'האָב שוין געהאַט געטראַכט, אַז מסתמא יאָגט ער אונדז אַזוי צום פּראָם.

— ביעגאָם!...

ווי ער לאָזט אונדז נישט דעם אָטעם כאַפּן! איך פּיל, אַז איך פאַל באַלד אום. די רימענס פון רוקזאַק האָבן אַזוי געשניטן די אַקסלען. כ'בין אינגאַנצן באַגאָסן געווען מיט אַ שווייס.

און פון הינטן —

— ביעגאָם!...

אַזוי כסדר. טאָמער בין איך שטיין געבליבן אַ רגע, האָב איך באַלד דערפילט אַ שטויס פון דער קאָלבע אויף דער פּלייצע.

— סקאָראָ! סקאָראָ!...

מיין גאָט! די כוחות גייען מיר שוין אויס. כ'קאָן מער נישט לויפן. איך בלייב שטיין.

אָבער דאָסמאָל שטויסט מיך שוין קיינער נישט. כ'קוק זיך אַרום — דער זעלנער איז שוין נישטאָ. ער האָט זיך אַפּנים אומגעקערט צו יענעם פלאַץ מיט די מענטשן — נאָכדעם ווי ער האָט אונדז אָפּגעטריבן אין דער וויטעניש.

— העי, שטיין בלייבן! — רוף איך צו די מייניקע.

אַלע בלייבן שטיין.

— מען יאָגט שוין נישט?

— ניין, מען יאָגט שוין נישט.

— גאָט צו דאנקען... איבערגעקומען.

דער עולם שטייט אַ ווייל און צעקריכט זיך איבערן פעלד. מיר, זאַל־בעפערט (ווו איז איצט אונדזער שוואַרצבערג?...), טיילן זיך אויס פון אַלע־מען און האַלטן זיך וויטער צוזאמען.

— זעט איר שוין? — טריאומפירט ווידעראמאָל דער „פשעוואָדניק".

— אַלץ גייט כשורה.

— מיר זענען נאָך נישט אין ביאַליסטאָק...

— וואָס, איר גלויבט נאָך נישט? מען דאַרף דאָך זיין אַ שטיקל מאָמין...

— אָבער ווו זענען מיר?

---

1) לויף! שנעלער!

— לאָמיר זיך קודם כל אַ ביסל אָפּרוען.

— אָבער פאַרוואָס האָט ער פון אונדז די נשמה אַרויסגעיאָגט?

— פּאָניע בלייבט פּאָניע...

— ער האָט דאָך געמוזט זיין וואָס שנעלער אויף זיין פּלאַץ, — פאַר־ענטפערט ווער דעם „פּאָגראַניטשניק".

— קומט! — נעמט איבער די „קאָמאַנדע" אונדזער „פּשעוואָדניק", — לאָמיר צוגיין אַהין צום וואַלד.

דער וואַלד איז געווען אַ פּאָר הונדערט מעטער פון אונדז. מיר גייען אַהין, טאָפּטשענדיק אין שניי.

אַ גאַנץ שיטערער וואַלד. עס סטאַרטשען דאָ און דאָרט פּניאַקעס פון אויסגעזעגטעביימער. ביים סאַמע ברעג ליגט אַן אָפּגעזעגטער און אַרומגעטעסעטער דיקער שטאַם. מיר זעצן זיך ברייטלעך אַנידער. מען רוט. מען פאַררויכערט, מען ווישט זיך גוט אויס דעם שוויס פון שטערן און פון האַלדז.

— אַ משוגענע נאַכט!

— ווי נאַס אין די פיס! בררררר!...

— מען קאָן כאַפּן דעם אמתן קאַטער מיט אַ לונגען־אָנצינדונג אַלס צוגאָב...

— פּראַוודזיוואַ נאָץ פּשיגוד!1), — רופט זיך אָן אונדזער פּויליש־ריידנדיקע חסידישע טאַכטער... איך האָב בכלל באַמערקט אַז ווען עס פאַלט איר איין צו זאָגן עפּעס עלאָקווענטעס, מוז זי עס אַרויסזאָגן אין פּויליש...

מיר רוען שוין אַ שעה צייט און אפשר מער. ס'איז שוין פינף אַזייגער אין דער נאַכט. צו טאָג איז נאָך ווייט. ס'אַראַ לאַנגע נאַכט!

אביסל אויסגערוטע, שטייט מען אויף פונעם קלאָץ. מען קוקט זיך אַרום: וווּ זענען מיר דאָ אין דער וועלט! מען הערט נישט און מען זעט נישט. קיין סימן פון קיין לעבן.

— ש־ש־ש־שאַ!

— וואָס ווידער?

— איר הערט?

— ?!?!...

— אַ הונט בילט!

---

1) אַן אמתע נאַכט פון אוואַנטורעס!

— איז דאָך נאָנט פון אַ דאָרף.

— אוודאי אַזוי.

— לאָמיר גיין אַהין!

שטיל־שווייגנדיק און פּאַמעלעך לאָזן מיר זיך אין יענער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס בילן פון אַ הונט. דער שניי נאָר סקריפּעט אונטער אונדזערע טריט. מיר גייען מיטן ברעג פונעם וואַלד.

— ש־ש־ש־א!

— אַ נייע חתונה?...

— דוכט, אַ מענטש גייט... איר זעט אָט דאָרט?

אַלע קוקן געשפּאַנט. אין דער ווייטנס האָט זיך באמת אויסגעטיילט אַ סילועט פון אַ מענטש.

— ווער קאָן עס זיין?

— אפשר ווידער אַ „פּאָגראַניטשניק"?...

דער סילועט דערנעענטערט זיך צו אונדז.

— נישט קיין „קראַסנאַארמייעץ"! — פּסקנט דער „פּשעוואָדניק" ווי אַ „זאַכקענער"...

— טאַקע אַ ציווילער!

מיר קריגן מער מוט און גייען זיכערער יענעם אומבאַקאַנטן אַנטקעגן.

— ס'איז אַ פּויער!

— אַ פּויער!

ער איז שוין לסוף נעבן אונדז. אויג אין אויג. אַ יונגער פּויער אין אַ פּויערישן שעפּסענעם טולופּ, אין אַ פוטערנעם גרויסן היטל, אַראָפּגעלאָזט איבער די אויערן.

— דזיען דאָברי! — גריסט ער אונדז.

— גדזיע טו וויאָסקא?(1

— טו זאַראַז זאַ ליאַסעם,(2 — טוט ער אַ ווייז מיט אַ פינגער.

— ווי הייסט דאָס דאָרף?

— ווולקא.

— אויף דער סאָוויעטישער זייט?...

— אַוודאי אויף דער סאָוויעטישער זייט... — לאַכט דער פּויער.

1) ווו איז דאָ אַ דאָרף? 2) אָט דאָ באַלד הינטערן וואַלד.

— ניין, אויף דער טערקישער זייט... — מאַכט חוזק דער „פּשעוואָד־ניק״ פונעם פרעגער. — וואָס, איר גלויבט נאָך אַלץ נישט?...

אַלע ווערן גוט אויפגעלייגט. מיר פילן שוין נישט אין דער רגע די פאַרגליווערטע, דורכגעווייקטע פיס, די דורכגעקעלטערטע אברים.

— אפשר קאָן מען דאָ אַריינגיין אין אַ כאַטע?

— קומט אַריין צו מיר אין כאַטע.

— פערד האָסטו גוטע?

— צוויי יונגע לייבן.

— ווערסטו אונדז אָפּפירן צו דער סטאַציע?

— צו סעמיאַטיטש?

— צו סעמיאַטיטש. נישטאָ דאָך קיין נענטערע?

— ניין, נישטאָ. קומט, פּאַנאָוויע.

און מיר לאָזן זיך פירן פונעם פויער.

— זעט איר שוין! — טריאומפירט אויפסניי אונדזער „פּשעוואָדניק״, — און איר זייט שוין געווען גרייט זיך אומצוקערן קיין וואַרשע.

62

אין אַ דאָרפישער כאַטע

די דאָרפישע כאַטע איז פאַר אונדז געווען אַן אמתער גן־עדן. טרוקן, וואַרים. אַ היץ ממש האָט אונדז אַרומגענומען. די פויערטע האָט אונדז געמאַכט געלעגערס און מען האָט אויסגעצויגן די דערפרוירענע גלידער. די שיך און מלבושים האָבן זיך געטריקנט אויף דער הרובע.

ערשט זייגער 10 אינדערפרי זענען מיר אַראָפּגעקראָכן פון די וואַרימע געלעגערס. די באַלעבאָסטע האָט שוין באַוויזן אָפּצוקאָכן פאַר אונדז אַ פרישטיק: אַ הייסן באָרשטש מיט קאַרטאָפל. אינעם באָרשטש זענען אומגעשווומען שטיקלעך חזיר־פעטס. דאָס דאָרפישע עסן האָט גערייצט דעם אַפּעטיט. מיין יונגע שכנטע פון וואַרשע האָט געגעסן דעם עכט־שוואַרצן קאָרן־ברויט מיט אַ באַזונדער הנאה.

— טען כליעב יעסט ווספּאַניאַלי![1], — האָט זי אויסגערופן מיט התפעלות.

---

1) דאָס ברויט איז אויסגעצייכנט.

— נאָך בעסער פון די „טשאַסטעס" אין „זשעמיאַנסקע"?...

— וּוסְפּאַניאַלי! — הזרט זי איבער איר אַנטציקונג.

זייגער 11 אינדערפרי האָט דער פויער איינגעשפּאַנט זיינע „צווי לייבן" אין אַ גרויסער דאָרפישער „דראַבע", ווו ס'זענען געווען צוגעגרייט ווייכע זיך־פלעצער פאַר אַלעמען. מיר האָבן דער באַלעבאָסטע פיין באַ־דאנקט און באַצאָלט פאַר איר גאַסטפריינטלעכקייט (אגב איז די פרעקווענץ פון די אַנטלאָפענע פון דער דייטשישער זייט געוואָרן אַ פיינע פרנסה אין דאָזיקן גרעניץ־דאָרף...) און מיר זענען אַרויס צו דער פור.

אין דרויסן וואַקסט פלוצלונג אויס פאַר אונדז אונדזער „אבדה": דער געלער שוואַרצבערג. אויך ער האָט זיך ביינאַכט אַהער דערשלאָגן און איבערגענעכטיקט ערגעץ אין אַן אַנדער כאַטע און ער זוכט עס איצט אַרום אַ פור, כדי צו פאָרן ווייטער. מיר האָבן אים אַרויפגענומען צו אונדז אין וואָגן אַריין — און אונדזער „פינפטל" איז שוין ווידער אין פולן קאָמפּלעט.

די פאַר אויסגערוטע פערד אינעם דאָרפישן שטאַל זענען געגאַנגען ווי אַ „מזמור" איבערן פאַרשנייטן שאָסיי־וועג. מיר זענען פאַרבייגעפאָרן דראָהיטשין, פון וואַנען עס האָבן אונדז נעכטן ביינאַכט אַזוי געריצט די פייערן... איצט אינעם גרויען טאָג איז עס אַ געוויינלעך וואָכעדיק שטעטל מיט שטילע ווינטערדיקע ווייסע געסלעך.

מיר שטעלן זיך אַפילו נישט אָפּ און פאָרן ווייטער צו סעמיאַטיטש, — צו דער ערשטער באַן־סטאַציע, וואָס אויפן וועג צו ביאַליסטאָק.

אויפן וועג רייט אָן פון אַנטקעגן אַ יונגע פרוי, אין אַ מיליטערישן שינעל, מיט אַ רויטן שטערן אויפן רויטאַרמייאישן פוטערנעם היטל. זי פאָרט זייער בראַוו און יאָגט מיט אַ מאָדנעם אימפּעט דאָס צעפלאַטערטע פערד. די דאָזיקע באַגעגעניש אימפּאָנירט.

— קוקט אָן! — טו איך אַ וויז אויף דער רויטאַרמייערין — התפּע־לותדיק פונעם ערשטן איינדרוק — דוכט: ס'איז גוט... וירא כי טוב... וואָס זאָגט איר, האָ?

— מיר וועלן זען ווייטער, בעת מיר וועלן זיין דאָרטן, אינעווייניק...

דאָס האָט באַמערקט דער אינזשיניער שוואַרצבערג — אַ קאַלטער, באַרעכנטער מענטש, וואָס איז געוווינט, אפנים, צוליב זיין באַרוף, אַלץ צו מעסטן און צו וועגן אויפן מילימעטער, אויפן גראַם...

— יאָ, מיר וועלן זען ווייטער... אָבער דערווייל — קיין „געלע לאַטע" אויפן ארבל טראָגן מיר שוין נישט...

אבּרהם זאַק

— אמת, קיין „געלע לאטע״ אַלס ייִדן טראָגן מיר נישט...
און מאָדנע! פון מח גייט גאָרנישט אַרויס די איין־איינציקע כּסדר־דיקע מחשבה:
מיר זענען שוין אויף „יענער זייט״.
איצט איז פון יענער־זייט געוואָרן די־זייט...

מיר פאָרן פאַרביי אַ געביידע ביים סאַמע וועג, וווּ עס סטאַציאָנירט אַ מיליטערישער אַמט: מסתמא אַ גרעניץ־קאָמאנדע. אָבער קיינער קומט צו אונדז נישט אַרויס פרעגן, קאָנטראָלירן.

אויבן איבער דעם אַריינגאַנג פון דער געביידע פלאַטערט אַ רויטע פאָן, פון וועלכער עס ווייסלען זיך אַראָפּ גרויסע פיר בוכשטאבן: „ס. ס. ס. ר.״ און פון איבער די בוכשטאבן — די עמבלעמע פון האמער און סערפּ.

כ׳בין אויסערגעוויינלעך געשפּאנט. עס אינטריגירט מיך יעדער דעטאַל.

ערשט קוים אַ דריי חדשים ווי די דערמאָנטע פיר אותיות געוועלטיקן אויף דער דאָזיקער ערד.

פּאַריז, 1951

צווישן חורבן און אויפקום

(מאָמענט-פאַרצייכענישן און רעפלעקסן)

ביים „אוהל פרץ"

(פראַגמענט)

...עס דערמאָנט זיך מיר די ערשטע איינדרוקספולע פרץ־אַקאַדעמיע אין וואַרשע נאָכן גרויסן יידישן חורבן.

ס'איז אַפּריל. אַנאָ 1946.

פּרצעס 31טער יאָרצייט.

דער קינאָ־זאַל אין פּראגע איז געפּאַקט. רירנדיקע רעדעס פון שרייבער. רירנדיקע ביז טרערן...

פון דער עסטראַדע קלינגען לידער פון חורבן און אומקום...

און איבער דעם טונקעלן זאַל פאַרקלינגען אויך פּרצעס פערזן:

„מיין נישט די וועלט איז אַ הפקר" — — —

און געטראַכט האָט זיך בעת־מעשה, אַז יאָ! די וועלט איז טאַקע אַ קרעטשמע, אַ ווילדער הפקר, ווו עס געוועלטיקט די „מאָראל" פון קאַני־באלן, פון משוגענע רוצחים — — —

די מאַסע אין זאַל איז געזעסן אין פאַרגליווערטן שווייגן. אַלע האָבן געוואַרט אויף אַ וואָרט, אויף אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל געבן טרייסט, אַ שטראַל בטחון...

אָבער ווו איז דאָס נביאישע וואָרט אין דער שטאָט פון חורבן און טויט? — — —

אַז די אַקאַדעמיע האָט זיך געענדיקט, איז די קליינע גרופּע פאַר־יתומטע יידישע שרייבער אַוועק צו ערשטן מאָל נאָך די טראַגישע יאָרן צום „אוהל פּרץ״ לייגן דעם ערשטן בלומען־קראַנץ.

דער וועג אַהין, צום גענשער בית־עולם, פירט דורכן מדבר פון געטאָ.

ס׳איז פרילינג אויף דער וועלט. אָבער אין וואַרשעווער געטאָ איז עס אַ פרילינג צווישן חורבות. די זון פאַלט נישט אויף דעכער. זי פּלאָנטערט זיך נישט אין גאַרדינען פון פענצטער. אירע שטראַלן שפּילן זיך נישט שטיפעריש מיט געלאָקטע קעפּלעך פון יידישע קינדערלעך אין קראַשינ־סקיס גאָרטן... די זון פאַלט אויף קופּעס ציגל... אויף אַ ים צעקרישלטן ציגל...

— —

ס׳איז אַפּריל. אנאָ 1946.

פון אַלע גלות־וועגן האָבן זיי זיך אומגעקערט אין די פּוילישע שטעט, די על־פּי־נס ניצול־געוואָרענע יידישע שרייבער. קליין אין צאָל איז דער דאָזיקער שארית־הפליטה. דער גרעסטער טייל פון דער שרייבער־משפּחה איז אַוועק אין די קאַלך־אויוונס... זעסט אַרום ווי די גויאישע וועלט נעמט זיך בויען אַ נײַ לעבן. אַ פאָלק דערוואַכט, שטייט אויף צו אַ נייעם מאָרגן... אָבער מיר... ווי די שאָטנס בלאָנקען מיר צווישן די חורבות פון וואַרשע־ווער געטאָ... די יידישע גאַסן ליגן דאָ אינגאַנצן צעשאָטן, צעדרויבלט... עס פלאָטערן איבער אונדז די נשמות פון אונדזערע קדושים — — —

איז עס מער ווי נאַטירלעך, וואָס אין די דאָזיקע רגעס פון פאַרלוירנ־קייט האָט עס געצויגן די יידישע שרייבער אַהין, דורך דעם מדבר פון די חורבות, צום גענשער בית־עולם — צו פּרצן...

קומען מיר צום „אוהל פּרץ״, וואָס איז אַפּנים צוליב אַ פאַרזען מצד די שענדער ניצול געוואָרן פון פאַרשוועכנוג און פאַרניכטונג... שטייען מיר מיט אַראָפּגעזונקענע קעפּ פאַרן אוהל און עס טראַכט זיך: „ווען דו, פּרץ, וואָלסט איצט געלעבט! ווי נויטיק איז אונדז אַלעמען איצט דיין וואָרט, דיין נביאיש וואָרט!״... מיר טענהן זיך אויס מיט אים אין דער מחשבה און פרעגן אין אונדזער גרויסער פּיין:

„התחינה?... צי וועלן צוריק לעבעדיק ווערן די טויטע ביינער? וווהין פירט אונדז דער עתיד: צי נישט אַמאָל צו אונטערגאַנג — ווי דער שטן וויל? אָדער צו אַ תחית המתים? וווהין גייט די וועלט פון כולו חייב?״...

פון די מצבה־ווענט פון „אוהל־פּרץ" ריידן שטום אַראָפּ צו אונדז די אויסגעכתיבהטע פּאַטעטישע ווערטער פּרצעס — ווי דאָס וואָלט דער ענט־פער געווען:

מיר גרויסע, גרויסע ייִדן,
שבת־יום־טובדיקע ייִדן...

— — — — — — — — — — —

שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צי וועט נאָך דאָס דאַזיקע עקסטאַטישע געזאַנג ווידער אַמאָל אויפלעבן אין אונדזערע הערצער און געמיטער? צעקלינגען זיך אויף דער שיטער־געוואָרענער ייִדישער גאַס?...

ביים „אוהל־פּרץ" אין אפּריל 1946

ניצול־געוואָרענע ייִדישע שרייבער לייגן אַ קראַנץ.

פון רעכטס: נחום באָמזע, יוסף רובינשטיין, אברהם זאַק, בער מאַרק און דער זשורנאַליסט יצחק בארנשטיין

אויף קבר־אבות אין מײַדאַנעק

כ׳בין געווען אין מײַדאַנעק.

אָבער נישט בעת דער פינצטערער ממשלה פון די ברוינע אויבער־אויבער־תלינים, נאָר — שווער צו זאָגן: „צום גליק״ — אין אַ זוניקן סעפּ־טעמבער־טאָג פון 1946.

כ׳בין געווען אין מײַדאַנעק — אויף קבר־אבות...

און פאַרנדיק שוין אין אַ לובלינער אַלט־פרענקישער דראָזשקע צום ריזיקן גוטן אָרט, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז גראָד איצט דער ייִדי־שער אלול — דער חודש פון קבר־אָבות, פון הזכרת נשמות. אַמאָל, — ווי לאַנג איז עס געווען דאָס דאָזיקע אַמאָל? — אַמאָל האָט מען דאָ אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין די דאָזיקע טעג געהערט שופר בלאָזן. פון די אָפענע בית־מדרש־פענצטער האָט אין גאַס אַרויס פאַרקלונגען:

— תקיעה...

— שברים...

— תרועה...

איצט אָבער... נישטאָ די אַמאָליקע ייִדישע ישובים... נישטאָ די ייִדי־שע הייזער... נישטאָ די בתי־מדרשים... נישטאָ די ייִדן...

אַז מען בלאָנקעט איצט אום איבער די גאַסן פונעם אַלט־ייִדישן לובלין — די עיר ואם בישראל — איז אויף אַ ייִדיש פנים אַ ברכה צו מאכן: אַזאַ זעלטנקייט איז עס...

דער קריסטלעכער דראָזשקאַזש טרייבט אונטער דאָס פערדל. ער וואָלט וועלן וואָס שנעלער אָפּפירן די פּאַסאַזשירן און נאָך באַוויזן צו מאכן נאָך אַ פּאָר „יאַזדעס״. ס׳איז גראָד איצט ביי אים אַ שטיקל סעזאָן: מיט אַ טאָג פריער האָט זיך דאָ פייערלעך געעפנט „די וואָך פון מאידאנעק״ און עס נעמען זיך ווייזן געסט פון דער פרעמד.

מיר זענען שוין אין עק־שטאָט. אויפן לעצטן הויז — אַ לאַנג שמאָל בלעכל מיטן נאָמען פון דער גאַס: — „גאַס פון מאַידאַנקער קדושים"... — לייענסט איבער און דאָס האַרץ טוט ווייטיקלעך אַ צאַפּל.

מיר פאָרן איבער אַ גלאַטן ציגל־שאָסיי.

ס'איז אַ לינדער טאָג. דער הימל בלוי. ביי די זייטן פון וועג — ביימער, געמישט שוין מיט געלע בלעטער. ס'איז פּוילישער גאָלדענער האַרבסט.

צוזאַמען מיט אונדז — איך און נאָך צוויי קאָלעגן־שרייבער, לייב אָליצקי און א. אייזען, — פּאָרט מיט אַ מיטגליד פון אָרטיקן יידישן וואַ־יעוואָדישן קאָמיטעט, טאַקע אַ בן־לובלין. ער גיט אונדז אויפקלערונגען.

לינקס פון שאָסיי באַווייזט זיך באַלד אַ געצוג גרויסער פּוסטער שטח, וווּ עס זענען זיך אויף דער ערד שפּורן פון הייזער. דאָ, ווערן מיר געוווירער, איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מאַידאַן טאַטאַרסקי" (אָדער געקירצט: „מאַידאַן"). אין דאָזיקן לאַגער האָבן זיך די קרבנות פאַרנומען מיט סאָרטירן די מלבושים, וואָס מ'פלעגט כסדר ליי־פערן פון דעם הויפּט־לאַגער מאַידאַנעק. פון צייט־צו־צייט פלעגט מען די יידן פון „מאַידאַן טאַטאַרסקי" איבערפירן אהין, אין „אמתן" מאַידאַנעק, ווייל דאָ, אין אַרבעטס־לאַגער, זענען נישט געווען קיין גאַז־קאַמערן און קיין קרעמאַטאָריע... אויפן אָרט פון די איבערגעפירטע פלעגן די טראַנס־פּאָרטן ברענגען פרישע יידן — פרישע אַרבעטער ביים סאָרטירן די מלבו־שים און „קאַנדידאַטן" צום אויוון...

אין די לעצטע טעג פון דער רוצחישער ממשלה, בעת דער פראָנט פון מזרח האָט זיך אַלץ נענטער צוגערוקט צו דער שטאָט, איז די דייי־טשישע דעגענעראַטן געלונגען צו פאַרווישן יעדן שפּור פונעם דאָזיקן לאַגער און ס'איז דאָ אַפילו קיין איין געביידע נישט געבליבן.

אַן אַנדער מזל האָט געהאַט דער הויפּט־לאַגער מאַידאַנעק. דאָרט האָבן זיי אַביסל אָפּגעשלעפּט מיט דער פאַרניכטונג פון לאַגער, ווייל ס'איז די רוצחים אַ שאָד געווען איבערצורייסן זייער „מיסיע" — צו טרייבן יידן אין די גאַז־קאַמערן... זיי האָבן אין לעצטן אויגנבליק געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער, כדי נישט איבערצולאָזן קיין איינעם נישט, קיין שריד ופּליט — לויטן געבאָט פון הימלערן און פון „פירער" אַליין.

די טרייע אויספירער פון דער דערמאָנטער „מיסיע" האָבן זיך אַזוי ווייט פאַרגאַלאָפּירט און אַזוי זיך פאַרגעסן, אַז זיי האָבן שיער נישט מיט די אייגענע קעפּ באַצאָלט. די באַפרייערישע אַרמייען — די רויטע אַרמיי און די יונגע פּוילישע אַרמיי — האָבן זיך ווי אַ לאַווע צו דער שטאָט אַ רוק

געטאָן, און אין גרויס בהלה און געפּאַר אַרומגערינגלט צו ווערן, האָבן די ברוינע „העלדן" פון מאַידאַנעק געמאַכט „ויברח", איבערלאָזנדיק נאָך זיך די „טויט־פאַבריק" אַ גאַנצע, נישט צעשטערטע. דאָס איז אפּנים געווען אַ שפּיצל אַזאַ פון דער געשיכטע, וועלכע האָט דווקא געוואָלט האָבן דעם דאָזיקן זייער „חשובן" „עקספּאָנאַט", וואָס פּאַראייביקט דייטשלאַנדס שוואַרצן רום לדראון עולם...

מיר פאָרן ווייטער.

און אָט... רעכטס פון שאָסיי... דער בליק ווערט צוגעשמידט:

עס עפנט זיך אין דערווייטנס ווי אין אַ טאָל אַ גאַנצע פּאַנאָראַמע: באַראַקן, באַראַקן, באַראַקן. לאַנגע הילצערנע באַראַקן אָן אַ צאָל. עס זעט אויס ווי אַ ישוב, ווי אַ שטאָט. אַ מאַקאַברישע שטאָט!

איבער די געבײַדעס פלאַטערן פאָנען. פילקאָלירקע פאָנען, פון אַ סך פעלקער. די דאָזיקע פאָנען זענען עס טאַקע נעכטן אַרויפגעצויגן געוואָרן, בעת דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער „וואָך פון מאַידאַנעק".

מיר פאָרן אַראָפּ רעכטס פון שאָסיי און לאָזן זיך אויף אַ שמאָלן וועג אַהין.

דאָפּלטע דראָט־פאַרצוימונגען. שטעכלדראָט. אַזוי פיל דראָט־פאַרצוימונגען אַרום און אַרום.

אַ טויער. מיר שטייגן אויס פון דער דראָזשקע.

דאָ איז דער עמק הבכא...

מיר גייען אַרײַן אינעווייניק. מיר באַטרעטן די הייליקע ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיל בלוט און מיט אַזוי פיל טרערן... דאָ האָבן אויך באַטראָטן די ערד אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע — אונדזערע אַלעמענס קדושים! — אין זייערע לעצטע טעג...

מיר גייען איבער די „גאַסן". שטום, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט יראת הכבוד, מיט לאַנגזאַמע לוויה־טריט...

אויפן ערשטן „פעלד" — אַ לאַנגע געבײַדע אָן פענצטער. אויבן איבער דער טיר אַן אויפשריפט: „די באָד". דאָ האָבן די דייטשישע „קולטור־טרעגער", די „העכערע ריינע ראַסע", אַדורכגעפירט אין לעבן זייערע ני־רנבערגער כללים וועגן „היגיענע"... אַהער זענען עס געפירט געוואָרן די מאַסן קרבנות פון ווייט און פון נאָענט. דאָ האָט מען זיי אַרײַנגעטריבן פאַר־טיעסווייז אין די גאַז־קאַמערן און אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום — אין וועגענער אַרײַן, דאָרט נישט ווייט צו דער קרעמאַטאָריע...

מיר בלאָנקען ווייטער. גאַנצע גאסן. צעטיילט דורך שטעכל־דראָט אויף „פעלדער". יעדעס „פעלד" האָט זיין נומער.

לאנגע, פוסטע באַראקן. פון אזא לייכט געהילץ געבויט. ביי אַ טייל לייכטן שוין אַדורך די דעכער. אַ פּאָר פאלן שוין איין. אַ שאָד, וואָס אויך די באַראקן ווערן נישט קאָנסערווירט און אָפּגעהיט לזכרון פאַר דער וועלט. דאָ אינעווייניק, אין די ריזיקע אימהדיקע געביידעס האָבן עס „פאַר־בראָכט" אונדזערע ברידער און שוועסטער. דאָ זענען עס פאַרביי אין ענויים קשים זייערע לעצטע טעג און נעכט...

אַ פרייער שטח. אין מיטן אַ פלאנירטער פלאַץ. אַ רונדיקע, ארומגע־מויערטע דערהויבונג, ווי אַ בלומען־קלומבע. אָבער נישט קיין רויזן וואקסן אויף דער דאָזיקער „קלומבע". דאָ איז אָנגעשאָטן אַש, מענטשיש אַש און צעדרויבלט געביין פון די קדושי מאידאנעק.

צווישן די אַלע קאָליִרטע פענער פלאַטערט אויך, פאַרשטייט זיך, די יידישע פאָן — בלוי־ווייס. האָבן דאָך די יידן אין מאידאנעק דעם גרעסטן „חלק"... די זין פון די אַלע פעלקער אין מאידאנעק זענען דאָך בטל בששים געוואָרן צווישן דער יידישער מאסע. מאידאנעק איז געווען כמעט אינגאנצן יידיש. דערפאַר טאַקע פילט איצט אַ יידיש האַרץ אַ געוויסע אנטוישונג. דער יידישער מאָמענט ווערט דאָ איצט פאַרקלענערט צו דער פּראָ־פּאָרץ פון 1 לגבי 21. פאַקטיש איז דאָך געווען אַ פונקט פאַרקערטע פּראָ־פּאָרץ...

**
*

קרעמאטאָריע!

מיר קומען צו צו דער אויסטערלישער געביידע. אויבן איבערן דאַך סטאַרטשעט אַ פיר־קאנטיקער ריזיקער קוימען ווי אַ געשפּענסט.

די דאָזיקע געביידע שטייט נאָך כמעט אין איר פולן „גלאנץ". פאַראַן נאָך אַלע פינף אויוונס אינעווייניק. די ריזיקע שופלעס פון אייזן־בלעך, די רונדיקע אייזערנע שטאנגען פון די שופלעס, וואָס האָבן זיך געגליטשט אויף ספּעציעלע איינגעפּאַסטע רעדלעך פאַרנט אויף אַ קווער־שטאַנג, כדי די באַוועגונג אין אויוון אַריין, הין און צוריק, זאָל צוגייך וואָס שנעלער, וואָס שנעלער... מלאכה אַ סך און די צייט שטייט נישט, מ'קאָן נישט אָניאָגן און „דערליידיקן" די כסדרדיקע „טראַנספּאָרטן", וואָס „מ'פּאַרטיקט אויס" דאָרט אין דער „באָד"... האָבן טאַקע די אויוונס דאָ געאַרבעט אַ קיילעכ־

דיקן מעת־לעת. טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט האָט געדרויכערט דער הוי־כער קוימען און פאַרשפּרייט אַרום און אַרום טשאַד און רויך, טשאַד און רויך... פאַררויכערט די ערד, פאַררויכערט דעם הימל, די שטעט, די מענטשן...

איך פאַרקוק אין שוואַרצן חלל פון איטלעכן אויוון. קענטיק נאָך רעשטלעך צעברעקלטע ביינער, ביסלעך אַש...

לאַנגע, גיהנומדיקע אויוונס. אונטער יעדן אויוון איז פאַראַן אַ קלענע־רער, שמאָלערער אויוון. דאָרט האָט מען עס תמיד געהייצט און דער פלאַם איז געגאַנגען אַרויף צום אויבערשטן אויוון דורך די שמאָלע אייזערנע קראַטעס פון „רוזשט", פון וואָס עס איז באַשטאַנען דער דעק. אויפן דאָזיקן קראַטעס־דעק זענען עס געלעגן די אָנגעוואָרפענע מענטשישע פאַרגאזטע גופים, אַרומגעכאַפּטע פון די אונטערשטע פלאַמען... אַהער האָט מען עס געשליידערט אונדזערע קינדער אויך לעבעדיקערהייט... דאָ איז די לופט פול געוועזן מיט לעצטע געשרייען...

שטייסטו אַזוי אַ פאַרגליווערטער אנטקעגן די אויוונס. אַ פאַרגליווער־טער און אַ שטומער. כאָטש די גרויזאַמע יאָרן האָבן „פאַרהאַרטעוועט", פונדעסטוועגן פילסטו, ווי די קעל איז ווי פון עפּעס אַ ספּאַזם צונויפגע־דריקט. שווייגסטו, ווי עס שוויגן דיינע חברים דערנעבן, ווי עס שווייגן דאָ אַלע... איבעריקנס, צי איז דען פאַראַן אין מענטשלעכן לעקסיקאָן אַזאַ פאַ־סיק וואָרט, וואָס זאָל קאָנען אָנרופן ביים נאָמען דאָס אַלץ, וואָס די אויגן זעען דאָ?... אָט דעם גאַנצן אויסטערלישן אַפּאַראַט, די גאַנצע מאַקאַברישע מאָרד־מעכאַניזאַציע — די „דערפינדונג" פון דער נייסטער דייטשער „וויסנשאַפט"?...

שטייסטו לאַנג, לאַנג ביי די אויוונס אַ שטומער, מיט פאַרפּרעסטע ליפּן. קוקסט, קוקסט אין פינצטערן חלל פון די אויוונס און פאַר די אויגן וויזן זיך שאָטנס... שאָטנס פון היימישע, פון נאָענטע... אָט דאָ טאַקע, אינע־ווייניק אינעם גרויזאַמען חלל זיינען זיי געלעגן אויף די רויט־צעגליטע אייזנס... זיי שטרעקן די הענט... זיי רופן פון די העלישע פלאַמען...

— —

מען רייסט איבער מיין פאַרזונקנקייט: פאַראַן נאָך אַ סך דאָ צו זען. און מיט אַ שטומער קללה רייסן מיר זיך אָפּ פון די אויוונס.

עס פאַלן אַ פּאָר פראַזן:

— אַ שאָד, וואָס עס קומען נישט אַהער די אַלע דיפּלאָמאַטן — „הומאַ־ניסטן", די אַלע דייטשלאַנדס מליצי יושר... וואָס וואָלטן זיי דאָ גערעדט?

ווּעמען וואָלטן זיי דאָ באַדויערט און אויף ווּעמען וואָלטן זיי דאָ רחמנות געהאַט?...

— מאַידאַנעק וואָלט געקאָנט דינען אַלס גלענצנדיקער הייל־אַנשטאַלט פאַר די אַלע, וואָס זענען נאָך אַנגעשטעקט מיט דער היטלעריסטישער אי־דעאָלאָגיע. מ'וואָלט זיי אַלעמען, אַלעמען — עס פעלט נישט ב"ה ווּעמען... — געדאַרפט אַהערברענגען און ווייזן זיי די אויוונס... דאָס וואָלט פאַר זיי זיכער געווען אַ גוטע פּסיכאָטעראַפּיע...

***

אין אַלגעמיינעם מוזיי — אַ סך, אַ סך עקספּאָנאַטן, וואָס זאָגן עדות וואָס מיידאַנעק איז געווען. אין איין חדר אַ גלעזערנער סאַרקאָפאַג מיט מענטשלעכע ביינער אָנגעפּילט. אויבן אויפן דעק פון סאַרקאָפאַג ליגט, ווי אַ פאַרוואָגלטער, דער אונטערשטער קין־טייל פון אַ מענטשלעכן שאַרבן מיט סטאַרטשנדיקע ציין. אונטער אַ גאַבלאָטקע — אַ פּאַסמע פרויען־האָר, וואָס די „העכערע ראַסע" האָט עס צו מאַטראַצן געברויכט; שטיקלעך זייף מיט דער „רעקלאַמירטער" מאַרקע „ר. י. פ." (ריין־יידן־פעטס) און נאָך אַנדערע דייטשישע „דערפינדונגען".

דעם יידישן מאָמענט זעען מיר דאָ — אַ חוץ אין די מאַטעריאַלן און עקספּאָנאַטן פון דער יידישער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע — אין אַ גיפּסענער פיגור פון אַ יידישער פרוי אין מאַידאַנעק, אין לאַגער־הילוך, מיט אַ מגן־דוד אויף דער ברוסט. אַזאַ פּנים לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. אין די אויסגעקרימטע ליפּן — אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל יסורים; אין די אויגן — אונדזער גאַנצער פאָלקס־אומגליק. אויגן, וואָס פרעגן שטום ביי דער וועלט: „פאַרוואָס? פאַרוואָס?" — — —

נישט ווייט אַנטקעגן איז דער יידישער פּאַוויליאָן.

דער פאָדער־חדר איז ממש אַ „קליידער־מאַגאַזין". דאָ ליגן אָנגעוואָרפענע קופּעס היטלען, שוכוואַרג. אויף העכערס הענגען קאָמפּאַקט הויזן, מאַרינאַרקעס מיט פיל־קאָלירטע שאַנד־לאַטעס: געלע, רויטע, ווייסע, גרינע. יעדעס פאָלק האָט דאָ געהאַט זיין שאַנד־לאַטע, זיינע צייכנס און בוכשטאַבן. צייכנס פאַר יידן, פאַר פּאָליאַקן, פאַר פראַנצויזן, פאַר בעלגיער, פאַר רוסן, פאַר האָלענדער ,פאַר טשעכן א. אז .וו. עס דאָמינירט דאָ, פאַרשטייט זיך, דער מגן־דוד...

די אַלע מלבושים האָבן אַ שוידערלעכן אויסזען. גרויע, צעריסענע, גע־

לאַטעטע, טראַנטעס מיט צויטן. דאָס איז עס געווען דער הילוך פון די קרבנות ביי כלערליי עבודת פרך, איידער זיי זענען געגאַנגען צו די גאַז־קאַמערן.

אַ טיפּן רושם מאַכט דער צווייטער לאַגער חדר פון ייִדישן פּאַוויליאָן. אונטער גאַבלאָטקעס — פּאַנטאָפל פון ספר־תורה־פּאַרמעט. אַ פונאַנדער־געוויקלטע יריעה, ווו עס זעט זיך פונקט צווישן די געכתיבהטע אותיות: „זכור את אשר עשה לך עמלק״...

פון אַ וואַנט ציט צו די אויפמערקזאַמקייט אַ גאַנצע סעריע אַקוואַ־רעלן: כאַראַקטעריסטישע גרויל־סצענעס פונעם „לעבן״ אין מאַידאַנעק און אָשוויענטשים. די דאָזיקע אַקוואַרעלן זענען פון דער ייִדישער קינסט־לערין זאָפיע ראָזנשטרויך, וועלכע האָט אַליין דורכגעמאַכט דעם גיהנום פון די ביידע לאַגערן. אין מאַידאַנעק איז זי געווען עטלעכע חדשים און אין אָשוויענטשים גאַנצע צוויי יאָר. דערפאַר טאַקע נעמען דורך אירע אַקוואַ־רעלן מיט זייער רויען, שווידערלעכן רעאַליזם... אַזוי האָט נאָר געקאָנט מאָלן אַ קינסטלערין, וואָס האָט אַליין געאָטעמט מיט יענער לופט, אַליין אַלץ געזען אוממיטלבאַר, אַליין געפיבערט צווישן לעבן און טויט.

מיט טיפן טרויער ווייעט עס פון סימבאָלישן קבר אויבן־אָן אין פּאַווי־ליאָן; פון דער ווייסער מצבה מיטן באַרעליעף פון דער צער־פולער מאַמע רחל; פון דער טראַדיציאָנעל־ייִדישער מנורה פון אויבן. עסריידן אַראָפּ פון דער מצבה צו יעדן ייִד די באַקאַנטע ווערטער: „רחל מבכה על בניה״...

**
*

באַלד ביים טויער פון לאַגער איז אין אַ באַראַק איינגעאָרדנט אַ קינאָ. קלאָר, אַז נישט צום אַמוזירן זיך...

אין „זאַל״ — אַ געמישטער עולם. מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן. גרופּעס לערן־יוגנט. עס וואַרפן זיך אין די אויגן קלויסטער־שוועסטערס און אַ גלח אין אַ שוואַרצער סוטאַנע. אדרבה, זאָלן זיי קומען אַהער וואָס מער, די גלחים, און אַראָפּלערנען אַ מוסר השכל... אַ מצווה וואָלט געווען, ווען מען לאַדט אויך איין אַהער טאַקע דעם פּוילישן קאַרדינאַל הלאָנד. ווען ער קוקט אָן מאַידאַנעק, וואָלט ער אפשר נאָכדעם אַנדערש גערעדט...

דאָ ווערט דעמאָנסטרירט אַ דאָקומענטאַלער פילם וועגן די דייטשישע גרויזאַמקייטן אין פּוילן (צי דאָס בלויזע אָנקוקן מאַידאַנעק איז נאָך ווייניק?...). אַלע קוקן ערנסט, פאַרטיפט, שווייגנדיק. דער פילם פאַרענדיקט

זיך מיטן משפט איבער אַ גרופּע דייטשע סאַדיסטן פון מאַידאַנעק אין אַ פּוילישן געריכט. דאָ אין געריכט, פאַרשטייט זיך, זיגט די גערעכטיקייט און די שולדיקע באַקומען זייער פאַרדינטן פּסק. אָבער די וועלט? די וועלט? וויפל היטלעריסטישער גיפט האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, הגם די ברוינע בעסטיע איז שוין באַזיגט?...

**
*

מיט געזונגענע קעפּ פאַרלאָזן מיר מאַידאַנעק — דעם אייביקן דענק־מאָל פון שאַנד פאַר דייטשלאַנד, פאַר די קינס פונעם „הערן־פאָלק"...

לובלין, 1946

אין מאַידאַנעק

אין יידישן פּאַוויליאָן, ביים סימבאָלישן קבר רחל



פון פאָרנט: צווייטער — אַ. אייזען, דריטער — אַבּרהם זאַק, פינפטער — די מאָלערין זאָשע ראָזענשטרויך, זעקסטער — לייב אָליצקי.

אַ ליטעראַרישע נסיעה

(פוילן אין 1946)

1

קראָקע

די נסיעה איבער די ייִדישע ניי־אויפגעקומענע ישובים אין פוילן האָט פּאַראייניקט אַ גרופּע שרייבער אַרום איין ציל: באַקענען זיך מיטן ייִדישן לעבן אין פוילן. ווי לעבן און וואָס טראַכטן ייִדן אין די איצטיקע טעג — אין די טעג, וואָס נאָך דעם גרויליקן היטלער־קאָשמאַר?

פינף זענען מיר געווען: חיים גראַדע, לייב אָליצקי, ישראל אַשענדאָרף, שמערקע קאטשערגינסקי און דער שרייבער פון די שורות. אונדזער איני־ציאַטיוו איז געוואָרן געשטיצט געוואָרן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון ייִדן אין פוילן. מיר באַקומען פון צ. ק. אַ פּלאַן פון דער נסיעה.

ווי עס לאָזט זיך באַנוצן מיר זיך מיט דער לופט־קאָמוניקאַציע: צום גליק האָבן זיך נאָך די „נ. ס. ז.״־לייט1) נישט דערטראַכט צו קיין מיטל, ווי אַזוי אַרויסצושלעפּן ייִדן פון אַ פליענדיקן אַעראָפּלאַן...

די ערשטע שטאָט, וואָס מיר באַזוכן, איז קראָקע. אַהין זענען מיר טאָקע פון וואַרשע געפלויגן מיט אַ „דוגלאַס״. דער מאָטאָר האָט געררוישט און פאַרשריען די מחשבות. טיף, טיף אונטן זענען געשוווּמען די לאַנד־שאַפטן, די דערפער און שטעט מיט די מיניאַטור־הייזלעך; די שאָסייען, די־נינקע ווי ווייסע לענטעס, די טייכלעך ווי זילבערנע שניר אין זיגזאַגן.

נאָך אַ שעה מיט אַ פערטל דורך די בלויע הויכקייטן האָבן מיר זיך

---

1) אַ יודאָפאָבישע שאָוויניסטישע גרופּירונג אין פוילן.

אַראָפּגעלאָזט אין דער וואַועל־שטאָט. דער אויטאָ פון „לאָט״ ברענגט אונדז פון פלי־פעלד אין שטאָט אַריין. עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע, וואָס אין אַלע שטעט פון נאָכמלחמהדיקן פוילן: מיר גייען דורך אַ היפּש ביסל גאַסן, איידער מיר טרעפן אַ ייִדיש פּנים...

מיר דערפרעגן זיך צום וואָיעוואָדישן קאָמיטעט.

עס נעמען אונדז אויף קאָמיטעט־מיטגלידער מיטן פאָרזיצער פון דער קולטור־אָפּטיילונג. דאָ ביים קאָמיטעט איז אויך די היסטאָרישע קאָמיסיע. די היסטאָרישע קאָמיסיע אין קראָקע אַרבעט זייער ענערגיש. ביז איצט האָט זי שוין אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי ביכער־דאָקומענטן וועגן ייִדישן חורבן און אומקום אין די געטאָס פון קראָקע און אַנדערע שטעט; וועגן די דייטשישע לאַגערן און טויט־פאַבריקן. אין קראָקאָווער געטאָ האָט אויך גע־לעבט און געשאַפן זיינע לידער און מעלאָדיעס דער קראָקאָווער ייִדישער פאָלקס־דיכטער מרדכי געבירטיג, וועלכער איז אין 1942, בעת אַן „אויס־זידלונג״, אויפן וועג קיין בעלזשעץ דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשישע תּלינים. די קראָקאָווער היסטאָרישע קאָמיסיע האָט טאַקע לעצטנס אַרויס־געגעבן געבירטיגס אַ זאַמלונג געטאָ־לידער א. נ. „ס׳ברענט״.

אגב: נאָך דעם זעלביקן טאָג ווערן מיר געוואָר, אַז פון דעם צוג, וואָס איז היינט אָנגעקומען פון וואַרשע, האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ ייִד און אים „פאַרטיק געמאַכט״...

מיר האָבן געהאַט, הייסט עס, נסים און דאַרפן בענטשן דעם „דוגלאַס״.

ס׳איז געווען פּונקט ערב יום־כּפּור און פאַרנאַכט זענען מיר געגאַנגען אין טעמפּל צו „כּל נדרי״. די דייטשן האָבן דעם טעמפּל אפּנים „פאַרזען״ און ער איז געבליבן גאַנץ. אַז מיר זענען אַריין אינעווייניק, האָט אונדז אַ בלענד געטאָן א ים ליכט: פאַרנט אַרום דעם ארון קודש און אויף לאַנגע טישן. ביי אין וואַנט אויף דער פּאָדלאָגע — עטלעכע לאַנגע, לאַנגע שורות ליכט. אַ געדאַנק טוט אַ בליץ: ליכט נאָך די נשמות פון אונדזערע קדושים... נאָך די זעקס מיליאָן קדושים...

עס איז געוואָרן געדיכט פון מענטשן. זקנים זעט מען ווייניק — היט־לער האָט זיי אויסגעשאָכטן... צווישן געמישטן עולם זעען זיך אויך ייִדישע אָפיצירן פון דער פּוילישער אַרמיי מיט אָרדנס אויף דער ברוסט. פול איז אויך אויבן אין דער פרויען־גאַלעריי.

נאָכן שטימונגספולן „כּל־נדרי״ זענען מיר שפּעטער אויך אַריין דער־נעבן אין אַ חסידיש שולכל. דאָ איז דער נוסח שוין אַן אַנדערער, ווי אין די

אַלטע פאַרמלחמהדיקע צייטן צווישן חסידים. די „יעלה׳ס״ האָבן דאָ געהאַט דעם עכט־חסידישן ברען.

מיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אַ ייִד, נאָך ניט קיין אַלטער, אין אַ טלית און זילבערנער עטרה. נעבן אים אַ קליין באַפּיאהט ייִנגעלע, וואָס האָט מיטגעדאווענט מיטן טאַטן פון איין מחזור. דאָס געלע פאַרדבקהטע פּנים פונעם ייִד, זיין התלהבותדיק „זאָגן״ די תפילות, די פרום־גלאַנציקע אויגעלעך פונעם ייִנגעלע — דאָס אַלץ האָט מיך דערמאָנט אָן די לייוונטן פון אַ ווייַנלעז, צי פון אַ טרעמבאַטש.

**
*

מיר פאַרברענגען עטלעכע טעג אין קראָקע און האָבן גענוג צייט צו באַקענען זיך מיט דער אַלט־פּוילישער שטאָט. אַזוי פיל הייליקע גאַסן! „שוויענטעי אננע״, „וושיסטקיך שוויענטיך״, „באָזשעגאָ ציאַלאַ״, „שוויענטעגאָ יוזעפאַ״, „שוויענטעגאָ יאַקובאַ״. און קלויסטערס, קלויסטערס! אַזוי פיל גאָטישע טורעמס! היינט דער וואַוועל מיט זיין קאַטעדראַלע. מיר באַזוכן דעם וואַוועל מיט זיינע אַלע היסטאָרישע דענקמעלער. מיר אָטעמען מיט דער לופט פון דורות. אין איינעם פון די קאַטאַקאָמבן שטייען מיר פאַר די סאַרקאָפאַגן פון מיצקעוויטש און סלאַוואַצקי. מיר שרייבן אָן אונדזערע נעמען אויף מיצקעוויטשעס סאַרקאָפאַג — אויף ייִ ד י ש ! אפשר וועט עס אַנדערע באַזוכער „שאָקירן״?... מילא, דערצו האָבן מיר קיין עצה נישט.

אויך אַ ריי נעמען פון ייִדישע גאַסן דערציילן פון ייִדישער איינגעוואָרצלטקייט אין קראָקע, אין דעם שטאָט־טייל „קאַזימיעזש״: קוז־מאַרק, אסתר־גאַס, ראַבינער מייזעלס־גאַס, בערעק יאָסעלעוויטש־גאַס און אַנד. די ייִדן, וואָס געפינען זיך איצט אין קראָקע — עטלעכע טויזנט — ריידן מיט אַ באַזונדערן סענטימענט וועגן זייער שטאָט. פון אַלע עקן האָבן זיי זיך אַהער געריסן מיט זייער בענקשאַפט. זיי זענען ממש פאַרליבט אין דער געמיטלעכער שטאָט, אין אירע גאַסן און „פּלאַנטן״, אין זייער „קאַזימיעזש״. אָבער צוריקקומענדיק האָבן זיי שוין נישט געפונען זייער אַמאָליקן „קאַזימיעזש״ מיט זיין לעבן, מיט זיינע ייִדן. אין „קאַזימיעזש״ איז די געטאָ געווען און אין געטאָ זענען פאָרגעקומען „אַקציעס״, און די קראָקאָווער ייִדן זענען ביסלעכוויַז „אויסגעזידלט״ געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס פון פּלאַשאָוו און אַנד. טויט־לאַגערן.

אונדזער באַגעגעניש מיטן קראָקאָווער ייִדישן עולם — דער אויטאָרן־

פרימאָרגן — איז פאַרגעקומען אין איינשטיין־זאַל און איז אַדורך אין אַ זייער פייערלעכער שטימונג. דער זאַל איז געווען פול איבער די ברעגעס. עס זענען געקומען ייִדן פון אַלע ריכטונגען, פון אַלע פּאַרטייען. נאָך די באַגריסונגס־ווערטער מצד די פאָרשטייער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע (מיכאל באָרוויטש, יוסף וווּלף און אַנד.) אין וואָיעוואָדישן קאָמיטעט האָט יעדער פון אונדז רעציטירט פון זיינע שאַפונגען. די האַרציקייט און וואַרעמקייט איז געווען אַ קעגנזייטיקע.

אַ באַגעגעניש האָבן מיר אויך געהאַט אין אָוונט — טאַקע אין איינשטיין־זאַל — מיט דער ייִדישער יוגנט, דאָס רוב פון די קיבוצים. אַרום לאַנגע געדעקטע טישן האָט מען פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווידער דאָס אייגענע: באַגריסונגען, רעדעס, אַ פּאַטעטישע אימפּראָוויזאַציע פון חיים גראַדע און לסוף — לידער! פאָלקס־לידער, חלוצישע לידער. געטאָ־לידער. דאָ האָט געגעבן דעם טאָן דער צעזונגענער שמערקע קאַטשערגינסקי. ער האָט פאָרגעזונגען און דיריגירט מיטן זאַל. דאָס געזאַנג האָט זיך פאַרענדיקט מיטן פּאָפּולערן בטחון־ליד פון ווילנער געטאָ: „זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

אַלע זינגען. אַלע זענען אָנגעצונדן מיט איין האָפענונג, אַז נאָך דעם שווידערלעכן פאָלקס־אומגליק וועט נאָך ווידער אויפשיינען אונדזער זון, אַז ווידער וועט זיך צעבליִען אונדזער חרוב לעבן...

ווייל —

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג" — — — — — — —

***

אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן אָוונט — דער געזעגענונגס־אָוונט — האָבן מיר געהאַט אין קראָקאָווער ייִדישן קינדער־אינטערנאַט.

אין דער מסיבה פון קינדער זענען מיר אַלע געווען ממש גערירט. דאָ זענען פאַראַן קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, אָנהייבנדיק פון קליינוואַרג, פון „קינדער אין די וויגן" ביז 16 יאָר. דאָס רוב קינדער זענען געבראַכט געוואָרן פון סאָוויעט־רוסלאַנד. טייל האָט זיך געראַטעוועט אין פּוילן אויף דער „אַרישער זייט", אין קלויסטערס און ביי גוטע אידעלע פּאָליאַקן (געווען וויניק, זייער וויניק; אָבער דאָך געווען אַזעלכע פּאָליאַקן!). אַצינד זענען זיי אין אַ ייִדישער וואַרעמער, ליכטיקער היים, אונטער זאָרגפולער אויפזיכט פון לערער און דערציער.

מיר באַקוקן דעם אינטערנאַט — ס'איז ממש אַ מוסטער־אַנשטאַלט. אַ גרויסע שיינע ווילע, אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ, ספּעציעל צוגעפּאַסט פֿאַר אַ קינדער־אינטערנאַט. ליכטיקע קלובן, שלאָף־צימערן, וואַש־און באָד־צימערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, ריזיקע טאַראַסן מיטן אויסבליק אויף דער ווייסל.

מיר פֿאַרברענגען מיט די קינדער אַ היפּשע צייט. מ'רעדט פֿאַר זיי, מ'דערציילט פֿאַר זיי, מ'זינגט מיט זיי צוזאַמען. די קינדער זענען גליקלעך, די אייגעלעך גלאַנצן. אַ שאָד נאָר, וואָס אַ טייל פֿון זיי פֿעלט נאָך דאָס ייִדישע לשון: דאָס האָט גורם געווען די פֿרעמדע סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געמוזט לעבן אַ לענגערע צייט.

דער דאָזיקער ליבער אָוונט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן מיט טענץ. דאָס האָט אַ פֿיר־יעריק ייִדיש באַגאַבט מיידעלע אויסגעטאַנצט פֿאַר אונדז אַ ריי טענץ: אַזוי קינדיש־באַחנט, אַזוי ריטמיש און צאַרט! מיר זענען אַלע געווען טיף גערירט.

ייִדישע קינדערלעך! ווייסע, אומשולדיקע נשמהלעך! וואָס האָט פֿון אייך געוואָלט די ווילדע היטלער־בעסטיע? פֿאַרוואָס האָט מען אייך געשליידערט לעבעדיקערהייט אין די פֿלאַמען פֿון די קאַלך־אויוונס? — — —

2

אויבער - שלעזיע

אַ פּוילסירנדיק, אינדוסטריאַליזירט געביט איז אויבער־שלעזיע. קאַטאָוויץ מיט די אַלע שכנותדיקע שטעט — מיסלאָוויץ, סאָסנאָוויץ, כאָזשוו, ביטאָם, ביעלסק און אַנד. — דאָס איז אַ וואַלד פֿון הויך־סטאַרטשנדיקע פֿאַבריק־קוימענס. כמעט אַלע קוימענס רויכערן שוין. דאָ אין אויבער־שלעזיע איז דער צענטער פֿון דער קוילן־אינדוסטריע — די „שוואַרצע דיאַמאַנטן", וואָס אין מלחמה־צייט זענען זיי אָפּט דאָס צינגל פֿון דער וואָג־שאָל: נצחון אָדער מפּלה, און אין פֿרידן־צייט דעצידירן זיי וועגן דער ווירטשאַפֿטלעכער אויפֿלעבונג אָדער ירידה פֿון אַ לאַנד. נישט אומזיסט זענען די קוילן־געביטן אָפֿט דער „קאַזוס בעלי" אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אויך די טעקסטיל־אינדוסטריע און די מעטאַלורגיע זענען דאָ זייער פֿאַרצווייגט.

דאָס דאָזיקע געביט איז אַרויס פון דער מלחמה לפי ערך מיט „גאַנצע ביינער״. זעלטן טרעפט מען דאָ חורבות. די דייטשן האָבן פאַרשפּעטיקט מיט זייער צעשטערערישער אַרבעט. אויב מען טרעפט וווּ־ניט־וווּ אַ חורבה פון אַ פאַבריק אָדער וואָקזאַל, איז עס גיכער צוליב די לופט־אָנפאַליען פון די אַליאירטע.

פאַר דער מלחמה האָבן דאָ ייִדן אין אַלע שטעט פאַרנומען אַ זייער אָנגעזעען אָרט אין האנדל און אין דער אינדוסטריע. איצט אָבער... איצט איז דאָס ייִדישע לעבן אין אויבער־שלעזיע אַ מיניאַטור לגבי דעם, וואָס געווען. איבעריקנס, דאָס לאָזט זיך דאָך זאָגן וועגן אַלע שטעט אין נאָכמל־חמהדיקן פּוילן.

אונדזערע ליטעראַרישע אָוונטן זענען אין אויבער־שלעזיע אַדורך אין אַ געהויבענער שטימונג. באַזונדערס וואַרעם איז אַדורך דער אָוונט אין ביעלסק. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט לענטעס — מיט באַגריסונגען פאַר די פאָרשטייער פון דער ייִדישער שרייבער־משפּחה. עס זענען געקומען אַפילו ייִדן, וואָס זענען פאַר דער מלחמה געווען פאַררעכנט פאַר אַסימיליאַטאָרן. איצט, נאָכן היטלעריסטישן בלוט־מבול, ציט עס זיי צו ייִדן און ייִדישקייט.

אומעטום רעדט חיים גראַדע אין זיין אַריינפיר וועגן דער שליחות פון שרייבער אין דער היינטיקער צייט. ער פירט דורך אַנאַלאָגיעס צווישן פאַרשיידענע עפּאָכעס אין דער ייִדישער געשיכטע מיט אונדזערע היינטיקע טראַגישע טעג. זיינע ווערטער בליצן מיט פונקען פון בטחון, מיט גלויבן אין נצח ישראל...

ישראל אשענדאָרף פירט אויס אויף אונדזערע אָוונטן די ראָל פון אַ „קאָנפעראַנסיע״ און גיט אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק וועגן איטלעכן שרייבער באַזונדער פאַר זיין אויפטריט.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער באַנקעט אין ביעלסק. דאָ זענען געווען פאַרשטייער פון אַלע שיכטן און פון אַלע ריכטונגען. אַרבעטער און אינטעליגענץ. עס האָבן גערעדט צוויי. אַנדערן אויך געוועזענע אַסימילאַטאָרן אין אַ צעקאַליעטשעטן דייטשמערישן ייִדיש. און אַז כטוב לב המלך ביין האָבן זיי האַרציק געזונגען צוזאַמען מיט אַלעמען ייִדישע לידער.

צווישן די געסט אויפן באַנקעט איז אויך געווען איינער אַ פּאָליאַק — דער פאַרוואַלטער פון אַ מלוכהשער שול. בעתן געזאַנג איז ער אַזוי מיטגעריסן געוואָרן, אַז ער האָט אויך גענומען מיטזינגען אַ רעפריין פון אַ ייִדיש פאָלקס־ליד...

כּדאַי אויך צו פאַרצייכענען אַ קוריאָז, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט:

פון קאַטאָוויץ קיין ביעלסק זענען מיר געפאָרן מיט אַ קאַמיאָן פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט. בעת מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ וואַלד, האָט זיך פלוצלונג דערהערט אַ געדיכטע שיסעריי. מיר זענען זיכער געווען, אַז שוין... מיר מעגן שוין אָפּזאָגן ווידוי... מיר האָבן זיך אַלע אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּאָדלאָגע פון קאַמיאָן, וואָס איז אַגב געווען ווייס פון מעל, וואָס מ׳האָט דאָ פריער געפירט... דער שאָפער האָט געלאָזט די מאַשין מיט פאַרגרעסערטער שנעלקייט. ס׳האָט יעדער פון אונדז תפילה געטאָן, אַז דער שאָפער זאָל כאָטש נישט כאַפּן קיין קויל... די שיסעריי האָט געדויערט ביז מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד.

אויף דער ליטעראַרישער נסיעה

די שרייבער מיטן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו אין ביטאָם. עס זיצן, פון רעכטס: אברהם זאַק, לייב אָליצקי, חיים גראַדע, דער לעצטער זיצנדיקער — ישראל אַשענדאָרף, לעצטער לינקס — שמערקע קאטשערגינסקי

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון פּאָדלאָגע און צווישן אונדז איז גע־גאַנגען אַזאַ גערייד:

— האַ, וואָס זאָגט איר?

— מיר מעגן גומל בענטשן...

— סטייטש? ווי אַזוי האָט דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט געוואגט אונדז צו שיקן אויף אַזאַ סכנהדיקן וועג?

— אומדערהערט!

— הפקרות!

— נאָך מעשה־קעלץ וואָלט עס געווען אַ נייע „סענסאַציע" ביי ייִדן אין פּוילן: אומגעבראַכט פינף שרייבער...

אין מיטן פאָרט דער קאַמיאָן ווידער אַריין אין אַ וואַלד. און עודך — ווידער אַ שיסעריי...

און ווי קאַלעמוטנע עס איז נישט געווען אויפן האַרצן, רוף איך אויס מיט אַ ניגון — ווי אַ „קאָמאַנדע":

— ואַ־נח־נו כור־עים!...

אַלע האָבן זיך ווידער געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע און זיך געטו־ליעט, געטוליעט, זוכנדיק אַ שוץ... דאָס מאָל האָב איך נישט געהאַט קיין גוט־סטראַטעגישע „פּאָזיציע", ווייל כ'האָב זיך אַ לייג געטאָן אויף אַ גרויסן רעזערוו־ראָד פון קאַמיאָן. צו הויך. די בעסטע „פּאָזיציע" האָט געהאַט חיים גראַדע, וועלכער האָט זיך געטוליעט מיטן קאָפּ צו דער סאמע פּאָדלאָגע. דערפאַר, בעת מ'איז אַרויסגעפאָרן בשלום פון וואַלד און די שיסעריי האָט אויפגעהערט, האָט גראַדע אויסגעזען ווי אַ פאַר־שטעלטער — אינגאַנצן אַ פאַרמעליקטער...

— נו, וואָס?

— אַזאַ נאָנטע שיסעריי... מסתמא פון ברעג וואַלד...

— וואָס זאָגט איר, האַ?...

מיר קוקן זיך אָן און דריקן מיט די אַקסלען.

— וואָס איז דאָ פאָרט געשען?

— קיין קוילן אָבער האָט מען נישט געהערט פייפן...

דער סוד איז אונדז אויפגעקלערט געוואָרן, ווי נאָר מיר זענען אָנ־געקומען אין ביעלסק.

— וואָס זאָגט איר, פּאַניע, צו דער שיסעריי? „נ. ס. ז.", האַ?... — פרעגן מיר דעם שאָפער.

ווי אַן ענטפער האָט ער אַרויסגענומען פון טאַש אַ רעוואָלווער:

— זאָלן זיי וואַגן!...

ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען זיין מלאכה... ווי נאָר ער פאָרט אַריין אין אַ וואַלד, הויבט ער אָן צו שיסן: זאָלן זיי וויסן, אַז עס איז פאַראַן געווער... אַז גלאַטיק וועט זיי נישט אָפּגיין...

מיר האָבן זיך אַלע פאַרשעמט אָנגעקוקט איינע די אַנדערע און קיי־נעם די מעשה נישט דערציילט: מיר האָבן זיך געשעמט... און קיין גומל האָבן מיר אויך נישט געבענטשט...

מיר האָבן זיך געקריגט מיטן שאָפער, וואָס ער האָט אונדז פריער נישט געוואָרנט וועגן דער שיסעריי. אָבער ס׳איז דאָך שוין געווען לאחר המעשה...

אונדזער טורנע איבער אויבער־שלעזיע איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ זייער געמיטלעכן באַנקעט אין קאַטאָוויץ. עס האָבן גערעדט פאַר־טרעטער פון אַלע ריכטונגען. עס האָבן גערעדט די שרייבער. לסוף איז מען, ווי דער שטייגער אויף באַנקעטן, אַריבער צו געזאַנג. און ווי אומעטום האָט אויך דאָ דאָמינירט דאָס געטאָ־ליד מיט זיינע טענער פון בטחון:

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״ — — —

3

אַ „שפּאַציר״ איבער אָשוויענטשים און בירקענאַו

אויבער־שלעזיע איז אויך די ערד, ווו עס האָבן זיך געפונען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע די באַרימטע לאַגערן אָשוויענטשים און ביר־קענאַו — דער קבר פון העכער פינף מיליאָן מענטשן. דאָס רוב ייִדן, פאַר־שטייט זיך...

פון ביעלסק לאָזן מיר זיך מיט אַ באַזוך — צו יענעם ריזיקן קבר...

מיר פאָרן צו מיט אונדזער אויטאָ האַרט פאַרן טויער פון אָשוויענ־טשים.ביים טויער שטייט אַ וואַך. דאָ געפינט זיך איצט אַ מיליטערישע קאָמאַנדע, וואָס היט אָפּ דעם לאַגער. צוויי מיליטער־לייט נעמען זיך אונדז פירן איבער דעם אויסטערלישן „ישוב״. די דאָזיקע פירער אונדזערע זיי־נען טאַקע אַליין געווען „תושבים״ דאָ אינעם לאַגער, בעת דער היטלעריס־טישער ממשלה און זיי זיינען גוט באַהאַוונט אין די אַלע פּרטים.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, זיינען די עטלעכע־

פּאַכיקע דראָט־פּאַרצוימונגען. עס ווייסלט זיך נאָך פון זיי אַרויס אַ גע־דיכטע נעץ פון די עלעקטרישע פּאָרצעלייענע קעפּלעך. ווער עס האָט זיך נאָר צוגערירט צו די דראָטן, איז באַלד אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון עלעקטרישן שטראָם.

מ׳ווייזט אונדז צוערשט, פּאַרנט, די גאַז־קאַמערן, וואָס זיינען טעטיק געווען נאָר אין ערשטן פּעריאָד. שפּעטער איז די דאָזיקע „טויט־פּראָ־דוקציע" אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין שכנותדיקן בירקענאַו. די קאַמערן זעען אויס ווי טויבע, אָנפּענצטערדיקע קאַזעמאַטן, הערמעטיש פאַרמאַכ־טע. דערנעבן זיינען אויך געווען קאָנסטרויִרט עטלעכע ריזיקע אויוונס, ווו מ׳פלעגט פאַרברענען די פאַרגאַזטע קערפּערס. די אויוונס זיינען דורך די דייטשן צעשטערט געוואָרן, אָבער די טיילן פון זיי — די אַלע אייזנס און מאַסיווע טירלעך, די וועגעלעך מיט די טרומנע־פאָרמיקע שופלעס פאַר מענטשישע גופים — דאָס אַלץ וואַלגערט זיך נאָך דערנעבן.

אין פאָדערשטן חדר איז אָנגעוואָרפן אַ ריזיקע קופּע פון הילצערנע טרומנעס. היתכן? מיט וועמען האָבן זיך עס דאָ די דייטשן „צערעמאָ־ניעט" מיט טרומנעס און לוויות?

די מעשה איז אַזאַ:

בעת דער באַפרייאונג האָט מען אין לאַגער געפונען אַ גרעסערע צאָל שווער־קראַנקע, וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן צו ליקווידירן. הגם מ׳האָט אָנגעווענדט אַלע שריט, כדי צו דערהאַלטן די קראַנקע ביים לעבן, איז פונדעסטוועגן אַ גרויסער טייל פון זיי טאָג־טעגלעך אויסגעשטאָרבן. פאַר די דאָזיקע מתים האָט מען עס געליפערט אַהער אַ סך טרומנעס און פון די דאָזיקע טרומנעס איז עס דאָ געבליבן אַ רעשטל.

מיר לאָזן זיך גיין ווייטער. לאַנגע גאַסן. דאָס רוב געמויערטע בלאָקן, כמעט אַלע געוועזענע קאַזאַרמעס: פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען אַ מי־ליטערישער לאַגער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מאַידאַנעק איז אין פאַרגלייך מיט אָשוויענ־טשים אַ „פּראָווינץ", אַן „אָפּגעשטאַנענער" מקום: ווייס איך וואָס, בלויז הילצערנע באַראַקן זענען דאָרט פאַראַן און בלויז אַ „נישטיקע" קנאַפּע צוויי מיליאָן מענטשן זיינען דאָרט פאַרניכטעט געוואָרן; אָבער דאָ — אַ שטאָט מיט גאַסן! דערצו איז דאָך דאָ אויך די „פּרעקווענץ" געווען אַ פּיל גרעסערע: ווי שוין דערמאָנט, העכער פינף מיליאָן!...

אָשוויענטשים איז געווען דער הויפּט־לאַגער, וואָס האָט געהאַט אונ־טער זיך אַ גאַנצע ריי נעבן־לאַגערן. דער גרעסטער נעבן־לאַגער איז ביר־

קענאו, לערך איין קילאָמעטער דערנעבן. דער שטח פון דיביידע לאַגערן פאַרנעמט עטלעכע און פערציק קוואדראט־קילאָמעטער. ביים פונאנדער־בויען די ביידע לאגערן האָט מען אָפּגערוימט לערך אַ צענדליק דערפער.

מ׳ווייזט אונדז געגוי דאָס אָרט, ווו די טראנספּאָרטן פלעגן טאָג־טעג־לעך ווערן אויפגענומען צו דער „סעלעקציע”: ווער „רעכטס”, ווער „לינקס”, ד. ה. מי לחיים, מי למות.

אָט איז דאָס טויער מיט דער באַקאנטער פערפידישער אויפשריפט „ארבעט מאַכט פריי”. איצט ווייסט שוין די גאַנצע וועלט, וואָס ביי די דייטשישע תלינים האָט געהייסן „מאכן פריי”... אין סך־הכל האָבן זיי „פריי געמאַכט” העכער אַ דריטל פון אונדזער פאָלק...

מיר באַקוקן אַ ריי בלאָקן. יעדער בלאָק האָט געהאט זיין באַשטימונג: „שפּיטאָל”, „קאראנטין”, „אמבולאטאָריע” א. א. וו. אָט איז דער בלאָק פאַר „עקספּערימענטן”. דאָ האָבן די דייטשישע געלערנטע אַדורכגעפירט כלער־ליי אָפּעראַציעס און עקספּערימענטן איבער לעבעדיקע מענטשן, ווי איבער קרוליקעס. וויפל פלעגן עס בלייבן טויט אונטער די מעסערס פון די דייטשישע „הומאניטארע” פּראָפעסאָרן...

און אָט איז דער באַרימטער „בלאָק פון טויט”. דאָ האָט מען ייִדן אין די שווערע טויזנטער געטויט דורך איניעקציעס. אַן איינשפּריצונג אין ברוסט און — פאַרטיק!

מען ווייזט אונדז אויך די אזוי־גערופענע „בונקערס”. דאָס זענען אונ־טערערדישע קאַזעמאטן, קאַרצערס. לאַנגע, לאנגע קאָרידאָרן און פון ביידע זייטן — צעלן, צעלן. אונטערן סופיט איז אין יעדער צעלע פאראן אַ פענצ־טערל, וואָס איז פאַרשטעלט מיט אַ בלעך פון טאָג־שיין. דאָ אין די צעלן פלעגט מען האַלטן מענטשן וואָכן און חדשים פאַר עפּעס אַ „חטא”.

צום שוידערלעכסטן איז דער „שטיי־בונקער”: אַ קליינע צעלע און ביי דער וואַנט איז איינגעריכטעט אַזאַ מין אייזערנער שטיי־קאַסטן, ווי אַ פאַ־ראַוואַן. אינעווייניק איז דער רוים צעטיילט דורך אייזערנע ווענטלעך אין פיר טיילן — פאַר פיר מענטשן. די „פאַרשולדיקטע” פלעגן אַהין אַריינגע־פירט און פאַרשלאָסן ווערן — אַזוי אַז אפילו איינבויגן זיך איז דאָרט פּשוט אוממעגלעך געוועז. דאָרט פלעגט מען האַלטן די מענטשן גאַנצע מעת־לעתן און אַמאָל וואָכן. נאָכן ענדיקן דעם טערמין פלעגט מען אַרויסנעמען פון „שטיי־בונקער” אָדער פאַרחלשטע, אָדער טויטע...

אויף די ווענט פון די צעלן, אויף די סופיטן זעט מען דאָ און דאָרט

אויפגעשריבענע אָדער אויסגעקריצטע נעמען פון די קרבנות. רירנד איז אין איין צעלע אַ זייער פּרעציז קריסטוס־בילדל, אויסגעקריצט מיטן נאָגל אויף דער וואַנט. זעט אויס, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַ קינסטלער, וועמען עס איז באַשערט געווען צו טיילן דעם גורל פון די מיליאָנען קדושים. דאָס האָט אפנים דער קינסטלער אין זיין פאַרצווייפלונג אַרויסגערופן אין דער צעלע דאָס געשטאַלט פון זיין פאַרגעטערטן דערלייזער און צו אים תפילה־געטאָן...

אין שכנות פון די בונקערס איז „די וואַנט פון עקזעקוציעס". דאָס איז אַ טויבע דיקע ציגל־וואַנט צווישן צוויי בלאָקן. דאָ פלעגט מען אויסשטעלן גאַנצע פאַרטיעס פאַרמשפטע און פון אַנטקעגן פלעגט אַ האָגל טאָן מיט קוילן פון אויטאָמאַטן. „פאַרמשפטע"?! עס קלינגט אויסטערליש. צי האָבן זיך דען די דייטשן געגויטיקט אין משפטים, כדי צו קאָנען טרייבן זייער מאָרד־קאָמבינאַט? זענען דען די אַלע מיליאָנען קרבנות אַדורכגעגאַנגען די פּראָצעדור פון אַ געריכט? אָבער זעט אויס, אַז אַמאָל, משום ספּאָרט, פלעגט זיך זיי פאַרגלוסטן אַדורכפירן איבער אַ גרופּע קרבנות אַ געריכט־ספּעקטאַקל מיט אַ „פאָרמעלן" טויט־אורטייל. און דאָ ביי דער דאָזיקער וואַנט איז עס פאָרגעקומען דער טראַגישער פינאַל פון דעם טייוולאָנישן ספּעקטאַקל...

די דאָזיקע וואַנט איז איצט דעקאָרירט אין שוואַרצן. אין דער מיט אַ סימבאָלישער קבר. און בלומען, בלומען. אַ סך בלומען.

אין אָשוויענטשים וועט אין גיכן געעפנט ווערן אַ מוזיי. אָבער דער ייִדישער פּאַוויליאָן מוז דאָ דאָמינירן: דאָס קומט דאָך אונדז על פּי יושר לויטן פּראָצענט פון אונדזער פאַרגאָסענעם בלוט — — — —

פאַרן פאַרלאָזן די טעריטאָריע פון לאַגער זעען מיר ווי עטלעכע דייטשקעס שטופּן אַ וועגעלע. זיי אַרבעטן דאָ. זיי ריידן הויך און שמייכלען האָפערדיק.

יאָ, זיי מעגן שמייכלען. זיי האָבן אין דער וועלט אַ סך גוטע פריינט, וואָס זאָרגן פאַר זיי און נעמען זיך איצט אָן זייער „קריוודע", נעבעך.

**
*

אויב אָשוויענטשים האָט אָפיציעל געטראָגן דעם נאָמען פון אַן אַר־בעטסלאַגער, איז בירקענאַו געווען פאַקטיש בלויז אַ טויט־לאַגער. די אַלע, וועלכע זענען פאַרבליבן אין בירקענאַו, זענען פריער אָדער שפּעטער גע־

גאַנגען אין אויוון אַריין. דאָ זענען געווען גאַנצע פֿינף קרעמאַטאָריעס פֿון גאָר אַ גרויסן פֿאַרנעם. די גאַז־קאַמערן זענען דאָ געווען ריזיקע, קאָנסטרויִרט אונטער דער ערד. פֿון אויבן איז נאָר געווען אַ בערגל, פֿאַרוואַקסן מיט גרינעם גראָז. אין די דאָזיקע גאַז־קאַמערן פֿלעגט מען אַרייַנשטופּן העכער צוויי טויזנט קרבנות מיטאמאָל.

געציילטע טריט פֿון די קרעמאַטאָריעס זענען מיר באַן־רעלסן. דאָ ענדיקן זיי זיך. אַהער פֿלעגן צופֿאָרן די עשאַלאָנען מיט מענטשן פֿון די געטאָס. אויך די טראַנספּאָרטן פֿון אויסלאַנד פֿלעגן אַהער ברייטלעך פֿאַרפֿאָרן. עס פֿלעגן אויסשטייגן עלעגאַנטע הערן און דאַמען מיט גלאַנציקע וואַליזעס. צו שפּעט — ערשט ביי דער שוועל פֿון די גאַז־קאַמערן — פֿלעגן זיי געוווּיר ווערן דעם טראַגישן סוד פֿון זייער „איבערזידלונג"...

מיר שטייען אויפֿן באַרג חורבות פֿון די קרעמאַטאָריעס. דאָס האָבן די דייטשן באַוויזן אויפֿצורייסן פֿאַרן אַנטלויפֿן. אָבער מ'זעט נאָך רעשטן פֿון אַלע איינריכטונגען, די אומגעהויערע אונטערערדישע גאַז־קאַמערן, די טיילן פֿון די ריזיקע אויוונס און די כלערליי טויט־מכשירים.

מיר באַקוקן די ריזיקע געביידע, ווו עס פֿלעגן פֿאַרקומען די „סעלעקציעס". דאָ פֿלעגן זיך די מענטשן אויסטאָן און אַ דאָקטער פֿלעגט געבן זיין ווונק: „רעכטס" אָדער „לינקס". די מלבושים פֿלעגן אַריינגיין אין דער דערנעבנדיקער גאַרדעראָב־אָפּטיילונג — לעולם ועד... ווער עס איז געווען באַשטימט פֿאַר דער גאַז־קאַמער, קאָן זיך באַגיין אָן זיינע קליידער. דער גליקלעכער ווידער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף אַרבעט אין אָשוויענטשים, פֿלעגט באַקומען ספּעציעלע אַרבעטס־קליידער פֿון אמתן קאָליר און פֿון אמתן ריח...

אונדזער פֿירער — אַ פּאָליאַק, אַן עד ראיה פֿון די גרויל־מעשים אין בירקענאו — דערציילט אונדז צווישן אַנדערן:

— אַ ייִדישע שוישפּילערין פֿון ווין — אַן עלעגאַנטע שיינע פֿרוי — פֿאַרשטייענדיק, אַז זי ווערט געפֿירט צום אומקום, האָט נישט ווייט פֿון דער גאַז־קאַמער אויף אַ געשיקטן אופֿן אַרויסגעכאַפּט ביים דייטשישן עלטסטן דעם רעוואָלווער און צוויי מאָל אויסגעשאָסן: איין קויל אין אים און איין קויל אין זיך...

דער דאָזיקער קורצער עפּיזאָד פֿון ייִדישער העראָיִק מאַכט אונדז שטאָלץ. עס קלינגט אין אים גבורה פֿון אַ שמשון: „תמות נפשי עם פּלשתים"...

אַביישפּיל פון העלדישקייט האָבן אויך געוויזן די ייִדן, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט אין דער „זאָנדער־קאָמאַנדע” ביי פאַרברענען מתים. דערוויסנדיק זיך, אַז אויך זיי דערוואַרט אינגיכן דער זעלבער גורל, וואָס אַלע ייִדן, האָבן זיי צוגעגרייט אַן איבערפאַל אויף דער וואַך, כדי צו אַנט־לויפן. דער דאָזיקער איבערפאַל האָט טאַקע גורם געווען ביי די דייטשן עט־לעכע פּגרים, אָבער אויך די סיי־ווי־סיי פאַרמשפטע ייִדן האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן. זיי זענען אָבער געפאַלן ווי העלדן אין שלאַכט קעגן די תליינים און נישט אין די גאַז־קאַמערן. דער דאָזיקער פאַל איז אויך געווען אַ וואָרענונג די דייטשישע מנוולים, אַז קומען וועט אַמאָל דער טאָג פון נקמה.

מען פירט אונדז אויף אַ פעלד, ווו עס ליגט אַ גאַנצע קופע פון מעסער־לעך, שערעלעך, שליסלען, מאַשינקעס צו מאָלן פליש און אַנדערע היימי־שע מכשירים און קליינקייטן. אַלץ איז שוין שוואַרץ און פאַרזשאַווערט. דו קוקסט, קוקסט אויף אָט די דראַבנע מכשירים און פאַר די אויגן שוועבן אַדורך אומצאָליקע שאָטנס און געשטאַלטן — די אייגנטימער פון אָט די אַלע זאַכן. מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט, געפרייט זיך, געהאַט אַ היים, אַ פרוי, אַ קינד, די זון, דעם הימל...

מעסערלעך, שערעלעך, שליסלען...

פאַרוואָס קוקט אַזוי גלייכגילטיק דער הימל? פאַרוואָס איז אַזוי טויב און גלייכגילטיק די וועלט? — —

4

נידער - שלעזיע

ווראָצלאַוו (ברעסלוי), די הויפּט־שטאָט פון נידער־שלעזיע, דערמאָנט דאָס חרובע וואַרשע: אַזוי פיל מדבריות פון אָנגעשאָטענע ציגל־בערג! איר גייט איבערן גרעסטן טייל חרובע גאַסן און באַגעגנט נישט קיין איין גאַנץ הויז. און נישט נאָר גאַסן — קוואַרטאַלן גאַנצע ליגן אין רוּינען און זענען אינגאַנצן אויסגעשטאָרבן. די דאָזיקע גרויסע שטאָט האָט פאַרלוירן אין דער מלחמה לערך גאַנצע 70 פּראָצענט פון אירע הייזער.

אָבער אויך צווישן די חורבות באַגעגנט מען ווו־נישט־ווו רעשטלעך,

וואָס זאָגן עדות וועגן דעם גלאַנץ פון אַמאָליקן ברעסלוי, וועגן זיין אייגנ־אַרטיקן סטיל.

אגב: אין ברעסלוי האָבן יידן אַ גרויסן „חלק": אויפן ברעסלויער בית־עולם רוט אין זיין אייביקער רו דער יידישער היסטאָריקער פּראָפעסאָר גרעץ.

ברעסלוי האָט אויך איר יידישע געשיכטע און — יידישע מאַרטיראָלאָגיע... די יידישע געשיכטע דערציילט:

יידן זענען שוין געווען אין ברעסלוי אין סוף פון צוועלפטן יאָרהונדערט, בעת די שטאָט איז נאָך געווען אונטער פּוילישן מלכות. שפּעטער איז זי אַריבער צו די דייטשן. יידן האָבן געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן". עס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן אויף זיי אַ סדרה גזירות און נגישות. מ'האָט די יידן אונטערדריקט עקאָנאָמיש און מחמת רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ. אין פערצנטן יאָרהונדערט האָט דער אַנטיסעמיטיזם אין ברעסלוי אָנגענומען גאָר שאַרפע פאָרמען. ס'זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די העסלעכסטע בלבולים: יידן פאַרסמען ברונעמער, כדי צו ברענגען דזשומע אויף קריסטן; יידן שעכטן קריסטלעכע קינדער צו ריטועלע צוועקן וכדומה. אין רעזולטאַט דערפון צינדט מען אונטער יידישע הייזער און מ'צעראַבירט יידיש האָב און גוטס. אין 15טן יאָרהונדערט דערגרייכט די יידן־העצע צו איר אַפּאָגיי. די הויפּט־ראָל האָט דאָ געשפּילט דער פּויפּסטלעכער שליח, דער גרויס־אינקוויזיטאָר יאַן קאַפּיסטראַנאָ. אין יאָר 1453 האָט מען אַרעסטירט אַלע יידן, וועלכע האָבן געוווינט אויף דער יידן־גאַס, צוליב דער באַשולדיקונג אין ריטועלן מאָרד. ענלעכע בלבולים און אַרעסטן פון יידן זענען פאָרגעקומען אין ריכבאַך, סטשעגאַם, ליגניץ, שווידניץ און אַנדערע שטעט. מ'האָט די אַרעסטירטע יידן אין ברעסלוי אַזוי געפּייניקט, אַז 14 פון זיי האָבן זיך געמוזט מודה זיין אין דעם כלומרשטן ריטועלן מאָרד. אַלע זענען זיי פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אויף קאַפּיסטראַנאָס באַפעל האָט מען די פאַרמשפּטע צוגעבונדן צו ברעטער, נאָכדעם האָט מען מיט אָנגעגליטע צוואַנגען געפּליקט פון זיי לעבעדיקע שטיקער לייב און געוואָרפן עס אין פעסער, אָנגעפילט מיט צעגליטע קוילן. אַזוי האָט מען די פאַרפּייניקטע צעפערטלט. דאַן האָט מען די רעשטלעך קערפּער־טיילן אויסגעהאַנגען אויף די קרייץ־וועגן. די איבעריקע יידן, וועלכע מ'האָט אָנערקענט פאַר אומשולדיק, האָט מען געגעבן די ברירה: אָדער שמד, אָדער טויט אויפן אויטאָ־דאַ־פע. צוואַנציק יינגלעך האָבן אָנגענומען דעם שמד.

דאָס רעשט אין דער צאָל פון 41, זקנים און יונגע בחורים, זענען געגאנגען אומדערשראָקן אויפן שייטער-הויפן.

אַזעלכע מאסן־עקזעקוציעס איבער ייִדן זענען אויך פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט פון נידער־שלעזיע.

דאָס איז געווען שבועות פון יאָר 1453.

ווי מיר זעען, איז היטלער נישט אַראָפּגעפאלן פון הימל. ער האָט אין דער דייטשישער געשיכטע געהאט זיינע מוסטערהאפטע פאָרגייער. ער האָט נאָר די קונסט פון מאָרד און ייִדן־אויסראָטונג פאַרפולקומט, אויסגעברייטערט צו אַן אומגעהויערן פאַרנעם אין גייסט פון זיין פינצטערער אידעאָלאָגיע.

איצט, אין יאָר 1946, איז וורעצלאוו אונטער דער ממשלה פון אַ פוילישער רעגירונג. איצט הייסט שוין די ייִדן־גאַס: „פלאַץ באָהאטערוו געטאַ" — „פלאַץ פון די העלדן פון געטאָ".

איצט ווערט וורעצלאוו אין אַ זייער שנעלן טעמפּאָ אָפּגערייניקט פון די דייטשן.

אַרומבלאָנקענדיק איבער די גאַסן, האָב איך זיך צוגעקוקט צו אַזאַ מין בילד:

אויף אַ מרחק פון עטלעכע גאַסן האָט זיך געצויגן ביי דער זייט פון יעדער גאַס אַן אומענדלעכע קאָלאָנע פון דער „העכערער ראסע": מענטשן אין די טויזנטער, אַלט און יונג, פרויען און מאנסבילן. יעדע פאַמיליע פירט אויף אַ וועגעלע די „בעבעכעס". ביי יעדן אויף דער ברוסט אַ טאַוועלע מיט אַ נומער פון זיין וואגאָן. אַלץ ציט צום וואָקזאל, ווו עס וואַרט דער עוואקואציע־עשאלאָן. דאָ אויף דער פוילישער ערד האָבן זיי שוין איצט נישט וואָס צו טאָן. זייער ראָל האָבן זיי שוין אָפּגעשפּילט. איצט זענען אַנדערע צייטן געקומען. זייערע „געטער" און „פירער" הענגט מען היינט אויף תליות. אמת, דער חילוק איז נאָר, וואָס זייערע „פירער" האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען און אויף די תליות הענגט מען נאָר יחידים...

דערפאַר טאַקע גייען דורך פאַרבייגייער און קוקן זיך צו צום בילד פונעם גירוש זייער קאַלט און גלייכגילטיק. דאָס האָט טאַקע זייער רשעות און אכזריות — דאָס רשעות און אכזריות פון די דייטשן — גורם געווען אַזאַ גרינגשעצנדיקע באַציִונג.

איבעריקנס, אין קיין טרעבלינקעס און אָשוויענטשימס שיקט מען דאָך

נישט די דייטשן. צי קאָן מען עס דען פאַרגלייכן מיט זייער „אויסזידלונג" פון די ייִדן צו די גאַז־קאַמערן?...

**

און אַזוי מישן זיך עס די בלעטער פון דער געשיכטע: דייטשן גייען אַוועק און ייִדן קומען...

טרעפט מען טאַקע איצט אין שטאָט ייִדן אומעטום — אויף די חרובע און האַלב־חרובע גאַסן. דער עיקר קאָנצענטרירן זיך ייִדן ארום וולאַדקיע־וויטשאַ־גאַס און די שכנישע גאַסן. דאָס זענען ממש ייִדישע גאַסן. די ווענט זענען דאָ אומעטום פאַרקלעפּט מיט פּלאַקאַטן וועגן פאַרשיידענע ייִדישע אימפּרעזעס און רעפעראַטן. בלויז לויט די פּלאַקאַטן גופא קאָן מען שוין האָבן אַ באַגריף וויפל ריכטונגען און פאַרטייען עס זענען דאָ טעטיק...

אויף וולאַדקיעוויטשאַ איז דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט. אַז מ׳גייט אַהין אריין, האָט מען דעם איינדרוק, אַז מ׳געפינט זיך אין עפּעס אַ ריזיקן מלוכה־דעפּאַרטאַמענט.

רעכטס, אין הויף, אַ וואַד־שטוב. אין דער וואַד־שטוב — אַ גאַנצער ייִדישער „קאַראָול". אין אַ געשטעל איז אויסגעשטעלט אַ גאַנצע ריי ביקסן. אונדזער ייִדישע וואַכזאַמקייט... ווער קאָן וויסן... די „ב. ס. ז." ווילדעוועט נאָך... אַל תפתח פה לשטן... מעשה־קיעלץ איז נאָך פריש אין זכרון... די עטלעכע און פערציק ייִדישע הרוגים פון קיעלצער פּאָגראָם שטייען איט־לעכן ייִד פאַר די אויגן...

אין דער גרויסער געביידע איז טעטיק דער אַפּאַראַט פון אַלע אָפּטיי־לונגען פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט. דאָ איז אויך די רעדאַקציע פון דער צייטונג, וואָס דער קאָמיטעט גיט אַרויס („נאָווע זשיטשע"). די צייטונג דערשיינט אין פּויליש צוליב מאַנגל פון אַ ייִדישער זעצעריי. אין די גרויסע געראַמיקע קאַבינעטן פון פּאַרזיצער (י. עגיט) און גענעראַל־סעקרעטאַר (יצחק טורקאָוו־גרודבערג) — אַזעלכע באַקוועמע, טיפע, לעדערנע פאָטעלן (ירושה נאָך די אַוועקגייענדיקע דייטשן).

דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט איז די רעפּרעזענטאַנץ פון גאַנץ ני־דער־שלעזיע און זיין טעטיקייט איז זייער אַ פאַרצווייגטע. פּאַקטיש באַדינט ער נישט ווינציקער ווי אַ העלפט פון די ייִדן אין איצטיקן פּוילן.

פאַר דער לפי ערך קורצער צייט, וואָס דער ייִדישער ישוב אין נידער־שלעזיע עקזיסטירט, איז שוין פאַראַן צו פאַרצייכענען אַ גאַנצע נעץ פון

כלערליי אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון, וואַרשטאַטן, שולן, קינדער־היימען, בור־סעס, ביבליאָטעקן, א. אז. וו. אין וראָצלאַוו, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פון נידער־שלעזיע. ייִדן זענען דאָ באַשעפטיקט אין אַלעווירטשאַפטלעכע צווייגן: אין דער קוילן־אינדוסטריע (וואַלבזשיך), ביי ערד־אַרבעט (ריכבאַך און סביבה) און אַנדערע. ביזן 1טן סעפּטעמבער ה. י. זענען אויפן געביט פון נידער־שלעזיע שוין געווען אָרגאַניזירט 81 אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון.

אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג איז דער ייִדישער ערד־אַרבעטער. לויט דער סטאַטיסטיק פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט זענען אין 9 ראַיאָנען פאַראַן שוין 134 ייִדישע ערד־ווירטשאַפטן, וואָס פאַרנעמען צוזאמען 1441 העקטאַר. דער גרעסטער טייל פון זיי געפינט זיך אין ריכבאַך און סביבה. אַ חוץ די אַלע אינדיווידועלע ערד־ווירטשאַפטן איז אויך אַנטשטאַנען אין בשות־פּותדיקע ערד־ווירטשאַפט מיט 100 העקטאַר אין לוקי (ריכבאַכער קרייז).

הלוואַי אויף לאַנג... הלוואַי זאָל די ייִדישע אַרבעט וואַקסן און געדייען. אָבער ווער ווייס?... ווער ווייס וואָס ווייטער וועט זיין... מיר האַלטן איצט אין קאַלענדאַר ביי 1946...

אַסך, אַסך ייִדן — די איבערוויגנדיקע מערהייט — „זיצט אויף די וואַליזקעס"... מ'האַלט פּוילן נאָר ווי אַ „טראַנזיט־פּונקט". ייִדן וואַרטן אויף וויזעס פון ווייטע לענדער. טייל דערוואַרטן זיך נישט און כאַפּן זיך איבער דורך די נאָענטע גרעניצן ביים קוראָרט קודאָווע קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און פון דאָרט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד. ווער עס לאָזט זיך דורך דער „בריחה", דורך אומלעגאַלע וועגן, קיין ארץ־ישראל.

ייִדן האָבן נישט קיין צוטרוי צו דער דאָזיקער ערד. פאַר ייִדן איז פּוילן „דאָס בית־עולם פון אונדזער פאָלק"... און אויף אַ בית־עולם קאָן מען נישט לעבן... באַלד נאָך דעם קיעלצער פּאָגראָם זענען ייִדן מאַסנווייז געלאָפן איבער דער גרעניץ אין קודאָווע. איצט איז דאָס לויפעניש שוין נישט אין אַזאַ פאַרנעם; אָבער טאָג־טעגלעך פאַרלאָזן פּוילן הונדערטער ייִדן. חזרן זיך דאָך אַלץ איבער די הריגות איבער ייִדן... שלעפּט מען דאָך ייִדן פון אויטאָבוסן, פון וואַגאָנען — און מ'מאַכט זיי „פּאַרטיק"...

דערווייל אָבער אַרבעט מען, בויעט מען. ס'איז אָבער אַ לעבן אויף דערווייל...

אַן אומגעהויער וויכטיקע פּאָזיציע אין נידער־שלעזיע זענען די שולן און אינטערנאַטן, וועלכע נעמען אַרום צוזאמען ביז 3.000 קינדער.

מיר האָבן באַזוכט אין וראָצלאַוו די גרויסע מוסטער־שול מיט ייִדיש ווי אַ לימוד־שפּראַך, בייגעווען אין עלטערן קלאַס אַ לעקציע פון

ייִדיש. מען האָט לכבוד אונדז אַראַנזשירט אין קינדער־קלוב אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע קלאַסן. דער גרויסער זאַל איז געווען פול מיט קינדער. די קינדער־אווידיטאָריע האָט אונדז שטאַרק גערירט. אַן אמתער נחת־רוח צו קוקן אויף אונדזערע יונגינקע נאָכפאָלגער, אויף די, וואָס וועלן נאָכן היטלעריסטישן בלוטיקן שניט דאַרפן ווייטער טראָגן אונדזער וואָרט, אונדזערע אידעען, די אידעאַלן פון קיום האומה...

די קינדער האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט פון די שרייבער און נאָכדעם האָבן זיי געוויזן זייער קונסט: זיי האָבן רעציטירט לידער פון פאַרשיידענע ייִדישע דיכטער. אַלע ווילע האָט זיך פון צווישן דער קינדער־מאַסע אויפגעהויבן אַן אַנדער הענטל. ס'האָט זיך איטלעכן קינד געגלוסט צו אימפּאָנירן מיט אַן אַנדער לידעלע.

אונדזער באַגעגעניש מיט די קינדער פאַרענדיקט זיך מיט געזאַנג. לייב אַליצקי — אַליין אַ געוועזענער לאַנג־יעריקער לערער פון די צישאָ־שולן — דערציילט זיי אַ מעשהלע. שמערקע קאַטשערגינסקי לערנט אויס די קינדער אַ ליד און די גאַנצע קינדער־אווידיטאָריע זינגט מיט מיט אים ביז וואַנען זיי באַהערשן די מעלאָדיע מיט די ווערטער:

„כ'בין אַ בחור אַ הולטאַי"...

* * *

צוליב דוחק אין האָטעלן אין חרובן ווראָצלאַוו אָרדנט מען אונדז איין אין די פּריוואַטע וווינונגען פון געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. מיך האָט גענומען אויף נאַכט־לאַגער דער פאָרזיצער עגיט. אַז מיר זענען אין אָוונט צוגעפאָרן מיט אַן אויטאָ צו זיין דירה — אַ קליינע ווילע מיט אַ גערטל — האָט אונדז געעפנט די טיר פון דער ווילע אַ באַוואָפנטער שומר... אַ ייִדישער בחור מיט אַן אויטאָמאַט אָנגעהאַנגען אויף דער ברוסט.

— אַזוי לעבט איר דאָ? — פרעג איך — ווי אויפן פראָנט?...

— אַזוי ווי איר זעט... איר ווייסט דאָך וואָס עס טוט זיך אין לאַנד...

עגיטס „צווייטע העלפט" —אַ שיינע, יונגע פרוי— ליגט שוין אין בעט.

— אַזוי פרי? — פרעג איך זי.

זי ענטפערט מיר, אַז עס דאָקוטשעט איר רעוומאַטיזם — אַ זכר פון „בונקער"... העכער אַ יאָר האָט זי זיך מיט אַ קינד אָפּגעוואַלגערט אין אַ פייכטן גרוב...

איך קוק זי אָן און באַוואונדער זי — ווי איך באַוואונדער אַ סך אַזעלכע ווי זי... די פרישקייט פון איר פּנים האַרמאָנירט כלל נישט מיט אירע טראַגישע איבערלעבענישן... דער כח פון לעבן!

**
*

אַ ייִדישע שטאָט איז איצט ריכבאַך. אַ שטאָט ווי אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. דאָ באַגעגנט מען אומעטום ייִדן. ייִדן גייען אין גאַס און שמועסן זיך אויף מאמע־לשון. דאָ שטויסט מען זיך אויך נישט אָן אויף דער נאָכמלחמה־דיקער דערשיינונג — „אַרישע״ נעמען. דאָ זענען נישטאָ די ניי־געבאַקענע „מאַראַנען״... דאָ באַהאַלט מען זיך נישט מיט ייִדישקייט. אין די הויפּט־גאַסן, צי אויפן רינעק, זעט איר שילדן מיט פאַמיליעס, וואָס ענדיקן זיך אויף „בערג״ אָדער „מאַן״. פאַראַן דאָ ייִדן פון אַלע שיכטן: אַרבעטס־מענטשן, אָנגעשטעלטע, אינטעליגענץ, סוחרים.

מיר האָבן זיך באַקענט אין ריכבאַך מיט דער בורסע, מיט די אַלע קאָאָפּעראַטיוון און אַנדערע אינסטיטוציעס. די שוסטער־שניידער־בעקער־קאָאָפּעראַטיוון זענען מוסטער־אַנשטאַלטן מיט גרויסע לאָקאַלן, מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. אין זיי איז באַשעפטיקט אַ היפּשער עולם אַרבע־טער מיט אַסך סאָלידע פאַכלייט בתוכם.

מיט אַ באַזונדערער פרייד קוקן מיר אויף די ייִדן, וואָס אַרבעטן, וואָס בויען און שאַפן. ווידער, הייסט עס, זיצן ייִדישע אַרבעטער אין וואַרשטאַטן; ווידער קלינגען אַרויס דורך די פענצטער ייִדישע לידער...

אָבער דאָס איז אין פלוג...

איך כאַפּ אַ שמועס אויף דער גאַס מיט דעם און מיט יענעם — ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך דאָ אין ריכבאַך לעבן ייִדן נאָר „אויף דער־ווייל״; אַז מ׳רוט זיך דאָ נאָר אויס אַ ביסל פונעם נע־ונד און מ׳גייט צו דער נאָענטער גרעניץ.

— וואָס פאַר אַ תכלית איז דאָ צו פאַרבלייבן? — צערעדט זיך איין ייִד. — ריכבאַך איז דערווייל אַ ייִדיש שטעטל, אָבער מיט יעדן טאָג קומען דאָ צו אַלץ מער פּאָליאַקן. פּאָליאַקן פון וואַרשע, פּאָליאַקן פון די אוקראַיִנישע ראַנד־געביטן, וואָס זענען אַריבער צו די סאָוויעטן. ייִדן וועלן דאָ בטל בששים ווערן צווישן די פּוילישע כוליגאַנעס... גיט אַ קוק אויפן רינעק — יעדן טאָג עפנט זיך אַ ניי פּויליש געשעפט.

און אַ צווייטער ייִד גיט צו:

— ס׳איז גוט צו הערן אַלע טאָג די נייעסן: דאָ האָט מען אַרויסגע־כאַפּט אַ ייִד פון אַ צוג און אים דערשאָסן... דאָרט איז מען באַפאַלן אַן אויטאָבוס אויפן וועג און אויסגעשאָכטן אַלע ייִדישע פּאַסאַזשירן...

און אַ דריטער ייִד דערציילט:

— כ׳קאָן נישט פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען אונדזער עשאלאָן איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד און געזומען פאָרן איבער דער פוילישער טעריטאָריע... ייִדן זענען געווען געריירט, דערזעענדיק די פוילישע ערד... אָבער די פאָליאקן האָבן אונדז געמאַכט אַ „קבלת־פנים" מיט אַ האָגל שטיינער אויף די וואַגאָנעס... ווי קאָן מען זשע בלייבן צווישן וועלף?...

— נישקשה, דער הײנטיקער „זשאָנד"1) וועט זיי אויסראָטן, די כוליגאנעס! — מישט זיך אַריין עמיץ אַנדערש. — מ׳דאַרף נישט לויפן... גענוג זיך אַרומגעוואלגערט...

— וואָס קאָן דאָ העלפן דער „זשאָנד"? — שלאָגט מען באַלד יענעם אָפּ. — צי קאָן די מאַכט יעדן ייִד מיטגעבן אַ זשאַנדאר?...

געזען, אז עס פאַרנעמט זיך שוין אויף אַ „פּאָליטישע דיסקוסיע", האָב איך זיך גענומען דערווייטערן פונעם רעדל. איין ייִד, אַ פּאַרטייטוער אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע, איז מיר אָבער נאָכגעגאנגען און אין מיר אַריינגערעדט:

— וואָס־זשע מיינט איר, אַז פוילן וועט סוף־כל־סוף נישט ווערן קיין זיבעצנטע סאָוויעטישע רעפּובליק?...

— איר מיינט אַזוי?

— אָן שום ספק! אָט נאָך אַ ביסל צייט... אַ שאָד יעדן טאָג וואָס מען זיצט דאָ... געהאט עס שוין גענוג אין רוסלאַנד...

— אפשר זייט איר גערעכט.

— נישט אפשר, נאָר זיכער ווי גאָלד... איר ווייסט דען נישט, אַז אומעטום — אין דער „אור־בע"2), אין דער אַרמיי — זיצן סאָוויעטישע ראַטגעבער?... „זיי" דיריגירן מיטן הײנטיקן פוילן... ווו איר זאָלט זיך נישט קערן און ווענדן, טרעפט איר אַלץ רויט־אַרמייער אָדער נ.ק.וו.ד....

איך זע, אַז דער דאָזיקער ייִד גייט מיך מאַכן „באַוווסטזיניק"... דאָס אַלץ איז אָבער פאַר מיר קיין נייס נישט געווען... דערווייל... דערווייל קאָנען נאָך ייִדישע שרייבער דרייסט אַרומפאָרן צווישן ייִדן און אויפטרעטן אויף ליטעראַרישע אָוונטן... (זיי דאַרפן זיך נאָר אויסהיטן אין וועג פון די „נ. ס. ז."־באַנדיטן...)... דערווייל קאָנען נאָך די שרייבער ארומקריכן איבער די חורבות פון די געטאָס און איינזאפּן אין זיך דעם גרויסן ייִדישן טרויער — — — —

1) רעגירונג; 2) זיכערקייט־דינסט.

**
*

ריכבאַך איז אַ זייער געמיטלעכע שטאָט. מיט איר געמיטלעכקייט דער־מאָנט זי מיר גראָדנע. זי פאַרמאָגט אַ סך ווילעס. אַ סך גרינס. די ייִדן, וועלכע זענען אַהער געקומען די ערשטע, האָבן טאַקע פאַרנומען די שענ־סטע הייזער, די פּרעכטיקסטע ווילעס.

פונקט אַנטקעגן ייִדישן קאָמיטעט איז די סינאַגאָגע. על פּי נס גאַנץ געבליבן. יחידים־ייִדן כאַפּן דאָ אַריין אַ „מנחה״ און אַ „מעריב״. געפּאַקט איז זי איצט נישט, די סינאַגאָגע... אויף די טישן ליגן דאָ אַלטע ספרים, וואָס זאָגן עדות וועגן די אַמאָליקע ייִדישע קהילות אין די דייטשע שטעט...

דער ייִדישער בית־עולם אין ריכבאַך איז געבליבן גאַנץ, די מצבות נישט געשענדעט. דאָס איז אַ דאַנק דעם אַלטיטשקן שומר — אַ דייטש — וואָס האָט אָפּגעהיט „זיין״ בית־עולם, בעת די ייִדן אין שטאָט זענען שוין נישט געווען...

צוליבן דאָזיקן זכות האָט מען אים געלאָזט אויך איצט דאָ פאַרבלייבן מיט זיינע שליסלען פון בית־עולם...

אַ זעלטענער אויסנאַם פון אַ דייטש...

**
*

צו אונדזערע ליטעראַרישע אָוונטן אין נידערשלעזיע איז אומעטום גע־קומען אַ וואַרעמער ייִדישער עולם. די דאָזיקע ייִדישע מאַסע, וואָס איז בעת די מלחמה־יאָרן געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער וועלט, איז אַזוי אויסגעהונגערט געוואָרן נאָך אַ ייִדיש וואָרט! פאַראַן דאָ ייִדן פון אונדזערע היימישע שטעט: פון וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, ווילנע, גראָדנע און אנד. זיי געדענקען נאָך גוט די פאַרגאַנגענע קולטור־טראַדיציעס. די אַמאָליקע ייִדישע אימפּרעזעס, די פאַרלעזונגען אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13... זיי בענקען און קאָנען נישט פאַרגעסן דעם אַמאָל... און איצט... אַפילו ביכער האָבן זיי קאַרג, די ביבליאָטעקן זענען נאָך אַזוי אָרעם, די ביכער־פּאָליצעס אַזוי שיטער. נישט קיין חידוש, וואָס אַ ליטעראַרישער אָוונט איז פאַר זיי אַ געשעעניש, ממש אַ יום־טוב!

לאָדזש, נאָוועמבער 1946.

אַ גרופּע שרייבער אין לאָדזשער ליטעראַטן־פאַראיין אין 1946.

ערשטע ריי פון רעכטס: שמערקע קאַטשערגינסקי, משה גראָסמאַן, לעאָ פינקעלשטיין, אפרים קאַגאַנאָווסקי, אַברהם סוצקעווער, ישראל אַשענדאָרף, אברהם זאַק. צווייטע ריי, פון רעכטס: אהרן וואהל, משה קנאַפּהייס, חיים לייב פוקס, יוסף רובינשטיין, בער קוטשער, וואָלף יאסני, לייב אָליצקי, יצחק יאַנאַסאָוויטש, ישעיה שפּיגעל; דריטע ריי, פון רעכטס: משה וואַלדמאַן, פנחס בינעצקי, איוואַן, ש. לאַסטיק, נחמן בליץ.

די אַלייע פון ייִדישע מאַמעס

(פון מיינע לאָדזשער באַגעגענישן)

יעדן טאָג מוז איך זיך אַריינכאַפּן כאָטש אויף אַ האַלבער שעה צי אַ שעה אין „קאָליע־גאָרטן", וואָס נעבן וואָקזאַל „לודזש־פאַבריטשנאַ".

אַמאָל, פאַרן קריג, איז דאָס געווען אַ ייִדיש, אָדער בעסער געזאָגט: אַ חסידיש גערטל. אויף די בענק פלעגט מען זען כמעט בלויז ייִדן. ייִדן אין חסידישע היטעלעך, זקנים און יונגעלייט, באַלעבעסלעך און ישיבה־בחורים. דאָס דאָזיקע גערטל, אייגנטלעך סקווערל, איז געלעגן אין סאַמע צענטער פון ייִדישן ראַיאָן, ביי די ייִדישע גאַסן קילינסקיעגאָ, פּילסודסקיעגאָ, צעגיעלניאַנע א. אנד.

איצט, אין די נאָכמלחמהדיקע צייטן, נאָכן היטלער־שניט, איז דאָס גערטנדל געוואָרן אויס ייִדיש. אָבער לפי ערך זעט מען דאָ מער ייִדן, ווי ערגעץ אַנדערש. איין אַלייע איז כמעט אינגאַנצן נאָך היינט אויך אַ ייִדישע: דאָס איז די אַלייע פון די ייִדישע מאַמעס מיט די ייִדישע „וווזקעס". דאָ זעט איר תמיד אויף די געציילטע הילצערנע בענק ייִדישע פרויען מיט זייערע קינדערלעך אין די וועגעלעך. מ'זיצט צוזאַמען, מען דערציילט זיך, מ'רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן.

און אָט טאָקע צוליב דער דאָזיקער אַלייע ציט עס מיך תמיד אין „קאָליע־גאָרטן", און ווען נאָר איך האָב אַ פרייע מינוט, כאַפּ איך זיך אַריין אַהין און זוך מיר אויס אַ פּלאַץ אויף אַ באַנק, נעבן די ייִדישע מאַמעס.

איך קען זיי שוין גוט, די דאָזיקע אַלע ייִדישע פרויען. איך הער זיך תמיד צו צו זייערע געשפּרעכן, וואַרף אַמאָל אויך אַריין אַ וואָרט, ווינק זיך אויך איבער מיט די קינדערלעך אין די וועגעלעך. דער גרעסטער טייל פון די פרויען זענען געקומען פון רוסלאַנד. ריידן זיי טאַקע אָפט וועגן קאָלכאָזן,

„טרודאָדני״, וועגן באַזאַרן, וועגן „סטאַלאָוואַיאַס״... אַ פּאָר זענען דאָ אויך געראַטעוועטע פון די דייטשישע לאַגערן. יענע דערציילן זייער שוידער־לעכע מגילה פון היטלער־גיהנום...

איין פרוי האָט באַזונדערס צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען אַ ברונעטע, מיט שוואַרצע, חנעוודיקע אויגן, שוין נישט פון דער ערשטער יוגנט. אוודאי פון אַ יאָר 35. מיט אַ באַזונדערער ליבע האָט זי זיך פאַרנומען מיטן „וווזעק״, ווו ס׳איז געלעגן אַ פּרעכטיק קינדעלע, מיט שוואַרצינקע אויגעלעך — דער מאַמעס אויגן!

כ׳האָב מיט איר איינמאָל פאַרפירט אַ שמועס און זי האָט מיר דער־ציילט די טרויעריקע מגילה פון אירע איבערלעבענישן פריער אין וואַרשע־ווער געטאָ און שפּעטער אויף דער „אַרישער זייט״.

אין געטאָ, ביי די „סעלעקציעס״ האָט זי אַלעמען פאַרלוירן: דעם מאַן, טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער. שפּעטער — דאָס איינציקע קינד, אַן אַכט־יעריק יינגעלע. דאָס קינד איז פון הונגער אויסגעדאַרט געוואָרן, איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און אויסגעגאַנגען. זי איז דאַן געבליבן איינע אַליין אויף גאָטס וועלט. זי האָט שוין גאָרנישט געטראַכט צו ראַטעווען זיך. זי האָט געוואַרט אויף איר ריי... זי האָט שוין נישט געהאַט צו וואָס צו לעבן אויף דער געמיינער וועלט... אָבער איינע אַ חברטע אירע איז צו איר צוגעשטאַנען און האָט זי אַרויסגעצויגן אויף דער „אַרישער זייט״. זי איז געבליבן לעבן — אָבער צו וואָס?... נישט איינמאָל האָט זי אַליין גע־וואָלט מיט זיך א סוף מאַכן...

מאַכט זיך אַמאָל, אַז שוין אין לעצטן מאָמענט פאַר דער באַפרייאונג טרעפט די פרוי אויף דער אַרישער זייט אירן אַן אַלטן פריינט נאָך פון איר מיידל־צייט, אַ שכן אין איר הויז אויף פּאַוויע־גאַס. יענער איז אויך גע־בליבן אַן עלנטער, האָט אויך כמעט אַלעמען פאַרלוירן און ער האָט זיך צו איר צוגעבונדן. שפּעטער נאָך דער באַפרייאונג זענען זיי געוואָרן אָפיציעל מאַן און ווייב.

דעם איצטיקן מאַן האָט זי גאַנץ ליב. אָבער די איינזאַמקייט איז פון איר נישט אַוועק, כל זמן ס׳איז נישט געקומען אויף דער וועלט אָט דער נייער מענטש...

דערביי האָט זי אויפן קינד אַ ווייז געטאָן.

— אָט דאָס נפשל — גיט זי צו — מאַכט מיך אָפּט פאַרגעסן פון גרויסן אומגליק. אַ קינד גיט טרייסט, גיט נייעם מוט און ס׳ווילט זיך ווי־דער לעבן...

כ׳האָב זי זייער גוט פאַרשטאַנען, די ייִדישע פרוי, די ייִדישע מאַמע, וואָס איז אַרויס פון אַזאַ גיהנום. נישט אומזיסט טאַקע מערן זיך ביי אונדז, ביים קליינעם שאַרית הפליטה, די קינדער־וועגעלעך — כן ירבו! — און נישט אומזיסט טרעפן מיר איצט זייער אָפט ייִדישע פרויען, ייִנגערע צי אַביסל עלטערע, אין „אַנדערע אומשטענדן״... אויב אַמאָל פלעגן זיך פרויען אין אַזאַ מצב אַביסל זשענירן פאַר פרעמדע אויגן, גייען זיי איצט אַרום מיט אַ געפיל פון שטאָלצקייט, מיט אַ געפיל פון פריידיקער דערוואַרטונג...

און אגב: די שונאים אויף צופוקעניש!...

ווייל מיר זענען ווידער דאָ! מיר מוזן זיך מערן און פרוכפערן נאָך מער ווי תמיד אין דער געשיכטע. מיר מוזן ווייטער שמידן ייִדיש לעבן!...

**
*

און בעת איך גיי נאָכדעם איבער דער באַלעבטער פעטריקאָווער גאַס, ווו איך באַגעגן אויך ייִדישע פרויען, ווילט זיך מיר אויסרופן:

ייִ ד י ש ע ט ע כ ט ע ר ! גייט אָפט שפּאַצירן אין לאָדזשער „קאָליע־גאָרטן״. גייט דאָרט אַהין אין דער אַלייע, ווו עס זיצן די ייִדישע מאמעס — — —

לאָדזש, 1947

איבער די וועגן פון תנ״ך

(לויפיקע נאָטיצן פון אַ נסיעה אין 1950)

1

צום היימישן ברעג

אין אַ זוניקן טאָג האָבן מיר זיך געזעגנט מיטן לעצטן יבשה־פונקט אין אייראָפּע — נעאַפּאָל. די וווּנדערשיינע נעאַפּאָלער בערגיקע שטאָט־פּאַנאָראַמע, אויסגעבויגן אַרום דעם האַלב־קרייזיקן ימישן ברעג, מיטן רויכערנדיקן וועזוווּ פון איין זייט, האָט ביים אָפּשווימען פון דער ייִדישער שיף „קדמה״ מיטן מגן־דוד אין דער הויך אונדז פריינטלעך געזעגנט און ווי געבעטן: „פאַרגעס מיך נישט! פאַרגעס נישט מיין רייץ!״

אַך מיט קאַרגע פיר מעת־לעת שפּעטער האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן געוויזן אַן אַנדער ברעג — דער ברעג פון דער אַלט־נייער מדינה ישראל. צוערשט האָבן זיך געוויזן אין האָריזאָנט די כרמל־בערג פון רעכטס און דער חרמון און לבנון פון לינקס. ס׳איז געווען אַ הערלעכער טאָג מיט אַ לויטער־בלויען הימל און מען האָט אַפילו געקאָנט זען פון דערווייטנס ווי דער חרמון איז ווייס־פאַרקיטלט אין שניי. פאַר די, וואָס פאָרן קיין ישראל צום ערשטן מאָל — ווי אַ שטייגער, איך און מיינע רייזע־חברים משה גראָס־מאַן און שמערקע קאטשערגינסקי — איז עס געווען אַ סענסאַציע: מ׳זעט שוין ארץ־ישראל! ביי אַ סך מענטשן האָט מען באַשיינפּערלעך באַמערקט אַ פריידיקע אויפרעגונג. די אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט, די באַוועגונגען זענען געוואָרן האַסטיקער. נישט קיין וווּנדער: אַלטע בענקשאַפטן!

— דער כרמל!

— דער חרמון!
— דער לבנון!

מענטשן זענען געקראָכן אין דער הויך, אויפן סאַמע אויבערשטן דעק פון שיף, כדי בעסער צו זען; כדי מקצר צו זיין די דיסטאַנץ צווישן אויג און ברעג. די שיף איז רויק געשווומען איבער די מילדע וואַסערן, אונטער אַ מחנה ווייסע פלאַטערנדיקע מעוועס, און זיך אַלץ דערנענטערט צום ברעג. עס איז לסוף אַרויסגעשווומען פון דער ווייטקייט די פּאַנאָראַמע פון דער יידישער פּאָרט־שטאָט חיפה. אַ הערלעך בילד פון אַ שטאָט אין די כרמל־בערג.

די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָענט פון ברעג. אַלע זענען אַרויס פון די קאַבינעס, פון די קלוב־זאַלן. אין דער ווייטנס, איבער די בערגיקע שאָסייען, האָט מען שוין באַמערקט שוועבנדיקע אויטאָס. די פּאַסאַזשירן

אויפן וועג קיין ישראל

אין נעאַפּאָל (אַנטקעגן דעם וועזווו). פון רעכטס: משה גראָסמאַן, שמערקע קאַטשערגינסקי און אברהם זאַק.

ווייזן עס אָן איינע די אַנדערע: „אַט איינער!", „אַט אַ צווייטער!" לסוף איז צו אונדז צוגעשווומען אַ מאָטאָר־שיפל מיט יידישע פּאָרט־באַאמטע, וועלכע זענען אַריבערגעקראָכן אויף אונדזער שיף. נאָך אַ לאַנגער פּראָצעדור האָבן צוויי שלעפּ־שיפלעך צוגעשלעפּט מיט שטריק אונדזער שיף צום האַפן. ס'איז אַ פּריידיק געפיל צוצושווימען צו אַ יידישן ברעג. דו זעסט ווי אַנט־קעגן הינטער אַ באַריערע שטייען יידן, יונג און אַלט, און גריסן און פּאָכען מיט טיכעלעך. עס דוכט זיך דיר, דו פילסט עס, אַז דו קומסט צו אייגענע, צו משפּחה.

אַ פּראָצעדור פון קאָנטראָל, ווי אומעטום ביי די אומות העולם — מיטן אונטערשייד, וואָס דאָ קענסטו מיטן צאָל־באַאמטן רעדן אַפילו מאַמע־לשון.

אַ קוריאָז: ביים קאָנטראָלירן מיין באַגאַזש פרעגט מיך דער צאָל־באַאמטער וואָס איך האָב אין מיין טעקע.

— ביכער, פּאַפּירן — ענטפער איך.

— ווייזט.

איך נעם אַרויס אַן עקזעמפּלאַר פון מיין בוך „יאָרן אין וואַנדער". דער באַאַמטער טוט אַ בלעטער און בלייבט שטיין. זעט אויס, ער קוקט איבער עפּעס אַ ליד. כ'בין טשעקאַווע צו וויסן, וואָס ער גייט מיר דאָ „צענזור־רירן"... איך כאַפּ אַ קוק פון דערווייטנס — ס'איז פּונקט „מלכות ישראל" — אַ ליד, געשריבן אונטערן רושם פון דער ערשט נישט לאַנג פאַרגאַנגע־נער מלחמה אין ישראל און דעם העראָאיזם פון דער „הגנה".

— וואָס זאָגט איר, — פרעג איך דעם באַאמטן אין שפּאַס, — אַזאַ „קאָנטראַבאַנד" מעג איך אַריינפירן אין ישראל?...

— איר מעגט, איר מעגט... — שמייכלט יענער.

און מער האָט ער שוין ביי מיר נישט געזוכט אין באַגאַזש... נישט ביי מיר און נישט ביי מיינע חברים.

**
*

ווען כ'בין שפּעטער געפאָרן אין דעם אויטאָבוס פון „אגד" פון חיפה קיין תל־אביב, בין איך געווען אָנגענעם איבערראַשט: געמיינט, אַז כ'וועל זען אין ארץ־ישראל בלויז מדבּרדיקן פּייזאַזש, אַזוי ווי, למשל, אין רוסישן קאַזאַכסטאַן; לסוף פאָרן מיר כמעט כסדר פאַרביי ישובים באַוואַקסענע, באַבוימערטע. הייזער טונקען זיך אין גרינס.ביימער און ביימער — ציפּ־

רעסן, יאַדלעס, עוקאַליפּטוסן. בלויז נאָענט פון חיפה זעט זיך אַ קורצער שטח פון מדבר־זאַמדן, וואָס ציט זיך פון ים און וואָס איז ווו נישט ווו פאַר־וואַקסן מיט זייער שיטערע ווילדע געוויקסן. אָבער אויך אויף דעם שטח זעט מען ערטערווייז לאַנגע שורות איין־טיפּיקע נייע און טייל נאָך נישט־פאַרענדיקטע הייזלעך. ווי מיין שכן פון אייַן זייט אינפאָרמירט מיך, זענען עס מושבות פאַר די נייע עולים, וואָס זיצן נאָך אין די מחנות. דעם זעלבן שכן — אַן עלטערן ייִד, אַ תושב פון תל־אביב, באַמערק איך עפּעס וועגן די שיינע ווילעס, וואָס מיר פאָרן ווייטער פאַרביי.

— עס געפעלט איך, האַ? — זאָגט ער, — וואָס־זשע מיינט איר, אַז דאָס איז דאָ אַזוי אויסגעוואַקסן פון זיך אַליין, איבער נאַכט? דאָס זענען יאָרן פון שווערער חלוצישער פּראַצע און שוויס. אַמאָל איז דאָ געווען בלויז מדבר, בלויז זאַמד...

און אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט מיך דער זעלביקער ייִד:

— איר קומט להשתקע אָדער ווי אַ מרגל?...

כ׳האָב זיך אַביסל פאַרשעמט פאַר דעם דאָזיקן ייִד.

— כ׳בין איצט אַ תייר1).

— איר טוט נישט גוט, — גיט ער מיר אַ לעקציע, — קיין ארץ־ישראל דאַרף מען באַלד קומען מיט אַלעמען, מיט „האַק און פּאַק”... גוט, שלעכט — מ׳איז ביי זיך אין דער היים. גענוג שוין צו זיין צווישן גוים!

כ׳בין בעת מעשה באמת מקנא דעם דאָזיקן ייִד, וואָס איז אַזוי גראַד־ליניק און ווייסט נישט, זעט אויס, פון קיין ספקות.

ס׳ווערט שוין טונקל, פינצטערלעך. אין די אָפּטע ישובים, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, פינקלען שוין פייערלעך פון די פענצטער. איך באַוואונדער די זייער שטאַרקע באַוועגונג אויפן שאָסיי. ווי די רוחות טראָגן זיך אויטאָס און גרויסע מאַשינען, איינע נאָך די אנדערע, איינע נאָך די אַנדערע. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט און כ׳קאָן נישט אַלץ אַרומנעמען מיט מיינע דורשטיקע בליקן. אָבער כ׳וועל דאָ נאָך זיין. כ׳וועל דאָ נאָך אַלץ זען און באַטראַכטןביים העלן שיין פון טאָג.

---

1) טוריסט.

2
תל־אביב און איר סביבה

אַ מאָדערנע שטאָט איז תל־אביב; אַ שטאָט, וואָס דערמאָנט דעם טיפּ קוראָרט־שטעט ביי אַ ים־ברעג אין אייראָפּע. זי בלענדט מיט איר ווייסקייט, מיט דער נייער ארכיטעקטור פון אירע געביידעס. מיט איר באַוועגונג אויף אַ טייל גאסן — ווי: רחוב אלנבי, רחוב דיזנגוף, שדרות רוטשילד און אנד. — וואָלט תל־אביב געקאָנט קאָנקורירן מיט פּאַריז. ווער רעדט נאָך אין די אוונט־שעהן, ווען דער אַרבעטנדיקער עולם קערט זיך אום פון דער אַר־בעט — דעמאָלט איז שווער דורכצוגיין אַ גאַס. צוויי אויגן זענען ווייניק.

איך בלאָנקע די ערשטע טעג איבער די גאסן און בין באַרוישט: דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך אין אַ שטאָט פון כולו ייִדן. וווהין איך גיי, ווו איך שטיי — אין גאַס, אין די געשעפטן, אין די סקווערן, אין אוי־טאָבוס — אומעטום ייִדן, נאָר ייִדן. איך זע בלויז ייִדן און ווער געזעון נאָר פון ייִדן. זיץ איך אין קאַפע און לייען אַ צייטונג מיט אותיות מרובעות, בין איך לחלוטין פריי פון דער בייזער אויפמערקזאַמקייט מצד אַ נישט־ייִדישן שכן... פּשוט דערפּאַר, ווייל אַלע שכנים אַרום זענען בלויז ייִדן, ייִדן פון פאַרשיידענע קאָלירן און פאַרשיידענע שפּראַכן. ייִדן ווייסע, אייראָפּעיִשע און ייִדן ברוינהויטיקע פון אָריענט: פון איראַק, פון איראַן, פון אלזשיר, פון טוניס, פון תימן א. א. וו. און אַזאַ שפּראַכן־מאַזאַיִק! אין ערגעץ הערט איר נישט ריידן אויף אַזוי פיל שפּראַכן ווי אין ישראל: העברעיִש, ייִדיש, אַראַביש, דייטש, שפּאַניש, פראַנצויזיש, פּויליש, רוסיש, רומעניש, בולגאַ־ריש, און נאָך און נאָך.

און אַזוי ווי מען רעדט, אַזוי לייענט מען: זעט איר טאַקע אומעטום אין די צייטונגס־קיאָסקן גאַנצענע אַסאָרטימענטן פון צייטונגען אין כלער־ליי שפּראַכן — אינלענדישע און אויסלענדישע.

און בלאָנקענדיק, בין איך אויך באַרוישט פון די שיינע גאַסן און פּלע־צער פון דער ייִדישער שטאָט. ס'איז אַ נחת צו שפּאַצירן איבער רחוב היר־קון, אַנטקעגן ים. הערלעכע ווילעס, פּרעכטיקע ווייסע געביידעס, אויף וועלכע עס שלאָגט זיך אָפּ די גרינקייט פון שלאַנקע ציפּרעסן אָדער רחבות־דיקע פּאַלמעס. עס איז אויך אַ פרייד צוזעצן זיך אויף אַ באַנק אין דער שאָטנדיקער גרינקייט פון שדרות רוטשילד. עס ווימלט און שוויבלט פון

פאַרבייגייער. יונגע מאַמעס מיט קינדער־וועגעלעך. נחתדיקע „בעבזיקלעך" אין ווייסן. די דאָזיקע קינדער וועלן שוין אויסוואַקסן נאָרמאַלע מענטשן, נישט קיין מענטשן פון געטאָס, פון לאַגערן, פון פאַרשיקונגען, פון פאַרשיידענע מינים נע־ונד...

און זיצסטו אויף אַ באַנק אויף דעם דעקאָראַטיוו־שיינעם ככר־דיזנגוף, אין דעם רונדן סקווערל, שפּירסטו נאָך מיט אַ באַזונדערער הנאה די כסדר־דיקע באַוועגונג פון גלאַנציקע אויטאָס אַרום דעם ככר־קרייז, צו די אַלע גאַסן, וואָס שווימען אַרויס פון דאָזיקן פּלאַץ. אין סאַמע מיטן אַ גרויסער פאָנטאַן, וואָס איז גרייט מיט אָפּפרישנדיקער קילקייט, ווען די זון שיט מיט פייער.

אויב ריידן וועגן שיינע פּלעצער אין תל־אביב, דאַרף מען אויך דער־מאָנען דעם רחבותדיקן פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך די גרויסע געביידע פון טעאַטער „הבימה", מיט אירע מאַיעסטעטישע קאָלאָנעס אין פראָנט און שטאָלצע פּאַלמען ביי דער זייט.

דער אָנגענעמסטער שפּאַציר, פאַרשטייט זיך, איז דער שפת הים — דער ים־ברעג. דאָרט איז אגב די מאַסיווע געביידע פון דער ערשטער כנסת איידער זי איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין ירושלים. אויפן שפת הים — אַן אויסגעפּלאַסטערטע „פּראָמענאַדע" — ציט זיך אַ גאַנצע ריי פיינע קאַ־פייען, וואָס האָבן גרויס דערפאָלג אין די שיינע טעג. און שיינע טעג אין ארץ־ישראל פעלן דווקא נישט. תמיד זיצן דאָרט מענטשן און קלייבן נחת פונעם ים אַנטקעגן, — פון זיין שטילער בלויקייט אָדער אַמאָל אויך פון זיין גערויש און אומרו און פון זיינע שוימיקע כוואַליעס, וואָס וואַרפן זיך מיט אימפּעט צום ברעג.

דעם גרעסטן דערפאָלג האָט דער שפת הים שבת בייטאָג — „נאָכן קוגל"... דעמאָלט איז ממש נישט אַדורכצוגיין. מענטשן אין די טויזנטער! גלייך ווי אין אַ קוראָרט אויפן „דעפּטאַק" אין „הויך־סעזאָן". ס'איז נאָך פעברואַר, אָבער געווען שוין דאָ עטלעכע קלענערע חמסינדלעך און מ'זעט שוין אויף דער פּליאַזשע אַביסל מענטשן אין באָד־קאָסטיומען. מ'באָדט זיך שוין. עטלעכע פאַרשווינען שפּילן אַפילו אין וואַסער ביים ברעג אין האַנט־באָל. כ'האָב זיך אַליין אויך פאַרגונען אַראָפּצוגיין פון די טרעפּלעך און זיך אויסציען אין אַ ליג־שטול. ווי גוט איז דאָ צו רוען אינעם ערב־פרי־לינג. דער הימל אַזוי בלוי און דורכזיכטיק. די זון וואַרעמט, אָבער נאָך מיט מילדקייט. אין דער ווייטעניש פון ים שאַרן זיך שיפן. פון לינקס זעט מען דעם אַרויסגערוקטן ברעג פון יפו: אַ געדיכטע נעץ געביידעס, וואָס

טורימען זיך ווי אַ באַרג. נישט ווייט פון ברעג שטייען פאַראַנקערט אונד־זערע קריגס־שיפן — די שומרים פון דער ייִדישער ערד. איך צייל: נישט איינס, נישט צוויי, נישט פינף... נאָר איך דאַרף נישט אויסזאָגן זייער צאָל: אפשר זענען עס מיליטערישע סודות... און עס גלעט אַ וואַרעם געפיל: די ייִדישע פאַרטיידיקונג וואַקסט. ייִדן וועלן זיך מער נישט לאָזן שעכטן ווי די שאָף... איז דאָך אין אונדזער תקופה ישראל דער איינציקער ליכטי־קער פונקט, ווו ייִדישע העראָאיק האָט געוויזן וווּנדער! אין וואַרשעווער געטאָ האָבן ייִדישע העלדן געקאָנט שיין שטאַרבן, מיט כבוד, מיט רום; אין ישראל האָט די ייִדישע גבורה געקאָנט אויך געווינען די שלאַכט און באַזיגן דעם פיל־פיל שטאַרקערן שונא!

אין איינעם אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג האָב איך אויך געמאַכט אַ שפּאַציר מיט די ברעגעס פון טייך ירקון. אויך דאָ איז געווען פיל עולם. דער ירקון איז אַ געמיטלעכער טייך. יוגנט שיפט זיך אין קליינע שיפלעך און לאָזט זיך ווילגיין. ביי דער זייט ציט זיך אַ היימיש וועלדל — אַ וועלדל פונקט ווי אין אַ שטעטל אין פּוילן. יאָדלעס און בלעטער־ביימלעך. אַלץ זעט דאָ אויס דאָרפיש, פּרימיטיוו און גאָרנישט עקזאָטיש. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ׳בין אין דער אַלטער היים...

עס גלוסט זיך אויך באַקענען מיט דער פּעריפעריע פון תל־אביב — מיט די נייע מושבות אַרום דער שטאָט, וואָס האַלטן זיך כסדר אין פאַר־מערן און פאַרברייטערן. אַ מוסטער איז דער ניי־געשאַפענער קוואַרטאַל „מושבת עבודה" פון דער „הסתדרות": מאָדערנע איין־שטאָקיקע וווין־היי־זער, פיינע ווילעס אין גרינס, אַ שווים־באַסיין, אַ מוסטערהאַפטע אַמבולא־טאָריע פון „קופת חולים". און דאָס אַלץ צווישן דיונעס און מדבר־זאַמדן אין נאָענטסטער שכנות פון ים.

אַ גאָר פיינעם איינדרוק מאַכט רמת־גן מיט זײַנע פּרעכטיקע גאַסן און וווּנדערבאַרע פּאַרקן. דער עיקר דער באַרג־פּאַרק, ווו אַלץ איז אַזוי עקזאָטיש־שיין, קאָמפּאָנירט אויפן באַרג־שיפּוע. פון דער הויכקייט זעט מען אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע פון אַ גאַנצער ריי מושבות, ווי: בני ברק, נחלת יצחק, נחלת גנים און אנד. פון דער אַנדערער זייט זעט מען אין דער ווייטנס דעם ים־שפּיגל. בעת איך בין דאָרט געווען צום ערשטן מאָל, זע־נען די גאַסן, דער עיקר די הויפּט־גאַס — רחוב ביאליק — מיט דער עיריה, געווען ספּעציעל דעקאָרירט: דאָס איז גראָד דאַן פאָרגעקומען די פייערונג פון פּראָקלאַמירן רמת־גן פאַר אַ זעלבשטענדיקע שטאָט. זי האָט עס כשר פאַרדינט, די דאָזיקע שטאָט, סיי מיט איר צעוואַקסענער

גרויסקייט און רחבות, סיי מיט איר שיינקייט און סיי מיט איר מוסטער־האַפטער אָרדענונג. די דאָזיקע שטאָט האָט צו פאַרדאַנקען איר גלאַנץ און אויפבלי דעם זייער ענערגישן און אומדערמידלעכן ראש העיר אברהם קריניצי, (אַגב, מײַנער אַ בן־עיר). זינט יאָרן האָט ער זיך איינגאַנצן געווידמעט דער אַנטוויקלונג און מאָדערניזירונג פון רמת־גן.

בעת כ׳האָב באַזוכט דעם ראש העיר קריניצי, האָט ער מיר דערציילט אַביסל געשיכטע פון יענער צייט — מיט אַ פערציק יאָר צוריק לערך, ווען ער איז מיט די ערשטע חלוצים געקומען אַהער פון זיין היימשטאָט, גראָדנע. דעמאָלט האָבן זיי דאָ געפונען מדבר, זאמד און הפקר...

— ווילן און גלויבן קאָנען ווייזן וווּנדער... — פאַרענדיקט ער זיינע זכרונות.

אויף אַלע געביטן פילט מען אַ שטאַרקן טעמפּאָ פון אַרבעט. פון אַכט פרי איז שוין דער ישראל־בירגער אויף זיין אַרבעט־פּלאַץ. יעדער מענטש איז פאַרנומען, פאַרעסקט. צי דאָס איז אין ביוראָ, צי ביי פיזישער אַרבעט, אויף רוֹשטאָוואַניעס. אַזוי אַ קיילעכדיקע וואָך. דערפאַר פרייטיק איינס בייטאָג ווערט איבערגעריסן די אַרבעט אין אַלע משרדים1) און האַלב 6 פאַרנאַכט שטעלט זיך אויף אַפּ די אויטאָבוסן־באַוועגונג. אַלע געשעפטן ווערן געשלאָסן. אַפילו די טעאַטערס און קינאָס שפּילן נישט פרייטיק־צו־נאַכט. ס׳איז שבת. דער אַלטער יידישער שבת אין יידישן לאַנד. עס פילן דעם שבת אַלע — צי מען איז פרום, צי פריי. אין גאַס קורסירן נאָר פּריוואַטע אויטאָס און „שירות"־טאַקסיס2). שבת זעט מען אומעטום אַ שפּאַצירנדיקן עולם. אויף שבת לייגט מען אָפּ אַלע וויזיטן צו פריינט און באַקאַנטע. שבת נעמט מען אויף געסט. שבת ברענגט אַנטשפּאַנונג נאָך אַ גאַנצער וואָך אַרבעט און פליכטן פאַר דער פאַמיליע און דער געזעלשאַפט.

תל־אביב פאַרמאָגט אַ סך קאַפייען און „מסעדהס"3). יעדע קאַפּי האָט שוין אירע סטאַבילע באַזוכער. גרויס דערפאַלג האָבן די ליטעראַרישע קאַפייען, ווו מען טרעפט תמיד אין אָוונט שרייבער, זשורנאַליסטן, קינסטלער, אַקטיאָרן. דאָס זענען „כסית" אויף רחוב דיזנגוף, „קנקן" אויף ככר דיזנגוף, „מאור" אויף רחוב אלנבי און אַנדערע. יעדער שרייבער איז אַ חסיד פון זיין קאַפּי. אין „מאור" איז ביז איבער מיטיק דער טרעף־פּונקט פון יידישע שרייבער און קולטור־טוער. זייגער 11—12 ביינאַכט, נאָכן טעאַטער אָדער אנדערע אימפּרעזעס, ווערן די טישלעך אין „כסית"

1) אַמטן; 2) „קאָלעקטיוואָס"; 3) רעסטאָראַנען.

פלוצלונג פול: דאָס קומען זיך צונויף אויף אַ האַלב שעה צי אַ שעה די פּרעסע־מענטשן, אַקטיאָרן, כדי צו טיילן זיך מיט די ערשטע איינדריקן פון דער היינטיקער טעאַטער־פאָרשטעלונג וכדומה.

אין מיטן טאָג קאָן מען אויך זען אין די תל־אביבער קאַפייען אַ געוויסן אויסגעפּוצטן עולם: אין דער שטאָט פון אַרבעט און שאַפן פעלן אויך נישט קיין ליידיקגייער, דער עיקר פון „שיינעם מין". דאָס זענען די אויפגעקו־מענע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. בעת ייִדיש בלוט האָט זיך אין פּוילן געגאָסן ווי וואַסער האָט מען אין אַ ריי נייטראַלע לענדער געהאַט אַ גוטע „קאָניונקטור". ייִדן פון ארץ־ישראל האָבן אויך געגעבן זייער צושטייער: ווער מיט בלוט אויף די פראָנטן פון די אַליאירטע, ווער מיט מאַטעריעלער הילף פאַר די ליידנדיקע ברידער אין נע־ונד. געווען אָבער אויך אַ געוויסער טייל, וואָס האָט געזאָרגט נאָר פאַר די אייגענע עגאָאיסטישע אינטערעסן און אויסגענוצט דעם „שעת הכושר" — די „קאָניונקטור" צוליב דער מלחמה אין דער וועלט. דערמאָנען טאַקע די דאַ־זיקע הערן און עלעגאַנטע דאַמען מיט די פּעדאַנטיש־מאַניקירטע נעגל און פרישע „פּערמאַנענטן" אָן די סטאַבילע ליידיקגייערישע קיביצער אין די פאַריזער קנייפּעס ביי די פיקאַנטע „אַפּעריטיפן". וואָס גייט עס זיי אָן די אַלע שוועריקייטן, וואָס דאָס לאַנד מאַכט דורך? אַז וווינען וווינט מען אין גערוימע אַפּאַרטאַמענטן. קיין געזעץ וועגן רעקוויזירן צימערן אין גרויסע דירות איז נישטאָ, קיין מאַראַרין עסן זיי אויך נישט: פון „שוק השחור"[1]) באַזאָרגט מען זיי אין שטוב אַריין פרישע שמאַנט־פּוטער, אייער און אַפילו היינדלעך. קען מען רויִק קיביצן אין די קאַפייען און קריטיקירן די נייע „פּאַזשאַנדקעס"...

פאַר אַ פריש־געקומענעם וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן דאָס אינ־טענסיווע קולטור־לעבן אין ישראל. עס באַשטעטיקט זיך דער כלל, אַז ייִדן זענען טאַקע אַן עם הספר. כמעט אויף יעדער גאַס געפינט איר אָן אַ שיעור בוכהאַנדלונגען. עלעגאַנטע מאַגאַזינען מיט ריזיקע קאָלעקציעס בי־כער אין די שויפענצטער. ביכער אין אַלע שפּראַכן, דער עיקר אין העב־רעאיש. מיט קיין ייִדישע ביכער אין די שויפענצטער זינדיקן נישט די בוכהאַנדלונגען... אַלע ווי איינער, ווי לויט אַן אָפּמאַך... כאָטש אינעווייי־ניק אויף די פּאָליצעס פון טייל בוכהאַנדלונגען געפינען זיך יאָ ייִדישע ביכער — געשעפט איז געשעפט...

---

1) שוואַרצער מאַרק.

יידיש־לייענער זענען דאָ גראָד פאַראַן אַ סך. מ׳קויפט יידישע ביכער מער ווי ערגעץ אַנדערש. כ׳האָב באַזוכט, למשל, די גרויסע פּרץ־ביבליאָטעק אויף אַלנבי־גאַס און האָב געזען דאָרט אַ היפּשע פרעקווענץ פון לייענער, וואָס קומען טוישן ביכער. דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטער זי־געלבוים (אַ ברודער פון מאַרטירער אַרטור זיגעלבוים) האָט מיך אינפאָרמירט, אַז די אַבאָנענטן ציילן זיך אין שיינע הונדערטער.

דער ארץ־ישראלדיקער ביכער־מאַרק איז זייער אַ רייכער. טאָג־טעגלעך דערשיינען ביכער אויף אַלע געביטן: בעלעטריסטיק, וויסנשאַפט, פּעדאַגאָגיק, טעכניק. עס דערשיינען אָריגינעלע ווערק און איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור. און אויב די ביכער־פּראָדוקציע איז אַן ענין פון פּראָפיט, איז עס דער בעסטער אַטעסטאַט פאַר דער באַפעלקערונג. איז עס אַ סימן, אַז עס זענען פאַראַן לייענער און קויפער פון ביכער; אַז ליטעראַטור פאַרנעמט אַ חשיבותדיק אָרט אינעם לעבן.

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע: אין דעם קליינעם לענדל דערשיינט אַ שלל צייטונגען. טאָג־צייטונגען. מאָרגן־בלעטער און אָוונט־בלעטער. זשורנאַלן, פּעריאָדישע אויסגאַבן. צייטונגען אין כלערליי שפראַכן. אויך דאָ מוז געזאָגט ווערן: קיין איינציקע יידישע טאָג־צייטונג איז אין ישראל נישטאָ!1)

אויך מיטן טעאַטער־וועזן מעג זיך ישראל גרויסן: אין ישראל זענען פאַראַן פינף סטאַבילע טעאַטערס — „הבימה״, „אוהל״, „קאַמערי״, „לי־לה־לו״ און „המטאטא״, וועלכע שפּילן תמיד ביי אויספאַרקויפטע הייזער. פּיעסן גייען לאַנגע וואָכן און חדשים. פאַראַן אַ זייער פיינער טעאַטער־עולם — דערין אַ סך יוגנט — וואָס טעאַטער איז ביי זיי אַן אָרגאַנישע נויטווענדיקייט. איך האָב באַזוכט אַלע טעאַטערס און האָב זיך ממש צוגעקוקט מיט נחת צו די געפאַקטע זאַלן. אין „קאַמערי״ האָב איך, פאַרבייגייענדיק אין דער פרי, עטלעכע טעג באַמערקט אַ צעטל, אַז אַלע בילעטן זענען שוין אויספאַרקויפט. וועגן דער פילהאַרמאָניע איז אָפּגערעדט; דאָרט ווערן געגעבן די קאָנצערטן פאַר סטאַבילע אַבאָנענטן, און ס׳איז פּשוט שווער צו דערשלאָגן זיך אַהין אויף אַ קאָנצערט2).

---

1) לעצטנס איז דער ענין, ווי באַקאַנט, געוואָרן מילדער. עס דערשיינען שוין אַ פּאָר „קאָמבינירטע״ צייטונגען: 3 מאָל וועכנטלעך אונטער איין נאָמען און 3 מאָל אונטער אַן אַנדערן קאָפּ.

2) שפּעטער הערן מיר שוין אויך גרוסן פון יידיש טעאַטער אין ישראל; אָבער צום באַדויערן, דאָס רוב וועגן שלעכטן טעאַטער...

אַחוץ טעאַטער איז אין תל־אביב אַ שטענדיקע מזל־ברכה אויף סתם אימפּרעזעס: ליטעראַרישע פּאַרלעזונגען, רעפעראַטן אויף פּאָליטישע טע־מעס, קבלת פּנימס, געלעגנהייטס־פייערונגען, יובילעאומס פון שרייבער און היסטאָרישע דאַטעס א. א. וו.

צוליב דעם אַלעם זענען אַלע קיאָסקן פאַרקלעפּט מיט מאַסן פּלאַ־קאַטן, מיט פילפאַרביקע רעקלאַמעס. פאַר יעדן אָוונט האָט דער ישראל־בירגער אַ גאַנצן אויסוואַל פון מעגלעכקייטן ווו צו פאַרברענגען — פאַר איטלעכן געשמאַק און פאַר איטלעכער שטימונג.

3

מסיבות, מסיבות!

אַ גאַנצע ריי אינטערעסאַנטע מסיבות געהאַט אין תל־אביב. די שרייבער־משפחה האָט אונדז אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט, אַ סך האַרץ. אַזוי אויך די פּרעסע — סיי די יידישע, סיי די העברעאישע. אין אַלע צייטונגען זענען מיר געווען די „העלדן פון טאָג"...

עס זענען אויך צו אונדז זייער גאַסטפריינטלעך די צענטראַלע אינ־סטיטוציעס — אין תל־אביב דער ועד הפּועל פון דער „הסתדרות" (דורכן שרייבער ד"ר א. ש. יוריס), „קרן היסוד" (דורכן דיכטער דב כאַמסקי), שפּעטער — די „סוכנות" אין ירושלים: מיר באַקומען אומעטום טוריסטן־אויטאָס מיט געניטע פירערס, כדי צו קאָנען באַזוכן דאָס לאַנד לאָרכה ולרחבה — די וויכטיקסטע שטעט און קיבוצים, פון גרעניץ צו גרעניץ.

מ'האָט אונדז אויך איינגעלאַדן צו דער יידישער ראַדיאָ־שעה, און יעדער פון אונדז האָט גערעדט פאַרן מיקראָפאָן וועגן זיינע ערשטע איינ־דריקן אויפן ישראלדיקן באָדן.

צו אונדזער „טראַיקאַ" איז צוגעקומען נאָך אַ משלנודיקער גאַסט, אַ היימישער פעץ־מענטש פון ארגענטינע — מיין „מאָמענט"־קאָלעגע מאַרק טורקאָוו. טורקאָוו איז באַלד צוגעשטאַנען צו אונדזער „דרייאייניקייט" און כמעט אַלע אויפנאַמעס זענען געמאַכט געוואָרן פאַר אונדז אַלעמען צו־זאַמען.

אַזוי האָט מען אונדז אויפגענומען אין דער דירה פונעם באַקאַנטן אָרטיקן יידישן שריפטשטעלער יואל מאַסטבוים; אין רעדאַקציע „דבר";

אין ייִדישן ליטעראַטן־פּאַראיין; אין הויז פון דעם בילדונגס־מי־ניסטער זלמן שזר; אין הויז פון פּאָרזיצער פון כנסת יוסף שפּרינצאַק. צו דער אויפנאַמע פאַר אונדז ביי שפּרינצאַקן איז אויך פאַרבעטן געוואָרן דער דיכטער־וועטעראַן יעקב פיכמאַן.

כמעט אַלע האָבן געהאַט פאַר אונדז די וואַרימסטע רייד. מ׳האָט געזען אין אונדז די על פי נס ניצול־געוואָרענע רעשטלעך פון דער פאַר־שניטענער פאַרצווייגטער שרייבער־משפחה אין פּוילן.

דעם גרעסטן אָפּקלאַנג האָט געהאַט דער קבלת פּנים ביי יואל מאַסט־בוימען אין שטוב. אַן אָפּקלאַנג אין דער ברייטער ייִדישער וועלט. ווו נאָר אַ צייטונג, אַ זשורנאַל — אומעטום האָט מען שפּעטער געקאָנט לייענען אַן

אויף דער אויפנאַמע ביים בילדונגס־מיניסטער זלמן שזר

פון רעכטס: פרוי קאַצענעלסאָן־שזר, פרוי טורקאָוו, זיגמונט טורקאָוו, יואל מאַסטבוים, אַברהם זאַק, משה גראָסמאַן, מאַרק טורקאָוו, זלמן שזר, שמערקע קאַטשערגינסקי (שטייענדיק), קושניר און פרוי.

אָפּקלאַנג פון יענער „היסטאָרישער" מסיבה. דעריבער טאַקע איז כדאי צו פאַרפיקסירן בקיצור איר פאַרלויף.

אין דער ערשטער ריי דער גאַסט־געבער אַליין, דער וואַרשעווער ייִדי־שער שריפטשטעלער יואל מאַסטבוים, וואָס האָט שוין באַוויזן אין ישראל צו באַקומען אַ פּרעכטיק־באַזילבערטן קאָפּ. דאַן — דער געוו. סיים־דעפּוטאַט אין פּוילן און געוו. ערשטער אינערן־מיניסטער אין ישראל יצחק גרינ־בוים; דער אַרבעטער־פירער (פון לינקע פּועלי־ציון) און כנסת ־ דעפּוטאַט י. זרובבל; דער וויצע־פּאָרזיצער פון כנסת ניר — ראַפאַלקעס; די רע־דאַקטאָרן פון דער פּאָפּולערער מפּא"יִישער צייטונג „דבר" דוד זכאי און חיים שורער; דער געוו. סענאַטאָר פון פּוילן אינזש. משה קערנער; דער געוו. סיים־דעפּוטאַט אין פּוילן און איצטיקער יוסטיץ־ראַט פון ישראלדיקן אינערן־מיניסטעריום אדוו. א. מ. האַרטגלאַס; דער פירער פון ברית עברית עולמית ד"ר אַלעקסאַנדער ראָזענפעלד; די שרייבער און זשורנאַליסטן אַברהם סוצקעווער, י. מ. ניימאַן, יצחק פּערלאָוו, מענדל מאַן, מ. צאַנין, י. קלינאָוו, י. ל. וואָלמאַן, ד"ר מאַרק דוואָזשעצקי, יעקב קענער, ל. פּינעס, מ. י. נירענבערגער, וואָלף יאסני, י. אהרוני און פּיל, פּיל אַנד. מענטשן האָבן אויסגעפּילט אַלע חדרים און אַלע קאָרידאָרן פון דער דירה.

נאָך אַ קורצן באַגריסונגס־וואָרט פון גאַסט־געבער יואל מאַסטבוים איז דער פאָרזיץ פונעם אָוונט איבערגעגעבן געוואָרן יצחק גרינבוימען.

קודם כל האָט דער פאָרזיצער געגעבן דאָס וואָרט די שרייבער־געסט.

משה גראָסמאַן האָט גערעדט מיט פיל עמאָציע. ער האָט גערעדט וועגן די געפילן פון אַ ייִדישן שרייבער, וואָס שפּאַצירט איבער די גאַסן פון תל־אביב; גאַסן, וועלכע טראָגן די שטאָלצע נעמען פון די שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. גראָסמאַן דריקט אויס זיין זיכערקייט, אַז אין ישראל וועלן נישט געמאַכט ווערן קיין שוועריקייטן פאַר די, וואָס ווילן שאַפן אין ייִדיש.

אין מיין וואָרט האָב איך באַטאָנט, אַז איך רייד נישט נאָר אין מיין אייגענעם נאָמען, נאָר אויך אין נאָמען פון אַ גרופּע קאָלעגן, שרייבער־פּליטים פון „גי־פּאַטען 9" — אַ פּאָפּולער־געוואָרענער אַדרעס אין פּאַריז. (כ'האָב געהאַט דערצו אַ פולמאַכט). כ'האָב דערציילט וועגן דער שטימונג ביי די דאָזיקע שרייבער צו קומען זיך באַזעצן אין ישראל און דאָ פאָרזעצן זייער לעבן און שאַפן. זייער שאַפן, פאַרשטייט זיך, אין ייִדיש. אין דער שפּראַך, מיט וועלכער עס איז פאַרבונדן זייער גאַנץ לעבן. נאָך די יאָרן

פון פּיין און נע־ונד דאַרף ישראל ווערן זייער היים. די ייִדישע שרייבער גאַרן אָבער צו באַגעגענען אין ישראל אַ פריינטלעכע פאַראינטערעסירונג מצד די היגע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אַ ברידערלעך־אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס זאָל זיי העלפן שאַפן די באַדינגונגען פאַר זייער לעבן און שאַפן.

שמערקע קאַטשערגינסקי האָט אין זיין וואָרט באַרירט די פראגע פון ענגערע קולטור־באַציִונגען צווישן ישראל און די ייִדישע ישובים אין דער וועלט. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער שעפערישקייט פון דער ייִדישער שפּראַך און אויפן בייטראָג פון ייִדיש פאַרן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. קאַטשערגינסקי האָט אויך גערעדט וועגן דער פרייד, וואָס מען לעבט איבער ווען מען באַזוכט די ייִדישע מדינה, אָבער דערביי אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז מחוץ דער מדינה לעבט די מערהייט פון ייִדישן פאָלק, וועלכע שעפּט איר יניקה פון די קוואַלן פון פאָלקס־שאַפן אין דער ייִדישער שפּראַך. ער האָט דערמאָנט עטלעכע זייער כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן פון ווילנער געטאָ, ווי אַזוי מען האָט דאָרט אָפּגעהיט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער ייִדישער קולטור; ווי אַזוי מען האָט ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן צוליב אַ ייִדיש בלעטל, צוליב אַ ייִדיש וואָרט און עס וואָלט געווען אַן עוולה, ווען מען זאָל איצט פאָדערן אָפּצוזאָגן זיך פון ייִדיש אָדער מען זאָל מאכן שוועריקייטן צו שאַפן און אויסלעבן זיך אין ייִדיש אין מדינת ישראל.

עס האָבן דאַן גערעדט די שרייבער: אברהם סוצקעווער, י. מ. ניימאַן, י. קלינאָוו, ד״ר מאַרק דוואָזשעצקי, וו. יאסני.

נאָך די דאָזיקע רעדעס איז געקומען דער „שאָס" פונעם אָוונט: די צוויי רעדעס, צוליב וועלכע די מסיבה איז געוואָרן אַ „היסטאָרישע" — די רעדעס פון י. זרובבל און יצחק גרינבוים.

י. זרובבל האָט אַרויסגעזאָגט אַ ריי געדאנקען וועגן דער באַציִונג צווישן ישראל און גלות. זרובבל זעט נישט קיין צוקונפט פאַר דער ייִדישער קולטור אין גלות. דאָס שעפערישע פון ייִדישן לעבן איז איצט אין ישראל. דאָס פוילישע ייִדנטום איז אונטערגעגאנגען. דאָס לעבן אין ישראל איז נישט קיין המשך פון אַמאָליקן לעבן. אין ישראל ווערט געשאפן עפּעס גאָר נייעס: „אויב ייִדישע שרייבער קומען קיין ישראל — האָט ער געזאָגט — איז אדרבה, זייט באַגריסט, טרייסלט אָפּ דעם שטויב פון אייערע וואנדער־שיך, זייט מיט אונדז, גייט אַריין מיט אונדז אין אונדזער נייעם לעבן".

די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זרובבלס, — הגם אפשר עקסטרעמע אין תוך, אָבער מילד אין דער פאָרם — האָבן נאָך ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדערע רעאַקציע, ווי שפּעטער גרינבוימס רייד.

אָבער דערווייל, פאַר גרינבוימען, האָט באַקומען אַ וואָרט מאַרק טורקאָוו.

אַן אָנגעוואָרעמטער פון דער סביבה, צווישן אַזוי פיל היימישע געשטאַלטן פון אַמאָליקן ייִדישן וואַרשע, האָט טורקאָוו פונאַנדערגעוויקלט אַ גאַנצע מגילה זכרונות.

ער איז דאַן איבערגעגאַנגען צו זיינע ערשטע איינדריקן אין ישראל. שפּאַצירנדיק איבער דער אַלנבי־גאַס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקן אין די שויפּענצטער פון די בוכהאַנדלונגען. מיט אויפריכטיקער פרייד האָט ער אָבסערווירט די געוואַלדיקע שפע פון ליטעראַרישע ווערק פון אַלע געביטן, העברעיִשע און איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן. ער קאָן אָבער נישט פאַרשווייגן די עוולה, וואָס געשעט אין ישראל און וואָס דערנידעריקט נאָר דעם קולטור־ניוואָ פון מדינת־ישראל: אין די פּאָר צענדליק בוכהאַנדלונגען, וואָס געפינען זיך אויף אַלנבי־גאַס, זעט מען, אַ חוץ העברעיִשע, אויך ביכער אין אַנדערע שפּראַכן — אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש, פּויליש, אונגאַריש, רומעניש און נאָך אַנד. דערביי זענען דאָס נישט בלויז ביכער ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע, נאָר זייער אַ סך ביכער פשוט פּאָרנאָגראַפישע, אַ סך אונטערן מאַנטל פון פּסיידאָ־וויסנשאַפט, אויף סעקסועלע טעמען. אַפילו אין העברעיִש גופא איז פאַראַן אַן אומגעהויער גרויסע צאָל פּאָרנאָגראַפישע ביכלעך, וואָס פאַרפלייצן אַלע צייטונגס־קיאָסקן.

נאָר ביכער אין איין איינציקער שפּראַך זעט מען נישט אין די שויפּענצטער פון די בוכהאַנדלונגען — דאָס זענען ביכער אין דער ייִדישער שפּראַך. כאָטש אין ייִדיש זענען פאַראַן ווערק, מיט וועלכע מען מעג שטאָלצירן.

צום סוף האָט טורקאָוו פּאָלעמיזירט מיט די אויספירונגען פון י. זרובבל און האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון המשך הייסט פאַרלייקענען די ייִדישע געשיכטע, די ייִדישע פאַרגאַנגענהייט, דאָס העלדנטום און מאַרטירערטום.

און דאָ איז געקומען די „סענסאַציע" — יצחק גרינבוימס „היסטאָרישע" רעדע. ווי דער פּאָרזיצער פונעם אָוונט האָט ער גערעדט דער לעצטער.

ווי אַן עקסטרעמער אַנטי־גלותיסט, האָט גרינבוים גערעדט באַריכת מיט שאַרפער נעגאַציע וועגן אַלץ, וואָס קומט פון גלות. מיטן אונטערגאַנג פון פוילישן ייִדנטום איז פון גלות גאָרנישט געבליבן. ייִדישע שרייבער, וואָס קומען קיין ישראל, דאַרפן פון זיך אַראָפּשאָקלען אַלצדינג, דעם גאַנצן גלות־שטויב. די יוגנט אין ישראל דאַרף נישט — נישט שלום־עליכמען, נישט מענדעלען, נישט פּרצן... אַפילו — דער רמב״ם איז פרעמד דער ישראלדיקער יוגנט... דערצו איז נישטאָ קיין עצה — אַזוי איז עס. אין ישראל — האָט גרינבוים פאַרענדיקט — דאַרף זיך דער ייִדישער שרייבער צופּאַסן צו דער נייערווירקלעכקייט; אַנדערש איז עס אַן אומגליק פאַר זיי גופא, פאַר די ייִדישע שרייבער, און ס׳איז אויך אַן אומגליק פאַר דער מדינה...

איבעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע רייד האָבן אויף אונדז, געסט, — און נישט נאָר אויף אונדז, — געווירקט ווי אַ „קאַלטער דוש״... אָדער ווי שמערקע קאטשערגינסקי האָט שפּעטער געשריבן: „ווי מיט אַ דובינע אי־בערן קאָפּ״...

און ס׳איז אַוועק איבער דער וועלט.

אָנגעהויבן האָט עס מ. צאַנין — רעדאַקטאָר פון תל־אביבער „לעצ־טע נייעס״ — מיט אַ שאַרפן אַרויסטריט אין זיין צייטונג און אַבֿיסל שפּע־טער (כ׳דערלויב מיר דאָ אויף אַ קליינער דיגרעסיע אין צייט) מיט אַן אויספירלעכער קאָרעספּאָנדענץ אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס״. האָט זיך נאָכדעם אָפּגערופן אויך דער „מאָרגן־זשורנאַל״, „דער טאָג״, „דער וועק־קער״ (ניו יאָרק), „די ייִדישע צייטונג״ (בוענאָס איירעס), די צייטונגען אין פּאַריז — און ווו נישט? ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ פּאָלעמיק, אין וועל־כער עס האָבן זיך באַטייליקט יעקב גלאַטשטיין, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס, אפּ־רים אויערבאַך, ד״ר שלמה ביקל, אליהו שולמאַן און אַנד. האָבן גענומען אַ וואָרט אויך די באַערטע שרייבער־געסט פון פּאַריז און בוענאָס־איירעס.

אָבער היות ווי ס׳וואָלט שוין דאָ געווען אַ צו לאַנגע דיגרעסיע אין אָרט און אין צייט, איז — דיינו.

**
*

שפּעטער, אין אַ שמועס מיט אַ פּאָר קאָלעגן־שרייבער פון וואַרשע ביי אַ טישל אין „מאור״, הער איך אויס זייערע תרעומות אויף די העב־רעיִשע קאָלעגן. דאָס רוב העברעיִשע שרייבער האַלטן זיך ווי פון אַ „העכערער קלאַס״ לגבי די ייִדישע שרייבער... די דאָזיקע ביטול־באַציאונג

פון די „פּריווילעגירטע" פּען־מענטשן האָט געשאַפֿן אַ דיסטאַנץ, אַ וואַנט פֿון פּרעמדקייט. די אויסנאַמען־יחידים ענדערן נישט דעם מצב.

איינער פון די קאַלעגן, וואָס באַקלאָגן זיך פאַר מיר, רופט עס אָן ביים נאָמען: גלות...

דער אַנדער קאָלעגע איז ווייניקער פּעסימיסטיש.

— טאַקע גלות, — זאָגט ער. — דער יידישער שרייבער, ווי די יידישע שפּראַך, איז דאָ אין גלות; אָבער מיר זענען דאָך פאָרט צווישן יידן... מען דאַרף האָבן שטאָלץ, עקשנות. מען דאַרף קעמפן קעגן דעם סנאָבישן שנאת יידיש...

עס ווערט מיר אין דער רגע נאָך מערער קלאָר דער זין פון יצחק גרינבוימס רעדע אויף יענער מסיבה ביי יואל מאַסטבוימען אין דער דירה...

4

שניי אין תל־אביב

אויב דער ארץ־ישראלדיקער ווינטער איז תמיד געוויינלעך אַ רעגנ־דיקער, איז גראָד בעת מיין באַזוך — אין ווינטער 1950 — געווען אַן אויסנאַם. אַנדערש ווי אַלע יאָר. אין יענעם ווינטער האָט דאָס יידישע לאַנד געהאַט שניי, אַ סך שניי.

דאָס איז געווען אין די טעג פון אָנהויב פעברואַר.

אין איינעם אַ פרימאָרגן שטיי איך אויף, גיי צו צום פענצטער און צי אַרויף דעם לאָדן — ווייס! ווייסע הייזער, אַ ווייסע גאַס, אַ ווייסע וועלט!

איך וווּנדער זיך: האַ? אין ארץ־ישראל?! היתכן?!

כ'בין אַרויס אין גאַס — אַ סענסאַציע פאַר גרויס און קליין. אַלע חידושן זיך, אַלע קוקן מיט פאַרגאַפטע אויגן — אַ וווּנדער פון דער נאַטור. די גאַנצע שטאָט איז פאַרחידושט. דאָ און דאָרט קלייבן זיך רעדלעך מענטשן און מ'רעדט וועגן שניי. זקנים דערציילן, אַז אַזאַ מין בילד האָבן זיי שוין לאַנג, לאַנג נישט געזען. עפּעס ענלעכס איז געווען אַמאָל, אַמאָל, מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

אמת, אין ירושלים, אין די הרי יהודה, פאַלט אַמאָל ווינטער אַרויס אַ שיטערער שניי און פון די בערג־שפּאַלטן בלאַנקען ווייסע פלעקן. אויך דער באַרג חרמון — אין גליל — האָט אַ גרויען קאָפּ... אָבער ס'איז לחלו־

טין נישט קיין פאַרגלייך צו דעם שפעדיקן שניי, וואָס מ׳האָט דאָן געזען אין תל אביב.

איך גיי מיר אַזוי גאַס־איין, גאַס־אויס. דער שניי דערמאָנט מיר די קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים... כ׳גיי פאַרביי אַ שולע. אַ חברה קינדער איז צעטיילט אין צוויי מחנות און עס גייט אַ מלחמה מיט שניי־קוילן. אַ פריילעכער ליארם. אין דער לופטן פליען די שניי־קוילן פון איין מחנה צו דער צווייטער.

— שלג!(1)

— שלג!

עפּעס איינער אַ יינגל שטייט אָפּגעזונדערט פון דער מחנה, ביי אַ וואַנט, מיט אַ פולן הויפן שניי און לעקט. לעקט מיט אַזאַ כוונה... עס ווילט זיך אים אפּנים וויסן גענוי דעם טעם פון דער ווייסער, וויכער מאסע...

פאַר קינדער איז עס באמת געווען אַן אנטפלעקונג. וועגן שניי האָבן די קינדער אין ישראל געלערנט אין שולע, אין די כרעסטאָמאַטיעס, אין מעשה־ביכלעך. זיי האָבן געזען שניי אויף בילדער; אָבער שניי ממש, לעבעדיקער שניי, וואָס פאַלט פון הימל אויף דער ערד און בלייבט אַזוי ליגן אַ ווייסער, אַ ליכטיקער, אַ בלאַנקענדיקער — דאָס זעען זיי צום ערשטן מאָל.

טאַנצן זיי, די קינדער, און ליארעמען פון פרייד:

— שלג לבן!(2)

— שלג לבן!

שפּעטער אַביסל פאָר איך אין אויטאָבוס. אויף יעדער סטאַציע קומען אַריין אינעווייניק פאַסאַזשירן, באַשאָטענע מיט שניי־פליטערלעך, מיט ווייסינקע שטערנדלעך. דער עולם באַגעגנט די פריש־אַריינגעקומענע מיט וויצן און געלעכטער.

אָט קומט אַריין אין אויטאָבוס אַ יונג בחורל — אינגאַנצן אַ ווייסער. עמיצער פרעגט אים:

— ווער ביסטו? אַ ווייסער שד?...

— זקנתי... כ׳בין גרוי און אַלט געוואָרן... — ענטפערט דאָס בחורל לאַכנדיק.

און ווידער אַ געלעכטער.

אויף די הויפּט־גאַסן פון תל־אביב — אויף אַלנבי, שדרות רוט־

---

1) אַ שניי; 2) ווייסער שניי.

שילד, בן־יהודה און אנד. — איז די באַוועגונג פון מענטשן אַ גרעסערע ווי תמיד. דאָס רוב זעט מען יוגנט — סאַבּרעס. — אַלע ווילן אָנקוקן דעם ווייסן ווונדער...

אין אָוונט בין איך געזעסן אין קאַפע „קנקן" אויף ככר־דיזנגוף. אויך דאָ ביי די טישלעך רעדט מען וועגן שניי. דער און יענער דערציילט, אַז אין מיטן נאַכט האָט מען ביי זיי אין די הייזער אויפגעוועקט די קינדער פון שלאָף, כדי צו ווייזן זיי דעם שניי; מען האָט מורא געהאַט טאָמער צע־גייט ער ביז אין דער פרי, און דאַן וואָלטן די קינדער שוין נישט געהאַט די געלעגנהייט צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם שניי...

עס עפנט זיך די טיר פון קאַפע און עס קומען אַריין עטלעכע געסט מיט צונויפגעדריקטע שניי־באַלעכלעך אין די הענט.

— מיר זענען געקומען, — זאָגן זיי, — מיט אייגענער „גלידה"1)...

און דערביי ווענדן זיי זיך צום קעלנער:

— גיט אונדז אַהער טעצלעך פאַר דער „גלידה"...

דער קעלנער האַלט אונטער דעם שפּאַס און דערלאַנגט זיי פלינק טעצלעך מיט לעפעלעך. די לצימדיקע געסט האָבן אַריינגעלייגט די „גלי־דה" אין די טעצלעך און אין גוטער לוינע אויסגערופן צום עולם:

— ווער עס וויל פאַרזוכן, איז בבקשה... זייט זיך מכבד...

און עולם לאַכט.

איינער פון די געסט פאָרט אַרויס מיט אַ פּאָליטישן וויץ:

— ווייסט איר פון וואַנען עס נעמט זיך דער שניי? — פרעגט ער און ענטפערט אַליין: — דאָס האָט די „מקי"2) געבראַכט פון סיביר...

— אמת, אמת, סיביר אין ישראל... — האַלט ווער אונטער דעם היי־טערן טאָן.

זייגער צוועלף ביינאַכט, אַז כ'בין אַרויס פון „קנקן", האָב איך באַ־מערקט אַזאַ בילדל:

אויפן סאַמע מיטן „ככר"3) שטייט אַ פריש געמאַכטער ריזיקער גולם פון שניי. אַרום אים אַ גאַנצער רעדל פון מענטשן, קליין און גרויס. אַלע פאַרען זיך אַרום דעם ווייסן גולם, מ'גלעט אים צו דעם קאָפּ, די אַקסלען, דער בויך; מען מאַכט אים צורעכט מיט אַ כעמישן שטיפט די נאָז, די אויגן, דאָס מויל און אויערן. די שטימונג איז אַ הייטערע, אַ שטיפערישע.

1) אייז־קרעם; 2) די קאָמוניסטן פון ישראל; 3) פּלאַץ.

מען ווילט זיך אויסגעצייכנט — כאָטש עס איז שוין שפּעט ביינאַכט. מען דאַרף דאָך מאָרגן פרי גיין אין שולע, צו דער אַרבעט. אָבער דאָ אויפן פּלאַץ, זע איך, טראַכט גאָר קיינער נישט וועגן אַהיים גיין. אַ קלייניקייט. אַזאַ שמחה:

— שלג!

— שלג!

שניי אין תל־אביב.

5

אין ירושלים

ס׳איז נאַטירלעך, אַז ביים באַקענען זיך מיטן לאַנד וויל מען קודם כל זען ירושלים — דאָס האַרץ פון ארץ־ישראל. די הייליקע שטאָט, וואָס איז דער אָביעקט פון אונדזערע אַלטע ייִדישע תפילות. כ׳בין זיך מודה, אַז אַרויספאָרנדיק פון תל־אביב אויפן שאָסיי קיין ירושלים האָב איך געפילט אין זיך אַן אינערלעכן פלאַטער. מיינע בליקן זענען געווען צוגעשמידט צו דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. יעדע פּאַלמע דאָ און דאָרט האָט צו מיר עפּעס גערעדט. מיר פאָרן פאַרביי ישובים, וואָס ווערן אָפט דערמאָנט: רמלה, גדרה און אנד. גרינע פעלדער, פּרדסים. אַ סטאַדע שעפּסן פּאַשעט זיך ביים וועג אין אַ טאָל. ביים וועג, וואָס גייט אויף לאַטרון, באַגעגענען מיר אַ טאַנק, נאָך אים אַ מאַשין מיט ייִדישע מיליטער־לייט. עס דערמאָנט וועגן דעם, וואָס ערשט נישט לאַנג איז דאָ פאָרגעקומען...

מיר קומען אַריין אין די הרי יהודה. שטיינערנע בערג נעמען זיך ציען פון אַלע זייטן. דער שאָסיי שלענגלט זיך דורך די בערג אין זיגזאַגן. דער פּייזאַזש איז אַ פּרעכטיקער. טייל בערג זענען באַוואַקסן מיט ביימער, טייל באַאַרבעט און פאַרזייט. דאָס רוב זענען ווילד, נאַקעט. אוראַלטע פעלזן און שטיינער. די באַאַרבעטע בערג זענען פאַרמירט אין ברייטע „טרעפּ", כדי די נויטיקע פייכטקייט זאָל זיך וואָס לענגער פאַרהאַלטן אויף דער זריעה. די פּרימיטיווע אַראַבישע דערפלעך, וואָס ליגן ווו־נישט־ווו אין די בערג, ווערן צונויפגעגאָסן מיט די „טרעפּ" פון די בערג און פון אַ פּערספּעקטיוו איז שווער צו דערקענען די ליים־הייזלעך. אַלץ איז פון איין גרויען קאָליר.

לסוף דערזעט מען פון אַ הויכקייט די טורימער פון ירושלים. דאָס האַרץ קלאַפּט האַסטיקער. וואָלסט געוואָלט פאָרן פאַמעלעך, פּאַמעלעך. אָבער די מאַשין איילט זיך. מיר זענען שוין אין די ערשטע געסלעך. נאָך אַ גאַס, נאָך אַ גאַס. מיר זענען שטיין געבליבן אין האַנדלס־צענטער.

הויבן זיך אָן טעג פון בלאָנקענישן איבער דער „עיר הקודש״, וואָס האָט אַזאַ רייץ. ערשט דאָ, אין ירושלים, זעסטו דאָס טיפּישע ארץ־ישראל. עבר, געשיכטע...

עס ציט דיך קודם־כל צו דער אַלט־שטאָט — צום הר־ציון. דו זעסט די מויער אין דער הויך, דעם מגדל־דוד, די מעטשעטן און מאָנאַס־טירן. דראַפּעסט זיך דורך די שטיינערנע שטעגלעך אַרויף, אַרויף. לייענסטו אין מיטן באַרג אַ ברייטע אויפשריפט: „מי יעלה בהר ד׳ ומי יקום במקום קדשו נקי כפים ובר לבב״. גייסטו העכער, העכער. פון די זייטן — דראָט־פאַרצוימונגען. ס׳איז מינירט. אָן אויפשריפט אויף אַ ני־דעריקן ברעטעלע וואָרנט: „הזהרו, מוקשים!״1) שטייגסטו אַביסל שפּעטער אויף טרעפּ פון טורעם און ביסט שוין אויף דער העכסטער הויך. זעסטו אונטן דעם טייל אַלטשטאָט, וועלכער ליגט אין אַראַבישע הענט. דאָרט איז אויך די כותל־המערבי, צו וועלכער אַ ייִד האָט איצט קיין צוטריט נישט. די שטיינערנע ווענט זענען אַלט, אַרכאַאיש־אַלט. די שטיינער רעדן דאָ פון ווייטע־ווייטע יאָרהונדערטער. קעגנאיבער אויף איינער פון די אַלטע מויערן, אפשר אַ צוויי הונדערט מעטער פון אונדז, וויזן זיך צוויי אַראַ־בישע לעגיאָנערן מיט ביקסן אין די הענט: אַ „מעמענטאָ״... ס׳איז נאָר וואָפנשטילשטאַנד, געדענקט!...

אין די אוראַלטע שטיינערנע געוועלבער פון מגדל־דוד איז אַ שולכל. כ׳גיי אַהין אַריין. אַ מיסטישע טונקלקייט. די ווענט פאַרצויגן דאָ און דאָרט מיט פּרוכתער. אין לעצטן חדר, ביי דודס קבר, זענען אויף נידע־ריקע לאַנגע בענק אויסגעזעצט שורות ייִדישע ייִנגעלעך מיט לאַנגע גע־קרייזלטע פּיאותלעך און פינקלדיקע אויגעלעך.

זיי שאָקלען זיך אַלע און זאָגן תהילים בציבור. אין אַ ווינקל זיצט אָן עלטערער ייִד, באַוואַקסן און באַפּיאהט, מיט אַ פּנים פון אַ מקובל, און שאָקלט זיך אויך איבער אַ תהילים. ער איז עס דער פאַרזאָגער און אַלע קינדער זאָגן אים נאָך אין זייערע תהילימלעך. איך קוק מיר לאַנג צו צום דאָזיקן בילד און עס דוכט זיך מיר בעת מעשה אויס, אַז כ׳בין אַריינגע־פאַלן אין אַ תקופה פון פאַר טויזנט יאָר לכל הפּחות...

צוריקוועגס קום איך אַריין אין מאה שערים. אויך דער דאָזיקער קוואַרטאַל געהערט צו אַלט־שטאָט. מאה שערים ליגט אויף אַ באַרג קעגנ־איבער דעם הר ציון. די געסלעך ליגן דאָ אויפן שיפּוע פונעם באַרג.

---

1) פאַרזיכטיק, מינעס!

ברייטע, שטיינערנע טרעפּ פּאַראייניקן איין געסל מיטן אַנדערן, אַלץ העכער און העכער. אין די דאָזיקע אַלטע שמאָלע געסלעך וווינען די „נטורי קרתא": אַ פינף־זעקס הונדערט אולטראַ־פאַנאַטישע ייִדן, וואָס פירן זייער פּאַרצייטיקן שטייגער און סדר. די פרומסטע פון די פרומע. באַוואַקסענע מיט בערד און לאַנגע־לאַנגע פּיאות, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ, אין פאָרם פון קאָרקן־ציִער, נאָך נידעריקער פון דער גאָמבע. דאָס זענען ייִדן הי־געבוירענע. זיי ציילן שוין דאָ דריי־פיר דורות. דאָס רוב שטאַמט פון אונגאַרן. אַלע רעדן זיי ייִדיש, פון קליין ביז גרויס. העברעיִש, האַלטן זיי, איז הייליק און איז באַשטימט נאָר פאַר תּפילות.

די „נטורי קרתא"־ייִדן זענען נישט צופרידן פון דער אַפּיקורסישער ייִדישער מדינה און זיי האָבן זיך שוין געהאַט געווענדט מיט אַ מעמאָריאַל צו דער „אָנו", זי זאָל זיי נעמען אונטער איר אַפּוטרופּסות... לויט אַ יש אומרים וואָלטן זיי אויך בעסער געוואָלט זיין באַדאַי אונטער אַבדאַלאַס ממשלה... דער ייִדישער כּלל האָט אַזוי־אַרום ווייניק נחת פון דער דאָזיקער פאַנאַטישער גרופּע, אָדער בעסער געזאָגט: „סעקטע". אָבער די ייִדישע מאַכט האַלט נישט פאַר פּאַסיק זיך „אָנצוהייבן" מיט זיי און זיי „רופן צו אָרדנונג" און טאָלעראַנץ.

די נייע קוואַרטאַלן פון ירושלים ווייכן אָפּ ערטערווייז פון אָריענטאַלישן סטיל. נייע, גערוימיע גאַסן מיט אַ היפּשער באַוועגונג. אָבער צו דער באַוועגונג אין תּל־אביב קומט עס נישט. דאָ און דאָרט דערהויבן זיך טורימער, מינאַרעטן. די נייע גרויסע „אימקאַ"־געביידע קאָנקורירט מיט איר הויכקייט. מאַסיוו און סאָליד איז דער גרויסער בלאָק פון דער סוכנות. דאָ זענען קאָנצענטרירט די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, ווי „קרן קימת", „קרן היסוד" און אַנד. דאָ קומען אויך פאָר צייטווייליק די זיצונגען פון דער כּנסת. אימפּאָזאַנט איז אויך דער אוניווערזיטעט, וואָס געפינט זיך דערווייל אין דעם גרויסן ווינקלדיקן בנין פון וואַטיקאַן — אין „טעררא סאנקטאַ". אינעווייניק ברויזט עס פון די ייִדישע סטודענטן און סטודענטקעס. עס גייט אַ באַוועגונג פון איין שטאָק צום אַנדערן. פאַראַן דאָ אויך אַן אָפּטיילונג פון דער ירושלימער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, וועלכע געפינט זיך אויף „יענער זייט".

אויב איר ווילט זיך פילן ווי אין אַ קוראָרט, גייט אין מושבה גרמנית אָדער אין קטמון. ווילעס טונקען זיך דאָרט אין גרינס. די לופט איז אַ מחיהדיק־דופטיקע. שפּאַצירנדיק אין אָוונט אין די דערמאָנטע קוואַרטאַלן, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז כ'בין אין אָטוואָצק אָדער זאַקאָפּאַנע.

דאָס רוב זענען דאָרט נאָדל־ביימער, וועלכע זענען תמיד גרין. היינט דער הימל ביינאַכט! כ׳קאָן עס נישט פאַרגעסן. ס׳אַרא בלויקייט און ס׳אַרא געדיכטקייט פון שטערן. אין ערגעץ האָב איך נישט געזען אַזוי פיל שטערן ווי אויפן ארץ־ישראלדיקן הימל.

פאַראַן אויך אין ירושלים פיינע קאַפייען. אָבער בכלל איז דאָס לעבן דאָ שטילער און געמיטלעכער, כ׳וואָלט געזאָגט: מער פאַרטיפט, מער רוחניותדיק. נישט אומזיסט שטרעבן אינטעלעקטועלע צו וווינען אין ירו־שלים: דאָ אַרבעט זיך בעסער, דאָ קאָן מען זיך רויִקער און בעסער פאַר־טיפן. אגב איז דער קלימאַט אין ירושלים אויך אַ מילדערער. בעת די גאַר הייסע זומער־חדשים ווייעט אין ירושלים אַ דערפרישנדיק, קיל ווינטל.

אין די ירושלימער גאַסן באַגעגנט מען אינטערעסאַנטע טיפּן מיט פאַר־גייסטיקע פּנימער. עס ציט, למשל, צו מיין אויפמערקזאַמקייט איינער אַ זקן, אַ תימנער ייִדי, וואָס גייט אַרום מיט אַ בלעכערנער פּושקע בעטלען. כ׳האָב אים שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט ביי די אויטאָבוסן־סטאַציעס, ווו עס זאַמלען זיך מענטשן. ער טוט אַ קלונג מיט די מטבעות אין דער פּושקע און רעדט אַרויס דערביי איין קורצע פראַזע:

— „פּעם בעולם״...

ד. ה. נאָר איין מאָל אין לעבן בעט ער ביי אייך אַ נדבה...

אַז מען וויל זיך באַקענען מיט דער ייִדישער העראָאיק, דאַרף מען באַזוכן דעם קיבוץ „רמת רחל״, הינטער דעם שיינעם גרינעם „תלפּיות״. רמת רחל איז געווען אַ גרויסער, רייכער קיבוץ, ווו עס האָבן געלעבט לערך 400 פאַמיליעס (3,000 נפשות). דער קיבוץ האָט פאַרמאָגט 100 האָ־לענדישע קי און געפירט צווישן אַנדערן אַ גרויסע מילך־ווירטשאַפט. איז אים אָבער בעת דער מלחמה אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין דער הויפּט־פּונקט פון די שלאַכטן פאַר ירושלים.

מיר קריכן אַרויף אויפן דאַך פון אַ האַלב־צעשטערטער געביידע. אויבן שטייט אַ מיליטערישער פּאַטרול מיט אויטאָמאַטן אין די הענט. די ייִדישע זעלנער שילדערן אונדז די פּרטים פון די פאַרגאַנגענע שלאַכטן. אַנטקעגן — 5 קילאָמעטער לופט־ליניע — זעט מען די פּאַנאָראַמע פון בית לחם אויף דער אַראַבישער זייט (אגב: אויפן מיטן וועג ליגט דער קבר רחל). פון ביידע זייטן — אַראַבישע דערפער. דער אָנגריף אויפן קיבוץ איז געווען פון דריי זייטן. אָבער די ייִדישע „הגנה״־יוגנט, קליין אין צאָל, אָבער גרויס אין מוט, האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל העלדישקייט און די פּאָזיציע איינגעהאַלטן. אמת, עס האָט געקאָסט קרבנות.

דאָס רוב הייזער זענען צעשטערט געוואָרן; אָבער אַביסעלע ווייטער בויט מען שוין נייע הייזער פאַרן קיבוץ. דער קיבוץ ווערט איצט פון ס'ניי רעסטאַווּרירט און דאָס לעבן גייט ווייטער. מען מוז דאָ אָבער לעבן אין כסדרדיקער וואַכזאַמקייט, ווייל אָט דערנעבן, אַ פּאָר הונדערט מעטער סך־הכל, איז די גרענעץ. אין דערוויטנס זעט מען טאַקע ווי עס באַוועגן זיך אַראַבער פון „יענער זייט״.

אַן אינטערעסאַנט שטעטל איז עין־כּרם, אַ שטעטל הינטער ירושלים, אין פרוכטבאַרע גרינע בערג. פיל קלויסטערס, מעטשעטן און אַ פּראַוואָס־לאַווּנער מאָנאַסטיר. לאַנגע שורות ציפּרעסן וואַכן ווי פרומע נזירים. די אויסזיכט פון די הייזער אין די בערג איז מאָלעריש פּרעכטיק. אָט באַגע־גנסטו אין גאַס אַ רוסישן פּאָפּ אין פּראַוואָסלאַווּנער טראַכט מיט אַ זילבער־נעם צלם אויף אַ קייט, אַראָפּגעהאָנגען אויף זיין ברוסט, אין אַ הויכער יאַרמולקע, וואָס זיצט טיף אויף זיין לאַנג־האָריקן קאָפּ. אַ מאָנאַכין באַ־גלייט אים אויפן וועג צום מאָנאַסטיר.

ביי אַ מחמדנישן מעטשעט איז דער לעגענדארישער מרים־קוואַל. דאָ פלעגט, לויט דער לעגענדע, מרים פון מגדל זיך קומען וואַשן דאָס לייב, איידער זי פלעגט זיך ווייזן אין דער חברותא פון ישו. איבערן קוואַל אַן אויפשריפט פון ישעיה: „הוי כל צמא לכו למים״.

פון אַלע אַראַבער אינעם שטעטל זענען איצט געבליבן בלויז עטלעכע. דער ישוב איז באַוווינט פון נייע עולים.

אין עין־כּרם געפינט זיך אויך אַ באַוווּסטע קינדער־קאָלאָניע „כּפר נער״. 150 ייִדישע קינדער פירן דאָ אַ מוסטערהאַפטע פלאַנטאַציע־ווירט־שאַפט. מיר זעען די קינדער זיך פאַרען מיט מכשירים צווישן די ביימער, מ'זעט אויך דאָס יונגוואַרג מייסטרעווען אין אַ סטאָלערײַ־וואַרשטאַט.

אַן אומגעריכטע כאַראַקטעריסטישע באַגעגעניש: דרייענדיק זיך אי־בער די גאַסן פון עין־כּרם, דערהערן מיר פלוצלונג (משה גראָסמאַן און איך) ווי עמיץ רופט אונדז ביי די נעמען. מיר דרייען זיך אויס — אַ באַ־קאַנטע פון לאָדזש. די בוכהאַלטערין פון ייִדישן ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָדזש אין 1946־1947, די העל־בלאָנדע אייזנעראָווא. זי איז צוגעפאַלן צו אונדז מיט פרייד:

— אַך, ווי גוט וואָס איר זייט שוין דאָ!

— וואָס טוט איר דאָ? — פרעגן מיר זי.

— אַ נפקא־מינה וואָס מען טוט, אַבי מען איז דאָ. איך אַרבעט דאָ

— אין דער ווירטשאַפט פון דער קאָלאָניע. איר זייט געקומען צו בלייבן? — פרעגט זי לסוף.

— אפשר.

— מסתמא.

— בלייבט, בלייבט. ווו וועט איר זיך אַרומדרייען אין דער וועלט? זעט, דאָ איז דאָך אַזוי שיין.

די דאָזיקע פרוי האָט אין די לעצטע טראַגישע יאָרן דורכגעמאַכט געטאָ, לאַגערן. פון אָשוויענטשים איז איר געבליבן אַן אויסגעברענטער נומער אויף דער האַנט. איר מאַן איז אומגעקומען. זי איז געבליבן איינזאַם. איצט האָט זי דאָ געפונען אַ היים. איר פּנים איז פאַרברענט פון זון און איר אַמאָליקע העלקייט איז פאַרשוווּנדן.

— בלייבט דאָ, בלייבט! — האָט זי ווידער געזאָגט ביים געזעגענען זיך — איר וועט זען, איר וועט זיך דאָ גוט פילן.

ס׳איז אַ פאַרשטענדלעך געפיל: ס׳וואָלט יעדער איינער געוואָלט, אַז אַלע, אַלע זאָלן קומען אַהער, קיין ישראל. ס׳גאַרט איטלעכער, אַז זיין פעריפעריע פון פריינט, פון היימישע זאָל זיך צעוואַקסן.

**
*

די טעג אין ירושלים זענען רייך אין איינדריקן. באַזוכט פריינט, פעןקאָלעגן, מיט וועלכע מ׳איז צעשיידט זינט דער פאַטאַליסטישער דאטע 1939. צווישן ליגן קאַטאַסטראָפאַלע יאָרן פון פּיין און אומקום... מען חשבונט און מען ציילט, ווער אַלץ פון די געמיינזאַמע פריינט איז אַוועק אין די קאַלך־אויוונס...

אגב: געהאַט אויך אין ירושלים אַ פיינעם וואַרימען קבלת־פּנים אין אַן אַרטיקן קלוב. אַן אָוונט פאַר מיר און פאַר משה גראָסמאַנען (שמערקע קאַטשערגינסקי איז צופעליק מיט אונדז נישט געווען). דער אָוונט איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דעם אייביק יוגנטלעכן און דינאַמישן ד״ר יוסף קרוק — מיין נאָענטן פריינט פון וואַרשע — אַ תושב פון ירושלים. היות ווי קיין צייטונגען אין ירושלים דערשיינען נישט, איז ד״ר קרוק אַ גאַנצן טאָג געווען „אויף דער וואַך״, באַזוכט אינסטיטוציעס און ממש „מאָביליזירט״ „משלנודיקע״ צו דער אָוונטיקער מסיבה. עס האָבן דערוואַרימט די רייד פון פאָרזיצער גופא — ד״ר יוסף קרוק — און פון אַנדערע קאָלעגן־שרייבער און זשור־

נאַליסטן: גראָס־צימערמאַן, א. צפנת, א. שעדלעצקי; דוכט, אויך מ. זאַנשיין און אַנד.

עס גלוסט זיך אויך זען די כנסת. דעם יידישן פּאַרלאַמענט. איך גיי אַהין אויף דער נאָכמיטאָג־זיצונג. די געביידע פון דער סוכנות איז באַלאַגערט פון מענטשן. אָבער די וואַך ביים אַריינגאנג קאָנטראָלירט שטרענג די איינטריטס־קאַרטן.

דער זאַל איז היינט געפּאַקט. כמעט אַלע דעפּוטאטן־שטולן זענען פאַרנומען. עס זעען זיך אַ סך הדרת־פּנימדיקע געשטאַלטן. אויך די בענק פאַרן פּובליקום זענען שטאַרק באַזעצט. מ׳שטייט אַפילו אין די דורכגענג און ביי די ווענט. עס גייט היינט אַ דעבאַטע אַרום דער שאַפונג פון אַ קאָנסטיטוציע. עס רעדט אַ מפּ״מניק. ער דערמאָנט עטלעכע מאָל „אלטאַלענאַ״ און די חרותניקעס מאַכן כסדר שאַרפע אָבסטרוקציעס. — „לא ידבד״! — „לא ידבר״! — פּאַשיסט אדום״!... — קלינגען קולות איבערן זאַל. יוסף שפּרינצאַק, דער פּאַרזיצער פון דער כנסת, האָט אַ שווער שטיקל אַרבעט. ער פּרוּווט די צעהיצטע געמיטער איינעמען מיט אַ וויץ, נאָך וואָס עס ברעכט אויס אַ געלעכטער. אַזוי חזרט זיך עס איבער כסדר.

פאַראַן אויך אין זאַל, צווישן די דעפּוטאַטן, צוויי אַראַבער — ווי „אויף אַ רפואה״: איינער אין אַ רויטער פעסקע, דזשורא, זיצט צווישן דער מפּא״י־גרופּע און דער צווייטער, טופיק־טובי — נעבן די פּאָר קאָמוניסטן.

אין די קולוארן בעת דער הפסקה אין אָוונט איז לעבעדיק: דעפּוטאַטן, מיניסטאָרן, פּרעסע־לייט קומען אַראָפּ זיך אונטערלענען דאָס האַרץ ביי די בופעט־טישלעך. דערווייל כאַפּט מען אַ שמועס מעניני דיומא.

איך זעץ מיר צו ביי אַ טישל, וווּ עס זיצט דער חרות־דעפּוטאַט אורי צבי גרינבערג. ער ציט מיך צו ניט דערפאַר, ווייל ער איז אַ חרותניק (דערמיט אימפּאָנירט ער מיך ווייניק), נאָר ווייל ער איז אַ באַגאַבטער דיכטער, מיט וועמען כ׳בין באַפריינדעט נאָך פון וואַרשע, פון טלאָמאַצקע 13, אין די צוואַנציקער יאָרן. אורי צבי גרינבערג ווייזט אַרויס אַ זייער וואַרעמען אינטערעס פאַר די יידישע שרייבער פון אַמאָליקן וואַרשע. ער האַלט, אַז זיי דאַרפן אַלע אהער קומען און מען מוז אַלץ טאָן, כדי זיי זאָלן דאָ איינצואָרדענען. ער איז גרייט מיטצוהעלפן מיט זיין גאַנצער איניציאַטיוו.

שפּעטער זיץ איך ביי אַ טישל מיטן אינערן־מיניסטער משה שאַפּיראָ (אַגב: אַ בן־עיר, פון גראָדנע). ער זאָגט מיר צו מיטצוהעלפן, כדי צו באַקומען אַ „שיכון״ — אויב איך וויל זיך נאָר איינאָרדענען אין לאַנד. ער

לאַדט מיך איין צו קומען וועגן דעם ענין צו אים אין דער „קיריה" (זיץ־אָרט פון דער רעגירונג ביי תל־אביב).

לסוף זיץ איך ביי אַ טישל מיט פּרעסע־לייט. דאָ הער איך אַ שפּאָגל־נייעם וויץ וועגן בן־גוריונען. אַ מזל פון ערשטן ייִדישן פּרעמיער־מיניס־טער: אַזוי פיל וויצן ווערן געשאַפן אַרום זיין פּערזאָן. און נישט נאָר וועגן אים אַליין — אַפילו זיין ווייב ווערט אויך נישט געשוינט אין דער ווי־צאַיאדע...

6

אין נגב

אויפן וועג קיין נגב שטעלן מיר זיך אָפּ אין יד־מרדכי — אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר" ביי דער מצרישער גרענעץ. ביים צופאָר צום קיבוץ, אויפן וועג, וואָרנט אַן אויפשריפט: „הזהרו, האויב"1). דער קיבוץ איז אַלט בסך הכל זעקס יאָר. דאָ וווינען אַ 300 מענטשן. מיר הערן ווי הענער קרייען אין כאָר: פאַראַן דאָ אַ גרויסער לול. אַן אינקובאַטאָר. דאָ ווערט געפירט אַ מילך־ווירטשאַפט. אין דער וויטנס פּאַשעט זיך אַ סטאַדע בהמות. פון טאָל זעט זיך אַ גאַנצע גרופּע נייע וווין־הייזער, צווישן זיי אַן אימפּאָזאַנטע גרויסע געביידע — דאָס איז דער שול־בנין. דאָס רוקט זיך דער קיבוץ איבער אויף אַ מער זיכערן אָרט אין טאָל, צוליב זיכער־קייט־וועגן. די פאַרגאַנגענע שלאַכטן, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען מיט די עגיפּטער, האָבן גורם געווען פיל אבידות, ווייל די הייזער זענען פריער געשטאַנען צו הויך און נישט גענוג געשיצט קעגן שונאָס קוילן. די לע־רעריןן פון קיבוץ פירט אונדז אַרום און ווייזט אונדז די אַלע צעשטערונגען אין קיבוץ. דערביי דערציילט זי אונדז פרטים וועגן יענע טעג.

ווידער אַ קאַפּיטל פון ייִדישער גבורה, פון ייִדישער העלדישקייט: 80 מענטשן האָבן אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף פון 3,000 עגיפּטער מיט ביקסן און טאַנקען! דער שונא איז געקומען פון די מדבר־זאַמדן פון עזה און האָט זיך געוואָרפן אויפן קיבוץ. די בלוטיקע קאַמפן האָבן געדויערט טעג און נעכט. אַלע אין קיבוץ האָבן געקעמפט — מענער און פרויען. אויך יוגנט־לעכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג. געווען גענוג טראַ־

1) פאַרזיכטיק, דער פיינט!

גישע מאָמענטן בעת די דאָזיקע קאַמפן. נישט אָן קרבנות. די לערעריין ווייזט אונדז אויף אַ בערגל דעם פרישן בית־עולם, ווו מיר ציילן איבער עטלעכע צענדליק נייע מצבות. דער ייִדישער סקולפּטאָר פון פּאַריז, ראַפּאַפּאָרט, — דער שעפער פונעם דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ — אַרבעט איצט איבער אַ דענקמאָל פאַר די העלדן פון יד־מרדכי. בעת מעשה איז מיר נאָך קלערער געוואָרן דער פּשט פון אַן אייגן ליד:

„פון וואַרשעווער געטאָ ביז מלכות ישראל"...

ווייטער שטעלן מיר זיך אָפּ אין „נגבה" — אַ צווייטער קיבוץ, ווו עס זענען פאָרגעקומען געוואַלדיקע קאַמפן פאַרן נגב. אומעטום צייכנס פון מלחמה: חרובע געביידעס, צעבראָכענע דזשיפּן. דער שונא איז געווען באַפּעסטיקט אין אַן ענגלישן פעסטונג־בלאָק — אַזעלכע פירקאַנטיקע בלאָקן האָבן די ענגלענדער בעת זייער הערשאַפט אויסגעבויט אין די צענד־ליקער איבערן גאַנצן לאַנד, אַלע פון איין טיפּ. דער שונא האָט פון דאָרט — און פון פיר שכנישע דערפער — געשאָסן מיט פייער. די קאַמפן זענען דערגאַנגען ביז צו פאַרמעסטונגען אויף מעסערס. 60 מענטשן פון „הגנה" האָבן זיך געהאַלטן אונטער דער ערד, אין בלינדאַזשן און צוריק־געשאָסן מיט פייער. דער סוף איז געווען, אַז 4000 אַראַבער האָבן קאַ־פּיטולירט און זענען צוריקגעלאָפן קיין עזה. דאָס אַלץ קלינגט ווי אַ לעגענדע, וואָס איז עס — אַ נס? גבורה? קוקסטו אויף די מענטשן פו־נעם קיבוץ מיט אַ באַזונדער דרך־ארץ און פּיעטעט. איצט לעבט „נגבה" ווידער מיט איר לעבן. מ'זעט שוין דאָ נייע הייזער, אַנשטאָט די חרוב־געוואָרענע. אַ באַוואָפנטע וואַך פון ייִדישן מיליטער — יונגע, געזונטע חברה־לייט! — היטן דאָ די געגנט.

מיר פאָרן ווייטער. דער פּייזאַזש איז שוין אַ טיפּיש־מדברדיקער. עס ציִען זיך זאַמדן מיט שיטערע ווילדע גראָזן ווו־נישט־ווו. אַזוי דורך לאַנגע־לאַנגע קילאָמעטערס. קיין צייכן פון לעבן, פון געוויקסן.

אין איין אָרט, לינקס פון שאָסיי, זעט זיך יבנה (אַמאָליקע יבנה — איצט לייענט זיך עס "Ibne"). דאָס איז אַ קיבוץ פון רעליגיעזע ייִדן. דערנעבן איז פאַראַן אַ ישיבה. מיר זעען טאַקע אויך דעם גרויסן בנין פון דער ישיבה.

מיר באַזוכן „מחנת עבודה" — אַ וואַסער־סטאַציע פון „מקורות". פון דאַנען ווערט געטריבן וואַסער מעכאַניש דורך רערן אין פאַרשיי־דענע פונקטן פון נגב. אַז מיר פאָרן ווייטער, זעען מיר טאַקע אויסגע־

לייגטע וואַסער־רערן נעבן אויסגעגראָבענע שמאָלע קאַנאַלן ביי די זייטן פון שאָסיי. דאָ־דאָרט אַרבעטן גרופּעס יונגע מענטשן מיט גראָב־מכשירים. די אויסגעלייגטע רערן ציִען זיך איבער לאַנגע שטרעקעס.

מיר קומען אָן אין מגדל־גד. אַ ייִדישע שטאָט. דאָ וווינען איצט אַ פּאָר טויזנט ייִדן. דאָ געפינט זיך אויך אַן אַראַבישע באַפעלקערונג. צו־ליב זיכערקייט־טעמים (געווען דאָ סאַבאָטאַזש־אַקטן), ווערט דער אַראַ־בישער קוואַרטאַל באַזונדערס געהאַלטן אויפן אויג... דער קוואַרטאַל איז אָפּגעצאַמט מיט שטעכל־דראָט... דער אַריינטריט אין אַראַבישן קוואַר־טאַל איז באַגרענעצט. מיר זעען פון דערווייטנס ווי איבער די גאַסן דרייען זיך אום אַראַבער אין ווייסע טשאַלמען און אַראַבערינס מיט קריג און מיט גרויסע טעפּ אויפן קאָפּ. אַזוי לעבן דאָ די אַראַבער ווי אין אַן אָפּגעשלאָסענער וועלט.

צווישן די ייִדן זענען פאַראַן אַ סך ניי־געקומענע. מיר זעען זיי אין געוועלבער, אין וואַרשטאַטן.

מיר פאָרן פאַרביי אַ בערגל, וואָס איז אַמאָל געווען אַ „מקלט". אויפן בערגל איז פאַראַן אַ הייליקער בוים, אַרומגעצוימט מיט אַ פּיר־קאַנטיקן צוים. לויט אַ מחמדאַנישער מסורה, האָט מען אַ פאַרמשפּטן פאַר־ברעכער געשענקט דאָס לעבן, אויב אים איז געלונגען צו אַנטלויפן און אַריינצובאַקומען זיך אַהער. דאָס דערמאָנט אונדזערע „ערי מקלט" פון תנ"ך.

אַביסל ווייטער — אַן אַנדער הייליק בערגל, מיט אַ מעטשעט אין דער הויך. אַהער פלעגן ציִען יאָר־יערלעך בעדואינער אין די טויזנטער צום יאָרצייט אויפן קבר פון זייערס אַ הייליקן. די דאָזיקע שטחים ווייען מיט אַלטערטום.

טיפער אין נגב זעען מיר שוין נייע ישובים. לאַנגע שורות נייע הייזער, צעצויגן אין פאָרעם פון אַ „חית". אין די דאָזיקע ריזיקע פוסטע שטחים וואָלט מען דאַך אַ וועלט געקענט בויען און באַזעצן!

מיר קומען אין אברהם אבינוס שטאָט — אין באר שבע. אַ טיפּישע אַלטע מזרח־שטאָט צווישן זאַמדיקע מדבר־בערגלעך. די לופט איז דאָ אַביסל שטויביק צוליב די ווינטלעך, וואָס בלאָנדזשען היינט אַרום אין דער געגנט. שטיינערנע אַלטע מעטשעטן, צעוואָרפענע געסלעך מיט חור־בות דאָ און דאָרט. מלחמה־עדות... אין דער הויפּט־גאַס — אַ גרויסע „מסעדה", אַ רעסטאָראַן, וואָס זעט אויס ווי אַ לאַנגע קרעטשמע. ס'איז צוויי בייטאָג. ביי די טישלעך זיצט אַ יונגער אַרבעטער־עולם. בחורים

און מיידלעך מיט אָפּגעבערענטע פּנימער עסן זייער „צנע״־מיטיק: „מרק״ 1) און „דג פילה״ 2), אָדער „דג מלוח״ 3). ביי איינעם אַ טיש היצט מען זיך שטאַרק: דאָרט גייט עפּעס אַ דיסקוסיע וועגן אַ פּאָליטישן ענין. אַ קלאָרע זאַך: ווו נאָר עס געפינט זיך אַ מנין ייִדן, דאָרט מוזן זיין פּאַרטראָטן אַלע ריכטונגען... און ריכטונגען, כידוע, פירן דאָך איינע מיט די אַנדערע אַ קאַמף... די ווענט פון דער „מסעדה״, פון אויסנווייניק, זע־נען טאַקע עדות: זיי זענען פאַרקלעפּט מיט אַפישן וועגן כלערליי אימ־פּרעזעס און רעפעראַטן — פון אַלע באַפּאַרבונגען. עס וואַרפט זיך אין די אויגן צוו. אַנד. אַ פּלאַקאַט וועגן אַ רעפעראט „ליום הולדת ה׳ 70 של סטאַלין הגדול״.

מיין רייזע־קאָלעגע וויצלט זיך:

— ווי וואָלט אַ שטייגער, אברהם אבינו, דער מכניס אורח, אויפגע־נומען סטאַלינען אין באר־שבע?

און אַ צווייטער ענטפערט:

— פרעגט בעסער וואָס וואָלט סטאַלין געטאָן מיט אַזאַ „אָפּגעשטאַ־נענעם״, נישט „פּראָגרעסיוון״ ייִדן ווי אברהם אבינו?...

אין דער „מסעדה״ כאַפּ איך אַ שמועס מיטן קעלנער — אַ ייִד פון פוילן.

— איר זענט שוין לאַנג דאָ אין לאַנד? — פרעג איך אים.

— שוין אַ יאָר צייט לערך. ווי איר זעט, מ׳אַרבעט שווער... אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס.

און ער גיט אַ וויש דערביי מיטן אַרבל דעם דערהיצטן שטערן.

— ווו אַרבעט מען לייכט?

— יאָ, איר זייט גערעכט. אַז כ׳בין מלחמה־צייט געווען אין רוס־לאַנד, האָב איך שווערער געאַרבעט פאַר דער „פּאַיקע״. קיין גליקן זע־נען אין ערגעץ נישטאָ. הלוואי וואָלט איך כאָטש געהאַט מיין פרוי און קינדער נעבן זיך.

— ווו זענען זיי דען געבליבן?

— איר פרעגט ווו? היטלער, ימח שמו... — און מיט אַ זיפץ און שאָקל מיטן קאָפּ לויפט ער צו אַן אַנדער טשיל:

— סליחה... רגע... רגע...

---

1) זופ; 2) פיש־פילע; 3) הערינג.

מיר באַקוקן שפּעטער אברהם אבינוס ברינעמער — אויסטערליש־אַלטע, טיפֿע, שטיינערנע ברינעמער. מיט יאָרן צוריק זענען זיי שוין אַביסל „מאָדערניזירט" געוואָרן מיט משונהדיקע מעכאַניזמען צום ציִען דאָס וואַסער פון דער טיפֿעניש. אין דער טיפקייט פון די ברינעמער זענען ווי איינגעזונקען געוואָרן א סך יאָרהונדערטער, שטיקער אייביקייט.

הינטער באַר־שבע, אין בית־אשל, זעען מיר ווידער אַן אינטערע־סאַנטן סטראַטעגישן פונקט פון דער „הגנה" אין די פאַרגאַנגענע מלחמה־טעג: אונטערערדישע פאַרפעסטיקונגען, בונקערס, בלינדאַזשן. אויבן איז אַלץ חרוב און דער גאַנצער כוח פון דער ייִדישער פאַרטיידיקונג איז קאָנצענטרירט געווען אונטער דער ערד. אויך אין דעם דאָזיקן פונקט האָט די „הגנה" אַרויסגעוויזן איר לעגענדאַרישן הערא‌ִזם אין קאַמף פאַרן נגב.

ביזן לעצטן פונקט אין נגב — אילת — איז נאָך אַ צוויי הונדערט עטלעכע און זעכציק קילאָמעטער דורכן מדבר. אַהין קורסירט שוין איצט אַ קליינער פּאַסאַזשיר־אַוויאָן. דערוויל רעזיגנירן מיר פון דער דאָזיקער נסיעה און מיר פאָרן צוריק.

מיר פאַרלאָזן די זייער שיטער־באַוווינטע מדברדיקע געגנט און קומען לסוף ווידער אַריין אין אַ שטאַרק באַפעלקערטן געביט. מיר זענען אויף אַ שאָסיי, וואָס פירט קיין תל־אביב. עס קומען אונדז אַנטקעגן פון ביידע זייטן פּרעכטיקע קיבוצים און ישובים: „גבעת ברנר" צווישן גרינס פון פּרדסים; „עקרון", „אשדוד", „אשכלון", „נס ציונה", „רחובות", „ראשון־לציון", „יזור". „רחובות" איז אַ גאָרטן־שטאָט אַ חנדל, דער זיץ־אָרט פון ערשטן ייִדישן פּרעזידענט ד״ר חיים ווייצמאַן. דאָרט איז אויך פאַראַן דער באַרימטער ווייצמאַן־אינסטיטוט.

אין אַן איינמידנדיקער שיכרות קומען מיר צוריק אַן אָוונט־צייט אין רוישיקן, דינאַמישן תל־אביב.

7
אין גליל

דער וועג קיין גליל איז זייער באַפעלקערט. מען פאָרט דורך חיפה. ישוב־איין, ישוב־אויס. שטאַרק קולטיווירטע, אַלטע ישובים. זייער ווייניק סימנים פון מדבר. ביי די הרי שומרון איז געבליבן אַ קליינע צאָל

אַראַבער, ווי „אויף אַ רפואה"... מיר טרעפן טאַקע ווו־נישט־ווו די פרי־מיטיווע ליים־הייזלעך פון די אַראַבישע דערפלעך. טייל זענען האַלב־חרוב, צעשאָטן.

עס הייבן זיך אָן די הרי כרמל. לינקס — לאַנגע רייען נייע הייזלעך פאַר די נייע עולים. דאָ־דאָרטן אַרבעטן אויפן פעלד תימנער ייִדן מיט ווייב און קינד. מען לויבט זיי דאָ שטאַרק ווי זייער אַרבעטזאַמע און פלייסיקע מענטשן. אויפן וועג באַגעגענען מיר אַ שטיק „עקזאָטיק": אַ שאָפער מיט אַ לאַנגער באָרד און געקרויזטע פיאות פירט אָן מיט אַ לאַסט־מאַשין. אויבן, אויף דער מאַשין, צווישן כלערליי מטלטלים, זיצט אַ צווייטער ייִד — אויך אַ טיפּ פון מאה שערים אין ירושלים — און זיין באָרד און פיאות וואַרפן זיך פון ווינט, וואָס עס מאַכט אָן דער שנעלער געיעג פון דער מאַשין. אַזאַ שאָפער האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען, פונקט ווי איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַ „פּאָניע" אין אַ טלית־קטן... טאַקע נאָר אין ארץ־ישראל קען מען זען אַזאַ שאָפער, וואָס אין דער גאַנצער וועלט איז עס נישט מעגלעך.

אויף אַ געוויסן פונקט ביים ים ווייזט אונדז דער „נהג" 1) אויף אַ גרופּע הייזער:

— איר זעט, דאָ גייט מען איצט בויען אַ נייע קאָלאָניע פאַר די עולים א"נ „ים וגן". דערווייל זעט מען נאָר דעם ים — דער גן איז נאָך נישטאָ. אָבער אויף די היגע רירעוודיקע ייִדן קען מען זיך פאַרלאָזן: אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט מען דאָ זיכער שוין זען דעם גן...

מיר פאָרן פאַרביי ריזיקע מיליטער־לאַגערן, וואָס די ענגלענדער האָבן בשעתם געמאַכט. אַמוניציע־מאַגאַזינען פון דער מלחמה־צייט. איצט פאַרנעמט דעם גאַנצן נעץ געביידעס די „צבא הגנה לישראל".

עמק זבולון. — מיר זעען דאָ די חיפהער נאַפט־ראַפינעריעס. די נאַפט־רערן ציִען זיך אַהער פון מאָסול, פון איראַק, דורך לאַנגע־לאַנגע מדבריות. איצט, צוליב דער נייער קאָנסטעלאַציע אין פאַרבינדונג מיט דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל און צוליב דעם נאָך נישט־איינגע־שטעלטן שלום־מצב מיט די אַראַבישע שכנים, איז די נאַפט־ראַפינעריע דערווייל איינגעשלאָפן, נישט טעטיק.

ווייטער איז דער אינדוסטריע־צענטער מיט אַ גאַנצער ריי קריות — קרית יוסף, קרית ביאַליק, קרית חיים, קרית מוצקין און אַנדערע.

---

1) שאָפער

מיר זעען קאָלעקטיוו־בלאָקן, שיינע וווין־הייזער מיט גערטנדלעך. עס וווינען דאָ לערך 12 טויזנט אַרבעטער־פאַמיליעס. דאָ געפינט זיך אַ גרויסע מעטאַל־גיסעריי, אַ גלאָז־פאַבריק, די אייל־פאַבריק „שמן" און פיל אַנדערע גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען.

מיר פאָרן דורך אַ גאַנצע ריי ישובים, קבוצים. דער „שיכון אזרחי" פון די אַלגעמיינע ציוניסטן בלאַנקט מיט זיינע נייע קליינע הייזלעך, געבראַכטע פון אויסלאַנד. אַ ניי־געשאַפענער ישוב פאַר נייע עולים.

אין קבוץ „כפר מאַסאַריק" — אַ ציגל־פאַבריק פון גרויסן פאַרנעם. דאָ ווערן אויסגעאַרבעט ציגל און דאַכלקעס. עלעקטרישע וואַגאָנעטקעס פירן איבער ליים פון די בערג צו דער ציגל־פאַבריק. דאָס דערמאָנט די מעכאַנישע לופט־אינסטאַלאַציעס פון אַ קוילן אינדוסטריע־צענטער. דאַן קומען די ישובים עין־המפרץ און משמר־הים. אומעטום זענען דאָ ייִדן, וואָס בויען און שאַפן און ברענגען לעבן אין געוועזענעם מדבר.

עכו. — די אַלטע פאַרצייטיקע שטאָט ביים ים. אַ ריי מעטשעטן, פאַרהייליקט אין דער אַראַבישער וועלט. אַ ריזיקע פעסטונג מיט אַ דיקער מויער נאָך פון די רוימישע צייטן. אין דער דאָזיקער פעסטונג האָבן בעתן ענגלישן מאנדאט פאַרבראַכט אַ סך ייִדישע בונטאַרן. נישט איינער פון זיי האָט זיך געזעגנט מיטן לעבן אין דער טויט־קאַמער פון דער תפיסה. אין דעם נייעם פערטל פון עכו וווינען איצט ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער. דעם אַלטן שטאָט־טייל פאַרנעמען אַראַבער. געבליבן דאָ אַ 3.000. אין שטאָט טרעפט מען אויך אָן חורבות — סימנים פון דער מלחמה.

עכו איז אַמאָל געווען אַ ייִדישע שטאָט. אין דער תקופה פון משנה און תלמוד איז זי געווען כולו ייִדיש. פון עכו שטאַמען אַ גאַנצע ריי ייִדישע חכמים און גדולים.

מיר בלאָנדזשען דורך די שמאָלע שטיינערנע געסלעך פון דער אַלטער שטאָט. אַראַבער האַנדלען און וואַנדלען צווישן זיך. פאַר די געוועלבער ליגן אויסגעלייגט פרוכטן און ירקות. אין גרויסע קאַפע־הייזער, וואָס זעען אויס ווי פאַרצייטיקע קרעטשמעס, זיצן אויף דער ערד זקנים און רויכערן פון לאַנגע נאַרגילעס. אין גאַס דרייען זיך אום אַראַבער אין נאַציאָנאַלער טראַכט. זיי מאַכן דעם איינדרוק פון ליידיקגייער. אין די הענט טראָגן אַנדערע שנירלעך קרעלן און שאַרן איבער על פּי רגילות יעדע קרעל באַזונדער. אַזוי כסדר אין דער אומענדלעכקייט פונעם קרייז.

מיר באַזוכן אַ טעמפּל. פריער הייסט אונדז דער אַראַבישער שמש אויסטאָן די שיך און דאַן פירט ער אונדז אַריין אינעווייניק. דער גאַנצער

דיל איז אויסגעלייגט מיט טעפּיכער. דער שמש גיט אונדז דערקלערונגען (פּאַר אַ פּאָר גרוש, פאַרשטייט זיך,) און דערציילט מעשׂיות וועגן מנהגים אין טעמפּל, וועגן יום־טובים, וועגן הייליקע א. אַ. וו. אונדזער „נהג" זעצט עס פאַר אונדז איבער און גיט נאָך צו זיינע אייגענע פּירושים.

מיר קומען שפּעטער אַריין אין געביט פון דער פעסטונג. דאָ דרייט זיך אַן אמתער לאַבירינט פון שמאָלע חושכדיקע געסלעך, קוים־קוים וואָס מען קאָן דורכגיין. פינצטערע פעסטונגס־ווענט. אין די ווענט — לעכער און עפענונגען: דאָס זענען עס אַזעלכע וווינונגען. אין די געסלעך וואַל־גערן זיך קינדער אין שמוץ און אין טראַנטעס. ס'איז שוין נישט מיטל־אַלטער, נאָר אַלטערטום. אַזוי האָט אַמאָל געקאָנט לעבן דער פּרימיטיווער מענטש.

מיר פאָרן ווייטער. עס בייטן זיך ווידער ישובים צווישן בערג. אויף קאָלאָנעס ציט זיך אין דער הויך אַ צעמענטענע קאָריטע, אַ זייער לאַנגע קאָריטע, וואָס פירט צו וואַסער פון איין אָרט אין אַנדערן. ביי דער זייט ציען זיך די לבנון־בערג. ס'איז נאָענט צו דער ליבאַנישער גרענעץ.

„שובי ציון" „עין שרה" (קיבוץ פון שאנכאיער יידן), דער קיבוץ א. נ. „לוחמי הגיטאות". (דאָ וווינט איינער פון די געטאָ־קאָמענדאַנטן, אַנטעק צוקערמאַן, דער אַקטיווער געטאָ־קעמפער טוביה באָזשיקאָווסקי און אַנד. געטאָ־העלדן). די אַלע ישובים ליגן אויף אונדזער טראַסע.

מיר פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אינעם דאַטשע־אָרט „נהריה", האָרט ביים ים. דאָ וווינען דאָס רוב יידן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און דייטשלאַנד. טייל פאַרנעמען זיך מיט ערד־ווירטשאַפט, טייל מיט מסחר. דאָ הערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג. זויבער, ציכטיק. שיינע ווילעס, שיינע אַלייען, ביימער און שאָטן. אַ לאָקנדיקע פּליאַזשע מיט אַלע איינריכטונגען, שיינע סקווערן, אַ ספּאָרט־פּלאַץ. עס ווארפן זיך אין די אויגן שילדן פון האָטעלן, פּענסיאָנאַטן און רעסטאָראַנען. דאָס אָרט איז אָנגעוויזן אויף דער פּרעק־ווענץ פון צוגערייזטע, פון דאַטשע־געסט.

ווייטער נעבן דער מושבה בן־עמי געפינט זיך אַן אַראַביש צעשטערט דאָרף. דאָ זענען פאָרגעקומען שווערע קאַמפן. די אראבער זענען זיך צע־לאָפן קיין לבנון און קיין סיריע. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ זעלטן־שיינע פּאַנאָראַמע: בערג און טאָלן, בערג און טאָלן. אין איין טאָל ליגן מענעבאַ, תרשיחה — אַראַבישע ישובים. אין אַן אַנדער טאָל זעט זיך דער נייער יידישער ישוב מעונה. די גאַנצע געגנט אַרום זעט אויס ווי אַ וווּנדער־מעשׂהלע. דאָרט אין די דאָזיקע הייזלעך, צווישן אַזאַ נאַטור־

שיינקייט, דאַרפֿן געבוירן ווערן נאָר פּאָעטן... דער שאָסיי גייט דאָ זייער שפּועדיק, דער אויטאָ גליטשט זיך ממש איבער אָפּגרונטן. דער ייִדישער ישוב עיר אַלקושי ליגט צווישן פּרוכטבאַרע בערג. אויף די „טרעפּ" פֿון די בערג וואַקסט און גרינט. מיר זעען דאָ דעם העכסטן באַרג, וואָס זיין שפּיץ ליגט איצט אין וואָלקנס — דאָס איז דער הר עצמיון, 3.000 פֿוס די הויך.

מיר באַזוכן דעם קבוץ פֿון „השומר הצעיר" סאסא — אַ געוועזן אַראַביש דאָרף. איצט וווינען דאָ צפֿון־אַמעריקאַנער ייִדן. ייִנגערע מענטשן, פּאָר־פֿאָלקן און איינזאַמע. דאָס איז אַן אידעאַליסטישער עלעמענט, וואָס איז געקומען אַהער אַ יאָר נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה. פֿאַרשטייט זיך, נישט צוליב מאַטעריעלע צוועקן... די מענטשן וווינען דאָ גאַנץ קול־טורעל. פֿאַראַן דאָ אַ פֿיינע ביבליאָטעק פֿון העברעיִשע און ס׳רוב פֿון ענגלישע ביכער. פֿון קיין ייִדיש ביכל איז קיין רייד נישטאָ...

מיר פֿאָרן פֿאַרביי מירון. עס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז באַלד די מאָלערישע פּאַנאָראַמע פֿון צפֿת, וואָס ליגט אויף אַ הויכן באַרג. די שטאָט נעמט אַרום דעם באַרג, ווי אַ יאַרמולקע אַ שפּיץ קאָפּ. קעגנאיבער דער־הויבט זיך מאַיעסטעטיש דער הר כנען. מיר בלייבן אָבער דערוויל נישט שטיין אין צפֿת. מיר שלענגלען זיך ווייטער איבערן שמאָלן בערג־שאָסיי און פֿאָרן דורכן חולה־געביט. מיר מיידן אויס די אַלטע ראָטשילד־קאָלאָניע ראש־פּינה, מחנים. פֿון איין זייט, אַ צווייי קילאָמעטער, איז די סירישע טעריטאָריע. עס טיילט אָפּ אַ טייך — מי מירון. דאָ איז אַ זומפּיקער גע־ביט. עס ווערן דאָ געמאַכט קאַנאַלן אָפּצוציען דאָס וואַסער אין טאָל. אויף דער ייִדישער זייט זענען קאָנצענטרירט אַ ריי ישובים, כדי צו שיצן די גרענעץ: כפר בלום, מצודות אוסישקין, דפנה, דן און אַנדערע. פֿון דער ווייטנס זעט זיך דער הר חרמון אין שניי.

מיר גרייכן כפר־גלעדי און תל־חי. כפר־גלעדי איז אַ פֿיין־אַנטוויקלטער קיבוץ. עס וווינען דאָ אַ 600 מענטשן. פֿאַראַן דאָ וואַרשטאַטן, אַ קינדער־היים, אַ סאַנאַטאָריע, וואָס באַדינט די געגנט אַרום. אַ שיינער פּאַרק, אַ סך גרינס. אין גאַס באַגעגנט מען מאַמעס מיט שיינע קינדערלעך. תל־חי האָט צו פֿאַרצייכענען זיין העראָאישע געשיכטע: אין 1920 איז דאָ בעת אַ שלאַכט מיט אַראַבישע אַנגרייפֿער געפֿאַלן טרומפּעלדאָר. אויך איצט בעת דער מלחמה מיט די אַראַבער האָט דער קיבוץ געגעבן זיין בלוט־טיקן צושטייער. מיר באַזוכן דעם בית־עולם. אויבן־אָן אין פֿאָדערגרונט דערהויבט זיך טרומפּעלדאָרס דענקמאָל — אַן אימפּאָזאַנטער, ריזי־

קער לייב, וואָס ברומט אין דער ווייטקייט. אונטערן לייב זעט מען אַן אויפ־שריפט — טרומפּעלדאָרס לעצטע ווערטער: „טוב למות בעד ארצנו". בשכנות — אַ גאַנצע ריי פרישע קברים. דאָס זענען די געפאַלענע העלדן פון תל־חי און כפר־גלעדי בעת די לעצטע שלאַכטן.

מיר קערן זיך אום אין דער ריכטונג פון צפת. פאַרנאַכטלעך זענען מיר אָנגעקומען אין דער אַלטער מקובלים־שטאָט. מיר בלייבן דאָ נעכטיקן און לאָזן זיך איבער דער שטאָט. די אַלט־שטאָט, ווו עס האָבן געוווינט די אַראַבער, איז על פּי רוב צעשטערט. חורבות אויף חורבות. די אַראַבער זענען צעלאָפן. אַזוי, אַז צפת איז איצט הונדערט פּראָצענטיק אַ ייִדישע שטאָט. און נישט נאָר סתם אַ ייִדישע שטאָט. צפת איז פאַרוועבט מיט לע־גענדעס, מיט אַלטער טראַדיציע, מיט קבלה, מיט זוהר, מיט אַלט־ייִדיש־קייט. אומעטום כמעט הערן מיר רעדן ייִדיש. עס רעדן ייִדיש אַפילו די יעניקע ייִדן, וואָס זייערע זיידעס זענען דאָ געבוירן געוואָרן. פאַר צפת איז עס נאַטירלעך. מיט צפת גרויסן זיך שטאַרק די ייִדן. צפת איז מאַלע־ריש שיין. קיין צפת קומען דיכטער, מאָלער. צפת איז פאַר זיי אַ קוואל פון קינסטלערישער אינספּיראַציע.

אין אָוונט ווערן מיר געוווירע, אַז היינט קומט דאָ פאָר אַ חתונה. די שטאָט מאַכט חתונה אַ בן־תורה, וואָס ווערט גלייכצייטיק אויפגענומען אַלס רב פון דער צפתער קהילה קדושה. אַזאַ חתונה איז כדאי אָנצוקוקן. איט־לעכער אין שטאָט איז דאָך אַ מחותן. מיר לאָזן זיך אַראָפּ דורך שטיינער־נע טרעפּ פון געסל צו געסל ביז מיר קומען אָן צו אַ העל־באַלויכטענעם הויז. אינעווייניק איז געפּאַקט. ס'איז שוין נאָך דער חופּה. מ'האַלט שוין ביי דער „גאָלדענער יויך". אין פאָדערשטן חדר זיצן נשים מיט דער כלה אין דער מיט: אַ יונג מיידל אין אַ וועלאָן. הינטער איר זיצן אירע חברטעס און רעדן אין איר אַריין. אין צווייטן גרעסערן חדר — מאַנסבילן. אַלט און יונג. אויבן־אָן זיצט דער „חתן דומה למלך", מיט אַ שוואַרצער באָרד און פּיאות, שוין מסתמא אַ בן־ארבעים. נעבן אים זיצט, ווי אַ גאַסט, הרב הערצאָג און אַנדערע שיינע ייִדן, צורבא מרבננ'ס. אַ רעש, אַ פריילעכער יאַרידל. מ'טרינקט, מ'עסט, מ'זאָגט תורה. אַרום די טישן זיצן ייִדן אויך „היינטוועלטיקע" — ייִדן אין קאַפּעליושן און ייִדן גילוחים. אין אַ ווינקל שטעלט זיך אויף אַן עלטערער, הויכער, דאַרער ייִד מיט אַ לאַנגער גרוי־לעכער באָרד און נעמט זיך זאָגן אַ דרשה לכבוד חתן־כלה. ער גיט דעם אַלטן פּירוש אויף „שיר השירים", אַז דאָס איז נישט סתם קיין געזאַנג וועגן ערדישער ליבע: אַז דאָס איז אַ משל אויף כנסת ישראל און כביכול

און אַז די באַהעפטונג מיינט מען מתן תורה... וכו׳. דער ייִד רעדט אין העברעיִש. ער רעדט האַלב־אַשכנזיש, האַלב־ספרדיש (זיכער אַ ליטוואַק!). אַלע ווײַלע פאַריכט ער זיך אַליין די הברה און עס באַקומט זיך אַ מיש־מאַש. שפּעטער הויבט זיך אויף אַ ייִד פון „עמך״ און נעמט זינגען לידער, האַלב־ייִדיש, האַלב־רוסיש, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, ווו ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה־צײַט. די שטימונג ווערט ווײַער הייטער. עס צעוויקלט זיך אַ רקידה: עס טאַנצן אַלט און יונג, בערדיקע ייִדן מיט גילוחים, „דאַאַטשן״ מיט אַ מזרחיסט אין אַ יאַרמולקע, מיט לאַנגע פּיאות. דאָס ראָד ווערט אַלץ ברייטער. אויף אַ באַנק ביי דער זייט שטייט אַן על־טערער געלער ייִד און פּאַטשט צו מיט די הענט צום טאַקט, זינגט און דיריגירט מיט דער רקידה. די קולות פאַרהילכן די שטוב.

בעת דער דאָזיקער התלהבותדיקער רקידה באַמערק איך ווי אונדזער שמערקע קאַטשערגינסקי ווערט ממש מיטגעריסן. ער איז אַריין אין זיין „טראַנס״... די אויגן צעגלאַנצן זיך ביי אים. ער נעמט אויך פּאַטשן מיט די הענט און זינגט מיט מיטן שמחהדיק־צעזונגענעם עולם.

ייִדן אין ישראל קאָנען כאַפּן אַ טענצל.

ייִדן קענען זיך נאָך פרייען!

און כאַראַקטעריסטיש: דער גאַנצער יאַרידל איז פאַרגעקומען אין דער מאַנסבילשער שטוב; דאַקעגן פון דעם ווייבערשן חדר האָט זיך גאָר־נישט געלאָזט הערן. די נשים זענען זיך רויִק געזעסן אַרום טיש און דרך־ארצדיק געפירט זייערע ווייבערישע שמועסן.

אַלט־ייִדישע זיטלעכקייט...

8

טבריה

פון צפת זענען מיר צומאַרגנס גאַנץ פרי אַרויסגעפאָרן קיין טבריה. ווי אומעטום אין גליל, דרייט זיך דאָ דער שאָסיי ווי אַ שלאַנג אין זיגזאַגן אַרום בערג. ווידער זעען מיר קבוצים — נייע און אַלטע. אָבער די הויפּט־אַטראַק־ציע פון היינטיקן טאָג איז — דער כנרת! אָט אַנטפּלעקט זיך אין אַ טאָל דער פיל באַזונגענער ייִדישער ים. ער שפּיגלט זיך אַנטקעגן דער זון מיט אַזויפיל זילבער! אַ קליינער ים, אין פראַפאָרץ צו דער קליינער אַרומגעשני־טענער טעריטאָריע פון דער ייִדישער מדינה.

דעם גאַנצן ים כמעט קען מען אַרומכאַפּן מיטן בליק: סך הכל 12 קי־לאָמעטער די ברייט און 22 די לענג. אויסזען זעט ער אויס נאָך ווײַניקער. דער כנרת ליגט צווישן די בערג נידעריקער פון פּני הים1) אויף 193 מע־טער. אָבער פּרעכטיק איז ער, דער כנרת! דאָס וואַסער איז אַזוי רויִק, קיין קנייטשל, קיין באַוועגונג. דער כנרת אין זיין באַסיין האָט די פאָרם פון אַ פידל. דערפון טאַקע שטאַמט זיין נאָמען — כנרת. אַרום אים זענען צע־וואָרפן ישובים: די קיבוצים מגדל, גנוסר און אַנד.; אַן איטאַליענישער מאַנאַסטיר, אַן עסטרייכישע מיסיע, אַ פּאַלאַץ פון לאָרד מעלטשעט. פון איין זייט כנרת ליגט מאַלעריש צעשפּרייט די אַלט־היסטאָרישע שטאָט טבריה. מיר פאָרן אַריין אין סאַמע צענטער.

דער נייער שטאָט־טייל — קרית שמואל — פאַרמאָגט מאָדערנע, פיינע געביידעס און ווילעס. די אַלט־שטאָט דערציילט געשיכטע. דאָ זענען די קברים פון רמב"ם, פון ר' עקיבא און זיינע תלמידים, פון ר' יוחנן בן זכאי. ביי די קברים שטייען שמשים, זאָגן אַ תפילה און „קאַסירן איין" אַ פּאָר גרושים. דאָס טראָגט אַ בעטלערישן כאַראַקטער. די קברים זענען נישט קאָנסערווירט ווי געהעריק, ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר געשיכטלעכע דענק־מעלער. פאַרוואָרלאָזט, פאַרלאָזן. אויפן קבר פון ר' מאיר בעל הנס, אַנט־קעגן כנרת אויף אַ באַרג, שטייט אַ גרויסע ישיבה. אייגנטלעך צוויי ישיבות: אַ ישיבה מיטן נאָמען „מאיר בת עין" לעדת ספרדים, און אַ ישיבה, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אור תורה" לעדת אשכנזים. אין די דאָזיקע ישיבות זיצן יונגע־לייט און לערנען תורה, ווי אַמאָל אין די שטעטלעך פון ליטע און פוילן. אז מען קומט אַהין אַריין, ווערט מען אויפגענומען פון עפּעס אַ ייד אַ גבאי. ער מיינט, אַז מיר זענען אַמעריקאַנער און ער נעמט אונדז דערציילן חידושים פון דער ישיבה. ער פאַרענדיקט מיט דער בקשה, מיר זאָלן געבן אַ טשעק אויף דאָלאַרן, כדי אָפּצוהיטן דעם קיום פון דער ישיבה און ממילא דעם קיום פון דער וועלט...

מיר פירן אים אַרויס פון טעות. ער ווערט אַביסל אַנטוישט; אָבער באַלד פאַלט אים עפּעס אַנדערש איין: דערוויסנדיק זיך, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט שרייבער, אַפּעלירט ער צו אונדז:

— אָ, איר קענט אַ סך אויפטאָן פאַר דער ישיבה. שרייבט אין די צײַ־טונגען צו די אַמעריקאַנער יידן. דערציילט זיי וועגן אונדזער ישיבה, ווי

1) ים־פלאַך.

אַזוי אונדזערע בני תורה זיצן יומם ולילה און לערנען, און האַלטן אויף יידישקייט. ובזכות זה וועט איר געהאָלפן ווערן.

אין דער זעלבער ריכטונג פון דער ישיבה איז דער „קורהויז" — די חמי טבריה. דער באָד־אַנשטאַלט גלאַנצט נישט מיט קיין מאָדערנע איינ־ריכטונגען. קיין קורגאָרטן, קיין קלובן. אָבער דערפאַר די הייסע וואַסערן, וואָס שטראָמען פון דער ערד־טיפעניש, זענען פון גוטער היילבארער קוואַ־ליטעט און קיין קור־געסט פעלן דאָ נישט. מ׳זעט טאַקע אַריין־און־אַרויסגיין פון די געביידעס מענער און פרויען מיט באָד־מאַנטלען. פאַראַן דאָ אויך אויפן ברעג, ביים סאַמע וואַסער, עטלעכע פיינע פענסיאָנען און קאַפייען. אָבער עס בעט זיך אַביסעלע מער קולטור אויפן דאָזיקן ברעג. דאָס רעשט וועט שוין דערגאַנצן די נאַטור אליין, דער חן־פולער כנרת אין ראַם פון די בערג.

מיר פאָרן ווייטער מיטן שאָסיי, האַרט איבערן כנרת. קעגנאיבער, אויף יענער זייט ים, ווייזט מען אונדז אָן אויף אַ שורהביימלעך — דאָרט זיצן שוין די סיריער. צו אָפט שטויסט מען זיך אָן אין ישראל אויף גרענעצן...

ביים סוף פון כנרת גיסט זיך אויס פון אים אַ טייך — דאָס איז דער ירדן. דער ירדן פליסט אַרויס פון די קוואַלן צופוסנס פון חרמון און אין זיין לויף שניידט ער אַדורך דעם כנרת. פון דאַנען און ווייטער הייסט טאַקע די געגנט עמק הירדן.

מיר שטעלן זיך אָפּ אין דער זייער באַקאַנטער קבוצה דגניה א׳. די קבוצה עקזיסטירט זינט 1910. ס׳האָט קיין קבוצה נישט געוויזן אזא גלענ־צנדיקן מוסטער פון קאָמונע-לעבן ווי דגניה. דערפאַר איז זי טאַקע אזוי פּאָפּולער געוואָרן ביי דער יידישער חלוציִשער יוגנט. איצט וווינען דאָ 300 מענטשן. ס׳איז אַ העכסט קולטיווירטער ישוב, אַ רייכקייט פון גרינס, אַ פרעכטיקע ציפּרעסן־אַלייע. פּאַלמען דאָ און דאָרט. שטעגן, טראָטוארן — אַלץ איז דאָ פּלאַנירט. דאָ איז אגב אַ שול־צענטער פאַר די נאָענטע קבוצים. אין די שולן פון דגניה זענען קאָנצענטרירט אַ זעקס־זיבן הונדערט קינדער פון 16—17 יאָר.

אַ חוץ שולן איז דאָ טעטיק אויך אַ סטאָלעריי און מעבל-וואַרשטאַט פאַר די יוגנטלעכע. אין דגניה באַזוכן מיר אויך דעם באַקאַנטן „בית גור־דון" — אַ מוזיי פאַר נאַטורוויסנשאַפט מיט אַ שלל עקספּאָנאַטן. איינע אַ לערערין — אַ ווילנערין — דערציילט אונדז אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן לעבן אין דער דאָזיקער קבוצה. אויך דאָ זענען בעת דער מלחמה געווען

קאמפן — סך־הכל 3 און אַ האַלב קילאָמעטער פון דער סירישער גרענעץ. זי ווייזט אונדז די בונקערס און אָקאָפּעס, וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אין דער קבוצה. מ׳באַזייטיקט עס נישט, ווייל... ווער ווייסט, טאָמער וועט מען עס נאָך דארפן... אָבער דערוויילע גייט דאָס לעבן ווייטער נאָרמאַל. גרויסע אַרבעטן, קינדער לערנען זיך, שפּילן זיך, זינגען און טאַנצן.

מיר פאָרן ווייטער. דאָ איז די געגנט פון גליל התחתון. אויף דעם גע־דרייטן שאָסיי — אַ וואָרנונג: „נהגו! החיים והמות בידיך״...1) עס טוישן זיך ישובים: כפר חטין, מצפּה, אפיקים, חלק נפתלי און אַנד. פון דער־ווייטנס זעט זיך דער הר תבור. אויפן שפּיץ באַרג — אַן איטאַליענישער מאָנאַסטיר.

ס ע ד ז ש ע ר א . — אַ באַקאַנטער פונקט פון דער מלחמה־צייט. דאָ האָט זיך פיל בלוט געגאָסן. קנאַפּע 7 וואָכן האָבן ייִדן קיין שליטה נישט געהאַט אויפן דאָזיקן וועג צוליב קאַוקאַזישיס אַנגריף. רעכטס פון וועג זעט זיך אַ מצבה איבער אַ ברודער־קבר פון ייִדישע קעמפער.

עס טוט אַ בלאַנק אַ פּרעכטיקער פּייזאַזש. אַן אַלייע פון קאַקטוס־ביי־מער. ביי דער זייט פון וועג — אַן אַלטער ברונעם, פון וואַנען אַראַבערינס גייען מיט וואַסער־קרוגן אויף די אַקסלען. מיר באַגעגענען אַן אַראַבער אויף אַן אייזעלע און זיין ווייב גייט ביי דער זייט צופוס. ס׳איז שוין נאָענט פון נצרת. אין דער געגנט געפינען זיך אויך קריסטלעכע אַראַבער. אַרום זעט מען אַ סך באַארבעטן באָדן אין די בערג. אַראַבער פאָרן זיך אויף די פערלדער, קריכן נאָך נאָך אַקערס, וואָס עס ציען קליינע פערדלעך.

עס שמעקט מיט נישט־ייִדישער וועלט...

עס שווימט אַרויס פאַרן אויג נצרת. בלענדנד־ווייסע בנינים, צעשאָטן אויף אַ באַרג. עס דערהויבן זיך אַ סך טורעמס און מינאַרעטן. נצרת איז פאַרצייטנס געווען אַ ייִדישע שטאָט. אין דער תקופה פון בית המקדש זענען דאָ געזעסן כהנים. שפּעטער איז זי געוואָרן דאָס וויגעלע פון קריסטנטום. דאָס ייִדישע פאָלק האָט זינט דעמאָלט צו זינגען און צו זאָגן... אין נצרת האָט זינט הונדערטער יאָרן נישט געוווינט קיין איינציקער ייִד. איצט גע־פינט זיך די אַלטע ייִדישע שטאָט ווידער אין די גרענעצן פון מדינת ישראל.

איך גיי איבער די שמאָלע גאַסן. באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. אַ באַוועגונג פון אַראַבער. פאַראַן דאָ איצט 20.000 איינוווינער: 10.000 מאַכמעדאַ־

1) שאָפער! דאָס לעבן און טויט ליגן אין דיינע הענט...

נער און 10.000 קריסטלעכע אַראַבער. מיר קומען אַריין אין גבול פון די מאַשייען און טעמפּלען. אָט איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער טעמפּל און אָט אַ פראַנצויזישער מאַנאַסטיר פון אַלע פעלקער. באַגעגנסט אומעטום גייסט־לעכע, נאָנעס אין שוואַרצער טראַכט. פרויען אין שלייערן. מיר באַזוכן עטלעכע טעמפּלען. אין איינעם, אין עלטסטן, פירט מען אונדז אַראָפּ אין די קאַטאַקאָמבן און מען ווייזט אונדז קריסטוסעס הייל — זיין סטאַלערײַ־וואַר־שטאַט. אין מיטן הייל — אַ שטיינערנער טיש און באַנק, וועלכע זענען אַראָפּגעזונקען נידעריק צו דער ערד מחמת אַלטקייט. אין די טונקעלע שטיינערנע אונטערערדישע געוועלבן ליגן געדיכטע שאָטנס פון פאַר צוואַנ־ציק יאָרהונדערטער. אויבן אין אַ חדר טראָגן זיך קלאַנגען פון אַן אָרגעל — דאָרט זיצט אַ מאָנאַך און באַקומט אַרויס די מאַנאָטאָנע קלאַנגען ווי פון פאַרצייטיקע דורות אַרויס.

אָט די דאָזיקע קריסטלעכע „ווײַרוויכדיקע" שטאָט איז איצט אין יידישן באַזיץ; דערפאַר אָבער געפינט זיך די כותל־מערבי ביי נישט־ייִדן.

***

דער וועג צוריק קיין תל־אביב פירט דורך די שיינקייטן פון עמק יזרעאל. פאַר די אויגן וויקלען זיך פּרעכטיקע לאַנדשאַפטן. בונטע פעלדער, פאַרזייט, באַוואַקסן. עס גרינען פון אַלע זייטן קוואַדראַטן, ווי אויסגעשפּריי־טע טעפּיכער. עס בלאַנקען ישובים: תל־עדשים, בלפוריה, עפולה און אנד. עפולה רייצט ממש מיט אירע ליכטיקע גאַסן, מיט די הערלעכע בנינים, מיט איר ברייטער פאַלמען־אַלייע.

עס ווייזן זיך ווידער אויפן וועג באַווינטע אַראַבישע דערפער. אויפן דאָזיקן אָפּשניט איז, לויט אַן אָפּמאַך מיט אבדאלאַן, אַריבערגעגאַנגען צו יידן אַ שטיק שאָסיי פון זיין געביט, וועלכער איז נייטיק געווען פאַרן עמק. דערפאַר זענען געבליבן אויף דער יידישער זייט 16 טויזנט אַראַבער. מיר טרעפן טאָקע אויפן וועג אַראַבער, וועלכע לייגן פאַר אונדזער שאָפער „שוואַרצן מסחר": אַ הון, אייער...

מיר באַזוכן נאָך „הדסים" (פון „וויצ׳אָ") מיטן כפר הנוער. דאָ איז אַ היים פאַר קינדער און יוגנטלעכע. דאָס רוב זענען עס יידישע יתומים פון דער גאַנצער וועלט. זייער פיינע זאלן ,שלאָף־צימערן, אַ שול, עס־צימערן. פאַרן גרויסן בנין — אַ פריילעכע באַוועגונג פון די קינדער אונטער דער

אויפזיכט פון די דערציִערינס. די קינדער זינגען, שפּרינגען. קינדער קאָנען זיך אַמאָל פאַרגעסן אַפילו אָן פאַרלוירענע מאַמעס...

עס שווינדן פאַרביי רעננה, הרצליה, נחלת גנים — אַלץ פּרעכטיק צעוואַקסענע, צעבליטע גאָרטן־שטעט, וואָס רייצן און לאָקן מיט זייער ווייסקייט, גרינקייט און מיט זייער שלווה.

אמת, נישט הינטער אַלע ווייסע ווענט שמייכלט דאָס גליק... די אידי־לישע מנוחה ושלווה... ישראל איז בדרך כלל אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד ווי אַלע אַנדערע לענדער. די קבוצים מיט זייער סאָציאַלער סטרוקטור שפּילן דאָך נישט קיין דאָמינירנדיקע ראָל אינעם סיסטעם פון לאַנד. און נישט יעדן בירגער גייט עס אַזוי גרינג אין זיין קאַמף פאַרן קיום. אַ גאָר גרוי־סער טייל — דער מענטש פון אַרבעט — פאַרדינט אין שווייס פון זיין פּנים זיין שטיקל ברויט. עס פעלן נישט קיין הייזער, ווו דער דלות פייפט נישקשהדיק... ווער רעדט נאָך וועגן די נייע עולים — די הונדער־טער טויזנטער אויסגעוואָרצלטע יידן פון אַלע גלותן, פון אַלע פּורעניותן — זייער נויט אין די באַראַקן איז גרויס... זייער מצב ביז גאָר טרויעריק... איך האָב אויך באַזוכט די דאָזיקע באַראַקן, געזען זייער מעמד... און ווער ווייס ווען זיי וועלן ווערן צוריק מענטשן, צוריק אַריינגיין אין די נאָרמאַלע רעלסן פון לעבן — — —

אָבער דאָך...

קוקנדיק אויף די דאָזיקע אַלע יידישע ישובים, אויף די ווייסע זוניקע הייזער, אויף די גרינע פּרדסים, אויף די שלאַנקע ציפּרעסן און שטאָלצע פּאַלמען, ווערסטו דורכגענומען פון אַ טיף־וואַרעם געפיל און עס ווילט זיך אויסרופן ווי אין אַ תפילה:

מה טובו אוהליך, יעקב! — — —

תל־אביב — פּאַריז, 1950

ביים דענקמאָל אויף טאַבלאַדאַ

(רעפלעקסן)

ווי די שאָטנס קומען זיי צוגיין אויפן „גוטן אָרט" — די רעשטלעך פון די פאַרשניטענע עדהס אויף יענער זייט אוקינוס. אַזוי פיל עדהס, אַזוי פיל קהילות חרובע, צעשאָטענע אין ציגל און שטויב... אַזוי פיל יידישע שטעט און שטעטלעך אויסגעליידיקטע, אָפּגעמעקטע פון דער אויבערפלאַך, אָדער פאַרבליבענע אָפילו אָן איין־איינציקן ייד; געירשנטע פון די אַרישע שכנים — די „גוטע פריינט" אונדזערע — אָן שום סקרופּולן, אָן שום רעג, אָן שום ציטער פון געוויסן... גלייך ווי עס וואָלט זיי געקומט די „ירושה" על פּי דין... גלייך ווי אַלץ וואָלט אַזוי באַדאַרפט צו זיין...

שלאָפן זיי רויק, די אַריער, אין די פאַרלאָזענע יידישע בעטן; וויגן זיי איין זייערע קינדער אין די פאַריתומטע „וויגעלעך"(1); קוקן זיי אַרויס רויק און שלווהדיק דורך די יידישע פענצטער, דורך וואַנען יידישע מאַמעס פלעגן אין די שבת־צו־נאַכטן אַרויסקוקן צום הימל, וואַרטנדיק אויפן ערשטן שטערן, כדי צו קאָנען שוין זאָגן: „גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב"...

ווי די שאָטנס קומען זיי, די רעשטלעך, און רינגלען אַרום דעם דענקמאָל — דעם סימבאָלישן קבר — נאָך אונדזערע קדושים וטהורים. ווייל קיין אמתער קבר איז דאָך זיי „דאָרטן" נישט באַשערט געוועזן. דער ווינט האָט דאָך זייער אַש פאַרטראָגן אין וויסטן הפקר — — —

יאָר־איין, יאָר־אויס קומען זיי אַהער, די רעשטלעך, פון יעדער עדה מיט דער מגילה פון צער און צאַרן אין די הערצער, הערן אויס אַ קדיש, אַן „אל מלא רחמים", פאַרגיסן אַ טרער...

---

1) קינדער־וועגעלעך.

קומען גראָדנער, וואַרשעווער, לאָדזשער, ביאַליסטאָקער. קומען ייִדן פון אַלע שטעט און שטעטלעך אין אַמאָליקן פוילן.

אינעם פאַרזונקענעם שווייגן עגבערט יעדן איינעם די פיינלעכע, נישט־פאַרענטפערטע פראַגע:

„פאַרוואָס?!“ — — —

פאַרוואָס האָט געשוויגן די וועלט, ווען דער שוחט האָט געשאָכטן? —

פאַרוואָס האָט דער הימל בעת־מעשה געבלויט, די זון געשיינט און די גראָז געגרינט? — — —

פאַרוואָס האָט געשוויגן דאָס געוויסן פון דער וועלט? — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— אל מלא רחמים — — —

דער טרויעריקער ניגון צעטראָגט זיך וויט, וויט... עס הערט שווייגעוודיק דער הימל, די וועלט.

שטייען מאַנסבילן מיט פאַרקלעמטע הערצער, מיט פאַרפּרעסטע ליפּן, און פרויען ווישן זיך די פייכטע אויגן. און אַז דאָס קול פון חזן ווערט פאַרשטומט, רוקן זיך אָפּ די שאָטנס פון דענקמאָל און בלייבן נאָך שטיין, פאַרזונקענע אין צער, פון דערווייטנס.

קומען באַלד אַרויס שטילע רייד פון דער פאַרגליווערטקייט. מען נעמט זיך חשבונען, מאַכן דעם סך־הכל: וויפל ווער האָט „דאָרטן“ פאַרלאָרן... אייינער — אַ דריטל פון דער משפחה, דער צווייטער — אַ העלפט און נאָך איינער מאַכט דעם טרויעריקסטן „סך־הכל“ — ער האָט זיין גאַנצע פאַרצווייגטע משפחה פאַרלוירן: טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, פעטערס, מומעס, קוזינען... ער האָט זיינע אַבידות אין צענדליקער געציילט, אין פיל צענדליקער... און ער איז געבליבן אַליין אויף גאָטס וועלט. איינער אַליין ווי אַ דאָרן!...

אַזוי „ליציטירט“ מען זיך אין דער שטיל, מיט געבראָכענע שטימען און מיט פאַרבראָכענע הענט. און דאָרט ביים סימבאָלישן קבר איז אויסגעוואַקסן אַן אַנדער רעדל ייִדן — אַן אַנדער רעשטל פון אַן אַנדער פאַרשניטענער עדה „דאָרטן“ אויף יענער זייט...

די פאַרבליבענע פון יעדער שטאָט ריכטן אָפּ באַזונדער זייער יזכור ביי דעם שטומען מאָנומענט, וואָס איז פון איין זייט פול מיט טאָוולען. אויסגעקריצטע טאָוולען נאָך אונדזערע פאַרשווונדענע שטעט און שטעטלעך — נאָך אונדזער פאַרלוירן לעבן — — —

און אַזוי בייטן זיך די רעשטלעך ביים דענקמאָל. און אַזוי קלינגט עס כסדר דער טרויעריקער ניגון פון חזן:

— אל מלא רחמים...

און די אַלע קלאַנגען, די אַלע טרערן פון די אַלע רעשטלעך גיסן זיך צוזאמען אין איין לאַגל — אַקוראַט ווי „דאָרטן" האָט זיך זייער בלוט און זייער אַש אויסגעמישט אינאיינעם...

דאָס זענען טרערן פון פאָלק...

דאָס זענען בלוט און אַש פון פאָלק...

אַ גאַנץ פאָלק וויינט און באַוויינט. אַ גאַנץ פאָלק פרעגט דעם „פאַר־וואָס?!"...

הערן זיך וויינענדיקע שטימען ביים דענקמאָל — הספדים... פאַרקלינגען צערפולע ווערטער:

„מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן... קיינמאָל — עד סוף כל הדורות...

„מיר וועלן אייביק געדענקען אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע פון אונדזערע היים־שטעט — ביי דער ווייסל און ניעמאַן, ביים בוג און ביים דניעסטער... פאַרלאָזן און פאַרשעמט זענען געבליבן די היימישע טייכן און פאַרפאַרבט מיט יידיש בלוט...

„מיר וועלן שטענדיק זען פאַר אונדזערע אויגן זייער לעצטן וועג —

„צו פאָנאר —

„צום אומשלאג־פּלאַץ —

„צו פאָניאטאָוו —

„צו קעלבאסין —

„צו טרעבלינקע —

„צו מאידאנעק —

„צו אָשוויענטשים"...

יעדע שטאָט מיר איר מאַסן־קבר, מיט איר קאַלך־אויוון, מיט אירע פלאַמען פון קידוש־השם — — —

מיר, די רעשטלעך, וועלן תמיד מאָנען ביי דער שולדיקער וועלט אַן ענטפער. מיר וועלן איר אייביק דערמאָנען איר שולד. ווייל נאָר צוליב דעם זענען מיר לעבן געבליבן — צו מאָנען און דערמאָנען! — — —

אין אומרו פון יאָרן

און נאָך אונדז, בעת מיר וועלן שוין נישט זיין, וועלן די בלוטיקע מגילה לייענען אונדזערע קומענדיקע דורות, אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער.

מיר וועלן שטענדיק טייטלען אויף דעם קין־צייכן, וואָס איז אויסגע־קריצט אויף מיליאָנען אַרישע שטערנס...

מיר וועלן תמיד רויבן זייער רו:

קול דמי אחיך צועקים עלי מן האדמה — — —

בוענאָס־איירעס, 1953.

פרילינג און טויט

אין שטאָטישן עלנט

דעם זכר פון צ. ד.
געהייליקט.

א.

ברוין האָט זיך לעצטנס איינגעבראָכן. ער איז געוואָרן אינגאנצן אַ פאַרענדערטער. זיינע תמיד לעבעדיקע בלויע אויגן זענען מאט געוואָרן. אין די שלייפן זענען אים צוגעקומען מער גרויע האָר.

באַקאנטע פרעגן אים:

— וואָס איז אייך עפּעס, מעסיע ברוין?

— פאַרוואָס זייט איר אַזוי בלאַס?

— פילט איר זיך קראנק?

און וואָס מער מען פרעגט אים, אַלץ מער איז ברוין דערשלאָגן, אַפּ־העטיק. ער דערשרעקט זיך אַליין פאַר זיין צושטאנד.

— עט! — פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער האנט און נישט ענטפערן צו דער זאַך.

ברוין איז אַדורכגעגאנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דער צייט: צוערשט ביי די רוצחישע דייטשן אין ווארשע, שפּעטער אויף „יענער זייט", ביי די רוסן, אין אַ סאָוויעטישן קאָנצענטראַציע־לאגער. אין פוילן האָט ער פאַרלוירן אַלע זיינע נאָענטסטע — זיין גאַנצע משפּחה: זיין פרוי, זיין קינד, זיין מוטער, זיין שוועסטער... אין רוסלאַנד האָט ער זיין געזונט פאַרלוירן... צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה קיין פוילן אַ צעבראָכענער — פיזיש און מאָראליש... געקומען אין וואַרשעווער געטאָ אויף קבר־אבות... געפונען זיין היים אין צעשאָטענע ציגל — — —

שפּעטער איז ברוין אַוועק מיט זיין טרויער אין דער וועלט...

און אַט איז ער אין פּאַריז. אין דער גרויסער, רוישיקער שטאָט. שוין פיר יאָר ווי ער וווינט דאָ. ער האָט די שטאָט ליב געקריגן. ליב געקריגן אירע רייכע מוזייען, אירע אומצייליקע דענקמעלער, אירע היסטאָרישע „ש אַ ט אָ ס ״ 1), איר געשיכטע — די געשיכטע פון אירע פרייהייטס־רעוואָלוציעס... ליב געקריגן דעם סען מיט זיינע פּיטאָרעסקע ברעגעס און בריקן, — דער עיקר אין די נעכט, ווען רייצנדיקע פייערן שפּילן זיך, וויברירן אין שטילן וואַסער... אין די פּאַריזער פּרעכטיקע קנייפּעס, אין די צעשפּילטע, שפּיגלדיקע קאַפייען אויף די „גרויסע בולווארן״ איז זיין עלנט לכתחילה פאַרטויבט און פאַרשרי:ען געוואָרן.

אין אָוונט האָט ברוין נישט ליב געהאַט צו בלייבן אליין אין צימערל פון האָטעל. פלעגט ער גיין פון קנייפּע צו קנייפּע. פלעגט ער פאַרברענגען אויף מאָנפּאַרנאַס אין „לע דאָם״, צי אין „לאַ רעטאָנד״. דאָרט פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט דער באָהעם — מיט די „באַכט־פייגל״ פון פּאַריז. אַמאָל ווידער פלעגט ער פאַרטרייבן די נאַכט אויף די „גרויסע בולוואַרן״, צי גאָר אויפן פריילעך־צעזונגענעם פּיגאַל, ווו די באַוועגונג ביינאַכט איז תמיד אַזוי גרויס; ווו פון אומעטום לאָקן די פאַרביקע נעאָנען; ווו פון אַלע קנייפּעס רייסן זיך אָרקעסטערס און עס פאַרקלינגען די לייכטע לידער פון פעט־אָנגעשמינקטע צעטאַנצטע זינגערינס...

ברוין פאַרברענגט דאָרט גאַנצענע נעכט — אַבי נישט צו זיין אין זיין צימער. אין צימער פלעגט ער קומען שפּעט אין דער נאַכט — זייגער דריי־פיר. אַבי די נאַכט זאָל זיין קירצער, אַבי דער עלנט זאָל נישט אַזוי פּלאָגן... ער פלעגט אַ מידער אַ פאַל טאָן אויפן געלעגער און אַנטשלאָפן ווערן. אין פאַרנעפּלטן דמיון האָבן זיך נאָך געפלאָנטערט די לידלעך פון פּיגאַל...

ב.

דאָס אַנטלויפן פון זיין עלנט, דאָס פאַרברענגען גאַנצענע נעכט אין די קנייפּעס, דער שטענדיקער שלאָף־דעפיציט האָט ברוינען מיט דער צייט שטאַרק אויסגעשעפּט די נערוון.

עס האָט רעאַגירט דאָס האַרץ.

1) שלעסער.

איין נאַכט כאַפּט ער זיך אויף אין דער פינצטער מיט אַ שטאַרקער האַרץ־קלאַפּעניש. ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער האָט אויפגעדרייט די עלעקטריע, איז אַראָפּ פון געלעגער און גענומען אַביסל וואַסער. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אין שפּיגל — זיין פּנים איז געווען געלבלעך־בלאַס. ער האָט זיך צוריקגעלייגט און דאָס האַרץ האָט גאָרנישט אויפגעהערט גיך צו יאָגן. עס דוכט זיך אים בעת־מעשה, אַז ער איז אויך שוואַכער געוואָרן... צי גייט ער נישט שטאַרבן?...

דאָס האַרץ־קלאַפּעניש האָט זיך ביסלעכווייז פון זיך אַליין איינגע־שטילט. אָבער געשלאָפן האָט ער שוין מער נישט. ער איז אויפגעשטאַ־נען נאָך דער נאַכט אַ בלאַסער, אַן אויסגעשעפּטער.

די אַנדער נאַכט האָט ער זיך שוין געלייגט פריער. ער איז שוין געשלאָפן בעסער; אָבער אין דער פרי האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט מיט אַן אומרו אינעם האַרץ. ער האָט געשפּירט ווי עס באַוועגט זיך שנעל, שנעל. אָט, דוכט זיך, טאַנצט עס אַרויס...

דעם דאָזיקן טאָג איז ברוין געגאַנגען צו זיינעם אַ באַקאַנטן דאָקטער. יענער האָט אים גוט אויסגעהערט דאָס האַרץ און געפּסקנט, אַז אָרגאַניש פעלט דעם האַרץ גאָרנישט; אַז עס פונקציאָנירט נאָר נערוועז; אַז ער מוז לעבן נאָרמאַלער, מער רוען; פירן אַ מער נאָרמאַל לעבן, ווי אונדזערע אבות האָבן אַמאָל געלעבט... און — געווונטשן — ער זאָל פּטור ווערן פונעם עלנט...

— וואָס הייסט? — פרעגט ברוין איבער דעם דאָקטער.

— כ'מיין פּשוט, איר דאַרפט חתונה האָבן...

— אַזוי, כאַפּ־לאַפּ?...

— וואָס הייסט? פאַראַן אין פּאַריז ב"ה אַ סך איינזאַמע פרויען... די מלחמה האָט פאַראיינזאַמט סיי מענער, סיי פרויען...

מיט דער דאָזיקער „קלוגער עצה" — פּלוס אַ רעצעפּט אויף באַרוי־קונג — איז ברוין אַוועק פונעם דאָקטער.

אַ קורצע צייט נאָכדעם איז ער געוואָרן רויִקער; אָבער זיין עלנט האָט אים אין די נעכט ווידער געיאָגט פון שטוב, און ווידער האָט ברוין פאַר־בראַכט מיט די „נאַכט־פייגל" אויף מאָנפּאַרנאַס אָדער פּיגאַל — און ווי־דער האָבן זיך איבערגעחזרט די סימפּטאָמען פון זיין אָפּגעשוואַכט, נער־וועז האַרץ...

ברוין האָט זיך פּשוט אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיין איינזאַם צימער און פאַר זיין געלעגער. ס'איז געווען אַ פאַרכישופטער קרייז: אין שטוב

האָט אים געפּייניקט דער עלנט און דאָס צעטרענצלען די נעכט אין די קנייפּעס האָט אים נאָך מער קראַנק געמאַכט... איז ער ווידער געגאַנגען צו זיין באַקאַנטן דאָקטער, וועלכער האָט איבערגעחזרט דאָס זעלבע וואָס פריִער. האָט ער זיך אויף אים נישט פאַרלאָזט און געגאַנגען צו אַ ספּעציאַליסט, צו אַ באַקאַנטן קאַרדיאָלאָג. יענער האָט אים געהייסן לאָזן מאַכן אַן עלעקטראָקאַרדיאָגראַם. דער סך־הכל איז געווען דער זעלבער: נישט קיין אָרגאַנישע האַרץ־קראַנקייט, נאָר אַ פונקציאָנעלע. אָבער ווי די שלאָפקייט זאָל נישט הייסן — זיין אומרו איז אַלץ געוואָקסן, זיינע פּאַלפּיטאַציעס זענען געוואָרן אָפטער און שטאַרקער.

ער האָט זיך געקלאָגט פאַר דער „פּאָם דע שאַמבער" 1), וואָס פלעגט אַריינקומען יעדן אינדערפרי מאַכן אָרדענונג ביי אים אין צימער. יענע האָט דערציילט, אַז זי ליידט אויך אויפן האַרץ און אַז זי האָט זייער גוטע טראָפּנס פון אַ דאָקטער; אַז ווען ער וועט וועלן, זאָל ער איר זאָגן, וועט זי אים עס געבן. „ס'יל וו פּלעי!" 2).

איין נאַכט האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן צוליב אַ שטאַרקער פּאַלפּיטאַציע, אַז ער האָט אויפגעוועקט דעם אייגנטימער פון האָטעל און יענער האָט טעלעפאָניש אַרויסגערופן אַ דאָקטער פון דער גיכער הילף. דער דאָקטער האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג און געראַטן, כדי אויסצומיידן אַזעלכע פאַלן, נישט צו שלאָפן אַליין אין אַ צימער.

ברוין האָט די דאָזיקע עצה געהאַלטן פאַרן בעסטן אויסוועג. ווען ער נעכטיקט צווישן מענטשן, מיט נאָך עמיצן אין צימער, וואָלט ער זיך דאָך געקענט לייגן פריִער; נישט געפילט אַזוי דעם עלנט. ער וואָלט געלעבט נאָרמאַלער, רויִקער. ער וואָלט זיך אויסגערוט און צו זיך געקומען. די איינזאַמקייט גופא שרעקט אים. דאָס געפיל, אַז ער איז איינער אַליין אין צימער, אַז ער קאָן אַזוי אויסגיין אָן הילף... — דאָס איז גורם זיין אומרו, די פּאַלפּיטאַציעס...

אָבער ווי גייט מען אַרויס פון אַזאַ מצב? אז ער איז אַן איינזאַמער מענטש... אז ער האָט נישט קיין נאָענטן אויף דער ערד... קיין קרוב, קיין גואל...

האָבן זיך אַזוי געצויגן אין אומרו זיינע נעכט...

איז ער ווידער איינמאָל ביינאַכט דערשראָקן געוואָרן פון אַ פּאַלפּי־

1) האָטעל־דינערין; 2) ביטע זייער!

טאַציע. איז ער אַראָפּגעקראָכן פון געלעגער און אָנגעקלאַפּט אין ווינקל־חדרל פון דער „פּאַם דע שאמבר״.

יענע, אַ פאַרשלאָפענע נאָך אַ טאָג האַרעוואַניע איבער די האָטעל־צימערן, האָט פון יענער זייט טיר געפרעגט:

— קי ע לאַ? 1)

— וו ז׳א וועלע גוט...2)

— א׳טוט אַללער...3) — דערהערט ער פון יענער זייט.

איז ער צוריק אַ דענערווירטער צוריקגעקראָכן אין זיין צימער און זי האָט אים געבראַכט אירע טראַפּנס. ס׳איז אים ביסלעכווייז בעסער געוואָרן. נישט פון די טראָפּנס — די טראָפּנס האָט ער אָפּגעלייגט צו נעמען... — נאָר דערפון טאַקע, וואָס נאָך אַ מענטש איז געווען אין צימער... ער האָט זי שטאַרק געבעטן זי זאָל זיצן אַ וויילע. ער האָט זי מכבד געווען מיט פרוכט, כדי יענע זאָל נעמען עסן און עס זאָל דויערן דערווייל איר זיין ביי אים...

האָט ברוין צומאָרגנס בייטאָג — בייטאָג איז ער תמיד געווען רויק... — שטאַרקער געגומען נאָכפרעגן ביי באַקאַנטע — ביי דעם און ביי יענעם — וועגן אַ פּאַסיקן צימער אין אַ פּריוואַטער דירה, צווישן מענטשן. אין אַזאַ דירה, וווּ ער זאָל נישט דאַרפן פאַרברענגען די נעכט איינער אַליין, אויף גאָטס באַראָט...

נישט אַזוי לייכט איז עס אים אָנגעקומען. אין דער גרויסער שטאָט לעבט מען זיך אויס ביי די קאַפּיי־טישלעך, וווּ מען קען אָפּקיביצן אין אַ געזעלשאַפט פון באַקאַנטע גאַנצענע נעכט; אָבער דאָס פּריוואַט־לעבן פון יעדן יחיד — דאָס אינטערעסירט קיינעם נישט. דאָס וויל קיינער נישט וויסן. אין קאַפּיי פאַראייניקט מענטשן נאָר דאָס גערייד, דאָס געטומל, דער רויש פון דזשאַז, פון לידער און ווייַן... ווער עס איז נישט בכוח מיטצו־מאַכן די שפּיל פון די „נאַכט־פייגל״ — ווערט אַרויסגעשטויסן, ווי אַ רעשטל פון אַן אויסגערויכערטן ציגאַרעט...

האָט ברוין אויפגעהערט צו באַזוכן די נאַכט־לאָקאַלן. עס האָט אים פאַרפעלט מוט און כוחות. אין אָוונט פלעגט ער זיך נאָר אומדרייען איבער די „גרויסע בולוואַרן״, פאַרגאָסענע מיט פילפאַרביקע נעאָנען־ליכטער. ער האָט געזוכט צו פאַרגעסן זיך אין אייביקן מענטשן־שטראָם, צווישן ים פרעמדע פּנימער. פּנימער פון אַלערליי קאָלירן, וואָס מען קאָן נאָר באַ־

1) ווער איז דאָרט? 2) איר האָט טראָפּנס... 3) תיכף ומיד.

געגענען אויף די פּאַריזער גאַסן: ווייסע ,ברוינע, שוואַרצע. מענטשן פון אַלע עקן וועלט, פון אַלערליי לענדער און קאָנטינענטן. אַמאָל ווידער פלעגט אים די גאַסן־באַוועגונג מיד מאַכן; אין קאָפּ פלעגט זיך אים נעמען מישן. פלעגט ער זיך פאַרקלייבן אין עלנטער אין אַ שטילן סקווערל ביי דער סען. ער פלעגט זיך אַנידערזעצן אויף אַ באַנק אין שכנות פון זיך קושנדיקע פּאָרלעך. ער פלעגט קוקן אונטן צום ביינאַכטיקן וואַסער, ווו עס שפּיגלען זיך אָפּ אין דער טיפקייט די אַרומיקע ליכטער. דאָס שפּי־לעריי פון די פייערן באַרויִקט אָבער ווייניק זיין געמיט. ס'איז נישט פאַר אים... ער איז דאָ אַ פאַרשטויסענער, אַ פרעמדער... אַלץ איז דאָ פאַר זיי, פאַר די פאַרליבטע פּאָרלעך, כדי נאָך מער צו באַצירן, צו באַפּוצן זייער פרייד, זייער לוסט... כדי אינטערעסאַנטער, שענער מאַכן זייערע רגעס...

טוישט ער איין פּלאַץ אויפן אַנדערן. בלאָנקעט ער אום אַן עלנטער איבער די סען־ברעגעס. זעצט ער זיך צו ערגעץ אויף שטיינערנע טרעפּ, האַרט איבער דער סען. אונטן, אויפן סאַמע ברעג ליגן אויסגעלייגט דאָ־דאָרט קלאָשאַרן1). זיי ליגן איינגעטוליעט אין זייערע שמאַטעס און שלאָפן געשמאַק. צוקאָפּנס פון איין קלאָשאַר ליגט אַן אויסגעליי־דיקטע פלאַש. דאָס האָט ער דאָ פריער, אפנים, געפּראַוועט זיין עלנטע שמחה ביי אַ פלאַש וויין. איצט איז די פלאַש שוין ליידיק און דער קלאָ־שאַר ליגט אין די אָרעמס פון טיפן שלאָף...

ברוין איז מקנא אָט דעם קלאָשאַר. ווען ער קאָן זיין אַזוי רויִק ווי ער!... אַזוי רויִק־הפקרדיק ווי ער!... ווען ער קאָן אַזוי אַנטשלאָפן ווערן! — — —

ג.

איין טאָג האָט ברוין צופעליק געטראָפן אויף דער גאַס אַ באַקאַנטע פרוי — פרוי בעלאַ גראַנאַט. ער האָט זיך אַמאָל באַקענט מיט איר אויף אַ יידישן אָוונט אין „מיטיאַליטע". פרוי בעלאַ גראַנאַט שטאַמט פון פוילן. זי איז שוין דאָ אין פּאַריז זינט אַ פּאָר צענדליק יאָר. איר מאַן איז בעת דער מלחמה אומגעקומען אין פראַנקרייך — אויך דורך די דייטשישע רוצחים. זיין וועג איז געווען דורך דראַנסי — קיין אָשוויענטשים... זי איז געבליבן

1) היימלאָזע שלעפּער.

אַ יונגע אלמנה מיט אַ נישט־דערוואקסן קינד. ברוין האָט ביי דער ער־שטער באַקאנטשאַפט מיט איר באַמערקט אין איר שטריכן פון איידלקייט.

— זייט איר קראנק?... — איז געווען איר ערשטע פראגע ביים באַ־געגענען זיך. — איר האָט זיך עפּעס פאַרענדערט...

ברוין האָט זיך דערשראָקן פאַר איר באַמערקונג: אפשר איז ער טאַקע אינדערעמתן ערנסט קראנק...

ער האָט איר גלייך דערציילט אַלץ, וואָס מיט אים איז, און ער האָט פאַרענדיקט:

— מיך קאָן ראַטעווען איין זאַך: אַ צימער צווישן מענטשן... איר פאַרשטייט? איך טאָר נישט זיין אליין אין אַ האָטעל־צימער. אדרבה, אפשר ווייסט איר פון אַ פּאַסיק צימער פאַר מיר? איר זייט דאָך אַ היגע. איר וואָלט מיך געראַטעוועט...

בעלאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט מיטלייד.

— מ׳וועט מוזן עפּעס טאָן פאַר אייך, — האָט זי געענטפערט. — ווען איך וואָלט געהאַט אַ גרעסערע וווינונג, וואָלט איך אייך אַליין אַריינגע־נומען. אָבער איך פאַרמאָג נאָר איין צימער מיט אַ קיך — פאַר מיר און מיין קינד.

— אפשר ביי עמיצן פון אייערע באַקאנטע? — האָט זיך ברוין ווי געבעטן.

פרוי גראנאַט האָט אָנגעקוקט ברוינס נעבעכדיק אויסגעבלייכט פּנים און אַ זאָג געטאָן:

— זייט רויִק! עפּעס וועט שוין ווערן. איך האָב יאָ עמיצן צו פרעגן. כ׳גיי נאָך היינט אַהין געוואָר ווערן, צי דאָס צימער איז דאָרט פריי. זייט ביי מיר היינט אין אָוונט. ווייסט איר גאָר וואָס? קומט צו מיר אַביסל פריער, אויף אָוונט־ברויט. וועל איך שוין וויסן באַשייד.

— אָ, איך דאַנק אייך טויזנט מאָל, פרוי גראנאַט! — האָט ער אַ געריידטער אויסגערופן. — איר ווייסט אַליין נישט וואָס איר טוט פאַר מיר...

אַ נייע נשמה האָט פרוי בעלאַ גראַנאַט אַריינגעגעבן אין ברוינען. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן אירע רייד — דער עיקר אָן איר מענטשלעכן טאָן! — ווי אָן אַ רעטונגס־ברעט!...

דעם זעלבן אָוונט איז ברוין געזעסן ביים באַשיידענעם אָוונט־ברויט, אין דער באַשיידענער דירה פון זיין — אייגנטלעך גאַנץ ווייטער — באַקאנטער.

פרוי גראַנאַט דערציילט אים, אַז פון איר פלאַן וועגן אַ צימער פאַר אים ביי אירער אַ באַקאַנטער עלטערער פרוי האָט זיך גאָרנישט אויסגע־לאָזט, ווייל יענץ צימער איז גראָד מיט עטלעכע טעג צוריק שוין פאַר־דונגען געוואָרן. אָבער היות ווי זי וויל אים פאָרט ארויסהעלפן אין זיין נויט־פאַל, האָט זי איבערגערעדט מיט איר שוועסטער. דערביי דערציילט זי אים, אַז איר שוועסטער איז אויך אַן אלמנה און לעבט איינע אַליין אין איר פאַרמלחמהדיקער דריי־צימערדיקער דירה. אויך איר שוועסטערס מאַן איז פונקט ווי אירער אומגעקומען אין פראַנקרייך בעת דער היטלע־ריסטישער אָקופּאַציע.

— אַזויפיל איינזאמע יידישע פרויען אין איצטיקן פאַריז!... — פאַר־ענדיקט פרוי גראַנאַט איר אינפאָרמאַציע וועגן איר שוועסטער. די דאָזיקע פראַזע דערמאָנט אים זיין באַקאַנטן דאָקטערס זאָג. אַפּנים, אַ טראַפאַרעט שוין געוואָרן...

— נו, איז וואָס האָט אייך געזאָגט אייער שוועסטער? — פרעגט ער פאַראינטערעסירט.

— מיין שוועסטער האָט זיך געקווענקלט, ווייל זי וויל נישט אַריינ־לאָזן קיין מאַנסביל צו זיך אין דער דירה. אָבער זי איז עס גרייט צו טאָן צוליב מיר — פאַר מיינעם אַ באַקאַנטן... איר וועט קאָנען ביי איר נעכ־טיקן אַ געוויסע צייט, ביז עס וועט אייך בעסער ווערן און איר וועט צו־ריקקומען צו אייער גלייכגעוויכט. כ'האָב מיין שוועסטער טאַקע געבעטן אַרויפקומען; געזאָגט איר, אַז איר וועט זיין ביי מיר — וועט איר זיך פאַר־שטענדיקן.

— ווי דאַנקבאַר איך בין אייך! — האָט ברוין אַ גערירטער אויסגע־רופן. — איך האָב גאָר קיין ווערטער נישט...

— זעט! — טוט פרוי גראַנאַט אַ וויז צו דער וואַנט, — דאָס איז זי.

אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ פּאָרטרעט פון אַ נאָך יונגער פרוי, מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, מיט אויסדריקלעכע אויגן.

— זי זעט אויס ווי אַן אַקטריסע, אייער שוועסטער.

— זי האָט אַמאָל געזונגען... פלעגט אַפילו אויפטרעטן אויף אָוונטן... דאָס יידישע פאַריז האָט זי גוט געקענט...

— נו, און איצט?

— איצט... שוין נישט דאָס, וואָס געוועזן... היטלער האָט אונדז אַלע־מען צעבראָכן...

באַלד דערהערט זיך אַ קלונג ביי דער טיר. פרוי גראַנאַט עפנט און עס קומט אַריין אַ פרוי — איר שוועסטער. ברוין קוקט זיך אויפמערקזאַם צו צו איר: באמת, נישט אַזוי ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע... פאַרעלטערט... אָבער שפורן זענען נאָך דאָ...

— זייט באַקאַנט! — רופט אויס פרוי גראַנאַט.

ער האָט זיך דרך־ארצדיק אויפגעשטעלט און זיך דערנענטערט צו איר. ביים געבן די האַנט האָט זי שטיל אַ מורמל געטאָן; אָבער ער האָט איר נאָמען נישט דערהערט. עס האָט אים נישט פאַרפעלט קיין דרייסט־קייט איבערצופרעגן און זי האָט אים געזאָגט:

— פרידע הייס איך. פרידע בוים.

— איר זייט עס דער קראַנקער?... — פרעגט זי אים שפּעטער אַ ווייל מיט אַ שמייכל — איר מאַכט גאָרנישט קיין איינדרוק פון אַ קראַנקן...

— אָ, ניין, זייט רויק... — ענטפערט ברוין, — נישט אַזוי געפער־לעך.. ס'איז גיכער ביי מיר אויפן נערוועזן באָדן...

מ'איז באַלד אַרויפגעקומען צו ריידן וועגן צימער. ער האָט איבערגע־חזרט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט גערעדט פאַר פרוי גראַנאַט: אז אין דעם מאָמענט דאַרף ער נעכטיקן אין אַ צימער צווישן מענטשן... ער האָפט, ס'וועט אים שנעל בעסער ווערן...

— אָבער פאַרדינגען אַ צימער קאָן איך אייך נישט. — דערקלערט די שוועסטער. — איר קאָנט נאָר אַ געוויסע צייט קומען נעכטיקן, נישט איינמעלדנדיק זיך. דער „קאָנסיערזשקע״ 1) וועל איך זאָגן, אַז דאָס איז מיינער אַ קוזין. אַ גאַסט פון אויסלאַנד.

— גוט, אויסגעצייכנט!

— דאָס טו איך, — גיט זי באַלד צו, — פאַר מיין שוועסטער... מיר קענען זיך דאָך אַפילו נישט...

— איצטער קענען מיר זיך שוין...

— יאָ, אָבער...

— זייט רויק... — זאָגט ברוין. — כ'בין אַ דזשענטלמען... אויב איר וועט זיך נאָר פילן זשענירט, וועט איר מיר זאָגן... וועל איך גלייך אי־בעררייסן דאָס קומען נעכטיקן, און כ'וועל פאַרבלייבן מיט דער גרעסטער דאנקבאַרקייט צו אייך... איך שאַץ עס אָפּ: נישט יעדע פרוי וואָלט עס געטאָן פאַר מיר...

1) הויז־וועכטערין.

— דאָס איז נישט אַזאַ קרבן... — שמייכלט זי. — פאַראַן נאָך איינ־זען און געוויסן ביי מענטשן...

— בעת דער לעצטער מלחמה, — באַמערקט ברוין, — האָבן מיר אויפגעהערט צו גלויבן אין מענטשלעכן געוויסן... ספּעציעל מיר, ייִדן, האָבן פאַרלוירן דעם דאָזיקן גלויבן...

— יאָ, אַזוי איז עס טאַקע געווען... — באַשטעטיקט זי.

זיצנדיק ביי טיי און פרוכט האָט מען נאָך גערעדט וועגן זייטיקע זאכן. יעדער האָט דערציילט געוויסע עפּיזאָדן פון זיינע איבערלעבענישן אין דער מלחמה־צייט.

— ווייסטו גאָר וואָס, — לייגט פאָר פרוי גראַנאַט דער שוועסטער, — טו איצט גאָר עפּעס אַ זונג.

דאָס האָט זי געוואָלט געבן ברוינען אַ באַשטעטיקונג צו אירע רייד וועגן דער שוועסטער אידער זי איז געקומען...

— ווייס איך וואָס... עס זינגט זיך נישט... — לאָזט זיך יענע בעטן.

— זינגט, זינגט עפּעס! — בעט אויך ברוין. — אייער שוועסטער האָט מיר דערציילט, אַז איר זינגט.

— אפשר, אַז איך האָב געזונגען... אָבער שוין נישט מער...

לסוף האָט זי דאָך פאַרצויגן, ווי פאַר זיך אַליין, עפּעס אַ מאָטיוו — אַ פראַנצויזישן סענטימענטאַלן ראָמאַנס, — פונעם ספּעציפישן זשאַנר „לע שאַנסאָן דע שאַרם" 1), — וואָס ווערט לעצטנס געזונגען אין די פּאַ־ריזער בעסערע קנייפּעס:

או ע טי, מאָן אַמור — — —

ברוין איז גערירט: באמת אַ פיינע מנגנטע. זי זינגט מיט געפיל, הגם איר שטים איז שוין אָן גלאַנץ. מען דערקענט אָבער איר רוטין, איר שול.

פרוי גראַנאַט און ברוין אַפּלאָדירן און זי, די זינגערין, פילט זיך גע־שמייכלט און זינגט עפּעס אַנדערש — פון איר ייִדישן רעפּערטואַר.

ביים געזעגענען זיך דריקט ברוין אויס זיין התפעלות אויפן חשבון פון ביידע שוועסטער:

— ווי גוט, וואָס עס זענען נאָך דאָ אַזעלכע גוטע נשמות אויף דער זינ־דיקער ערד...

— וואָס האָט איר געמיינט, מיר לעבן דען אין סדום?... — ענטפערט ברוינס צוקונפטיקע באַלעבאָסטע.

1) שאַרם־לידער.

בעת ברוין שטייט שוין ביי דער טיר כאַפּט זי זיך:

— אייגנטלעך, בעלא, איך גיי שוין אויך. שוין נישט פרי.

און צו ברוינען:

— אויב איר ווילט קאָנט איר מיך באַגלייטן — ס׳איז נישט ווייט פון דאנען — וועט איר שוין אָגב וויסן דעם וועג צו מיר.

— אַוועק פּלעזיר...1) — כאַפּט זיך אָן אָן דעם ברוין. — קומט, אדרבה.

זענען ביידע אַראָפּ אונטן. אויף דער גאַס האָט זי ברוינען געזאָגט, אַז נאָך מאָרגן וועט זי פאַר אים צוגרייטן אַ געלעגער אין עסצימער און אַז פון מאָרגן אָן קאָן ער שוין קומען; אז פון אַכט אַזייגער אין אָונט וועט זי זיין אין שטוב. ברוין האָט איר האַרציק געדאנקט, מיט די רירנדיקסטע ווערטער. ער האָט זי צוגעפירט ביזן סאמע טויער פון איר הויז, וווּ זי האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— אָט דאָ וווין איך, געדענקט: קעגנאיבער דעם סקווערל.

זי האָט אים געגעבן דערקלערט ווי אזוי ארויפצוגיין, און וועלכער טיר אָנצוקלינגען: אויף איר טיר איז פאַראַן אַ בלעכל מיטן נאָמען „פרידאַ בוים".

— איז מאָרגן?... — פרעגט ער איבער נישט־דרייסט.

— שוין פון מאָרגן... ס׳יל ווו פּלעי!

זי איז פאַרשוווּנדן מיט אַ פריינטלעכן שמייכל אין טויער.

ד.

נאָך איין נאַכט שלאָפן אין עסצימער ביי פרוי פרידע בוים האָט זיך ברוין איבערצייגט, אַז די דאָקטוירים זענען טאַקע געווען גערעכט; אַז געגוג געווען ער זאָל פילן ביינאַכט אַ לעבעדיק ווען הינטער דער וואַנט — און זיין האַרץ איז געווען אַזוי רויק, ווי פריער, ווי אַמאָל, אין די גוטע צייטן. נאָך אַ ריי שלאָפלאָזע נעכט איז ער די נאַכט געשלאָפן אזוי גע־שמאַק, אַזוי האַרט — בנשימה אחת! אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען אַ פרישער, אַן אויסגערוטער, מיט אַ גרינגן קאָפּ...

— נו, ווי זייט איר געשלאָפן? — פרעגט אים פרוי פרידע בוים.

— גוט, גוט, אויסגעצייכנט! איך האָב גאָרנישט געפילט ווי די נאַכט איז פאַרביי. איך דאַרף אייך באמת בענטשן...

1) מיט פאַרגעניגן.

אַזוי איז עס כסדר געווען, אַלע נאַכט. ברוין איז זייער שנעל אַן אַנדער מענטש געוואָרן. זיינע באַקן האָבן געקריגן קאָליר, זיינע האַלב־אויסגע־לאָשענע אויגן — פרישן גלאַנץ.

אַמאָל פלעגט ער זיך ביינאַכט איבערוועקן, זיך איבערדרייען אויפן געלעגער און מאכן אַ לייכטן גערויש מיט זיין באַוועגן זיך. פלעגט ער דערהערן פרוי פרידעס שטים פון איר שלאָפצימער, וואָס איז נאָר פאַר־מאַכט געווען מיט קאָטאָרן:

— איר פילט זיך גוט?... טאָמער איז אייך עפּעס, זאָגט מיר...

— אָ, ניין! אַ דאנק אייך! איך פיל זיך אויסגעצייכנט... — שרייט ברוין אַריין צו איר אַ צופרידענער, אַ דאנקבאַרער.

— איך האָב אייך באַלד געזאָגט, אַז עס איז אייך גאָרנישט... — רופט זיך ווידער אָפּ פרידע פון איר געלעגער.

די דאָזיקע פריינטלעכע אויפמערקזאַמקייט צו אים פון פרוי בוים, איר אינטערעסירן זיך מיט אים האָט ברוינען אַריינגעבראַכט אין אַ ליבער היימישקייט. ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, מיינענ־דיק, אַז אין דער גרויסער שטאָט זענען אַלע מענטשן אַזוי האַרט און פרעמד... אַז מען קאָן נאָך אויסגעפינען צאַרטע, אידעלע נאַטורן, ווי אַ שטייגער — זי, טאַקע די פרוי בוים. וואָרום וואָס, אייגנטלעך, בינדט אים מיט איר? ווי לאַנג קענען זיי זיך אינגאַנצן? נאָר געציילטע טעג. און פונ־דעסטוועגן...

איבעריקנס — קומט אים פלוצלונג אַ רעיון אין מח, — ווער ווייס?... אפשר?... אפשר האָט די פרוי בוים אַ געוויסע כוונה וועגן אים?... אַ פרוי אַליין... אַן אלמנה... אפשר טראַכט זי, אַז ער קאָן זיין אַ פּאַסיקער קאַנדי־דאַט פאַר אַ מאַן?...

אָבער ניין! — מאַכט ער זיך אַ פאָרוואורף, — צו וואָס טראַכט ער אַזוי? ער באַליידיקט מיט אַזעלכע געדאַנקען די גוטע פרוי בוים...

פונדעסטוועגן, אין אָוונט, בעתן שמועסן מיט איר פאַרן שלאָפן גיין, האָט זיך קעגן זיין ווילן אַרויסגעכאַפּט ביי אים אַ פראַגע, ווי וועלנדיק דערגיין גענויער וואָס זי טראַכט:

— אַנטשולדיקט מיך, פרוי בוים, פאַר מיין נישט־דיסקרעטער פראַגע... אָבער מיר זענען דאָך דערוואַקסענע מענטשן... זאָגט מיר, כ׳בעט אייך: פאַרוואָס זייט איר איינע אַליין?...

— איר מיינט, פאַרוואָס איך האָב נישט חתונה? — האָט זי קאָנקרע־

טער איבערגעפרעגט. — גאַנץ פּשוט: עס מאַכט זיך נישט... געווען רע־פלעקטאַנטן... אָבער נישט געטראָפן נאָך דעם פּאַסיקן... נו, און איר?...

— אויך איבער דער זעלביקער סיבה מסתמא... — ענטפערט בוים,

— ס'איז נישט אַזוי פּשוט... דאָס ערשטע מאָל איז מען פאַרליבט... פאַר־שיכורט... דאָס צווייטע מאָל קוקט מען שוין מער ניכטער...

— איך זע, אַז מיר פאַרשטייען זיך גוט...

ברוין האָט איר אָנגעקוקט מיט דורכדרינגענדיקע בליקן. ער האָט געזען, אַז זי — ווי אַן אָביעקט — אַנטשפּרעכט אים לחלוטין נישט, הגם זי איז זייער אַ ווױלע פרוי, מיט אַ זייער אידעלן כאַראַקטער. זי איז נישט אַזוי ראַפינירט ווי סובטעל. אָבער... זי זעט אויס אין זיינע אויגן ווי צופיל אויסגעלעבט... אויסגעגוצט... פון איין זייט איז זי טאַקע ווייט נישט יונג, און פון דער צווייטער זייט האָבן די גרויליקע יאָרן זייער חותם געלייגט אויף איר... זי איז שוין צו דאַר — נישט שלאַנק, נאָר טאַקע פּשוט דאַר, קרענקלעך־דאַר. אַרום די אויגן — אַ נעץ פון דראָבנע קנייטשלעך. אַז איר שלאַפּראַק האָט זיך צופעליק ביים האַלדז אָן עפן געטאָן, האָט ער באַ־מערקט, אַז אירע ברוסטן זענען אַזוי קליין און איינגעשרומפּן און גאָרנישט ווייבלעך. און די פיס ביי איר, די פיס — אַזעלכע דאַרע. זיי דערמאָנען אַן סקעלעטן־דינקייט... ניין, אַזעלכע פרויען געפעלן אים בשום אופן נישט. צו אָט דער דאָזיקער פרוי קאָן ער נאָר האָבן אַ שטאַרק געפיל פון דאַנק־באַרקייט פאַר איר גוטסקייט, פאַר איר אויפמערקזאַמקייט צו אים אין אַן עת צרה, אינעם ים פון דער גרויסשטאָטישער פרעמדקייט...

— זייט איר נישט אַמאָל קראַנק? — טוט ער זי נישט־פאַרזיכטיק אַ פרעג.

— אַ ניין, וואָס פאַלט איך איין? כ'בין געזונט, האָב אַ זייער געזונט האַרץ... איר זעט דאָך, אַז איך האָב קיין מורא נישט צו שלאָפן איינע אַליין אין אַ ווױנונג...

דאָס האָט זי אים געמיינט שפּאַסיק צו פאַרטשעפען. ער האָט גלייך דערפילט איר לייכטע איראָניע און זיך אָפּגערופן:

— יאָ, יאָ, איך באַוווּנדער אייך טאַקע... איך וואָלט איצט בשום אופן נישט געגעכטיקט אַליין אין אַ ווױנונג...

— זעט איר שוין...

און אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט זי:

— האָט איר עס נישט געפרעגט, ווייל איך בין אפשר אַביסל צו דאַר?...

— איר וואָלט זיך טאַקע געדאַרפט באַמיען צו ווערן אַביסל פולער...

— ס'איז שוין ביי מיר אַזאַ נייגונג... — ענטפערט זי, — כ'ווער נישט דיקער וויפל איך זאָל נישט עסן און טרינקען... אָבער ס'שאַדט נישט... קיין ענערגיע פעלט מיר נישט... אָט שאַף איך איצט אַן אַטעליע פון דאַמען־„דעסו"... וועש, גאַרסעטן. אַלץ איינע אַליין, אָן קיינעמס הילף.. אין גיכן וועט שוין די אַטעליע געעפנט. עס קאָסט מיר אַ סך לויפעניש... מען מוז זיך דאָך שאַפן אַ שטיקל מאַטעריעלע באַזע... נאָך אונדזער חורבן דאַרף מען דאָך אַלץ אָנהויבן פון דאָס ניי...

— אפשר ווייל איר לויפט אַזוי אַרום, דעריבער ווערט איר נישט דיקער?...

— ס'שאַדט נישט... און איך געפעלן אַזוי דיקע ווייבער?...

די דאָזיקע פראגע האָט זי אים געשטעלט מיט אַ שמייכל, אַ פרוואישן שמייכל. און דער דאָזיקער שמייכל האָט ווידעראַמאָל דערוועקט ביי אים די פראגע — און אפשר שוין דעם חשד... — אַז זי האָט לגבי אים עפּעס אַ באַהאַלטענעם מיין...

„אָבער זאָל זיין וואָס עס איז... — זאָגט ער זיך אין מחשבה. — וואָס האָט ער אַריינצוטראַכטן! ער האָט זיך פריער געפילט ווי אַ פאַרלוירענער, ווי אַ פאַרוואָגלט באַשעפעניש און דאָ, אין די גאַסטפריינטלעכע ווינקעלעך, געווינט ער זיך צוריק"...

אַן אַנדער אָוונט איז ער געקומען אַביסל שפּעטלעך. שפּעטער ווי תמיד. זייגער עלף. זי איז שוין געלעגן אין בעט. ער האָט זיך דערנענטערט אויף די שפּיץ פינגער צו זיין געלעגער, כדי זי נישט אויפצוּוועקן; אָבער באַלד באַמערקט ער דורך דער אָפענער טיר, אַז זי שלאָפט נאָך נישט. דאָס נאַכט־לעמפּל ברענט און זי לייענט.

זי האָט גענומען צו אים ריידן.

— ווען איר קומט פריער, — זאָגט זי, — וואָלטן מיר צוזאַמען גע־געסן אָוונט־ברויט. געמאַכט היינט געשמאַקע בלינטשקעס.

— אָ, אַ שיינעם דאנק... זיך פאַרזעסן אין קאַפע מיט היימישע.

— דערלאַנגט מיר, כ'בעט אייך, די צייטונג פון טיש.

ער האָט איר די צייטונג אַריינגעטראָגן אין שלאָפצימער. די קאָלדרע איז געווען צופיל אַרויפגערוקט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי מיט אַ כיוון זיך אַזוי צוגעדעקט, כדי צו פאַרדעקן אירע צו דאַרע ברוסטן.

— דערציילט עפּעס נייס, מעסיע ברוין... — בעט זי אים, — איר קאָנט זיך זעצן אַ ביסל אויב איר זייט נאָך נישט שלעפעריק...

ער האָט צוגערוקט אַ שטול צו איר בעט, זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן

איר און זיי האָבן זיך צערעדט. אייגנטלעך האָט זי אַלץ גערעדט. ער האָט באַמערקט, אַז זי איז אַ באַריידעוודיקע. זי האָט אים גענומען עפּעס דערציילן און זי לאָזט אים גאָר נישט קומען צום וואָרט... זי דערציילט אים עפּעס אַן עפּיזאָד, וואָס זי האָט געהאַט מיט עפּעס אַ מאַן... זי רעדט גענוג אָפנהאַרציק... מילא, זאָל זי ריידן, זאָל זי דערציילן... ס'איז אים אָבער גוט — ער איז נישט אַליין... ער ליגט נישט ווי אַן עלנטער הונט אינעם קאַלטן האָטעל־חדר...

און וואָס מער זי האָט גערעדט, דערציילט, אַלץ היימישער האָט ער זיך געפילט מיט איר. געענדיקט איין מעשה — האָט זי באַלד פאַרבונדן מיט עפּעס אַן אַנדער פּאַסירונג. ער זעט — קיין שטאָף פעלט איר נישט אויס... זי איז, קענטיק, היינט אין אַ ספּעציעל־גוטן הומאָר. הגם זי איז דאָך ווייט נישט יונג, איז שוין שטאַרק אויסגענוצט — אָבער היינט איז זי עפּעס אַנדערש ווי תמיד. ער פילט אין איר היינט לעבן, אַ סך לעבן. אירע אויגן גלאַנצן היינט אויך מיט מאָדנע פלעמלעך... איר פּנים איז שענער, אינטערעסאַנטער ווי געוויינלעך. פון איר דערציילטן עפּיזאָד זעט ברוין, אַז פרידע בוים איז ווייט נישט קיין צוריקגעשטאַנענע פרוי; אַז זי איז אַ שטיקל באַהעמיען, פריי פונעם באַלעבאַטישן קאָנווענציאָנאַליזם... פאַראַן אין איר אַ ביסל פונעם שאַרם, וואָס מ'זעט ביי אַן עכטער פּאַריזערין...

— זאָגט מיר, האָט איר היינט געטרונקען ווייַן צום אָונט־ברויט?... — פרעגט ער זי, וועלנדיק דערגיין די סיבה פון איר אויפגעלעבטקייט.

— יאָ, געטרונקען... אַביסל מער ווי שטענדיק...

— אַך, דערפאַר זייט איר היינט אַזוי גוט אויפגעלייגט...

— קאָן זיין.. געהאַט היינט אַ גאַסט צו מיטיק — אַ קוזין פון ניו־יאָרק. האָט ער געבראַכט אַ פלאַש שאַמפּאַניער. נו, האָט עס מיר אויך צו אָונט־ברויט פאַרשמעקט... אפשר זייט איר אַ בעלן צו נעמען איצט אַ ביסל?

— אָ, ניין... אַ דאַנק... ביי אַן אַנדער געלעגנהייט...

און פּלוצלונג, נאָך אַ פּויזע, מאַכט זי אַ טעאַטראַלישן זשעסט מיט דער נאַקעטער האַנט און טוט אַ זונג:

או ע טי, מאָן אמור — — —
אפנים, דאָס איז איר באַליבט לידל.

אין דער דאָזיקער רגע איז זי ברוינען געפעלן געוואָרן — אַפילו ווי אַ פרוי... ס'האָט זיך אים געגלוסט אויסצודריקן עס פּאָר איר באַשיינפערלעך.

האָט ער זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן איר האַנט. זי האָט מיט דער זעל־בער האַנט אַ גלעט געטאָן זיין קאָפּ.

ער האָט דערפילט די געפאר און ער האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן: זאָל ער בעסער בלייבן ביי זיין ריינער דאַנקבאַרקייט צו איר, צו דער גוטער פרוי פרידע בוים... אויף שטענדיק געפעלן ווערן, סטאביל, — קאָן זי אים דאָך נישט: נישט זיין טיפּ... זיך אונטערגעבן דער שוואַכקייט פון אַ רגע?... ניין, דאָס טאָר ער נישט! עס וועט איר דאָך שפּעטער באַנג טאָן... און קיין עוולה פון אים האָט זי דאָך נישט פאַרדינט...

ה.

פלעגט ברוין וויטער קומען יעדן אָוונט — פרי, צי שפּעט. פרידע פלעגט אים שטענדיק אָפּוואַרטן. ער האָט באַמערקט, אַז תמיד בלייבט זי אין אָוונט אין שטוב.

— איר גייט גאָר קיינמאָל נישט אין טעאַטער? אין „סינעמאַ"?

— איך גיי אַמאָל, אַז איך האָב מיט וועמען...

ברוין האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זי אַמאָל איינלאַדן ערגעץ. האָט ער זי פאַרבעטן אין אַ „סינעמאַ" אין איר „קאַרטיע"1). איין מאָל, אַ צווייט מאָל. זי האָט געערן אָנגענומען זיין איינלאַדונג. ער זעט בפירוש, אַז זי גיט זיך מיט קיינעם נישט אָפּ, אַז זי טרעפט זיך כמעט נישט מיט קיין שום באַקאַנטע, גלייך ווי זי וואָלט שטענדיק געווען גרייט נאָר פאַר אים אַליין.

דאָס האָט אים שוין אָנגעהויבן שרעקן אַביסל. ער וואָלט זייער נישט געוואָלט, זי זאָל צוליב אים פאַרלירן איר רו:קייט... ווען ער וואָלט זי גע־קאָנט ליב האָבן, איז עפּעס אַנדערש; אָבער אַזוי ווייט גייט עס דאָך נישט... אָ, ניין!...

עס האָט ברוינען אָנגעהויבן באַנג צו טאָן פאַר איר. וואָס זאָל ער איצטער טאָן? ווי אַזוי זאָל ער האַנדלען לגבי איר, אַז זי זאָל נישט ליידן?... אַז עס זאָלן ביי איר נישט געבוירן ווערן קיין פאַלשע אילוזיעס?...

ברוין האָט עקסטרא אָנגעהויבן שפּעט אַהיימצוקומען, רעכענענדיק, אַז בעת ער וועט קומען, וועט זי שוין אַוודאי שלאָפן. אָבער תמיד — ווי שפּעט

---

1) קוואַרטאַל.

ער זאָל נישט קומען — איז נאָך אין איר צימער, וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרמאַכט געוואָרן, געוועזן ליכטיק... דאָס לעמפּל אויפן נאַכט־שענקל האָט נאָך געברענט. גייענדיק אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַ גנב, האָט ער באַלד דערהערט איר שטים פון שלאָפצימער:

— ווו האָט איר היינט געהוליעט אזוי שפּעט?...

— געווען היינט אויף אַ זיצונג... מסתמא שטער איך איך מיט מיין קומען אַזוי שפּעט?...

— אָ, ניין... איך האָב זיך אויך געלייגט ערשט נישט לאנג... זיך עפּעס אויפגעגנייט אויף דער מאַשין...

און זי פאַרקניפּט מיט אים אַ שמועס, וואָס פאַרציט זיך ביז צוויי אַזייגער און צומאָל אויך שפּעטער... ער פלעגט זיך צוזעצן אויף אַ שטול דערנעבן, אָדער אַמאָל נאָך היימישער — אויפן ראַנד פון איר בעט. זי פלעגט אים אָפּגעבן אַ באַריכט פון איר טאָג, ער איר — פון זיינעם. עס פלעגט אַמאָל אויך דערגיין ביי זיי, בעתן ריידן, ביז אַן אומגעריכטער צערטלעכקייט... אומגעריכט — פאַר ברוינען... און אז ברוין פלעגט שפּעטער ליגן אויף זיין געלעגער, פלעגט אים פּייניקן זיין געוויסן: ער ווייס, אַז ער טאָר אַזוי נישט האַנדלען לגבי דער איידעלער פרידען... אַפילו ווען די איניציאַטיוו קומט נישט פון זיין זייט... ער מוז געדענקען און אָפּהיטן די דיסטאַנץ צווישן זיי — — —

ו.

שוין אַ חודש לערך פאַרביי ווי ברוין נעכטיקט ביי פרוי פרידע בוים. ברוין פילט זיך שוין לחלוטין רויק. זיין האַרץ גיט שוין נישט קיין „סענסאַציעס". פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער נישט געהאַט קיין איינציקן מאָל קיין אומרו־געפיל אין האַרץ, קיין פּאַלפּיטאַציעס. דער בעסטער סימן פאַר אים, אַז דאָס איז געווען ביי אים נאָר אַ נערוון־שפּיל מצד זיין נערוועז האַרץ...

„שוין די העכסטע צייט — טראַכט ער — צו באַדאַנקען דער גוטער, ליבער פרוי בוים און אָנהויבן צוריק נעכטיקן אין זיין האָטעל. דאָס וואָלט אגב אין דעם מאָמענט געווען געוואונטשן פאַר זייער ביידנס גלייכגעוויכט און רו און פאַר דער ריין־מענטשלעכער און חברישער פריינטשאַפט, וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן זיי".

אַזוי האָט ברוין געטראַכט און אַזוי האָט ער טאַקע באַשלאָסן צו טאָן.

אָבער אַז ער איז אין אָוונט אַהין געקומען — גראָד פריער ווי געוויינ־לעך, לכבוד דעם לעצטן אָוונט — איז שוין פרידע געלעגן אין בעט.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט ער זי געפרעגט מיט אַ פאַרוווּנ־דערונג.

— כ׳בין קראַנק... געמיינט בייטאָג, אַז איך שטאַרב...

— איר?!... ווי קומט עס? וואָס איז געשען?

— כ׳ווייס אַליין נישט... עפּעס אין בויך... אַזעלכע ווייטיקן... געווען ׳אָ אַ דאָקטער...

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט?

— מ׳ווייס נאָך נישט... ער האָט געהייסן דערוויל ליגן אייז...

— האָט איר טעמפּעראַטור?

— יאָ, אַביסל. 38.

ברוין טוט אַ טאַפּ איר שטערן — זי גליט.

— געווען דאָ די שוועסטער. זי האָט געוואָלט דאָ נעכטיקן. מען מוז אַלע צוויי שעה טוישן דעם אייז־פּענכער. איך האָב זי אָבער אַהיימגעשיקט צו־ליבן קינד...

— זיכער, זיכער, — זאָגט ברוין, — איך וועל דאָך קאָנען טוישן דעם אייז־פּענכער...

די פרוי בוים איז געלעגן לחלוטין אָן איר געוויינלעכן הומאָר. אַ שווייגעוודיקע, אַן אומעטיקע. ברוין איז נעבן איר לאַנג געזעסן אַ פאַר־זאָרגטער, אַ פאַרקלעמטער — גלייך ווי זיין אייגענע שוועסטער וואָלט עס קראַנק געוואָרן...

כמעט אַ גאַנצע נאַכט איז ברוין געלעגן אַ וואַכער אויף זיין געלעגער. ער האָט געוואָלט זיין פּינקטלעך מיטן טוישן דעם אייז פאַר דער קראַנקער. ער פלעגט אויף אַ ווייל אַמאָל אַנדרימלט ווערן און זיך באַלד אויפרייסן און אַ כאַפּ טאָן זיך צום זייגערל.

בעת ער האָט איר אין מיטן נאַכט אונטערגעטראָגן דעם אייז האָט זי מיט אַן אומעטיקן שמייכל באַמערקט:

— אַ שיינע מעשה, האַ? איך האָב געדאַרפט פאַר אייך „אוכאַזשעווען", איז גאָר אַרויסגעקומען פאַרקערט: איר „אוכאַזשעוועט" פאַר מיר... איך בין גאָר די קראַנקע — נישט איר...

„טאַקע אַ פּאַראַדאָקס אַזאַ... — טראַכט ביי זיך ברוין, — כ׳בין גע־קומען אַהער נעכטיקן מיטן פינצטערסטן באַוווּסטזיין... מיטן באַוווּסטזיין

פון אַן ערנסט־קראַנקן מענטשן... צום סוף איז אים קיין איינציק מאָל נישט אויסגעקומען צו באַנוצן זיך מיט איר הילף, נאָר גראָד פאַרקערט"...

ברוין איז אין זיין נייער ראָל — אין דער ראָל פון אַ קראַנקן־פלעגער — געווען אַזש איבערטריבן פּינקטלעך. איין מאָל, שוין אויפן באַגינען, איז ער צוגעגאנגען צו איר בעט, כדי צו נעמען פון איר דעם פּענכער צום טוישן. זי איז אָבער געשלאָפן, און ס'איז אים אַ שאָד געווען זי אויפצוּוועקן. איר פּנים איז געווען אַזוי קרענקלעך־בלאַס. דאָס נישט־אויסגעלאָשענע נאַכט־לעמפּל האָט געוואָרפן אויף איר אַ געלן שיין. ס'איז אים געווען אַ רחמנות אויף אָט דער גוטער — אין גרונט, אויך איינזאַמער — פרוי... און אַז זי וווינט שוין אין איר אייגענער פאַרמלחמהדיקער דירה — איז איר דען לייכטער? אדרבה, אין אַלע ווינקעלעך זעט זי געוויס דעם שאָטן פון איר נאָנטסטן פריינט — איר מאַן, וועמען די נאַציס האָבן געשאָכטן — — אין די דאָזיקע חדרים דאַרף נאָך איר עלנט פיל טיפער זיין, פיל פיינלע־כער... ווען נישט ער, ברוין, וואָלט זי נעבעך געמוזט היינט ליגן איינע אַליין אַ קראַנקע, אין איר פיבער, צווישן די שאָטנס פון איר עבר...

פלוצלונג הויבט די קראַנקע אָן שווער צו אָטעמען און זי רייסט אויף די אויגן.

— האַ, דאָס זייט איר? פאַרוואָס שלאָפט איר נישט?

— כ'וויל אייך טוישן דאָס אייז.

זי האָט אַרויסגעצויגן פון אונטערן צודעק אַן אויסגעוואַרימטן פּענ־כער, אָנגעפילט מיט וואַסער. ער האָט אים גענומען פון איר און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעבראַכט פרישן אייז.

— אַ שיינע מעשה, כ'לעבן... — שמייכלט זי אומעטיק. — איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועל איך צוליב אייך נישט קאָנען שלאָפן; צום סוף שלאָפט איר נישט צוליב מיר...

— טאָקע נישט שיין פון אייער זייט וואָס איר זייט קראַנק געוואָרן...

— וויצלט ער זיך. — איר מוזט טאָקע תיכף געזונט ווערן...

— אַ שיינעם דאנק! כ'וואָלט אייך געוואָלט פאָלגן...

— ווי פילט איר זיך איצט?

— כ'ווייס אַליין נישט... די ווייטיקן גייען נישט פאַרביי... און דער קאָפּ — דער קאָפּ איז אַזוי ווי אַ שטיק בליי...

אינדערפרי איז געקומען די שוועסטער. מ'האָט ווידער גערופן אַ דאָק־טער, שוין אַן אנדערן, אַ קאָמפּעטענטערן. יענער האָט געהייסן מאַכן פאַר־שיידענע אַנאַליזן — פון בלוט, פון אורין. בייטאָג פלעגט פרוי בוים פּרווון

אַראָפּקריכן פון בעט; אָבער דאָס האָט איר נאָך ערגער געמאַכט. איז זי געבליבן לחלוטין צוגעשמידט צום בעט. די שוועסטער — אַ פּאַרנומענע מיט איר קינד, מיט אירע אייגענע אַרבעטן און זאָרגן — האָט נישט געקאָנט אַרומגיין אַרום דער קראַנקער. האָט מען געדונגען עפּעס אַ זקנה, וועלכע פלעגט קומען אויף אַ גאַנצן טאָג צו זיין נעבן דער קראַנקער, כדי עפּעס אָפּצוקאָכן פאַר איר און דערלאַנגען איר אַלץ צום בעט.

די גאַנצע זאָרג פאַר ביינאַכט האָט גענומען אויף זיך ברוין. ער האָט עס געטאָן נישט משום פליכט, נאָר פּשוט פון גערירטקייט, פון דאַנקבאַרקייט און פריינטשאַפט צו דער דאָזיקער פרוי, וואָס אַדאַנק איר גוטסקייט פילט ער זיך שוין אינגאַנצן זיכער אין זיך... „שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצאנו"... — דערמאָנט ער זיך דעם אַלטן קהלת־זאָג, — און דאָ איז דער שכר, דער דאַנק, פאַר איר געקומען תיכף, נישט אין אַ צייט אַרום — „ברוב הימים" — נאָר פונקט אין מאָמענט, ווען ער איז שוין געווען ביכולת — און גרייט — צו פאַרלאָזן די גאַסטפריינטלעכע שטוב און צוריק אַריין אין קאַלטן עלנט פון זיין האָטעל...

אַזוי זענען פאַרביי אַ צען טעג לערך. ברוין האָט קיין איינציקע נאַכט נישט אַדורכגעלאָזט און איז כסדר געווען אויף זיינע „דיזשורן" ביי דער קראַנקער. ער האָט אויך קיין איין נאַכט נישט צוגעלאָזט, אַז די שוועסטער זאָל אים פאַרבייטן. אויב ביז פרידעס קראַנקייט פלעגט ער לעצטנס קומען שפּעט אין דער נאַכט — ער האָט דאָך געהאַט זיינע סיבות דערצו... — פלעגט ער איצטער שוין זייגער 9 אינאָוונט זיין אויפן פּלאַץ. ער פלעגט נאָך אַמאָל טרעפן איר שוועסטער — אַ פאַרטרויערטע, אַ פאַרזאָרגטע.

— איך בלייב דאָ היינט נעכטיקן, ווי קאָן איך זי איבערלאָזן?...

— ניין, פרוי גראַנאַט! גייט אַהיים. איר האָט דאָך אַ קינד. איר אַרבעט דאָך שווער.

— זעסטו? — רופט זיך אָפּ די קראַנקע. — אַ פריינט דערקענט מען אין א נויט...

— אַזוי איז עס, פרידע, — באַשטעטיקט די שוועסטער, קוקנדיק אויף ברוינען, — קיין אַנדערן וואָלט איך דיר נישט רעקאָמענדירט צו לאָזן נעכטיקן...

— אָבער איר האָט פאַר מיר מער געטאָן ווי איך פאַר אייך: איך בין שוין געזונט און איר... איר ליגט נאָך אין בעט...

בעת ברוין האָט אַרויסבאַגלייט די פרוי בעלא גראַנאַט אין קאָרידאָר, האָט אים יענע פאַרטרויט אין דער שטיל, אַז זי איז זייער פאַרזאָרגט צוליבן

גורל פון דער שוועסטער; אַז ווער ווייס צי זי וועט נישט דאַרפן גיין אונ־טערן מעסער... אַז דאָס וועט מען וויסן מאָרגן אינדערפרי, בעת מ'וועט זען דעם רעזולטאַט פון אַן עקסטראַ בלוט־אַנאַליז.

די דאָזיקע נאַכט איז געווען די שווערסטע פון דער גאַנצער צייט. די קראַנקע איז אויף אַ רגע נישט אַנטשלאָפן געוואָרן. זי האָט כסדר גע־קרעכצט פון יסורים. ברוין האָט זיך גאָר נישט אויסגעטאָן. ער איז ס'רוב געזעסן אויף אַ שטול נעבן איר בעט.

אינדערפרי איז געקומען די שוועסטער אַ דענערווירטע, אַן איבער־געשראָקענע. זי האָט נישט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן פון איילעניש. ס'איז איר שווער געווען צו באַהערשן זיך און מאַסקירן איר שרעק.

— שוין פאַרטיק דער אַנאַליז? — פרעגט די קראַנקע.

— פאַרטיק... כ'גיי פון דאָקטער. ער זאָגט, אַז מען מוז מאַכן נאָך איין אַנאַליז. אָבער פּריוואַט קאָן מען עס נישט מאַכן. מען מוז עס מאַכן אין שפּיטאָל. ער האָט מיר טאַקע געגעבן אַ צעטל אין ראָטשילד־שפּיטאָל.

— ווידער אַנאַליזן? — האָט די קראַנקע סקעפּטיש און מיט חשד איבערגעפרעגט.

— פאַרשטייסט? אין שפּיטאָל זענען פאַראַן ספּעציעלע אַפּאַראַטן...

— הייסט עס: אָפּעראַציע?... — כאַפּט אויף די קראַנקע מיט צעשראָ־קענע אויגן.

— נישט אָפּעראַציע, נאָר אַן אַנאַליז... איך שווער דיר ביי מיין קינד... אַזוי האָט דער דאָקטער געזאָגט...

ברוין האָט אויסגענוצט אַ געלעגנהייט און איז נאָכגעגאַנגען דער פּרוי גראַנאַט אין קיך, און דאָרט האָט זי אים שעפּטשענדיק געזאָגט:

— אַ קאָלאָסאַלע פאַרמערונג פון די לעוקאָציטן... עפּעס אַן ערנסטע אינפעקציע...

די קראַנקע האָט זיך געפּרוווט ווערן קעגן גיין אין שפּיטאָל.

— כ'האָב פיינט שפּיטאָל... כ'קאָן נישט פאַרטראָגן דעם ריח פון קאַרבאָל... — האָט זי געטענהט. — שפּיטאָל און בית־עולם איז ביי מיר גלייך...

— וואָס רעדסטו, פרידע! קנאַפּ מענטשן ליגן אין שפּיטאָל?

— פינף און ניינציק פּראָצענט מענטשן, וואָס גייען אין שפּיטאָל, ווערן געזונט... — גיט צו ברוין, אָפּערירנדיק דערביי מיט אַן אויסגעטראַכטער סטאַטיסטיק...

די קראַנקע האָט זיך לסוף אונטערגעגעבן און מסכים געווען.

— נעם טו זיך אָן! — זאָגט פרוי גראנאט.

— שוין?! —

— אוודאי שוין. אַ תכלית אזוי צו ליגן?

ברוין איז אַרויס פון צימער און די קראַנקע האָט זיך אָנגעטאָן. פריידע איז אַריינגעקומען אין עסצימער אַ וואַקלדיקע, קוים וואָס זי האָט זיך אויף די פיס געהאלטן. זי האָט זיך צוגעהאלטן אָן טיש, כדי נישט אומצופאַלן. אין די קליידער האָט זי אויסגעזען שרעקלעך. אָן אמתער שאָטן פון אַ מענטש... זי איז דאָך פריער אויך געווען אַ מאָגערע, מיט אַ קרענקלעך אויסזען, בפרט איצט...

די שוועסטער האָט צונויפגענומען אין אַ טעקע אַ פּאָר קלייניקייטן פון איר וועש, נאָז־טיכלעך, קעלניש וואַסער ,עטלעכע אילוסטרירטע זשורנאַלן, עטלעכע פּאָמעראַנצן.

— איר קאָנט דאָ ווייטער נעכטיקן, אַז איר ווילט... — זאָגט פרידע צו ברוינען.

— אָ, ניין... אַ דאנק... ס'איז מיר טאַקע שוין בעסער; אָבער נעכטיקן איינער אַליין אין אַ וווינונג נעם איך זיך נישט אונטער... אַזאַ העלד בין איך נישט... דאָס האָט איר נאָר געקאָנט באַווייזן...

— איר זעט דאָך ס'אַראַ גיבור איך בין... — שמייכלט טרויעריק די קראַנקע.

— קומט! — רופט פרוי גראנאט. — אַז דו וועסט נאָך עפּעס דאַרפן, וועל איך דיר קאָנען צוברענגען אין שפּיטאָל.

— פרידע וועט אַליין קומען אַהיים... — וואַרפט אַריין ברוין, וועלנדיק מאַכן הייטערער פרידעס שטימונג.

זיי זענען אַלע אַרויס פון דער וווינונג. אויך ברוין האָט מיטגענומען אין זיין טעקע זיינע טואַלעט־קלייניקייטן, וואָס ער האָט דאָ געהאַט אין דער וווינונג. פאַרן אַרויסגיין האָט די קראַנקע געוואָרפן אַ בליק — אַ פייכטן בליק... — צו אירע היימישע ווענט, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי געזעגנט...

ברוין האָט געבראַכט אַ טאַקסי צום טויער און אַלע דריי זענען אַוועקגעפאָרן צום ראָטשילד־שפּיטאָל.

ז.

זינט יענעם טאָג האָבן זיך אָנגעהויבן ברוינס וויזיטן אין שפּיטאָל, אין דער כירורגישער אָפּטיילונג. יעדע פּאָר טעג פלעגט ער זיך לאָזן אַהין

מיטן „מעטראָ״. די באַזוך־צייט אין שפּיטאָל איז צווישן 1 און 2 אַזייגער בייטאָג. אָבער קאָסטן פּלעגט עס אים אַ סך מער צייט. ער פּלעגט תּמיד אַהין עפּעס מיטנעמען: פּרוכט, קאָנפעקטן אָדער אַמאָל אַ־דע־קאָלאָן. עס האָט זיך אים שטענדיק געגלוסט דינען איר מיט עפּעס, באַזאָרגן, פאַר־לייכטערן.

אין שפּיטאָל האָט מען דער קראַנקער אָנגעהויבן מאַכן פון ס׳ניי אַ גאַנצע סעריע אַנאַליזן, וואָס האָבן איר געבראַכט נישט ווייניק יסורים. עס האָבן זי געגומען „אין דער אַרבעט״, אַחוץ דעם הויפּט־דאָקטער פון דער אָפּטיילונג, אויך אַסיסטענטן. עס איז אַזוי פאַרביי אַ וואָך. קיין קאָנקרעטער דיאַגנאָז איז נאָך אַלץ נישט געווען. אַלץ השערות. מ׳האָט געזוכט די סיבה, דעם פּונקט פון דער אינפעקציע. פרידע איז געוואָרן מער אויסגעמוטשעט, מער אויסגעמאָגערט. אויפן שפּיטאָל־בעטל איז געלעגן אַ הויפן ביינער... יעדעס מאָל ,בעת ברוינען פלעגט אויסקומען אַריינצוגיין אין איר אָפּטיי־לונג, פלעגט אים דאָס האַרץ נעמען אומרויִק קלאַפּן... ווער ווייס?... אַז ער פלעגט זי דערזען פון דערווייטנס אין איר בעטל, פלעגט ער ווערן רויִקער. פרידע פלעגט אים תּמיד באַגעגענען מיט אַ טרויעריקן שמייכל.

— נו, ווי פילט איר זיך? — מאַכט ער איר קוראַזש. — איר האָט פאַרגעסן? מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט צו מאַכן אַ פרילינגס־שפּאַציר אין „בוא דע בולאָן״... זעט, ס׳איז שוין גרין...

ער האָט אַ וויז געטאָן דערביי צו די גרויסע פענצטער, דורך וועלכע עס האָבן זיך געזען צעגרינטע ביימער.

— איך זע, איך זע... איך קוק כסדר אויף די ביימער... זעט אויס, דער פרילינג איז שוין נישט פאַר מיר... — ענטפערט זי אַ רעזיגנירטע.

— נאַרישקייטן... פאַרוואָס נישט פאַר אייך? נאָך אַ וואָך, העכסטנס צוויי און — מיר מאַכן דעם אמתן שפּאַציר...

— עט! — טוט זי אַ מאַך מיט דער האַנט.

איין טאָג קומט ער צוגיין אין שפּיטאָל און טרעפט שוין דאָרט אויך די פרוי גראַנאַט.

— מאָרגן גיי איך אויפן אָפּעראַציע־טיש... — זאָגט אים פרידע באַלד ביים גריסן זיך. — מילא, זאָלן זיי טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן... איך האָב שוין קיין כּח נישט... אַהער אָדער אַהין...

אירע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— זייט נישט פאַרצווייפלט... ס׳וועט אַלץ גוט זיין...

— ס׳איז ביי איר אַ קליינקייט און זי איז אַזוי איבערגעשראָקן... — באַמערקט די שוועסטער.

— מ׳דאַרף זיך האַלטן פעסטער. איר זייט דאָך עפּעס אַן אשת חיל...

— זאָגט ברוין, כדי אַביסל לייכטער מאכן די שווערע מינוטן. אָבער אויף אויף זיין פּנים איז פּלוצלונג אַרויסגעטראָטן אַ בלאַסקייט.

צומאָרגנס, אין טאָג פון דער אָפּעראַציע, איז ברוין נישט געקומען אין שפּיטאָל: ער איז געווען צו נערוועז. דאָס האַרץ האָט זיך אַ גאַנצן טאָג ביי אים געוואָרפן פון אומרו... אין אָוונט איז ער אַוועק צו דער שוועס־טער — צו פרוי גראַנאַט. ער האָט אָבער געטראָפן אַ פאַרמאַכטע טיר. קיינער איז אין שטוב נישט געווען. איז ער אַוועק און ווידער געקומען און ווידער נישט געטראָפן. איז ער געקומען צו איר באַלד אין דער פרי. ער האָט זי געטראָפן אַ באַטריבטע, אַ פאַרוויינטע. ער האָט מורא געהאַט זי צו פרעגן. זי אַליין האָט באַלד אויסגעשאָסן:

— פרידע איז אַ פאַרפאַלענע... אַ קאַנסער...

ברוין האָט נישט איבערגעפרעגט. ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויף אַ שטול אַ דערשלאָגענער און אויסגעהערט ווייטער פון איר די פּרטים:

— ביז שפּעט ביינאַכט בין איך געווען אין שפּיטאָל... כ׳האָב גערעדט מיטן אַסיסטענט, וואָס איז געווען ביי דער אָפּעראַציע... אַזאַ אומגליק!

זי האָט זיך צעכליפּעט און איבערגעריסן.

אַז זי האָט זיך אַביסל באַרויקט האָט זי ברוין געפרעגט:

— איר האָט זי געזען שוין אַ וואַכע, נאָך דער אַנעסטעזיע?

—יאָ, אוודאי. זי האָט געעפנט די אויגן און מיך באַלד דערקענט... זי האָט געקרעכצט פון יסורים...

— כ׳וועל היינט זיין ביי איר... — זאָגט ברוין.

— כ׳בעט אייך, זאָגט פרידען, אַז כ׳וועל קומען היינט שפּעטער אַביסל. זייגער דריי־פיר. איך האָב אַ דערלויבעניש פון הויפּט־דאָקטער.

שפּעטער איז ברוין אַ שוויגעוודיקער, מיט אַ פאַרקלעמטער קעל, געשטאַנען ביים בעטל פון דער אָפּערירטער פרידען. זי איז געלעגן אויף די פּלייצעס אַן אויסגעפייניקטע, בלאַס ווי אַ מת, און אַלץ געקרעכצט פון אירע גרויסע ווייטיקן. זי האָט דעם שוויגעוודיקן ברוין באַגעגנט מיט יסורים־פולע פייכטע בליקן. פון איין זייט בעט איז געשטאַנען איבער איר אויף אַ געשטעל אַ גלעזערנער אַפּאַראַט מיט אַ פליסיקייט, וואָס איז דורך אַ דין רערל אַריינגעדרונגען אין אירע בלוט־געפעסן — דורך אַ ווענע פון איר אָרעם, אונטערן צודעק.

— האָט איר נאָך אַלץ יסורים? — פרעגט ער זי לסוף.

— וואָס פרעגט איר!

— ווי נאָך אַן אָפּעראַציע... ס׳וועט אָבער פאַרביי...

— עס אַרט מיך שוין נישט דער טויט... — רעדט זי שטיל מיט אַ קינ־דערישער שטים, — אָבער די יסורים... די יסורים...

— זייט רויק, פרידע... ס׳וועט זיין גוט... — פרוווט ער זי טרייסטן; אָבער זיינע אייגענע ווערטער נעמען אים ווערגן און ער האַקט אָפּ.

די שאַרפע וויטיקן זענען טאַקע ביי פרידען צומאַרגנס אַריבער, אָבער דער קאַנסער איז נישט פאַרביי... די אָפּעראַציע — „אַנאַ קאָנטרא נאַטוראַ" — איז נאָר געווען אַ פּאַליאַטיווע הילף. די עצם קראַנקייט איז דורך דעם נישט באַזייטיקט געוואָרן און האָט ווייטער געמאַכט די צעשטערונגען אין אַלע אירע אינגעווייַדן. פונדעסטוועגן האָט זי שפּעטער אָנגעהויבן אַביסל צו זיך צו קומען. זי האָט געגעסן, געטרונקען. מ׳האָט זי געקאָרמעט צוויי מאָל אַ טאָג מיט „גריאַדן" פון „פּילע". דאָס בלוט פונעם זאַפּטיקן „פּילע" האָט זי אַביסל געקרעפטיקט. אַ חוץ דעם האָט זי געגעסן נישט ווייניק פרוכט: וויינטרויבן, פּאָמעראַנצן, וואָס די שוועסטער און ברוין פלעגן איר כסדר ברענגען. זי האָט צוגענומען אויך אין וואָג און דער קאָליר פון איר פּנים איז אויך געוואָרן אַן אַנדערער, אַ מער לעבעדיקער. איר שטימונג האָט זיך געביטן צום גוטן. זי האָט אַפילו שוין באַקומען געדולד אַריינצו־קוקן אין אַ צייטונג, וואָס זי האָט געהייסן זיך ברענגען. פרידע האָט זיך געלאָזט שוין איינריידן, אַז זי וועט געזונט ווערן. זי האָט אָנגעהויבן גלויבן דעריין. זי האָט שוין געבויט פּלענער אויף נאָך דער קראַנקייט. ווי נאָר זי וועט געזונט ווערן — האָט זי געזאָגט — פאָרט זי אַרויס אין אַ קוראָרט אויף גאַנצע עטלעכע חדשים. מילא, וועט זי די אַטעליע עפענען מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער... זי האָט דען אַן עצה?...

מ׳האָט שוין אויף איר געזיכט געזען אַ שמייכל, געהערט איר געלעכ־טער. עס האָט זיך צו איר אומגעקערט איר באַריידעוודיקייט און זי האָט מער גערעדט פון אירע באַזוכער.

פאַר איר שוועסטער אָבער האָבן די דאָקטוירים געזאָגט דעם אמת: אַז די אָפּעראַציע איז נאָר געווען אַ פּאַליאַטיוו; אַז די הויפּט־אָפּעראַציע דאַרף ערשט קומען — ווי נאָר זי וועט נאָך אַביסל מער געקרעפטיקט ווערן. אַנדערש קאָן זי נישט לעבן... די צווייטע, די הויפּט־אָפּעראַציע, איז אויך נישט קיין זיכערע... קיין גאַראַנטיע קאָן מען דאָ נישט געבן... זייער אַ קליי־נער פּראָצענט האָט מזל... אָבער נישטאָ קיין ברירה...

מיט דעם דאָזיקן טראַגישן סוד פלעגט פרוי גראַנאַט — און אויך ברוין — זיצן ביים בעטל פון דער פאַרמשפּטער פרידען און אויסהערן אירע „ביין מאָס רייד", אירע פּלענער אויף „נאָך דער קראַנקייט"...

***

בעת דער צווייטער אָפּעראַציע האָט זיך שוין ברוין אין פּאַריז נישט געפונען: אַן אויסגעוואָרצלטער דורכן יידישן חורבן, אָן אַ היים, אָן נאָענטע, — איז אים אונטערגעקומען די דאַטע, ווען ער האָט געמוזט ווייטער וואַנדערן. דאָס מאָל אין מרחקים. איבער אים איז איצט געווען באַלעבאָס — די וויזע...

איז ער מיט זייער אַ שווער געמיט געגאַנגען זיך געזעגענען מיט פרידען אין שפּיטאָל. געזאָגט האָט ער איר, אַז ער פאָרט נאָר אויף אַ געוויסער צייט; אַז אין משך פון יאָר קומט ער צוריק קיין פּאַריז... און דעמאָלט... דעמאָלט וועט זי אים שוין אַלץ דערציילן „אין פרײדן"... אירע אויגן זענען פייכט געוואָרן. ביים געזעגענען האָט ער זיך פאַרמאָסטן זי אַ קוש צו טאָן אין באַק, אָבער זי האָט אויסגעשטרעקט איר דאַרן קין און אַ קוש געטאָן ברוינען גלייך אין די ליפּן...

בעת ער איז שוין געווען מעבר־לים, קורץ נאָך זיין אָנקומען, האָט ער איין טאָג אַדורכגעקוקט אַ פּעקל צייטונגען, וואָס זענען אים אָנגעקומען פון פּאַריז. אין מיטן לייענען איז ער געפּלעפּט געוואָרן פון אַ שוואַרץ רעמל אויף דער צווייטער זייט פון אַ צייטונג. אַ פּעט שוואַרץ געקראָלאָג־רעמל און אין מיטן דער נאָמען פון פרידע בוים... אונטערגעשריבן איז די טרויערענדיקע שוועסטער. די לוויה — אויפן „באַניע"־בית־עולם.

ברוין איז נאָכדעם אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט. ער האָט אַפילו נישט געהאַט מיט וועמען צו טיילן זיך מיט זיין אויפריכטיקן צער... קיינער האָט דאָך דאָ פרידען נישט געקענט... און עס גלוסט זיך אים געוואַלדיק פאַר עמיצן, פאַר אַ היימישן, דאָס האַרץ אויסגיסן...

האָט ברוין נאָך אין זעלביקן טאָג אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין פּאַריזער באַקאַנטער, צו דער פרוי בעלאַ גראַנאַט — דער שוועסטער פון דער פאַרשטאָרבענער.

ער האָט צווישן אַנדערן געשריבן:

„מיר ווייסן קיינמאָל נישט אויף וועמען דער טויט לויערט... כ'בין

געוועזן זיכער, אַז — אויף מיר... אַזוי האָב איך געמיינט אין יענעם מצב, בעת איך האָב אייך איין טאָג אויף דער גאַס געטראָפן... איר געדענקט?... געראַטעוועט האָט מיך די גוטע, איידעלע פרידע. די זעלביקע פרידע, וואָס איז שוין אַליין געווען אַזוי נאָנט פון טויט... וואָס האָט שוין געטראָגן דעם טויט אין אירע אינגעווייד"...

און ער האָט פאַרענדיקט פּאַטעטיש:

„כ'וועל אייביק דערמאָנען איר נאָמען, ווי מען דערמאָנט אַ שוועס־טער"...

צום סוף אַ פּאָסט־סקריפּטום:

„די בייגעלייגטע פּאָר דאָלער איז אויף בלומען, וואָס כ'בעט צו לייגן אין מיין נאָמען אויף פרידעס קבר"...

בעת ער האָט אָפּגעטראָגן דעם בריוו צו דער פּאָסט, האָט ער פּאַר די אויגן געזען נאָר פרידען. אַלע פרויען, וואָס ער האָט באַגעגנט אויפן טראָ־טואַר, האָבן ווי אָנגענומען איר געשטאַלט... ער האָט זי גראָד געזען אַ שמייכלדיקע, אַ זינגענדיקע, ווי אין אָנהויב פון זייער באַקאַנטשאַפט. ווי אין יענעם אָוונט, בעת ער האָט זי געטראָפן אַביסל באַרוישט פון שאַמפּאַניער... ער האָט ממש געהערט איר האַרציק זינגען. זי האָט־געזונגען איר באַליבט לידל:

או ע טי, מאָן אמור — — — — —

בוענאָס־איירעס, נאָוועמבער 1953.

דער שאָטן פון טויט

1

אין די טונקעלע חדרים האָט שטענדיק אַ שטילקייט געהערשט. און נישט קיין געוויינלעכע שטילקייט איז עס געווען — אַ פּילזאָגנדיקע, פאַר־סודותטע, ווי בעת אַ לאַנגער דערוואַרטונג. יעדעס העכערע וואָרט אין יענע חדרים איז געווען ווי אַ צופעליקער על פּי טעותדיקער דיסאָנאַנס צו דעם שטענדיקן שוייגן אינעם אַרומיקן חלל. דאָס מעבל האָט ווי אַ נדר געטאָן קיין סקריפּ נישט צו געבן. בלויז אַ שווערער משא־אויטאָמאָביל אונטן אין גאָס פלעגט מיט זיין שווערקייט און האַמעטנעקייט מאַכן אַמאָל ציטערן די שויבן פון די פענצטער אָדער דאָס גלאָזוואַרג אין קרעדענס; אָבער בלויז אויף אַ ווייל: פאַרבייגעפאָרן — און ווידער שא־שטיל. און פּונקט ווי דאָס מעבל, די טאַפּעטן־ווענט, די בילדער און פאָרטרעטן, אזוי האָבן אויך די מענטשן אין וווינונג — פיר זענען זיי געווען — זיך באמת נישט אַרויסצוגעבן קיין קלאַנג. מ׳האָט גערעדט אין דער שטיל, פּליסטערנדיק, און געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. און אַפילו דער חולה — איינער פון די פיר — האָט געהוסט זייער פאַרשטיקט און די קרעכצן אין זיין קראַנקן־בעט פאַרגראָבן... שטום איז ער געלעגן, איזאָלירט פון אַלע חדרים, אָפּגע־רוקט זיין בעט פונעם שכנותדיקן, פון דעם ווייבס, ביז דער מחיצה פון באַזונדערקייט, מיט אַ פּנים אַן אויסגעבלייכטס, אַ פאַרמעטיקס און מיט אויגן שוין איינגאַנצן כמעט אויסגעלאָשענע, יענץ־זייטיקע... אין דאָזיקן צימער איז שטיל אומגעגאַנגען דער טויט — אויך קלאַנגלאָז, ווי אַ שאָטן, אומזעבאַר, און די שטילקייט מיט יעדן טאָג אַלץ טיפער און שווערער געמאַכט.

די איבעריקע דריי זענען עס געווען: דעם חולהס פרוי, נאָך זייער יונג, אָבער מוטלאָזיק פון וואכן טעג נאָך טעג ביים קראַנקן, פון פאַרשפּיל־טער יוגנט... דער צווייטער איז געווען אַ יונגער סטודענט, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס ערשטע צימער אין קאָרידאָר. אַ חוץ זיי איז אין דער וווינונג

געוועזן די דינסט — אַן אַלט, שווייגנדיק מיידל, וואָס פלעגט שטענדיק אומגיין באָרוועס און שטיל ווי אַ קאַץ.

דער סטודענט, אַ יונג מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און אַ פריידיק, לע־בנסלוסטיק האַרץ, פלעגט בייטאָג פאַרברענגען אין שטאָט — אין אוני־ווערזיטעט, צי מיט חברים ערגיץ אין קנייפּעס — און אין די אָוונט־שעהן פלעגט אים אָפט ציען אין זיין געמיטלעך צימער. הינטער דער וואַנט האָט ער געפילט אַ הייסן זומער און אַ סוף האַרבסט... דער מאַן — דער האַרבסט — איז שוין אויפן ראַנד פון קבר געשטאַנען. מיט איטלעכן טאָג האָט זיך דער טויט אַלץ נאָענטער צו זיין בעט צוגערוקט... און זי, די פרוי זיינע, איז אַ שטיק זומער געווען. יונג און פריש, אָבער ווי אַ רויז פון ווילדע דערנער פאַרשטעלט... נישט קענענדיק איר בליעכץ פונאַנדער־שפּרייטן, באַדעקט זי זיך מיט מאַטער בלאַסקייט, מיט צאַרטן אומעט...

די לעצטע צייט טרעפט ער זי אָפט אין קאָרידאָר: מיט פלעשלעך רפואות, מיט לעפל און גלעזער וואַסער. ער גריסט זיך מיט איר שווייגנ־דיק און האָט ווי מורא צו רעדן מיט איר. בלויז איינמאָל באַמערקט ער אין קאָרידאָר, אַז זי שטעלט אַפּ אויף אים לענגער דעם בליק, ווי זי וואָלט וועלן, ער זאָל עפּעס פרעגן, רעדן. האָט ער טאַקע אַ פרעג געטאָן:

— נו, וואָס מאַכט דער חולה?

זי האָט טרויעריק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַרויסגערעדט:

— דער דאָקטער גייט שוין נישט גערן. מ׳דאַרף גלויבן אין נסים...

אין אירע אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָט ער נישט געשפּירט דעם ציטער, וואָס כאַפּט אַרום די נאָענטסטע פריינט פון אַ האָפענונגסלאָז־קראַנקן: זי קען, הייסט עס, לייכט רעדן וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט... און דער סטודענט איז דעריבער דרייסטער געוואָרן.

— וואָס טוט „ער" איצט? — פרעגט ער.

— שלאָפט... — האָט זי געענטפערט מיט אַ דערלייכטערונגס־זיפץ.

— איז ער וואַך, וויל ער, כ׳זאָל כאָטש כסדר זיצן ביי זיין בעט.

בעתן רעדן האָט זי געמאַכט אומבאַמערקטע טריט צום עס־צימער, און דער סטודענט איז איר נאָכגעגאַנגען.

די דינסט האָט אריינגעטראָגן אַ גלאָז טיי.

— נאָך איין גלאָז. איר וועט אויך טרינקען?

— כ׳דאַנק.

ביידע זענען ביי די רויטלדיקע גלעזער געזעסן און גערעדט אין דער שטיל.

— פונדעסטוועגן, — זאָגט דער סטודענט — טאָרט איר נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט. איר זענט דאָך נאָך יונג!

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער באַזונדערס באַטאָנט און זי האָט עס דערפילט.

— יאָ, יאָ, יונג, אָבער... מען קען גיך גרוי ווערן אָט־אָ־דאָ...

זי האָט זיך אָנגעלענט אויף ביידע עלנבויגנס און געבליבן זיצן אין אַ פאַרגליווערטער פּאָזע. ער האָט אין אירע אויגן קלאָר געזען דאָס אומפאַרמיידלעכע, דאָס פאַטאַלע, וואָס הענגט ווי אַ כמאַרע אין די טונקעלע חדרים. ס׳האָט זיך אים שרעקלעך געוואָלט זאָגן אַ וואָרט, וואָס זאָל זי טרייסטן און דערמאָנען וועגן דערלייזונג... אָבער מיט וואָס איז איר דערלייזונג פאַרבונדן?...

די דינסט ווייזט זיך פּלוצלונג אין טיר פון עס־שטוב:

— דער הער רופט די מאַדאַם.

— אַזוי ווי איר זעט, — אַנטשולדיקט זי זיך פאַרן סטודענט — קיין רגע קען איך נישט אָטעמען פריי.

דעם סטודענט איז געוואָרן אומבאַקוועם צו וואַרטן אַליין אין עס־שטוב, איז ער צוריק צו זיך אין צימער אַריין.

צומאָרגנס, אוונט־צייט, איז דער סטודענט געשטאַנען ביי דער געעפנטער טיר פון זיין צימער. ער האָט עפּעס געוואַרט, און זי איז טאַקע אַביסל שפּעטער אַרויס פון חולהס צימער. דערזען אים, איז זי גלייך צו אים צוגעגאַנגען מיט אַ טרויעריקן שמייכל:

— גוט ב׳אָוונט אייך! „ער" שלאָפט איצט, קען איך זיך פאַרגינען אַ וואָרט אויסצורעדן מיט אייך — דער איינציקער גרוס פון לעבן...

אַ היפּשע ווילע זענען זיי אַזוי געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר, גערעדט אין דער שטיל — מיט יענער שטילקייט, וואָס אין אַלע חדרים — וועגן קראַנק זיין, וועגן לעבן און טויט, וועגן בליען און וועלקן... איר האָט אַלצדינג אינטערעסירט, וועגן אַלץ האָט זי אים אויסגעפרעגט. אַפילו וועגן נייע קאָנצערטן, בעלער און וואָס מען שפּילט די לעצטע טעג אין דער אָפּערע. דער סטודענט האָט אין איר יעדן וואָרט אוצרות לעבן געשפּירט! אָבער אַלץ אין איר איז דערשטיקט...

אומבאַמערקט פאַר ביידן האָט ער געמאַכט פאַמעלעכע שפּרייזן צו זיך אין צימער, און זי אויך — אומבאַמערקטערהייט — נאָך אים. און ערשט, אַז זי האָט זיך דערזען אינמיטן צימער, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— כ׳מוז אייך אוודאי שטערן.

— פאר קיין אופן נישט! — האָט ער אויסגערופן און צוגעמאַכט די טיר.

ער האָט געשיקט איר אונטערגערוקט אַ שטול און האָט זיך אַליין אויך צוגעזעצט נעבן איר אויף אַ צווייטן שטול.

— עך! — זיפצט זי אָפּ — כ׳דערמאָן זיך אַצינד... מיידלווייז... אין יענע יאָרן... געהאט אַזוי פיל באַקאנטע סטודענטן... און איצט...

דער סטודענט האָט שמייכלדיק געטרייסט:

— איר זענט נאָך אַזוי יונג... איר בליט דאָך נאָך... אייער אומגליק איז אלנפאלס אַ...

ער האָט אָפּגעהאַקט. שיער נישט אַרויסגערעדט: „אַ צייטווייליקס״... גוט, וואָס ער האָט אָפּגעהאַקט: צו אָפּן... כאָטש טראַכטן טראַכט זי אליין זיכער וועגן דעם.

— יאָ, יונג, יונג... אָבער כ׳בין אין קייטן געשמידט...

דער סטודענט איז געוואָרן היימישער, געמיטלעכער און האָט זי, ווי צופעליק, ביי דער האַנט גענומען.

— גלויבט מיר, — האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין גענייגטקייט צו מליצה אין רעדן — איין שטראַל, איין טראָפּן טוי — און איר גלאַנצט ווי־דער מיט אייער יוגנט...

איר הענטל, אַ צאַרטס און וואַרעמס, איז געבליבן אומגעשטערט אין זיינער. ער האָט עס פאַרזיכטיק געדריקט, געדריקט, און אינעם דריקן דערזאָגט דאָס נישט־דערזאָגטע... ער האָט דעם קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזט און מיט די ליפּן אירע ווייסע פינגער אָנגערירט. אין די דאָזיקע ווייסע פרויען־פינגער איז געווען אַזוי פיל אומגעשטילטע דורשטיקייט, אַזוי פיל נישט־אויסגעקושטע בענקעניש — — — —

— וויעראַ... כ׳וועל אייך ביים נאָמען רופן, גוט?

— רופט, רופט!

— וויערא!

— וואָס ווילט איר זאָגן?

— מיר ווילט זיך זאָגן, וויערא, אַז כאָטש איר לעבט אַצינד צווישן קאַלטן, טריבן האַרבסט, דאָך — וויפל זון גליט אין אייך!

זי האָט איר בליק אַראָפּגעלאָזט און איר האַנט האָט זי הילפלאָזיק און פיבערדיק אין זיינער געטוליעט, גלייך ווי אין האַנט וואָלט איר צאַפּלדיק האַרץ געלעגן...

— איר ווייסט, — רופט זי זיך פּלוצלונג אָן — מיין מאַן... דער

קראַנקער — פאַרכאַפּט זי — האָט מיך געפרעגט וואָס כ׳האָב עס נעכטן מיט אייך גערעדט...

— ער האָט דען געהערט?

— ער האָט זיך תיכף נאָך מיין אַרויסגייך אויפגעכאַפּט.

— נו, איז ער בייז געווען?

— איר ווייסט נישט? קראַנקע זענען נאָך טויזנט מאָל מער איי־פערזיכטיק...

— יאָ, — האַלט ער אונטער — קראַנקע זענען מוראדיקע עגאָאיסטן. זיי וואָלטן וועלן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיך צוזאַמען מיט זיי צו בעט לייגן...

— מיר מוזן זיי אָבער מוחל זיין, די אומגליקלעכע אויפן ראַנד פון קבר...

„זי פאַרענטפערט עס איר מאַן... — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, — ס׳הייסט „אים״ דאַרף מען נישט נעמען פאַר אומגוט״...

אין האַרץ האָט אים עפּעס אַ גליוועער געטאָן. ווי דורך אַ געהיימען באַפעל האָט ער איר האַנט פון זיינער אַרויסגעלאָזט. אַ שווער, פיינלעך שווייגן האָט זיי ביידן דורכגענומען: ביידע האָבן געטראַכט וועגן יענעם, וואָס ליגט אָט דאָ הינטער דער וואַנט פון קאָרידאָר מיט פאַרמאַכטע, אָדער אָפענע אויגן אין דער טונקלקייט — — —

2

וויעראַס זיצן מיטן סטודענט אין זיין צימער איז געוואָרן אָפטער און אָפטער. דער גאַנצער טאָג איז פאַר איר אַ תפיסה געווען, אָבער אין אָוונט פלעגט זי זיך פילן אויף דער פריי. אין די פאַרנאַכטיקע שעהן, פאַרן סטו־דענטס קומען, פלעגט זי זיך צוקעמען, איבערטאָן אַן אַנדער קלייד, שטעלן זיך פאַרן שפיגל און ברענגען אין אָרדענונג איר געזיכט, אירע ליפּן. און כדי צו פאַרטרייבן דעם ריח פון רפואות פלעגט זי זיך אָפּפרישן מיט אָ־דע־קאָלאָן. ווי נאָר דער חולה פלעגט די אויגן צומאַכן, פלעגט זי שוין זיין ביים סטודענט אין צימער.

איינמאָל איז זי פאַרבליבן ביי אים באַזונדערס שפּעט. מען האָט גע־רעדט, געפּלוידערט און זי האָט זיך ווי פאַרגעסן אינגאַנצן אָן אָרט און צייט... הינטער דער וואַנט, אין עס־שטוב, פלעגט אַפילו יעדע שעה דער שאַנק־זייגער זיך לאָזן הערן; אָבער זיינע קלאַנגען האָבן זיי ביידע נישט געהערט...

פלוצלונג האָט זיי אויפגעוועקט אַ פאַרדעכטיקער געוויש פון קאָ־רידאָר. זיי האָבן זיך ביידע האַסטיק אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו דער טיר. וויערא האָט זי אָן עפן געטאָן און דערשטוינט אויסגעשריען:

— מיין גאָט!

אין קאָרידאָר האָט זיך דער חולה ווי אַ גנב אונטערגעגנבעט אין בלויזע אונטערוועש, אין שטעק־שיך, וואַקלדיק און האַלטנדיק זיך פאַר־טייעט ביי דער וואַנט...

— כ׳ווייס שוין, כ׳ווייס... כ׳ווייס שוין אַלץ... — האָט ער פּלאַטערנ־דיק ווי אַ בלאָט געברומט: — אַזוי, האַ?... אַזוי?...

זי האָט זיך צעכליפּעט. און כליפּענדיקערהייט אים אונטערן אָרעם צוריק אין בעט אַריין געפירט.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט דער סטודענט פאַרנומען אין דער שטילקייט אָן אומדייטלעך ברומען: דאָס האָט „ער" זיך אַלץ נישט געקענט באַרויקן. וויעראס קול איז אָבער לחלוטין פאַרשטומט געוואָרן: מסתמא האָט זי עס אין קישן פאַרשטיקט — אין זעלבן קישן, וואָס האָט שוין אַ סך יונגע טרערן, וויעראס טרערן, איינגעזאַפּט — — —

עטלעכע טעג נאָך דער ביינאַכטיקער סצענע האָט דער סטודענט זי נישט געזען. ער פלעגט בכיוון זייער שפּעט ביינאַכט אַהיימקומען, און אַוועקגיין איינדערפרי פלעגט ער אויך ווי בגנבה. אַ מאָדנע פיינלעכקייט האָט זיין גאַנץ וועזן אַרומגענומען... ער איז נישט קיין פּחדן, קלערט ער: אדרבה, וואָלט עס זיך געהאַנדלט וועגן אַ געזונטן, וואָלט ער געקענט אַ סך וואָגן... אָבער דאָ... אַ בלאַסער, אַ דאַרער סקעלעט, כמעט אַ גוסס — מיט אים זאָל ער מלחמה האַלטן?... נעמען ווידער אין דער שטיל, ווי אַ גנב, יענעמס גליק, כל־זמן יענער קען נאָך טראַכטן, אַז דאָס איז זיין גליק? — — —

גלייכער, טראַכט ער, איז צו קומען שפּעט ביינאַכט אַהיים און אַוועקגיין איינדערפרי אומבאַמערקטערהייט, און פון יענער שטילקייט אַנטלויפן...

3

אין דער זעלבער צייט איז ער איינמאָל שפּעט אַהיימגעקומען און גלייך באַמערקט אין קאָרידאָר אַ באַוועגונג פון פרעמדע מענטשן. אַלץ אומבאַקאַנטע פּנימער. און צווישן זיי דרייט זיך אום עפּעס איינער אַ בער־דיקער ייִד, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט עטלעכע אויסגעכתיבהטע העברע־

אישע אותיות אויף דער „אָקאָלאָזשקע" פונעם היטל: דער סטודענט דער־קענט באַלד, אַז דאָס איז פון בית־עולם־„גאַרניזאָן"... עמעץ פון עולם דער־ציילט אים, אַז דער חולה האָט בייטאָג פלוצלונג באַקומען אַ הוסט־אַטאַק און די נשמה אויסגעהויכט.

ער גייט פּאַרזיכטיק צו צו דער אָפענער טיר פון שלאָפצימער און פּאַרקוקט: „ער" ליגט שוין אויף דער פּאָדלאָגע אונטער אַ שוואַרצן צודעק. אַרום ברענען ליכט און פּאַרשפּרייטן אַ מאָדנע טרויעריק־פייערלעכע ליכ־טיקייט... צוקאָפּנס פונעם מת איז זי, וויערא, געזעסן, מיט צעשויבערטע האָר, שטייף געצורעט זיך אין אַ טונקעלן שטוב־טוך, מיט אַ צעמישטן אַראָפּגעלאָזטן בליק. מסתמא, קלערט ער, האָט זי אים פונדערווייטנס ניט באַמערקט און ער באַשליסט, זיך גלייכער פּאַר איר איצט נישט צו ווייזן. ער וואָלט איצטער פּאַר איר קיין איינציק וואָרט נישט געפונען... ממש קיין איינציק וואָרט...

דער סטודענט איז אַריין צו זיך אין צימער, געשפּאַנט שטאַרק נער־וועז הין און צוריק, זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען אין די ענגע, מוראדיק ענג־געוואָרענע טרויעריקע ווענט. ער איז אַן אומרויקער אין גאַס אַראָפּ.

ער האָט זיך אומגעדרייט סתם אָן זין איבער די אויסגעשטאָרבענע נאַכטיקע גאַסן. אויף דער נשמה האָט אים פּיינלעך געדריקט, גלייך ווי ער וואָלט אַ שייכות געהאַט צו יענעמס טויט...

שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אָנגעקלאַפּט צו אַ קאָלעגע:

— גיב, ברודער, נאַכט־לעגער אַן עלנטן וואָגלער! — האָט ער צו אים מיט געמאַכטן שפּאַס געזאָגט, בעת יענער, אין „ניעגליזשע" האָט אים די טיר געעפנט.

דער קאָלעגע האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג:

— פון וואַנען אַזוי שפּעט?

— כ'בין פון זיין מאַיעסטעט דעם טויט אַנטלאָפן... באַשיץ מיך אין שאָטן פון דיין געצעלט... — האָט ער זיך באַמיט צו ריידן מיט שפּאַסיקן פּאַטאָס, און ער האָט דערציילט זיין חבר וואָס עס איז איצט אין זיין וווינונג.

4

צומאָרגנס האָט ער אָפּגעהיט ביי זיין טויער די לוויה. ס'האָט שוין געוואַרט אַ שוואַרצע עגלה מיט צווי פערד אין שוואַרצן געוואַנד פּאַר־הילט. אַרום דער עגלה איז ביסלעכווייז געוואַקסן אַ רעדל מענטשן. מ'האָט

גערעדט שטיל, סודנדיק זיך, גלייך ווי די אַלע וואָלטן אָנגעשטעקט גע־וואָרן מיט דער שטילקייט פון יענע חדרים, פון וואַנען מ׳דאַרף באַלד דעם מת אַראָפּטראָגן...

דער סטודענט האָט זיך אומגעדרייט ווי אַ פרעמדער. ער האָט נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. אַלע זענען אַזוי פרעמד און פאַרשלאָסן אין זיך. בלויז דער הויז־וועכטער איז ווי צופעליק נעבן אים פאַרבייגעגאַנגען און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ:

— עך... אַלע וועלן מיר שטאַרבן...

— אַלע... אַלע... — ענטפערט ער ווי פון יוצא־וועגן און פאַרנו־רעט זיך אינעם אויפגעשטעלטן קאַלנער פונעם מאַנטל.

ס׳איז געווען אַ האַרבסטיקער טריבער טאָג. די גאַסן זענען פייכט געווען פון רעגן. די הייזער טונקל־גרוי, מרה־שחורהדיק. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַן אומהיימלעכע קילקייט און כמורנעקייט פון ערב אַ פוילן רעגן.

לסוף איז אין רעדל געוואָרן אַ באַוועגונג און אַ געפּליסטער:

— מ׳טראָגט „אים״ שוין אַראָפּ...

מ׳האָט געעפנט די הינטערשטע טירלעך פון דער עגלה און אַריינגע־שאַרט אַהין אַ לאַנגן שמאָלן קאַסטן, פאַרהילט אין שוואַרצן...

ס׳האָט זיך גענומען רירן אַ קליינער קאַראַוואַן.

דער סטודענט איז געגאַנגען פון דערווייטנס אויפן טראָטואַר. האַרט הינטער דער עגלה איז זי געגאַנגען, וויערא: טיף געזונקען, אַ לאַנגע קרעפּע איבערן געזיכט אַראָפּ; געפירט אונטער די אָרעמס פון עפּעס צוויי דאַמען.

לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, שווייגנדיק... לאַנגזאַם, נישט געאיילט — ווי די אומפאַרמיידלעכקייט אַליין — — —

וואָס ווייטער איז ער אַלץ געוואָרן הינטערשטעליקער: ס׳האָט אויף אים געווייעט מיט שוידער פון דער עגלה, פון די מלווים און — פון איר... ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי, דער זומער, איז אינגאַנצן פאַרשלונגען פון האַרבסט... ביז צום בית־עולם האָט ער נישט געוואָלט נאָכגיין. נישט געוואָלט זיך איצט צופיל און צו נאָענט פּלאָנטערן צווישן „אים״ און איר... מיטן טרויער־קאַראַוואַן אין זכרון האָט ער זיך לסוף אָוועקגעדרייט אין גע־רויש פון גאַס. ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווו ער בלאָנדזשעט. ער האָט זיך געלאָזט פירן פון זיינע טריט וווּהין עס זאָל נישט זיין. אויף דער נשמה האָט ער נאָך קיינמאָל אזא גליווערנדיקע קעלט נישט געשפּירט, גלייך ווי

דעם טויטנס קאַלטע האַנט וואָלט אים טיף אין האַרץ אכזריותדיק גע־פּרעסט... אומעטום, האָט זיך אים געדאַכט, ציט זיך יענער לוויה־קאַראַ־וואַן... די פערד אין שוואַרצן... די עגלה... די שורות מענטשן... לאַנגזאַם־שטום... טרויעריק...

אויף יעדער גאַס... אויף יעדער גאַס...

5

כמעט אַ גאַנצע וואָך האָט דער סטודענט אינדערהיים נישט געגעב־טיקט. און שפּעטער, אַז ער איז איין אָוונט צו זיך אַרויף, האָט ער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַנגעקלונגען אין דער וווינונג. צום גליק האָט אים גע־עפנט דאָס שטוב־מיידל. ער האָט דאָס מיידל אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער און זי האָט אים דערציילט אַלע פּרטים פון די טרויעריקע טעג. זי האָט אים אויך איבערגעגעבן, אַז אין זעלביקן טאָג, וואָס „ער" איז גע־שטאָרבן, אינדערפרי, איז געווען אַ שטאַרקע מחלוקת צווישן מאַן און ווייב... דער קראַנקער האָט כסדר געברומט אויף איר... וואָס אזוינס — האָט זי נישט געקאָנט הערן, ווייל „ער" האָט גערעדט נישט קלאָר. אין האַלדז האָט אים געוואָרגן...

אויף זיין פראַגע: „ווי די „פּאַני" פילט זיך איצטער?" — האָט דאָס שטוב־מיידל געענטפערט, אַז איצט איז זי גאַנץ רויק. ביי טאָג איז דאָ געווען אירע אַ פריינדין, מיט וועמען זי האָט שעהן־לאַנג גערעדט. איצט געפינט זיך דאָ נעבן איר איר מוטער, אַן עלטערע פרוי, וועלכע נעכטיקט דאָ כסדר.

דאָס שטוב־מיידל איז אַרויס און ער איז געבליבן אַליין. אַ מאָדנע אומרויִקייט איז אין אים געוואַקסן און אים נישט אָפּגעלאָזט. ס'האָט אים געטריבן פון וואַנט צו וואַנט. אוודאי איז די „מחלוקת" צווישן מאַן און ווייב געווען צוליב אים... צוליב אים... זיין נאָמען איז געלעגן ביי אַ גוסס אויף די ליפּן אין די לעצטע שעהן פון לעבן... מסתמא האָט „ער" אים דאַן געהאַסט... געשאָלטן...

— ברררר! — האָט ער אַ שוידער געטאָן.

ער וואָלט געדאַרפט ריידן מיט איר, מיט וויעראַן: ס'איז פּשוט גראָב פון זיין זייט וואָס ער האָט זיך ביז איצט נישט געוויזן כאָטש פון העפ־לעכקייט־וועגן... ס'איז פּחדנות! פּשוטע קליינמוטיקייט! — וואַרפט ער זיך פאַר אין געדאַנק.

ער שפּרייזט אַזוי און שפּרייזט און ווערט אַלץ אומרויִקער.

פון עס־צימער דערטראָגן זיך עלף זינגענדיקע קלאַנגען פונעם שאַנק־זייגער. ער פאַרנעמט קוים אַ גערייד און באַלד ווערט אַ לייכטע באַוועגונג אין קאָרידאָר. גייט מען שוין דאָרט שלאָפן?

ווי מיט געוואַלט — קעגן זיין מוטלאָזיקייט — טוט ער אַן עפן זיין טיר: וויערא איז פונקט אין יענעם עק קאָרידאָר ביים שלאָפצימער. אַ ווײַלע קווײַנקלט זי און באַלד פאַרנעמט זי זיך פאַמעלעך אין זיין ריכטונג. ער גייט איר אַנטקעגן און גריסט איר מיט אַ באַוועגונג פון פאַרלוירנקייט.

— ווו זענט איר עס געווען? זענט איר נישט הי געווען?... — פאַלט אַ פראַגע, מיט אַ באַהאַלטענעם פאַרוואָרף.

ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן.

— הם... כ׳ווייס... כ׳ווייס אַליין נישט... — האָט ער געשטאַמלט, — ווי פילט איר זיך?

— איר קאָנט זיך פאָרשטעלן... — האָט זי אַרויסגערעדט און די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

ער איז געשטאַנען אין זיין פאַרלוירנקייט און נישט געוווסט וואָס זאָל ער ריידן. טרייסטן זי? נישט טרייסטן? אויב יאָ — ווי טרייסט מען זי?...

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָפּגעזיפצט און מיט אַ טרויעריקן קוים־באַמערקבארן שמייכל גערעדט:

— ווי בין איך אייך דאַנקבאַר וואָס איר זענט געקומען: אַזעלכע שווערע קאָשמאַר־נעכט זענען דאָ אין די צימערן!... קומט אַביסל אַריין אין עס־צימער, אויב אייך שלעפערט נאָך נישט.

— אַ גערן, זייער גערן! — איז ער בעת־מעשה ווי אויפגעמונטערט געוואָרן פון אירע רייד.

אין עס־צימער איז קיינער נישט געווען. די אַלטע מוטער און די דינסט זענען שוין געלעגן אויף די געלעגערס. ער האָט זיך געזעצט אויפן דיוואַן; זי אויך — אַנטקעגן.

— איר דאַרפט מיר מוחל זיין, וויערא, וואָס כ׳בין די גאַנצע צייט נישט געקומען... כ׳האָב עפּעס נישט געקאָנט...

— דעם אמת זאָגנדיק, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — האָב איך נישט געוואָלט, איר זאָלט דאָ זיין בעת־מעשה... גוט, גוט, וואָס איר זענט נישט געקומען...

אירע ווערטער האָבן אים נאָך מער אַריינגעצויגן אין פלאָנטער

צווישן לעבן און טויט אין די דאָזיקע חדרים... ער איז איבערצייגט, אַז דער קראַנקער וואָלט נאָך געצויגן נאָך אַ וואָך אָדער צוויי, ווען נישט... ווען נישט זיין פאַרברענגען מיט וויעראַן שפּעטע אָוונטן... דאָן די סצענע אין קאָרידאָר... דאָס „מחלוקת" צוליב אים... דאָס האָט „אים" זיכער צוגע־איילט דעם, אמת, סיי־ווי־סיי אומפאַרמיידלעכן טויט... מסתמא האָט וויע־ראַן שטאַרק געפּייניקט דאָס געוויסן... דערפאַר טאַקע זאָגט זי עס איצט, אַז זי האָט אים נישט געוואָלט זען בעת מעשה.

ביי די דאָזיקע רעיונות האָט ער געשווידערט. ס'האָט זיך אים אויס־געוויזן, אַז אין דער קליינער מחיצה אויפן דיוואַן צווישן אים און איר זיצט אויך אַ שאָטן, וואָס הערט זיך צו און היט זייערע געדאַנקען — „זיין" שאָטן...

זי, וויערא, איז וואָס וויטער געוואָרן רעדעוודיקער, מונטערער. זי האָט אויף אים לענגער דעם בליק אָפּגעשטעלט און, דאַכט זיך, גע־שמייכלט... ער האָט אָבער איר שמייכל ווי נישט געגלויבט, גלייך ווי דאָס וואָלט אַן אָנשטעל געווען פון עפּעס אַ געשפּענסט... וואָרום עס קאָן דאָך נישט זיין, קלערט ער, אַז זי זאָל מיט אים איצט זיצן און רעדן און נישט זען גלייכצייטיק „יענעם", וועמ ס'האָט זיך געקריגט מיט איר צוויי שעה פאַרן אַוועקגיין אין דער אייביקייט...

— וואָס זענט איר פאַרטראַכט? — פרעגט פּלוצלונג וויערא, — אָנ־שטאָט מיך צו צעשטרייען — זיצט איר גאָר אַ טרויעריקער...

דאָס האָט אים אָבער נישט אויפגעמונטערט. אַ גאַנצן אָוונט איז ער צוריקגעהאַלטן געווען. און אַוועק איז ער צו זיך אין צימער אַ שוויגנדי־קער, אַ פאַרשלאָסענער...

6

אַן אַנדער אָוונט — ער פלעגט ווידער על־פּי־רוב שפּעט אַהיימקומען — איז וויערא ביי אים אין צימער געזעסן. זי איז שוין געווען נאָך מער ריידעוודיק און האָט אָפטער געשמייכלט — אַפילו אָפטער און אָפענער ווי איידער ס'איז געשען דאָס, וואָס ס'איז געשען... און אָנגעטאָן איז זי געווען אַזוי, אַז איר פרויאישקייט האָט זיך בולטער געלאָזט פילן: אַ לייכטער שלאָפראָק האָט זיך געכוואַליעט אויף אירע יונגע, צאַרטע גלידער. די אָרעמס ביז אַרויף אַנטבלויזט. יונגע, ווייבלעכע אָרעמס. אַ ווייסער, פאַר־רונדיקטער נאַקן האָט שוואַניש געבלאַנקט פון צווישן שוואַרצע האָר־פּאַס־מעס. אַ פיין־ליניִרטע נאַקעטקייט אונטערן האַלדז, ביזן שלאָפראָק־זוים

אויף דער מיט ברוסט, — האָט מאָדנע ליידנשאַפטלעך געאָטעמט מיט ווײַ־בערישן כישוף...

ער האָט זי ביי דער האַנט גענומען, דעם קאָפּ אָנגעלענט אָן איר ווייכן אַקסל און ווי אין זיסער שטילער שכרות די אויגן פאַרמאַכט. זי האָט גענומען גלעטן זיינע האָר. לייכט, לייכט. מיט אַזעלכע דינע פינגער.

— איר ווייסט, — הויבט זי אָן רעדן פאַרטראַכטערהייט — כ׳פיל זיך איצט ממש ווי אַ קינד.. אַזוי פריי, אַזוי יונג...

— די יוגנט טריאומפירט, — האָט ער ווי דורכן חלום גערעדט, — איבער טויטע קערפערס שפּרייזט זי און זינגט איר נצחון־ליד...

ער האָט דערשפּירט אין איר אַקסל ווי זי האָט אַ שוידער געטאָן.

— פאַרוואָס, ווערא, האָט איר אַזאַ ציטער געטאָן? — האָט ער גע־פרעגט, דעם קאָפּ אויפהויבנדיק.

— איר זענט געווען נישט סובטעל... — ענטפערט זי נאָך אַ פּויזע.

„אָך! — טראַכט ער, — זיין אויסדרוק „איבער טויטע קערפערס" איז געווען אָן אומפאַרזיכטיקייט... זי זעט נאָך אַלץ „אים" פאַר די אויגן... „זיין" שאָטן איז נאָך דאָ פאַראַן...

די גאַנצע געהיימנישפולקייט איז ווידער אויסגעוואַקסן צווישן אים און איר ווי אַן אָפּגרונט... ער קאָן עפּעס איר האַנט מער נישט אָנרירן, גלייך ווי פאַר די אויגן וואָלט ער אַ דראָענדיקן פינגער געזען...

עס ווילט זיך אים וואָס פרעגן ביי איר, דערגיין. ער קאָן זיך נישט באַהערשן און פרעגט שטאַמלענדיק:

— זאָגט מיר... כ׳בעט אייך... וואָס האָט „ער" גערעדט... דעמאָלט... אין קאָרידאָר... איר געדענקט?...

זי האָט נאָך שטאַרקער אַ שוידער געטאָן און איז בלאַס געוואָרן ווי פון אַ פּלוצלונגער שרעק.

— מיין גאָט! צו וואָס?... — האָט זי זיך געבעטן מיט אַ שטאַרק גע־ענדערטער שטים. — צו וואָס?... דערמאָנט נישט... דערמאָנט נישט... כ׳בעט אייך.

זי האָט זיך הילפלאָזיק צו אים געטוליעט און איר געזיכט באַהאַלטן אין זיין אָרעם, ווי איינער, וואָס מ׳ווייזט אים זיין פאַרברעכן פאַר די אויגן...

אים איז נאָך מער סודותדיק געוואָרן איר פאַרהאַלטן זיך.

— איך ווייס אַליין נישט, — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט, —

כ׳וויס נישט פאַרוואָס איך דערמאָן אייך... נישט איך טו עס... עס רעדט זיך אַליין אַרויס פון מיר...

— כ׳בין היינט צום ערשטן מאָל אַזוי מונטער געווען! — האָט זי פון זיין אָרעם אַרויסגערעדט, ווי פון חלום. — איך בין אַריין צו אייך מיט אַזויפיל דערוואַרטונג... מיט אַזויפיל דערוואַכט לעבן... לסוף...

ער האָט זיך דערפילט שולדיק לגבי דעם אומשולדיקן וועזן: יאָרן, קלערט ער, האָט זי זיך געקוועלט, געפייניקט... איר יוגנט פאַרלוירן ביים ריח פון רפואות... און איז אַ סוף געקומען צו אירע — און אגב, אויך צו „יענעמס" — ליידן, פאַרוואָס זאָל זי נישט ראַטעווען איר לעצט ביסל יוגנט?...

ער האָט, ווי זיך אַליין באַפעלנדיק, איר קאָפּ אַרומגענומען, גע־פרעסט זי צו זיך, געפּלאָנטערט די פינגער אין אירע געדיכטע האָר און אויסגעזוכט מיט די ליפּן איר נאַקן.

— אָרעמע וויערא... — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן.

ער האָט זי אויף די קני גענומען, ווי אַ קינדעלע. זי — ווי אַן אויפ־געוועקטע — האָט אים מיט די הענט אַרום האַלדז אַרומגעכאַפּט, מיט דורשטיקייט פון אַ לאַנג־פאַרשפּאַרטער לייבין...

זי איז צו זיינע ליפּן צוגעפאַלן: הייס... גליענדיק... לאַנג...

ס׳אַראַ משוגענע קושן! —

אַן אומגעלומפּערטער שוידער האָט אים פלוצלונג אָפּגעריסן פון איר: ס׳האָט זיך אים מיטאמאָל אַ דוכט געטאָן, אַז ער הערט אַ שאָרך פון שטילע טריט אין קאָרידאָר... פּונקט אַזאַ שאָרך ווי דעמאָלט...

ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען, אויפגעשפּיצט תמעוואַטע דאָס געהער און געוואָרפן בליקן צו דער טיר מיט פאַרבאַרגענער שרעק. ער האָט זיך אינערלעך אַליין געשעמט פאַר דער שרעק — ער, דער פאַר־בונפּטיקער אוניווערזיטעט־מענטש... ער ווייסט דאָך וווּל, אַז נישט „יע־נעמס" טריט קאָנען זיך איצט דאָ הערן... אַ ווילדער מיראַזש...

— איך פאַרשטיי אייך נישט — האָט וויערא אַרויסגערעדט האַלב־צעמישט און אים נאָכגעקוקט מיט אַ פראַגע־צייכן.

דער סטודענט האָט גענומען שפּאַנען מיט הפסקות הין און צוריק און אַלע ווײַלע געוואָרפן אַ בליק צו דער טיר... אַ משונה־ווילדער געדאַנק האָט זיין מוח און האַרץ בעת־מעשה אָנגעפאַלט: „ער האָט געקושט אירע ליפּן — די זעלבע ליפּן פלעגט אַמאָל „יענער" קושן; ער האָט געצערטלט

אירע הענט — די זעלבע הענט פלעגט „יענער" האַלטן אין זיינע בלייכע — איצט שוין פאַרגליווערטע! — פינגער" — — — — —

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פונדערווייטנס אַנטקעגן איר. ער קוקט, קוקט אויף איר און וועבט ווייטער זיין משונה־ווילדן געדאַנק. און קוקנ־דיק אויף איר אַצינד דאַכט זיך אים, אז „יענעמס" בליק איז אין אירע אויגן געבליבן אַ פאַרגליווערטער. אין זייערע טיפע פייערלעך איז ער אַריין, „זיין" בליק, און זיך אויסגעמישט מיט אירן, און קוקט אַרויס אַ שטומער, אַ פאַרגליווערט־דראָענדיקער — — — —

— איך פאַרשטיי איך נישט... — האָט ווירא איבערגעחזרט, מיט די אַקסלען צוקנדיק.

— איר פאַרשטייט מיך נישט? — האָט ער לאַנגזאַם און מיט אַ גע־היימנישפולן קול גענומען ריידן און אַקצענטירן: — דאָס איז — די אַ ל־מ ע כ ט י ק ײ ט פ ו ן ז י י ן מ אַ י ע ס ט ע ט...

— פון —

— פ ו ן ט ו י ט . . .

ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געשוויגן, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס דערטראַכט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן דאָס דערטראַכטע:

— איר ווייסט, ווירא: אַפילו מ י ט ן ש אָ ט ן פ ו ן ט ו י ט א י ז ד ע ר ק אַ מ ף אַ פ אַ ר ש פּ י ל ט ע ר . . .

מער האָט ער נישט גערעדט און זי האָט גאָרנישט געפרעגט. אין צי־מער האָט אַריינגעדרונגען די אַלטע שטילקייט פון די חדרים — די שטיל־קייט פון טויט...

דאָס איז דער לעצטער אָוונט געווען — דער לעצטער אָוונט, וואָס זיי זענען געזעסן זאַלבענאַנד.

איינמאָל אין פרילינג

1

זינט איר מאַנס טויט האָט נאָך פרוי סאָרע שאַפּיראָ כמעט קיין טאָג נישט פאַרפעלט צו זיין ביי זיין קבר. דאָס איז ביי איר געווען נישט קיין חוב אַזאַ, וואָס זי זאָל מוזן צאָלן; דאָס איז אויך נישט געווען קיין נדר אַזאַ, וואָס זי זאָל אפשר האָבן געגעבן ביים טויטן־בעט פון איר מאַן אין די לעצטע רגעס פון זיין לעבן — ס'איז ביי איר געווען, ווי זי אליין האָט עס אָנגערופן, אַ „נאַטירלעכער דראַנג" פון דעם ערשטן טאָג אָן ווי זי איז געוואָרן אַן אלמנה.

כאָטש לאַנג האָבן זיי נישט געלעבט צוזאַמען — איינגאַנצן צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז דאָס אומגליק געשען; קיין קינד איז אויך נישט גע־ווען, וואָס זאָל זיי באַזונדערס צונויפבינדן, — פונדעסטוועגן פילט זי זיך נאָך עד היום ווי אַן אָפּגעריסענער און פאַרלוירענער טייל פון אים... ס'איז שוין באַלד אַ יאָר, ווי איר מאַן געפינט זיך אויף י ע נ ע ר ז ײ ט פו־נעם לעבן; אָבער אין איר וועלט פון דמיונות לעבט ער נאָך אַזוי „רעאל", אַז אַ סך מאָל פאַרגעסט זי, ער זאָל שוין זיין טויט. זי הערט זייער אָפּט ז ײ ן קול, זי זעט ז ײ ן פּנים, ז ײ ן שמייכל... טוט זי עפּעס אין שטוב נישט לויט ז ײ ן געשמאַק, הערט זי, דאַכט זיך, ז ײ ן באַמער־קונג. טוט זי אָן אַ קלייד, וואָס א י ם פלעגט נישט געפעלן, הערט זי ז ײ ן שפּאַסיקע וואָרנונג:

— ס'וועט דיר שטערן צום דערפאָלג...

אין איר ווינונג איז אַלץ געבליבן נישט געענדערט, ווי פאַר ז ײ ן לעבן. ווער רעדט נאָך אין קאַבינעט ביי אים — דאָרט איז אַפילו קיין שטול נישט איבערגערוקט געוואָרן. אויפן שרייב־טיש ליגן נאָך עד־היום די זעל־בע ביכער, די זעלבע פּאַפּירן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט... אַז די דינסט

גייט אַהין אריין אויפרוימען, פאַרזאָגט זי איר, אַז אַלץ זאָל בלייבן ווי געווען...

ביינאַכט האָט סאַרע מורא אַריינצוקומען אין קאַבינעט. אָבער בייטאָג איז זי דאָרט זייער אָפט. שעהן־לאַנג קאָן זי דאָרט אַמאָל אָפּזיצן, כלומרשט מיט אַ בוך, און טראַכטן און חלומען... רייסט זי אַמאָל איבער אַ קלונג ביי דער טיר, שפּרינגט זי אויף מיט אַ ווייס־דערשראָקן פּנים: ס'טוט איר בעת מעשה אַ בליץ, אַז ע ר קומט עס אָן... דאָס האָט אָבער דער פּאָסט־טרע־גער געבראַכט אַ בריוו, צי אַ באַאמטער פון דער „עלעקטראָווניע" אָדער „גאַזאָווניע" איז עס געקומען מיט אַ רעכענונג, און עס דויערט לאַנג איי־דער איר האַרץ באַרויִקט זיך און פאַרלאַנגזאַמערט דעם האַסטיקן טעמפּאָ...

סאַרע האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט. זי גייט אין ער־געץ נישט, זי קומט אין ערגעץ נישט. בלויז אַן עלטערע שוועסטער פאַלט אַריין צו איר אַ פּאָר מאָל אין וואָך און מוסרט זי אויס, וואָס זי „נעמט זיך נישט אין די הענט".

— וויפל איז דער שיעור? — פרעגט יענע. — ביסט דען די איינ־ציקע אויף דער ערד, וועמען עס טרעפט אַן אומגליק?

— איך פאַר מיר בין די איינציקע... — ענטפערט סאַרע אַ פאַרשלאָ־סענע אין איר טרויער.

— אָבער... וואָס וועט זיין מיט דיין יוגנט?...

— וואָס טויג מיר איצט די יוגנט מיינע?...

— זי וועט דיר נאָך טויגן, נאַרעלע... — וואַרפט אַריין די עלטערע שוועסטער שוין צו ניכטער. — פריער־שפּעטער, אין אַזעלכע פאַלן זיגט דאָס לעבן...

סאַרע איז אָבער געוועזן עקשנותדיק. זי האָט וויניק באַדייטונג צו־געגעבן איר שוועסטערס רייד. זי האָט זיך אַלץ מער איבערגעגעבן אירע טרויעריקע דלד אמות, ווו אויף יעדן שפּאַן, אין יעדן ווינקל האָט זי גע־זען ז יי ן שאָטן...

אַזוי האָבן זיך גערוקט טעג און וואָכן. אַזוי האָט זיך געצויגן דאָס ערשטע יאָר נאָך ז יי ן טויט אין אַ טרויעריקן וואָלקן...

2

פרילינג.

אַ יונגער זוניקער פרימאָרגן האָט אַרומגענומען די גרויע מויערן פון שטאָט. אין אומצאָליקע פענצטער־שויבן האָט די צעלאַכטע זון גע־

צונדן אַלערליי קאָלירן און גערייצט די קאַלטע שטאָטישע געמיטער... דער טומל און האַרמידער אויף דער גאַס איז אָבער אויף אַ האָר נישט געענדערט געוואָרן. די זעלביקע איילעניש און יאָגעניש, די זעלביקע טרייבעניש און לויפעניש, גלייך נישט פאַר מענטשן איז דער פרילינג געקומען...

סאַרען האָט די זון היינט געשטעלט אויף די פיס פריער ווי שטענדיק. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ קוק געטאָן אויבן צום הימל — בלויקייט! בלויקייט!

„ווען ער וואָלט איצט געלעבט! — איז געוועזן איר ערשטער געדאַנק, — מיר וואָלטן ערגעץ געפאָרן, געוואַנדערט"...

ס'האָט זי געצויגן וואָס שנעלער אַהין, אַהין, צו זיין בערגל... כמעט אַלע טאָג גייט זי אויפן בית־עולם זייגער צוועלף. היינט אָבער ציט עס זי פריער אַהין, גלייך ווי זי וואָלט עס וועלן וואָס גיכער אַוועקטראָגן צו אים אירע ערשטע פרילינגס־איינדריקן...

סאַרע האָט זיך היינט אָנגעטאָן לייכטער ווי אַלעמאָל. לייכטער און אויך — שענער, פרילינגדיק... אמת, אין טונקעלן; אָבער אין אַ בעסער קלייד פון איר גאַרדעראָב: ס'האָט זיך איר געגלוסט קומען היינט צו אים אַנדערש ווי אַלע טאָג — מיט גרוסן פון פרילינג...

אַז זי איז געווען אָנגעטאָן שוין מיט אַלעמען, האָט זי פאַרן שפּיגל אַפילו די ליפּן — דאָס ערשטע מאָל נאָך זיין טויט — אַביסל צוגעשמינקט, דין, פיין, מיט צאַרטע ליניעס ביי די מויל־ראַנדן; אַביסל אויך אַ פיר־געטאָן מיט אַן אָנגעפּודערט טאַשן־טיכל איבערן געזיכט. לייכט, לייכט און קוים באַמערקבאַר. סאַרעס בלאַס געזיכט האָט אין דער ראַם פון געדיכטער קרעפּ אויסגעזען ווי אַ פאַרגייסטיקט געשטאַלט פון אַ יונגער מניכין...

אַזוי איז זי אַראָפּגעגאַנגען אין דער גרויער, טומלדיקער גאַס.

זי איז אַריין צוערשט אין אַ בלומען־געשעפט, אויסגעקליבן אַ בינטל ווייסע רויזן און פאַמעלעך, מיט שטילע טריט, זיך אַוועקגעלאָזט צום בית־עולם.

3

אין אַ שמאָלער קברים־אַלייע, אין פראָנט, איז געווען יענץ קבר. צוקאָפּנס ביים בערגל איז שוין געשטאַנען אַ שטיין. אַ העלער שטיין מיט אַ טונקל־ברוינעם גראַניט־טאָוול, מיטן געדעכעניש־אָנשריפט, אינדערמיט

אײנגעפּאַסט. אונטן איז אויך געווען אויסגעקריצט איר נאָמען, סאַרעס — די, וואָס האָט אים די מצבה געשטעלט אין צער און אין טרויער...

דאָס בערגל איז זאַרגזאַם אַרומגעזױמט געווען מיט ראַנדיקע שטיינער און פֿון אויבן אויפֿן קבר זענען צווישן שיטערע גרעזלעך געלעגן צעשאָטן פֿאַרוועלקטע בלומען.

סאַרע איז היינט, קומענדיק פֿריער ווי שטענדיק, געשטאַנען ביים קבר לענגער ווי אַלע טאָג. די מיטגעבראַכטע ווייסע רויזן האָט זי אַוועקגעלייגט ביים צוקאָפּנס, ביים סאַמע שטיין. מיט שטומע, פֿייכטע אויגן האָט זי געקוקט אויפֿן בערגל. דאָס יונגע שיטערע גראָז אויף אים האָט זיך לאַנגזאַם און פֿרום אַמאָל אַ וויג געטאָן פֿון אַ ווינטלס אַ לייכטער פֿאַליע. ציטערן עס נישט די גרעזלעך מיט אַ גרוס פֿון אונטן?...

אַרום איז פֿרילינג געווען. די ביימער אויפֿן בית־עולם זענען געשטאַנען אין יונגער גרינקייט. אַ פֿויגל, וואָס האָט אַהער, על־פּי־טעות מסתמא, פֿאַרבלאָנדזשעט פֿון דער ברייטער וועלט, האָט איינער אַליין געצוויטשערט און געוואָלט פֿאַרשרייען די גרויסע און אייביקע עלנטקייט פֿון די קבֿרים...

סאַרע שפּירט זיך דאָ אַזוי רויִק, ווי באַרויִקט פֿון אַלץ... עס פֿליסט און שטראָמט אין איר די רו פֿון אַרום — די רו, וואָס קומט פֿון אייביקייט. די דאָזיקע רו ווערט שוין נישט פֿון קיינעם און גאָרנישט געשטערט... בלויז די רייען שטומע מצבֿות איבער די בערגלעך זאָגן עדות פֿון אַמאָליקע פּייערן, אַמאָליקן אומרו... געווען — און נישטאָ, געברענט — און אויסגעברענט, געברויזט — און אויסגעברויזט, ווי אַ וואָלקן, וואָס פֿאַרגייט; ווי אַ ווינט, וואָס פֿאַרווייעט — — — —

סאַרע האָט זיך אָנגעלענט אָן שטיין און איר קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען פֿון די שווערע רעיונות. אונטער דער אַראָפּגעלאָזטער קרעפּ האָט זי אויסגעווישט איין טרער, אַ צווייטע, אַ דריטע... די דאָזיקע טרערן ברענגען אַריין אַ הייליקייט אין איר נשמה און זי פֿילט זיך אינגאַנצן ווי אַ געלייטערטע...

אַ נאָענט געוויין האָט איבערגעריסן איר טיפֿע פֿאַרזונקנקייט. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ — אַ לוויה. אַ געדיכטע גרופּע מענטשן מיט אַ לאַנגן, שמאָלן, שוואַרצן קאַסטן אינדערמיט... די לוויה איז פֿאַרבייגעגאַנגען דורך דער אַלייע און זי האָט נאָכבאַגלייט מיט די בליקן. אַלע, הייסט עס, קומען דאָ סוף־כּל־סוף אַהער — — —

לאַנג, לאַנג איז זי נאָך ביים בערגל געשטאַנען. די מענטשן פֿון דער

לוויה האָבן זיך שוין צוריקגעקערט. עס גלוסט זיך איר גאָרנישט אַוועקגיין פֿון דאַנען. זי ווייס אַפֿילו נישט און וויל נישט וויסן ווי שפּעט עס איז. וווהין זאָל זי זיך איילן? דאָ איז זי דאָך רויִקער, היימישער ווי ערגיץ אַנדערש...

פֿון איין עק אַלייע דערנעענטערט זיך עמיצער.

עמיצער אין העלן.

אַ יונגער מאַנסביל.

זי שמידט צו אירע בליקן פֿאַרעקשנט צום שטיין.

אַז יענער איז שוין געהאַט פֿאַרבייגעגאַנגען, האָט זי נישט ווילנדיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים.

אַ נישט־באַקוועמע רגע: יענער האָט זיך אויך פּונקט אומגעקוקט. און גראָד איז עס געווען אַ באַקאַנטער. און נישט גראָד סתם אַ באַקאַנטער, נאָר איר מאַנס אַ געוועזענער פֿריינט...

סאָרע האָט זיך אַביסל פֿאַרלוירן. אין האַרץ האָט עפּעס אַ ציטער געטאָן.

יענער איז שטיין געבליבן און שטום געקוקט צו איר, ווי איינער וואָס וויל זיך איבערצייגן, צי ער איז זיך נישט טועה.

ער האָט זיך לסוף געפֿאַסט מוט, גענומען שטעלן טריט צו איר־צו און נאָך פֿונדערווייטנס געצויגן דעם הוט.

— פֿרוי שאַפּיראָ... — האָט ער נישט זיכער אַרויסגעשטאַמלט.

זי האָט לייכט צוריקגעגריסט מיטן קאָפּ.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר נענטער.

זי האָט אים האַלב־קווענקלענדיק אויסגעשטרעקט די האַנט.

ער האָט איר האַנט אַ כאַפּ געטאָן אַזש מיטביידע הענט זיינע און האַרציק געדריקט.

ער האָט גענומען באַטראַכטן די מצבֿה.

— אַ גאַנץ סאָלידער שטיין — רופֿט ער זיך אָן, אַבי עפּעס צו זאָגן.

— זאַמד־שטיין, — מורמלט זי שטיל אַרויס.

— מיין פֿרויס מצבֿה האָט איר געזען? — פֿרעגט ער.

— ניין.

— אפֿשר וואָלט איר אַ בעלן געווען אַ קוק צו טאָן? ס׳איז נישט ווייט פֿון דאַנען.

— מיר קאָנען צוגיין.

זי האָט אַ לייג געטאָן אַ האַנט אויף דער מצבה, ווי זי וואָלט זיך עס אַזוי געזעגנט מיטן קבר...

מיט פּאַמעלעכע טריט זענען זיי אַוועק איבערן קברים־געסל.

— ווי לאַנג איז שוין אייער פרוי טויט, ה׳ בריזמאַן?

— שוין דאָס צווייטע יאָר.

— ווי לאַנג שטייט שוין די מצבה?

— צום ערשטן יאָרצייט איז געווען די אַנטהילונג.

— ביי איִם איז שוין די מצבה צו שלשים געשטאַנען.

— ווען איז דער יאָרצייט?

— אין אַ וואָך זעקס אַרום לערך, סוף יוני.

— זענט איר היינט דאָ, הייסט עס, סתם אַ גאַסט?... — פרעגט ער.

זי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן:

— נישט קיין גאַסט, ה׳ בריזמאַן. — אַ היימישע... כ׳האָב נאָך ביז היינט כמעט קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט... און איר?...

— איך?... כ׳ווייס נישט... — האָט ער צוגעשטאַמלט, — כ׳בין, אפנים, נישט אַזאַ...

— אָבער פונדעסטוועגן קומט איר דאָך אויך צוגיין... אַ שטייגער, היינט...

— היינט?... ניין... כ׳בין דאָ געקומען מיט אַ לוויה... אַ פריינט באַגלייט צו דער אייביקער רו... נו, בין איך שוין צוגעגאַנגען אַהין.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זענט ספּעציעל געקומען צו אייער פרוי...

— זענט איר אַנטוישט אין מיר, פרוי שאַפּיראָ?... — פּרוּווט ער אַביסל לייכטער מאַכן דעם שמועס.

— אומבאַדינגט אַנטוישט!

אַ שווער, דריקנדיק שווייגן. בריזמאַן אין גיין וואַרפט אויף איר אַ בליק פון דער זייט. איר קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די בליקן צו דער ערד. זי איז פּרעכטיק, דאָס דאָזיקע פרויען־ווייזן, — טראַכט ער, — אָבער צי דען איז זי טאַקע נאָר פאַרנומען מיטן מאַנס קבר?... אינטערעסאַנט, כ׳לעבן!...

— ווי איז עס, פרוי שאַפּיראָ, — רופט ער זיך אָן אין אַ ווײַלע אַרום, — קאָנען טאַקע פרויען טרויערן מער ווי מענער?... כ׳ווייס נישט... איך האָב מיין פרוי זייער ליב געהאַט... נאָך נישט באַוויזן צו אַנטוישן זיך: זיבן חדשים נאָך אונדזער חתונה האָט זי שוין אַ פלעק־טיפוס אַוועקגעריסן

אַהער... אָבער... כ׳ווייס נישט... דאָס לעבן לאָזט מיך נישט צו זיין אַזוי צוגעבונדן צום בית־עולם...

— נו, יאָ... איר האָט אפשר אנדערע אינטערעסן אין לעבן, וואָס האַלטן אייך אויף די פיס... איך אָבער...

— פרויען זענען טאָקע עמפינדלעכער, צאַרטער, שוואכער...

— איז עס צוליב שוואכקייט?

— אומבאַדינגט, פרוי שאַפּיראָ! — אַקצענטירט ער שטאַרק.

— אָט, איר זעט? — טוט ער אַ ווייז אויף אַ שטיין. — מיר זענען אָנגעקומען.

זיי בלייבן שטיין ביי אַ קבר. סאַרע גייט דורך מיט די אויגן די אָנשריפט. בריזמאַן ווערט דאָ פּלוצלונג שווייגנדיק, פאַרשלאָסן.

— כ׳האָב ווייניק געקענט אייער פרוי, — זאָגט סאַרע, — דאָס לעצטע מאָל, געדענק איך, האָב איך זי געזען אין דער אָפּערע. דעמאָלט, איר דערמאָנט זיך? אויף „פאוסט״? אן אמתער ציגיינער־טיפּ איז זי געווען, אייער פרוי... אירע אויגן!...

בריזמאַן האָט געשטומט... געהערט און געשטומט...

סאַרע האָט דערפילט אין בריזמאַנס אומבאַקוועמען שווייגן, אַז אירע רייד פאַלן אויף אים ווי שטיינער — האָט זי אויפגעהערט ריידן אויפן אַדרעס פון דער פאַרשטאָרבענער.

זענען זיי געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע שטום, אָן ווערטער, גלייך ווי די מצבה צוקאָפּנס פונעם קבר...

אַז נישט ווען א י ר, איז ווען עפּעס אַנדערש נאָך שווערער געווען דאָ אויף דעם אָרט צו ריידן.

— מיר גייען? — האָט זי זיך לסוף אָנגערופן, נישט קאָנענדיק מער פאַרטראָגן די שווערע שווייגעניש.

— מיר גייען. — האָט ער ווי פרייער אָפּגעאָטעמט און דער ערשטער גענומען שטעלן טריט אויף צוריקוועגס.

זי איז אים זייער לאַנגזאַם נאָכגעגאַנגען. זיינע טריט זענען געווען נישט אַזעלכע פאַמעלעכע ווי אירע און ער האָט זיך אַלע ווײַלע אויסגעדרייט צו איר, ווי וועלנדיק זי מיטציען...

ביים טויער פון בית עולם בלייבט זי שטיין און דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו די קברים, גלייך ווי איר וואָלט שווער געווען צו פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע אָרט.

— עד! — מאַכט זי אַ מין טעאַטראַלישן זשעסט מיט דער האַנט, — ס׳ארא טרויעריקע גרינקייט!

אויף יענער זייט טויער, בשעת זיי זענען שוין געווען צווישן ל ע ב ן, רופט זיך בריזמאַן אָפּ:

— נו, און מאָרגן, פרוי שאַפּיראָ?...

— מאָרגן בין איך ווידער דאָ... — ענטפערט זי גלייך.

ער האָט געשמייכלט:

— צופיל אויסדרוק גיט איר אייער טרויער...

— ס׳איז פאַר מיר אַ נויטווענדיקייט.

— יאָ, איך פאַרשטיי איך... אָבער מיט טרויער טאָר מען זיך נישט צופיל פאַרשיכורן...

— פאַרשיכורן?! — רייסט זי אים איבער און טוט דערביי טריב אַ שמייכל — אפשר דער ערשטער שמייכל זינט איר אבלות...

— יאָ, יאָ, אזוי איז עס... ביי אייך, זע איך, איז דער טרויער דערגאַנגען צו אַ מין נאַרקאָטיק... איך וואָלט עס אָנגערופן: „טרויער־נאַרקאָטיק״...

— „טרויער־נאַרקאָטיק״? — חזרט זי איבער און שמייכלט ווידער אומעטיק. — כ׳לעבן, זייער אָריגינעל געזאָגט. אָריגינעל און אפשר — ריכטיק... ווער ווייס? ס׳איז אינדעראמתן פאַראַן אין מיר עפּעס אַזוינס, עפּעס אַ דראַנג אַזאַ, וואָס ציט מיך צום בית־עולם...

— אַזאַ „דראַנג״ מוזט איר באַקעמפן! — קוקט ער איר שאַרף אין געזיכט אַריין. — גלויבט מיר, ס׳איז אויך נישט געווען אַזוי ז יי ן ווילן... מיין פריינט — כ׳האָב אים גוט געקענט; אַמאָל זענען מיר גאַנץ נאָענט געווען — ער איז אַ ניכטערער מענטש געווען... ער האָט זייער פאַרנונפטיק געקוקט אויפן לעבן... ער וואָלט זיכער געטאַדלט אייער „טרויער־נאַרקאָטיק״...

בריזמאַן האָט נאָך גערעדט און גערעדט. זי האָט שטום פאַרנומען זיינע רייד מיט אַראָפּגעלאָזטע בליקן. זיי זענען געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, טריט ביי טריט. זי האָט זיך אַפילו נישט אַרומגעזען אין וועלכער ריכטונג זיי גייען. ער איז געווען דער פירער און זי איז אים ווי בלינד נאָכגעגאַנגען.

זיי האָבן זיך געפונען נעבן אַ שטאָט־גאָרטן.

— מיר גייען אפשר אַריין אַהין אויף אַ ווײַלע? — האָט בריזמאַן פאַרגעלייגט.

סאַרע האָט זיך אַ רגע געקווענקלט און מסכים געווען.

אַ לוסטיקער גאָרטן מיט ברייטע גרינע אַלייען האָט זיי אויפגענומען. פון געדיכטע ליפּעס, פון קלומבעס יונגע בלימלעך האָט געוויעט מיט פרילינג און פרייד. קינדער האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען, געהילכט און געזונגען. פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט הין און צוריק. פון לאַכעדיקע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט יונג גליק.

אן עק אַלייע. שאָטנדיק־גרין. אַן איינזאַמע באַנק.

— מיר קאָנען זיך אייגנטלעך צוזעצן אַביסל, — לייגט ער פאָר און זעצט זיך דער ערשטער, — זיצט!

זי זעצט זיך אויך אַנידער.

— שוין אַ יאָר צייט, ווי כ׳בין דאָ אין פּאַרק נישט געווען... — באַמערקט זי.

— כ׳גלויב אייך, — זאָגט ער. — איך האָף, — גיט ער באַלד צו, — אַז מאָרגן וועט איר נישט גיין אויפן בית־עולם... נישט אמת?

— פאַרוואָס האָפט איר אַזוי?... — האָט זי אַזש אַ שמייכל געטאָן.

— ווייל איך מיין, אַז איר וועט מיר פאָלגן — מיך, זיין פריינט... ער וואָלט אייך אָן ספק אויך אַזוי געהייסן.

— אַזוי מיינט איר?

— אומבאַדינגט! — רופט ער אויס, — מיין גאָט, איר זענט דאָך אַזוי יונג, אַזוי שיין... זעט, ס׳אַרא פרילינג ס׳איז אויף גאָטס וועלט!

— אויפן בית עולם גרינען אויך ביימער... יענער פרילינג איז מיר נענטער...

— לאָזט צורו יענעם פרילינג מיט יענע ביימער!...

די לעצטע ווערטער האָט בריזמאַן אַרויסגערעדט מיט אַ באַזונדערער פעסטקייט אין טאָן, און די דאָזיקע פעסטקייט איז געפאַלן ווי אַ באַפעל איבער איר נשמה. עפּעס פילט זי אין בריזמאַנס רייד זיין שטים... אין זיין נאָמען רעדט עס בריזמאַן — דער געוועזענער פריינט זיינער — צו איר האַרץ...

— איר ווייסט, — רעדט ער ווייטער, ווי אַ דערוואַקסענער צו אַ קינד, — מ׳מוז אייך נעמען אויף כוח... מ׳טאָר אייך נישט לאָזן אויף אייגענער אחריות...

סאַרע האָט געשמייכלט און זיך קינדיש געשפּילט מיט אַ ברייטן ליפּע־בלאַט.

— איר ווייסט, — ווערט ער נאָך מער דרייסט און נאָך מער גע־

וואַגט און נעמט זי אָן, ווי ס׳טרעפט כלומרשט צופעליק אַמאָל אין ריידן, פאַר אַ האַנט, — איך נעם זיך דאָס רעכט צו ווערן אייער אַפּטרופּוס!...

— אַזש מיין אפּטרופּוס?!... — שמייכלט זי אָפּענער, פרייער.

— יאָ, יאָ, און איר וועט מיר מוזן פאָלגן...

— אַזש פאָלגן?

— יאָ, פאָלגן, פאָלגן!...

„ער איז אַ מאָדנער, דער בריזמאַן — טראַכט סאַרע, צופרידן אויף אים קוקנדיק. — ער רעדט צו איר ווי אַ היימישער, ווי אַ גוטער פריינט, ווי אַ נאָענטער״...

בריזמאַן האָט אַרויפגעפירט אויף אַנדערע טעמעס און מ׳האָט שוין גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין. סאַרע האָט פרייער און טיפער אַריינגעאָטעמט דעם דופט פון בעז, וואָס האָט פון ערגעץ געווייעט. איר ברוסט האָט זיך שנעל באַוועגט, ווי ביי איינעם, וואָס איז אקאָרשט פון תפיסה אַרויס און די לאַנג־געגאַרטע פרייהייט דערשפּירט...

בריזמאַן האָט זי אַהיימבאַגלייט.

— קומט אַרויף, ה׳ בריזמאַן! — כאַפּט זי זיך אַרויס ביים געזעגענען.

— איר זענט דאָך שוין אַמאָל געווען ביי אונדז.

— ווען, אַ שטייגער, טרעפט מען אייך?

— כ׳גיי אַבסאָלוט אין ערגעץ נישט.

— דאַן קום איך צו אייך מאָרגן אינדערפרי.

— אינדערפרי? כ׳גיי דאָך אַהין... אויפן בית־עולם...

— ניין, ניין; געהאָרכזאַם! — טוט ער שפּאַסיק אַ דראָע מיטן פינגער.

— איך שרעק זיך פאַר אייך, ה׳ בריזמאַן...

— שרעקט אייך טאַקע פאַר מיין „דיסציפּלין״... כ׳קום עקסטרא צו אייך מאָרגן אינדערפרי...

— טאָ קומט זייגער צוועלף, וועלן מיר ביידע אַהין גיין...

כ׳וועל קומען און מיר וועלן טאַקע ביידע נ י ש ט גיין אַהין... געדענקט „דיסציפּלין״!...

און זיי האָבן זיך שמייכלענדיק געזעגנט. אין סאַרעס האַנט־דריק האָט ער געפילט אַזוי פיל ווייבלעכקייט. אין די גלאַנציקע, טונקעלע אויגן — פאַרשטיקטע באַגערן...

4

אז סאַרע איז געבליבן אליין מיט זיך, האָט זי זיך ערשט גענומען אָפּגעבן חשבון פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג. זי איז געשטאַנען פאַר אַ רעטע־ניש: וואָס וויל בריזמאַן פון איר און וואָס איז ער געקומען צו איר איב־מיטן? וואָס וויל ער פון איר טרויער?... זי האָט געקוקט לאַנג, לאַנג אויף איר מאַנס בילד, גלייך ווי זי וואָלט אים געפרעגט אַ באַשייד... בריזמאַן איז דאָך געווען זיין פריינט, נישט אירער. צוליב אים איז דאָך בריזמאַן צו איר היינט צוגעגאַנגען. ער איז דאָך געווען דער גורם דערצו... נישט איין מאָל, געדענקט זי, פלעגט ער דערמאָנען בריזמאַנס נאָמען. פאַר זייער חתן־כלה־צייט פלעגט ער זיך מיט אים אָפּט באַגעגענען. צוזאַמען פאַר־בראַכט אין קלובן, אין קנייפּעס. און טאַקע דערפאַר, צוליב אָט דער דאָ־זיקער שייכות בריזמאַנס צו אים, קאָן זי בריזמאַנען איצט נישט אָפּשטויסן.

און אפשר, — פאַלט איר איין אַ משונהדיקער געדאַנק, — אפשר איז עס נישט קיין צופעליקייט זיין דערשיינען צו איר אויפן בית־עולם?... און אפשר... אפשר נישט קיין צופעליקייט איז אויך דער טויט פון זיין פרוי?... ווער ווייס די מיסטישע וועגן פון לעבן און טויט? ווער ווייס?...

— —

איר נשמה האָט פיינלעך געציטערט און געקאַרטשעט זיך פון ווייטיק, ווי אַ קראַנקע לאַם...

פונדעסטוועגן, אַז בריזמאַן איז צומאָרגנס אַרויפגעקומען צו איר, האָט זי אים באַגעגנט גאַסטפריינטלעך.

— איר זענט עפּעס היינט בלאַסער ווי נעכטן, פרוי שאַפּיראָ!

— באַמערקט ער באַלד.

— קאָן זיין... די פאַרשאָלטענע שלאָפלאָזיקייט!...

בריזמאַן איז מיט שטילע טריט אומגעגאַנגען פון איין צימער אין אַנדערן. אין קאַבינעט איז ער שטיין געבליבן לענגער. סאַרע האָט זיך אַנידערגעזעצט און אים אויך אונטערגערוקט אַ שטול. בריזמאַן האָט זיך אָבער נישט געזעצט. ער האָט זיך שווייגנדיק צוגעקוקט צו אַלץ אויפן שרייב־טיש און לסוף איז זיין בליק געפאַלן אויפן בילד פון פאַרשטאָרבע־נעם, איינגעפאַסט אין אַ שוואַרצער ראַם. ביידע, נישט בריזמאַן און נישט סאַרע, האָבן גאָרנישט גערעדט.

בריזמאַן איז דער ערשטער אַרויס פון קאַבינעט, ווי פאַרפאַלגט פון יענעמס שאָטן... סאַרע איז נאָכגעגאַנגען.

— ווינט איר דאָ איינע אַליין? — פרעגט ער.

— אַליין. אַלע אָוונט קומט דאָ אַ קרובה אויף נעכטיקן. בייטאָג בין איך נאָר מיטן שטוב־מיידל.

— גייען מיר? — פרעגט ער. — זעט, ס'ארא זון ס'איז היינט! — האָט ער אַ וויַז געטאָן צום פענצטער.

— וווהין?...

שוין אין איר פרעגן האָט בריזמאַן געפילט, אַז ע ר וועט זיין דער פירער, נישט זי...

— פרעגט נישט, קומט! לאָזט זיך פירן...

— לאָזן זיך פירן? בין איך אַ קינד? — שמייכלט זי אומעטיק־צאַרט.

— יאָ, אַ קינד, אַ גרויס קינד... — ענטפערט ער האַרציק.

זיי זענען אַראָפּ אויף דער גאַס.

בריזמאַן, זייער אויפגעלייגט, האָט זי דורכגענומען מיט זיין בליק:

— איר זעט היינט אויס בלאַסער ווי נעכטן, אָבער שענער, אינטערעסאַנטער...

— אפשר, ה׳ בריזמאַן, אַן קאָמפּלימענטן?...

— אָ, ניין, כ'בין זייער אויפריכטיק...

בריזמאַן האָט גלייך גענומען די פאַרקערטע ריכטונג פון בית־עולם.

— מיין גאָט, נישט אַהין?... — האָט זי זיך באַלד געכאַפּט.

— אָך, ניין, איר קינד!

ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און צובאַגלייט צו אַן אָפענער טאַקסי. ער האָט דעם שאָפער געהייסן ערגעץ פאָרן און זי האָט אַפילו נישט געהערט וווהין.

גאַסן האָבן זיך שנעל געוויקלט ווי אויפן עקראַן.

— אָבער וווהין?... — פרעגט זי.

— אַזאַ הערלעכער טאָג .לאָמיר אָנקוקן אַביסל די גרינע וועלט...

דער אויטאָ לויפט שוין הינטער דער שטאָט. פון די וועלדער ווייעט מיט אַראָמאַטן, מיט פרישקייט פון יונג גראָז, מיט ניי לעבן... עס שווינדלט פון בונטע קאָלירן. ס'אַראַ הימל! ס'אַראַ בלויקייט!

— איר ווייסט, — הויבט בריזמאַן אָן, — ס'איז זייער נישט גוט, וואָס איר בייט נישט אייער וווינונג. נאָכן יאָר דאַרפט איר עס טאָן.

זי האָט אַ שוידער געטאָן מיט די אַקסלען. בריזמאַן האָט דערשפּירט דעם דאָזיקן שוידער און איר פאַרקוקט אין די אויגן אַריין.

— וואָס מיינט איר? אַנטלויפן?... — רעדט זי מיט ווייטיק אין דער

שטים. — קאָן איך אַנטלויפן?... ניין, איך קאָן נאָך איצט נישט קלערן וועגן דעם... עס האַלט מיך ווי מיט צוואַנגען...

— אָבער איר מוזט עס טאָן... ס'איז דאָך נישט קיין תכלית אייער שלאָפלאָזיקייט.

— איר זאָרגט פאַר מיר טאַקע ווי פאַר אַ קינד?...

— געוויס, געוויס. כ'בין דאָך אייער „אפּטרופּוס”. נישט אמת?

— מיר וועלן זען...

— נו, מיר וועלן זען... דערווייל גענוג וועגן דעם... זעט נאָר, זעט... ס'אַראַ גרינע פּראַכט! אָטעמט, אָטעמט. איר זענט דאָך אַזוי בלאַס.

דער אויטאָ איז געפלויגן איבערן העלן שאָסיי ווי אַ רוח. געפלויגן און זיך לסוף אָפּגעשטעלט.

אַ קליינער ישוב. אַ דאַטשע־אָרט. ווילעס מיט געציילטע הילצערנע געביידעס: גרינע, רויטע, מיט גאָטישע טורימלעך אין דער הויך.

בריזמאַן האָט שוין כסדר געהאַלטן סאַרען אונטערן אָרעם און גע־פירט זי איבער שמאָלע אַלייען. ביי געפלאָכטענע שטאַכעטן־פּאַרקאַנדלעך, אין געדיכטע, גרינע שאָטנס. ער האָט געפילט איר ווייבלעכע צאַרטקייט, איר יונגן כישוף און גלייכצייטיק — איר הילפלאָזיקייט... איר קינדערישע הילפלאָזיקייט... צו אַזעלכע פרויען דאַרף מען קומען פלוצלונג, ווי אַ רי־טער, און זיי באַפרייען — — — —

— אָבער וווהין גייען מיר? — פרעגט זי, ארומקוקנדיק זיך.

— פרעגט נישט.

— נישט פרעגן?

— ניין!

— ס'ווערט געהיימניספול... — לאַכט זי. — ווען איך קען אייך נישט, וואָלט איך שוין געווען אומרו:יק...

— שווייגט און לאָזט זיך פירן...

— כ'ווער אינטריגירט...

פון איין געסל גייען זיי אַריין אין אַ צווייטס, דאַן לינקס, רעכטס.

— מיין גאָט, וווהין?...

— איר זענט אומרו:יק אויף אַן אמת?

— נישט אומרו:יק, נאָר זייער פאַראינטריגירט. כ'בין דאָ נאָך קיינ־מאָל נישט געווען.

— מיר זענען שוין באַלד ביים ציל.

— ביי וועלכן ציל?...

בריזמאַן טוט אַ ווייז מיטן פינגער:
— איר זעט דאָרט אַ שפּיץ פון אַ דאַך־טורעמל?
— איך זע.
— אַהין גייען מיר.
— צו וועמען און נאָך וואָס?
— אַביסעלע געדולד...
בריזמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליין טויערל און אַ ווייז געטאָן אויף אַ ווייס שילדל אינדערהויך:
— לייענט!
סאַרע איז געוואָרן איבערראַשט: אויף דעם ווייסן טאָוול איז געווען אַן אָנשריפט: „דאַוויד בריזמאַן"...
— אך, דאָס איז אייערס! — האָט זי אויסגערופן.
— יאָ, יאָ. קומט אַריין אינעווייניק. מיר וועלן דאָ שוין פאַרבלייבן אויף מיטיק.
סאַרע איז געוואָרן נאָך מער איבערראַשט:
— וואָס, איר וווינט גאָר דאָ, נישט אין שטאָט?
— דאָ איז איצט מיין רעזידענץ...
— שוין פון לאַנג?
— שוין פון אַ פּאָר חדשים. נאָך מיין פּרויס טויט האָב איך עס געקויפט און זיך באַזעצט דאָ. ווי איר זעט, אינגאַנצן אַ צוואַנציק מינוט פון שטאָט.
— אַ פּרעכטיק ווינקעלע!
ער האָט זי אַריינבאַגלייט אינעווייניק. גרויסע צימערן מיט אַ סך ליכט. מעבלירט באַשיידן, אָבער מיט געשמאַק.
— דאָרט, אין מיין שטאָטישער וווינונג, — האָט ער זיך ווי מתוודה געווען, — דאָרט וואָלט איך אפשר שוין געשטאָרבן פון איינזאַמקייט און טרויער... דאָ האָב איך זיך געראַטעוועט ווי אויף אַן אינזל...
— צי קאָן מען דען פון טרויער אַנטלויפן?... — וואַרפט זי אַריין.
— מ'קאָן טאַקע נישט אינגאַנצן אַנטלויפן... אָבער... אָבער דאָרט אין יענע ווינקעלעך... אַ קאָשמאַר!... דעריבער טאַקע פאַרשטיי איך אייך נישט, סאַרע... איר מוזט טוישן אייער וווינונג!
זיינע ווערטער האָבן אויפגעוועקט אין איר האַרץ געמישטע געפילן: איך און דער זעלבער גורל... אין איין און דעם זעלבן ים פון טרויער האָבן זיי זיך געטרונקען... ער „ראַטעוועט זיך אויף אַן אינזל"... און זי... זי...

וואָס אַנטפּלעקט דאָ פּאָר אירע אויגן דער וויסער פרילינגדיקער טאָג?...
וואָס וויל איר דאָ דער גורל באַווייזן?...

— —

בריזמאַן ווידער איז געוואָרן אַלץ מער מונטער, אויפגעהייטערט און נישט געלאָזט סאַרען לאַנג טראַכטן. ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין אויבער־מאַנטל, געמאַכט זיך היימיש און אויך סאַרען באַפוילן צו מאַכן זיך באַ־קוועמער, צו ווערן היימישער, ווי אין אַ היימישער שטוב.

בריזמאַן האָט געהייסן זיין הויז־פרוי צוגרייטן מיטיק פאַר אים און זיין גאַסט. דער טיש אויף דער וועראַנדע איז געוואָרן פיין סערווירט. צווישן דער ווייסקייט פון טעלער האָט זיך אַפילו גערויטלט ווין.

ביים טיש איז זייער שמועס געוואָרן געמיטלעכער, פרייער. אויף סאַרעס פּנים האָט זיך שוין לענגער געהאַלטן אַ שמייכל. פון צייט צו צייט האָט זי זיך אַפילו צעלאַכט אויפן קול. בריזמאַן האָט פאַרמאָגט אַ סך שאַרפזין און נישט ווילנדיק האָט זי געלאַכט. וואָס פאַר אַ ווילער ער איז, דער בריזמאַן, וואָס פאַר אַ האַרציקער... עס שפּריצט פון אים מיט פייער, מיט לעבן...

דער מיטיק האָט זיך לאַנג געצויגן. מען האָט גערעדט און דערציילט, גערעדט און דערציילט. דאָס רוב האָט גערעדט בריזמאַן. די צונג האָט זיך אים ממש צעבונדן. ער האָט דערציילט מאָדנע קאָמישע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, פון זיינע ליבעס... פון זיינע רייד זעט סאַרע, אַז ער איז אַ מאַן מיט אַ שטיקל פאַרגאַנגענהייט... אַז ער האָט נישט פאַרשלאָפן זיינע יאָרן...

וועגן איין זאַך נאָר האָט בריזמאַן, ווי מיט אַ כּיוון, אויסגעמיטן צו דערציילן — וועגן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, וואָס ערשט נעכטן איז ער — צוזאַמען מיט סאַרען — אויף איר קבֿר געוועזן...

און אויך זי, סאַרע, האָט אין די איצטיקע רגעס ווי פאַרגעסן אָן איר טרויער... דאָס ערשטע מאָל — זינט ז ײ ן טויט — זיך פאַרגעסן — —

5

אין אָוונט האָט בריזמאַן אָפּגעפירט סאַרען ביז צו איר טויער. ביים געזעגענען זיך האָט ער זיך מיט איר באַשטעלט אויך אויף מאָרגן צו טרעפן זיך.

און אויך צומאָרגנס האָט ער איר נישט געלאָזט גיין אויפן בית־עולם. נישט צומאָרגנס און נישט אין די וויטערדיקע טעג.

בלויז איין טאָג האָט ער איר דערלויבט צו גיין אַהין. דאָס איז געווען סוף יוני — אינעם טאָג פון יאָרצייט. דעמאָלט איז ער גופא, בריזמאַן, איר באַגלייטער געווען. ביידע זענען זיי געגאַנגען מיט בלומען צו ב יי ד ע קברים...

פריער זענען זיי געווען אויף זיין קבר. סאַרע האָט געכליפּעט, מיט פאַרשטיקטע טרערן געכליפּעט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געפילט זינדיק אַנטקעגן קבר... בריזמאַן האָט זי פעסט געהאַלטן ביים אָרעם, באַרויִקט זי און אָפּגעפירט פון בערגל.

דאַן זענען זיי אַוועק צו איר קבר. בריזמאַן האָט אַפילו לכתחילה אַהין נישט געטראַכט צו גיין; נאָר סאַרעס פאַרלאַנג איז עס געווען, מ'זאָל גיין דווקא צו ב יי ד ע ...

בריזמאַן איז ביי זיין פרויס קבר געשטאַנען אָן לשון און ווי אויף טויזנט שלעסער פאַרשלאָסן. בלויז זיין געזונקענער בליק איז אַלץ גלאַנציקער געוואָרן... און זי סאַרע — אויך דאָ האָט זי זיך צעכליפּעט אויפן קול...

איבערגעלאָזט בלומען אויף ביידע קברים און — אַוועק... אַוועק, ווער ווייס אויף ווי לאַנג...

נאָכן יאָרצייט האָט סאַרע געמוזט ווייטער „פאָלגן" און זיין „געהאָרכזאם" איר „אפּטרופּוס":

זי האָט געביטן איר וווינונג, ווו שוואַרצער טרויער האָט גענעסטיקט אין אַלע ווינקעלעך...

סאַרע האָט זיך אַריינגעצויגן טאַקע דאָרט, 20 מינוט פון שטאָט, אין יענעם גרינעם, הילצערנעם הויז מיטן טורעמל אין דער הויך... און דעמאָלט האָט זי פאַר איינוועגס אויך איר פאַמיליע־נאָמען געביטן, און געהייסן האָט זי שוין: ס אַ ר ע ב ר י ז מ אַ ן ...

דער טויט האָט געשפּאַסט

(קאַפּיטלעך פון אַ יונג לעבן)

1

איינמאָל, ווען כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר עלף, האָב איך צוליב עפּעס אַ פאַרקילונג אָנגעהויבן הוסטן. אין ברוסט־קאַסטן האָט געגנאַגט אַ ווייטיק, און אויפן פּנים בין איך געוואָרן בלייכער פון טאָג־צו־טאָג.

אין גאַנצן שטעטל איז געווען איינאיינציקער דאָקטער, אַ פּאָליאַק, אַ יונגער, אַ „פריץ" מסתמא, אַקאָרשט פון אוניווערזיטעט אַרויס — איינער פון יענע, וואָס „לערנען זיך שערן אויף יענעמס באָרד" און אויפן וועג צו זייער נאָמען פאַרלייגן זיי זיך ערגעץ אין דער פּראָווינץ אַ בית־עולמל...

איז מיין טאַטע מיט מיר געגאַנגען צום דאָזיקן דאָקטער. יענער האָט מיך לאַנג ארומגעטאַפּט, אויסגעקלאַפּט מיטן העמערל, אויסגעהערט מיטן רערל פון אַלע זייטן, איין מאָל און נאָך אַמאָל, און לסוף אַ זאָג געטאָן געהיימנישפול צו מיין טאַטן:

— קעפּסקאָ... נישט גוט... די לונגען!

מיין טאַטע האָט דערהערט „לונגען", איז ער געוואָרן געפּלעפט און לכתחילה קיין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. כ׳האָב באַמערקט, ווי ער האָט אויסגעווישט מיט דער האַנט אַ טרער און מיט אַ געבראָכענער רחמנותדיקער שטים האָט ער גענומען שטאַמלען:

— פּאַניע דאָקטאָזשע... איין זון... כ׳האָב איין איינציקן זון...

פון טאַטנס רייד בין איך געוואָרן אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ס׳האָט מיך גענומען פיבערן און קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. דאָס געהער איז ביי מיר געוואָרן געשפּאַנט און כ׳האָב געוואַרט מיט פּחד אויף דעם דאָקטערס רייד.

דער דאָקטער האָט אָבער נאָר געזאָגט מיין טאַטן, אַז תיכף מאָרגן זאָל ער מיט מיר פאָרן אין דער גובערניע־שטאָט צום דאָקטער גורוויטש.

מיין טאַטע, אינגאַנצן אַ געענדערטער, אַ צעבראָכענער, איז אַרויס מיט מיר פון דאָקטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט מיך כסדר געפירט ביי דער האַנט. דאָס דאָזיקע האַלטן מיך ביי דער האַנט האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט מיין שרעק און כ'בין בעת־מעשה געוועזן זיכער, אַז שוין, כ'בין אַ פאַרפאַלענער...

— מיר פאָרן מאָרגן אינדערפרי קיין ג—ע. — רעדט אַרויס דער טאַטע אויפן וועג און קוקט מיך פאַרשנדיק אין די אויגן אַריין. כ'קאָן עס נישט פאַרטראָגן און לאָז אַראָפּ די בליקן.

— כ'וויל די מאַמע... די מאַמע זאָל קומען... — שטאַמל איך אַרויס, נישט אויפהויבנדיק די אויגן.

— די מאַמע? — פרעגט דער טאַטע איבער, — אוודאי וועט די מאַמע קומען. אַז מיר וועלן צוריקקומען פון ג—ע, וועל איך איר אָנזאָגן.

געקומען אַהיים, בין איך לכתחילה אין שטוב נישט אַריין. כ'בין שטיין געבליבן נעבן דעם גרויסן טויער פון דער סטאָדאָלע, וואָס ביי דער שטוב, און זיך פאַררוקט אין אַ טונקעלן ווינקל.

— זאָלסט נישט גיין מיט קיינעם זיך שפּילן... קום באַלד אין שטוב אַריין! — זאָגט מיר אָן דער טאַטע.

ס'איז געווען דעמאָלט אַ וואַרימער מאַי־פאַרנאַכט. אויף דער גאַס האָט אַ מחנה קינדער — מיינע חברים — געליאַרעמט און געפילדערט פון שמחה. אין דער לופטן זענען אומגעפלויגן ברוינע מאַי־זשוקעס און האָבן געזשומעט מיט זייערע דורכזיכטיקע פליגעלעך. די קינדער האָבן אונטער־געטאַנצט און געכאַפּט מיט די היטלען די זשוקעס. כ'האָב שטום פאַרנו־מען פון דערווייטנס דאָס ברומעריי פון מיינע חברים און האָב גאָר נישט בדעה געהאַט זיך אויסצומישן מיט זיי אין געפילדער. פאַר די אויגן איז מיר געשטאַנען די קראַנקע שיינע, וואָס האָט געווינט קעגנאיבער אונדזער שטוב. טאָג־טעגלעך פלעג איך זי זען דורכן פענצטער, ווי זי זיצט אויפן גאַניק און זינגט אויס אַ גאַנצן מענה־לשון וועגן אירע פאַרשניטענע יאָרן... פון טאָג צו טאָג פלעגט זי ווערן בלאַסער און דאַרער, די נאָז שאַרפער און אויסגעשפּיצטער, די אויגן איינגעפאַלענער. ביז איינמאָל אַ פרייטיק אינ־דערפרי איז אין גאַס געוואָרן אַ געלויף: שיינע האָט די נשמה אויסגע־הויכט... און אַ שעה פאַר ליכט־בענטשן איז אין איילעניש געווען איר

לוויה. מענטשן האָבן דעמאָלט געזאָגט אויף איר, אַז זי האָט דאָס לעצטע שטיקל לונגען אויסגעשפּיגן...

לונגען! לונגען! אויך ביי מיר די לונגען! — — —

כ׳האָב זיך קלאָר דערמאָנט איר זמרל, איר טרויעריק זמרל, גלייך ווי אַ קעגנאַיבער, ווו זי פּלעגט תּמיד זיצן, וואָלט ער ווידער פאַרקלונגען:

— מענטשן טייערע! כ׳גיי אויס פאַר דער צייט...

— מענטשן הארציקע! איך בין נאָך אַזוי יונג...

— —

דער טאַטע איז אַרויסגעקומען, גענומען מיך פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט אין שטוב אַריין. שכנטעס האָבן מיך אַרומגערינגלט. יעדע איינע האָט מיך מאָדנע אָנגעקוקט און אַלע האָבן זיך געסודעט צווישן זיך. מ׳האָט מיר געמאַכט אַ פּיינקוכן און אָנגעשמירט גראָב פּוטער אויף אַ דינעם פּעניץ שוואַרץ־ברויט. כ׳בין אָבער געווען אַזוי צעשראָקן און אויפגערעגט, אַז כ׳האָב נישט געקאָנט קיין מויל עפענען; נאָר דער טאַטע מיטן גאַנצן כאָר שכנטעס האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט:

— דו מוזט איינגאַנצן אויפעסן!

אין מיטן דערינען איז אויך אַריינגעקומען אַן אַנדער שכנה מיט אַ פולן טעפּל מילך, און אויך דערפון האָב איך זיך ניט געקאָנט אַרויסדרייען.

— מילך פון דער קו. ס׳איז נאָך וואַרימעטשקע. זעט, ס׳אַרא שוים!

— טרינקן! טרינק געזונטערהייט! דאָס איז אַ שטיק געזונט!

— גאָט זאָל אים געבן אַ רפואה שלימה! — וואַרפט אַריין אַן אַנדערע.

— הלוואי, אמן! — זאָגט דער טאַטע.

2

באַגינען האָט מיך דער טאַטע געוועקט איך זאָל זיך נעמען אָנטאָן.

— מיר פאָרן.

אַז כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך אַ גאַנצן פרימאָרגן כסדר געהוסט. ביי מיין יעדן הוסט פלעגט זיך דער טאַטע אויסדרייען צו מיר און קוקן מיט אַ צעשראָקענעם בליק. דער דאָזיקער בליק זיינער האָט מיך מאָדנע באַנג געטאָן און כ׳האָב זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיקן דעם הוסט אין זיך. אָבער פון איינהאַלטן זיך האָט דער הוסט אויסגעפּלאַצט מיט מער

האַסטיקייט און געדויערט לענגער. דעמאָלט איז דער טאַטע גאָר מבולבל געוואָרן און האָט זיך אַזש פאַרקרימט, גלייך ווי מיין הוסט וואָלט גאָר ביי אים עפּעס אינעווייניק שאַרף אָנגעגריפן... טאָמער פלעג איך נאָכן פאַר־הוסטן זיך אויסשפּייען, פלעגט דער טאטע גלייך צוויילן און זיך אַראָפּ־לאָזן באַטראַכטן דאָס שפּייעכטס... דערפון איז מיין פּחד נאָך מער גע־וואָקסן און כ'האָב געקוקט אויפן טאטן מיט חשד...

דער טאַטע האָט מיך אָנגעטאָן זייער וואַרעם, אַרומגעהילט דעם האַלדז מיט אַ וואָלענעם שאַל און אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן ,אַז ס'איז ווייניק.

די באַלעגאָלעס זענען שוין געשטאַנען אויפן מארק און געוואַרט אויף פּאַרשוינען. מיר זענען צוגעגאַנגען צום ערשטן, וועלכער האָט זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין. דער באַלעגאָלע האָט אַראָפּגענומען פון פערדס קאָפּ דעם זאַק „אָבראָק"; צורעכט געמאַכט דעם כאָמוט און רימענס אויפן פערדס האַלדז און בויך; צונויפגעפּאַרעט אַ שטיקלעך אַכט „פּאַרשוינדלעך" אין ברייטן צעפּאָרענעם וואָגן און —

— וויאָ! —

די רעדער גרילצן שוין איבער די שטיינער פון דער פאַרשלאָפענער שטעטלשער גאַס.

— דיר איז נישט קאַלט? — פרעגט מיך דער טאַטע און מאַכט מיר צורעכט דעם שאַל.

דער וואָגן שלעפּט זיך שוין איבערן זאמדיקן וועג. באַרג־ארויף, באַרג־אַראָפּ. אין די טיפע „קאָליעס" ליגן ווו־נישט־ווו שפּיציקע שטיינער און די רעדער שלאָגן זיך אָן מיט אַ גרילץ און דער וואָגן טרייסלט זיך ווי אין אַ קדחת. וואָס ווייטער, איז אַלץ געוואָרן וואַרימער. די פרימאָרגן־זון האָט זיך גערוקט אַלץ העכער אויפן הימל. פון ביידע זייטן וועג, פון די פריי־לינגדיקע בונטע פעלדער, האָט זיך געטראָגן אַ מונטערע צוויטשעריי .בעת־מעשה האָב איך געהאַט אַ ביסל פאַרגעסן אָן זיך אליין, אָן דאָקטערס רייד... דער זאַמדיקער און באַרגיקער וועג האָט זיך אָבער געצויגן לאַנגע שעהן און מיין טאטע האָט פאַרפירט אַ שמועס וועגן מיר מיט די פּאַסאַזשירן. איין ייִדענע האָט אים באַזונדערס גענומען אויספרעגן דאָס און יענץ, און צי איך שפּיי נישט, חלילה, מיט בלוט... און דערביי האָט זי גענומען דער־ציילן כלערליי מעשיות וועגן אומגליקן און מיתות משונות, „נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין ייִדיש קינד געדאַכט"...

— ער זעט אויס זייער שלעכט! — וויזט זי אָן אויף מיר מעשה־מבינטע.

אַלע אין וואָגן קוקן מיך אָן מיט בליקן פון רחמנות. מיין טאַטע נעמט פון מיר די אויגן נישט אַראָפּ. רק ער טוליעט מיך און פאַרריכט מיר דעם שאַל. און פון דעם אַלעם ווערט מיר ענג אין האַלדז, כאָטש נעם און פּלאַץ אַרויס אין אַ געוויין...

נאָכדעם האָבן זיך געגומען שיטן עצות, ווי אזוי מיך צו ראַטעווען. ווער ס'האָט געהייסן פאָרן מיט מיר צו אַ „גוטן ייד", וואָס זיינע שפּרוכן זענען טויזנט מאָל בעסער פון דאָקטוירים און רעצעפּטן; ווער ס'האָט געעצהט דורכויס פאָרן צו אַ „זנאַכער", וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע טייערע גראָזן און קרייטעכצער און באַווייזט ממש נסים...

איך האָב געהערט און געשוויגן. און וואָס מער מען האָט גערעדט וועגן מיר, אַלץ קלערער איז מיר געוואָרן, אַז מסתמא האַלט עס מיט מיר גאָר שמאָל...

אויפן האַרצן איז מיר פריילעכער געוואָרן ערשט ווען מ'איז אַרויפ־געפאָרן אויף אַ הויכן באַרג און אין דער וויטנס האָב איך דערזען די שפּיצן טורעמס פון דער גרויסער שטאָט. די דאָזיקע שטאָט האָט געהאט פאַר מיר אַ געוואַלטיקן רייץ. חברים האָבן זיך מיר אָנדערציילט נסים ונפלאות וועגן איר, און שטענדיק פלעגט עס מיך ציִען אַהין, כדי צו קאָנען זען די גרויסע מויערן, די קאַזאַרמעס מיט די הונדערטער פענצטער, די לאַנגע גאַסן מיט די טראָטואַרן פון ביידע זייטן און — דער עיקר! — די באַן. אָט דאָס משונהדיקע באַשעפעניש, וואָס פליט אַליין, אָן פערד, נאָר, ווי מ'דערציילט, „מיט פאַרע"...

די אויגלעך האָבן זיך אין מיר צעצונדן. דאָס האַרץ האָט געגומען האָס־טיקער קלאַפּן. אָט, אָט דערנענטערט עס זיך. אָט זעט מען שוין קלערער, בולטער. אָט אַנטפּלעקט זיך אַ גאַנצער ים פון מויערן, מויערן.

אַ ריזיקע געביידע, אַ מויער מיט הונדערטער פענצטער: אַ קאַזאַרמע. פאַר דער קאַזאַרמע אויף אַ גלייכן פלאַץ — סאָלדאַטן. סאָלדאַטן. אַ ים סאָלדאַטן מיט ביקסן. „ראַז! דוואַ! טרי!" — הער איך פון וויטנס.

מיר פאָרן צו צו די פאָדערשטע גאַסן.

פּלוצלונג —

— וו־וו־פּ־פּ־פּ־פּו!!! —

— די באַן פליט! — רופט אויס דער טאַטע.

איך קוק מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אין אַלע זייטן. דער וואָגן בלייבט שטיין: אַ ראָגאַטקע.

און נאָכאַמאָל:

— וו־וו־פ־פ־פו!!! —

כ׳האָב מיך אויפגעשטעלט אין וואָגן אַ פאַרגאפטער. דאָס פערד האָט זיך דערשראָקן פאַר דער פייפעריי און משונהדיק גענומען דרייען מיט די אויערן. דער באַלעגאָלע איז אַראָפּגעלאָפן פון וואָגן און צוגעהאלטן דאָס צעשראָקענע פערד פאַרן צוימל.

עס האָבן זיך גענומען ציען גרינע וואַגאָנעס איינע נאָך די אַנדערע, איינע נאָך די אַנדערע. פון די אָפענע וואַגאָן־פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט פנימער, וואָס האָבן זיך שנעל־שנעל גערוקט ביז צום שווינדלען.

— טראַ־טאַ־טראַ־טאַ־טראַ־טאַ!... —

און אויבן, איבער די וואַגאָנעס, גאַנצענע וואָלקנס — „די פאַרע, וואָס שלעפּט די באַן״...

פלאי פלאים!... נישט איין מאָל האָב איך שוין געהאַט געפּרוּווט נאָכ־מאַכן אַ באַנדל: אויסגעשניצט שינעס, וואַגאָנדלעך (אגב, מיטן טאַטנס הילף...); אָבער פאַר קיין אופן האָט עס אַליין נישט געוואָלט גיין. מ׳האָט געמוזט אונטערשטופּן... די גאַנצע קונץ, אפנים, שטעקט טאָקע אין דער פאַרע... „אַי, אַ סאַמאָוואַר, האָב איך מיך געפרעגט, האָט דאָך יאָ פאַרע און גייט דאָך נישט?״... איז ביי מיר דער תירוץ געווען, אַז אַ סאַמאָוואַר האָט דאָך נישט קיין רעדלעך... ווען ער וואָלט געהאַט רעדלעך — און דער־צו נאָך אויף שינעס, — וואָלט ער זיכער אַוועקגעלאָפן...

***

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך קוים דערשלאָגן צום באַרימטן דאָקטער גור־וויטש. דער דאָקטער, — אַ הויכער, מיט אַ געשוירן, שוואַרץ בערדל, אין אַ שוואַרצן סורדוט און גאָלדענע פענסנע אויף אַ שמאָלער אָדלער־נאָז, — האָט אונדז באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל. מיין טאַטע האָט צו אים גערעדט רוסיש און אים דערציילט די פּרטים פון מיין קראַנקייט.

— טו זיך אויס, בחורל! — טוט ער מיר דאַן אַ זאָג.

כ׳האָב אַנטבלויזט מיין לייב און דער דאָקטער האָט מיט אַן ערנסטער מינע מיך אויסגעהערט און אויסגעקלאַפּט פון פאָרנט און די פּלייצעס מיט זיינע שמאָלע לאַנגע פינגער. דאַן האָט ער נאָך צוגעלייגט אַ רערל דאָ־דאָרט אויף מיין לייב און זיך טיף אַריינגעהערט אין מיר אַריין. ער האָט מיר געהייסן זיך אַנידערלייגן אויף אַ קאַנאַפּע און געמאַכט מיט מיר עפּעס פאַרשיידענע „קונצן״.

כאָטש כ׳האָב מיך זייער גוט צוגעהערט צום דאָקטערס רייד, וואָס ער האָט גערעדט מיט מיין טאַטן, פונדעסטוועגן האָב איך נישט געקאָנט דער־גיין וואָס ער זאָגט וועגן מיר... עפּעס האָבן זיי גערעדט פאַרשטעלט און ס׳האָט מיר אויסגעוויזן שטאַרק סודותדיק זייער לשון. און וואָס מער כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן מיין פּחד...

— ווו לערנסטו? — ווענדט זיך צו מיר דער דאָקטער אין יידיש.

— אין חדר.

— איצט וועסטו האָבן אַ יום־טוב...

און צום טאַטן זאָגט ער:

— אַ גאַנצן זומער טאָר ער נישט גיין אין חדר.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט פאַר מיר אַזאַ בשורה געווען אַ שמחה און אַ גדולה; איצט אָבער האָט עס פאַר מיר נישט געהאַט קיין שום רייץ; אדרבה, מיין שרעק איז געווען אין לשער...

ביים אַרויסגיין האָט דער דאָקטער מיך אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און גוטמוטיק געזאָגט צום טאַטן:

— איך האָף, ער וועט זיין געזונט.

צוריקגעפאָרן פון ג—ע זענען מיר שווייגנדיקע, פאַרטראַכטע. דער טאַטע האָט מיך נאָר געטוליעט, מיר זאָל זיין וואַרים, און קיין וואָרט נישט גערעדט. אונדזער „באַגאַזש" אויף צוריקוועגס איז געווען: פאַרשיידענע רפואות און צוויי דיקע בייכיקע פלעשער „עמס"־וואַסער.

3

אין דער היים האָט מיך דער טאַטע געגומען „צוזען": אייער, פּוטער, מילך — מ׳האָט מיך געשטאָפּט מיט געוואַלט.

— „וויגאָדע"! נאָר „וויגאָדע"! — האָבן געוואָרנט אַלע שכנטעס, — נישקשה, ווען די מאַמע וואָלט געווען, וואָלט זי אים שוין „פּאָפּראַוועט".

מיין מאַמע! מיין מאַמע האָט נאָך אָבער גאָרנישט געוווסט פון דער גאַנצער מעשה. זי האָט זיך נישט געקאָנט פאַרגינען צו זיצן, ווי אַלע מאַ־מעס, נעבן זייערע קינדער, און זי איז שוין חדשים־לאַנג אין שטוב נישט געווען. זי האָט געמוזט צוהעלפן דעם טאַטן אין פּרנסה. איר הילף איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געווען אַ באַלעבאָסטע אין אַ „פאַקט" פון פּערציק בהמות, וואָס מיינער אַ פעטער — דער מאַמעס ברודער טביה —

האָט געהאלטן ערגעץ אין אַ הויף ביי אַ פריץ. דאָרט האָט מיין מאמע, נע־ביך, שווער און ביטער געהאָרעוועט ביי די מילך, קעז און פוטער. אָבער איידער די מאמע איז אַהין געפאָרן האָט מען זיך בשום אופן נישט געקאָנט געבן קיין עצה מיט פרנסה... דער טאַטע אליין איז קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסער פאַרדינער. זיין חיונה איז געווען — „לערעריי" און „פראָ־שעניעס"־שרייבן. פלעגט ער זיך גריזשען גאַנצענע טעג מיט די „פויע־רישע קעפּ" און געהאַט דערפון קוים וואַסער אויף קאַשע... דער טאַטע איז אויך געווען געהילף־קאַזיאָני ראַבינער איבערן שטעטל. ער האָט גע־פירט די עווידענץ. ביי יעדן געבורט, ביי יעדער חתונה אָדער טויט־פאַל פלעגט מען קומען צום טאַטן נאָך אַ „צעטל". דער טאַטע פלעגט אַלץ אַריינפירן מיט זיין פערלדיקן רוסישן כתב אין די גרויסע „קניגעס", וואָס ער האָט געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. תמיד פאַר „נאָווי גאָד" פלעגט דער טאַטע אָוועקפירן די דאָזיקע „קניגעס" אין דער גובערניע־שטאָט — קיין ג־ע — און צוריקברענגען נייע פאַרן נייעם יאָר.

אָבער אויך פון דער דאָזיקער בכבודיקער מלאכה האָט ער געהאַט ווייניק ברכה...

געוווינט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט אין קיין פּאַלאַצן, נאָר אין אַ קאַמער ביי יענעם. ממש ד' על ד'. דאָס דאָזיקע קאַמער איז געווען צו אַלץ: צו די „שטונדן", עסן און שלאָפן. דאָס איז אויך געווען מיין טאַטנס „קאַנ־צעלאַריע", ווו ער פלעגט אויפנעמען זיינע אינטערעסאַנטן...

אונדזער מעבל איז באַשטאַנען פון אַ בעט, ווו ס'פלעגט שלאָפן מיין מאמע און מיין איינציקע שוועסטער; אַ שלאָף־באַנק, וואָס אויף ביינאַכט פלעגט ער זיך פונאַנדעררוקן און דינען פאַר אַ בעט פאַרן טאַטן מיט מיר און ביי טאָג איז עס געווען אַ באַנק צום זיצן; אַ טיש, אַ פּאָר בענקלעך, אַן אַלטע פאַרצייטיקע קאָמאָדע, וואָס מיר האָבן געקריגן בירושה פון עפּעס אַן עלטער־באָבען. אויף די אויסגעקרימטע ווענט זענען געהאנגען: משה רבנו מיט די לוחות, נחס תיבה מיט אַלע חיות און פייגל. די דאָזיקע ביל־דער זענען אפנים אויך געווען אַ ירושה־זאַך. אויף איין וואַנט זענען גע־האָנגען אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס פון אַן אמעריקאַנער קרוב, וועלכער פלעגט אַמאָל „אַריינוואַרפן" אַ פּאָר „טאָלער" אויף פסח... נאַטירלעך, פלעגט מיין טאַטע צו יענעם פריער שרייבן אַ גאַנצן מליצה־בריוו און נאָכדעם פלעגט ער שוין יעדן טאָג אָפּשטעלן דעם ייִדישן בריוו־טרעגער מיט דער פראַגע: „פאַראַן עפּעס פאַר מיר, ר' חיים כייקל?"... אין דער הויך, איבער די פאָטאָ־גראַפיעס, איז געהאָנגען דעם קייסערס פאָרטרעט אין קאָלירן, מיטן בלאָנד

בערדל און בלאָנדע וואָנסן, מיט די גרויסע גאָלדענע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען און כלערליי מעדאלן און גאלונען אויף דער ברוסט. צוליב דעם דאָזיקן פּאָרטרעט פלעגט יעדער דאָרפס־פּויער, וואָס פלעגט קומען שרייבן אַ „פּראָשעניע״, תיכף אַראָפּנעמען דאָס היטל און שטיין בלייבן מיטן גרעסטן דרך־ארץ...

און דאָס איז געווען אונדזער גאַנץ „האָב און גוטס״...

דאָס הויז, ווי מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַ מין קרעטשמע, אַן אַלטע חורבה, מיט אַן אויסגעבויגענעם דאַך, מיט צעפּוילטע שינדלען — אַזוי אז בעת אַ שטאַרקן רעגן פלעגט קאַפּען פון סופיט און מ׳פלעגט מוזן אונטערשטעלן טעפּ מיט שיסלען. צום הויז איז געווען צוגעבויט אַ לאַנגע סטאַדאָלע, וואָס האָט זיך שטענדיק געבאָדן אין אַ ים מיסט. סיידן אַמאָל אין אַ יובל, אַז עס פלעגט דארפן דורכפאָרן דער גובערנאַטאָר דורכן שטעטל, פלעגט מיט אַ פּאָר טעג פריער אַרומגיין דער „אוריאַדניק״ מיט אַ „סאָטסקי״ איבער די הייזער און פלעגט זיך בייזערן צוליב „טשיסטאָ־טאַ״... געמאַכט פּראָטאָקאָלן... דעמאָלט פלעגט מען זיך נעמען צום מיסט אין די גאַסן, אין די שטאַלן און אויך אין „אונדזער״ סטאַדאָלע... געהערט האָט דאָס הויז צו אַ דאָרפס־פּאָרער, אַ „קאַראַבעלניק״, וואָס האָט גע־האַנדלט מיט תבואה, מיט עופות, מיט אייער און מיט וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט. אין דער גרויסער שטוב, דורך וואַנען מ׳פלעגט אַריינגיין אין אונדזער קאַמער, זענען שטענדיק געשטאַנען זעק מיט קאָרן, ווייץ, גערשטן און ליין־זוימען, פון וואָס אַלע לעכער אין הויז זענען פול געווען מיט מייז. ביינאַכט פלעגט מען דעריבער הערן טומלדיקע געיעגן פון די פּעט־אויסגעפּאַשעטע טונקל־גרויע חיהלעך...

די דאָזיקע קליינע באַשעפענישן פלעגן קריכן אומעטום: אין די שפּי־זשאַרניעס, אין די קאַמאָדעס, אין די טעפּ, אונטער די בעטן, אַמאָל אויך אין די בעטן... איינמאָל, געדענק איך, אז איך האָב אָנגעטאָן די שטיוול, האָב איך דערשפּירט, ווי אונטערן פוס ליגט עפּעס אַ ווייכע זאַך. כ׳האָב גע־מיינט, אַז ס׳איז דער מאַמעס אַ פּאָדים־קנייל פון אַ זאָק. כ׳האָב אַראָפּ־גענומען דעם שטיוול, אויסגעשאָקלט און בין אָפּגעלאָפן מיט אַ געשריי: פון שטיוול איז אַרויסגעלאָפן אַ מייזל...

אַחוץ מייז זענען אין דער גרויסער שטוב שטענדיק געווען „לעגאַלע״ באַשעפענישן: הינער, הענער, קאַטשקעס, וואָס פלעגן אָנפילן דעם קאָטוך אונטערן אויוון און אַלע ווינקעלעך, ווייל זייער צאָל פלעגט אַמאָל זיין זייער גרויס. דער באַלעבאָס פון שטוב פלעגט כסדר ליפערן סחורה פון די דער־

פער. פאַרשלאָפן פלעגט מען שוין ביי אונדז קיינמאָל נישט קאָנען: ווי נאָר ס׳פלעגט אָנהויבן צו שאַריען אויף טאָג, פלעגט זיך דערהערן דער ערשטער קריי פון אַ האָן, מסתמא פון עלטסטן, מיטן גרעסטן קאַם, און נאָך אים אַ גאַנצער כאָר:

— קו־קו־רי־קו!!!...

נישט אומזיסט, אפנים, פלעג איך זאָגן אַלע טאָג: „הנותן לשכוי בינה".

אין דער גרויסער שטוב, הינטער אונדזער ווענטל, איז תמיד אויך געווען אַ יאַריד פון פויערים. זיי פלעגן קומען מאַכן אַ שנאַפּס נאָכן מאַרק און פאַרבייסן מיט אַ הערינג אין עסיק און ציבעלעס. זיי פלעגן קומען אָנגעלאָדן מיט קוישלעך, מיט איינגעהאַנדלטע סערפּן, מיט שפּין־רעדלעך, מיט בראָנעס, מיט פּעקלעך הערינג און באַלאָנדלעך נאַפט. פון זייערע ווייסע סערמיגעס און שעפּסענע פּעלצן האָט זיך געטראָגן אַ שאַרפער, זויערער ריח. אין אָוונט פלעגט אַמאָל פאַרפאָרן אין דער סטאַדאָלע אויף „נאָצלעג" אַ גאַנצער „אָבאָז" מיט אייזערנע פּעסער שפּירט פון אַ ברויז. דעמאָלט פלעגט זיך אין דער גרויסער שטוב אויסלייגן אויף דער פּאָדלאָגע אַ גאַנצע קופּע פויערים, — דריי קאָפּיקעס פון אַ קאָפּ... — וואָס פלעגן זיך צעשנאָרכען און צעכראָפּען מיט ווילד־אָפענע מיילער... אין שטוב איז דעמאָלט שווער געווען אַדורכצוגיין מיט אַ נישט־פאַרשטעקטער נאָז... ווי אין אַ קאַזאַרמע!

די איינציקע גוטע זאַך אין דער חורבה איז געווען, וואָס הינטער איר איז געווען אַ קליין סעדל פון עטלעכע פּרוכט־ביימער — רענעטן־עפּל, וואַסערדיקע פלוימען און קאַרשן — און דערצו נאָך בייטן צום פאַרזייען גריבוואַרג. און דאָס פענצטער פון אונדזער קאַמער איז טאַקע אַריינגעגאַנגען אין סעדל. מיין טאַטע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ דאָרף, האָט זייער ליב געהאַט צו פאָרען זיך אין גערטל און האַרט פאַר אונדזער פענצטער האָט ער פאַרפלאַנצט אַ ווערבע. די דאָזיקע ווערבע האָט זיך זייער שנעל צעוואַקסן אין דער הויך און אין דער ברייט און אין אונדזער איין־פענצטערדיקער קאַמער האָט דעריבער אייביק געהערשט אַ האַלב־טונקלקייט. אויף דעם פּיצל שטח צווישן דער ווערבע און אונדזער וואַנט האָט דער טאַטע אויך געמאַכט אַ מין „פּריזבע", אַרומגעצאַמט מיט שטיינער — דאָס איז געווען מיין בייטל, וווּ ער האָט פאַר מיר פאַרזייט אַרבעס און זון־בלומען.

דאָס דאָזיקע סעדל מיטן בוים און בייטל ביי אונדזער פענצטער איז געווען מיין ליידנשאַפט. זומער פלעגט עס דופטן פון דאָרט אין אונדזער

אָפענעם פענצטער אַריין און מיין טאַטע פלעגט קוועלן: „אַן אמתע דאַטשע".
דאָס דאָזיקע בייטל מיינס פלעג איך אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ: יעטן די
ווילדע גראָזן, באַגיסן אין דער צייט פון טריקעניש, צובינדן די אויסגעצוי־
גענע, לאַנגע שטענגלעך פון די זון־בלומען צו עקסטרע־אַריינגעשטעקטע
שטעקעלעך וכדומה.

אגב, אַחוץ מיין אייגענעם בייטל, אויף וועלכן איך בין געווען באַלע־
באָס, פלעג איך זיך אַמאָל נישט קאָנען איינהאַלטן און זיך אַרויפּגנבֿענען
אויפן עפּלבוים... די געל־גאָלדיקע פּירות האָבן סכנותדיק געררייצט פון
צווישן די בלעטער און געבעטן זיך ממש מען זאָל ריי רייסן. נישט שטענ־
דיק אָבער פלעגט עס מיר געלינגען. נישט אַזוי צוליב די באַלעבאַטים
אַליין — זיי איז דאָס סעדל ווייניק געלעגן אין זינען, — ווי צוליב דעם
אַלטן פישל. דער אַלטער פישל איז געווען דער באַלעבאָסטעס טאַטע. דאָס
הויז האָט אַמאָל געהערט צו אים. שפּעטער איז עס אַריבער צו זיין טאָכטער,
ביי וועמען ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף די עלטערע יאָרן. דער אַלטער
ר' פישל האָט פאַרברענגט זיינע לעצטע טעג אין בית־מדרש און זיך אָנ־
געגרייט אויף „שפּעטער", לאחר מאה שנה... אָבער ווי נאָר ס'איז אָנגעקו־
מען דער סעזאָן פון סעדל, איז ער געוואָרן אַן אמתער שומר: גאַנצענע טעג
פלעגט ער אַרומדרעפּטשען מיטן שטעקן צווישן די ביימער און אויף איט־
לעכן בוים ממש די פּירות געציילט... טאָמער פלעגט פעלן, פלעגט ער שוין
אָן טענות זיך נעמען צו מיר. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נאָר מיין
מלאכה, ווייל איינמאָל האָט ער מיך טאַקע געפּאַקט ביי דער האַנט... און גע־
פּאַקט האָט ער מיך אויף אַזאַ אופן: כ'האָב זיך געהאַט צוגעזעצט נעבן אים
אין גערטל אויף אַ באַנק; האָט ער מיר גענומען דערציילן עפּעס אַ מעשה
פון דער פּוילישער „פּאָווסטאַניע" — ער האָט געקענט אַ סך מעשיות; —
דערציילט, דערציילט און אין מיטן דעריבער אַנדרימלט געוואָרן, אָנגעלענ־
טערהייט אויפן שטעקן. כ'האָב געמיינט, אַז ער שלאָפט און האָב תיכף
אַרויפגעטאַנצט אויפן בוים. זיצנדיק אויפן בוים, דערהער איך פּלוצלונג
זיין הייזעריק געשריי: „שייגעץ!! אַרצי־שייגעץ!!!"... כ'האָב זיך קוים באַ־
וויזן אַרויסצודרייען פון זיין שטעקן... פון דעמאָלט־אָן האָט ער מיך געהיט
ווי אַ גנבֿ... ער פלעגט מיר אָפּט פאַרשטערן מיינע שענסטע, מיינע פריי־
לעכסטע טעג, אָט דער אַלטער פישל...

אומעטיק פלעגט מיר ווערן, אמתדיק אומעטיק אויפן האַרץ, בעת עס
פלעגט אָנקומען דער האַרבסט מיט די רעגנס און אין סעדל פלעגט ווערן אַ
וויסטקייט, אַ פּוסטעניש. אין די לאַנגע פינצטערע נעכט פלעג איך זיך צו־

הערן, ווי די ווערבע הינטער אונדזער פענצטער קרעכצט און וואָיעט פון ווינט...

— —

איז אָט דאָס געווען אונדזער „פּאַלאַץ" — ווי מיין עלטערע שוועסטער פלעגט ליב האָבן צו איראָניזירן: — אונדזער „פּאַלאַץ", ווו ס'האָט געפּייפט דער דלות...

זונטיק פלעגט מען קויפן אויף אַ גאַנצע וואָך אַ גרויסן לאַבן שוואַרץ־ברויט, און אַז דער לאַבן פלעגט מיט יעדן טאָג ווערן קלענער, פלעגט ווערן אומהיימלעך. דער טאַטע אליין פלעגט פאַר אַלעמען אין שטוב שניידן די פּעניצן ברויט: גלאַט, זאָרגזאַם, עס זאָל נישט גיין אין ניוועץ, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען נישט קיין ראָזעווע ברויט, נאָר לעקאַך... אויף שבת פלעגט די מאַמע קיינמאָל נישט באַקן קיין חלה אַליין, „פאַר זיך", ווי אַלע באַלע־באָסטעס פלעגן זיך נוהג זיין ערב שבת, נאָר מען פלעגט קויפן די ביליק־סטע חלה, אָן אייער און אָן בוימאייל, גרייטערהייט אויפן מאַרק. בלויז אויף יום־טוב פלעגט מען זיך ביי אונדז פאַרגינען, און דעמאָלט פלעגט שוין די מאַמע מאַכן פאַר מיר, דעם „מיזיניקל", אַ קליין חלהלע מיט אַ „שפּאַניער" אָדער מיט אַ „לייטערל"... אַז דער טאַטע האָט אַמאָל אין אַ פרייטיק גע־כאַפּט אַ פאַרדינסטל ביי אַ שליאַכטשיץ פאַר אַ „פּראַשעניעלע", האָט מען זיך אויך פאַרגונען צו „מאַכן" אַ שבת מיט פיש. נישט קיין קאַרפּן, צי העכט, חלילה, נאָר סטינקעס, אָדער דראָבנע פלאָטקעלעך, וואָס די מאַמע פלעגט עס איינהאַקן און מאַכן דערפון „האַלקעס", ווייל עסן זיי גאַנצענער־הייט איז געווען קיי און שפּיי... אומזיסט די ברכה, וואָס מ'מאַכט דערויף...

אויב מיטן עסן איז ביי אונדז נישט געווען אַזוי פויגלדיק, איז דאָס טרינקען געווען גאָר שפּעדיק. און טרינקען פלעגט מען ביי אונדז אַ סך טיי. אינדערפרי, בייטאָג, אין אָוונט. מיר האָבן געהאַט אַ סאַמאָוואַר מיט אַ „הלאק". דעם סאַמאָוואַר אויף אינדערוואָכנס און דעם „הלאק" אויף שבת. מ'פלעגט דעם „הלאק" פאַררוקן צוזאַמען מיטן „טשאָלנט", און דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג — כאָטש אונדזער „טשאָלנט" איז נישט געווען אזא פעטער — פלעגט מען טרינקען טיי. אינדערוואָכן פלעגט זיך דער טאַטע כסדר ליב האָבן צו פאַרען אַרום סאַמאָוואַר, לייגן אין אים העלצלעך, שפּענדלעך, בלאָזן מיטן מויל און אַמאָל מיט אַ שטיוול, ווי מיט אַ בלאָז־זאַק... טיי פלעגט מען ביי אונדז נוצן גאָר שמעקעדיקן. נישט, חלילה, פּאָפּאָווס, צי וויסאָצקיס טיי — אַ צו טייערע משקה וואָלט עס פאַר אונדז געווען... דאָס איז געווען אַ מין פּרוכטן־טיי — צוויי קאָפּיקעס אַ שאַכטל — און ס'האָט

געהייסן „קיטאַיסקי טשאַי״. אויפן שאַכטל זענען טאַקע געווען אויסגעמאָלט
רויטע און בלויע כינעזער אין צעפּלעך, ווי זיי זיצן אַרום אַ נידעריקן טי־
שעלע און טרינקען טיי...

כ׳האָב קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען האָט זיך אין אונד־
זער שטוב גענומען אזא דורשט...

און אויב חלה פלעגן מיר קויפן אויפן מאַרק פּאַרטיקערהייט, פלעגן
מיר מצה אויף פסח דווקא באַקן „פאַר זיך״. „פאַר זיך״ האָט געהייסן, אַז אַ
צען־צוועלף פאַמיליעס נעמען זיך צונויף און באַקן אָפּ צוזאמען פאַר זיך
מצה. די אַלע פאַמיליעס דינגען אָפּ ביי אַ בעקער אַן אויוון, ארבעטן אָפּ אַ
צוויי־דריי מעת־לעת און פאַרטיק. ס׳קאָסט אַ סך ביליקער ווי קויפן גריי־
טערהייט, אָדער קויפן מעל און לאָזן באַקן אין אַ „פּאָדריאַד״, ווייל אַלע
בשותפותדיקע פאַמיליעס האָבן דאָך אייגענע קנעטערקעס, אייגענע מעל־
שיטער, אייגענע וואַסער־גיסער, אייגענע רעדלער און אַן אייגענעם „זע־
צער״ (שיבער). מיין טאַטע איז געווען אַ זעלטענער רעדלער. זיינע שורות
לעכעלעך אויף די מצות פלעגן אַרויסקומען אַזוי גלייך, ווי לויט אַן אַווירע.
איך בין געווען אַ מעל־שיטער און בין די עטלעכע טעג אומגעגאַנגען איב־
גאַנצן אַ ווייסער, אַ פאַרמעליקטער פון שיטן מעל צו די „מיירעס״...

אין גבירישע הייזער אָבער האָט מען זיך נוהג געווען גראָד פאַרקערט,
נישט ווי ביי חלה: מצה פלעגן גבירים קויפן דווקא פאַרטיקערהייט...

און פון די אַלע דאַרע עסנס, פון דעם שפּעדיקן טיי־טרינקען און
שווענקען די געדערים פלעגט אונטערן האַרץ שטענדיק קיצלען אַ הונגע־
ריקייט, אַ זשעדנעקייט, און די אויגן פלעגן מאָדנע גלאַנצן. מיט קנאה פלעג
איך קוקן אויף די גבירישע קינדער, וואָס פלעגן מיטברענגען אין חדר
בולקעס מיט פּוטער, חלה מיט גריוון, צי מיט גענדזן־שמאלץ. איך פלעג נאָר
קריגן אַ „פירער״1) אין חדר אריין, פאַר וואָס איך פלעג קויפן אַ האַלב פונט
געביי‌טלט ברויט פאַר אַ „דרייער״ און אַ קאָפּ פון אַ הערינג פאַר אַ גראָשן.
מיט קנאה פלעג איך זיך אויך צוקוקן ביי אונדז אין שטוב צו אונדזערע באַ־
לעבאַטים, ווי מען לייגט אַריין אין זיך די זאַטע עסנס, די שטיקער פלייש,
די קאַרטאָפליאַנע קוגלען, די פעטע יויכן מיט די פעטע „טשאָלנטער״.
כ׳פלעג קוקן פונדערווייטנס און אונטערן האַרצן פלעגט מיך קיצלען,
קיצלען...

1) פיר גראָשן.

אַזוי איז געווען ביז דער מאַמעס אַוועקפאָרן.

זינט אָבער די מאַמע איז געווען אין „פּאַקט", איז מיט פּרנסה געווען ביי אונדז פיל לייכטער. דעם טאַטנס פאַרדינסטן צוזאַמען מיט דער מאַמעס האָבן שוין ווי עס איז געקלעקט אין אונדזער דירה... דערצו פלעגט נאָך די מאַמע צושיקן אַמאָל דורך אַ „קאַראַבעלניק" אַ שטיקל פּוטער, אַ קעזל, אַ צענדליק אייער. דערפאַר אָבער האָט דער טאַטע געמוזט אַליין ווערן „באַלעבאָסטע": ער פלעגט אַליין מוזן בעטן די געלעגערס, קאָכן, רוימען, שיילן קאַרטאָפל, וואַשן געפעס, זאַלצן און כשרן פלייש... ער האָט זיך געמוזט אויסלערנען אַלע ווייבערשע מלאכות! ער האָט געמוזט טאָן אין דער באַלעבאַטישקייט פאַר צוויי מענטשן — פאַר זיך אַליין און פאַר מיר, דעם חדר־יינגל. די שוועסטער איז נאָך אין די גאַר שלעכטע צייטן אַנטלאָפן פון דער היים צו אַ מומען אין דער גובערניע־שטאָט און האָט שוין פון דאָרט קיינמאָל נישט געוואָלט צוריקקומען.

און אין דער דאָזיקער צייט, בעת מיין מאַמע איז נישט הי געווען, בין איך עס קראַנק געוואָרן — ווער ווייס, אפשר נישט צוליב אַ פאַרקילונג, ווי צוליב דער אייביקער הונגעריקייט...

דער טאַטע האָט זיך עס גענומען מיך מיט געוואָלט „פּאָפּראַווען" — ווי דער דאָקטער האָט אים שטרענג פאַרזאָגט. דריי מאָל אַ טאָג האָט ער מיר געגעבן צו טרינקען „עמס"־וואַסער מיט מילך און טאָג־טעגלעך פלעגט ער מיט מיר גיין אין פעלד אַריין שפּאַצירן. ס'איז מיר געווען זייער פאַרדעכטיק, וואָס שטענדיק האָט ער מיך געוואָלט נעמען פאַר אַ האַנט און כסדר געוואָרנט: „פּאַמעלעך, גיי פּאַמעלעך". דער פרילינג איז שוין געווען דעמאָלט אַ צעבליטער, אַ צעגרינטער. פון איבער פאַרקאַנעס האָט געררייצט דער אַראָמאַט פון הויפּנס בעז.

— דו שמעקסט? — פרעגט דער טאַטע, — ציִ אַריין די לופט. ס'איז געזונט!

כ'האָב געצויגן דעם אַראָמאַט טיף אין זיך אַריין. אומגעקראָכן מיטן טאַטן איבער פעלדער און לאָנקעס. אַז דער טאַטע איז געווען פאַרנומען, האָב איך פאַרבראַכט אין „אונדזער אייגענעם" סעדל, הינטערן פענצטער פון אונדזער קאַמער. כ'בין אין חדר נישט געגאַנגען און געווען שטענדיק פראַנק און פריי. אָבער ס'האָט מיך נישט געפרייט: כ'בין געווען אָפּגעריסן פון חברים, נישט געשפּילט זיך, נישט אומגעלאָפן מיט קיינעם, און אַ גרויסער שווערער אומעט איז געפאַלן אויף מיין קינדעריש געמיט... אין מיין

יונגן מוח האָט זיך אַריינגעריסן מיט שאַרפֿע נעגל, ווי אַ שפּאַרבער, אַ שוואַרצע מחשבה:
„כ׳וועל שטאַרבן״———

4

דער טאַטע האָט געשריבן צו דער מאַמען וועגן מײַן קראַנקייט און זי איז, אַ צעשראָקענע, עקסטרא אַראָפּגעקומען אויף אַ פֿויעריש פֿורל אַ קוק צו טאָן וואָס מיט מיר איז. בעת זי איז געקומען צופֿאָרן, האָב איך שוין כמעט ווי נישט געהוסט און אויפֿן פּנים האָב איך אויך אויסגעזען אַ סך בעסער ווי פֿריער. ס׳איז געבליבן, אַז סײַ־ווי־סײַ גיי איך דאָך נישט אין חדר, איז גלײַכער כ׳זאָל מיטפֿאָרן מיט דער מאַמען אין פּריצישן הויף אַרײַן.

דער הויף איז געווען נישט זייער קיין גרויסער, אָבער אַ ריינער, אַ זויבערער. נײַע שפּײַכלערס, שײַערס און אַ לאַנגע שטיינערנע „אָבאָרע״. דעם פּריצס הויז איז געווען אַ ווײַס־געטינקעוועטע פֿון אויסנווייניק, מיט אַ היפּשן סאָד פֿון הינטן און אַ גאַניק פֿון פֿאָרנט. דער הויף איז געלעגן נעבן אַ דאָרף — ראַדזעוויטש — און האָט דעריבער אויך געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען.

אין הויף האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿנט אַ נײַע וועלט. פֿעלדער, לאָנקעס, סעדער, דופּטיקע סטאָגעס היי, פֿערד, הינט, און „אָבאָרע״ מיט בהמות. ס׳איז געווען אין מיטן יוני. דער זומער איז געווען שפּעדיק אין בלויקייט און זון. גאַנצענע טעג פֿלעג איך אומלויפֿן איבער די פֿעלדער אַרום הויף און האָב אָפּט אָן אַלצדינג פֿאַרגעסן. ס׳האָבן זיך מיט מיר געגומען חברן דעם פּריצס קינדער — צוויי שקצימלעך, ייִנגערע פֿון מיר, און אַ שיקסל, וועלכע איז געווען מיט עטלעכע יאָר עלטער פֿון מיר. צוזאַמען מיט זיי פֿלעג איך אַרומקריכן איבער די סעדער און גערטנער, רײַסן פֿון די ביימער, פּליקן פֿון די בייטן. אָפּט פֿלעגן מיר זיך פֿאַרקלײַבן אויף אַ הויכן סטויג. מיר פֿלעגן טאַנצן, שפּרינגען און קאָלערן זיך. בעתן אַרומרעגירן אינעם היי פֿלעגט דאָס בלוי־אויגיקע שיקסל — פֿראַנקע האָט זי געהייסן — משונהדיק לאַכן און קוויטשען. די גרויסע שטיפֿערקע האָט מיך איינמאָל פֿאַרשאָטן מיט היי און נישט געלאָזט מיך גאָר אַרויסקאַראַבקען זיך. כ׳האָב זיך געראַנגלט מיט איר און זי האָט געלאַכט און געקוויטשעט, מיך אַרומגעכאַפּט אַרום האַלדז

און אַריינגעלאַכט מיר אין פּנים אַריין. אויף מיינע באַקן האָב איך געשפּירט איר הייסן אָטעם. כ'האָב נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די הויך־געוויקסיקע פראַנקע מיט אירע צוויי בלאָנדע צעפּלעך פון הינטן האָט גראָד מיט מיר שטענדיק ליב געהאַט ארומצוערגירן און נישט מיט אירע יינגערע ברידער־לעך; אָבער איטלעכס מאָל, וואָס זי פלעגט נעמען אַרומשטיפן מיט מיר אי־נעם היי, פלעגט מיר אין האַרצן אָנהויבן האַסטיקער צו קלאַפּן...

*****

אָן מיין קראַנקייט וואָלט איך זיך אפשר אינגאַנצן פאַרגעסן, ווען די מאַמע וואָלט עס מיר נישט דערמאָנט. יעדן אינדערפרי און יעדן פאַרנאַכט פלעגט זי מיך מיטנעמען אין דער „אָבאָרע", ווו זינגענדיקע פויערטעס פלעגן מעלקן די בהמות. די מאַמע פלעגט אַליין אָנמעלקן אַ קריגעלע מילך און מיר געבן עס צו טרינקען. דער גאַדיכטער שוים פלעגט ביי מיר מאַכן ווייסע „וואָנסן" און די וואַרימע מילך פלעגט אינעווייניק זיך אַריינגיסן ווי אַ באַלזאַם. אַזוי טאָג־טעגלעך ביי איטלעכן מעלקן די קי. אין שטוב ווידער פלעגט מיר די מאַמע מאַכן אַזעלכע פעטע פיינקוכנס, מיט אַזוי פיל פוטער, אַז דער פיינקוכן פלעגט זיך ממש טרינקען אין פעטס. אין הויף האָב איך טאַקע געקריגן פאַרב אין די באַקן. און אַז איינמאָל איז ביי אונדז געווען אַ „קאַראַבעלניק" פון שטעטל, האָט אים די מאַמע געבעטן אָנזאָגן דעם טאַטן, אַז כ'האָב זיך זייער גוט „פּאָפּראַווע־ט" און אַז איך הוסט שוין נישט.

שפּעטער האָב איך אויך געקריגן יידישע חברים. די מאַמע האָט מיך איינמאָל אין אַ שבתדיקן טאָג מיטגענומען צו־גאַסט אין דער קרעטשמע, וואָס אויף יענער זייט דאָרף, און דאָרט איז געווען אַ ייִנגל אין מיינע יאָרן. משהל האָט ער געהייסן. משהל איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַן אָפּגעברענט פּנים, באַשאָטן מיט זומערשפּרינקלעך. זיינע שטענדיק־באָר־וויסע פיס זענען געווען ווי מיט אַ שוואַרצער הויט פאַרצויגן. ער איז גע־ווען אויסגעבונדן מיט אַלע דערפער אַרום ראַדזעוויטש, און מיט גויים האָט ער גערעדט אויף זייער לשון ווי אַן אמתער שייגעץ. זינט יענעם שבת פלעג איך זיך מיט משהלן טאָג־טעגלעך באַגעגענען: אָדער איך פלעג גיין צו אים, אָדער ער צו מיר.

משהל האָט מיך אויך געפירט צו אַנדערע יידישע ייִנגלעך.

— ווילסט גיין צו פרצן און זרחן? — פרעגט ער מיך איינמאָל.

— ווער זענען זיי?

— מיינע חברים.

— ווּ זענען זיי?

— אַן־דאָרט, איבערן טײַכל. — האָט ער מיר אַ ווײַז־געטאָן אויפן קעגנאיבערדיקן דאָרף.

אין אַ קליין הײַזל איז געזעסן אַ שנײַדער און געשטעפּט אויף אַ נײַ־מאַשין — און דער דאָזיקער שנײַדער האָט געהאַט אַ צווילינג — פּרץ און זרח.

די ייִנגלעך האָבן זיך זייער דערפרייט מיט אונדז און אונדז אַוועק־געשלעפּט אין דערנעבנדיקן וועלדל קלייבן שוואָמען.

איז פון דעמאָלט־אָן אַוועק אַ צײַט פון הפקרדיקייט. אונדזער חברה איז גאַנצענע טעג געווען „באַשעפּטיקט”. אַלץ האָט געהערט צו אונדז — די פעלדער מיט די אַרבעס־סטרוטשעס, די גערטנער מיט די אוגערקעס און מאַקאָווקעס, די סעדער מיט די עפּל און באַרנעס.

שלעכט איז נאָר געווען, בעת עס פלעגט רעגענען און כ׳פלעג מוזן זיצן אין שטוב. ס׳האָט דורכגענומען אַ זויערער שאַרפער ריח פון די לאַ־דישעס זויער־מילך, פון די קעזן, וואָס זענען געלעגן אונטערן פּרעס און פונעם גרויסן אויוון, ווו די לאַדישעס זויער־מילך האָבן זיך איבערגעבריט אין „סוואָרעכטס”. די פליגן האָבן געראַיעט ווי אַ פינצטערע מחנה, וואָס באַלאַגערט אַ פעסטונג. די מאַמע פלעגט פון צײַט־צו־צײַט עפענען דאָס קליינע דאָרפישע פענצטערל און נעמען אַרויסיאָגן מיט אַ האַנטוך די צע־זשומעטע פליגן:

— אַ שרפה! אַ מגפה!

די מחנה פלעגט זיך נאָך מער צעזשומען און חמרימווייז פלעגן זיך די פליגן שיצן אין אַלע ווינקלען און אויבן אַרום סופיט. און וויפל מ׳זאָל זיי נישט יאָגן און טרייבן, איז שטענדיק פול געווען, כאָטש נעם און ציַנד אונטער די שטוב...

אין אַזאַ טאָג, בעת כ׳פלעג זיצן אין שטוב, פלעגן אַמאָל קומען צו מיר דעם פּריצס קינדער, אָדער די צוויי־צעפּלדיקע פראַנקע אַליין.

איינמאָל, זיצנדיק ביי אונדז אין שטיבל, האָט פראַנקע זיך געשפּילט מיט מיר אין „פּעטשעלעך”. זי איז געווען אַזאַ לאַכעדיקע, די פראַנקע, און האָט נישט אויפגעהערט צו הילכן מיט איר געלעכטערל. די מאַמע וואַרפט אַרײַן אַ וואָרט, אַז זי איז שיין ווי גאָלד, די ערלית. איך האָב זי אָנגעקוקט און טאַקע געזען, אַז אירע כסדר־שמייכלדיקע אויגן זענען בלוי ווי דער הימל. אָבער כ׳האָב דאָך געוווּסט פון „חדר”, אַז בלויז ייִדישע קינדער

האָבן נשמות אין די אויגן און אַז ביי איר, ביי פראַנקען, זיצן נאָר „מענ־טשעלעך", געטשעלעך אַזעלכע...

כ'האָב שוין געהאַט געוואָלט אויפהערן צו שפּילן זיך מיט פראַנקען (ס'איז גאָר נישט אַזוי רעכט מיט אַן ערלטע...); אָבער זי האָט מיך נישט געוואָלט אָפּלאָזן.

— נאָך! נאָך!

אַמאָל פלעג איך איר טרעפן אין האַנט, אַמאָל זי מיר. פּלוצלונג איז זי גאָר משוגע געוואָרן און אָנשטאָט מיר צו טרעפן אין האַנט, האָט זי מיר געגעבן אַ פּעטשל אין באַק. דאָס איז געווען אין שפּאַס און ס'האָט מיר גאָרנישט וויי געטאָן; אדרבה, ס'איז געווען ווי אַ מין גלעט, ווי אַ מין צערטלעכקייט, און טיף אין האַרץ ביי מיר האָט עפּעס אומקלאָרעס אַ ציטער געטאָן...

מיט געהיימער שרעק האָב איך זיך אָפּגערוקט פון פראַנקען און פאַר קיין אופן מער נישט געוואָלט שפּילן זיך מיט איר. זי האָט זיך געהאַט פאַרענטפערט, אַז זי האָט עס נאָר געשפּאַסט און אַז עס קאָן דאָך נישט וויי טאָן פון אַט אַזאַ פּעטשל (זי האָט בעת־מעשה אַ וויַיז געטאָן דאָס קליינע פּעטשל אויף איר אייגענער באַק).

— ס'טוט טאַקע נישט וויי, אָבער כ'וויל נישט! — האָב איך זיך איינגעשפּאַרט.

***

איינמאָל האָב איך זיך געזען פּנים־אל־פּנים מיטן טויט.

כ'בין געגאַנגען דורכן דאָרף. פּלוצלונג האָב איך פון איין כאַטע דער־הערט אַ געוויין. כ'בין צוגעגאַנגען צו דער אָפענער טיר און האָב דערזען:

אין מיטן שטוב איז אין אַן אָפענער ווייסער טרומנע געלעגן אַ טויט שיקסל, אָנגעטאָן אין נייע חגא־קליידער, פריש פאַרקעמט די פלאַקסענע האָר. אַ שאַרף פאַרריסן נעזל האָט זיך געשפּיצט אויף אַ געלן געזיכט און אַ שורה ציינדלעך האָבן מאויִמדיק אַרויסגעוווּנקען פון אַ האַלב־געעפנטן מויל. אויפן האַרץ ביי איר איז געלעגן אַ קליין שוואַרץ צלמל. צוקאָפּנס האָבן געברענט צוויי גרויסע וועקסענע ליכט און פאַרנט זענען געשטאַנען די בני־בית אויף די קני און זינגענדיק געוויינט...

כ'בין שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערט און געקוקט מיט צעשוומענע אָפּלען פון שרעק. כ'האָב געשווידערט, נאָר אַנטלויפן נישט געקאָנט.

דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך איינגעגעסן אין מיין דמיון און נישט אָפּ־

געטראָטן פון מיר. ווי נאָר ס׳פלעגט טונקל ווערן, פלעג איך ציטערן צו בלייבן איינער אַליין, אָן דער מאַמען. פון איטלעכן ווינקל האָט געקוקט, דוכט זיך, דאָס ווייסע פּנים פון טויט...

פון וואָס זי איז געשטאָרבן, דאָס שיקסל, האָב איך נישט געוווּסט. נאָר ס׳האָט זיך מיר געטראַכט, אַז אפשר איז זי אויך אַזוי קראַנק געווען ווי איך?... אפשר האָט איר אַ דאָקטער אויך געהייסן טרינקען „עמס״-וואַסער מיט מילך?... עסן פיינקוכנס, וואָס שווימען אין פעטס?...

איבער מיין דאָרפישער זאָרגלאָזיקייט האָט זיך פאַרצויגן אַ כמארע...

„כ׳וועל שטאַרבן״... — האָט זיך ווידער געגראָבן די אַלטע, בייזע מחשבה, ווי מיט נעגל פון אַ שפּאַרבער...

כ׳האָב אויפגעהערט צו גיין צו מיינע יידישע חברים אין קרעטשמע און אין שכנישן דאָרף. כ׳האָב אויך אויסגעמיטן דעם פּריצס קינדער אין הויף.

— מאַמע! — זאָג איך איינמאָל ביים לעגן זיך שלאָפן, — דער טאַטע האָט דיר נישט דערציילט וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט?...

— אַוודאי האָט ער דערציילט.

— וואָס האָט ער געזאָגט, דער דאָקטער?...

— האָסט דאָך אַליין אויך געהערט.

— ניין, איך ווייס נישט... כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט גערעדט מיטן טאַטן... זאָג מיר, מאַמע, וואָס האָט ער געזאָגט?...

— ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאַרעלע.

— האָט ער נישט געזאָגט, אַז... אַז כ׳וועל געזונט ווערן?...

— אוודאי וועסטו געזונט ווערן, זון מיינער! ביסט שוין געזונט...

— טאָמער ניין, מאַמע?...

— נאַרעלע... פאַרוואָס-זשע, חלילה, ניין?

— טאָמער וועל איך... טאָמער וועל איך שטאַרבן?...

— גיי שוין, גיי, נאַרישער יינגל! טפו, טפו, נישט דאָ געדאַכט!

כ׳בין געבליבן זיצן פאַרטראַכט און האָב פאַרגעסן גאָר, אַז איך האַלט זיך אין מיטן אויסטאָן.

— נו, פאַרוואָס לייגסטו זיך נישט? — פרעגט די מאַמע, — לייען אָפּ „קריאת - שמע״ און לייג זיך שלאָפן.

כ׳האָב גענומען זאָגן אין דער שטיל „שמע ישראל״ און זיך געלייגט.

— מאַמע... — וויל איך עפּעס ווייטער זאָגן ליגנדיק.

— גענוג, גענוג, שלאָף!

— כ'מעג נאָך ריידן. כ'האָב נאָך נישט געזאָגט קיין „המפיל".

די מאמע האָט אַראָפּגעדרייט דעם דאָרפישן „קורניק" און אינעם חושך איז געבליבן בלויז אַ קליין, רויט פינטעלע.

— מאמע, מאַך אַ גרעסער פייערל, כ'האָב עפּעס מורא...

די מאמע האָט אַביסל אַרויסגעדרייט דאָס רויכערדיקע לעמפּל און זיך צוריקגעלייגט.

— פאַרמאַך די אויגן און שלאָף. ס'איז שוין שפּעט, — זאָגט זי פון איר געלעגער.

כ'בין אָבער נישט געשלאָפן. כ'בין געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער טונקלקייט און געקוקט אויפן קליין פייערל. ס'איז פון זיך אַליין קלענער געוואָרן און אויסגעגאַנגען. אַזוי, זאָגט מען, גייט אויך אויס אַ נשמה, ווען אַ מענטש שטאַרבט...

אַ גאַנצע נאַכט בין איך אַזוי אָפּגעלעגן וואַכערהייט אין דער שטאָק־פינצטערניש און צום ערשטן מאָל אַזוי פיינלעך געטראַכט וועגן טויט, ווי אַזוי מענטשן שטאַרבן, ווי מען טוט זיי אָן ווייסע תכריכים, ווי מ'לאָזט זיי אַראָפּ אין גרוב און מ'פאַרשיט זיי, ווי די ערשטע נאַכט ווייזט זיך גלייך דער „מלאך הדומה" מיט זיין פראַגע: „מה שמך?"...

פון דער פינצטערניש איז פלוצלונג אַרויסגעשוווּמען די ווייסע דעמ־בענע טרומנע, דאָס אויסגעפּוצטע טויטע שיקסל מיט די גלאַט־פאַרקעמטע פלאַקסענע האָר און מיטן ווייסן פאַררייסענעם נעזל...

כ'האָב מיך באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע און באַגאָסן זיך מיט אַ קאַלטן שוויס.

6

דער אלול איז געקומען און געבראַכט שטילן אומעט אין די דאָרפישע ישובים. כאָטש די טעג זענען געווען העלע, זוניקע, פונדעסטוועגן איז שוין אין די אָוונטן קיל געווען און מען פלעגט זיך פריער שוין פאַרקלייבן אין די כאַטעס. די פעלדער זענען שוין געווען פוסט פון תבואות. בלויז די קאַרטאָפל־פעלדער זענען נאָך נישט אַלע געווען אויסגעגראָבן, און דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען, ווי אַ פאַרמאַטערט פערד מיט אַן אויסגעצוי־גענעם האַלדז שלעפּט דעם פלוג. אַ פויער גייט נאָך אַן איבערגעבויגענער איבערן פלוג און טרייבט אונטער: — „היי־דאַ!" — „וויאָ"! ווייב און קינד

זענען אומגעקראָכן איבער די פריש־אויפגעעפנטע „אָזאָרעס“ און געקליבן די ערד־פּירות אין קוישלעך.

אין די סעדער האָט עס געקאָכט: מען האָט געטרייסלט דיביימער און אַראָפּגענומען די שפּעטיקע פּרוכטן. אין די שטרויענע ביידלעך זענען גע־לעגן גאַנצענע בערג עפּל און באַרנעס און טאָג־טעגלעך פלעגן פורן מיט אויבס, אַרומגעדעקט פון אויבן מיט שטרויענע „מאַטעס“ און ראָגאָזשעס, ציען אין שטאָט אַריין.

ביינאַכט פלעגט פון הינטער די ביימער באַוויזן זיך די לבנה — עפּעס אַ פאַרגרעסערטע און קעלטערע. עס האָט אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט פּלוצ־לונג אַרויס פון אירע באַהעלטענישן וועמען איבערצושרעקן. אויף די פּוסטע וועגן האָבן הינט געבילט מיט אַ מאָדנער צערייצטקייט אויף יעדער פאַרבייפאָרנדיקער פור.

די מאמע האָט מיר אַלע טאָג דערמאָנט, אַז עס איז ימים־נוראים; אַז מען דאַרף זיין אַביסל פרימער. זי האָט מיך געהיט איך זאָל נישט „אָפּ־מאָלן ווי אַ מיל“ דעם דאַווענען און נאָך „עלינו“ האָט זי מיר נאָך געהייסן זאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים אויך. אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך איר געוויס נישט געפאָלגט; אָבער איך ווייס דאָך, אַז איר כּוונה איז — איך זאָל געפינען חסד און לייטזעליקייט אין די אויגן פון גאָט און ער זאָל מיר שיקן אַ רפואה שלמה... האָב איך טאַקע געשלונגען איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן... עס איז דאָך געווען פאַר מיינעטוועגן....

האַרט פאַר ראש־השנה זענען מיר געפאָרן אַהיים, אין שטעטל אַריין. געפאָרן זענען מיר צוזאַמען מיט די „ישובניקעס“, וועלכע האָבן אויך גע־וואָלט זיין ימים־נוראים צווישן יידן. צוויי פורן זענען געווען באַלאַגערט מיט ווייבער און קינדער, מיט קוישן הינער און הענער, וואָס האָבן אַ גאַנצן וועג געהאַלטן אין איין קרייען.

— קוקוריקו!!! — האָט זיך אַלע ווײַלע דערהערט אַ „תקיעה גדולה“ פון אַ קוישל אַרויס.

— קוקוריקו!! — האָבן די קינדער אין די פורן נאָכגעקרימט אין כאָר.

אַריינגעקומען אין שטוב אַריין בין איך אַ פאַרשעמטער, אַ פאַררוי־טיקטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן — אָפּגעווינט זיך פון מענטשן.

די שכנטעס האָבן מיך אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן:

— אַ גאַסט! אַ גאַסט!

— סקאָצל קומט!

— ער איז דאָך שוואַרץ ווי אַ טאָטער!

— ווי פיין ער האָט זיך פּאַפּראַוועט!

— נעבן דער מאַמעס פאַרטוך...

דער טאַטע האָט מיך אויך באַטראַכט און איז געווען, קענטיק, זייער צופרידן.

— ער הוסט נישט, חלילה? — פרעגט ער דער מאַמען.

— ניין, דאנקען גאָט. ער הוסט שוין לאנג נישט.

— גאָט צו דאַנקען!

מיט מיינע אַלע געוועזענע חברים פון אונדזער גאַס האָב איך עפּעס אַצינד קיין לשון נישט. עפּעס בין איך פון זיי געוואָרן אָפּגעזונדערט, פרעמד. זייערע שפּילן אין „שטעט", אין „באַהעלטעניש", צי אין „גרעצ־קע פאַלקע" האָבן מיך מער נישט געקאָנט פאַרנעמען. איך האָב זיך דער־שפּירט מיט אַמאָל עלטער פון זיי מיט אַ סך, אַ סך יאָרן...

איינמאָל טרעף איך אָן מיינע צוויי געוועזענע חברים און הער אַזאַ מין שמועס וועגן מיר:

— אָט איז ער, דער חולה. מען טאָר לעם אים נישט שטיין. מען קאָן זיך נאָך אָננעמען.

— אָט גייט ער, דער „כאכליאק".

— קכע! קכע! קכע!.. — מאַכט זיך איינער הוסטנדיק, — נאַ דיר אַ שטיקל קאַנדל־צוקער! — שטעקט ער מיר פון דערווייטנס אַ האַנט.

— קכע! קכע! קכע! קראַנקער דייטש!

איך האָב זיי גאָרנישט געענטפערט און בין אַוועק מיט שנעלערע טריט.

„נישט אומזיסט... — טראַכט איך ביי זיך, — אין שטאָט, אפנים, ווייס מען וואָס מיר איז... קינדער אַנטלויפן פון מיר"..

און אָן חברים, שטענדיק אַליין, בין איך געוואָרן אַ פאַרשלאָסענער אין זיך. אַן איינזאַם, שווייגנדיק יינגל, מיט אַ סוד, מיט אַ פינצטערן סוד אין דער נשמה... איך האָב זיך איינגעוווינט צו ריידן שטילער, צו גיין פאַ־מעלעך, פאַרזיכטיק, גלייך ווי איך וואָלט מורא געהאַט מיט מיר זאָל, חלילה, עפּעס נישט געשען... כאָטש אין שטוב האָט מען שוין געהאַלטן, אַז איך בין שוין געזונט און מען האָט אויפגעהערט קוקן אויף מיר, פונדעסט־וועגן איז אַלץ מער געוואַקסן מיין זיכערקייט, אַז מיט מיינע לונגען האַלט עס נישט גוט... עפּעס טאַטשעט אינעווייניק, עפּעס זויגט ווי אַ שלאַנג... איך שפּיר עס, דאַכט זיך, אין האַרצן... עס גנבעט זיך דער ווייטיק, נאָגט און לאָזט אָפּ, נאָגט און לאָזט אָפּ.

איך האָב אָבער מיין סוד געשטיקט אין זיך. פאַר קיינעם אין שטוב נישט גערעדט, פאַר קיינעם זיך נישט געקלאָגט. גלייך ווי איך וואָלט זיך געשראָקן דאָס אַרויסצוברענגען פאַר די ליפּן. אגב איז שוין די מאַמע ווידער אין שטוב נישט געווען און פאַרן טאַטן איז עס מיר שווער געווען צו ריידן. האָב איך געשטומט.

איין פרימאָרגן איז עס מיר געוואָרן מער באַשיינפּערלעך:

איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער קעגנאיבער אונדזער איינציקן פענצטער און געטראַכט מיינע טראַכטונגען. דער טאַטע איז אין שטוב נישט געווען. ער איז אַוועק אין בית־מדרש דאַוונען, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיטן ערשטן „מנין". איך האָב באַקוקט מיינע אייגענע נאַקעטע הענט, געדריקט זיי אין פויסטן און געפּרוּווט די כוחות מיינע. איך האָב גענומען באַטראַכטן די ברוסט־קאַסטן, ווו דער דאָקטער האָט אַזוי מיושב־דיק אויסגעהערט מיטן טרייבל. איך האָב געקוקט, געקוקט — און פּלוצלונג באַמערק איך, ווי אין איין אָרט הויבט זיך עס אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ. עס קלאַפּט!...

„אַ האַרץ־קלאַפּעניש!"... — טוט מיר אַ בליץ און איך ווער צע־שראָקן... איך בין זיכער געווען, אַז אַ געזונט האַרץ דאַרף נישט קלאַפּן... און טאָמער קלאַפּט עס, איז אַ שלעכטער סימן...

איך האָב מיין סוד ווייטער געשטיקט אין מיין „קלאַפּנדיקן" האַרץ...

און וואָס מער איך האָב אַריינגעטראַכט אין זיך אַליין, אַלץ מער האָב איך געשפּירט דאָס „האַרצקלאַפּעניש". און נישט נאָר אויסגעטוענערהייט, אויפן געלעגער, נאָר אויך בייטאָג, אין גאַס, אין מיטן גיין, אין מיטן שטיין... איך האָב נאָר געדאַרפט צולייגן די האַנט... „טיאָך... טיאָך... טיאָך"... אַמאָל האָט מיך שטאַרק געקלעמט אין ברוסט א ווייטיק... אַן אומהיימלעכער ווייטיק... „טיאָך... טיאָך... טיאָך"...

***

אַ פּאָר וואָכן נאָך סוכות, בעת די ברוינקייט פון מיין פּנים איז שוין אָפּגעגאַנגען און כ'בין צוריק געוואָרן אַ בלאַס יינגל, האָט דער טאַטע באַשלאָסן מיך אָפּצוגעבן צו אַ מלמד בלויז אויף אַ צוויי שעה אַ טאָג.

— פאַרט אַ שוואַך קינד, — האָט ער געזאָגט.

כ'האָב אין די צוויי שעה געלערנט תנ"ך און „אַ שטיקל גמרא", און די איבעריקע צייט פון טאָג אומגעגאַנגען שלינג־און־שלאַנג און געטראַכט מיינע טרויעריקע טראַכטונגען...

אַנטקעגן „אונדזער“ שטוב איז געשטאַנען אַ קוזניע. פלעג איך ליב האָבן צו שטיין דערנעבן שעהן־לאַנג און אַריינקוקן אין דער שוואַרצקייט אַריין. דער בלאָז־זאַק האָט געסיקעט און דער אַלטער שמיד אין פאַרטוך, איינגאַנצן אַ שוואַרצער, אַ פאַרסאַדזעטער, מיט אַן אויסזען פון אַ מכשף, האָט אַלע ווײַלע אַרויסגעשלעפּט פון דער „האַרנע“ אַן אָנגעגליט אײַזן און אַ לײַג געטאָן עס אויף דער „קאָוואַדלע“.

— הוק! האַק! הוק! האַק! — איז געגאַנגען אַ קלאַפּערײַ מיט האַמערס. ער אַמאָל — זײַן געהילף אַמאָל. אַזוי כּסדר. פונקען האָבן געשפּריצט אין אַלע זײַטן, ווי פאַלנדיקע שטערן.

בעת־מעשׂה פלעגן מיר קומען אויפן רעיון אַזעלכע משונהדיקע אײַנפאַלן: „אויב דער שמיד וועט נאָך געבן צוויי קלעפּ און דער געהילף איינעם — וועל איך געזונט ווערן; אויב דער שמיד איינעם און דער געהילף איינעם — איז שלעכט“...

אַמאָל פלעגט עס אויספאַלן צום גוטן, אַמאָל ווידער פאַרקערט...

דער דאָזיקער איינפאַל פון „סימנים“ האָט מיך כּסדר פאַרפאָלגט. וואָס עס פלעגט מיר נאָר קומען פאַר די אויגן, פלעג איך נעמען פּרוּוון מײַן גורל... „וועט, אַ שטײַגער, דער שיכּורער פויער גיין רעכטס — איז גוט, לינקס — איז טויט“... וכדומה. תּמיד האָט זיך מײַן גורל געוויגט צווישן לעבן און טויט... און וואָס עלטער איך בין געוואָרן — ס'איז מיר שוין געגאַנגען דאָס צוועלפטע יאָר, — אַלץ עקשנותדיקער זענען געוואָרן די דאָזיקע מחשבות, דאָס גריבלען זיך אין פינצטערן רעטעניש פון מײַן יונג לעבן... מײַנע קינדערישע טעג זענען געווען אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצער נעץ...

***

דאַרף, מעשׂה־שטן, טרעפן, אַז ביי אונדזערע באַלעבאַטים, ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן זיך נישט געהאַדעוועט קיין קינדער. ביז דעם ווינטער זענען שוין צוויי פון דער וועלט אַוועק: איינס, אַן עופהלע, האָט די מוטער אין שלאָף דערשטיקט — אַ פּעפּערקע געווען; אַ צווייטס איז סתם געשטאָרבן; און איצט, אין מיטן ווינטער — דאָס דריטע אומגליק! דאָס דריטע קינד, אַ ייִנגעלע, האָב איך זייער ליב געהאַט. ס'איז געווען אַ וויכּס, אַ פּולכּס, מיט קײַלעכדיקע הענטעלעך, מיט צאַרטע רײַפעלעך אַרום העלדזל און געשמאַקע זיסע ליפּעלעך. כ'פלעג נישט קאָנען פאַרבײַגיין רויִק כ'זאָל עס נישט קושן און בײַסן פאַר ליבשאַפט. און פלוצלונג — די קללה

פון דער שטוב! — ווערט עס קראַנק, פּישטשעט־אָפּ אַ וואָך צייט און הויכט אויס דאָס ריינע נשמהלע... אין מיטן נאַכט האָט מיך אויפגעוועקט אַ פאַר־צוויפלט געשריי פון קינדס טאַטע־מאַמע: דעמאָלט איז עס געשען...

ס׳האָט מיך אינגאַנצן צענומען און כ׳האָב זיך אויך צעוויינט אויפן קול.

און ווידער פנים־אל־פנים מיטן טויט:

בייטאָג איז געקומען נחום דער קברות־ייִד מיט דער צעקנאָדערטער, סודותדיקער באָרד, האָט אַרומגעוויקלט דאָס טויטע קינד אין אַ שוואַר־צער טוך, גענומען עס אָן איינגעהילטס אויף די הענט, ווי אַ מאַמע ביים אָנזויגן, און אַרויסגעטראָגן עס פון שטוב אַרויס.

— ד׳ נתן, ד׳ לקח! זאָל אייך גאָט אָפּגעבן אַן אַנדערן... — האָט ער אַרויסגעמורמלט ביי דער שוועל.

דאָס טויטע קינד האָב איך אין געזיכט נישט געזען: כ׳האָב שרעק־לעך מורא געהאט צוצוגיין נאָנט. כ׳האָב נאָר געזען פון דערווייטנס, ווי דער קברות־ייִד האָט זיך געפּאָרעט ביים קערפּערל, געוויקלט עס און גע־מאַכט דערפון ווי אַ לענגלעך, שוואַרץ פּעקעלע...

אין דער אבל־שטוב האָבן זיך נאָכדעם כסדר געהערט זיפצן און „אויען". ווייבער זענען געקומען און אַוועקגעגאַנגען. די „שבעה"־זיצער אויף די קליינע בענקעלעך זענען געווען אַרומגערינגלט פון שכנים און שכנטעס, וואָס זענען געקומען מנחם־אבל־זיין. די ווייבער האָבן גערעדט און גערעדט מיט אַן אומעטיקן ניגון און דערציילט מעשיות פון טויט... איך בין געזעסן אַ שטילער, אַן איינגעקאָרטשעטער אין אַ ווינקל, אומבאַ־מערקט ווי אַ שאָטן, און פאַרנומען יעדעס וואָרט. די אַלע רייד און די אַלע מעשיות האָבן זיך געלייגט אויף מיין נשמה ווי אַ שווערער באַרג. ס׳האָט זיך מיר אויסגעמאָלט אַ גרויסער אָפענער קבר, וואָס איז תמיד גרייט איינצושלינגען...

טויט... שטאַרבן... טויט... שטאַרבן...

ווי גיפטיקע, בייסנדיקע פליגן האָבן די דאָזיקע ווערטער אין מאַרך געפּיקט...

פאַרוואָס מוז מען עס שטאַרבן?...

פאַרוואָס? פאַרוואָס? — — —

און איך פאַרוואָס?... כ׳וועל דאָך אויך מסתמא שוין אינגיכן מוזן שטאַרבן... כ׳האָב זיך געטאַפּט ביי דער ברוסט — „עס קלאַפּט"... שלעכט: „עס קלאַפּט"... און אַזוי טאַפּנדיק זיך ביים האַרץ, האָב איך זיך פונאַנדער־

געכליפּעט... מ׳האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט אין אונדזער קאַמער.

— פאַרוואָס וויינסטו?

— יאָסעלע... יאָסעלע... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

— ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס קינד, נעביך! — האָט באַמערקט אַ שכנה.

***

„וואָס די ערד דעקט צו, מוז פאַרגעסן ווערן" — האָבן פילאָזאָפירט יידענעס, און אין שטוב איז טאַקע געקומען אַ געוויסע באַרויִקונג. אגב איז די באַלעבאָסטע ווידער פאַרגאַנגען אין „טראָגן" און וואָס ווייטער איז איר קלייד פון פאָרנט געוואָרן קירצער ווי פון הינטן... זי איז אַרומגע־גאַנגען אַ פאַרטראַכטע, פאַמעלעך און פאָרזיכטיק געשטעלט אירע טריט, גלייך ווי זי וואָלט געציטערט איבער איר נייער האָפענונג... זי איז ווידער געפאָרן צו אַ „גוטן ייִד" און צוריקגעקומען מיט אַ קמיע אויפן האַלדז, מיט עפּעס אַ מין תחינה און מיט נאָך סגולות און תרופות, כדי דער רבונו של עולם זאָל אָפּנייגן די קללה פון איר געצעלט און בענטשן איר מוטערשע טראַכט...

פון מיר איז אָבער דער טויט נישט אָפּגעטראָטן. כ׳האָב אים שטענ־דיק געזען אין געשטאַלט פון יענעם דאָרפס־שיקסל אין טרומנע, אָדער פון שוואַרצן לענגלעכן פּעקעלע ביים קברות־ייִד אויף די הענט... כ׳האָב אים אויך געהערט, דעם טויט, — געהערט אין די פאַרשיידענע מעשיות פון אַלטע ווייבער אין די לאַנגע אָוונטן ביים אויוון, ביים פליקן פעדערן, ביים שטריקן אַ זאָק. הינטער די שוואַרצע פענצטער האָב איך בעת־מעשה פאַרנומען טריט, שטילע טריט פון מתים... און אַמאָל, אַז אין שטעטל איז געוועזן אַ מת, האָב איך אים געהערט, דעם טויט, אין דעם לוויה־רו־פערס מאַוימדיקן קול: „גייט צו מת מצווה!"... „גייט צו מת מצווה!"... און ווער רעדט נאָך, אַז כ׳פלעג דערזען אַ לוויה! די שוואַרצע, שווערע מיטה מיט די פיר שטאַנגען ביי די פיר ווינקלען; די טונקעלע מחנה ייִדן נאָך דער מיטה; די קלינגענדיקע פּושקעס מיטן „צדקה תציל ממות"!... — ס׳האָט מיך געפאַנגען ווי אין אַ קלעם. נישט מיטגיין האָב איך נישט גע־קאָנט; אדרבה, ס׳האָט מיך געצויגן ווי מיט צוואַנגען. כ׳בין געלאָפן ווי אַ פיש אין אַ נעץ אַריין... כ׳בין מיטגעגאַנגען הינטערן שטעטל אַזש ביז צום בית־עולם און פון דערווייטנס צוגעקוקט זיך צו דער קבורה. ס׳איז גענוג

געווען צו זען, ווי מ׳נעמט אַרויס דעם ווייסן מת פונעם ארון און ווי מען לאָזט אים אַראָפּ אין קבר. מער האָב איך פון דערוואַיטנס נישט געזען. די תכריכים־ווייסקייט האָט נאָכדעם נישט אָפּגעלאָזט מיין זכרון. אין אַלץ האָב איך געזען די תכריכים: אין דער ווייסקייט פון מילך, אינעם שניי אויף דער גאַס, אין אַ ווייסן וואָלקנדל אויפן הימל און אינעם לייוונט פון מיין אייגענעם העמד... ווי נאָר כ׳פלעג ביים אויסטאָן זיך דערזען מיין העמד, פלעגט עס מיך אַ שוידער טאָן: „תכריכים!“...

די מחשבה מיט די נעגל פון אַ שפּאַרבער האָט זיך אַלץ טיפער גע־גראָבן אינעם פלייש פון מיין האַרץ — די מחשבה פון טויט. פון מיין איי־גענעם טויט — — —

ס׳האָט זיך פאַמעלעך און שווער געענדיקט מיין צוועלפטער ווינטער.

7

אויף זומער האָט מען מיך אָפּגענומען פונעם מלמד — ער איז פאַר מיר שוין צו קליין געווען — און אָפּגעגעבן צו אַ פּרוש אין בית־מדרש.

דער פּרוש איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַן אמתער הדרת־פּנים. אַ הויכער ווינקלדיקער שטערן מיט אַ געלבלעכער הויט, וואָס האָט דערמאָנט אַן אתרוג, אַ פּרי־עץ־הדר. אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד, מיט געצייילטע גרוילעכע האָר, האָט אַרומגענומען כמעט דאָס גאַנצע פּנים. פון הינטער די ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אייביק־פאַרטראַגענע, פאַר־דבקותטע אויגן. שטענדיק פלעגט מען אים זען זיצן אין מזרח־ווינקל פון בית־מדרש, צוגעטוליעט צו אַ סטענדער און זינגענדיק זיין אומעטיקן גמרא־ניגון. זיין לומדישער קאָפּ פון הינטערן סטענדער האָט זיך געשאָקלט ווי אין ריטמישע באַוועגונגען. גערעדט האָט דער פּרוש מיט קיינעם נישט. ער האָט נישט געהאַלטן סתם פון „שיחות חולין“. מ׳האָט אַפילו נישט געוווּסט ווי ער הייסט מיטן נאָמען. „דער לאָמזשער“ — האָט מען אים גע־רופן אין בית־מדרש. ער איז טאַקע געווען פון לאָמזשע און אָנשטאָט „בשלמה“ פלעגט ער אַרויסריידן „בשוומה“...

דער נייער רבי מיינער, דער „לאָמזשער“, האָט מיט מיר געלערנט דער עיקר גמרא. דער „שיעור“ פלעגט דויערן צוויי שעה, אָבער דאָס איינחזרן און אויסלערנען דעם „שיעור“ „פאַר זיך“ פלעגט דויערן אַ סך לענגער. און אויף אַזאַ אופן בין איך אַריין „מיטביידע פיס“ אין בית־מדרש

און געוואָרן אַ בית־מדרשניק, גלייך מיט אַלע ישיבה־בחורים. אַ חוץ דעם פּרוש זענען אין בית־מדרש — אין „סענדערס בית־מדרש" — געווען נאָך צוויי ישיבה - בחורים, וואָס האָבן אַזוי ווי דער פּרוש געגעסן „טעג" אין באַלעבאַטישע הייזער פונעם שטעטל. די דאָזיקע עלנטע מענטשן זענען מיר באַלד זייער ליב געוואָרן. זייער האַרציקער זינגען ביים לערנען האָט מיך מיטגעריסן אין אנדערע עולמות, און מיט דער צייט האָב איך ביים לערנען „פאר זיך" אויך אָנגעהויבן זינגען און האָב שוין געהאט מיין אייגענעם גמרא־ניגון... אין דעם דאָזיקן ניגון מײַנעם האָב איך אויסגעגאָסן מיין גאנצע קלאָג און מיין גאַנץ געבעט צו גאָט, אז ער זאָל מבטל מאַכן איבער מיר זיין גזר... אַמאָל פלעג איך, זיצנדיק ביי דער גמרא, בגנבה אַריינקוקן אין אַ שטיקל שפּיגל־גלאָז, און כ'האָב געזען באַשיינפּערלעך, אַז כ'בין בלייכער פון אַלעמען... די קראַנקייט, אפּנים, זויגט אויס יעדן טראָפּן בלוט...

כ'בין אַריינגעפאַלן אין אַ משונהדיקער פרומקייט. ביים דאַוונען פלעג איך מכוון זיין יעדעס וואָרט און אַז כ'פלעג קומען אין „שמונה עשרה" צו „רפאינו", פלעג איך שטיין בלייבן אַ ווייל און חזרן אין געדאַנק: „אוי, רפאינו!"... אין אויג פלעג איך בעת־מעשה דערפילן אַ בריַענדיקע טרער און בגנבה אָפּווישן...

אַמאָל ווידער פלעגט אויף מיר אָנפאַלן אַ מין שגעון פון געוואלדיקע תחנונים און התלהבותדיקער עצבות. טרעפן פלעגט עס אין אַ רגע, בעת קיינער פלעגט גראָד נישט זיין אין בית־מדרש; בעת די בית־מדרש־לייט פלעגן, אַ שטייגער, אַוועקגיין אויף די „טעג". כ'פלעג זיך אַנידערשטעלן מיט מיין צעבראָכן האַרץ ביים עמוד, נעבן ארון־קודש, איינגראָבן די בליקן אין די גרויסע אויסגעכתיבהטע ווערטער „ודע לפני מי אתה עומד" און מיט מיין שטענדיקן גמרא־ניגון פלעג איך זיך צעזינגען אויפן קול:

— רבונו של עולם! האַר פון אלע וועלטן! שטראָף מיך נישט מיט כרת! אל רחום וחנון... אל רחום וחנון...

די דאָזיקע טענער זענען אַרויס פון מיינע טיפעניש, ווי אַ געזאַנג „ממעמקים"... כ'בין אַליין גערירט געוואָרן פונעם טרויעריקן ניגון, פון רחמנות צו מיינע יונגע טעג, און דאָס שגעונדיקע געזאַנג ביים עמוד האָט זיך געענדיקט מיט אַ געוויין...

— —

**
*

כ׳בין נאָך נישט אַלט געווען קיין דרייצן יאָר.

מיט אויגן פול קנאה פלעג איך קוקן אויף בחורים, וואָס לייגן שוין תפילין. ווי גוט איז עס צו וויקלען די קילע רצועות אויף דער נאַקעטער האַנט; ווי גרויס איז דער כבוד אָנצוטאָן דעם „של ראש״ אויפן קאָפּ און טראָגן עס ווי אַ „כתר״... היינט דאָס אויספלעכטן אויף דער האַנט דעם „שין״: ש ד י!... ווער ווייס, צי איך וועל נאָך דערלעבן צו בר־מצוה?... ווער ווייס?...

נאָכן דאַווענען פלעג איך כאַטש פועלן ביי דעם און ביי יענעם, מ׳זאָל מיר געבן אויפלייגן די תפילין. כ׳האָב געהאַלטן די „בתים״ מיט ציטער־דיקע הענט, פול יראת הכבוד.

„ווער ווייס... ווער ווייס?...״ — האָט מיך געפּיקט אין מחשבה ביים אויפוויקלען די פרעמדע תפילין.

אַמאָל פלעגט מען מיך על פי טעות מצרף־זיין צום „מנין״. טרעפן פלעגט עס, ווען טייל מתפללים פלעגן זיך איילן און מ׳פלעגט נעמען ציילן: „נישט איינס... נישט צוויי... נישט צען״... ווייל כ׳בין געווען זייער הויך געוויקסיק, נישט לויט מיינע יאָרן נאָך, פלעגט מען מיך אויך אַריינרע־כענען צווישן די צען יידן. מיט אמתן ווייטיק און חרפה פלעג איך מוזן אַרויסנעמען דעם ציילער פון טעות.

— אַזאַ בחור, קיין עין־הרע?!... — שטעלט מען אויף מיר אויס אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן. — געמיינט, שוין אַ חתן־בחור!...

כ׳פלעג זיך בעת־מעשה ווי איינקאָרטשען, איינבויגן... טאַקע אַ חידוש, ווי הויך כ׳בין געוואָקסן. כ׳בין פון דער זעלבער הויך, וואָס אַלע גרויסע יידן מיט בערד — און נאָך נישט קיין בר־מצוה! אַ מין צולהכעיס אַזאַ!... פאַרוואָס־זשע איז עס אַזוי? מיינע אַלע חברים, וואָס לערנען נאָך אין „חדר״, זענען נאָך קליינע קינדער: בערל דעם פאַרבערס, שלמהקע דעם שמידס, נפתלי גדליהס, יאָשקע נעכעס... — אַלע זענען נאָך „שקצים״. שטיפערס; אַלע שפּילן זיך נאָך אין „שטעט״, אין „גרעצקע פאַלקע״, און אַז זיי קומען שבת אין בית־מדרש, קערן זיי אום דעם פאָליש... און איך...

ניין, ס׳איז נישט גלאַט מיט מיין שנעלן אויפוואַקסן. אַ שלעכטער סימן מסתמא...

און אין די פאַרבאָרגענע געבעטן מיינע צו גאָט, וואָס כ׳פלעג אויס־זינגען ביי דער גמרא, האָב איך געמאָנט רחמים:

— כאָטש איבער בר־מצווה... כאָטש איבער בר־מצווה...

***

האָבן זיך געצויגן וואָכן, חדשים.

איך האָב דערלעבט! — — —

ס׳איז אָנגעקומען מיין בר־מצווה־צייט.

נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָט מיר דער טאַטע געקויפט אַ פּאָר תפילין, גלאַנציקע, נייאינקע. אמת, נישט קיין „געשליפענע״, ווי די גבירישע בחורים טראָגן, — צו טייער פאַר מיין טאַטן! — אָבער דאָך נייַלאַקירטע, שפּיגלדיקע. אַ תפילין־זעקל האָט מיר די מאַמע אויפגעגנייט פון סאמעט, אויסגעהאַפטן מיט אַ גאָלדענעם מגן־דוד.

מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ אביון (מיין מאמע איז שוין געווען אין דער היים און מיט פרנסה איז ווידער געוואָרן צרהדיק...) — וואָלט ער געפּראַוועט אַ גרויסע שמחה צו מיין בר־מצווה. מ׳האָט זיך אָבער געמוזט באַגיין אָן דעם...

נאָר ס׳האָט מיך, וואָס אָן אמת, נישט געאַרט. דער עיקר — כ׳האָב דערלעבט!... כ׳האָב דערלעבט צו בר־מצווה!...

און אָט —

איך וויקל אַליין די נייע רצועות אויף מיין נאַקעטער האַנט... כ׳טו אָן אויף מיין קאָפּ דעם „של ראש״, כ׳ריר אָן מיט דער רצועה די תפילין און קוש מיט יראת הכבוד... איך פיל איבער מיין שטערן —

ש ד י — — — — — — — —

כ׳בין געווען ווי פאַרשיכורט פון שמחה. כ׳בין אומגעלאָפן אין דאַווענען מיט אַזאַ מין דביקות, מיט אַזאַ התלהבות. פון היינט אָן וועט מיר שוין קיינער נישט קאָנען זאָגן: „אזא בחור — און נאָך נישט קיין בר־מצווה!״... כ׳האָב זיך געשפּירט ווי אַ זיך טרינקענדיקער, וואָס האָט זיך געראַנגלט, געראַנגלט און איז על פי נס אַרויסגעקומען אויף אַן אינזעלע... און אפשר? אפשר?... אַז כ׳האָב זוכה געווען ביז צו בר־מצווה, וועל איך אפשר ווייטער אויך אויספועלן?...

די ערשטע שמחה־טעג זענען אַוועק. אין ברוסט האָט זיך ווידער געראַבלט דער אַלטער ווייטיק, וואָס פלעגט קומען און אַוועקגיין, קומען און

אַוועקגיין... און אפשר איז ער פריער אויך געווען, דער וויטיק, נאָר פון גרויס שמחה האָב איך אים נישט געפילט?...

נאָר אַן אינזועלע...

און איצטער, וויטער — אַזאַ ברייטער טייך... אַזאַ ברייטער, ברייטער טייך!...

8

כ׳האָב אָנגעהויבן פּראַווען „משמורים".

געווען איז עס אין זעלבן ווינטער פון מיין בר־מצווה־צייט. כ׳בין געוואָרן פרימער און מער מתמיד.

יעדן דאָנערשטיק פלעגן די ישיבה־בחורים בלייבן אויף אַ גאַנצע נאַכט אין בית־מדרש. אַביסל צייט נאָך „מעריב" פלעגן זיך צעגיין פון בית־מדרש די לעצטע בטלנים, אויסגעוואַרעמטע און אויסגעדרימלטע ביים ברייטן זודיקן קאַפּל־אויוון. ר׳ איטשע דער שמש פלעגט אויפלייגן די ספרים אויף אַן אָרט, אויסלעשן מיט אַ לאַנג, בלעכן רערל די לאָמפּן און הענג־לייכטער און פלעגט אויך אַוועקגיין. אין דער טונקלקייט פון בית־מדרש זענען פאַרבליבן נאָר די עטלעכע ישיבה־בחורים, — און איך בתוכם — יעדער איינער אין זיין יחידותדיקן ווינקל, ביי אַ ציטערדיקן פלעמל פון אַ חלבן ליכטל, וואָס האָט באַלויכטן קוים דאָס אָרט פונעם מתבודד. יעדער איינער האָט זיך צעזונגען אויף זיין גמרא־ניגון. וואָס שפּעטער אין דער נאַכט, אַלץ פריער זענען די קולות געוואָרן, אַלץ אָפּגע־נער האָט אַרויסגעקוואָלן דער טרויער. ווי פון קוואַלן, וואָס זענען פאַר־שלאָסן פאַרן טאָג... אַלע ניגונים האָבן זיך געטראָפן אין דער טונקלקייט פון נאַכטיקן בית־מדרש און צונויפגעגאָסן זיך אין איין עצבות, אין איין מרה־שחורה...

— אוי, תנו רבנן... תנו רבנן...

פאַרגעס איך, זינגענדיק, אַן דער סוגיא פון גמרא און פאַרקוק זיך אויפן טונקעלן ארון־קודש. אַ ליכט־שטרייף פון אַ דיקער יאָרצייט־ליכט ביים עמוד פאַלט אויפן פרוכת און ציטערט אין קדושה. אַ יאָרצייט־ליכט נאָך אַ נשמה, וואָס רוט שוין אין די הויכע רקיעים. מסתמא איז זי איצט געקומען אַהער, די נשמה, און שוועבט דאָ, און פלאַטערט אַרום דער יאָרצייט־ליכט ביים עמוד. וואָרום געלייטערט ווערט זי, די נשמה, אין די הימלען, און אייביק איז זי און הייליק, און דער טויט האָט אויף איר קיין

שליטה נישט. און ווי באַלד אַזוי — טאָ פאַרוואָס אַרט מיך אַזוי דער טויט? פאַרוואָס שרעקט ער מיך אַזוי?... בתמיה?...

— אוי, תנו רבנן... תנו רבנן...

פאַלט דער בליק צום פענצטער און כ׳זע: פינצטערע שויבן. הינטערן פענצטער איז נאַכט. חשכות. די הייזלעך שלאָפן, ווי דאָרט הינטערן שטעטל די קברים... אָט ציטערן די שויבן פון בית־מדרש. איז עס אַ ווינט, אָדער ווער ווייס?... ביינאַכט, זאָגט מען, גייען אַרויס די מתים פון די קברים און בלאָנדזשען אין די גאסן... הינטער פענצטער... קומען אין דער אַלטער שול אַריין...

רייס איך אָפּ מיינע בליקן פון פענצטער און קוק צום ארון־קודש. אָבער אונטן, ווו די אויסגעשניצטע לייבן, ליגט עפּעס אַ שאָטן, און דער דאָזיקער שאָטן האָט פונקט דאָס אויסזען פון יענעם לענגלעכן פעקעלע ביי נחום דעם קברות־ייִד אויף די אָרעמס — — — —

ציטער איך אויף פון קאַלטן שוידער און צעזינג זיך נאָך העכער, שטאַרקער און פאַרשריי דעם פּחד. און זינגענדיק טענה איך זיך ווידער אויס במחשבה מיט גאָט און פרעג אים: „פאַרוואָס? פאַר וועלכע עבירות?...״ און ווידער אַמאָל רוף איך צו אים, ער זאָל באַווייזן זיין חסד און אָפּטאָן פון מיר דעם גזר — — —

דאָס פלעמל פון מיין ליכטל ציטערט און וואַרפט זיך אין אַלע זייטן, ווי עס וואָלט עפּעס גערעדט, געענטפערט. און אפשר ציטערט דאָס פלעמל פון מלאכימס פליגל?... רינגלען דאָך אַרום מלאכים דאָס אָרט פון תורה... איז אדרבה! זאָלן זיי זען מיין צער און זאָלן זיי דערציילן פאַרן כסא הכבוד.

— אוי, אמר רב פפא... אוי, אמר רב פפא...

און אינעווייניק אין ברוסט — די שלאַנג! דער „גזר״!... עס קלעמט, עס נאָגט! און לינקס, גאָר אונטן — עס צופּט אַ ווייטיק — אין די לונ־גען... (כאָטש כ׳האָב קיינעם נישט געפרעגט און קיינער האָט מיר נישט געזאָגט, אַז דאָרטן זענען די לונגען, פונדעסטוועגן בין איך דעריין זיכער געווען: וואָרום ווו קאָן מיר דען אַנדערש ווי טאָן, אַז נישט אין די לונגען?...).

פאַלט מיר עפּעס איין אַ רעיון און כ׳גיי צו צום פּרוש:

— רבי, צי שטראָפט כביכול קינדער פאַר די זינד פון די עלטערן?...

דער פּרוש האָט מפסיק געווען אין לערנען, אויפגעהויבן אויף מיר די אויגן און געענטפערט:

— עס שטייט דאָך בפירוש: „פוקד עוון אָבות על בנים״... וואָרום

ווען נישט, טאָ פאַרוואָס שטאַרבן קליינע עופהלעך, וואָס זענען דאָך אוודאי נישט זינדיק?... איז דער תירוץ: „פוקד עוון אבות על בנים"... איז שוין רעכט...

געענטפערט און צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין דער גמרא.

„יאָ, יאָ, איז שוין רעכט, וואָס עס שטאַרבן קליינע עופהלעך"... — טראַכט איך נאָך און גיי צוריק אויף מיין אָרט. כ'האָב זיך ווידער דערמאָנט אָן שוואַרצן לענגלעכן פעקעלע...

אין אַזעלכע רגעס האָט זיך מיר אויסגעמאָלט פאַר די אויגן דאָס געשטאַלט פונעם אל נקמות, ווי ער זיצט אויפן טראָן אַ בייזער, אַ גרויזאַ־מער. פלאַמיקע פונקען שפריצן פון זיין אָטעם און פון זיינע בליקן; אין האַנט האַלט ער אַ פייערדיקן „שרביט"; צו די פיס פון זיין טראָן וואַרפן שרפים יונגע, נאַקעטע נשמהלעך פון אָקאָרשט געשטאָרבענע ווייסע קינ־דערלעך, און דער הויפן נשמות וואַקסט אַלץ און וואַקסט, און ע ר — אין זיין אומגעזעטיקטער נקמה — פאָכט אַלץ מיטן פייערדיקן „שרביט": — „נאָך! נאָך! נאָך!" — — — — — —

אַזאַ האָב איך געזען גאָט אין די שטילע ביינאַכטיקע רגעס...

אין מיין טיפסטער טיפעניש האָט זיך געריסן די ערשטע ווייטיקדיקע טענה:

„פאַרוואָס? פאַרוואָס?" — — —

אַ צעבראָכענער, מיט הכנעה פון אַ פאַרמשפּטן, גיי איך צו נאָכאַמאָל מיט וואַקלדיקע טריט צום פרוש:

— רבי!

יענער שטעלט אויס אויף מיר זיינע פאַרדביקותטע אויגן.

— רבי... — שטאַמל איך — פאַרוואָס?... פאַרוואָס שטראָפט כביכול די אומשולדיקע פאַר די שולדיקע?...

— שאַ! — וואַרפט ער מיר אַ באַפעל, — אויף כביכול טאָר מען קיין קשיות נישט פרעגן. אַמאָל איז ע ר אל נקמות, אַמאָל — אל רחום וחנון... פאַרשטייסט?...

— כ'פאַרשטיי... — שטאַמל איך אַרויס און גיי אַוועק פונעם פרוש, כאָטש ס'איז מיר ווייטער נישט געבליבן אויפגעקלערט מיין שאלה...

— פאַרוואָס?...

**
*

ס'האָבן זיך געביטן פאַר דער צייט מיינע רבים אין בית־מדרש. מיין רבי איז געוואָרן „דער ברייזנסקער". אַ יונגער בחור נאָך, בלוט און מילך.

אַ גרויסער עלוי און אָפּענער מוח. ווער עס פלעגט אַמאָל שטיין בלייבן ביי אַ האַרבער סוגיא, פלעגט געפינען ביים „בריינסקער" אַ תירוץ אויף אַלע „ווידעראַנאַנדן". דער „בריינסקער" איז שוין נישט געווען אַזאַ אָפּגעזונדערטער פון מענטשן און פלעגט ליב האָבן צו כאַפּן אַמאָל אַ שמועס אויך וועגן „דברים חיצונים", וועגן מלחמה און רעוואָלוציע, צו זאָגן אַ וויץ, אַ גלייכווערטל.

איינמאָל ביים „שיעור" טוט ער מיך אַ פרעג:

— זאָג מיר דעם אמת, פאַסטו נישט קיין תעניתים?

— וואָס הייסט? — פאַרשטיי איך נישט.

— דו פאַסט נישט? — פרעגט ער נאָכאַמאָל.

— ניין, — ענטפער איך.

— טאָ פאַרוואָס ביסטו אַזוי בלאַס?

— איך ווייס נישט. — שטאַמל איך אַרויס און פיל, אַז איך בין בעת־מעשה נאָך בלאַסער געוואָרן.

— אפשר ביסטו קראַנק?...

— ניין...

— טוט דיר גאָרנישט וויי?

איך קווינקל אַ ווייל און ענטפער:

— ניין...

— זעסטו? — ווייזט ער מיר אויף זיין פנים, — פאַרוואָס בין איך נישט בלאַס? כאָטש איך עס „טעג" און דו ביסט „ביים טאַטן אין וויינגאָרטן"...

איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. אָבער ביי זיך האָב איך גערטראַכט, אַז מסתמא איז שוין גוט שלעכט, אויב מיין פנים וואַרפט זיך אין די אויגן... איך האָב געקוקט בגנבה אינעם שטיקל שפּיגל־גלאָז, וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט אין קעשענע, געטאַפּט זיך ביים האַרץ, ווו עס „קלאַפּט"... מסתמא וועט עס שוין לאַנג נישט דויערן... עס דערנענטערט זיך, אַפּנים...

און אפשר דערציילן אַלץ פאַר טאַטע־מאַמע? אפשר קאָן מען מיך נאָך ראַטעווען? איך האָב עס אָבער בשום אופן נישט געקאָנט פועלן ביי זיך. איך האָב זיך דערמאָנט זייער צער, זייער ציטערן איבער מיר, ווי דער טאַטע האָט געוויינט... אגב האָב איך דאָך געוווסט, אַז צו „אַזאַ מין זאַך" איז קיין תרופה נישטאָ... היינט צו וואָס מגלה זיין פאַר זיי דעם שרעקלעכן סוד? צו וואָס זיי אומזיסט מצער זיין?...

אבֿרהם זאַק

האָב איך געשטיקט אין זיך דעם סוד פֿון נאָנטן קבר און געגאָסן טרערן בצנעה איבער דער גמרא, אָדער אין ווינקל נעבן ארון קודש...

9

איין טאָג — ס׳איז געווען אַ הייסער תמוז־טאָג — שטיי איך ביים אָפֿענעם פֿענצטער פֿון בית־מדרש און קוק אַרויס אין דרויסן. אין דער זייט ביים גערטל, זע איך, שטייט אַ מיידל מיט בלאָנדע פּוכיקע האָר, מיט אַ דיקן צאָפּ פֿון הינטן, אין אַ העלער, כמעט ווייסער קלייד. זי שטייט און שפּילט זיך מיט עפּעס אַ צווייגל און אירע אויגן קוקן סתם אין דער וועלט אַריין.

פּלוצלונג דערשפּיר איך פֿון הינטן אַ האַנט אויף מיינע אַקסלען. כ׳דריי זיך אום — מיין רבי, דער „ברײַנסקער“.

— וואָס בטלסטו און וואָס זעסטו דאָ? — פֿרעגט ער.

— גאָרנישט... אַ הייסער טאָג היינט...

ער קוקט אַרויס און באַמערקט דאָס מיידל.

— כע־כע? — נעמט ער מיך אָן ביים אויער אין שפּאַס. — קוקסט שוין אויף נשים?...

כ׳בין רויט געוואָרן ווי צונטער.

און אין אַ ווײַלע אַרום, בלייבנדיק מיט מיר ביים פֿענצטער, גיט ער צו:

— ווייסט ווער זי איז? ס׳איז מיינעם אַ „טאָגס“ אַן אייניקל. פֿראַדל הייסט זי. נעביך, אַ קראַנקע...

— אַ קראַנקע?! — שטעל איך אויס אויף אים אַ פּאָר פֿאַרוווּנדערטע אויגן.

— יאָ, יאָ, אַ קראַנקע. און נאָך וואָס פֿאַר אַ קראַנקע!

— וואָס איז איר?

— זי איז אַ פֿאַרפֿאַלענע... אַ לונגען־קראַנקע... געקומען צום זיידן אויף „פּאָפּראַווקע“... זי טרינקט מילך... זופּט אייער... אַ רחמנות נעביך... אַן אמתע „חבצלת השרון“...

— סטייטש? — פֿרעג איך — אַזאַ קראַנקע און גייט אַרום?

— הע, הע, ביי אַזאַ קרענק גייט מען אום ביז דער לעצטער מינוט...

— אָבער... — שטאַמל איך פֿאַרלוירן, — ס׳איז דאָך אָבער אין איר גאָרנישט קענטיק?

— נו, אוודאי נישט קענטיק. מ׳קאָן אויסזען דיק, פריש — און אינעווייניק זאָל זויגן דער וואָרעם...

און אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו מיר, גיט ער צו:

— דו, אַ שטייגער, זעסט אויס בלאַסער פון איר און פונדעסטוועגן... קיין סך וועט זי שוין נישט אָנציען...

— קאָן מען טאַקע אַרומגיין ביז דער לעצטער מינוט? — פרעג איך.

— פאַרוואָס נישט? דער קראַנקער פילט אַפילו נישט קיין שטאַרקע ווייטיקן.

— וווּ טוט ווי אַזאַ קראַנקן?...

— אין ברוסט, אין די לונגען. ציין־ווייטיק איז אַ גרעסערער ווייטיק... דער מענטש טריקנט אָבער און דאַרט ביסלעכווייז ווי אַ בוים...

נאָך דעם דאָזיקן שמועס מיטן „בריינסקער״ בין איך אומגעגאַנגען אַ צעמישטער. אַז מ׳האָט צו מיר גערעדט, האָב איך נישט געענטפערט צו דער זאַך. כ׳האָב גאָרנישט געהערט וואָס מ׳רעדט צו מיר. אויב אַזאַ יונג, פריש מיידל, אַזאַ „חבצלת השרון״, קאָן אומגיין מיט אַזאַ קראַנקייט, קאָן עס דאָך מיט מיר אַוודאי און אוודאי געמאָלט זיין... און האָט נאָך אַמאָל געטליעט אין מיר אַ האָפענונג, איז עס איצט אויך צערונען געוואָרן...

פון דעמאָלט אָן איז פּראַדלס געשטאַלט נישט אַרויס פון מיין זינען. כ׳האָב תמיד געטראַכט וועגן איר. ביינאַכט האָב איך זי אין חלום געזען... איינמאָל האָב איך זי געזען אין חלום אַ גוססע. זי האָט געשטרעקט צו מיר די הענט און מיך גערופן: „קום, קום צו מיר, ביסט דאָך מיין ברודער״...

ס׳האָט מיך געצויגן צו איר הויז און כ׳פלעג בכיוון, אָן שום נויטיקייט, פאַרבייגיין אין בית־מדרש־געסל איר זיידנס הויז. מיט ציטער האָב איך געקוקט צו די פענצטער... איינמאָל האָב איך זי געזען זיצן ביים אָפענעם פענצטער מיט אַ גלאָז מילך אין דער האַנט. אַ צווייט מאָל האָב איך זי געזען שטיין פאַרן הויז. צום ערשטן מאָל אַזוי נאָענט געזען. איר פּנים האָט געשיינט ווי די ליכטיקע זון. אויגן בלויע, גרויסע. גאָרנישט קענטיק געוועזן, אַז זי זאָל זיין אַזאַ קראַנקע... אפשר איז זי נאָר אַ ביסל בלאַסלעך... אָבער אַ סך, אַ סך וויניקער בלאַס פון מיר... אַט שטעלט זי אָפּ אויף מיר אירע בליקן און דאָס האַרץ אין מיר הויבט אָן מוראדיק צו קלאַפּן, און מיינע טריט הויבן אָן פון זיך אַליין צו שפּרייזן גיכער צום בית־מדרש־צו... ס׳איז מיר אוממעגלעך געווען צו קוקן אויף איר פון דער נאָענט... פון בית־מדרש־גאַניק איז עס מיר פיל לייכטער געווען. פלעג איך לאַנג־לאַנג אַמאָל אָפּשטיין אויפן גאַניק און היטן איר זיידנס הויז...

ווען זי וויס, אַז איך גורל איז אונדז ביידן באַשערט!... ווען עס טרעפט עפּעס אַ נס און כ׳קאָן מיט איר ריידן... דערציילן איר... פאַר איר וואָלט איך מיין פּינצטערן סוד מגלה געווען — — —

ס׳איז געווען יענע צייט, ווען אין מיר האָט זיך געוועקט די אומבאַשטימטע אומרויקייט, וואָס כאַפּט אַרום הערצער צו־פרי רייף געוואָרענע, יונגע געפילן, ווי בוטאָנען, וואָס פּלאַצן ערשט און ס׳אַנטפּלעקט זיך דאָס פרײדיקע בלימל... אומקלאָרע בענקעניש פון אַ ייִנגליש האַרץ, ווו עס ווערן געבוירן אין דער שטיל די ערשטע רעגונגען ,די ערשטע גלוסטונגען... דאָס דאָזיקע צעבליִען זיך איז אָבער ביי מיר געווען אויסגעמישט מיט סם: מיטן סוד פון נאָנטן קבר — — —

איין טאָג בין איך געשטאַנען, ווי געווײנטלעך, אויפן בית־מדרש־גאַניק, מיט צוגעשמידטע בליקן אין פראַדלס ריכטונג. זי האָט אומגעשפּאַצירט מיט אירע שטילע טריטעלעך הין און צוריק נעבן איר זיידנס הויז ביזן עק פון גערטל־פּאַרקאַן. פּלוצלונג באַמערק איך, ווי זי פּאַרלאָזט דעם גבול פון דער שטוב און נעמט זיך דערנעענטערן צום בית־מדרש.

פראַדל איז שטיך געבליבן אנטקעגן גאניק און אויפגעהויבן אויף מיר אירע אויגן.

— אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ווי שפּעט איז איצט? — שיקט זי צו מיר אַ פראַגע.

אין האַרץ ביי מיר האָט עפּעס אַ שטראָם געטאָן: „טיאַך־טיאַך״... לכתחילה האָב איך זי אָנגעקוקט גולמעוואַטע, צעטראָגן; באַלד אָבער האָב איך זיך געפּאַסט.

— איין ווײלע... — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט.

מיט נערוועזע טריט בין איך אַריין אינעווייניק אין בית־מדרש, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַרויסגעאײלט.

— האַלב דריי! — זאָג איך מיט אַ נישט־נאַטירלעכן קול.

— אַ שיינעם דאַנק! — רעדט זי אַרויס מיט אַ ליב שמייכעלע און קערט זיך אום צוריק מיט אירע שפּאַצירנדיקע טריטעלעך. דאָס מאָל, כאָטש זי האָט געשמייכלט, האָב איך דאָך דערקענט אַ מאָדנעם אומעט אין אירע אויגן...

כ׳בין אין דער רגע פול געווען מיט אומעטיקן גליק... כ׳האָב נאָכגעקוקט מיט מיינע אויפגעריסענע אויגן איר יעדע באַוועגונג, יעדן בויג פון קערפּער, יעדן טראָט פון אירע לעטשלעך...

„גאָט! ווען זי וויס מיין סוד!״ — — —

אָבער מיין סוד איז זי נישט געוויר געוואָרן — נישט איצט און נישט קיינמאָל. די צווייטע וואָך האָט זי זיך שוין מער נישט געוויזן פאַרן הויז. ווי לאַנג כ׳בין נישט געשטאַנען אויפן גאַניק מיט די ברענענדיקע בליקן מיינע — אומזיסט! כ׳האָב געפרעגט מיין רבין, דעם „ברייניסקער״, האָט ער מיר דערציילט, אַז פראַדל איז שוין אַוועקגעפאָרן צוריק אַהיים...

— אַוועקגעפאָרן?! — האָב איך איבערגעפרעגט מיט פאַרבאָרגענעם ווייטיק.

— שוין אַ פּאָר טעג, ווי זי איז שוין נישטאָ, — דערציילט מיר ווייטער דער „ברייניסקער״, — זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט און איך האָב איר געווונטשן אריכת־ימים... זי איז אינגאַנצן אַ שברי־כלי... אַ יונגער בוים, וואָס דאַרט...

ס׳האָט מיר פאַרקלעמט ביים האַרץ, אַז אין האַלדז האָט מיר אַזש אָנגעהויבן צו ווערגן.

— ווייס זי, אַז זי איז אַזוי קראַנק? — פרעג איך אין אַ ווײַלע אַרום.

— אַוודאי ווייס זי. וואָס דען, זי פאַרשטייט נישט? אַז כ׳האָב איר ביים געזעגענען זיך געווונטשן געזונט, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „עט, איך גלויב נישט״... דאָס ערגסטע, דוכט זיך, איז, אַז מ׳ווייס וו ע ן דער מלאך־המות שלייפט זיין שווערד.. שאַ! — דערמאָנט זיך פּלוצלונג דער „ברייניסקער״, — אין טאָג פון אַוועקפאָר האָט זי מיך געפרעגט „ווער ס׳איז דער שיינער בחור׳ל פון בית־מדרש, דער וואָס שטייט אָפט אויפן בית־מדרש־גאַניק״?... כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי דיך און כ׳האָב איר געזאָגט, אַז דאָס איז מיין תלמיד. האָט זי געהייסן דיך גריסן... אַזאַ גוטע נשמה, די פראַדל!...

פון דעם „ברייניסקערס״ רייד בין איך רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן...

— טאַקע?... געהייסן גריסן?... — פרעג איך איבער האַלב־צעמישט.

— יאָ, יאָ, מסתמא האָט זי דיך נישט איין מאָל באַמערקט אויפן גאַניק. כ׳האָב דיר נאָך אַמאָל געזאָגט, — געדענקסט? — אַז מ׳טאָר נישט קוקן אויף קיין נשים... — פאַרענדיקט ער מיט אַ הלצה.

אויפן גאַניק פלעג איך נאָך אָבער אַלץ שטיין יעדן טאָג, סתם פון געוווינהייט, און קוקן מיט שטאַרע אויגן אויף פראַדלס זיידנס הויז... אין מיר האָט געלעבט איר געשטאַלט; אין מיינע אויערן האָט שטענדיק געקלונגען איר ווייכע צערטלעכע שטים: „אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ווי שפּעט איז איצט?״...

אברהם זאַק

***

האָבן זיך געצויגן די לאַנגע זומער־טעג. טעג ביי דער גמרא. טעג בײַם בית־מדרש־פענצטער. טעג אין בענקעניש... און אַז כ׳פלעג, זינגענדיק ביי דער גמרא, זיך אויסטעגהן מיט כביכול, פלעג איך אויך אין זינען האָבן — ז י, פראַדלען... פאַרוואָס קומט עס איר? פאַרוואָס קומט עס דער „חבצלת השרון״ צו פאַרדאַרן אין מיטן בליען?...

און אַזוי קלערנדיק, און אַזוי זינגענדיק איבער דער אָפענער גמרא, בײַם אָפענעם פענצטער — מײַן אָרט פון לערנען איז שוין געווען דאָס פענצטער — דערהער איך פון ערגעץ נישט ווײַט אַ געזאַנג פון מיידלשע שטימען. כ׳ווער אַנטשוויגן. כ׳זוך מיטן בליק און דערזע אין דער ווײַטנס אַן אָפן פענצטער מיט עטלעכע מיידל־קעפּ. דאָרט איז אַ וואַרשטאַט פון אַ שנײַדערין. צוזאַמען מיט די מיידלשע שטימען הערט זיך אויך דאָס שנעלע שטעפּן פון אַ ניי־מאַשין. דאָס זינגען איז אַזוי מתיקותדיק. אַזעלכע האַר־ציקע טענער, אַזעלכע אומעטיקע קלאַנגען. איך האָב געקוקט אַהין און פון די אַלע מיידל־קעפּ האָט אַרויסגעשטראַלט צו מיר נאָר איין פּנים — פראַדלס פּנים... יאָ, פראַדלס פּנים... אין אַלע פרויען האָב איך געזען איין פרוי — פראַדלען...

שפּעטער באַמערק איך, ווי פון יענעם הויז גייט אַרויס עפּעס אַ פרויען־געשטאַלט, וואָס לאָזט זיך גיין אין בית־מדרש־געסל. דער ערשטער געדאַנק איז, ווי תמיד, געווען — פראַדל!... אַז זי איז צוגעקומען נענטער, האָב איך דערקענט: רחל דעם שוחטס. נאָך גאָר אַ יונגע און אַ גאַנצע פרײַלין געוואָרן! און מאָדנע: ווי ענלעך זי איז צו פראַדלען... דער זעלבי־קער וווקס, די זעלביקע פיגור, נאָר די אויגן זענען ביי איר אַנדערע. פראַדלס אויגן זענען שטענדיק געווען באַצויגן מיט אַן אומעט און זי, רחל, האָט אַזעלכע שמייכלדיקע, אַזעלכע פריילעכע אויגן: טראָגט זיך דאָך רחל נישט אַרום מיט אַזאַ פינצטערן סוד ווי פראַדל — — —

רחל גייט שנעל, גאָר שנעל, מיט דראָבנע טריטעלעך און פראַנטע־ווּעט מיט אַ שיין גראַנאַט קליידל און מיט אַ לייכט, פיין קאָלירט זומער־שירעמל. ס׳אַראַ געדיכטע, שוואַרצע, געקרויזטע האָר זי האָט, רחל דעם שוחטס! אין מיטן — אַ גלייכער שרינט, וואָס טיילט פונאַנדער אירע האָר אויף צווייען, און פון בײַדע זײַטן הענגען אַראָפּ די שוואַרצע געדריי־טע לאָקן ווי גלעקלעך. רחל האָט נישט באַמערקט, ווי איך קוק אויף איר דורכן פענצטער און איז פאַרבייגעגאַנגען. אָבער אין פוסטן בית־מדרש־

געסל האָב איך נאָך אַלץ געזען איר געשטאַלט... און נישט נאָר א י ר געשטאַלט, — אויך פראַדל האָט אויף מיר אַרויסגעקוקט דורך רחלען...

„וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער, — טוט מיר גאָר אַ בליץ אַ ווילדע מחשבה, — וואָס וואָלט געווען, ווען איך בין עלטער מיט עטלעכע יאָר און רחל ווערט מיין כלה?"...

אַ זיסער שווידער האָט דורכגענומען מיין לייב...

כ'האָב מיט געוואָלט זיך אָפּגעריסן פונעם דרויסן און צוגעפאַלן צו דער גמרא.

„זינדיקע מחשבות! זינדיקע הרהורים! — ווארף איך זיך פאָר. — כ'דאַרף לויבן גאָט, וואָס כ'האָב זוכה געווען צו בר־מצווה; און איך גאָר... פראַדל! רחל!... זינד! זינד!..."

כ'האָב גענומען לערנען אויפן קול מיט התמדה, מיט ברען און גע־וואָלט פאַרזינגען די פרעמדע רעיונות, פאַרטומלען די זינדיקע געדאַנקען...

— אוי, תנו רבנן... אוי, תנו רבנן..

זענען אָבער געקומען אַנדערע טעג, ווען כ'בין נישט בכוח געווען צו פאַרשרייען די זינדיקע מחשבות. יענץ פענצטער האָט מיך געצויגן... נישט איין מאָל אין טאָג פלעג איך מפסיק זיין אין מיטן לערנען און אַרויסקוקן אַ פאַרבענקטער קעגנאיבער. דאָס האַרציקע געזאַנג פון די מיידלעך האָט זיך דערטראָגן אַהער און אַריינגעריסן זיך אין מיין האַרץ אַריין. כ'פלעג אַוועק־גיין פון פענצטער און צוריקקומען, אַוועקגיין און צוריקקומען ביז כ'פלעג דערזען אַדורכגיין רחלען... זי האָט געהאט אַ טבע זיך אַרומצוקוקן און נישט איינמאָל האָב איך זיך מיט איר בליק געטראָפן. און אפשר האָט זי שוין באַמערקט, אַז איך קוק אויף איר — פלעגט זי זיך בכיוון אויס־דרייען... רחלס בליקן — אַזעלכע לוסטיקע, אַזעלכע פריידיקע! — בריען מיין האַרץ פון דערוויטנס...

איך פלעג איר נאָכקוקן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. קוקן, קוקן, ביז זי פלעגט ווערן ווייטער, קלענער און פאַרשווינדן פונעם געסל.

„רחל... פראַדל... רחל... פראַדל..." — האָט עמיץ געחזרט די נעמען אין מיין צעררישטן קאָפּ...

„ווי גוט איז, אַז מ'דאַרף נישט שטאַרבן יונגערהייט!... — טראַכט איך. — ווען מ'קאָן קלערן פון דער חתן־צייט... כ'ווייס אַליין נישט וועמען וואָלט איך אויסגעוויילט: פראַדלען, צי רחלען?" — — —

ביינאַכט האָב איך זיך געוואָרפן אין יסורים און אומרו אויפן געלע־

גער, און בייטאָג, ביי דער גמרא, האָט מיין ניגון געבעטן זיך, גערופן מיט צער און בענקעניש:

— אוי, תנו רבנן... אוי, תנו רבנן...

10

אין איין וואָך האָב איך געזען אַ חופה און אַ לוויה.

אַ חופה אין שטעטל איז פון שטענדיק אָן אַ גרויס געשעעניש. ס׳איז אַ רעשיקער, טומלדיקער אָוונט.

ווי נאָר ס׳איז געוואָרן אָוונט, האָט עס מיך געצויגן אין יענער גאַס, ווו די חתונה איז געווען. ס׳האָט פאַר מיר געהאט אַ באַזונדער רייץ: ערשטנס, זען מיט די אויגן דאָס, וואָס מיר אַליין איז נישט באַשערט... און, צווייטנס, ווייל די כלה איז געווען — רחל...

דאָס חתונה־הויז האָט אַרויסגעקוקט אין גאַס מיט שטאַרק־באַלויכטענע פענצטער. אויף דער גאַס איז געווען אַ פריילעכער ליארעם. מאַנסביל, ווייבער, מיידלעך, קינדער, קונדייסים זענען געשטאַנען רעד־לעכווייז. ווערטער אָפּגעהאַקטע האָבן געהילכט אין דער לופט:

— די כלה!

— דער חתן!

— מחותנים!

— כלי־זמרים!

פון אינעווייניק האָבן פּלוצלונג אַרויסגעפּלאַצט די ראשע טענער פון דער קאַפּעליע. אויף דער גאַס איז געוואָרן אַ באַוועגונג.

— מזל־טוב!

— מזל־טוב!

— מ׳פירט שוין דעם חתן!

— מ׳פירט שוין די כלה!

— מ׳גייט שוין צו דער שול!

אַ גאַנצע פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן צו דער שול. אויף אַ סך שוועלן איז מען אַרויס מיט לאָמפּן לכבוד חתן־כלה.

פאַר דער שול האָט שוין געוואַרט די אויפגעשטעלטע חופה. עולם איז אַלץ געוואַקסן. גאַנץ שטאָט איז אַרויס חתונה מאַכן אירע חתן־כלה... אין דער לופטן האָבן זיך געראַיטלט אַנגעצונדענע בעזימס. דאָס האָבן

קונדייסים געשפּריצט פון מיילער נאַפּט אויף די בעזימס און געצונדן שטורקאַצן.

כ׳בין געשטאַנען נאָענט פון דער חופּה. מיינע בליקן זענען געווען צוגעשמידט צו חתן־כלה. זי — רחל — פאַרהילט און פאַרשלייערט אין גירליאַנדע, ווי אַ בת־מלכּה; ער — אין אַ האַרטן קאַפּעלוש, איז געשטאַנען גאַווהדיק און גליקלעך, מסתּמא, וואָס ער האָט אַ באַזונדער זכות, אַ באַזונדער מזל: ער איז אַלט געוואָרן צוויי־אָדער־דריי און צוואַנציק יאָר... אריכת ימים!...

— „רחלי! רחלי!״ — רייד איך צו איר אין געדאַנק, — „נישט אַלעמען איז באַשערט צו שטיין אונטער דער חופּה... דו האָסט געבליט, געוואַקסן... אָבער פראַדל?... אָבער איך?... קוים די בר־מצווה אויסגעבעטלט. ביז צו דער חופּה אָבער...״

און אַ שטאַרקער, פּיינלעכער פאַרדרוס האָט מיך געברענט, און אַ געוואַלטיקע תּרעומות האָט זיך געריסן פון מיין נשמה אַרויס:

„כ׳האָב דאָך קיין בלוט נישט פאַרגאָסן, קיין עגל נישט געמאַכט, קיין ברודער הבל נישט דערהרגעט — פאַרוואָס? פאַרוואָס?״ — — — — — —

און אַ ווילדע קנאה האָט זיך אין מיר צעפּלאַקערט צו די אַלע אַרומיקע: אָט לעבן דאָך מענטשן, אָט שטייט דאָך אַ בחור ווי אַ גולם אונטער דער חופּה — זענען זיי דען אַלע גרעסערע צדיקים פון מיר? — — —

אַ האָגל פריילעכע טענער פון דער קאַפּעליע האָט מיך אויפגעריסן. ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען: נאָך די ברכות, נאָכן „הרי את״...

— מזל־טוב!

— מזל־טוב!

— מזל־טוב, כּלה!

— מזל־טוב, חתן!

— מזל־טוב, מחותּנים!

חתן־כלה זענען שוין צוריקוועגס געגאַנגען געאָרעמט, גליקלעך צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע. די פלעמלעך פון די הבדלות האָבן געטאַנצט פאַר נחת.

דער ליאַרעם איז געוואָרן גרעסער. דער עולם האָט זיך געשטופּט און געוואָלט זיין נענטער צו דער קאַפּעליע און צו חתן־כלה. און פון גרויס געדראַנג בין איך געוואָרן אַרויסגעשטויסן און געבליבן פון וויטן הינטער דער יום־טובדיקער מחנה און פאַרלוירן חתן־כלה פון אויג. כ׳בין געגאַנגען אַליין פאַמעלעכער. די טענער פון דער קאַפּעליע האָבן זיך דערוויי־

טערט און געוואָרן שטילער, שוואכער. אפנים, מער וועל איך שוין רחלען נישט זען דורכן פענצטער פון בית־מדרש...

און אַ פּאַרדרוס האָט זיך אין מיין האַרץ געוועקט צו דער שיינער רחלען: פאַרוואָס האָט זי אזוי יונג חתונה?... וואָס איז דאָס איילעניש?... ווען זי וואַרט נאָך אַביסל, איז ווער ווייס — — — אפשר — — — ווען זי וואַרט נאָך אַ ביסל — — — —

כ׳בין געבליבן איינער אַליין אין אַ פינצטערן געסל...

**
*

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אויך געווען אויף אַ לוויה.

ס׳איז געשטאָרבן שמואל זייגערמאַכער און דאָס שטעטל האָט געקאָכט. ר׳ שמואל זייגערמאַכער איז געווען נאָך אַ יונגערמאַן — אפשר קוים אַ בן ארבעים! — און האָט געשמט פאַר אַ גרויסן למדן. אַמאָל פלעגט ער פאַרברענגען זייער פיל אין בית־מדרש. ביי די רעדעלעך און שרייפעלעך פלעגט ער ווייניק זיצן — דאָס פלעגט שוין מאַכן דער „פועל" זיינער; אים האָט געצויגן צו דער גמרא. דאָס לעצטע יאָר אָבער איז ער קראַנק געווען און מ׳האָט אים אין בית־מדרש נישט געזען. אַמאָל, אַז אים פלעגט ווערן אַביסל בעסער, פלעגט ער זיך פאַמעלעך אַוועקלאָזן הינטער דער שטאָט און צולייגן זיך אונטער אַ בוים ביים שטיינערנעם פאַרקאַן פון גלחס סאָד.

אויף דער לוויה בין איך געווען פון די ערשטע. מענטשן האָבן גערעדט וועגן נפטר, וועגן זיין ערלעכקייט, — אַ בר לבב! — וועגן זיינע פאַרשניטענע יאָרן און וועגן זיין מחלה. ווי נשתומם בין איך געוואָרן, הערנדיק די נייס, אז ר׳ שמואל זייגערמאכער איז געשטאָרבן פון דער זעלבער מחלה, פון וואָס זיין פאָטער עליו השלום איז געשטאָרבן — פון אַ לונגען־פעלער...

רבונו של עולם! די לונגען!...

די הויט האָט אויף מיר ממש גענומען ציטערן פאַר פחד.

די לונגען! די לונגען!...

אַ לוויה האָט ר׳ שמואל זייגערמאַכער געהאַט אַ גרויסע. די גאַנצע שטאָט, אַלט און יונג, איז אים געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד. די לוויה איז געגאַנגען פאַרביי דעם בית־מדרש און דאָרט האָט מען די מיטה אַראָפּגעלאָזט פון די אקסלען און מ׳איז שטיין געבליבן. צוקאָפּנס פונעם אָרון האָט זיך געוויזן דער אַלטער רב ר׳ ברוך מיט דער גרייז־

גרויער באָרד, און מיט אַ געבראָכענער שטים האָט ער אָנגעהויבן זיין הספד:

— „ושמואל מת...״

און האָט זיך באַלד פונאַנדערגעוויינט — אַ גרויסער בעל־בכי געװען דער אַלטער רבי! — און דער גאַנצער עולם נאָך אים.

דער בעל־מספיד האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קשיא: פאַרוואָס קומט עס, אַז אזא צדיק ווי ר׳ שמואל, זכרונו לברכה, זאָל אַוועקגיין פאַר דער צייט פון דער וועלט?... ער האָט גערעדט, דער אַלטיטשקער רב, געצויגן זיין טרויעריקן הספד־ניגון, און געקומען צו דער תשובה, אַז „מפּני חטאת הרשע נאסף הצדיק״... אַז אַ צדיק איז אַ קרבן צוליב דער גרויסער זינד פון דעם רשע, ר״ל!...

און ווי איך שטיי אַזוי אַ פאַרקלעמטער, מיט פייכטע אויגן, וואַקסט אויס פאַר מיר אין דער גרויסער מחנה — ז י , רחל... דאָס יונגע ווייבל... אויך זי שטופּט זיך הערן דעם הספד. כ׳האָב זיך געטראָפן מיט אירע בליקן. זי איז געווען ערנסט; אָבער אירע אויגן האָבן, ווי שטענדיק, געהאַט אַ פאַרבאָרגענע פרייד. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט פון איר, זי זאָל נישט אָנקוקן מיינע אויגן, מיינע פייכטע אויגן... איך בין דאָ געווען אַ היימישער און זי — אַ פרעמדע, געקומען נאָר מחמת נייגעריקייט; זי — די געזונטע, מיטן בליענדיקן, זאַרגלאָזן פּנים... וואָס טוט זי דאָ גאָר אויף דער לוויה? ווען פראַדל וואָלט דאָ געווען אויף איר אָרט, וואָלט איך זיך נישט אויסגעדרייט פון איר מיט מיינע פייכטע אויגן; אדרבה, האַרט נעבן איר וואָלט איך געשטאַנען, ווייל אויך זי וואָלט געהאַט פייכטע אויגן, און אפשר געוויינט, געכליפּעט אויפן קול...

אויפן בית־עולם בין איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן צוגעגאַנגען צום סאַמע קבר און זיך צוגעקוקט ווי מ׳איז מקבר ר׳ שמואל זייגערמאַכער. כ׳האָב געזען, ווי מ׳לייגט אים שערבלעך אויף די אויגן און ווי מ׳שטעקט אים אַריין צווישן די בלויע, טויטע פינגער גאָפּעלעך פון אַ צווייגל. זיין פּנים פון די תכריכים אַרויס איז געווען אַזוי געל, אַזוי אימהדיק... אַזוי, אַפּנים, זעען אויס טויטע, וואָס שטאַרבן פון אַ לונגען־פּעלער — — —

11

נאָך ר׳ שמואל זייגערמאַכערס לוויה בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער עצבות. דער פינצטערער סוד מיינער האָט מיך געבויגן צו דער ערד. כ׳האָב געוויינט אין דער שטיל, בעת קיינער זעט נישט, איבער דער

גמרא, אָדער ביחידות ביים אָרון קודש. ביינאַכט בין איך נישט געשלאָפן און האָב פּייכט געמאַכט דאָס קישן מיט מיינע טרערן... כ׳בין אומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער ווי אַ שאָטן...

— טוט דיך עפּעס וויי? — פרעגט מיך שוין איינמאָל די מאַמע, וואָס האָט, אפנים, באַמערקט אין מיר עפּעס אַן ענדערונג אין אויסזען.

— ס׳טוט מיך גאָרנישט וויי! — ענטפער איך אַ ברוגזער, אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס.

און דער טאַטע גיט צו:

— דער „ברייניסקער" האָט מיך אויך געפרעגט, צי ביסטו נישט קראַנק, חלילה?...

— כ׳בין נישט קראַנק! — פּטר איך אָפּ קורץ און דריי זיך אַרויס פון אַן איבעריקן שמועס.

אין קאָפּ ביי מיר איז אָבער רייף געוואָרן אַ פעסטער געדאַנק: אַליין בסוד אַריינגיין צו אַ דאָקטער!... און נישט צום שטעטלשן דאָקטער — כ׳וויל, אַז קיין פייגעלע זאָל דערפון נישט וויסן! — נאָר אין ג—ע, טאַקע צום זעלבן דאָקטער גורוויטש. כ׳וויל איינמאָל פאַר אַלע מאָל הערן אָפּן דעם גזר־דין!...

כ׳האָב געגומען זאַמלען געלט. אַ גראָשן צו אַ גראָשן, אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע. כ׳פלעג אויסבעטלען ביי דער מאַמען, ביים טאַטן, ביי דער באָבען. כ׳האָב געזאָגט, אַז איך קלייב עס כלומרשט אויף גמרות.

איך האָב געפועלט ביי אונדזער באַלעבאָס, מאיר־יאָשע „קאַראַבעל־ניק", ער זאָל מיר לאָזן „נאָכלויפן נאָכן וואָגן", בעת ער וועט פאָרן מיט זיינע קוישן עופות און קאַסטנס אייער קיין ג—ע. שווערער איז עס מיר גע־ווען צו פועלן ביי טאַטע־מאַמע; אָבער כ׳האָב זיך איינגעעקשנט, אַז איך מוז פאָרן, ווייל דאָ קריג איך נישט קיין „בבא־בתרא", וואָס איך דאַרף.

— דו אַליין מוזט עס פאָרן? מאיר־יאָשע וועט עס דיר שוין ברענגען. מ׳וועט אים בעטן... — האָט דער טאַטע געפּרווט זיך קעגנשטעלן.

— ניין, ניין. ער וועט נישט וויסן וועלכע צו קויפן. איך מוז אַליין קויפן... אַ גמרא מיט „תוספות", מיט „מהרש"א"...

איז ווידער געקומען אַ באַגינען, ווען איך אַליין, שוין אָן דעם טאַטן, האָב זיך מקדים געווען „כלחוך השור" און געלאָזט זיך אין וועג אַריין, קיין ג—ע. ס׳איז מיר קאַלט געווען פון האַרבסטיקן, כמורנעם פרימאָרגן. ס׳איז מיר קאַלט געווען פון שרעק...

און אָט זע איך ווידער דאָס שילדל ביים אַריינגאַנג פון דאָקטער גור־

וויטש. כ׳בלייב שטיין אויף די טרעפּ און ציטער ווי אַ בלאַט בעתן שטורעם...

עס קומען אָבער אָן פון הינטן חולאים און איך גיי אַריין צוזאַמען מיט זיי אין וואַרט־זאַל. די ווייכע, געבעטע שטולן ארום און זענען שוין פאַרנומען. מיר וועט אויסקומען איבערצוואַרטן אַ פופצן מענטשן. בעסער: דערווייל וועל איך זיך באַרויקן און אויסחזרן וואָס איך האָב צו ריידן...

זיך דערוואַרט... ס׳איז אָנגעקומען מיין ריי.

מיין גאָט! ווי איך פלאַטער!...

די טיר פון דאָקטערס קאַבינעט טוט זיך אָן עפן.

כ׳גיי אַריין אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער און ס׳קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— וואָס איז אייך? זייט איר צוגעקילט, וואָס איר פיבערט?... — פרעגט דער דאָקטער.

כ׳שטום. גלייך ווי איך וואָלט דאָס לשון פאַרלוירן.

דער דאָקטער טוט מיר אַ טאַפּ דעם שטערן, נעמט מיך אָן פאַרן פולס און פירט מיך אַזוי צו צו דער סאָפע:

— זיצט! אָבער שרעקט זיך נישט... כ׳וועל אייך דאָך גאָרנישט טאָן...

כ׳האָב מיך לסוף קוים אַביסל באַרויקט. די ציין האָבן אויפגעהערט צו ציטערן. אפּנים, ער דערקענט מיך נישט פון פאַר עטלעכע יאָר און כ׳וועל אים גאָרנישט דערציילן, אַז כ׳בין שוין אַמאָל ביי אים געווען.

— ווו טוט אייך וויי?

כ׳האָב אים געוויזן אויפן ברוסט־קאַסטן און אויפן לינקן זייט, גאָר בידעריק.

— טוט זיך אויס.

ס׳האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע דאָס באַטראַכטן מיך פון אַלע זייטן. פונקט ווי דעמאָלט, האָט ער אויך איצט לאַנגזאַם און מיושבדיק געקלאַפּט מיט זיינע לאַנגע פינגער פון פאָרנט און אויף די פּלייצעס.

— טוט אייך טאַקע וויי אויף אָן אמת אָדער אייך דאַכט זיך?... — פרעגט ער פלוצלונג מיט אַ שמייכל.

— דאַכט זיך... ס׳טוט וויי...

— דאַכט זיך, האַ?... צו פרי דאַכט זיך אייך... — שמייכלט ווייטער דער דאָקטער גוטמוטיק.

איך האָב געקוקט אויף אים און נישט פאַרשטאַנען.

— שוין, איר קאָנט זיך צוריק אָנטאָן.

ס'האָט מיך אויפסניי געגומען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן... איצט ליגט שוין מיין גורל אין דאָקטערס הענט... ער ווייסט שוין אַלץ... כ'קאָן אים אָבער נישט פרעגן. כ'ציטער פאַר זיין וואָרט, וואָס וועט קומען...

מיט נערוועזע הענט האָב איך זיך גענומען אָנטאָן.

דער דאָקטער האָט גאַנץ רויִק, נישט געאיילט, פאַר דער צייט אָנגעשריבן אַ רעצעפּט און מיט גרויס חשיבות געזאָגט:

— זייט רויִק, ס'איז קיין שום בייז. בלויז נערוון...

— האַ, וואָס... נערוון?... און די לונגען?... די לונגען?... — האָב איך צערודערט געשטאַמלט.

— די לונגען? — קוקט מיך אָן דער דאָקטער מיט זיין שמייכל, — וועלכע לונגען! סיידן אַ לונגען־לעבער אויף דער נאָז... אייך איז גאָרנישט!

— גאָרנישט?... באמת גאָרנישט?...

— גאָרנישט! לחלוטין גאָרנישט! — האָט ער איבערגעחזרט און זיך אויפגעשטעלט פון זיין פאָטעל, — דאָ — זאָגט ער ווייטער — האָט איר אַ רעצעפּט צו די נערוון. נעמט דריי מאָל אַ טאָג אַן עס־לעפל פאַרן עסן. חזרט איבער דעם דאָזיקן רעצעפּט דריי מאָל.

אַרויסגייענדיק פון דאָקטער, האָב איך גענומען שוועבן ווי אַ משוגענער איבער די גרויס־שטאָטישע גאַסן. איך האָב נישט געזען קיין הייזער, קיין מענטשן — איך בין געלאָפן...

הייסט עס, אַז — גאָרנישט!... ס'אַ ליגן!... נישט די לונגען! נישט די לונגען! הייסט עס, אַז — לעבן!... כ'וועל לעבן!... כ'וועל לעבן!... — —

הייסט עס, אַז אַ חוזק אַזאַ... אַ חוזק... ד ע ר ט ו י ט ה אָ ט נ אָ ר ג ע ש פּ אַ ס ט — — — — — — —

איך בין אומגעלאָפן אַזוי משוגענערהייט, ווי איינער וואָס איז על פּי נס אַ לעבעדיקער פון דער תליה אַראָפּ...

פון האַרצן האָט זיך געשפּאַרט אַ ווילדע אויסטערלישע פרייד, — אַ ווייטיקדיקע פרייד, וואָס האָט זיך אינעווייניק געקראַמפּט און געריסן אויסצופלאַצן. אין האַלדז איז ענג געוואָרן — כאָטש דערשטיקט צו ווערן...

איך האָב זיך פונאַנדערגעכליפּעט אין מיטן גאַס...

איך בין צוריק אַהיימגעפאָרן און מיטגעפירט בגנבה אַ פלעשל רפואות צוזאַמען מיט דער גמרא „בבא בתרא"... דאָס פלעשל האָב איך אין שטוב באַהאַלטן אויפן בוידים, אין אַ קעשענע פון אַן אַלטן בגד, און דריי מאָל אַ טאָג פלעג איך אַרויסגנבענען אַ לעפל פון קאַמאָד און „עולה־רגל"

זיין אויפן בודידים... דאָס לעפּל פלעג איך מחמת איילעניש צוריקלייגן נאָ־סערהייט, אַזוי אז די מאמע פלעגט נאָכדעם קוועטשן מיט די אַקסלען:

— פון וואָס ווערט עס אַ לעפּל אַלע טאָג פאַרגרינט?...

איך געדענק נאָך עד היום דעם טעם פון די רפואות: אַזאַ מין געזאַלצן וואַסער. איך האָב עס שפּעטער, שוין גרויסערהייט, נישט איין מאָל געטרונקען. און איצט ווייס איך שוין אויך ווי עס הייסט: „נאַטרי בראָמאטי” מיט אַ צומיש פון וואַלעריאַן און פאָספאָר...

אין אַזאַ פאַל וואָלט אָבער אויך געוועזן דאָס זעלבע, ווען דער דאָקטער פאַרשרייבט אַזאַ פּאַציענט „אַקוואַ דעסטילאַטאַ” מיט אַ פּאָר גראַם פשוטער סאָדע...

וואַרשע, 1936.

„אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן"

(אַ כראָניק פון די צאַרישע צייטן)

1

געווען איז עס פאַר פרילינג פון יאָר נײַנצנהונדערט צען.

ס'איז דאָן ערשט אַ האַלב יאָר לערך פאַרבײַ, זינט כ'בין געקומען אַלס יונג בחורל פון מײַן קליינעם ליטווישן געבורטס־שטעטל אין דעם גרויסן אויסגעחלומטן ליטעראַרישן וואַרשע. אין מײַן פּאַרמעג האָב איך שוין געהאַט דרײַ אָפּגעדרוקטע סקיצן (וועגן די נאָך נישט געדרוקטע זאַכן איז קיין רייד נישט — יענע זענען געווען לרוב...) און דאָס האָט מיר גע־געגעבן דאָס „רעכט" — אַזוי ווי אַלע מײַנע חברים פון די יונגע דיכטער־אָנפאַנגער — צו טראָגן לאַנגע האָר, אַ צעדרייטן קאַפּעליוש און אַ שוואַרצע בינדע — מעשה באַהעמיען!... און אָט דער דאָזיקער הילוך מײַ־נער האָט מיר געקאָסט צען וואָכן תפיסה... — וועגן וואָס טאַקע איך גיי דאָ דערציילן.

***

ווי שוין דערמאָנט, איז עס געווען פאַר פרילינג־צײַט. אַרום פּורים. אין דרויסן האָט שוין געצערטלט אַ לינדע, נחתדיק ווינטל און אויבן האָט דער וואַרשעווער הימל שוין געררייצט מיט פּאַסן בלויקייט. כ'בין פּאַמע־לעך געגאַנגען דורך גזשיבאָווסקע צווישן די תמיד אײַלעוודיקע דורכגייער און געטראַכט וואָס כ'האָב געטראַכט. אין מיטן דערינען דערשפּיר איך, ווי עמיץ טוט מיך פון הינטן אַ נעם אונטערן אָרעם. כ'בלײַב אינסטינקטיוו שטיין און דריי מיך אויס:

עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פּאַרשוין אין שוואַרצן, אין אַ האַרטן קאַ־פּעליוש, פאַרקוקט מיר שאַרף אין די אויגן אַריין.

— ניע בעזפּאַקאָיטיעס... ז׳פּאָליציאַי... יאָ וואָס אַרעסטויו... 1) — טוט ער גלייך אַ זאָג, און ווענדנדיק זיך צו אַ דערנעבן־שטייענדיקער דראָזשקע, טוט ער אַ רוף:

— איזוואָשטשיק!

כ׳בין געווען אינגאַנצן געפּלעפט פונעם אומגעריכטן „סיורפּריז״ און האָב זיך, ווי אַ מענטש מיט אַ פּלוצלונג פאַרלוירענעם ווילן, געלאָזט אריינבאַגלייטן אין דראָזשקע.

— וו׳אָכראַנו! — האָט ער נאָר אַ זאָג געטאָן דעם דראָזשקאָזש.

די דראָזשקע איז געפלויגן אין דער ריכטונג צו דאַנילאָוויטשעווסקע. דער געהיים־אַגענט האָט מיך כסדר געהאַלטן אונטערן אָרעם.

אויפן וועג, אז כ׳בין געקומען אַביסל צו זיך, זאָג איך דעם פּאַרשוין, אַז דאָ מוז זיין עפּעס אַ מיספאַרשטייעניש... אַ טעות... יענער איז אָבער געווען קאַרג אויף לשון און כמעט ווי נישט געענטפערט. פאַרוואָס קאָן עס זיין? — האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע אין מחשבה. — פאַר וועלכע „חטאים״? אמת, איך האָב יאָ געהאט אַ „חטא״ אויף מיין געוויסן: פאַר מיין קומען קיין וואַרשע האָב איך געהערט צו אַ יוגנטלעכן קרייז פון „ס. ס.״ (ציוניסטן־סאָציאַליסטן); אָבער וואָס פאַראַ שייכות האָט עס צו דער וואַר־שעווער „אָכראַנע״?...

אויף דאַנילאָוויטשעווסקע, אין דער „אָכראַנע״, האָט מיך צוערשט אויפגענומען עפּעס אַ גראָבער מגושמדיקער פּאַרשוין.

— האַ! האַ! — האָט ער מיך ווי באַגריסט, — סוף־כל־סוף האָבן מיר דיך געפּאַקט, גאָלובטשיק!...

ער האָט זיך צו מיר דערנענטערט מיט וואַקלדיקע טריט — ר׳איז געווען שכור ווי לוט — און מיר ממש אַריינגעאָטעמט אַן עקלהאַפטן ריח פון בראָנפן. ער האָט אַריינגעשטעקט זיינע גראָבע הענט אין מיינע טאַשן און אַרויסגעצויגן פון דאָרט אַלצדינג, וואָס דאָרט איז געווען.

— קיין געווער האָסטו נישט? — האָט ער דערביי אַ פרעג געטאָן.

— דאָ מוז זיין אַ טעות... — האָב איך געהאַלטן אין איין טענהן — פאַרוואָס האָט מען מיך אַרעסטירט?

— פאַרוואָס? פרעגסט נאָך פאַרוואָס? מיר זוכן דיך שוין פון לאַנג, דו

1) באַאומרואיקט זיך נישט... כ׳בין פון דער פּאָליציי... איך אַרעסטיר אייך.

אַנאַרכיסט איינער! כ׳האָב דיך געזען די טעג אין זאַקסישן גאָרטן מיט איינעם אַ שוואַרצן. ווו איז ער, דיין חבר, דער אַנאַרכיסט?

כ׳האָב געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— כ׳ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן.

— דו ווייסט נישט? וועסט שוין וויסן! אין סיביר אויף קאָטאָרגע וועסטו פאַרפוילט ווערן!

— אָבער... כ׳ווייס נישט פאַרוואָס...

— ניע ראַזגאַוואַריוואַט׳!

דערביי האָט ער אַ שלעפּ־געטאָן איין עק פון מיין שוואַרצער בינדע, וועלכע האָט זיך אינגאַנצן פונאַנדערגענומען.

— מיר קענען אָט די בינדעס. סוקין סין! אַנאַרכיסט!!!

דאָס דאָזיקע „אַנאַרכיסט!!!״ האָט ער אַזוי אויסגעשריען, מיט אַזאַ ווילדן שיכורן קול, אַז אַלץ אין מיר האָט גענומען ציטערן.

מ׳האָט מיך לסוף אַריינגעפירט אין אַרעסט־קאַמער ביי דער קאַנצע־לאַריע. דאָרט זענען געווען נאָך עטלעכע אומבאַקאַנטע, וועלכע האָבן מיך באַגעגנט מיט אַ פריינטלעך מענטשלעך פּנים. זיי האָבן מיך גענומען אויס־פרעגן און באַרויִקט.

די פרעקווענץ איז דאָ געווען אַ גאַנץ לעבעדיקע. אַלע ווילע איז אין אונדזער קאַמער עמיץ צוגעקומען. די אַלע פריש־אַריינגעקומענע זענען געווען בלאַס, אויפגערעגט און האָבן זיך אומגעקוקט מיט אומזיכערע צע־שראָקענע אויגן.

שפּעטער בין איך שוין געווען כמעט אינגאַנצן רויִק. כ׳האָב זיך גע־נומען אַרומקוקן. די גרויע ווענט זענען געווען צעקריצט פון כלערליי דראַסטישע „צייכענונגען״ און אויפשריפטן: די העסלעכסטע „סענטענצן״ פון דער סאַמע ביליקער פאָרנאָגראַפיע...

אין אָוונט האָט מען מיך אַריינגערופן צום נאַטשאַלניק פון דער „אָכ־ראַנע״. יענער האָט מיך שוין אויפגענומען אַ ביסל „מענטשלעך״: געהייסן זיך זעצן, לאַקריצדיק צוגעשמייכלט און אָנגעהויבן דעם „דאָפּראָס״: צו וועלכער פאַרטיי איך געהער — צום „בונד״, צו „ס. ס.״ אָדער צו דער אַנאַרכיסטישער פאַרטיי?... די דאָזיקע פראַגע האָט ער געשטעלט מיט אַזאַ „אומשולדיק״ שמייכעלע, גלייך ווי עס פרעגט אַ קעלנער ביי אַ גאַסט אין רעסטאָראַן וואָס עס שמעקט אים בעסער: אַ ווינער שניצל, אָדער אַ גע־פּרעגלטער קורטשאַק?...

דעם נאַטשאַלניק האָב איך שוין דערציילט מיין גאַנצן „יחוס״: אז איך אַרבעט אין אַ רעדאקציע... אין „אונדזער לעבן״...

— וואָס טוט איר דאָרט אין רעדאקציע? איר שרייבט פּראָקלאַמאַ־ציעס?...

— כ׳בין סעקרעטאַר ביים שעף־רעדאקטאָר.

— ווער איז דער שעף־רעדאקטאָר?

— פּרילוצקי, צבי פּרילוצקי.

— אַ סאָציאַליסט אוודאי?

— זאָל גאָט אויסהיטן...

צום סוף פון „דאָפּראָס״ האָב איך אים געבעטן, ער זאָל אָנקלינגען צום אַרויסגעבער פון דער צייטונג, צו ש. האָכבערגן, און פרעגן אויף מיר. דאָס האָב איך געטאָן מיט אַ כיוון, ווייל, ווי מ׳האָט דערציילט, האָט האָכ־בערג געהאט קאָנטשאָפט מיט „נאַטשאַלסטוואָ״ און מען האָט זיך מיט אים גערעכנט. האָכבערג איז אַמאָל געווען אין דער אַרמיי און פון יענע צייטן איז ביי אים פאַרבליבן לזכרון אַ שווערד, מיט וואָס ער יחוסט זיך גאָר שטאַרק... און דאָס, אפּנים, האָט אויך געבראַכט דערצו, וואָס ער האָלט אָן קאָנטשאָפט מיט „נאַטשאַלסטוואָ״. אָבער אויך דאָס דאָזיקע „זכות אבות״ איז מיר אין דער „אָכראַנע״ סוף־כל־סוף נישט בייגעשטאַנען...

אין מיטן נאַכט קומען אַריין צו מיר אַ פּאָר געהיים־אַגענטן און מעלדן מיר, אַז זיי פאָרן צו מיר מאַכן אַ רעוויזיע, צי איך וויל נישט מיט זיי מיטפאָרן, כדי צו ווייזן ווו עס ליגן די באָמבעס... כ׳האָב זיי באַדאנקט פאַרן גרויסן „כבוד״ און זיך אָפּגעזאָגט פון זייער פאָרשלאַג. כ׳האָב זיי געגעבן דאָס שליסעלע פון מיין וואַליזקע און געמאַכט זיי אויפמערקזאַם, אַז אַ חוץ מאַנוסקריפּטן ליגן דאָרט אויך 14 זילבערנע רובל... פאַרשטייט זיך, אַז אין פּראָטאָקאָל פון דער רעוויזיע האָבן שפּעטער פיגורירט אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן געפונען, אַ חוץ די 14 רובל — דאָס האָבן די געהיים־אַגענטן אַראָפּגעלאָזט אין די טאַשן פאַר „שכר־הליכה״ אין מיטן דער נאַכט...

אַ גאַנצן מעת־לעת האָט מען מיך אַזוי אָפּגעהאַלטן אויף דאַנילאָווי־טשעווסקע און נאָכדעם אָפּגעשיקט, מיט אַ גאַנצער פּאַרטיע אַרעסטירטע, אין אַ פאַרקראַטעוועט „קעטשל״, אין דער ציטוויילקער טורמע אויף ספּאָקאָינע גאַס.

2

אַ לאַנגער קאָרידאָר מיט גרויסע „קאַמערן" פון איין זייט — דאָס איז געווען דער „מקום מנוחה" אויף ספּאַקאַינע. געווען דאָרט אַפּטיילונגען פאַר קרימינעלע אַרעסטאַנטן און פאַר פּאָליטישע. אַלס „אַנאַרכיסט", מיט אַזאַ עמבלעמע ווי אַ שוואַרצע בינדע, בין איך, פאַרשטייט זיך, אַריינגעפאַלן צווישן די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן.

אין תפיסה איז געווען לעבעדיק. אַ שטיקעניש, אַ געדראַנג. צו 30־40 פאַרשוין אין אַ „קאַמער". אין לאַנגן קאָרידאָר איז געווען אַ געוואַלדיקע באַוועגונג פון מענטשן, פּונקט ווי אין אָוונט אויף ניי־וועלט אָדער מאַרשאַלקאָווסקע...

אַכט אין אָוונט האָט מען, לויטן תפיסה־רעגולאַמין, געמוזט פאַרלאָזן דעם קאָרידאָר. אין מיין „קאַמער" איז געווען דושנע און חושכדיק. בלויז איין ציטערדיק און טאַנצנדיק גאַז־פלעמל פון אַ רערל איבער דער טיר האָט געוואָרפן אַ טונקעלן שיין. דער עולם האָט זיך אויסגעלעגט אויף די נאַרעס און זיך איבערגעגעבן דער נאַכט און — ווער עס האָט געקאָנט — דעם שלאָף. איך בין לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן אויף מיין זייער אומבאַקוועמען „געלעגער" און זיך געדרייט פון איין זייט אויפן אַנדערן. די לופט איז געווען אַן איבעלדיקע, אַן אָנגעזאַפּטע מיט שווייסיקע ריחות פון אַזויפיל צונויפגעדריקטע מענטשישע גופים. כ׳האָב בעת־מעשה דערשפּירט דעם אמתן טעם פון דער ווילדקייט, וואָס הייסט: כאַפּן מענטשן פון דער פריי און אַריינוואָרפן זיי אין אַ שמוציקער שטייג... פע! פע!... נאָר גיי האָב טענות צו דער „אָכראַנע"! בין איך אַזוי געלעגן אַ שלאָפלאָזער, מיט געשפּאַנטע נערוון און אומעטיקע רעיונות...

אין מיטן נאַכט באַמערק איך, ווי אַ דריי חברה־לייט קריכן אַראָפּ פון די נאַרעס, סודן זיך עפּעס, קוקן זיך צו צו די שלאָפנדיקע און בלייבן נעבן עמיצן שטיין.

— אָט דער „גאַסט" איז היינט אָנגעקומען... — מורמלט איינער אַרויס.

איך ווער פאַראינטריגירט און זעץ זיך אויף.

— ש־ש־שאַ! — גיט מען צו מיר אַ שטילע קאָמאַנדע אויפן ווונק.

ווייזט זיך אַרויס, אַז מ׳גייט עס איינעם אָפּטאָן אַ משונהדיקן „שפּיצל": איינער קריכט אַרויף אַ צווייטן אויף די אַקסלען, שטעלט זיך אויף און הילט זיך אום איבערן קאָפּ מיט אַ לאַנגער ליילעך. דער דריטער

חברה־מאַן קריכט אַרונטער אונטער דער נאַרע פונעם שלאָפנדיקן קרבן. לויט אַן אָפּגערעדטן סיגנאַל האָט דער פּאַרשוין פון אונטן געגומען אונ־טערהויבן די נאַרע און די ווייסע ריזיקע געשטאַלט צופוסנס פונעם קרבן האָט גלייכצייטיק זיך געגומען וויגן, וויגן מיט אַרויסגעשטרעקטע הענט, ווי אַ כהן ביים דוכנען... דער קרבן האָט זיך פּלוצלונג אויפגעריסן פון שלאָף און אַרויסגעלאָזט אַ מאוימדיק געשריי... דער גאַנצער עולם שלאָ־פנדיקע האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט צוליבן געשריי און ס'איז געוואָרן לע־בעדיק אין „קאַמער" פון די ווילדע געלעכטערס. לסוף האָט זיך הינטער דער טיר דערהערט די גראָבע שטים פונעם „קלוטשניק": ער האָט אַריינ־געשריען און אַריינגעזידלט אויף וואָס די וועלט שטייט...

**
*

דער טורמע־רעזשים אויף ספּאָקאָינע איז נישט געווען קיין ספּעציעל שטרענגער. מ'האָט אַלע טאָג אַריינגעלאָזט פון שטאָט „וואָלוועקעס"1) צײַ־טונגען און ביכער — פאַרשטייט זיך, נאָך אַ קאָנטראָל פון דער קאַנצע־לאַריע. מענטשן האָבן זיך דאָ געביטן ווי אין אַ האָטעל. יעדן טאָג נײַע פּנימער. ווער אַריין, ווער אַרויס. מ'האָט אויך דערלויבט אָפטע „סווידאַ־ניעס"2). פלעגן קומען באַקאַנטע און דורך אַ שמאָל קראַטן־פענצטערל אָפּגעבן גרוסן פון דער פרײַ. איינמאָל איז אַפילו מײַן פאָטער געקומען פאַר־נעם שטעטל און אַרײַנגעווינקט, נעבעך, אין קראַטן־פענצטערל...

איין טאָג איז אין אונדזער „קאַמער" אַריינגעפאַלן אַ גאַנצע גרופּע „ס. ס."־אָווצעס" מיט יעקב לעשטשינסקין בראש. אין דער דאָזיקער גרו־פּע זענען אויך געווען דער פּעדאַגאָג פינעס, דער שפּעטערדיקער אימ־פּרעסאַריאָ יענקעלע דאַנציגער און איינער אַן אינזשיניער. פון דעמאָלט אָן איז אונדזער „קאַמער" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתדיק פּאָליטיש „קלייזל". גאַנצענע טעג דיסקוסיעס, אינטערעסאַנטע לעבעדיקע שמו־עסן. דעם אינזשיניער איז גאָר אײַנגעפאַלן צו אַראַנזשירן אַ קורס פון פיזיק. איך מיט אַ שטאַב „מיטאַרבעטער" האָבן זיך גענומען אַרויס־געבן אַ הומאָריסטיש זאַמלהעפט מיטן נאָמען „הינטער די קראַטן". דאָס דאָזיקע זאַמלהעפט איז אַפילו געווען פאַרזען מיט אַ פיינער הילע־צייכנונג (געווען צווישן אונדז אויך אַ גראַפיקער). די הילע האָט פאַרגעשטעלט אַ טורמע־וואַנט, פענצטערלעך אין קראַטן און אַ „טשאַסאָוואָי" מיט אַ ביקס

---

1) שפּייז־פּעקלעך; 2) זעאונגען.

נעבן אַ בײדל אין דיאַגאָנאַל־פּאַסן — כּדת וכדין... דער מאַטעריאַל אין זאַמלהעפט איז געווען אַן אַקטועלער — פון אונדזער סביבה אויף ספּאָקאַינע. דער שטאַב „מיטאַרבעטער" האָט געליפערט שטאַרק געפעפערטע וויצן. מ'האָט געחוזקט פון אַלץ און אַלעמען, אײנע פון די אנדערע. ס'איז קײנער נישט געשוינט געוואָרן. איך, למשל, האָב אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן (אונטערן שטריך) א. נ. „די אבדה". די טעמע איז געווען — יענקל דאנציגער, װעלכער איז מחמת קלײנקײט פאַרלוירן געגאַנגען און מ'האָט אים לסוף געפונען אין אַ קוישל פון אַ „וואלוווקע"...

אַז דאָס דאָזיקע זאַמלהעפט איז „דערשינען פון דרוק" (מיר האָבן געהאט אַן אײגענעם קאַליגראַף — טאַקע דער זעלבער צײכנער), האָט מען „אַראַנזשירט אַן אָוונט" און מ'האָט עס פאָרגעלײענט פאַר דער גאַנצער אוידיטאָריע פון אונדזער „קאמער". עולם האָט זיך פײַן אַמוזירט און האַרציק געלאַכט.

די מענטשן, וואָס זענען דאָ געזעסן לענגער, האָבן זיך אַזוי צונויפגעלעבט צווישן זיך, אַז מ'איז געוואָרן כּמעט ווי אײן משפּחה. מ'האָט צוזאַמען געגעסן, צוזאַמען שפּאַצירט איבערן לאַנגן קאָרידאָר, צוזאַמען געשלאָפן, צוזאמען געוואשן זיך אין דער אַלגעמײנער גאַרדעראָבע און צוזאַמען געמוזט דערלײדיקן אַפילו אַזעלכע פונקציעס, וואָס האָבן ליב געראָד יחידות... אָבער דאָס טורמע־לעבן האָט אַנדערע געזעצן און אַנדערע מנהגים.

טײל פון אונדז האָבן זיך פאַרנומען מיט אַן אַנדער „ספּאָרט" — מיט שרײבן בריוועלעך צו די מײדלעך פון „עזרת נשים", צו דער פרויען־אָפּטײלונג אויף ספּאָקאַינע, וווּ עס זענען געזעסן באַקאנטע פּונעם „שײנעם מין". די דאָזיקע בריוולעך פלעגן באַזאָרגט ווערן פאַר אַ פּאַפּיראָס דורכן טורמע־וועכטער. מיט די דאָזיקע מײדלעך פלעגן מיר זיך אַמאָל טרעפן אויפן טורמע־הויף, אויף אַ ווײטער דיסטאַנץ און אויף אַ קורצער ווײַלע, בעת אונדזער צען־מינוטיקער „פּראָגולקא" אויף דער פרײַער לופט. צווישן די באַקאנטע מײדלעך איז אויך געווען — ראָזא לוקסעמבורג... אָבער ניט די סאָציאַליסטישע לידערין ראָזא לוקסעמבורג פון דײַטשלאַנד, נאָר די „ס. ס.'אָווקע" פון כעלם... אַ שײן מײדל געווען און דאָס רוב בריוולעך זענען געווען אַדרעסירט צו איר.

3

דער פרילינג אויף דער פרײַער וועלט האָט זיך שוין געלאָזט ווײלגײן מיט ברײטע הימלען און צעשטראַלטער, צאַרטער זון. מיר האָבן אים

אָבער נאָר געזען דורכן אײנציקן קראַטן־פענצטערל אין אונדזער „קאַמער״, צו װעלכן פאַרבענקטע פלעגן זיך אָפּט דראַפּען, אָדער אויפן זייער קורצן, קאַרגן שפּאַציר אויפן טורמע־הויף. אין האַרץ האָט זיך צעפלאַקערט אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט נאָך דער פריי. פאַרנאַכט איז מען אומגעלאָפן איבערן לאַנגן קאָרידאָר הין און צוריק, הין און צוריק, ממש ווי משוגעים. מ׳האָט גאָר קיינמאָל נישט געשפּירט אַזוי די פּיין פון אָפּגעשלאָסנקייט, פון פאַרשפאַרטקייט, ווי אין יענע פרילינגס־פאַרנאַכטן. ס׳האָט געוווּנדערט, ווי אַזוי אַזא דורכדרינגנדיקע בענקשאַפט קאָן נישט צעשפּאַרן די תפיסה־ווענט.

ס׳איז שוין געווען פאַר פסח. פון שטאָט איז צו אונדז צוגעקומען אַ שפּאָגל־נייע פאַרטיע אַרעסטירטע. צעשראָקענע יידישע פּנימער. דאָס זענען שוין קרבנות פון אַבלאַוועס פאַרן „1טן מאַי״... צווישן די פריש־צוגעקומענע איז געווען איינער מיט אַ משכיליש בלאָנד בערדל, מיטן פאַמיליע־נאָמען בונין. ס׳וויזט זיך באַלד אַרויס, אַז דאָס איז דער באַקאַנטער העברעאיש־רעליגיעזער שריפטשטעלער, דער אויטאָר פון „משנת חב״ד״... זיין צעמישט פּנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק... בונין, ווי אַ רעליגיעזער ייד, האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש, וואָס גראָד איצט, ערב פסח, איז ער אַריינגעפאַלן אַהער און וועט האָבן אַ פאַרשטערטן יום־טוב. עולם האָט אים געטרייסט, אַז נישקשה, מ׳קאָן דאָ אויך פּראַווען דעם „סדר״.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

אין טאָג פון ערב פסח (און אויך אין די וויטערדיקע יום־טוב־טעג) האָט מען צו אונדז אין „קאַמער״ אַריינבאַזאָרגט פון דער גמינע מצות, וויין און אַנדערע יום־טובדיקע מאכלים. און אין אָוונט האָבן טאַקע אַלע יידן, אַפילו די נישט־פרומע, גענומען צוגרייטן דעם „סדר״. מ׳האָט פאַרשפּרייט אַ ליילעך אויף איין ברייטער נאַרע און סערווירט מיט מצות און וויין. מ׳האָט פאַרגעלייגט בונינען צו מאַכן קידוש. בונין איז לכתחילה געווען נישט דרייסט עס צו טאָן. ער האָט געקוקט מיט חשד אויף די אַרומיקע. לסוף, זעענדיק, אַז אויך חברה יונגוואַרג מאַכט נישט קיין חוזק און פאַרהאַלט זיך „לאַיאַל״ — איז ער געוואָרן דרייסטער און אָנגעגאָסן אַ כוס צום קידוש.

— סברי מרנן ורבנן ורבותי...

דער קידוש איז ביי אים דאָך אַרויסגעקומען נעבעכדיק. זיין קול איז געווען אַן אומעטיקער, אַ געבראָכענער, ווי תשעה־באב צו קינות...

נאָכן קידוש און נאָך דער יום־טובדיקער וועטשערע, וואָס האָט אַלע־מען אויפגעהייטערט, האָט זיך דער יינגערער עולם גענומען — זינגען! די רעליגיעזע האָבן אין אַ ווינקל שטיל געזאָגט די „הגדה"...

איין ליד איז אין יענעם אָוונט געזונגען געוואָרן מיט מער פלאַם, מיט מער התלהבות און האָט אַלעמען אָנגעצונדן. דאָס דאָזיקע ליד איז כסדר איבערגעחזרט געוואָרן:

אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן
וואַר אַ קעניג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די טענער פון דאָזיקן ליד וועגן קנעכטשאַפט און באַפרייאונג פון אַמאַליקן פּרעה האָבן זיך הויך צעקלונגען און דורכגעדרונגען די גראָבע תּפיסה־ווענט. אַלע צוזאַמען האָבן געזונגען. אַפילו די הגדה־זאָגער האָבן מפסיק געווען און געוואָרן מיטגעריסן פון געזאַנג. אין באַגייסטע־רונג האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט, אין עקסטאַז...

אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין מיטן דעם באַגייסטערטן געזאַנג רייסט זיך פּלוצלונג אויף די טיר פון אונדזער „קאַמער" און עס באַווייזט זיך דער טורמע־נאַטשאַלניק מיט אַ באַוואָפנטער אָפּטיילונג פון דער תּפיסה־וואַך.

דאָס געזאַנג איז פּלוצלונג אָפּגעהאַקט געוואָרן.

— טשטאָ עטאָ זאַ בעזאָבראַזיע?! 1) — האָט דער נאַטשאַלניק אַ דו־נער געטאָן.

— מי מאַלימסיאַ...2) פּאַסכאַ... — האָט עמיץ פון אונדז אַ וואָרף גע־טאָן אַ טרעפלעכע תּשובה.

דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַרומגעקוקט, אָפּגעשטעלט אַ לענגערן בליק אויף דער פּסחדיק־סערווירטער נאַרע און תּיכף געביטן די מינע.

— אַך... טאַק... פּאַסכאַ... מאָליטיעס, מאָליטיעס... ס'באָגאָם...3)

און ער האָט זיך תּיכף צוריקגעצויגן מיט דער וואַך און איז פאַר־שוווּנדן. און ערשט דעמאָלט האָט זיך אין אונדזער „קאַמער" צעפלאַקערט

---

1) וואָס איז עס פאַר אַ באַלאַגאַן?! 2) מיר דאַווענען; 3) אַך... אַזוי... פּסח... דאַוונט, דאַוונט, געזונטערהייט...

דאָס אמתדיקע געזאַנג!... נאָך מיט מער היץ, נאָך מיט מער ברען — ווי עס פּאַסט פאַר „בני חורין“...

און ווידעראַמאָל:

אין דעם לאַנד פון פּיראַמידן...

— —

אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ס'האָט זיך קיינעם נישט געגלוסט מיט דער היינטיקער פרייהייט זיך צו שיידן...

4

נאָך פּסח, ווען די עטלעכע ביימער אויפן טורמע־הויף זענען שוין געווען אינגאַנצן גרין, האָט מען אונדזער געזעלשאַפט צעטיילט. טייל האָט מען באַפרייט, טייל האָט מען איבערגעלאָזט אויף ספּאָקאָינע און טייל האָט מען איבערגעשיקט אין „אַלעקסייעווסקי פּאַרט“ פון וואַרשעווער ציטאַדל. איך בין אַריינגעפאַלן צווישן די לעצטע. אין איין שיינעם זוניקן פרימאָרגן האָט מען מיך מיט נאָך אַ גאַנצער גרופּע אריינגענומען מיט האַק און פּאַק אין אַ „קעטשל“ און איבערגעפירט אין דעם נייעם „וווין־אָרט“, נישט ווייט פון דער ווייסל.

— ס'איז שוין פרילינג... פירט מען אונדז אויף דאַטשע... — האָט מען זיך געוויצלט.

אינעם רונדן באַרג, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אַלעקסייעוו־סקי פּאַרט“, איז געווען אַ באַזונדער אָפּגעשלאָסן וועלטל. אינעווייניק — אַ קיילעכדיקער הויף, אַרום הויף — ריזיקע פענצטער פון אַ רונדן קאָרי־דאָר. אין קאָרידאָר, קעגנאיבער די פענצטער, זענען הינטער אייזערנע דיקע קראַטן געווען די „קאַמערן“ פאַר אַרעסטאַנטן. אין די קאַמערן גופא זענען קיין פענצטער נישט געווען. דאָס ליכט אַהין פלעגט פאַלן בלויז פון קאָרידאָר דורך די קראַטן.

אין פּאַרט האָט געהערשט אַ מיליטערישער רעזשים. יעדן טאָג פלעגט זיך טוישן דער „קאַראַול“. פּונקט 12 אַזייגער בייטאָג פלעגט זיך דערהערן אַ סיגנאַל און אַ נייע אָפּטיילונג סאָלדאַטן, אונטער דער קאָמאַנ־דע פון אַן אָפיציר, פלעגט איבערנעמען די אויפזיכט איבערן פּאַרט. ביי יעדן „קאַמער“ פלעגט תמיד שטיין אַ „טשאַסאָוואָי“ מיט אַ ביקס און אַריינקוקן דורך די קראַטן וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. בייטאָג, אַז

מ׳האָט געדאַרפט גיין אין דער אָביקאַציע, פלעגט מען מוזן מעלדן דעם „טשאַסאָוואָי״ און יענער פלעגט אַרויסרופן צווי „וויוואָדניע״1) מיט ביקסן, וועלכע פלעגן דעם אַרעסטאַנט באַגלייטן „מיט פּאַראַד״, ווי אַ לייב־וואַך, אַהין, וווהין „דער קייסער גייט צופוס״... נאַטירלעך פלעגט פון דעם דאָזיקן רעכט יעדער געניסן שוין צו אָפט: עס האָט פּשוט געלאָקט די „אַטראַקציע״ צו מאַכן כאָטש אַ שפּאַציר דורכן קאָרידאָר און — דער עיקר — צו כאַפּן אַ בליק דורכן קליינעם אָביקאַציע־פענצטערל אויף דער פרייער הפקרדיקער ווייסל־געגנט... די דורכגייער אין דער ווייטנס, וועלכע האָבן זיך פריי באַוועגט, האָבן מאָדנע גערייצט און אַרויסגערופן אַ נאָגנדיקע בענקעניש... דער אַרעסטאַנט, וואָס פלעגט זיך צופיל פאַר־גאַפן ביים פענצטערל, פלעגט אָבער ווערן פלוצלונג אויפגעוועקט דורך די קולות פון די „וויוואָדניע״:

— העי, סקאָראָ! סקאָראָ!2)

ביינאַכט פלעגט מען קאָנען אַרויסרופן די „וויוואָדניע״ בלויז אין אַ דרינגנדיקן נויט־פאַל: ביי בויך־קראַמפּן... געוויינלעך פלעגט אויף ביינאַכט אַריינגעשטעלט ווערן אַ גרויסע הילצערנע „פּאַראַשאַ״3) צום „אַלגעמיינעם געברויך״... און די דאָזיקע ריזיקע כלי פלעגט ממש פאַרסמען די אַזוי אויך שימלדיקע קעלער־לופט...

די באַדינגונגען אין פּאָרט זענען בכלל געווען אַ סך ערגערע. ער־שטנס, איז מען דאָ כסדר געזעסן הינטערן שלאָס און נישט געטאָרט שפּאַצירן אין קאָרידאָר. אין קאַמער גופא איז געווען שטענדיק האַלב־טונקל. די לופט פייכט, טוכלע. ווער רעדט נאָך ביינאַכט... אגב זענען דאָ געזעסן נישט בלויז פּאָליטישע. צווישן די עטלעכע צענדליק מאַן, וועלכע האָבן זיך גאַנצענע וואָכן געוואַלגערט אויף די נאַרעס, האָבן זיך געזען אמתדיקע קרימינעלע פאַרברעכערישע טיפּן מיט גזלנישע אויגן. יעדער בליק פון אַזאַ פאַרשוין פלעגט מאַכן אומהיימלעך אויף דער נשמה... און נישט נאָר אַ בליק!... איין מאָל האָט אַזאַ פאַרשוין געמאַכט מיט מיר אַ „שפּאַס״ און אַ שאָס געטאָן צו מיר אַן אַלט פאַרדאַרט שטיקל שוואַרץ־ברויט. דער דאָזיקער שאָס האָט מיך געטראָפן אין שטערן און געלאָזט אַ צייכן אויף גאַנצע חדשים... ווען נישט דער שטענדיקער „טשאַסאָוואָי״ ביי די קראַטן, וואָלטן קיין קרבנות אין אונדזער „קאַמער״ נישט גע־פעלט...

---

1) אַרויספירער. 2) שנעל! שנעל! 3)נאַכט־שעפל.

אָבער צוויי זאַכן זענען דאָ יאָ געווען בעסער ווי אויף ספּאַקאָינע: דאָס עסן און די „פּראָגולקא״1). דאָס עסן איז געווען ווי פאַרן מיליטער. די זעלבע מיליטערישע קיך האָט געבראַכט שפּייז פאַר דעם „קאַראַול״ און אויך פאַר אונדז. די „פּראָגולקא״ ווידער האָט דאָ געדויערט נישט קיין צען מינוט, נאָר גאַנצע צוויי שעה. אַרום דעם קײלעכדיקן הויף איז געווען אויסגעשטעלט די מיליטערישע וואַך און אין מיטן האָבן זיך אַרומגעדרייט די אַרעסטאַנטן. אין משך פון די צוויי שעה האָט מען דורשטיק אַריינ־געצויגן אין די לונגען פרישע פרילינגס־לופט, אַריינגעזאַפּט אין זיך זון און ליכט, כדי נאָכדעם ווידער פאַרסמט צו ווערן אין דומפּיקן „קאַמער״.

אַזוי האָבן זיך געצויגן וואָכן.

אין „אַלעקסייעווסקי פּאַרט״ איז שוין ביי קיינעם פון אונדז גאָר־נישט געבליבן פון דעם גוטן הומאָר, וואָס אויף „ספּאַקאָינע״. מ׳איז גאַנ־צענע טעג געזעסן אויף די נאַרעס אין אַ שווערער געדריקטער שטימונג, אַפּאַטיש און מרה־שחורהדיק... פון אַ חושכדיקן ווינקל פלעגט זיך אַמאָל אין די פאַרנאַכטן דערהערן אַ שטילער אומעטיקער קול:

סאָלנצע ווסכאָדיט אי זאַכאָדיט,

אַ וו׳טיורמיע מאָיעי טיעמנאָ...

פון אַ צווייטן ווינקל פלעגט אונטערכאַפּן אַן אַנדער דערשלאָגענע שטים:

דניאָם אי נאָטשיו טשאַסאָוויע...

און פון אַ דריט ווינקל פלעגט אַריינפאַרן אַ דיסקאַנטל:

סטיערעגוט מאָיאָ אָקנאָ...״ 2)

דער „טשאַסאָוואָי״ ביי די קראַטן פלעגט זיך אָבער באַלד טאָן אַ בייזער און דאָס געזאַנג פלעגט תיכף פאַרשטומט ווערן...

5

איין טאָג — ס׳איז שוין געווען שבועות־צייט — רופט מען אונדז, פּאָליטישע, אין קאַנצעלאַריע און מען איז אונדז מודיע, אַז מיר ווערן

1) אַ שפּאַציר.

2) זון גייט אויף און זון גייט אונטער
און אין תפיסה פינצטער, שטום.
טאָג און נאַכט די בייזע שומרים
ביי מיין פענצטער גייען אום...

אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט אויף 6 חדשים פון פיר פוילישע צענטראַל־גובערניעס: וואַרשעווער, שעדלעצער, לובלינער און פּעטריקאָווער; אַז פון וואַרשע וועט מען אונדז אַרויסשיקן „עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם“...[1], דערביי האָט מען אונדז אָנגעגעבן עטלעכע עטאַפּ־פּונקטן צום אויסוויילן. פון דאָרט וועט איטלעכער קאָנען פאָרן מיט אַ דערלויבעניש, וווהין ער וועט וועלן, אַ חוץ אין די פיר דערמאָנטע גובערניעס. איך מיט נאָך צוויי פון דער גרופּע האָבן אויסגעקליבן פּ ר א ס נ י ש , אין דער געגנט פון מלאַווע, ווייל אַהין איז געגאַנגען דער ערשטער עטאַפּ. מ׳האָט אונדז דריי טאָקע באַלד צונויפֿגעלייגט איבערגעפירט אין דער „פּערעסילנע“[2] אויף פּראַגע, ווו מיר האָבן זיך נאָך אָפּגעוואַלגערט אַ מעת־לעת צייט, וואַרטנדיק, אַפּנים, אויף אַ „קאָמפּלעט“... לסוף האָט מען אונדז, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע געמישטע אַרעסטאַנטן, געקייטלט ביי די הענט איינע צו די אַנדערע, אונטער אַ גרויסן קאָנוואָי מיט אַנטבלויזטע שווערדן, באַגלייט צו דער באַן. אויף דער גאַס איז געווען אַ היץ. כ׳בין נאָך געגאַנגען אין מיינע ווינטערדיקע מלבושים (מ׳האָט דאָך מיך אַרעסטירט פּורים־צייט), שווער און האַמעטנע, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאַפּעלוש איבער די אויגן. אין אַזאַ הילוך — דערצו נאָך אַ געקייטלטער!... — האָב איך זיך געשעמט פאַר די נייגעריקע דורכגייער...

אין געקראַטעוועטן וואַגאָן האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט. דער צוג האָט זיך גערירט אין וועג אַריין. דורך די פענצטער האָט צו אונדז געשמייכלט אַ ברייטע פרייע וועלט, מיט גרינע וועלדער, פעלדער און לאָנקעס. מיר פאָרן, מיר פאָרן צו דער פרייהייט!...

די לעצטע באַן־סטאַציע איז געווען טשעכאַנאָוו. אָנגעקומען אַהין פאַרנאַכט. דאָרט גיט מען אונדז נאַכט־לעגער אין אַ „קאָזע“...

באַגינען, ווי נאָר די הענער אין טשעכאַנאָוו האָבן זיך צעקרייעט, פירט מען אונדז אַרויס אין דרויסן, מ׳גיט אונדז יעדן צו 10 קאָפּיקעס „קאָרמאָוויע“[3], מ׳קייטלט אונדז ווידער איינע צו די אַנדערע ביי די הענט. צוויי פּויערים — „סאָטסקעס“ — מיט הילצערנע שטעקנס זענען אונדזערע באַגלייטער און — ווייטער אין וועג אַריין! צו־פוס קיין פּראַסניש...

דער דאָזיקער וועג — אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער — האָט געדויערט גענוג לאַנג. טיפע זאַמדן. אַ הייסע גליענדיקע זון. אַ ניכטערער מאָגן... ערשט אַרום האַלבן טאָג האָבן מיר זיך פאַרחלשטע אַריינגעשאַרט

1)מיטן עטאַפּ־סיסטעם; 2) עטאַפּ־טורמע; 3) דיעטע־קאָסטן.

אין עפּעס אַ קרעטשמע בײַם שליאַך און פּאַר די 10 קאָפּיקעס דערכאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט ברויט און מילך.

אַרײַנגעשלעפּט זיך לסוף קיין פּראַסניש פֿאַרשטויבטע, פֿאַרמאַטערטע, צעקנאָדערטע, מיט די ווינטער־מאַנטלען אויף די פּלײצעס, געקײַטלטע אַ האַנט צו אַ האַנט — האָבן אונדז אַ מחנה קינדער, „צאן קדשים", באַגעגנט מיט אַ פֿרײלעכן קאַצן־אָרקעסטער:

— באַנדיטן!

— באַנדיטן!

— מ׳פֿירט באַנדיטן!...

אַ נס, וואָס מיר האָבן זיך באַלד דערשלעפּט צו אונדזער „מקום מקלט" — צו דער פּראַסנישער „קאָזע"...

6

אין דער פּראַסנישער „קאָזע" האָבן מיר פֿאַרבראַכט אַ טאָג דרײַ. אונדזערע פּאַפּירן פֿון וואַרשע זענען נאָך נישט געהאַט אָנגעקומען און מ׳האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אונדז. מ׳האָט אַפֿילו נישט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַ מין פֿאַרברעכער מיר זענען. דערפֿאַר טאַקע האָבן מיר אַלע טאָג געהאַט אין אונדזער „פּאַלאַץ" כּלערלײ געסט: פּאָליצײ־אַגענטן און זשאַנדאַרמען... מ׳האָט בײַ איטלעכן פֿון אונדז אויפֿגענומען די פּערסאָנאַליען, אָפּגעשריבן געניי אונדזער אויסזען, מיט אַלע „אָסאָביע פּרימעטי"...1).

דורכן קראַטן־פֿענצטערל פֿון אונדזער פּאַרטער־קאַמער האָבן מיר אָנגעשלאָסן אַ קאָנטאַקט מיט פֿאַרבײַגײענדיקע ייִדן. מיר האָבן פּשוט געהונגערט און נישט געהאַט פֿאַרוואָס צו לאָזן זיך קויפֿן עסן, ווײַל בײַם „עטאַפּ" האָט מען פֿון אונדז „פּאָ אוסטאַווו" צוגענומען ביזן לעצטן גראָשן, און דאָ באַקומען מיר צו 10 גראָשן אַ מעת־לעת... „ייִדן בני רחמנים" האָבן אונדז טאַקע גענומען אַרײַנבאַזאָרגן יעדן טאָג פֿאַרשיידענע עסנוואַרג.

דעם דריטן טאָג פֿירט מען אונדז אין דער פּאָליצײ־קאַנצעלאַריע: אונדזערע פּאַפּירן זענען שוין דאָ. דער פּאָליצײ־נאַטשאַלניק האַלט פֿאַר אונדז אַ גאַנצע מוסר־דרשה און וואָרנט אונדז, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען אין פּראַסניש — זענען מיר פֿאַראַנטוואָרטלעך...

1) באַזונדערע קען־צײכנס.

— סטופּאיטיע! — איז געווען זיין לעצט וואָרט און דערביי האָט ער אונדז געדראָעט מיט אַ פינגער...

מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס און אינסטינקטיוו שטיין געבליבן: אַ העלע ליכטיקייט פון אַ זוניקן טאָג האָט אונדז פאַרבלענדט. מיר קאָנען זיך, הייסט עס, פריי באַוועגן?...

מיר האָבן פּאַמעלעך גענומען שטעלן אומזיכערע טריט, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך פאַרגעסן, ווי אַזוי מ׳גייט אַליין... אָבער וואָס ווייטער זענען די טריט געוואָרן דרייסטער.

אָט איז אַן ארייַנגאַנג אין שטאָט־גאָרטן. מיר האָבן זיך אַלע דריי איבערגעקוקט, גלייך ווי ביי אַלעמען וואָלט אין דער רגע געבוירן גע־וואָרן איין ווילן. מיר האָבן זיך שטום פאַרשטאַנען און אַריין אַהין. אַ פריי־שע מחיהדיקע גרינקייט האָט אונדז גאַסטפריינטלעך אויפגענומען. מיר האָבן זיך אומגעדרייט איבער די שאָטנדיקע אַלייען פאַרשכורטע פון אַראָמאַטן און — פרייקייט, פרייקייט!...

פלוצלונג טוט זיך איינער פון אונדז אַ שטעל־אָפּ:

— איר זעט?

מיר קוקן זיך אַרום און באַמערקן, אַז מ׳גייט אונדז נאָך... עפּעס אַ באַקאַנט פּנים... דאָס איז טאַקע איינער פון די פּאָליציי־אַגענטן, וואָס האָבן אונדז באַזוכט אין דער „קאָזע“...

זענען מיר אַרויס פון גאָרטן און זיך גענומען נאָכפרעגן אויף אַן אַכסניה. קינדער האָבן גענומען נאָכגיין און קוקן ווי אויף אַ בייז־ווונדער... אויפן מיטן מאַרק גייען מיר אַריין אין עפּעס אַן אַריינפאָר־הויז.

— מ׳וועט דאָ קענען ביי אייך איבערנעכטיקן? — פרעגן מיר דעם באַלעבאָס.

דער באַלעבאָס, אַן עלטערער ייִד אין שפּאַקולן, קוקט אָן די אויס־טערלישע אורחים מיט חשד און קווענקלט. מיר באַרויִקן אים, אַז מיר זענען נישט קיין באַנדיטן און קיין גנבים...

— איר זענט „פּאָביטאָוועו“? 1).

— חס ושלום! מיר זענען שוין פריי. אין עטלעכע טעג אַרום פאָרן מיר אַהיים.

יענער איז אָבער נאָך אַלץ געווען אין פאַרלעגנהייט און אונדז ווייַ־טער „עקזאַמענירט“ מיט אַ רייע פראַגן. לסוף, אַז מיר האָבן, אפנים, דעם

1) פאַרשיקטע.

„עקזאמען״ אויסגעהאלטן, האָט ער אונדז אַריינגעפירט אין עפּעס אַ קליין אלקערל, ווו עס זענען געשטאנען צוויי בעטן.

— איר זעט? — ווייזט ער אונדז, — זאלבענאנד אין אַ בעט וועט קאָסטן צו 10 קאָפּיקעס פון אַ פּאַרשוין; אַ באַזונדער געלעגער — 15 קאָ־פּיקעס.

— גוט! — האָבן מיר זיך אָנגעכאַפּט, כאָטש אין אונדזער פּאַרמעג איז קיין איינציקער קופּערנער גראָשן אויך נישט געווען. נאָר מ׳וועט מוזן זוכן אַן עצה.

איבערגעשלאָפן די נאַכט, זענען מיר באַלד אינדערפרי אַרויס אי־בערן שטעטל, מיט ניכטערע מאָגנס, און גענומען זוכן באַקאַנטשאַפט. מיר שטעלן אָפּ איין יונגנמאַן, אַ צווייטן — יענע ענטפערן אָבער איילעווודיק, דערשראָקן, קוקן זיך אום, צי קיינער זעט נישט און טראָגן זיך שנעל אָפּ... עפּעס איין בחור האָט יאָ ריזיקירט און אונדז געגעבן אַן עצה:

— איר גייט בעסער הינטער דער שטאָט. עטלעכע וויאָרסט פון דאַ־נען איז אַ מיליטערישער לאַגער. ווינען דאָרט דערנעבן אַרבעטער. שוס־טערס, שניידערס...

מיר האָבן זיך טאַקע אָנגעכאַפּט אָן דער עצה, ווי אָן אַ רעטונגס־ברעט. מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף דעם אָנגעוויזענעם וועג אין דער ריכטונג צום מיליטערישן לאַגער. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ ברע־נענדיקער. די פיס האָבן זיך פון הונגער קוים באַוועגט. לסוף האָבן מיר אין דערווייטנס באַמערקט גאַנצע שורות ווייסע פּאַלאַטקעס. דערנעבן אַ באַוועגונג פון סאָלדאַטן. עס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן ווייטע קולות, מיליטערישע סיגנאַלן.

מיר בלייבן שטיין נעבן עפּעס אַ קרעטשמע און פּרובן אַריינגיין אי־נעווייניק. פּאָרנט, כמעט נעבן דער טיר, זיצן ביי אַ שוסטער־וואַרשטאַט עטלעכע יידישע אַרבעטער מיט דראַטווע אין די הענט. מיר צורעדן זיך מיט זיי און ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז זיי האָבן שוין געהערט פון אונדז אין שטעטל; אַז דער עלטסטער פון זיי, אַ בחור פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנ־ציק, איז אַליין אויך „געכאַפּט אויף דער מעשה״... טאַקע אַ „באַוווסטזיני־קער פּראָלעטאַריער״...

ער האָט אונדז אַנידערגעזעצט אויבן־אָן ביים גרויסן טיש און אין זיין גרויס דרך־ארץ צו אונדז האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טון מיט אונדז.

— אפשר זענט איר הונגעריק? — פרעגט ער.

מיר האָבן זיך שמייכלענדיק איבערגעקוקט און גענומען שטאַמלען:
— הונגעריק זענען מיר טאַקע... אָבער... אָבער...
— מיר האָבן קיין געלט נישט דערוויל...
— מיר וואַרטן אויף געלט פון וואַרשע...
— ס׳שאַדט נישט... ס׳שאַדט נישט... איר וועט עפּעס עסן... — זאָגט ער אין זיין גוטמוטיקייט.

און צוגייענדיק צו אַ זייטיק חדר, האָט ער אַהין אַריינגעשריען:
— רחל! רחל!

פון יענעם חדר איז אַרויסגעקומען אַ מיטל־יעריקע ייִדענע.

— גרייט צום טיש, רחל! אָבער שנעל! דערלאַנגט ברויט, מילך, קעז...

די ייִדענע האָט גענומען דערלאַנגען און מיר האָבן זיך גענומען צו דער „עבודה״...

— איצט, רחל, קאָטלעטן!!! — איז געקומען ווידער אַ קאָמאַנדע פּו־נעם אַרבעטער.

— נישט נייטיק, גענוג! — האָבן מיר געפּרוווט זיך ווערן.
— ניין, איר וועט עסן...

און ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן: מיר האָבן נאָך צום סוף געמוזט אויך אויפעסן יעדער איינער צו גרויסן געשוואָלענעם קאָטלעט... אָפּגעשוואַכטע פון הונגער, האָבן מיר אַ לאַנגע צייט געקייט, ביז מיר זענען צו זיך גע־קומען.

די דאָזיקע אַרבעטער האָבן אונדז נאָך אין משך פון טאָג אויך גע־שאַפן אַ הלוואה פון עטלעכע רובל. מיר האָבן זיי דערפאַר צוגעזאָגט צו־צושיקן ביכער־מתנות פאַר זייער ביבליאָטעק.

נאָך דעם זעלבן טאָג האָבן מיר אַלאַרמירט קיין וואַרשע נאָך געלט.

פון דעמאָלט־אָן פלעגן מיר טאָג־טעגלעך קומען אין דער דאָזיקער קרעטשמע און זיך אונטערלענען די הערצער. איינמאָל האָט מען אונדז אָפילו פאַרבעטן צו נעכטיקן דאָרט. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט אין זייער געזעלשאַפט און זיי האָבן זיך געפילט באַזונדערס דערהויבן. עס זענען ספּעציעל געקומען נאָך אַנדערע אַרבעטער, כדי זיך מיט אונדז צו באַקענען. דאָס זענען אַלץ געווען זייער פּרימיטיווע בחורים, וועלכע האָבן יעדעס וואָרט פון אונדז אויפגענומען ממש מיט אַ מין יראת־הכבוד.

— וואָס זענט איר: אַ „בונד״, צי אַ „ס. ס.״?... — שטאַמלט איינער אַרויס אין זיין תמימות.

שפּעט אין אָוונט האָבן מיר שפּאַצירט דורך דופּטיקע פעלדער, אונ־טער אַ לויטערער לבנה. מיר האָבן זיך צעטיילט צו צוויי און צו דריי. מיט מיר און מיט נאָך איינעם פון אונדזער „טראַיקאַ" איז געגאַנגען דער על־טערער אַרבעטער.

— כ'וויל אייך פרעגן אַן עצה, — האָט ער זיך צו אונדז געווענדט.

— פרעגט, אדרבה.

און יענער נעמט אונדז דערציילן אַ גאַנצע געשיכטע מיט אַ שידוך. מ'רעדט אים אַ שידוך מיט אַ רייך באַלעבאַטיש מיידל פון שטאָט. ער ווייסט אָבער, אַז געוויינלעך וואָלטן אירע עלטערן נישט געוואָלט פון אים הערן אַפילו... איז ווײַבאַלד זי איז גרייט מיט אים חתונה צו האָבן — מסתמא איז זי נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג... אין שטאָט מורמלט מען טאַקע אויף איר, אַז זי פירט זיך נישט אויף לייטיש... איז ווייסט ער נישט, וואָס ער זאָל טאָן... ער איז דאָך אַ פּראָלעטאַריער — צי זאָל ער זיך „דערמיט" רעכענען?

כ'האָב זיך איבערגעוווּנקען מיט מיין חבר, ווי איינער רעדט: פאַר־פאַלן, מען מוז פסקענען די שאלה...

מיין „אח לצרה", — לויט זיינע איבערצייגונגען אַן אַנאַרכיסט — האָט אַנטוויקלט אַ גאַנצע טעאָריע וועגן פרייער ליבע; אָבער אין דער דאָזיקער טעאָריע האָט ער זיך, נעבעך, שטאַרק פאַרפּלאָנטערט... איך ווי־דער האָב געגומען ברענגען ראיות און ציטאַטן פון מאַקס נאָרדויס „ליגן פון דער חתונה"; דערמאָנט אָטאָ וויינינגערן און... האָב זיך אויך פאַר־פּלאָנטערט...

וואָס פון דעם דאָזיקן שידוך איז נאָכדעם געוואָרן — ווייס איך, אסור, נישט עד־היום...

***

פונקט צו דער וואָך פון אונדזער זיין אין פּראַסניש זענען מיר אַלע דריי געהאָלפן געוואָרן: מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט געלט פון וואַרשע, באַצאָלט אַלע חובות אין אכסניה און אין דער קרעטשמע, אַרויסבאַקומען פון דער פּאָליציי „פערלאַכאָדנאַיעס"[1] — יעדער איינער, וווּהין זיין האַרץ האָט געגלוסט (אַחוץ די פיר דערמאָנטע גובערניעס, פאַרשטייט זיך,) און — צוריק! צוריק אין וועג אַריין!

---

1) פאַר־שיינען...

אברהם זאַק

אויך צוריקוועגס האָבן מיר זיך אַלע דריי צוזאמען אַוועקגעלאָזט אַהין, פון וואנען מיר זענען געקומען —

קיין וואַרשע!... דווקא קיין וואַרשע!...

אויב צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער וועט אַמאָל אויפשטיין תחית-המתים, מעג ער מיך פאַר דעם דאָזיקן חטא ווידער לאָזן אַרעסטירן...

וואַרשע, 1937.

אין פאַרלאַג „יידבוך“ ביז איצט דערשינען

י. ל. פרץ — דריי חסידישע דערציילונגען
אַלבום־פאָרמאַט, געכתיבהט פון קינסטלער משה פייגענבלום.

ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור
(אויספאַרקויפט)

י. י. טרונק — כעלעמער חכמים
(יידן פון דער קליגסטער שטאָט אין דער וועלט).
לוקסוס־אויסגאַבע, מיט קאַריקאַטורן, געצייכנט פון י. שלאָס.

שלמה סיימאָן — אַמאָליקע יידן
געקליבענע דערציילונגען פון אַ שיינער תקופה.

פּראָפ. ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פון צייטן
געקליבענע אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס, דערשינענע זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה.

יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד
דערציילונגען פון לעבן אין מדינת־ישראל.

י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט

ש. סיימאָן — תוך־יידישקייט

נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער.

אברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן.

אין דרוק:

יוסף רייך: וואַלד אין פלאַמען
לעאָ קאָברין: מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע
מרדכי וו. בערנשטיין: אין לאַבירינטן פון יאָרהונדערטער.

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:

Editorial ''IDBUJ''

Boulogne Sur Mer 671/75 — T. E. 62-9566 — Buenos Aires

República Argentina

ביכער פון אברהם זאַק:

אַקאָרדן (לידער), גראָדנע 1918.
אַקאָרדן (צווייטע אויפלאַגע), פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע 1921.
רגעס פון טרוים (טאַנקעס), פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1919.
צווישן פיר ווענט (לידער), פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע 1920.
אונטער די פליגל פון טויט (צווייטע אויפלאַגעס), פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע 3־1921.
אונטער די פליגל פון טויט (3טע אויפלאַגע), פאַרל. בנימין הארץ, בערלין־ווין 1929.
אונטער די פליגל פון טויט (רוסישע איבערזעצונג), גאָסיזדאַט", מאָסקווע 1930.
אין שאָטן (נאָוועלן), פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1922.
די חורבה און דער פּאַלאַץ (קינדער־מעשהלע), פאַרלאַג „אַלט־יונג", וואַרשע.
אַ זומער־חלום (נאָוועלן), פאַרלאַג א. י. שאַפּיראָ, וואַרשע 1923.
אונטער הײמישע הימלען (פּיעסע אין 3 אַקטן), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1926.
שטאָט־קאָשמאַרן (לידער), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע 1926.
פּאַניע גנב (אַ כראָניק), פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע 1929.
די פּרוי פון שטאָט (נאָוועלן), קאָאָפּ. „ביכער", וואַרשע 1931.
מ'ט אַש אויפן קאָפּ (לידער), פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש 1947.
יאָרן אין וואַנדער (לידער און פּאָעמען), פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס 1949.
צווישן שאָטנס (דערציילונגען), פון דער סעריע „ביכער פון יידישן פּען־קלוב", פּאַריז 1950.

איבערזעצונגען:

פּאַר שטוב און עסטראַדע (איבערדיכטונגען), פאַרלאַג א. י. שאַפּיראָ, וואַרשע.
מצירי (פּאָעמע פון מ. יו. לערמאָנטאָוו) „נייער פאַרלאַג", וואַרשע 1921.
דער פּאַטער (פּיעסע פון א. סטרינדבערג), פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע.
די חתנים (פּיעסע פון נ. וו. גאָגאָל), פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע.
דאָס רעכט אויף ליבע (פּיעסע פון מאַקס נאָרדוי), פאַרלאַג „אונדזער בוך", וואַרשע.
רודין (ראָמאַן פון א. ס. טורגעניעוו), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע.
די ערשטע ליבע (פון א. ס. טורגעניעוו), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע.
קלאַראַ מיליטש (פון א. ס. טורגעניעוו), פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע.

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL DIA 5 DE OCTUBRE DE 1954 EN LOS TALLERES
GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON 1231,
EN BUENOS AIRES (REP. ARG.)

ABRAHAM ZAK

EN AÑOS DE ZOZOBRA

(IN UMRU FUN JORN)

★

E d i t o r i a l

``I D B U J´´

de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina

Buenos Aires — 1954